STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06615

DOS LEBN FUN KLIM SAMGIN

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Maurice Jaffe

מאַקסים גאָרקי

דאס לעבן פון קלים סאמגין

(פערציק יאָר)

יידיש מ. בײַדין

I.

מיט אַ פאָרוואָרט פון נחמן מייזיל

פארלאג „כוהות"
וואַרשע
1928

M. Gorki
Życie Klima Samgina
Tłumaczył M. Najdin
Składano w Zecerni
P. Krymera, Puławy.
Druk. B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Pawia 10.

מאַקסים גאָרקי

1

מאַקסים גאָרקי איז איצט אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, ס'איז אויך געוואָרן פינף און דרייסיק יאָר זינט ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ווערק „מאַקאַר טשודראַ". ס'איז געווען דער יום־טוב נישט נאָר פון רוסלאַנד, פונם ראַטן-פאַרבאַנד, נאָר אויך דער יום־טוב פון דער וועלט, פון דער וועלט־ליטעראַטור. מאַקסים גאָרקי איז באַליבט, געשעצט און באַרימט ווייט־ווייט איבער די גרענעצן פון זיין רוסלאַנד און פון זיין רוסישער ליטעראַטור. מאַקסים גאָרקי איז איצט נישט נאָר די קרוין פון דעם רוסישן שאַפן, נאָר דאָס וווּנדער פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווי עכט־רוסיש עס איז נישט גאָרקי, ווי ער מיט זיין גאַנץ וועזן איז נישט געבונדן דורכ־אויס מיט דעם רוסישן לעבן, מיט דעם רוסישן גייסט, האָט ער געשאַפן ווערק און ווערטן, וואָס טרעטן שוין לאַנג אַריבער די גרענעצן פון איין רוסלאַנד און זיי געהערן שוין פון לאַנג צו דער מענטשהייט.

מאַקסים גאָרקי איז דעם גרויסער יורש און עכטער נאָכ־פאָלגער פון די גרויסע רוסישע קלאַסיקער גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ. ווי יענע גרויסע רוסישע גייס־טער-קינסטלער, טראָגט ער אויך אין זיך אָט די אַלע באַזונדער־קייטן און אייגנשאַפטן, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכנט די גייסטרייכע רוסישע קינסטלערישע ליטעראַטור. הומאַניטאַרע אי־

דעען און פראָבלעמען, באַפליגלטע שטרעבונגען און האָפנונגען, שטענדיקע על־חטא און ווידוי־שטימונגען, טיפע זעלבסטקריטיק און גריבלעניש, פאַרהערלעכונג פון מענטש און מאַסן און אַזוי ווי־טער. דאָס זענען די גרויסע מענטשלעכע ווערטן און גייסטרייכע אוצרות, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די גרויסע רוסישע גאונים, וועלכע מאַקסים גאָרקי האָט מיט זיין וואונדערבאַרן טאַלאַנט און טיפן גייסט ווייטער פאַרמערט און באַרייכערט. און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז פיל יאָר געווען אַן אָפּלייקענער, אַ „הפקר־מענטש", אַ בראָדיאַגעס־באַזינגער, איז ער פון אָנהויב אָן שוין געגאַנגען אין די וועגן פון זיינע פאָרגייער און געהיט די וואונדער־באַרע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור.

די צייט, אין וועלכער מאַקסים גאָרקי איז געקומען צו דער ליטעראַטור איז געווען אין רוסלאַנד אַ שווערע, אַ פאַרצווייפלטע. עס איז געווען די בליי־שווערע תקופה פון די 90־טע יאָרן פון פאָ־ריקן יאָרהונדערט. די צאַרישע הערשאַפט האָט געוועלטיקט איבערן פאַרצווייפלטן און דערדריקטן גרויסן רוסלאַנד, דערשטיקט אַלדאָס ייִנגע און פרישע און מונטערע. די געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו איז דערשטיקט געוואָרן, אויף יעדן פרייען בירגער און אויף יעדן פרייען געדאַנק האָט געוואַכט דער שטרענגער בליק פון זשאַנדאַרם. דערשלאָגן און צערודערט איז געווען די אינטעליגענץ, און פאַר־יאָגט אין זיך. די מיליאָנען פאָלקס־מאַסן האָבן אָנגעווירן יעדן גלויבן און זיך שטאַרק אָפּ־עלאָזט, ווי ס'וואָלט שוין קיין שום אויסוועג און אויסגאַנג נישט געווען פונם צאַריזם. און ווי אין לעבן אַזוי אויך אין דער ליטעראַטור. אויך דאָ האָט געהערשט יאוש, פאַרצווייפלונג, אָפּגעלאָזנקייט. מ'איז אַוועק פון גרויסע טאַטן, פון ברייטע וועגן, און ווי אַ שטעכעלקע האָט מען זיך איינגע־קאָרטשעט אין אייגענעם קערפּער און זיך אָפּגעבאַזונדערט פון אַנ־דערע, פון אַרומיקע. עס זענען אָנגעלאָפן בייזע, געדיכטע כמאַרעס אויפן רוסלענדישן לעבנס־און ליטעראַטור־האָריזאָנט און פאַרשטעלט די זון, דאָס ליכט. שאָטנס האָבן גענומען לויפן איבערן לעבן און פאַר־וועבט אין זייער געדיכטקייט אַלץ מיט אַנאַנדער. ס'איז שווער געוואָרן צו אָטעמען, עס האָט פאַרפעלט לופט. און ווי אַ זינדיקער, פאַראורטיילטער

איז אַרומגעגאַנגען דער רוסלענדישער מענטש און מיט אים אויך דער רוסלענדישער קינסטלער. דער כאַראַקטעריסטישער שרייבער פאַר יענער צייט איז געווען א. פּ. טשעכאָוו, וואָס האָט אַזוי גלענצנד אויפגעכאַפּט און געשילדערט יענע איבעריקע מענטשן, יענע מענטשן אין אַ שיידל, יענע אַלע קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע זאָרגן און השגותלעך. דאָס לעבן אַרום איז געווען ווי אַ געמויזעכץ, ווי עס האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט אַלערליי נישטיקע קריכנדיקע נפשות. זעלטן־ווער עס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער אַלגעמיינער דורכשניטלעכקייט און ווייניק־ווער עס האָט געהאַט מוט און שטאַרקייט אַרויסצוטרעטן קעגן דער דערשלאָגנקייט און אַפּאַטישקייט. און אויב עמעץ האָט געפּרוּווט טרוימען וועגן בעסערע צייטן, האָט ער יענע בעסערע צייט געזען ערגעץ ווייט, ווייט, אין אַ 300—400 יאָר אַרום. דאַן, דאַן וועט אפשר גוט ווערן, אָבער דערווייל איז נאָר אומקום, פאַרצווייפלונג, פאַרביטערונג.

אָט דאָס איז דער הויפּט־כאַראַקטער פון דער צייט, ווען ס׳איז געקומען מאַקסים גאָרקי מיט זיינע נייע טענער, מיט זיינע נייע מאָטיוון, מיט זיין נייעם ווילן און גלויבן.

2

אַ באַקאַנטער רוסישער קריטיקער האָט אַמאָל, — ווען עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון גאָרקיס ערינערונגען — „מיין קינדהייט“, — געשריבן, אַז מאַקסים גאָרקי, ער מיט זיין לעבן, מיט זיין כאַראַקטער און מיט זיינע ווערק איז אַן אָפּלייקענונג און אַ פּאַטש אין פּנים דער פּעדאַגאָגיק. אַזוי פיל שלעכטס, מיאוסעס און העסלעכס האָט גאָרקי געזען אין זיין קינדהייט און יוגנט, וואָס האָט אייגנטלעך באַדאַרפט פאַרקריפּלען זיין נשמה, פאַרדאַרבן זיין כאַראַקטער, און דאָך — סאַראַ הערלעכער מענטש גאָרקי איז אויסגעוואַקסן, סאַראַ ליכטיקע פערזענלעכקייט, סאַראַ

רייִנע נשמה ער פֿאַרמאָגט. און דערצו זיין „ספר־היוחסין" פֿון וואָס פֿאַר אַ משפּחה און סביבה ער שטאַמט.

אַלעקסיי פּעשקאָוו (דער אייגנטלעכער נאָמען פֿון מאַקס ם גאָרקי) איז געבוירן אין ניזשני־נאָווגאָראָד. זיין זיידן, דעם טאַטנס פֿאָטער, אַן אָפֿיציר אין די צייטן פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן, — האָט מען משלח געווען פֿון זיין אַמט פֿאַר זיין בייזן כאַראַקטער און אכזריות. מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן, וואָס עס הייסט אַזוינס, זיין אַ בייזער פֿאַר ניקאָלאַיס הערשונג. דער פֿאָטער איז צו 10 יאָר אַנטלאָפֿן פֿונעם זיידן, נישט געקאָנט אויסהאַלטן פֿון אים. דער זיידע, פֿון דער מאַמעס צד איז אויך געווען אַ האַרטער מענטש, אַ דעספּאָט און אַ געוואַלטיק קאַרגער. ער איז געווען שטאַרק רעליִ־גיעז און אויף דער עלטער (ער איז געשטאָרבן צו 92 יאָר) איז ער גאָר אַראָפּ פֿון זינען. ווען אַלעקסיי איז אַלט געווען 4 יאָר, איז ער קראַנק געוואָרן אויף כאָליערע, פֿון אים האָט זיך זיין פֿאָטער אָנגעשטעקט און געשטאָרבן. די מוטער האָט אים דערפֿאַר נישט ליב געהאַט, געזעען אין קינד דעם שולדיקן אין איר מאַנס טויט. זי האָט גיך חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן און אַלעקסייען אָפּגע־געבן צום זיידן. דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן און קוים אַרויס אַ לעבעדיקער. באַם זיידן אין שטוב, ווו אַלעקסיי איז געוואַקסן, איז געווען אַן אמת גיהנום. די פֿעטערס, דער מאַמעס ברידער, האָבן געשיכּורט און זיך שטענדיק געשלאָגן, זיי האָבן אויך געשלאָגן זייערע ווייבער. איין פֿעטער האָט אַזוי באַגראָבן צוויי ווייבער, אַ צווייטער — איינע. זיי האָבן אויך אים אָפֿטמאָל געשלאָגן. און אַזוי, אין דער אַטמאָספֿער פֿון הוליאַנקעס, געשלעגן און סקאַנדאַלן איז ער געוואַקסן. מען האָט אים נישט ליב געהאַט, אויסער דער באָבע, וואָס האָט זיך צו אים גוט באַצויגן.

צו 8 יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אַלס אַ שיק־ייִנגל אין אַ שיך־געשעפֿט, האָט ער זיך דאָרט אָפּגעקאָכט די הענט מיט קאָכעדיקן באָרשטש, דערנאָך, נאָכן געזונט ווערן, גיט מען אים אָפּ צו אַ גראַווירער, נאָר צוליב די שווערע באַדינגונגען, אַנט־לויפֿט ער פֿון דאָרט נאָך אַ יאָר צייט, און קוים 10 יאָר אַלט קומט ער אָן אויף אַ שיף אַלס העלפֿער צו אַ קוכער (אַ „פּאָוואַר") —

אַ געוועזענער אונטער־אָפיציר „מיכאַיל אַנטאָנאָוויטש סמורי, — אַ מענטש פון לעגענדאַרישער פיזישער קראַפט, אַ פרעכער און זייער אַן אָנגעלייענטער". און אָט פון דאַן הייבט זיך אָן זיין פאַרשידנאַרטיק, פילפאַרביק און ראַש לעבן. ער וואַרפט זיך דערנאָך פון אַרבעט צו אַרבעט, וואַנדערט אַרום איבער שטעט און געגנטן. אָט איז ער דינער אין אַ איקאָנעס־וואַרשטאַט, שפעטער גאָר אַ באַן־וועכטער, אָט פירט ער אַרום קוואַס צום פאַרקויפן, דערנאָך איז ער אַ בייגל־בעקער, אַ טרעגער באַם ברעג. און אַזוי געלעבט אין די פאַרשידענע „העקן", זיך אָנגעזעען מיט אַלערליי מענטשן, זיך אָנגעהערט פאַרשידענערליי מעשות און אַלץ איינגעזאַפט אין זיין עמפינדלעכער פאַנטאַזיע. צו 19 יאָר קומט ער אין קאַזאַן, באַקענט זיך דאָרט מיט סטודענטן, געוועזענע פאַרשיקטע, רעוואָלוציאָנערע טוער, און גאָר אינגיכן נעמט ער זיך ווידער צו וואַנדערן ביז ער פאַרגייט אַזוי קיין טיפליס, וווּ ער דרוקט אָפּ אין 1892 זיין ערשטע דערציילונג.

אָט דעם גאַנצן פעריאָד פון זיין שווערן וווּנדערבאַרן לעבן האָט מאַקסים גאָרקי שפעטער מיט אַזוי פיל מייסטערשאַפט געשילדערט אין די דריי גלענצנדע בענדער — „קינדהייט" (1914), „צווישן מענטשן" (1918) און „מיינע אוניווערזיטעטן" (1923), די אָריגינעלסטע און רירנדסטע ווערק פון דעם אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור

3

אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן איז מאַקסים גאָרקי געווען אונטער דער השפעה פון די „געוועזענע מענטשן", די בראָדיאַגעס און באָסיאַקעס, די אָריגינעל־רוסישע „פילאָזאָפן", וועלכע האָבן דערקלערט אַ מלחמה דער „לייטישער" וועלט, דער „אָרדנונג". גאָרקי איז באַגייסטערט געווען פון זייער לעבן און דענקען, פון זייער טעמפעראַמענט און דרייסטקייט. דורך זיי האָט גאָרקי געשליידערט דער וועלט אין פנים אַריין האַרבע ווערטער, צו־

גליטן פּראָטעסט. ער האָט געשילדערט אָט די אַלע האַלב=אָפּגעפּאַ=
רענע מענטשן מיט ראַשיקע, בונטע פאַרבן, מיט איבערגעטריבענע,
פאַרגרעסערטע שטריכן=ליניעס. ער האָט זיי און זייערע שמאַטעס
געזעען אין אַ יום=טוב=ליכט. אָט די אינגערלעך=צעבראָכענע מענטשן
האָבן אַרומגעשפּאַצירט בּאַ גאָרקין אין די דערציילונגען שטאָלצע,
מיט אויפגעהויבענע קעפּ און געוואָרפן מיט טענדענצן, אַפאָריזמען.
גאָרקי איז דאַן געווען אַ ראָמאַנטיקער. ער האָט באַשיינט און באַ=
שיינט אָט די אַלע טיפן, שלעפּער, פאַרבייגייער, זיי זענען אויס=
געוואַקסן בּאַ אים אין אמתע העלדן און פערזענלעכקייטן.

מיר פאַרשטייען זייער גוט דעם צושטאַנד פון מאַקסים גאָר=
קי אין יענער צייט. ער איז געטריבן געווען פון דעם געוויינלעכן,
פון דער טאָג=טעגלעכקייט, פון דער לייטישער באַלעבאַטישער
וועלט אין דער וועלט פון אָט די הפקרדיקע „אויבער=מענטשן“,
וואָס האָבן פאַרמאָגט אין זיך פּראָטעסט קעגן דער אומרעכט פון
לעבן, קעגן דער ענגשאַפט און באַגרענעצטקייט פון דער נאָרמאַ=
לערווירקלעכקייט... מיט אָט דער אידעאָלאָגיע זענען באַפאַרבט
גאָרקיס אַלע נאָוועלן און אויך גרעסערע ראָמאַנען („פאָמא גאָר=
דעיעוו“ און „דריי“) פון יענער צייט, — די ערשטע 10=12 יאָר פון
זיין שאַפן. זיין באַוווּסטע דראַמע „נאַ דניע“ (אויפן דעק) איז גע=
ווען די גרענעץ צו אַ נייעם פּעריאָד, ווען מ. גאָרקי דערנענ=
טערט זיך צו דעם פּראָלעטאַריאַט, צו דעם פאַבריק=אַר=
בעטער.

„צווישן די טרעגער, באָסיאַקעס און זשוליקעס — שרייבט
גאָרקי — האָב איך זיך געפילט ווי אַ שטיק אייזן צווישן גליענ=
דיקע קוילן“, און אַזוי אויך, ווי אַ שטיק אייזן צווישן גליענדיקע
קוילן, האָט זיך מאַקסים גאָרקי געפילט אויך שפּעטער, ווען ער
האָט זיך גענומען דערנענטערן צו דעם שטאָטישן אַרבעטער, צו
דער שטאָטישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. אומעטום האָט ער גע=
זוכט דעם מענטש, דאָס מענטשלעכע, דאָס פינטעלע אמת, וואָס
גליט, צינדט און בלענדט, „אויב אין דער וועלט — זאָגט ערגעץ
גאָרקי — עקזיסטירט עפּעס=וואָס ווירקלעך-הייליקס און גרויסעס, איז

עס נאָר דער אומאויפהערלעך-וואַקסנדיקער מענטש, וואָס איז טייער און ווערטפול אויך דאַן, ווען ער איז מיאוס און נמאס".

דאָרט צווישן די בראָדיאַגעס און וואָגלער האָט ער זיך אָנ-געשטויסן מיט אינדיווידועל-אויפגעשרויפטע פאַרשוינען, וואָס אָט שטעקן זיי אין מיאוסן זומפּ און אָט קומען זיי צו ווונדערלעכער אָפּנבאַרונג. עס פעלט זיי אָבער אינגאַנצן דאָס גלייכגעוויכט. בײַ די אַרבעטער און אינטעליגענטן איז שוין דאָ מער צוועקמע-סיקייט, מער אָרגאַניזירטקייט, מער קלאָרער ווילן און שטרע-בונג.

די בייע ווערק, וואָס גאָרקי האָט געשריבן אין אָט דער צייט (איבערהויפּט זיין ראָמאַן „די מוטער", „ווידוי") זענען שוין אָנגעווייעט פון זיין נענטערער באַקאַנטשאַפט מיט די מאַרקסיסטישע אידעען, מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער לערע. גאָרקי האָט אין זיינע ווערק געוואָלט געבן די פּאָזיטיווע אַרבעטער-טיפּן, די באַ-וווסטזיניקע קעמפער פאַר דער אַרבעטער-זאַך. די טענדענציעזקייט אָבער האָט נאָך צופיל אַרויסגעשטאַרט פון די ווערק, און געגעבן פאַר פיל קריטיקער אין יענער צייט די געלעגנהייט צו באַווייזן און באַקלאָגן גאָרקין. „אַ סוף צו גאָרקין", האָבן פיל געפּסקענט. אָבער גאָרקי, ער און זיין טאַלאַנט, האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן. ער האָט אַ ווונדערבאַרע אייגנשאַפט אָן א·יפהער איינצוזאַפּן איינ-דרוקן, באַגעגענישן, לערעס און פּראָבלעמען. און אַזוי איז ער אַלץ מער געשטיגן און זיך אַנטוויקלט. „אַלץ דאַרף מען וויסן — האָט אים אַמאָל געלערנט איינער פון זיינע פיל מערקווירדיקע פריינד — אַלץ דאַרף מען פאַרשטיין! געוווין זיך אַריינצוקוקן אין אַלע לע-כער און גריבער, אפשר דאָרט ערגעץ-ווו ליגט פאַרשטעקט דער אמת, וואָס איז פאַר דיר נויטיק". און אַזוי איז טאַקע גאָרקי גע-גאַנגען פון איין ווערק צום צווייטן און אַלץ מער און טיפער און אינטערעסאַנטער אויפגעדעקט פאַרשידענע לעבנס, פאַרשידענע כאַ-ראַקטערן, פאַרשידענע גרופּעס און שיכטן אין רוסישן לעבן. אַ באַזונדערע אייגנשאַפט האָבן גאָרקיס פאַרשידענע טיפּן, — יעדער

איינער פון זיי איז אָריגינעל, קאָלאָריט־רייך, יעדער איינער פון די טראָגט אַרום אין זיין הארצן אַן אייגענעם אמת, אייגענע אי־דעען, אַן אייגענעם גאָט, וועלכן ער דינט אַזוי עקשנותדיק און אַזוי פיינלעך. אָט דער אמת איז דורכאויס אַן אייגענער, פון קיינעם נישט געבאָרגט, פון קיינעם נישט גענומען. בא יעדן איינעם זענען דאָ אָפענע וווּנדן און קאַרבן, וואָס דאָס לעבן, די ווירקלעכקייט, די שווערע באַדינגונגען שניידן איין אין זיין גוף און נשמה. זיי פאַלן פון די וווּנדן. נישט אַלע פון זיי פאַלן איינגאַנצן אום אונטער דער שווערער לאַסט. בא פיל פון זיי פאַרבלייבט אַ צויבער־וואָרט, אין וועלכן זיי האַלטן זיך אַלץ און וועלכעס באַגייסטערט זייער פאַרסמט האַרץ מיט אַ מין אַנט־ציקונג, מיט אַ מין שיכּרות. פון ווילדער רציחה ביז דערהויבנקייט איז בא זיי נאָר איין שריט. מאַקסים גאָרקי זאַמלט ווי צונויף אָט דעם האַס און שנאה, די פאַראַכטונג און פאַרביטערונג בא זיינע העלדן, און פון זיי שטעלט ער אויף דאָס בונטאַרישע, דאָס רייצנ־דיקע, דאָס ברויזנדיקע בא זיינע טיפּן. „געדענק מיין וואָרט, מאַק־סימיטש — ברענגט גאָרקי די וואָרנונג פון איינעם אַ טיפּ — די מענטשן וועלן נישט אויסהאַלטן, זיי וועלן אויפצאַרנען, און דאַן וועלן זיי אַלץ פאַרניכטן, אַלע, אַלע נאַרישקייטן צו שטויב מאַכן“...

אין אָט די ווערטער און אין די שילדערונגען פון מאַקסים גאָרקי האָבן מיר געקאָנט זעען און נאָכפאָלגן דאָס רוסלענדישע לעבן פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, וואָס גאָרקי איז געווען זיין וואַכזאַמער און עמפינדלעכער באַראָמעטער. אין גאָרקיס ווערק, אין גאָרקיס רייכער מענטשן־גאַלעריע קענען מיר איצט גע־פינען אַ שליסל און אַ פאַרענטפערונג צו פיל־פיל דערשיינונ־גען אין רוסישן לעבן פון דער צאַרישער עפּאָכע, פון דער ער־שטער רעוואָלוציע פון 1905־1906, פון דער רעאַקציע־צייט פון 1907־1910, ווי אויך פון די פאַר־מלחמה־יאָרן. קיינער ווי גאָרקי האָט אַזוי טיף נישט צעאַקערט די ברייטע רוסישע פעלדער און די רוסישע אייגנאַרטיקע מענטשלעכע שוואַרץ־ערד. קיינער פון די נייערע רוסישע קינסטלער האָט אַזוי רירנד און אַזוי

פיינלעך נישט אויפגענומען און געשילדערט ודאָס טונקעלע און ליכטיקע, דאָס דערנידעריקטע און דערהויבענע, דאָס פאַרביטערטע און פריידיקע אינם רוסישן לעבן, אינם רוסישן גייסט, ווי אָט דער געוויסנהאַפטיקסטער רוסישער מאַן און אומבאַפלעקטע גרויסע קינסטלערישע פערזענלעכקייט, מאַקסים גאָרקי.

4

מאַקסים גאָרקי געהערט צו די גליקלעכע גרויסע קינסטלער, וואָס מיט די יאָרן וואַקסט בא זיי זייער פאַרשטאַנד, זייער פאַרנעם, זייער רייפקייט. ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף די ווערק, וואָס גאָרקי האָט געשאַפן די לעצטע 15-10 יאָר, האָבן מיר דאָס געפיל, ווי גאָרקי איז ערשט געקומען צו זיך, צו זיין אמתער גרייס, און אַלדאָס פריערדיקע איז געווען ווי טיילן פון דעם גאַנצן, ווי אָנהייבן צום עיקר. גאָרקי ווערט אַלץ לעבנס-דערפאַרענער, זיין בליק — אַלץ שאַרפער, זיין אַרט שרייבן — אַלץ וואָגיקער, גאַנצער, רייפער, און זיין שפּראַך אַלץ שטייפער, רויקער און קאָנצענטרירטער. אין די נייע ווערק זענען שוין נישטאָ קיין קנאַלנדיקע פראַזן, קיין פאַנטאַסטישע פאַרבן, קיין איבערגעטריבענע נאַטורבילדער. מאַקסים גאָרקי האָט דאָס אַלץ גובר געווען אין זיך, צעשמאָלצן עס אין זיין שאַפונגס-אַפּאַראַט, און זיינע איצטיקע ווערק זענען מער געלייטערט. אָט אַזוי זענען די דריי דערמאַנטע בענדער „קינדהייט", „צווישן מענטשן" און „מיינע אוניווערזיטעטן", וווּ גאָרקי האָט אַדורכגעפירט הונדערטער פאַרשידנפאַרביקע, פאַרשידנאַרטיקע מענטשן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, אַזוי אויך אין זיין גרויס בוך „דאָס געשעפט פון אַרטאַמאָנאָווס" (געשריבן אין 1926), וווּ גאָרקי האָט מיט אַ נייער קראַפט געשילדערט דעם רוסישן „קופּיעץ" און דאָס רוסישע לעבן.

באַזונדערס איז אינטערעסאַנט דאָס נייע גראַנדיעזע ווערק, אויף וועלכן ער האָט זיך איצט פאַרמאָסטן, — „דאָס לעבן פון

קלים סאַמגין", וואָס ווערט דאָ איצט געגעבן אין דער יידישער איבער־זעצונג. אין אָט דעם נייעם ווערק, וואָס איז אויסגערעכנט אויף עטלעכע גרויסע בענדער (דערווייל האָבן מיר נאָר דעם ערשטן באַנד), האָט זיך מאַקסים גאָרקי פאַרמאָסטן צו געבן דאָס גאַנצע רוסלענדישע לעבן פון די לעצטע 40 יאָר. צום נאָמען פון בוך „דאָס לעבן פון קלים סאַמגין" איז טאַקע צוגעגעבן דורך מ. גאָרקי אַן אונטערקעפּל „פערציק יאָר". ער האָט זיך איצט געווענדט צום פאַרגאַנגענעם רוסישן לעבן און וויל שאַפן אַ ברייט אומפאַסנדיק בילד פון דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין די לעצטע פיר צענדליק יאָר. דאָס ראָד פון דער געשיכטע האָט זיך בעדרייט און אין שנעלן, האַסטיקן לויף געמאָלן און צעמאָלן מענטשן, שיכטן, קלאַסן, אידעען, אידעאַלן, פאַרטייען, ריכטונגען דורות און טראַנען. אַ טייל פון זיי איז ווי „פליעווס" צעפלויגן, און פון אַ טייל האָט זיך געקנעט און געשאַפן דאָס נייע רוסלאַנד. גאָרקי האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַדורכצופירן די אוועק־גייענדע תקופות פון רוסלענדישן לעבן דורך אַ נייער קינסטלערי־שער פּריזמע. און פאַמעלעך, מיט אַ וווּנדערבאַרער רויקייט שילדערט ער אין זיין ווערק דאָס פריערדיקע רוסלאַנד.

„דאָס לעבן פון קלים סאַמגין" איז פיל־פיל מער ווי דאָס לעבן פון דעם סוחרישן זונדל קלים סאַמגין. אַרום אים גייען אַדורך צענדליקער און צענדליקער מענטשן, אַלטע און יינגע, געוועזענע, אָפּגעלעבטע און קומענדיקע, אויפוואַקסנדיקע. ס'קומט די פּראָווינץ־שטאָט, דערנאָך פּעטערבורג און שפּעטער — מאָסקווע. עס הייבט זיך אָן דער ראָמאַן אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן, נאָך דעם, ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, און די רעגירונג צעשטערט און ברענגט אום די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך און דערשטיקט יעדן פרייען גע־דאַנק, יעדן פרייען פּרווו אינם צאַרישן רוסלאַנד. און נאָך דער קורצער אויפוואַכונג, אויפמונטערונג אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן קומט דער צוריקקער, די פאַרצווייפלונג. די רוסישע אינטעליגענץ, די אַלע פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלע עלעמענטן ווערן צעשעדיקט און עס גייט אוועק אַ פאַרניכטנדיקע זעלבסט־קריטיק, זעלבסט־אַנאַליז,

אַלע מאַכן דאָ אַדורך דעם אָפּגאַנג־וועג. ווי דער שטייגער איז בּאַ מאַקסים גאָרקי, לעבן זיינע העלדן איבּער די אַלע איבּערלעבּענישן מיט די אַלע טיפענישן פון זייער נשמה. די איבּערלעבּענישן שניידן זיך איין, קריצן זיך איין אין זייערע לייבּער. גאָרקי זעט עס אַלץ, און גיט עס אַזוי מייסטעריש און טרעפלעך. מאַקסים גאָרקי פאַר־צייכנט דאָ די אַלע ליכט און שאָטן, וואָס בּלאַנקען און טונקלען אויף דעם לעבּנס־וועג. עפּעס, ווי פון זיך, גאָר נישט־ווילנדיק, וויקלט זיך און פּלאָנטערט זיך אַרום די איינע לעבּנס נאָך און נאָך מענטשן, אַלעמאָל אַלץ — נייע, אַלץ — אַנדערע, און יעדער איי־נער פּאָרטרעט שיכטן, קלאַסן און דורות פונם פריערדיקן רוסלאַנד. דערבּיי ווערן געגעבּן גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס און בּאַציִ־הונגען פונם רוסישן מענטש, דעם אינטעליגענט און דעם פּויער, דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבּעטער, מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, גוטע מדות און שלעכטע זיטן, מיט זייער גאַנצער רייכקייט און פילפאַרבּיקייט, וואָס נאָר מאַקסים גאָרקי קען אַזוי פּראַכטפול שילדערן. אויסער די טיפּן, כאַראַקטערן ווערט דערבּיי געבּראַכט טיפע, אָריגינעלע געדאַנקען און אָפּאָריזמען וועגן דער ר. סישער פּסיכיק, וועגן די אייגנאַרטיקייטן פון דעם רוסישן מענטש. עס זענען טיף־אויסגעווייטיקטע געדאַנקען, אויסגעפּיי־ניקטע מיינונגען, וואָס יעדער איינער פון די טיפּן איז דערגאַנגען צו זיי.

ס'איז קיין צווייפל נישט, אַז אָט דאָס נייע גרויסע ווערק פון מאַקסים גאָרקי איז די גרויסע גענעאַלע עפּאָפּעע פון דעם רוסלאַנד פון די לעצטע 40 יאָר, פּונקט ווי ל. נ. טאָלסטאָיס גרויס ווערק „מלחמה און שלום“ איז געווען די עפּאָפּעע פון דעם רוסלאַנד פון צוריק מיט אַ הונדערט יאָר. פון יעדן איינצלנעם מענטש, פון די פּערזענלעכע איבּערלעבּונגען פון די אַלע גרויסע און קליינע, אַל־טע און יונגע מענטשן אין בּוך, קוקט אַרויס דאָס לעבּן פון דעם גאַנצן רוסישן פאָלק. מיר האָבּן דאָ די לעבּנס־געשיכטע און קול־טור־געשיכטע פון די לעצטע 40 יאָר אין רוסלאַנד, פערציק שווערע, טראַגישע אָבּער אינטערעסאַנטע און מערקווירדיקע יאָרן.

דורך אָט דעם נייעם גאָרקי־ווערק באַקומען די דורות און תקופות פון די 40 יאָר אין רוסלאַנד גאָר אַ נייעם, אינטערעסאַנטערן אויסזעען.

נחמן מייזיל.

מערץ 1928.

ג ע ה ״ ל י ק ט

מאַריאַ איגנאַטיעווגאַ זאַקרעווסקאַיאַ

קאַפּיטל 1.

איוואַן אַקימאָוויטש סאַמגין האָט ליב געהאַט אָריגינעלקייט; דעריבער, ווען דאָס ווייב האָט אים געבוירן דעם צווייטן זון, האָט סאַמגין, זיצנדיק באַם בעט פון דער קימפּעטאָרין, גענומען איר איינרעדן:

— ווייסטו וואָס, ווערע, מיר וועלן אים געבן עפּעס אַ זעלטענעם נאָמען. ס'האָבן שוין דערעסן די אַלע איוואַנעס, וואַסיליס... האַ?

אַן אויסגעמאַטערטע פון די געבורט-יסורים, האָט ווערע פּעטראָוונאַ נישט געענטפערט. דער מאַן האָט אויף אַ מינוט זיך פאַרטראַכט, אָנשטעלנדיק זיינע טויבן-אויגן אין פענצטער אַריין, צום הימל, וואו די וואָלקנס, דורכגעריסענע פון ווינט, האָבן דערמאַנט סיי אַן אייז-גאַנג אויף אַ טייך, סיי פאַרוואַקסענע קעמפּעס בלאָטע. דערנאָך האָט סאַמגין אָנגעהויבן פאַרזאָרגט אויסצורעכענען, דורכשטעכנדיק די לופט מיט קורצן און דיקן פינגער:

— כריסטאָפאָר? קיריק? וואוקאָל? ניקאָדים?

איטלעכן נאָמען האָט ער צונישט-געמאַכט מיט אַן אויסשטרייכנדיקן זשעסט, און איבערקלויבנדיק באַ אַנדערהאַלבן צענדליק נישט געוויינלעכע נעמען, האָט ער אויסגעשריגן באַפרידיקט:

— סאַמסאָן! סאַמסאָן סאַמגין, — דאָס איז עס! דאָס איז נישט שלעכט! דער נאָמען פון אַ ביבלישן העלד, און דער פאַ־מיליע־נאָמען, — אַ פאַמיליע־נאָמען האָב איך אַן אייגנאַר־טיקן!

— שאָקל נישט דאָס בעט, — האָט שטיל אַ בעט געטון די פרוי.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אַ קוש געטון איר האַנט, אַ פאַר־שמאַכטע און אויסטערליש שווערע, שמייכלענדיק געהערט אַ ווײַלע דעם בייזן פייף פון האַרבסט־ווינט, דאָס באַקלאָגלעכע פּישטשען פון קינד.

— יאָ, סאַמסאָן! דאָס פאָלק נייטיקט זיך אין העלדן. נאָר... כ׳וועל נאָך אַ קלער טון. אפשר — לעאָניד.

— איר מאַטערט ווערען מיט נאַרישקייטן, — האָט שטרענג באַמערקט, וויקלענדיק דעם נייגעבוירענעם, מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ, די אַקושערקע.

סאַמגין האָט אַ בליק געטון אויף דעם ווייבס בלוטלאָזן גע־זיכט, פאַרראַכטן אירע איבערן קישן צעוואָרפענע האָר פון אומגע־ווײַנלעכער גאָלדיקער לבנה־פאַרב און שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען פון שלאָפצימער.

די קימפעטאָרין איז געקומען צו די כוחות פּאַמעלעך, דאָס קינד איז געווען שוואַך; שרעקנדיק זיך, אַז ער וועט זיך נישט דערהאַלטן, האָט די דיקע, נאָר שטענדיק קראַנקע מוטער וויעראַ פּעטראָוונעס געאײַלט אָפּצוטויפן אים; מען האָט אים אָפּגע־טויפט און סאַמגין האָט מיט אַ שולדיקן שמייכל געזאָגט:

— וויעראָטשקאַ, אין דער לעצטער מינוט האָב איך באַ־שלאָסן אים אַ נאָמען צו געבן קלים. קלים! אַן איינפאַכער פאָלקס־נאָמען, איז צו גאָרנישט נישט מחייב. דו — ווי מיינסט, האַ?

באַמערקנדיק דעם מאַנס פאַרלעגנהייט און די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט פון די שטוביקע, האָט וויעראַ פּעטראָוונאַ באַ־ביטיקט:

— מיר געפעלט.

אירע ווערטער זענען געווען אַ געזעץ באַ דער פאַמיליע, און

צו די אומגעריכטע האַנדלונגען פון סאַמגינען זענען אַלע געווען צוגעווינט; ער פלעגט אָפט פּאַרוואונדערן מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיינע מעשים, נאָר סיי אין דער משפחה, סיי צווישן באַקאַנטע האָט ער געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ מזלדיקן מענטש, וואָס אַלץ גיט זיך אים לייכט איין.

דאָך האָט דער נישט גאַנץ געוויינלעכער נאָמען פונם קינד שוין פון די ערשטע לעבנס־טעג אָן בולט עס אונטערגעשטראָכן.

— קלים? פלעגן איבערפרעגן די באַקאַנטע, באַזונדער אויפמערקזאַם באַטראַכטנדיק דאָס יינגל און אַזויווי וועלנדיק זיך משער זיין: פאַרוואָס עפּעס קלים?

סאַמגין האָט דערקלערט:

— איך האָב אים געוואָלט אַ נאָמען טון ניעסטאָר אָדער אַנטיפּאַ, נאָר, איר פאַרשטייט, דידאָזיקע נאַרישע צערעמאָניע, די פּאָפּן, „צי קערסטו זיך אָפּ פון שטן", גיב אַ בלאָז", „שפּיי אויס"...

באַ די שטוב־מענטשן זענען אויך געווען סיבות — באַ איטלעכן זיינע — צו באַציען זיך צום נייגעבוירענעם מער אויפמערקזאַם, ווי צו זיין צוויי־יעריקן ברודער דמיטרי. קלים איז געווען שוואַך אין געזונט און דאָס האָט פאַרשטאַרקט דער מוטערס ליבשאַפט; דער פאָטער האָט זיך געפילט שולדיק דערין, וואָס ער האָט געגעבן דעם זון אַ נישט געלונגענעם נאָמען, די באָבעשי, וועלכע האָט געפונען דעם נאָמען אַלס „פּויעריש", האָט געהאַלטן, אַז מען האָט דאָס קינד באַעוולט; און דער קינדער־ליבנדיקער זיידע קלימס, דער אָרגאַניזאַטאָר און ערן־קוראַטאָר פון דער פּאַך־שול פאַר יתומים, וועלכער האָט זיך התלהבותדיק אָפּגעגעבן מיט פּעדאַגאָגיק און היגיענע, — האָט בפירוש פּריווילעגירט דעם שוואַכן קלימען קעגן דעם געזונטן דמיטרין און האָט אויך געקווילט דאָס אייניקל מיט כסדרדיקן זאָרגן פאַר אים.

קלימס ערשטע לעבנס־יאָרן זענען צונויפגעפאַלן מיט די יאָרן פון פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר פרייהייט און קולטור פון יענער נישט גרויסער גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן העלדיש און מסירת־

נפשדיק זיך אָפּגעשטעלט „צווישן האַמער און דער קאָוואַדלע״, צווישן דער רעגירונג פון דעם אומבאַגאַבטן זון פון דער טאַלענטירטער דייטשער פּרינצעסין און דעם אַנאַלפאַבעטישן פאָלק, פאַרטעמפּטן אין קנעכטשאַפט פון לייב־אייגנטום. מיט רעכט האָסנדיק די ממשלה פון צאַר, האָבן די ערלעכע מענטשן הינטער די אויגן מיט גרויס אויפריכטיקייט ליב געקריגן דאָס „פאָלק״ און זענען אַוועק מחיה־מתים זיין, אויסלייזן עס. כדי ס׳זאָל לייכטער זיין ליב צו האָבן דעם פויער, האָט מען אים אויסגעמאָלט אַלס וועזן פון אויסערגעוויינלעכער גייסטיקער שיינקייט, באַפּוצט אים מיט אַ קראַנץ פון אַן אומשולדיקן מאַרטירער, מיט אַ נימב פון אַ הייליקן, און מען האָט אָפּגעשאַצט זיינע פיזישע ענויים העכער פון יענע, מאָראַלישע ענויים, מיט וועלכע די טרויעריקע רוסישעווירקלעכקייט האָט מילד באַשאָנקען די בעסטע מענטשן פון דעם לאַנד.

ווי אַ טרויעריקער הימן פון דערדאָזיקער צייט זענען געווען די צאָרניקע קרעכצן פון דעם עמפּינדלעכסטן דיכטער פון יענער עפּאָכע און באַזונדער בולט אַלאַרמירנדיק האָט געקלונגען די פראַגע, מיט וועלכער דער דיכטער האָט זיך געווענדט צום פאָלק:

וועסטו דערוואַכן איבערפולט מיט קראַפט?
אָדער צום געזעץ פון שיקזאַל פאַרשקלאַפט,
האָסטו שוין אַלץ, וואָס געקאָנט, געמאַכט,
האָסט געשאַפן אַ ליד, ענלעך צו אַ קרעכץ,
און גייסטיק פאַרשטומט געוואָרן לעולם־ועד!

ניט צום אויסרעכענען די כּלערליי יסורים, וואָס ס׳זענען אויסגעשטאַנען די קעמפער פאַר דער פרייהייט צו שאַפן קולטור. אָבער די אַרעסטן, די תּפיסות, דאָס פאַרשיקן קיין סיביר הונדערטער פון דער יוגנט האָט אַלץ מער צעפלאַקערט און פאַרשאַרפט איר קאַמף קעגן דעם ריזיקן, אומרחמנותדיקן מעכאַניזם פון דער מאַכט.

אין דעמדאָזיקן קאַמף האָט אויך געליטן די פאַמיליע סאַמ-

גין; איוואַנס עלטערער ברודער — יאַקאָוו, איז נאָכן אָפּזיצן כמעט צוויי יאָר אין תּפיסה, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, פון דאָרטן געפּרוווט צו אַנטלויפן, אָבער מען האָט אים געכאַפּט און אַריבער־געפירט ערגעץ־וואו קיין טורקעסטאַן. איוואַן סאַמגין האָט אויך נישט אויסגעמיטן אַרעסט און תּפיסה, און נאָכדעם האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט; וויערא פּעטראָוונאַס קוזין — דער מאַן מאַריאַ ראָמאַנאָוונעס — איז געשטאָרבן אין עטאַפּ אויפן וועג קיין יאַלוטאָראָווסק, צום אָרט פון זיין פאַרשי־קונג.

אין פרילינג פון 79־טן יאָר האָט אַ קנאַל געטון סאָלאָוויאָווס פאַרצווייפלטער שאָס; די רעגירונג האָט געענטפערט אויף אים מיט אַזיאַטישע רעפּרעסיעס.

דעמאָלט זענען עטלעכע צענדליק אַנטשלאָסענע מענטשן, מענער און פרויען, אַריינגעטרעטן אין אַ צוויי־קאַמף מיטן זעלבסט־הערשער; זיי האָבן צוויי יאָר זיך געיאָגט נאָך אים ווי נאָך אַ ווילדער חיה, לסוף אים דערהרגעט און זענען תּיכּף אויסגעגעבן געוואָרן דורך איינעם פון זייערע חברים. ער אַליין האָט געפּרוווט דערהרגענען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אָבער טאַקע ער האָט, דאַכט זיך, אויך איבערגעריסן דעם קאַנאַל פון דער מינע, וואָס איז באַשטימט געווען צום אויפרייסן דעם קייסערס צוג. דער זון פון דערמאָרדעטן, אַלעקסאַנדער דער דריטער, האָט באַשאָנקען דעם, וואָס האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויפן לעבן פון זיין פאָ־טער, מיטן טיטל ערן־בירגער.

ווען די העלדן זענען פאַרטיליקט געוואָרן, האָבן זיי, — ווי ס׳געשעט תּמיד, — זיך אַרויסגעוויזן אַלס די שולדיקע אין דעם, וואָס זיי האָבן די אויפגעוועקטע האָפענונגען נישט געקאָנט פאַר־ווירקלעכן. די מענטשן, וועלכע האָבן פונוויטנס לייטזעליק נאָכגע־פאָלגט דעם נישט גלייכן קאַמף, זענען געווען נידערגעשלאָגן פון דער מפּלה אַ סך שווערער, ווי די פריינד פון די קעמפער, וואָס זע־נען געבליבן לעבן. אַ סך האָבן באַלד און באַדעכטיק געשלאָסן די טירן פון זייערע הייזער פאַר די שפּליטערס פון דער גרופּע העלדן,

וועלכע האָבן נאָך נעכטן ארויסגערופן אנטציקונג, אָבער היינט בלויז געקאָנט קאָמפּראָמעטירן.

ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן די סקעפּטישע קריטיק פון „דער באַדייטונג פון דער פּערזענלעכקייט אין דעם פּראָצעס פון שאַפן געשיכטע״, די קריטיק, וועלכע האָט אין צענדליקער יאָרן ארום אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר איבערגעכאַפּטער התפּעלות פון דעם נייעם העלד, „די בלאָנדע בעסטיע״ פון פרידריך ניטשע. די מענטשן זענען שנעל קלוג געוואָרן און, איינשטימענדיק מיט ספּענסערן, אז „פון בלייענע אינסטינקטן קאָן מען נישט אויסאַרבעטן קיין גאָלדענע אויפפירונג״, האָבן זיי קאָנצענטרירט זייערע כוחות און טאַלענטן אויף „זעלבסט-דערקענטניש״, אויף די פראַגן פון אידיוווידועלן זיין. שנעל האָט מען זיך גערוקט צום אָננעמען דעם לאָזונג „אונזער צייט — איז נישט קיין צייט פון ברייטע אויפגאַבן״.

דער געניאַלער קינסטלער, וועלכער האָט אַזוי וואונדערלעך דין געפילט די קראַפט פון שלעכטס, אז ער האָט אויסגעזען ווי דער שעפער דערפון, ווי דער ט י י ו ו ל, וואָס דעמאַסקירט זיך אליין, דערדאָזיקער קינסטלער האָט אין אַ לאַנד, וואו דאָס רוב הארן זענען געווען פונקט אַזעלכע קנעכט, ווי זייערע דינער, היסטעריש געשריגן:

„זיי הכנעהדיק, שטאָלצער מענטש! זיי געדולדיק, שטאָלצער מענטש!״

און באַלד נאָך אים האָט נישט ווייניקער קרעפטיק געהילכט די שטים פון אַ צווייטן זשעני, וואָס האָט מעכטיק און עקשנותדיק געטענהט, אז צו פרייהייט פירט בלויז איין וועג, — דער וועג „פון נישט קייגנשטעלן זיך דעם שלעכטס מיט געוואַלט״.

דאָס הויז פון די סאַמגינס איז געווען איינס פון יענע, אין דידאָזיקע יאָרן שוין זעלטענע הייזער, וואו די באַלעבאַטים האָבן זיך נישט געאיילט צו פאַרלעשן אַלע פייערן. דאָס הויז פלעגן באַזוכן, הגם אויך נישט אָפט, עפּעס אַזוינע נישט פריילעכע, נישט היימלעכע מענטשן; זיי פלעגן זיך זעצן אין די ווינקלען פון די צימערן, אין שאָטן, ווינציק רעדן, נישט אָנגענעם שמייכלען.

פֿאַרשידן געוויקסיקע, פֿאַרשידן געקליידטע, זענען זיי אויסטערליש ענלעך געווען איינער צום אַנדערן, ווי זעלבער פֿון איין ראָטע. זיי זענען געווען „נישט קיין היגע", פֿלעגן ערגעץ־וואו פֿאָרן, בײַ סאַמגינען — נאָר אָפּטרעטן, טיילמאָל פֿאַרבלייבן נעכטיקן. זיי זענען אויך דערמיט נאָך ענלעך געווען איינער צום אַנדערן, וואָס זיי אַלע האָבן אונטערטעניק געהערט מאַריאַ ראָמאַנאָוונעס בייזע רייד און, הפּנים, מורא געהאַט פֿאַר איר. אָבער דער פֿאָטער סאַמגין האָט מורא געהאַט פֿאַר זיי; דער קליינער קלים האָט געזען, אַז דער פֿאָטער פֿלעגט כמעט פֿאַר יעדן פֿון זיי שולדיק רייבן זײַנע ווייכע, צערטלעכע הענט און דריגען מיטן פֿוס. איינער פֿון די דאָזיקע, אַ שוואַרצער, מיט אַ באָרד און, משמעות, זייער אַ קאַרגער, האָט בײַ געזאָגט:

— בײַ דיר אין הויז, איוואַן, איז נאַריש, ווי אין אַרמענישן אַנעקדאָט: אַלץ איז צען מאָל מער. מיר האָט מען אויף באַנאַכט געגעבן צוליב עפּעס צוויי קישנס און צוויי ליכט.

דער קרייז פֿון סאַמגינס שטאָטישע באַקאַנטע איז באַדייטנד שמעלער געוואָרן, אָבער אין די אָוונטן פֿלעגן בײַ אים, אויס חזקה, זיך צונויפֿקומען מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעלעבט די שטימונג פֿון נעכטיקן טאָג. און יעדן אָוונט פֿלעגט פֿון דער אָפּיציבע אין דער טיף פֿון הויף מאַיעסטעטיש דערשײַנען מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ, אַ הויכע, קנאָכיקע, אין שוואַרצע ברילן, מיט אַ באַליידיקט פּנים אָן ליפּן און אין אַ שוואַרץ גיפּיור־היטעלע אויף די האַלב־גרויע האָר; פֿון אונטערן היטעלע אַפּער האָבן שטרענג געשטאַרט גרויסע, גרויע אויערן. פֿון צווייטן שטאָק פֿלעגט אַראָפּקומען דער לאָקאַטאָר וואַראַווקאַ, אַ ברייט־פּלייציקער, רויט־בערדיקער; ער איז ענלעך געווען צו אַ לאַסט־באַלעגאָלע, וועלכער איז פּלוצלינג רייך געוואָרן און, קויפֿנדיק פּרעמדע מלבושים, זיי אומגעלומפּערט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך. באַוועגט האָט ער זיך שווער, פֿאָרזיכטיק, אָבער פֿונדעסטוועגן זייער פּילדערנדיק געשאַרט מיט די פּאָדעשוועס; די פּיס־פּלאַכן זענען בײַ אים געווען לענגלעכדיקע, ווי פּולמיסיקס אויף פּיש. בעת ער פֿלעגט זיך זעצן צום טיי־טיש, פֿלעגט ער פֿריער זאָרגעוודיק פּרוּוון די שטול, צי זי איז גענוג

פעסט. אויף אים און אַרום אים פלעגט אַלץ קנאַקן, סקריפען, זיך טרייסלען, דאָס מעבל און געשיר האָבן פאַר אים מורא געהאַט, און ווען ער פלעגט דורכגיין לעבן דעם קלאַוויר — האָבן געהודזשעט די סטרונעס. ס'פלעגט אַריינקומען דער דאָקטאָר סאַמאָוו, אַ שוואַרצבערדיקער, אַ מרה־שחורהדיקער; בלייבנדיק שטיין אין דער טיר, אויף דער שוועל, פלעגט ער אַלעמען באַטראַכטן מיט די רעליעפע, שטיינערנע אויגן פון אונטער די ברעמען, ענלעכע צו וואָנסעס, און פרעגן פאַרכריפעט:

„מ'לעבט, מ'איז געזונט?"

דערנאָך פלעגט ער אַריינשפּרייזן אין צימער אַריין און הינטער זיין ברייטער האָרבאַטער פּלייצע איז תמיד געווען די דאָקטאָרין, אַן אויסגעדאַרטע, מיט אַ געל געזיכט, מיט גרויסע אויגן. שווייגנד אַ קוש געבנדיק וויעראַ פּעטראָוונאַן, האָט זי זיך געניגט צו אַלע מענטשן אין צימער, אַקוראַט ווי צו די איקאָנעס אין קירכע, זיך אַנידערגעזעצט וואָס ווייטער פון זיי און איז געזעסן ווי אין וואַרט־צימער בײַ אַ דענטיסט, צודעקנדיק דאָס מויל מיט אַ טיכל. געקוקט האָט זי אין יענעם ווינקל, וואו ס'איז צומייסט פינצטער געווען און אַזוי ווי געוואַרט, אַז אָט באַלד וועט זי עמעצער פון דער פינצטערניש אַ רוף טון:

— קום!

קלים האָט געוואוסט, אַז זי וואַרט אויפן טויט, דער דאָקטאָר סאַמאָוו האָט אין זיין בייזיין און אויך אין איר אַנוועזנהייט געהאַט געזאָגט:

— כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן קיין מענטש, וואָס זאָל אַזוי נאַריש מורא האָבן פאַרן טויט, ווי מיין ווייב.

אומבאַמערקט און אומגעריכט, ערגעץ אין אַ ווינקל, אין טונקלקייט, פלעגט אויסוואַקסן אַ רויטהאָריקער פאַרשוין, קלימס און דמיטריס לערער, סטעפאַן טאָמילין; תמיד אַן אויפגערעגטע פלעגט אַריינלויפן די פריילין טאַניאַ קוליקאָווא, אַ דאַרע, מיט אַ קאָמישער נאָז, צעפרעסן פון פּאָקן; זי פלעגט אַריינברענגען ביכלעך אָדער העפטן, באַשריבענע מיט פיאָלעטע ווערטער, צרויפשפרינגען אויף אַלע און מיט אַ געשטיקטער, האַלבער שטימע איילן:

— נו, לאָמיר לייענען, לייענען!
ווערא פעטראָוונא פּלעגט זי באַרויקן:
— מיר וועלן אָפּטרינקען טיי, אָוועקשיקן די דינסט און דע־מאָלט...

— מיט דער דינסט פאַרזיכטיק! — פּלעגט וואָרענען דער דאָקטאָר סאַמאָוו, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און אויף זיין שאַרבן, צווישן די צעקאָלטנטע האָר, האָט אַרויסגעלויכטן אַ גרויע, קיילע־כיקע ליידיקייט. די דערוואַקסענע האָבן געטרונקען טיי אינמיטן צימער בײַ אַ קיילעכיקן טיש, אונטער אַ לאָמפּ מיט אַ ווייסן אַבאַ־זשור, וועלכן סאַמגין האָט צוגעטראַכט: דער אַבאַזשור האָט אָפּגעשלאָגן די שיין נישט אַראָפּ אונטן, אויפן טיש, נאָר אויפן סופיט אַרויף; דערפון האָט זיך איבערן צימער צעגאָסן אַן אומעטיקע האַלב־חשכות, און אין דריי ווינקלען פון צימער איז פינצטער גע־ווען כמעט ווי בײַנאַכט. אין פערטן, וואָס איז באַלויכטן געווען פון אַ וואַנט־לאָמפּ, איז לעבן אַ צעבער מיט אַ ריזיקן ראָדאָדענדראָן געשטאַנען דער קינדער־טיש. די שוואַרצע, לאַפּענאַרטיקע בלעטער פון דעם געוויקס זענען זיך פונאַנדערגעקראָכן איבער די ווענט, אויף די שטאַנגען, צוגעבונדענע מיט ריטלעך צו טשוועקעס, די לייכטע וואָרצלען זענען געהאַנגען אין דער לופט, ווי לאַנגע, גרויע ווערעם.

דער סאָלידער, דיקער דמיטרי איז תמיד געזעסן מיט דער פּלייצע צום גרויסן טיש, און קלים, דער שלאַנקער, מאָגערער, קיילעכיק אַרומגעשווירענער, „פויערישמעסיק", האָט זיך געזעצט מיטן פּנים צו די דערוואַקסענע און אויפמערקזאַם הערנדיק זייערע שמועסן, געוואַרט, אַז דער פאָטער זאָל אים אָנהייבן אַרויסצו־ווייזן.

כמעט יעדן אָוונט פלעגט דער פאָטער, צורופנדיק צו זיך קלימען, צונויפדריקן זייבע היפטן מיט די ווייכע קניען און פרעגן:

— נו, וואָס זשע, פויערל: וואָס איז בעסער פון אַלעם?
קלים האָט געענטפערט:
— אַ לוויה פון אַ גענעראַל.

— פאַרוואָס?
— ס'שפּילט מוזיק.
— און וואָס איז ערגער פון אַלעם?
— אַז דער מאַמען טוט ווי דער קאָפּ.
— ווי געפעלט אייך? — פלעגט סאַמגין זיך נאָכפרעגן באַ
די געסט און זיין קאַמיש, קיילעכיק פנים האָט ליבלעך געשיינט.
די געסט האָבן, שמייכלענדיק, געלויבט קלימען, אָבער אים זענען
שוין נישט געפעלן אַזויגע דעמאָנסטראַציעס פון זיין שכל, ער האָט
אַליין געהאַלטן זיינע ענטפערס פאַר נאַרישע. דאָס ערשטע מאָל האָט
ער זיי געגעבן מיט אַ יאָר צוויי צוריק. אַצינד האָט ער אונטער-
טעניק און אפילו לייטזעליק זיך אונטערגעגעבן דעם שפּיל, זעענדיק,
אַז דאָס איז אָנגענעם דעם פאָטער. אָבער ער האָט שוין געפילט
דערין עפּעס אַ באַליידיקונג; גלייך ער וואָלט געווען — אַ שפּי-
לעכל: מען גיט אַ קוועטש — פּישטשעט עס.

פון דעם אַלעם, וואָס דער פאָטער, די מוטער, די באָבעשי
פלעגן דערציילן די געסט, האָט קלים זיך דערוואוסט וועגן זיך
נישט ווייניק וואונדערלעכס און וויכטיקס; ס'האָט זיך אַרויסגע-
וויזן, אַז בעת ער איז נאָך געווען גאָר קליינטשיק, האָט ער זיך
בולט אונטערגעשיידט פון די איבעריקע קינדער פון זיין על-
טער.

— איינפאַכע, גראָבע שפּילעכלעך פלעגן אים מער געפעלן
ווי קאָמפּליצירטע און טייערע, — האָט שנעל-שנעל און פאַרכלי-
בענדיק זיך מיט די ווערטער דערציילט דער פאָטער; די באָבעשי
האָט וויכטיק צוגעשאָקלט מיטן גרויען, גרויסאַרטיק פאַרקעמטן קאָפּ
און, זיפצנדיק, באַשטעטיקט:

— יאָ, יאָ, ער האָט ליב דאָס איינפאַכע.

און זי האָט פון איר זייט אויך אינטערעסאַנט דערציילט, אַז
נאָך אַלס פינפיעריק קינד האָט קלים רירנד אַכטונג געגעבן אויף
אַ שלאַבעריק בלימל, וואָס האָט צופעליק אַרויסגעשפּראָצט אין אַ
שאָטנדיק ווינקל פון סאָד, צווישן ווילדע גראָזן; ער פלעגט עס
באַגיסן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די בלומען אין די קלאָמבן.

און ווען דאָס בלימל איז פאַרט אומגעקומען, האָט קלים לאַנג און ביטער געוויינט.

נישט הערנדיק די שוויגער, האָט דער פאָטער איר אַריינגע־רעדט אין די רייד:

— ער שפּילט זיך אַ סך גערנער מיט דער ניאַניעס אייניקל, ווי מיט די קינדער פון זיין קרייז...

דער פאָטער האָט דערציילט שענער פון דער באַבעשי און תמיד עפּעס אַזוינס, וואָס דאָס ייִנגל האָט נישט באַמערקט בא זיך, נישט געפילט אין זיך. טיילמאָל האָט זיך קלימען אַפילו געדאַכט, אַז דער פאָטער האָט אַליין אויסגעטראַכט די ווערטער און האַנד־לונגען, וועגן וועלכע ער רעדט, אויסגעטראַכט צוליב דעם, אַז ער זאָל קענען זיך באַרימען מיטן זון, ווי ער האָט זיך באַרימט מיטן וואונדערלעך פּינקטלעכן גאַנג פון זיין זייגער, מיט זיין קענען שפּילן אין קאָרטן און מיט פיל אַנדערע זאַכן.

אָבער אָפטמאָל פלעגט קלים, הערנדיק דעם פאָטער, זיך וואונדערן: ווי אַזוי האָט ער דאָס פאַרגעסן וועגן דעם, וואָס דער פאָטער געדענקט? ניין, דער פאָטער האָט נישט אויסגעקלערט, זאָגט דאָך די מאַמע אויך, אַז אין אים, אין קלימען, איז דאָ אַ סך אומגעוויינלעכס, זי דערקלערט אַפילו, פונוואַנען דאָס האָט זיך דערנומען.

— ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אומרויק יאָר, ס'איז דאַן געווען אי די שרפה, אי יאַקאָווס אַרעסט און נאָך פיל אַנדערע זאַכן. איך האָב אים געטראָגן שווער, די געבורט איז געווען עט־וואָס פריצייטיק, דערפון, מיין איך, נעמען זיך זיינע אויסטער־לישקייטן.

קלים האָט געהערט, אַז זי רעדט, ווי זי וואָלט זיך כּלומרשט אַנטשולדיקט אָדער געפרעגט: צי איז דאָס טאַקע אַזוי? די געסט האָבן מסכּים געווען מיט איר:

— יאָ, ס'איז פאַרשטענדלעך.

איינמאָל האָט קלים, אַן אויפגערעגטער פון אַ נישט גע־לונגען דעמאָנסטרירן זיין שׂכל פאַר די געסט, געפרעגט דעם פאָ־טער:

— פאַרוואָס בין איך — אַן אומגעוויינלעכער, און מיטיאַ — אַ געוויינלעכער? ער איז דאָך אויך געבוירן געוואָרן, ווען מען האָט אַלעמען געהאָנגען?

דער פאָטער האָט דערקלערט מיט אַ סך ווערטער און לאַנג, נאָר אין קלימס זכרון איז פאַרבליבן בלויז איינס: ס'זענען פאַראַנען געלע בלומען און ס'זענען דאָ רויטע, ער, קלים, איז אַ רויט בלימל; די געלע בלומען זענען — לאַנגווייליקע.

נישט ליבלעך און קרום קוקנדיק אויפן איידעם, האָט די באָבעשי עקשנותדיק געטענהט, אַז אויפן אייניקלס כאַראַקטער ווירקט נישט גוט זיין קאָמישער, פויערישער נאָמען; די קינדער רופן קליַמען — קלין, דאָס באַליידיקט דאָס יינגל, דעריבער טאַקע ציט ער זיך אַזוי צו דערוואַקסענע.

— דאָס איז זייער שעדלעך, — האָט זי געזאָגט.

מיט דעם אַלעם האָט קיינמאָל נישט איינגעשטימט דער „עכטער זקן", דער זיידעשי אַקים, דער שונא פון זיין אייניקל און פון אַלע מענטשן, דער הויכער, געהאָרבעטער און אומעטיקער, ווי אַן אָפּגעדאַרטער בוים. ער האָט אַ לאַנג פּנים אין אַ טאָפּעלער באָרד, פון די אויערן ביז די אַקסלען, און די גאָמבע איז אַ באָקעטע, געגאָלטע, פּונקט ווי די אויבערשטע ליפּ. די נאָז איז אַ שווערע, אַ בלויליכע, דעם זיידנס אויגן זענען פאַרוואַקסן מיט גרויע ברעמען. זיינע לאַנגע פיס בייגן זיך נישט איין, די לאַנגע הענט מיט די קרומע פינגער באַוועגן זיך נישט גערן, נישט אָנגענעם, ער איז שטענדיק אָנגעטון אין אַ לאַנגן ברוינעם סורדוט, אין סאַמעטענע שטיוול מיט פוטער און אויף ווייכע פּאָדעשוועס. ער גייט מיט אַ שטעקן, ווי אַ נאַכט-וועכטער, אויפן עק פון שטעקן איז אַ לעדערנער באַלעם, כדי ער זאָל נישט קלאַפּן אָן דער פּאָדלאָגע, נאָר זיך שלעפּן און שאַרן אינם טאָן פון די פּאָדעשוועס פון זיינע שטיוול. ער איז טאַקע אַן „עכטער זקן" און זיצט אפילו אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויפן שטעקן, ווי ס'זיצן די זקנים אויף די בענק פון שטאָט-גאָרטן.

— דאָס אַלץ איז שעדלעכע פּזמונות, — וואָרטשעט ער. — איר פירט אַלע איבער דאָס קינד, איר טראַכט אים אויס.

צווישן זיידן און דעם פֿאָטער צעפֿלאַקערט זיך באַלד אַ וויכּוח. דער פֿאָטער דערווייזט, אַז אַלדאָס גוטע אויף דער ערד איז אויסגעטראַכט, אַז אויסצוטראַכטן האָבן נאָך אָנגעהויבן די מאַלפּעס, פֿון וועלכע ס'איז געבוירן געוואָרן דער מענטש, — דער זיידע שאַרט ביין מיטן שטעקן, צייכנענדיק אויף דער פּאַדלאָגע נולן און שרייט מיט אַ סקריפּענדיקער שטימע:

— אי־י פּזמונות...

אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט איבערשפּאַרן דעם פֿאָטער, פֿון זיינע באַטעמטע ליפּן פֿלעגן זיך שיטן ווערטער אַזוי שנעל און בשפֿעדיק, אַז קלים האָט שוין געוואוסט: באַלד וועט דער זיידע זיך אָפּפּאָכען מיטן שטעקן, אויסגלייכן זיך, אַ גרויסער, ווי אַ צירק־פֿערד, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס, און וועט אַוועקגיין צו זיך, נאָר דער פֿאָטער וועט אים נאָכשרייען:

— דו, פּאַפּ, ביסט אַ מיזאַנטראָפּ!

אַזוי איז טאַקע שטענדיק געווען.

קלים האָט זייער גוט געפֿילט, אַז דער זיידע באַמיט זיך אויף פֿאַרשידענע אופֿנים אים צו דערנידעריקן, בעת אַלע איבעריקע דערוואַקסענע פֿלייסן זיך אים אויפֿצוהייבן. דער „עכטער זקן" האָט געטענהט, אַז קלים איז פּשוט אַ שוואַך, פֿאַרשלאָפֿן יינגל און אַז קיין שום אומגעוויינלעכס איז אין אים נישט פֿאַראַן. ער האָט זיך געשפּילט מיט געמיינע שפּילעכלעך דערפֿאַר, וואָס די גוטע האָבן אים צוגענומען די האָפֿערדיקע קינדער, ער האָט זיך געחברט מיט דער ניאַניעס אייניקל, וואָרים איוואַן דראַנאָוו איז נאָרישער פֿון וואַראַווקעס קינדער, און קלים, צעבאַלעוועט פֿון אַלע, איז אַמביציעז, פֿאָדערט באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט צו זיך און געפֿינט זי בלויז באַ איוואַנען.

דאָס איז געווען זייער באַליידיקענד צו הערן, ס'האָט געוועקט אַן אומפֿריינדשאַפֿט צום זיידעשי און אַ שרעקיקייט פֿאַר אים. קלים האָט געגלייבט דעם פֿאָטער: אַלדאָס גוטע איז אויסגעקלערט — די שפּילעכלעך, קאָנפֿעקטן, ביכער מיט בילדלעך, לידער, — אַלץ. ווען די באָבעשי באַשטעלט דאָס מיטאָג, זאָגט זי אָפּט צו דער קעכין:

— לאָז שוין געמאַך! קלער אַליין עפּעס אויס.

און תּמיד דאַרף מען עפּעס אויסקלערן, אַ נישט וועט דיך קיינער פון די דערוואַקסענע נישט באַמערקן, און וועסט לעבן אזוי, גלייך וואָלסט גאָר נישט געווען, אָדער וואָלסט נישט געווען קלים, נאָר דמיטרי.

קלים האָט נישט געדענקט, ווען אייגנטלעך ער האָט באַמערקט, אַז מען טראַכט אים אויס און ווען ער אַליין האָט אָנגעהויבן זיך אויסטראַכטן, אָבער ער האָט גוט געדענקט זיינע צום ־ינסט געלונגענע אויסטראַכטענישן. איינמאָל, שוין לאַנג, האָט ער געפרעגט וואַראַווקען:

— פאַרוואָס האָסטו אַזאַ רמשימדיקן פאַמיליע־נאָמען? דו ביסט נישט קיין רוס?

— איך בין — אַ טערק, — האָט געענטפערט וואַראַווקאַ. — מיין אמתער פאַמיליע־נאָמען איז בעי — ניעפּאַלקוי אַ קאָפּעיקוי — בעי. בעי — איז אויף טערקיש, און אויף רוסיש באַטייט עס אַ האַר*).

— דאָס איז גאָר נישט קיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר דער ניאַניעס אַ גלייכווערטל, — האָט געזאָגט קלים.

וואַראַווקאַ האָט אים אַ כאַפּ געטון און גענומען וואַרפן צום סופיט, לייכט, ווי אַ באַלעם. אינגיכן נאָכדעם האָט זיך צוגעטשעפּעט דער נישט אָנגענעמער דאָקטאָר סאָמאָוו, וועלכער האָט געעטעמט מיט אַ ריח פון בראָנפן און הערינג, קלים האָט געמוזט אויסקלערן, אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז אַ קיילעכיקער, ווי אַ פעסל. ער האָט אויסגעקלערט, אַז דער זיידעשי רעדט מיט פיאַלעטע ווערטער. נאָר ווען ער האָט געזאָגט, אַז די מענטשן בייזערן זיך זומערדיק און ווינטערדיק, האָט וואַראַווקעס ספּריטנע טאָכטער, לידאַ, בייז אַ געשריי געטון:

*) בעי — באַטייט אויף רוסיש: שלאָג; ניעפּאַלקוי אַ קאָפּעיקוי — ניע פּאַלקוי, אַ קאָפּעיקוי: נישט מיט קיין שטעקן, נאָר מיט דער קאָפּיקע. — איבערזעצער.

— דאָס האָב איך געזאָגט, איך צום ערשט, נישט ער!

קלים האָט זיך פאַרשעמט, רויט געוואָרן.

אויסצוקלערן איז נישט געווען לייכט, אָבער ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז טאַקע דערפאַר האָבן אַלע אין שטוב, אַ חוץ דעם „עכטן זקן", אים ליבער פון דעם ברודער דמיטרין. אפילו דער דאָקטאָר סאָמאָוו; ווען מען איז געגאַנגען זיך שיפן אויף לאָד־קעס און קלים מיטן ברודער האָבן אים איבערגעיאָגט, האָט אפילו דער מרה־שחורהדיקער דאָקטאָר, וועלכער האָט פויל געשפּרייזט אונטער דער האַנט מיט דער מאַמען, איר געזאָגט:

— אָט, וויערא, גייען צוויי, זיי זענען — צען, ווייל איי־נער פון זיי איז — אַ נול, און דער צווייטער — אַן איינס.

קלים האָט זיך גלייך משער געווען, אַז דער נול איז — דער קיילעכיקער, לאַנגווייליקער ברודער, וואָס איז קאָמיש ענלעך צום פאָטער. פון יענעם טאָג אָן האָט ער אָנגעהויבן רופן דעם ברודער „געלער נול", כאָטש דמיטרי איז געווען אַ ראָזער, בלוי־אויגיקער.

באַמערקנדיק, אַז די דערוואַקסענע דערוואַרטן פון אים תמיד עפּעס, וואָס איז נישטאָ בײַ אַנדערע קינדער, האָט קלים זיך בײַ־מיט, נאָך דער אָוונט־טיי, צו זיצן וואָס מער מיט די דערוואַקסענע בײַ דעם מבול ווערטער, פון וועלכן ער האָט געשעפּט חכמה. אויפ־מערקזאַם הערנדיק די אומענדלעכע וויכּוחים, האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט אַרויסצוכאַפּן די ווערטער, וועלכע האָבן באַזונדער גערײַצט זיין געהער, און פלעגט נאָכדעם פרעגן דעם פאָטער דעם טייטש פון דידאָזיקע ווערטער. איוואַן סאַמגין האָט מיט פרייד דערקלערט, וואָס עס איז אַ מיזאַנטראָפּ, אַ ראַדיקאַל, אַן אַטעיסט, אַ קולטור־טרעגער, און נאָכן דערקלערן געצערטלט דעם זון און אים געלויבט.

— דו ביסט — אַ קלוגער. זײַ נײַגיריק, דאָס איז נוצלעך.

דער פאָטער איז געווען זייער אָן אָנגענעמער, נאָר ווייני־קער אינטערעסאַנט, ווי וואַראַווקאַ. ס'איז שווער געווען צו פאַר־

שטיין, וואָס דער פּאָטער רעדט, ער האָט גערעדט אַזוי פּיל און שנעל, אַז זיינע ווערטער האָבן געשטיקט איינס דאָס אַנדערע, און זיין גאַנץ רעדן האָט דערמאָנט אָן דעם, ווי ס'בלעזלט זיך די שוים פון ביר אָדער קוואַס, אויפהייבנדיק זיך אין העלזל פון אַ פלאַש. ווראַוואָקאַ האָט גערעדט נישט קיין סך און מיט ווערטער גרויסע, אַזויווי אויף די שילדן. אויף זיין רויט פּנים האָבן פּריילעך געפינקלט קליינע, גרינלעכע אייגעלעך, זיין רויטלעכע באָרד איז מיט איר גרויסאַרטיקייט ענלעך געווען צו אַ פוקסן־וויידל, אין דער באָרד האָט זיך באַוועגט אַ גרויסער, רויטער שמייכל; אַ שמייכל געבנדיק, פלעגט ווראַוואָקאַ געשמאַק באַלעקן זיינע ליפּן מיט דער לאַנגער, פעט גלאַנציקער צונג.

ער איז אָן ספק געווען דער סאַמע קלוגסטער מענטש, ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם נישט איינגעשטימט און אַלע געלערנט, אפילו דעם „עכטן זקן", וועלכער האָט אויך נישט געלעבט בשלום מיט אַלעמען, פאָדערנדיק, אַז אַלע זאָלן גיין מיט איין וועג.

— רוסלאַנד האָט איין וועג, — פלעגט ער זאָגן, צוקלאַפּנ־דיק מיטן שטעקן און ווראַוואָקאַ פלעגט שרייען צו אים:

— צי זענען מיר אייראָפּע, צי נישט?

ער האָט תמיד געטענהט, אַז מיטן פויער וועסטו נישט וויט פאָרפאָרן, אַז ס'איז דאָ בלויז איין פערד, וואָס איז מסוגל אַ ריר צו טון דעם וואָגן — די אינטעליגענץ. קלים האָט געוואוסט, אַז די אינטעליגענץ, דאָס איז — דער פאָטער, דער זיידע, די מאַמע, אַלע באַקאַנטע און, באַטירלעך, ווראַוואָקאַ אַליין, וועלכער קאָן רירן אַ וואָסערן ס'זאָל נישט זיין שווערן וואָגן. אָבער ס'איז געווען מאָדנע, וואָס דער דאָקטאָר, אויך זייער אַ שטאַרקער מענטש, האָט נישט מסכים געווען מיט ווראַוואָקען; ביז אַרויסוועצנדיק די שוואַרצע אויגן, האָט ער געשריגן:

— דאָס, פאַרשטייט איר מיך, ווייסט שוין דער רוח וואָס!

אויסגלייכנדיק זיך, ווי אַ סאָלדאַט, האָט מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ שטרענג געזאָגט:

— שעמט זיך, ווראַוואָקאַ!

אָבער טיילמאָל איז זי פייערלעך אַוועקגעגאַנגען אין סאַמע

הייסטן מאָמענט פון וויכוח, נאָר אָפּשטעלנדיק זיך אין דער טיר, אַ רויטע פון כעס, האָט זי געשריגן:

— באַטראַכט אייך, וואַראַוואַ! איר שטייט אויף דער גרע־נעץ פון בגידה!

וואַראַווקאַ, וועלכער איז געזעסן אויף דער שטאַרקסטער שטול, האָט הויך געלאַכט, די שטול אונטער אים האָט געסקריפּעט.

רייבנדיק די ווייכע, וואַרעמע הענט, האָט אָנגעהויבן רעדן דער פאָטער:

— דערלויב, טימאָפעי! פון איין זייט, באַטירלעך, ווען די אינטעליגענט־פּראַקטיקער זאָלן אַריינלייגן זייער ענערגיע אין דעם אינדוסטריע־געביט און זאָלן אַריינדרינגען אין רעגירונגס־אַפּאַראַט... פון דער צווייטער זייט — זענען די געבאָטן פון דער נישט לאַנגסטי־קער פאַרגאַנגענהייט...

— פון אַלע זייטן רעדסטו שלעכט, — האָט געשריגן וואַ־ראַווקאַ און קלים האָט מסכּים געווען: יאָ, דער פאָטער רעדט שלעכט און תּמיד זיך פאַרענטפערנדיק, גלייך ער וואָלט געטון עפּעס אַ חטא. די מוטער האָט אויך איינגעשטימט מיט וואַ־ראַווקען.

— טימאָפעי וואַסיליעוויטש איז גערעכט! — האָט זי אַנט־שלאָסן דערקלערט. — דאָס לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר קאָמפּליצירטער, ווי מען האָט געמיינט. אַ סך, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, גלייבנדיק אויפן וואָרט, דאַרף רעווידירט ווערן.

זי פלעגט רעדן נישט קיין סך, רויק און אָן אומגעווײנלעכע ווערטער, און האָט זיך זעלטן געבייזערט, נאָר תּמיד נישט „זו־מערדיק“, נישט ראַשיק און שטורמיש, ווי לידיעס מוטער, נאָר „ווינטערדיק“. איר שיין פּנים פלעגט בלאַס ווערן, די ברעמען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט; פאַרוואָרפן דעם שווערן, גרויסאַרטיק פאַרקעמטן קאָפּ, האָט זי רויק געקוקט העכער פון דעם מענטש, וועלכער האָט זי דערצערנט און גערעדט עפּעס קורץ, איינפאַך. ווען זי האָט אַזוי געקוקט אויפן פאָטער, האָט זיך קלימען געדאַכט, אַז די שטרעקע צווישן איר און דעם פאָטער פאַרגרעסערט זיך, כאָטש ביידע רירן

זיך נישט פון די ערטער. איינמאָל האָט זי זייער „ווינטערדיק" זיך צעבייזערט אויפן לערער טאָמילין, וועלכער האָט לאַנג און לאַנג־ווייליק גערעדט וועגן צוויי אמתן: וועגן אמת־וואָרהייט און אמת — גערעכטיקייט.

— גענוג! — האָט זי שטיל, אָבער אַזוי, אַז אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, אַ זאָג געטון. — גענוג פּרוכטלאָזע קרבנות. גרויסמוטיקייט איז נאַיוו... ס'איז שוין צייט קלוגער צו ווערן.

— אָבער דו ביסט פון זינען אַראָפּ, וויעראַ! — האָט זיך דערשראָקן מאַריאַ ראָמאַנאָווּנאַ, און איז שנעל אַרויסגעגאַנגען, הויך טופּענדיק מיט די ברייטע, ווי פערדישע קאָפּיטעס, קנאָפּל פון די שיך. קלים האָט נישט געדענקט, אַז די מוטער זאָל ווען ס'איז זיך פאַרלירן, ווי ס'פלעגט אָפט געשעען מיטן פאָטער. בלויז איינמאָל האָט זי זיך פאַרלוירן אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך; זי האָט צוגעשניטן נאַז־טיכלעך, און קלים האָט זי אַ פרעג געטון:

— מאַמאַ, וואָס מיינט מען: „פאַרלאַנג נישט דאָס ווייב פון דיין נאָענטן"?

— פרעג דעם לערער, — האָט זי געזאָגט און באַלד רויט ווערנדיק, האָט זי געשווינד צוגעגעבן:

— ניין, פרעג דעם פאָטער...

ווען מען האָט גערעדט אינטערעסאַנטס און פאַרשטענדלעכס, איז פאַר קלימען געווען באַקוועם, וואָס די דערוואַקסענע האָבן פאַרגעסן אָן אים. נאָר אויב די וויכּוחים האָבן אים איינגעמידט, פלעגט ער תּיכּף דערמאָנען אָן זיך, און די מוטער אָדער דער פאָטער האָבן זיך געחידושט:

— וואָס, דו ביסט נאָך דאָ?

וועגן די צוויי אמתן האָט מען דיספּוטירט לאַנגווייליק. קלים האָט געפרעגט:

— און דורך וואָס וועט מען וויסן, ווען ס'איז אמת, ווען ס'איז נישט אמת?

— האָ? האָט מיט אַ פראַגע און צווינקענדיק אויסגע־רופן דער פּאָטער: — זעט נאָר!

וואַראווקאַ האָט, אַרומנעמענדיק קלימען, אים געענטפערט:

— דעם אמת, ברודער, דערקענט מען לויטן ריח, ער האָט אַ האַרבן גערוך.

— ווי וואָס?

— ווי ציבעלעס, ווי כריין...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, נאָר טאַניאַ קוליקאָוואַ האָט טרויע־ריק געזאָגט:

— אַך, ווי ריכטיק דאָס איז! דער אמת רופט אויך אַרויס טרערן, — יאָ, טאָמילין?

דער לערער האָט שווייגנד, פאַרזיכטיק, זיך אָפּגערוקט פון איר, און בײַ טאַניען האָבן זיך פאַרראָזט די אויערן און, אָנבייגנ־דיק דעם קאָפּ, האָט זי לאַנג, אומבאַוועגלעך אַראָפּגעקוקט אויף דער פּאָדלאָגע, צו זיך אונטער די פיס.

קלים האָט געצווּנגען פרי אָנגעהויבן באַמערקן, אַז אין דעם אמת פון די דערוואַקסענע איז פאַרהאַן עפּעס נישט ריכטיקס, אויס־געטראַכטס. אין זייערע שמועסן האָבן זיי באַזונדער אָפט גערעדט וועגן קייסער און דעם פאָלק. דאָס קורצע, ראַצנדיקע וואָרט — צאַר — האָט נישט אַרויסגערופן בײַ אים קיין שום פאָרשטעלונגען, ביזוואַנען מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ האָט נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט:

— וואַמפּיר.

זי האָט דאָס געזאָגט, אַזוי שטאַרק אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, אַז אירע ברילן זענען אונטערגעשפּרונגען העכער פון די ברע־מען. אינגיכן איז קלים געוויר געוואָרן און אומבאַמערקט פאַר זיך צוגעוואוינט געוואָרן צו קלערן, אַז דער צאַר איז אַ מיליטער־מאַן, זייער אַ שלעכטער און כיטרער: ער האָט נישט לאַנג „אָפּגענאַרט דאָס גאַנצע פאָלק“.

דאָס וואָרט „פאָלק“ איז געווען וואונדערלעך בהרחבהדיק, עס האָט כולל געווען אין זיך די פאַרשידנאַרטיקסטע געפילן. וועגן פאָלק האָט מען גערעדט באַקלאָגלעך און דרך־ארצדיק, פריידיק

און פאַרזאָרגט. טאַניאַ קוליקאָוואַ האָט בפירוש אין עפּעס מקנא געווען דאָס פאָלק. דער פּאָטער האָט עס אָנגערופן „מאַרטירער", און וואַראַווקאַ — ליפּן־פּאַטשער. קלים האָט געוואוסט, אַז דאָס פאָלק — דאָס זענען די פּויערן און פּויערטעס, וואָס וואוינען אין דערפער, זיי קומען צו פאָרן יעדן מיטוואָך אין שטאָט אַריין פאַר־קויפן האָלץ, שוואָמען, קאַרטאָפל און קרויט. אָבער דאָסדאָזיקע פאָלק האָט ער נישט באַטראַכט אַלס יענץ, דאָס עכטע, וועגן וועלכן מען רעדט אַזוי פיל און זאָרגעוודיק, מען פאַרפאַכט לידער, וועל־כעס אַלע האָבן ליב, באַדויערן און אַלע אָן אויסנאַם ווינטשן עס גליק.

דאָס עכטע פאָלק האָט קלים זיך אויסגעמאָלט ווי אַן אומצייל־באַ־רע מענגע מענטשן פון אַן אומגעהייערן וואוקס, אומגליקלעכע און שרעקלעכע, ווי דער משונהדיקער בעטלער וואַווילאָוו. דאָס איז געווען אַ הויכער זקן מיט אַ שייטל האָר, געקרייזלטע, פּונקט ווי שעפּסן־פעל, די קויטיק־גרויע באָרד האָט פאַרוואַקסן זיין פּנים פון די אויגן ביזן האַלז, דאָס טונקל־בלויע בערגל פון דער נאָז איז קוים קענטיק אויפן פּנים, דאָס מויל זעט מען אינגאַנצן נישט אָן, און אויפן אָרט פון די אויגן לייכטן צעבראָכענע מאַ־טע גלעזלעך. באַר יוען וואַווילאָוו פלעגט ריטשען אונטערן פענצטער:

— האַר יעזוס קריסטוס, געטלעכער זון, דערבאַרעם זיך אויף אונז! — פלעגט אין זיין געדיכטער באָרד זיך אויפעפענען אַ פינ־צטער לאָך, דאָרטן האָבן דראָענד געשטאַרט דריי שוואַרצע ציין, און שווער האָט זיך גערירט די צונג, אַ גראָבע און קיילעכיקע, ווי אַ שטייסל.

די דערוואַקסענע האָבן גערעדט וועגן אים מיט רחמנות, גע־געבן אים די נדבה מיט דרך־ארץ; קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען עפּעס שולדיק קעגן דעמדאָזיקן בעטלער, און, מעגלעך, האָבן אפילו מורא פאַר אים, פּונקט אַזוי, ווי קלים האָט פאַר אים מורא געהאַט. דער פּאָטער פלעגט זיך אַנטציקן:

— דאָס איז אַ באַליידיקטער איליאַ מוראָמעץ, אַ שטאָלצע פאָלקס־קראַפט! — האָט ער געזאָגט.

אָבער די ניאַניע יעוועניאַ, אַ קיילעכדיקע און גראָבע, ממש ווי אַ פּאַס, פּלעגט שרייען, ווען די קינדער האָבן גע־שטיפט:

— איך וועל באַלד אַריינרופן וואָווילאַיין!

לויט אירע דערציילונגען איז דערדאָזיקער בעטלער געווען אַ גרויסער בעל־עבירהניק און אַ גנב; אין דעם הונגער־יאָר האָט ער פאַרקויפט מענטשן מעל מיט זאַמד, מיט קאַלך, האָט געהאַט אַ פּראָצעס פאַר דעם, געפּטרט דאָס גאַנצע געלט זיינס אויף אונטער־קויפן די ריכטער און כאָטש ער וואָלט געקאָנט לעבן אין באַשיי־דענער אָרעמקייט, בעטלט ער פונדעסטוועגן.

— דאָס טוט ער אויס ביזקייט, כדי צו ווייזן די מענטשן, — האָט זי געזאָגט און קלים האָט איר מער געגלייבט, ווי דעם פאָ־טערס דערציילונגען.

ס'איז זייער שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס דאָס פאָלק. איינמאָל, זומער, איז קלים, דמיטרי און דער זיידע געפאָרן אין אַ דאָרף אַריין אויף אַ יאַריד. קלימען האָט זייער פאַרוואונדערט דער ריזיקער עולם יום־טובדיק אָנגעטוענע פויערטעס און פויערן, ס'האָט אים געוואונדערט די גרויסע צאָל האַלב־שיכורע, זייער פריילעכע און גוטמוטיקע מענטשן. מיט דעם ליד, וואָס דער פאָטער האָט אים געהייסן זיך אויסלערנען און דע־קלאַמירן עס פאַר די געסט, האָט קלים געפרעגט דעם זיי־דעשי:

— וואָו זשע איז דאָס עכטע פאָלק, וואָס קרעכצט איבער פעלדער, איבער וועגן, איבער טורמעס, איבער תפיסות, אונטערן וואָגן נעכטיקנדיק אין סטעפּ?

דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַ מאַך געבנדיק מיטן שטעקן אויף די מענטשן:

— אָט דאָס איז עס דאָך טאַקע, נאַרעלע!

קלים האָט נישט געגלייבט. נאָר ווען ס'האָבן געברענט די הייזער הינטער דער שטאָט, און טאָמילין האָט מיטגענומען קלימען צו קוקן אויף דער שׂרפה, האָט דאָס יינגל איבערגעחזרט זיין פראַגע.

אין דעם געדיכטן עולם צוקוקער האָט קיינער נישט געוואָלט פּאָמפּעווען קיין וואַסער. פּאָליציאַנטן האָבן בּאַ די קעלנער אַרויס־געכאַפּט פון דעם עולם די אָרעם געקליידטע און מיט די פּויסטן זיי געטריבן צו די מאַשינען.

— סאַראַ פּאָלק, — האָט אַרויסגעוואָרטשעט דער לערער, פאַרקרומענדיק דאָס פּנים.

— דאָס איז דען דאָס פאָלק? — האָט קלים אַ פרעג גע־טון.

— נאָר ווער דען, מיינסטו?

— און די פייערלעשער זענען אויך — דאָס פאָלק?

— געוויס. נישט קיין מלאכים.

— פאַרוואָס־זשע לעשן בלויז די פייערלעשער די שׂרפה, און דאָס פאָלק לעשט נישט?

טאָמילין האָט לאַנג און לאַנגווייליק גערעדט וועגן צוקוקער און טוער, אָבער קלים האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען און גע־פרעגט:

— אָבער ווען קרעכצט דאָס פאָלק?

— איך וועל דיר דערנאָך דערציילן וועגן דעם, — האָט צו־געזאָגט דער לערער און פאַרגעסן צו דערציילן.

דאָס סאַמע באַדייטנדיקסטע און זייער נישט אָנגענעמע וועגן פאָלק האָט קלימען דערציילט דער פאָטער. אין בּין־השמשות פון אַ האַרבסטיקן אָוונט איז ער, אַ האַלב אויסגעטועטער און אַ ווייַ־כינקער, ווי אַ קליין הינדעלע, בּנעימותדיק געלעגן אויף דער סאָ־פע, — ער האָט געקענט ליגן וואונדערלעך בּנעימותדיק. קלים איז געלעגן מיטן קאָפּ אויף זיין ווייכהאָריקער ברוסט, און געגלעט מיט דער האַנט דעם פאָטערס לאָשענע באַקן, שטייפע, ווי אַ בייער גו־מי־באַלעם. דער פאָטער האָט געפרעגט: וואָס האָט היינט דערציילט די באָבעשי אויף דער לעקציע פון רעליגיע?

-- וועגן עקדת יצחק.

— אהאַ. ווי אַזוי־זשע האָסטו דאָס פאַרשטאַנען?

— קלים האָט דערציילט, אַז גאָט האָט געהייסן אברהמען שעכטן יצחקן, אָבער ווען אברהם האָט געוואָלט שע־טן, האָט גאָט

געזאָגט: מען דאַרף נישט, שעכט בעסער אַ באַראַן. דער פֿאָטער האָט געלאַכט אַ ביסל, נאָר דערנאָך האָט ער, אַרומנעמענדיק דעם זון, אים מסביר געווען, אַז אין דערדאָזיקער געשיכטע באַדאַרף מען פֿאַרשטיין:

— אַן אַנדערן מיין. גאָט, דאָס איז דאָס פֿאָלק, אברהם — דער פֿאָלקס־פֿירער; דעם זון זיינעם גיט ער אַוועק פֿאַר אַ קרבן נישט גאָט, נאָר דעם פֿאָלק. זעסטו, ווי פּשוט?

יאָ, דאָס איז געווען זייער פּשוט, אָבער ס'איז דעם יינגל נישט געפעלן געוואָרן. אַ קלער געבנדיק, האָט ער געפרעגט:

— אָבער דו זאָגסט דאָך, אַז דאָס פֿאָלק איז — אַ מאַר־טירער?

— נו, יאָ! דעריבער טאַקע פֿאָדערט עס קרבנות. אַלע ליידנ־דיקע פֿאָדערן קרבנות, אַלע און תמיד.

— נאָכוואָס?

— נאַרעלע! כדי נישט צו ליידן. דאָס הייסט, — אַז מען זאָל זיי, דאָס פֿאָלק, אויסלערנען לעבן, נישט ליידנדיק. קריסטוס איז אויך אַ יצחק, גאָט — דער פֿאָטער האָט אים אַוועקגעגעבן פֿאַר אַ קרבן דעם פֿאָלק. פֿאַרשטייסט: דאָ איז דאָס זעלביקע מעשהלע וועגן עקדת יצחק.

קלים האָט אויפסניי זיך פֿאַרטראַכט, און נאָכדעם פֿאַרזיכטיק אַ פרעג געטון:

— דו ביסט — אַ פֿאָלקס־פֿירער?

דאָס מאָל האָט זיך פֿאַרטראַכט דער פֿאָטער, פֿאַרזשמורענ־דיק אַן אויג. נאָר געטראַכט האָט ער נישט לאַנג.

— פֿאַרשטייסט, מיר אַלע זענען — יצחקס. יאָ. למשל: דער פֿעטער יאַקאָוו, וועלכער איז פֿאַרשיקט געוואָרן, מאַריאַ ראָמאַנאָוו־נאַ און בכלל — אונזערע באַקאַנטע. נו, נישט גאָר אַלע, אָבער דאָס רוב אינטעליגענטן איז מחויב צו ברענגען זייערע כּוחות פֿאַר אַ קרבן דעם פֿאָלק...

דער פֿאָטער האָט לאַנג גערעדט, אָבער דער זון האָט אים שוין נישט געהערט, נאָר פֿון דעמדאָזיקן אָוונט אָן איז דאָס פֿאָלק דערשינען פֿאַר אים אין אַ נייער באַלויכטונג, נישט אין קיין ווײַ־

ניקער געפּלהאַפּטער, ווי פריער, נאָר נאָך אין אַ מער מורא־דיקער.

און בכלל, וואָס ווייטער, אַלץ שווערער איז געוואָרן צו פאַרשטיין די דערוואַקסענע, — שווערער צו גלייבן זיי. דער „עכּ־טער זקן" האָט זייער שטאַלצירט מיט זיין שולע פאַר יתומים, ער פלעגט אינטערעסאַנט דערציילן וועגן איר, אָבער אַנומלט האָט ער געברענגט צו פירן די אייניקלעך צו דער יום־טובדיקער „כאַינקע" אין דערדאָזיקער געלויבטער שולע אַריין, און קלים האָט דערזעען עטלעכע צענדליק אויסגעדאַרטע ייִנגלעך, געקליידטע אין געשטרייפּ־טע בגדים, ווי ס'גייען אָנגעטון פּרויען־אַרעסטאַנטינס. אַלע ייִנגלעך האָבן געהאַט געגאָלטע קעפּ, באַ אַ סך זענען געווען אויף די פּנימער שקראָבלדיקע געשווירן און אַלע זענען ענלעך געווען צו לעבעדיק געוואָרענע זעלנערלעך פון בליי. שטייענדיק אַרום דער נישט שיי־נער כאַינקע אין דריי רייען, אין דער פאָרם פונם אות ח, האָבן זיי געקוקט אויף איר גיריק, דערשראָקן און אומעטיק. ס'איז אַריינ־געקומען אַ דיק מענטשל מיט אַ באַקעטן שאַרבן, מיט אַ געל פּנים אָן וואָנסעס און ברעמען, גלייך ער וואָלט אויך געווען אַ קריפּלהאַפּט געשוואָלן ייִנגל; ער האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט און אַלע געשטרייפּטע האָבן פאַרצווייפלט אַרויסגעזונגען:

„אַ דו פרייהייט, פרייהייט מיינע,
פרייהייט גאָלדענע דו מיין!"

אויפעפענענדיק די מיילער, פונקט ווי פיש אויף דער יבשה, האָבן די ייִנגלעך געלויבט דעם צאַר:

„ס'האָט, הפנים, אונזער פאָטער
זיך דערוואוסט פון אונזער וויי,
ס'האָט, הפנים, אונזער שפּייזער
שוין פאַרנומען דאָס געשריי".

דאָס איז געווען זייער באַטויבנדיק, און ווען די ייִנגלעך האָבן געענדיקט דאָס זינגען, איז געוואָרן זייער דושנע. דער „עכּ־

טער זקן״ האָט אָפּגעווישט מיטן טיכל זיין פאַרשוויצט פּנים, קלי־מען האָט זיך געדאַכט, אַז אַ חוץ שוויס רינען אויך איבערן זיידנס פּנים טרערן. אויפן צעטיילן די מתּנות האָבן זיי נישט געוואַרט, קלימען האָט אָנגעהויבן ווי טון דער קאָפּ. אויפן וועג האָט ער געפרעגט דעם זיידן:

— זיי האָבן ליב דעם צאַר?

— ס׳פאַרשטייט זיך, — האָט דער זיידעשי געענטפערט, נאָר באַלד ביין צוגעגעבן: — זיי האָבן ליב מיענטאָווע קיכלעך.

און, שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— זיי האָבן ליב צו עסן.

ס׳איז נישט באַקוועם געווען אַ קלער צו טון, אַז דער זיידע איז אַ באַרימער. אָבער קלים האָט דאָס אַ קלער געטון.

די באָבעשי, אַ דיקע און חשיבותדיקע, איז געגאַנגען אָנגע־טון אין אַ רויטלעכן קאַשמירענעם קאַפּאָט, זי האָט אויף אַלעם געקוקט דורך אַ גאָלדענעם לאָרנעט און גערעדט מיט אַ צעצוי־גענער, מוסרדיקער שטימע:

— באַ מיר אין הויז איז אַמאָל...

אַלץ, וואָס איז געווען באַ איר אין הויז, איז געווען מערק־ווירדיק, לעגענדאַריש גוט, לויט אירע ווערטער, נאָר דער זיידע האָט איר נישט געגלייבט און שפּאָטיש געוואָרטשעט, צוואַרפנדיק מיט די דאַרע פינגער זיינע גרויע באַקנבערד.

— באַ אייך, סאָפיאַ קיריל אָוונאַ, איז אפנים געווען אַ גן־עדנדיק לעבן.

די שווערע נאָז באַ דער באָבעשי האָט באַליידיקט זיך גע־רויטלט און זי פלעגט אַוועקשווימען געלאַסן, ווי אַ וואָלקן באַם זון־פאַרגאַנג. תּמיד געפינט זיך אין איר האַנט אַ פראַנצויזיש ביכל, מיט אַ גרין, זיידן בענדל צום פאַרלייגן, אויפן בענדל זענען אויס־געהאָפטן שוואַרצע ווערטער:

— „גאָט — ווייסט, דער מענטש איז זיך נאָר משער״.

די באָבעשי האָט קיינער נישט ליב געהאַט. זעענדיק דאָס, האָט קלים זיך אָנגעשטויסן, אַז ער וועט נישט שלעכט טון, ווייזנ־

דיק, אַז בלויז ער האָט ליב די איינזאַמע זקנה. ער פלעגט גערן הערן אירע דערציילונגען וועגן דעם געהיימנישפולן הויז. נאָר אין איר געבורטס־טאָג האָט די באָבעשי געפירט קלימען שפּאַצירן און אין איינער פון די שטאָטישע גאַסן האָט זי אין דער טיף פון אַ גרויסן הויף אים אָנגעוויזן אַן אומגעלומפּערטע, גרויע, אַלטע געביידע מיט פינף פענצטער, צעטיילטע דורך דריי קאָלומנעס, מיט אַן איינגעפאַלענעם גאַנעק, מיט אַ דאַך־שטיבל פון צוויי פענצטער.

— דאָס איז מיין הויז.

די פענצטער זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, דער הויף איז פאַרלייגט געווען מיט אַ מאַסע האַלב־צעבראָכענע פעסער און קוישן פון ליידיקע פלעשער און פאַרשאָטן מיט שטיקלעך פלאַשן־גלאָז. אינמיטן הויף איז געזעסן אַ הונט, אַרויסבייסנדיק פון ווידל שטעכלקעס. און אַן אַלטיטשקער פון דעם קלימען דערע־סענעם בילד פונם מעשהלע „וועגן פישער און דעם פישעלע״ — אַקוראַט אַזאַ צעשויבערטער אַלטיטשקער, ווי דער הונט, — האָט, זיצנדיק אויף די שטיגן פון גאַנעק, געקייעט ברויט מיט אַ גרינער ציבעלע.

קלים האָט געוואָלט דערמאָנען די באָבעשי, אַז זי האָט אים דערציילט נישט וועגן אַזאַ הויז, אָבער אַ קוק געבנדיק אויף איר, האָט ער געפרעגט:

— פון וואָס וויינסטו?

די באָבעשי האָט נישט געענטפערט, אויסווישנדיק די טרערן פון די אויגן מיט אַ קליינטשיק טיכעלע, וואָס איז אַרומגענייט גע־ווען מיט שפּיצן.

יאָ, אַלץ איז נישט געווען אַזוי, ווי ס'האָבן דערציילט די דער־וואַקסענע. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דעמדאָזיקן חילוק פאַר־שטייען בלויז צוויי, — ער און טאָמילין, — „די פּערזענלעכקייט מיט אַן אומבאַוואוסטער מיסיע״, ווי וואַראַוואָקאַ האָט אַ נאָמען גע־געבן דעם לערער.

אין דעם לערער האָט קלים געזען עפּעס געהיימנישפולס. ער איז געווען אַ קליינוואוקסיקער, אַ קנאָכיקער, מיט אַ רויטלעך, אינ־

צווייען צעשפּאָלטן בערדל און מיט האָר פון קופּער־קאָליר ביז די אַקסלען; דער לערער האָט אויף אַלעם געקוקט זייער אויפמערקזאַם און אַזוי וויפונוויטנס. די אויגן זענען בײַ אים געווען אומגעווייב־לעך: אויף די ווייסלעך פון טונקל־מעל־קאָליר האָבן די רעליעפע, גאָלדיקע אפּלען זיך אויסגעוויזן ווי אַרויפגעקלעבטע. געגאַנגען איז טאַמילין אין אַ לוויזער בלוזע פון עפּעס זייער אַ האַרטן שטאָף, אין שווערע, פויערישע שטיוול, אין שוואַרצע הויזן. זיין פּנים האָט דערמאָנט אָן אַ בילד פון אַ הייליקן. מערקווירדיקער פון אַלעם זע־נען געווען די נישט אָנגענעם רויטע, שרעקעוודיקע הענט בײַם לע־רער. די ערשטע טעג פון דער באַקאַנטשאַפט האָט קלים געמיינט, אַז טאַמילין איז האַלב־בלינד, ער זעט אַלע זאַכן נישט אַזוי, ווי זיי זענען, נאָר גרעסער אָדער קלענער, דערפאַר טאַקע רידט ער זיך צו צו זיי אַזוי פאַרזיכטיק, אַז ס'איז אַזש קאָמיש געווען דאָס צו זען. אָבער דער לערער האָט נישט געטראָגן קיין ברילן, און תמיד האָט דווקא ער געלייענט הויך די פּיאַלעטע העפטן, נישט אַנטשלאָסן איבערמישנדיק, גלייך ער וואָלט דערוואַרט, אַז דאָס פּאַפּיר וועט זיך אָנצינדן אונטער זיינע צעגליטע פינגער. ער האָט געוואוינט בײַ סאַמגינען אינם דאַך־שטיבל שוין דאָס צווייטע יאָר, נישט ענדערנדיק זיך אין גאַרנישט, אַקוראַט, ווי ס'האָט זיך פאַר דער צייט נישט געענדערט דער סאַמאָוואַר.

נאָך דער טיי, ווען די דינסט מאַלאַשאַ האָט אַראָפּגענומען דאָס געשיר, פלעגט דער פאָטער אוועקשטעלן פאַר טאָמילינען צוויי סטעאַרין־ליכט, אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, וואַראַווקאַ האָט זיך געקרומט, גלייך ער וואָלט באַדאַרפט אײַנבעמען ריצנ־אייל, ער האָט זיך געקרומט און ברוגזדיק געפרעגט:

— וואָס, ווידער לייענען די הויכע חכמות פון דעם ליכטיקן גראַף?

דערנאָך פלעגט ער זיך באַהאַלטן הינטער דעם קלאַוויר, אַריינזעצנדיק זיך דאָרט אין אַ לעדערנעם פאָטעל, האָט פאַר־רייכערט אַ ציגאַר און אינם רויך האָבן טויב געקלונגען זיינע ווערטער:

— קינדעריי. ער קונדייסעוועט, דער פריץ.

— אַ דענקער, — האָט אויך נישט באַגיטיקענד געמרוקעט דער דאָקטאָר, צוזופנדיק ביר.

דער דאָקטאָר איז נישט אָנגענעם, ער איז, ווי ער וואָלט לאַנג געלעגן אין אַ קעלער, דאָרט דורכגענעצט געוואָרן, באַוואַקסן געוואָרן מיט שווארצן שימל און ביז געוואָרן אויף אַלע מענטשן. ער איז, משמעות, נישט קיין קלוגער, אפילו קיין גוט ווייב האָט ער נישט געקאָנט אויסקלויבן, דאָס ווייב זיינס איז אַ קליינטשיקע, נישט קיין שיינע און אַ שלעכטע. גערעדט האָט זי זעלטן און קאַרג; זי גיט אַ זאָג צוויי-דריי ווערטער און ווערט אויף לאַנג אַנטשוויגן, קוקנדיק אין ווינקל אַריין. מיט איר האָט מען זיך נישט געשפּאַרט און בכלל פלעגט מען אָן איר פאַרגעסן, גלייך זי וואָלט גאָרנישט געווען; טיילמאָל האָט זיך קלימען אויסגעוויזן: מען פאַרגעסט אָן איר בכיוון, ווייל מען האָט מורא פאַר איר. נאָר איר געבראָכענע שטימע פלעגט תמיד באַמרויקן קלימען, בייטנדיק אים צו דער־ווארטן, אז דידאַזיקע שפּיציק-נאַזיקע פרוי וועט זאָגן עפּעס אַזוינע אומגעווינלעכע ווערטער, ווי זי האָט עס שוין געטון.

איינמאָל איז ווארַאווקאַ פּלוצלינג אין כעס געוואָרן, האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער שווערער האַנט איבערן צודעק פון קלאַ־וויר און אַ זאָג געטון, פּונקט ווי אַ דיאַקאָן:

שטותים! איטלעכער פּאַרנונפטיקער מענטשלעכער טאַט וועט אומפאַרמיידלעך זיין אַ פאַרגוואַלטיקונג איבער אַנדערע אָדער איבער זיך אַליין.

קלים האָט דערוואַרט, אז ווארַאווקאַ וועט נאָך זאָגן:

— אמן! — אָבער ער האָט נישט באַוויזן גאָרנישט צו זאָגן, וואָרים דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעוואָרטשעט:

— ער איז נאַיוו, דער גראַף, ער האָט נישט געלייענט דאַר־ווינען.

— דאַרווין איז — אַ טייוול, — האָט הויך אַ זאָג געטון זיין ווייב; דער דאָקטאָר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אַזוי, גלייך מען וואָלט אים אַ קלאַפּ געטון איבערן קאַרק, און האָט שטיל אַרויסגעבורטשעט:

— בלעמס אייזל...

אויף וואראווקען האָט געשריגן מאַריאַ ראָמאַנאָווגאַ, אָבער דורך איר בייז געשריי האָט קלים געהערט דער דאָקטאָרינס פאַר־עקשנטע קול:

— ער האָט איינגערעדט, אַז דאָס געזעץ פון לעבן איז — שלעכטס.

— גענוג, אַננאַ, — האָט געוואָרטשעט דער דאָקטאָר, און דער פאָטער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַרן זיך מיטן לערער וועגן עפּעס אַ היפּאָטעזע, וועגן מאַלטוסן; וואראַווקאַ איז אויפגעשטאַ־נען און אַוועקגעגאַנגען, שלעפּנדיק נאָך זיך אַ סטענגע רויך פון ציגאַר.

וואראַווקאַ איז געווען דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער און פאַרשטענדלעכסטער פאַר קלימען. ער פלעגט נישט באַהאַלטן, אַז אים געפעלט אַ סך מער צו שפּילן אַ פּרעפעראַנס, ווי הערן לייע־נען. קלים האָט געפילט, אַז דער פאָטער שפּילט אויך גערנער אין קאָרטן, ווי ער הערט לייענען, אָבער דער פאָטער האָט זיך קיינ־מאָל נישט מודה געווען דערין. ווארַאווקאַ האָט געקענט רעדן אַזוי גוט, אַז זיינע ווערטער האָבן זיך געלייגט אין זכרון אריין, ווי זיל־בערנע צענערלעך אין אַ זאַמל־קאַסעלע. ווען קלים האָט אים גע־פרעגט: וואָס איז אַזוינס היפּאָטעזע? — האָט ער גלייך געענט־פערט:

— דאָס איז אַ הינטל, מיט וועלכן מען יאָגט זיך נאָך דעם אמת.

ער איז געווען פרייליכער פון אַלע דערוואַקסענע און פלעגט אַלע געבן קאָמישע צונעמען.

קלימען פלעגט מען שיקן שלאָפן פריער, איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לייענען אָדער דער פּרעפעראַנס, אָבער דאָס יינגל האָט זיך תמיד איינגעשפּאַרט און געבעטן:

— איך וועל נאָך אַ ביסל זיצן, נאָך אַ ביסעלע!

— ניין, — ווי ער האָט ליב די געזעלשאַפט פון דערוואַק־סענע! — האָט זיך געוואונדערט דער פאָטער. נאָך דידאַזיקע ווער־טער איז קלים רויק געגאַנגען אין זיין צימער אריין, וויסנדיק, אַז ער האָט שוין געטון דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, — ער האָט גע־

צוואונגען די דערוואַקסענע נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם צו ווערן אויף אים.

אָבער טיילמאָל האָט דער פאָטער געבעטן:

— נו, דעקלאַמיר אונז נאָר די „דמיונות", הייב אָן פון דער שורה:

„די, וואָס באַטראַכסט אַלס רייצנדיק לעבן".

קלים האָט אויסגעצויגן די רעכטע האַנט אין דער לופט, מיט דער לינקער זיך געהאַלטן באַם פּאַסיק פון די הויזן און, אַנכמו־רענדיק זיך, דעקלאַמירט:

„דאָס קוויקען זיך מיט אומפאַרשעמטער הניפה,
דאָס ארומוואַלגערן, איבערפרעסן, ווילן זיך.
דערוואַך !"

וואַראַווקאַ האָט געלאַכט ביז טרערן, די מוטער האָט נישט גערן געשמייכלט, און מאַריאַ ראָמאַנאָווגאַ האָט נביאיש, מיט אַ שטילער שטימע איר געזאָגט:

— ער וועט זיין אַן ערלעכער מענטש.

קלים האָט געזעען, אַז די דערוואַקסענע דערהייבן אים אַלץ העכער איבער די איבעריקע קינדער, דאָס איז געווען אַנגענעם. אָבער מאַנכעס מאָל האָט ער שוין געפילט, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון די דערוואַקסענע שטערט אים אַ ביסל. ס'זענען געווען צייטן, ווען ער האָט אי געוואָלט, אי געקענט זיך שפּילן פּונקט אַזוי, זעלבסט־פאַרגעסעריש, ווי דער געלאַקטער, מיט דער האַרבאַטער נאָז, באָ־ריס וואַראַווקאַ און זיין שוועסטער, ווי דער ברודער דמיטרי און דעם דאָקטאָר סאָמאָווס וויים־ברעמיקע טעכטער. אַקוראַט, ווי זיי אַלע, פלעגט קלים פאַרשכורט ווערן פון אויפגערעגטקייט און זיך פאַרלירן אין די שפּילערייען. אָבער קוים פלעגט ער נאָר באַמערקן, אַז עמעצער פון די דערוואַקסענע זעט אים, איז ער גלייך ניכטער געוואָרן פון דער מורא, אַז דאָס עקזאַלטירן זיך מיטן שפּילן שטעלט אים אַראָפּ אין דער רייע פון די געוויינלעכע קינדער. אים האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז די דערוואַקסענע קוקן אים נאָך, דערוואַרטן פון אים אויסטערלישע ווערטער און האַנדלונגען.

צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויך באַמערקט, אַז די קינדער
האָבן וואָס אַמאָל אָפּענער אים נישט ליב. זיי האָבן געקוקט אויף
אים מיט נייגיריקייט, ווי אויף אַ פרעמדן און דעסגלייכן, ווי די דער=
וואַקסענע, האָבן זיי דערוואַרט פון אים עפּעס פּאָקוסן. אָבער זיינע
זכמהדיקע ווערטלעך און פראַזן האָבן געוועקט באַ זיי אַ שפּאָטישע
קילקייט, אַן אומצוטרוי צו אים, און, נישט איינמאָל, אפילו פיינד=
שאַפט. קלים האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זענען זיי מקנא זיין
רום, דעם רום פון דעם אויסערגעוויינלעך פעיקן יינגל, אָבער דאָך
האָט אים דאָס באַליידיקט, אַרויסרופנדיק אין אים דאָ טרויעריקייט,
דאָ בייזקייט. אים האָט זיך געוואָלט באַקעמפן די אומפריינדלעכ=
קייט פון די חברים, אָבער ער האָט זיך באַמיט דאָס צו טון בלויז
דערמיט, וואָס ער האָט נאָך מיט מער פלייס ווייטער געשפּילט די
ראָלע, וואָס די דערוואַקסענע האָבן אים אָנגעהאָנגען. ער האָט גע=
פּרוווט קאָמאַנדעווען, לערנען, און — אַרויסגערופן אַ בייזן ווי=
דערשטאַנד פון באָריס וואַראַווקאַ. דאָסדאָזיקע פלינקע, פלאַם=פייער=
דיקע יינגל האָט געשראָקן און אפילו אָפּגעשטויסן קלימען מיט זיין
העז־שעריישן כאַראַקטער. אין זיינע אויפטועכצן איז תמיד געווען
עפּעס סכנהדיקס, שווערס, נאָר ער האָט געצוואונגען צו געהאָרכן
אים און אין אַלע שפּילערייען פלעגט ער זיך באַשטימען די ערש=
טע ראָלן. ער פלעגט זיך באַהאַלטן אין נישט צוטריטלעכע ערטער,
איז געקראָכן ווי אַ קאַץ איבער די דעכער, איבער דיביימער; אַ
בויגיקער, פלעגט ער קיינמאָל נישט לאָזן זיך כאַפּן און דערפירנדיק
די קעגנערישע פּאַרטיע שפּילערס ביז פאַלן פון די פיס, ביז אָפּ=
זאָגן זיך פון שפּיל, פלעגט ער חוזק מאַכן פון די באַזיגטע.

— וואָס — איר האָט פאַרשפּילט, איר גיט זיך אונטער? עך,
איר...

קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז באָריס קלערט קיינמאָל וועגן
גאָרנישט, וויסנדיק פּאָרויס, ווי אַזוי און וואָס מען דאַרף צו טון.
נאָר איינמאָל, צעבייזערט פון די חברימס פלעגמאַטישקייט, האָט ער
אַ טרוים געטון:

— זומער וועל איך מיר שאַפן גוטע שונאים פון די יינג=

לעך פון דער קינדערהיים, אָדער פון דעם וואַרשטאַט כ׳װן די אײ־
קאַנע־מאָלערס און װעל זיך שלאָגן מיט זײ, און פון אײך — װעל
איך אַװעקגײן...

קלים האָט געפילט, אַז דער קלײנער װאַראװקאַ האָט אים
עקשנותדיקער און מער אָפן נישט ליב, װי די אַנדערע קינדער.
אים איז זײער געפעלן לידאַ װאַראװקאַ, דאָס דינע מײדעלע, די
ברוינפּנימדיקע, גרויסאױגיקע, מיט די צעשױבערטע, שװאַרצע, גע־
קרײזלטע האָר. זי איז װאונדערבאַר געלאָפן, לײכט אָפּשפּרינגענ־
דיק פון דער ערד, גלײך זי װאָלט זי נישט אָנ ערירט; אַ חוץ
דעם ברודער האָט קײנער זי נישט געקאָנט נישט כאַפּן, נישט אײ־
בעריאָגן. און פּונקט, װי דער ברודער, האָט זי תמיד זיך אויסגע־
קליבן די ערשטע ראָלן. אַז זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אָן עפּעס,
צעדראַפּעט זיך דעם פוס, די האַנט, צעהאַקט זיך די נאָז, האָט זי
קײנמאָל נישט געװײנט, נישט געאָכצט, װי ס׳פּלעגן עס טון די
סאָמאָװס מײדעלעך. נאָר זי איז געװען כמעט קרענקלעך פּילבאַר
אויף קעלט, זי האָט נישט ליב געהאַט קײן שאָטן, קײן פינצטער־
ניש און אין אַ מיאוס װעטער פלעגט זי אומדערטרעגלעך קאַפּרי־
זעװען. װינטער פלעגט זי אײנשלאָפן, װי אַ פליג, זיצן אין שטוב,
כמעט נישט אַרויסגײענדיק שפּאַצירן, און האָט בײז זיך געקלאָגט
אויף גאָט, װעלכער פאַרשאַפט איר גאָר בחינם עגמת-נפש, אַראָפּ־
שיקנדיק אויף דער ערד רעגן, װינט, שנײ.

װעגן גאָט האָט זי גערעדט, װי װעגן אַ גוטהאַרציקן און גוט
באַקאַנטן זקן, װעלכער װאוינט ערגעץ דאָ נאָענט און קאָן טון
אַלץ, װאָס ער װיל, אָבער טוט אָפט נישט אַזוי. װי מען דאַרף.

— קײן גאָט איז לגמרי נישטאָ, — האָט דערקלערט קלים. —
דאָס מײנען נאָר זקנים און זקנות, אַז ער איז דאָ.

— איך בין נישט — קײן זקנה, און פּאַװליאַ איז נאָך
אויך — אַ ײנגע, — האָט רויק געענטפערט לידאַ. — איך מיט
פּאַװליען האָבן אים זײער ליב, נאָר די מאַמע איז בײז אויף אים,
װאָרים ער האָט זי אומגערעכט געשטראָפט און זי זאָגט, אַז גאָט
שפּילט זיך מיט די מענטשן, װי באָריס מיט זײנע זעלנערלעך.

די מוטער אירע האָט לידאַ זיך פאָרגעשטעלט אַלס מאַרטי־

רערין; מען ברענט איר דעם רוקן מיט אַן אָנגעגליט אייזן, מען שפריצט איר אַריין אונטער דער הויט רפואות און מען פייניקט זי דורך פאַרשידענע אופנים.

— דער פּאַפּאַ וויל, אַז זי זאָל אָװעקפאָרן קיין אויסלאַנד, נאָר זי וויל נישט, זי האָט מורא, אַז אָן איר וועט דער פאַפּאַ אונ־טערגיין. באַטירלעך קאָן דער פּאַפּאַ נישט אונטערגיין. אָבער ער שפּאַרט זיך נישט מיט איר, ער זאָגט, אַז קראַנקע טראַכטן תּמיד אויס עפּעס אַזעלכע שרעקלעכע נאַרישקייטן, ווייל זיי האָבן מורא צו שטאַרבן.

מיטן דאָזיקן מיידעלע איז קלימען געוועזן לייכט און אָנגע־נעם, פּונקט אַזוי אָנגענעם, ווי הערן די ניאַניעס יעווגעניעס מעשה־לעך. קלים האָט פאַרשטאַנען, אַז לידיאַ זעט נישט אין אים קיין מערקווירדיק ייִנגל, אין אירע אויגן וואַקסט ער נישט, נאָר פאַר־בלייבט אַלץ דער אייגענער, ווי ער איז געווען מיט צוויי יאָר צו־ריק, ווען די וואַראַוקעס האָבן געדונגען די דירה. ער פלעגט זיין אין פאַרלעגנהייט און האָבן פאַריבל, זעענדיק, אַז דאָס מיידעלע קערט אים צוריק צום קינדישן, צום נאַרישן, אָבער ער אז נישט געווען ביכולת, נישט געקענט זי איבערצייגן אין זיין וויכטיקייט; דאָס איז שוין דערפאַר שווער געווען, וואָס לידיאַ האָט געקאָנט רעדן אָן אויפהער אַ גאַנצע שעה, אָבער האָט אים נישט געהערט און נישט געענטפערט אויף די פראַגן.

אָפטמאָל אין די אָוונטן, ווערנדיק מיד פון שפּילן, פלעגט זי ווערן שטיל און מיט ברייט־צעעפנטע ליבלעכע אויגן אַרומגיין איבערן הויף, איבערן גאָרטן, פאַרזיכטיק טאַפּנדיק די ערד מיט די עלאַסטישע פיס און גלייך זי וואָלט געזוכט עפּעס, וואָס זי האָט פאַרלוירן.

— קום, לאָמיר זיך אַ ביסל אַנידערזעצן, — פלעגט זי פאָרלייגן קלימען.

אין ווינקל פון הויף, צווישן פערדשטאַל און דער געמויער־טער וואַנט פון די שכנימס נישט לאַנג אויפגעבויטן הויז, איז גע־שטאַנען, אָפּשטאַרבנדיק אָן זון, אַ גרויסער אולם־בוים, באַם שטאַם זיינען זענען געווען צונויפגעלייגט אַלטע ברעטער און קלעצער,

און אויף זיי אינדערהייך, אויף א גלייכער ליניע מיטן דאך פון פערדשטאל, איז געלעגן דעם זיידנס א וועגעלע געפלאכטן פון ריטער. קלים און לידא פלעגן אריינקריכן אין דאזיקן וועגעלע אריין און דארטן זיצן און שמועסן. דאס געפרווירענע מיידעלע האט זיך געטוליעט צו סאמגינען און אים איז געווען באזונדער פאחלשנדיק אנגענעם צו פילן איר שטארקן, זייער הייסן קערפער, צו הארכן דאס פארטראכטע, דינע קעלעכל.

די שטימע בא איר איז אן ארעמע, א צווייטעניקע, קלימען האט זיך געדאכט, אז זי וויגט זיך צווישן די טענער פא און סאל. און גלייך מיט דער מוטער האט ער געפונען, אז דאס מיידעלע ווייסט א סך איבעריקס פאר אירע יארן.

— וועגן באטשאן און קרויט איז אויסגעטראכט, — האט זי געזאגט. — דאס זאגט מען דערפאר, וואס צו געבוירן קינדער שעמט מען זיך, נאר פונדעסטוועגן געבוירן זיי די מאמעס אקוראט ווי די קעץ, איך האב דאס אליין געזעען און מיר האט פאוליא דער־ציילט. ווען בא מיר וועלן ארויסוואקסן ברוסטן, ווי בא דער מא־מען און פאוליען, וועל איך געבוירן א ייִנגעלע און א מיידעלע, אזעלכע, ווי איך און דו. קינדער געבוירן דארף מען, א נישט וועלן זיין אלץ די אייגענע מענטשן, און נאכדעם וועלן זיי שטארבן און ס'וועט שוין קיינער נישט זיין. דעמאלט וועלן אויסשטארבן די קעץ און די הינער, — ווער וועט זיי דען אנקארמען? פאוליא זאגט, אז מאנאשקעס און גימנאזיסטינס פארווערט גאט צו געבוירן קינדער.

באזונדער אפט, א סך, און שטענדיק עפעס נייעס, פלעגט לידיא דערציילן וועגן דער מוטער און וועגן דער דינסט פאוליא, דער ראזער, פריילעכער, דיקער פרוי.

— פאוליא ווייסט אלץ, אפילו מער, ווי דער פאפא. טייל־מאל, אז דער פאפא פארט אוועק קיין מאסקווע, זינגט פאוליא מיט דער מאמען שטילינקע לידער און אלע ביידע וויינען, און פאוו־ליא קושט דער מאמעס הענט. די מאמע וויינט זייער א סך, ווען זי טרינקט אויס מאדערע, זי איז א קראנקע, ווארים א שלעכטע אויך. זי זאגט: גאט האט מיך געמאכט פאר א שלעכטע. און איך

געפעלט נישט, וואָס דער פּאַפּאַ איז באַקאַנט מיט אַנדערע דאַמעס און מיט דיין מאַמען; זי האָט נישט ליב קיין שום דאַמעס, גאָר פּאַווליען, וואָס איז דאָך נישט קיין דאַמע, נאָר אַ סאָלדאַטס אַ ווייב.

בעת זי האָט דערציילט, האָט זי פעסט צונויפגעקוועטשט די פינגער פון די הענט אין אַ פויסטל און, וויגנדיק זיך, ריטמיש צוגעקלאַפּט מיטן פויסטל איבער אירע קניען. איר קול האָט געקלונגען אַלץ שטילער, אַלץ ווייניקער לעבהאַפט, לסוף האָט זי גערעדט אַזוי ווי דורך דרימל און אַרויסגערופן דערמיט בא קלימען אַ טרויעריק געפיל.

— איידער זי איז קראַנק געוואָרן, איז די מאַמע געווען אַ ציגיינערין און ס'איז אפילו דאָ אַ בילד פון איר אין אַ רויט קלייד, מיט אַ גיטאַרע. איך וועל מיך אַביסל לערנען אין גימנאַזיע און און וועל אויכעט זינגען מיט אַ גיטאַרע, נאָר אין אַ שוואַרץ קלייד.

טיילמאָל האָט קלים חשק געהאַט צו דערווידערן דעם מיידעלע, צו שפּאַרן זיך מיט איר, אָבער ער האָט זיך נישט דערוואויגן דערויף, מורא האָבנדיק, אַז לידאַ וועט בייז ווערן. האַלטנדיק זי פאַר דער אינטערעסאַנטסטער פון אַלע באַקאַנטע מיידעלעך, איז ער שטאַלץ געווען דערמיט, וואָס לידיאַ באַציט זיך צו אים בעסער, ווי די איבעריקע קינדער. און ווען לידיאַ פלעגט פלוצלינג קאַפּריזיש אים פאַרראַטן, איינלאַדנדיק אין טאַראַנטאַס אַריין ליובאָו סאָמאָוואַ, האָט קלים זיך געפילט באַליידיקט, פאַרלאָזט און איז געווען אייפערזיכטיק ביז בייזע טרערן.

די סאָמאָווס מיידעלעך האָבן זיך אים אויסגעוויזן אַקוראַט אַזעלכע אומאָנגענעמע און נאַרישע, ווי זייער פאָטער. געדרוקט אין אַ יאָר, זענען זיי ביידע קורצינקע, דיקע, מיט קיילעכיקע פּנימער, ווי טעלערלעך פון טיי-שאָלן. די עלטערע, וויעראַ, האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער שוועסטער בלויז דערמיט, וואָס זי האָט כּסדר געקרענקט און נישט אַזוי אָפט, ווי ליובאָוו, זיך געדרייט קלימען פאַר די אויגן. דער ייִנגערער האָט וואַראַווקאַ געגעבן אַ צונאָמען „ווייס מייזל”, נאָר די קינדער האָבן זי גערופן ליובאַ

קלאָון. דאָס ווייסע פּנים אירס האָט אויסגעזעען ווי באַשאָטן מיט מעל, די בלוילעך־גרויע, שיטערע אויגן זענען געווען באַהאַלטן אין די ראָזע קישעלעך פֿון די אָנגעשוואָלענע לעפּלעך, די פאַרבלאָזע ברעמען זענען כמעט נישט אָנזעעוודיק אויף דער הויט פֿון דעם זייער רעליעפן שטערן, די פלאַקסענע האָר זענען געלעגן אויפֿן שאַרבן, ווי צוגעקלעפּטע, זי האָט זיי פאַרפלאָכטן אין אַ קאָמיש צעפּעלע, מיט אַ געלער באַנד אין עק. זי איז געווען אַ פריילעכע, קלים האָט חושד געווען, אַז דידאַזיקע פריילעכקייט איז צוגע־טראַכט געוואָרן דורך דעם נישט שיינעם און נישט קלוגן מיידעלע. אויסטראַכטן פלעגט זי זייער אַ סך און תמיד נישט געלונגען. זי האָט צוגעטראַכט אַ לאַנגווייליקן שפּיל „וואָס מיט וועמען וועט זיין?" אָנשניידנדיק פּאַפּיר אין קליינע קוואַדראַטעלעך, האָט זי אָנ־געשריבן אויף זיי פאַרשידענע ווערטער, צונויפגעוויקלט די קוואַד־ראַטעלעך אין שטייפע ראָלעכלעך און געהייסן די קינדער אַרויס־נעמען פון איר פּאַדל צו דריי ראָלעכלעך.

— אַ פינגערל, אַ קלונג, אַ וואָלף, — האָט לידיאַ געלייענט איר גורל, און ליובאַ האָט איר געזאָגט מיט אַן אַלט, פּאַנפעוואַטע קול פון אַ טרעפערקע:

— דו, ליבע פריילין, וועסט חתונה האָבן מיט אַ פּאָפּ און וועסט וואוינען אין אַ דאָרף.

לידיאַ האָט זיך געבייזערט:

— דו קענסט נישט טרעפן! איך קען אויך נישט, נאָר דו — נאָך מער.

אויף קלימס צעטעלעך זענען געווען די ווערטער:

— לבנה, חלום ציבעלע.

ליובאַ קלאָון האָט פאַרקוועטשט די פּאַפּירעלעך אין דער פויסט, אַ קלער געגעבן אַ מינוט, בייסנדיק די געשוואָלענע ליפּן, און אַ געשריי געטון:

— דיר וועט זיך חלומען, אַז האָסט אַ קוש געטון די לבנה, האָסט זיך אָפּגעבריט און זיך צעוויינט; וועסט האָבן אַזאַ חלום!

— ס'איז אַ נאַרישקייט, נאַר — קונציק! — האָט באַגיטיקט באַריס.

פון אַלע אַנדערסענס מעשהלעך איז דער סאַמאַוואַ באַזונדער נעפעלן „די פּאַסטוכין און דער קוימענקערער". אין שטילע שעהן פּלעגט זי בעטן לידיען צו לייענען אויפן קול דאָס מעשהלע און, הערנדיק שטיל, אָן בושה וויינען. באַריס וואַראַוווקאַ פּלעגט וואַר־טשען, כמורענדיק זיך:

— הער אויף. נאָך גוט, וואָס זיי זענען נישט צעהאַקט גע־וואָרן.

און דער קאָמישער צער וועגן דעם פּאָרצעלייענעם קוימענ־קערער און אַלץ אין דעמדאָזיקן מיידעלע האָט זיך קלימען אויס־געוויזן פאַלש. ער האָט נעפּלדיק חושד געווען, אַז זי באַמיט זיך אָנצוגיין אויך פאַר אַזאַ אויסטערלישער, ווי ער, קלים סאַמגין.

איינמאָל, שפּעט אינאָוונט, איז ליובאַ אויפגערעגט אריינגע־לאָפן פון גאַס אין הויף אריין, וואו די קינדער האָבן טומלדיק זיך געשפּילט, זי האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט און, הויך אויפהייבנ־דיק די האַנט, אַ געשריי געטון אין הימל אַריין:

— הערט, הערט...

אַלע זענען שטיל געוואָרן, קוקנדיק אויפמערקזאַם אין בלויען הימל אַריין, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געהערט. דערפרייט פון דעם, וואָס ליובען איז נישט געלונגען עפּעס אַ פּאָקוס, האָט קלים זיך אָנגעהויבן רייצן מיט איר, צוטופּענדיק מיטן פוס:

— האָסט נישט געקענט אָפּנאַרן, האָסט קיינעם נישט אָפּגע־נאַרט!

אָבער דאָס מיידעלע האָט אים אַוועקגעשטופּט, אָנגעשטרענגט פאַרקרומט איר מעליק פּנים און געשווינד אַרויסגעזאָגט:

מיין פּאַפּאַ האָט נעכטן אָנגעטון אַ הוט
און ענלעך געוואָרן צו אַ ווייסער שוואַם,
אין דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ שפּיצרוט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, צומאַכנדיק די אויגן, און דער־נאָך מיט פּאַרדראָס געזאָגט קלימען:

— דאָס האָסטו אַלץ צעדרייט...

— ער שטופּט זיך נאָר שטענדיק פאָרויס פון אַלע, ווי אַ בלינדער, האָט שטרענג געזאָגט באָריס און אָנגעהויבן אונטערצו־זאָגן גראַמען:

— אַ קראָם? לאָם? אַ פראָם?

זעענדיק, אַז אַלע זענען אומצופרידן, האָט קלים נאָך מער פיינט געקריגן די סאַמאָוואַ און נאַכאַמאַל דערפילט, אַז מיט די קינדער איז אים שווערער, ווי מיט די דערוואַקסענע.

וויערא איז געווען לאַנגווייליקער פון דער שוועסטער און אויך נישט שיין. אויף די שלייפן באַ איר זענען בלויע אָדערלעך; די סאָווישע אויגן זענען טרויעריק, די באַוועגונגען פון פלעגמאַטישן קערפּער — אומגעשיקט. גערעדט האָט זי מיט אַ האַלב קול, פאַרזיכטיק און צעצויגן, מיט עפּעס אַזוינע געקוועטשטע ווערטער; ס'איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס זי רעדט. קלימען האָט זייער געוואונדערט, פאַרוואָס באָריס גיט זיך אַזוי אויפמערקזאַם אָפּ מיט די סאַמאָוועס, און נישט מיט דער שיינער אַלינאַ טעליעפּניעוואַ, זיין שוועסטערס חברטע. אין די מיאוסע טעג פלעגן די קינדער זיך צונויפקומען באַ די וואַראַווקעס אין דעם גרויסן, פאַרוואַרלאָזטן צימער, וועלכעס האָט געקאָנט זיין אַ זאַל. דאָרטן איז געשטאַנען אַ גרויסער קרעדענס, אַ פיסהאַרמאָניע, זייער אַ ברייטע סאָפע, אַ באַשלאָגענע מיט לעדער, און אינמיטן שטוב — אַ קיילעכיק־לענגלעכדיקער טיש און שווערע שטולן מיט הויכע אָנלענס. די וואַראַווקעס האָבן שוין געוואוינט אין דער דירה דאָס דריטע יאָר, נאָר ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך ערשט נעכטן אַריינגעצויגן, אַלע זאַכן זענען געשטאַנען נישט אויף זייערע ערטער, זאַכן איז געווען קנאַפּ, די שטוב האָט אויסגעזען נישט באַוואוינט, אומהיימלעך.

אָפטער פון אַלעם פלעגן די קינדער זיך שפּילן אין אַ צירק; אַלס אַרענע פון צירק האָט געדינט דער טיש, און די פערדשטאַלן האָבן זיך געפונען אונטערן טיש. אַ צירק — דאָס איז באָריסעס באַליבטער שפּיל, ער איז געווען דירעקטאָר און דרעסירער פון די פערד, דער נייער חבר איגאָר טוראָבאָיעוו האָט פאָרגעשטעלט

אַן אַקראָבאַט און אַ לייב, דמיטרי סאַמגין — אַ קלאָון, די שוועסטערן סאַמאָוו און אַלינאַ — אַ פּאַנטערע, אַ היענע און אַ לייבין, און לידאַ וואַראַווקאַ האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן איינצוימערין פון די חיות. די חיות האָבן אויסגעפירט זייערע פליכטן ערלעך און ערנסט, האָבן אָנגעכאַפּט לידיען באַם קלייד, באַ די פיס, זיך באַמיט אומצוּוואַרפן זי און פאַרציקן; באָריס האָט מ ראדיק געשריגן:

— נישט קוויטשען ווי הזרימלעך! לידקאַ, שלאָג זיי שטאַרקער!

קלימען האָט מען אָפּטער פון אַלעם אָנגעהאָנגען די דערנידעריקענדע פליכטן פון אַ קאָניוך, ער פלעגט אַפּערשלעפּן פון אונטערן טיש די פערד, די חיות און חושד זיין, אַז דידאָזיקע דינסט לייגט מען אויף אים אַרויף בכיוון, כדי צו דערנידעריקן. און בכלל איז אים דאָס שפּילן זיך אין צירק נישט געפעלן, פונקט ווי די אַנדערע שפּילן, די ליאַרמענדיקע, וואָס פלעגן שנעל נמאס ווערן. אָפּזאָגנדיק זיך פון באַטייליקן אין שפּיל, פלעגט ער אַוועקגיין צום „פּובליקום“, אויף דער סאָפע, וואו ס׳זענען געזעסן פּאַוולאַ און אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער, און באָריס, האָט געוואַרטשעט:

— עך, דו קאַפּריזויל! פּאַוולאַ, רוף אַריין דראַגאָון, זאָל אים דער רוח...

זיצנדיק אויף דער סאָפע, האָט קלים זיך צוגעקוקט צום שפּיל, אָבער מער, ווי די קינדער, האָט אים פאַרנומען די מוטער — וואַראַווקאַ. אין אַ צימער, וואָס איז האַלב-באַלויכטן געווען מיט אַ גרויסן הענג-לאָמפּ, איז האַלב געלעגן אין אַ ברייט בעט, צווישן אַ מאַסע קישנס, פּונקט ווי אַ באַרג שניי, אַ שוואַרצהאָריקע פרוי מיט אַ גרויסער נאָז און מיט גרויסע אויגן אויפן טונקעלן פּנים. פונוייטנס איז דער פרויס צעפלאָשעטער קאָפּ ענלעך געווען צו אַ קניפּנהאַפּטן, פאַרקוילטן, אָבער נאָך זיך טליענדיקן וואָרצל פון אַ בוים. גלאַפּיראַ איסאַיעוונאַ האָט אָן אויפהער געררייכערט דיקע, געלע פּאַפּיראָסן, דער רויך איז געדיכט געגאַנגען פון מויל, פון

אירע נאָזלעכער, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די אויגן אַפילו רוקערן זיך אויך.

— קלים! — פלעגט זי רופן מיט אַ קול פון אַ מאַנספּאַרשוין. קלים האָט מורא געהאַט פאַר איר; ער פלעגט צוגיין פאַרזיכטיק און אַ שאַר געבנדיק מיטן פוס, מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ זיך אָוועקשטעלן צוויי טריט פון בעט, אַז דער פרויס טונקעלע האַנט זאָל צו אים נישט דערלאַנגען.

— נו, וואָס הערט מען דאָרט בײַ אייך? — האָט זי געפרעגט, שטאַמפּערנדיק מיט דער פויסט אין קישן אַרײַן. — וואָס טוט — די מאַמע? זי איז אין טעאַטער? וואַראַווקאַ איז מיט זיי? אַהאַ.

— דעם „אַהאַ" פלעגט זי אַרויסזאָגן מיט אַ דראָונג און אָפּשטופן דאָס ייִנגל מיט אַ דורכבויערנדיקן בליק פון די שוואַרצע אויגן.

— דו ביסט — אַ דורכגעטריבענער, — פלעגט זי זאָגן. — נישט אומזיסט ליובט מען דיך, דו ביסט — אַ דורכגעטריבענער! נײַן, איך וועל דיר נישט געבן לידיען פאַר קיין ווײַב.

אין דער גרויסער שטוב האָט באָריס געשריגן, טופּענדיק מיט די פיס:

— אַן אָרקעסטער! נו, שוין, מאַמע, אַן אָרקעסטער!

גלאַפירע איסאַיעוונע פלעגט נעמען די גיטאַרע אָדער אַן אַנדערן אינסטרומענט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ קאַטשקע מיט אַ לאַנגן, משונהדיק גלײַך אויסגעשטרעקטן האַלז; פאַרצווייפלט האָבן געקלונגען די סטרונעס. קלים האָט געהאַלטן דיזאָזיקע מוזיק פאַר אַ בייזע, ווי אַלץ, וואָס גלאַפירע וואַראַווקאַ האָט געטון. טײַלמאָל פלעגט זי פּלוצלינג אָנהייבן זינגען מיט אַ געדיכטער שטימע, אונטער דער נאָז און אויך בייז. די ווערטער פון אירע לידער זענען געווען מאָדנע צעבראָכן, זייער צוזאַמענהאַנג אומפאַרשטענדלעך און פון דעמדאָזיקן וואָיענדיקן געזאַנג איז אין צימער געווען נאָך מרה-שחורהדיקער, אומהיימלעכער. צונויפגעדרענגט אויף דער סאָפע, האָבן די קינדער שווייגנד און הכנעהדיק געהערט, נאָר לידיע האָט שולדיק געפליסטערט:

— זי קאָן בעסער, נאָר זי איז היינט נישט באַ דער שטימע.

און זי האָט געפרעגט זייער צערטלעך:

— דו ביסט היינט נישט באַ דער שטימע, מאַמאַ?

דער מוטערס ענטפער איז געווען נישט דייטלעך, מרוקענדיק.

— איר זעט, — האָט געזאָגט לידיאַ, — זי איז נישט באַ דער שטימע.

קלים האָט געקלערט, אַז אויב דידאַזיקע פרוי וועט געזונט ווערן, וועט זי טון עפּעס שרעקלעכס, אָבער דער דאָקטאָר סאָמאָוו האָט אים באַרויקט. ער האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר:

— גלאַפּיראַ איסאַיעוונאַ וועט אינגיכן אויפשטיין?

— צוזאַמען מיט אַלע, אין טאָג פון שרעקלעכן משפט, — האָט פויל געענטפערט סאָמאָוו.

ווען דער דאָקטאָר האָט געזאָגט עפּעס שלעכטס, טרויעריקס, — האָט קלים אים געגלייבט.

אַז די קינדער האָבן צופיל געליאַרעמט און געטופּעט, פלעגט פון אונטן, פון די סאַמגינס, אַרויפקומען וואַראַווקאַ — דער פאָטער און שרייען, שטייענדיק אין דער טיר:

— שטילער, וועלף! מען קאָן דאָך נישט אויסהאַלטן. וויעראַ פּעטראָוונאַ האָט מורא, אַז איר וועט דעם סופיט איינברעכן.

— אויף אַבאַרדאַזש! — האָט קאָמאַנדעוועט באָריס און אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויפן פאָטער, אַרויפגעקראָכן אים אויף דעם רוקן, אויף די אַקסלען, אויף זיין האַלז.

— צוגעוואַקסן? — האָט ער געפרעגט.

— פּאַרטיק.

וואַראַווקאַ האָט געפאָדערט פון די קינדער דאָס ערן־וואָרט, אַז זיי וועלן אים נישט קיצלען און דאַן אָנגעהויבן לויפן ארום טיש, טופּענדיק אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט געקלונגען דאָס געשיר אין קרעדענץ און ס'האָבן באַקלאָגלעך געקלימפּערט די קרישטאָלענע קליפּערלעך פון לאָמפּ.

— גרייף אָן! — האָט געשריגן באָריס און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באַליבטסטער מאָמענט פון שפּיל: זיי האָבן וואַראַוואָקען געקיצלט, ער האָט געוואָיעט, געקוויטשעט, געכאַכאָטשעט, זיינע קליינע, שאַרפע אייגעלעך האָבן דערשראָקן זיך אַרויסגעקייקלט; אַפּרייסנדיק פון זיך די קינדער, איינס נאָך דאָס אַנדערע, האָט ער זיי געוואָרפן אויף דער סאָפע אַרויף, און זיי זענען אויפסניי אַרויפגעשפּרונגען אויף אים, האָבן אים געשטאָמפּערט מיט די פינגער אין די זייטן, אונטער די קניען. קלים האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין דעמדאָזיקן גראָבן און געפערלעכן שפּיל, ער פלעגט שטיין אין דער זייט, לאַכן און הערן די גערדיכטע געשרייען פון גלאַפירען:

— אָט אַזוי אים, אַזוי!

— כ'גיב זיך אונטער, — האָט געוואָיעט וואַראַוואָקא און זיך אַ לייג געטון אויף דער סאָפע, צעקוועטשנדיק זיינע שונאים. זיי האָבן גענומען באַ אים אויסקויף־געלט מיט טשאַסטעס, מיט קאָנפעקטן. לידאַ האָט צוגעקעמט זיינע צעשויבערטע האָר, די באָרד, באַנעצנדיק מיט שפּייעכץ איר פינגער, צוגעגלעט דעם פּאָטערסדיקע ברעמען, און ער, אָנלאַכנדיק זיך ביז אָנווערן די כּוחות, האָט זיך קאָמיש אָפּגעבלאָזן, אָפּווישנדיק מיטן טיכל דאָס פאַרשוויצטע פּנים און האָט מיט פאַריבל געטענהט:

— ניין, איר זענט נישט קיין אָרנטלעכע מענטשן...

דערנאָך איז ער אַרייגעגאַנגען אין ווייבס צימער. מיט פאַרקרומטע ליפּן האָט זי אים אַ קייגנגעשיפּעט, אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך בייז צעשפּרייט, זענען געוואָרן טיפער, שרעקלעכער; וואַראַווקאַ האָט גערעדט אָן חשק און נישט הויך:

— וואָס? נו, דאָס זענען אויסטראַכטעניש, הער אויף. גוט. איך בין נישט קיין זקן.

דאָס וואָרט „אויסטראַכטעניש" איז זייער פאַרשטענדלעך געווען קלימען און האָט פאַרשאַרפט זיין אומחן צו דער קראַנקער פרוי. יאָ, זי טראַכט, נאַטירלעך, אויס עפּעס שלעכטס. קלים האָט געזען, אַז גלאַפּיראַ איסאַיעוונאַ איז נישט צערטלעך, נישט ליבלעך צו די קינדער און אָפטמאָל גראָב. מען האָט געקענט מיי־

נען, אַז באָריס און לידאַ זענען איר נאָר דעמאָלט אינטערעסאַנט, ווען זיי מאַכן עפּעס געפערלעכט קונצן, ריזיקירנדיק צו צעברעכן זיך די הענט מיט די פיס. אין די דאָזיקע מינוטן פלעגט זי אָנקלעפּן איר בליק אין די קינדער, אָנכמורען די געדיכטע ברעמען, פעסט צונויפפּרעסנדיק די ליפּן, צונויפקרייצנדיק די הענט און איינקלאַמערנדיק זיך מיט די פינגער אין אירע קנאָכיקע אַקסלען. קלים איז געווען זיכער, אַז ווען די קינדער וואָלטן אַנידערגעפאַלן, זיך צעשעדיקט, — וואָלט די מוטער אָנגעהויבן פריידיק צו לאַכן.

באָריס פלעגט אַרומלויפן אין צעריסענע העמדער, אַ צעפלאָשעטער, אַ נישט אָפּגעוואַשענער, לידאַ איז געווען געקליידט ערגער פון די סאָמאָוס, כאָטש איר פאָטער איז רייכער געווען פון דאָקטאָר. קלים האָט אַלץ מער געשאַצט די פריינטשאַפט פון דעם מיידעלע, — אים פלעגט געפעלן צו שווייגן, הערנדיק איר ליבע פלוידעריי, שווייגן, פאַרגעסנדיק וועגן זיין פליכט צו רעדן קלוג, נישט קינדיש.

אָבער ווען ס'האָט זיך באַוויזן דער שיין, ווי אַ געמאָלט בילדל, אויסגעפּוצטער עלעגאַנט — איגאָר טוראָבאָיעוו, דער נישט אָנגענעם העפלעכער, נאָר אַקוראַט אַזאַ פלינקער, לעבעדיקער, ווי באָריס, — איז לידאַ אַוועקגעגאַנגען פון קלימען און אָנגעהויבן נאָכגיין דעם נייעם חבר, הכנעהדיק, ווי אַ הינטל. דאָס איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין, בפרט נאָך, אַז באַלד דעם ערשטן טאָג פון דער באַקאַנטשאַפט האָט באָריס זיך צעקריגט מיט טוראָבאָיעוו, און אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי אכזריותדיק, ביז טרערן און בלוט זיך צעממיתט. קלים האָט דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי רוצח ש ס'שלאָגן זיך ייִנגלעך, ער האָט באַאָבאַכטעט זייערע פון כעס צעקרומטע פנימער, די נאַקעטע שטרעבונג אַ קלאַפּ צו געבן איינער דעם אַנדערן וואָס ווייטיקלעכער, האָט געהערט זייער קוויטשען, דאָס כריפּען, — דאָס אַלץ האָט אים אַזוי איבערראַשט, אַז עטלעכע טעג נאָכן געשלעג האָט ער מיט מורא זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון זיי, און זיך, דעם נישט מסוגלדיקן צו שלאָגן זיך, האָט ער נאָכאַמאָל דערפילט אַלס אַן אייגנאַרטיק ייִנגל. איגאָר און באָריס זענען גיך געוואָרן פריינד, הגם זיי פלעגן

זיך כסדר שפּאַרן, זיך קריגן און איטלעכער פון זיי האָט עקשנות־דיק, נישט שוינענדיק זיך, באַמיט זיך צו ווייזן, אַז ער איז דרייס־טער, שטאַרקער פון דעם חבר. באָריס האָט זיך געפירט ממש ווי אַן אָפּגעבראָכטער, עפּעס פיבערהאַפטס האָט זיך באַוויזן אין אים, גלייך ער וואָלט זיך געאײַלט אויסצושפּילן אַלע שפּילן און מוראַ געהאַט, אַז ער וועט דאָס נישט באַוויזן צו טון.

ווען טוראַבאַיעוו האָט זיך באַוויזן, האָט קלים זיך דערפילט אָפּגערוקט נאָך ווייטער, מען האָט אים אַזוי עקגעשטעלט אין איין ריי מיטן ברודער, דמיטרין. אָבער דעם גוטמוטיקן, אומגעלומ־פּערטן דמיטרין האָט מען ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט דער־לויבט צו קאָמאַנדעווען מיט זיך, האָט זיך קיינמאָל נישט געשפּאַרט, נישט באַליידיקט, האָט געדולדיק און אומגעטײַיקט געשפּילט די סאַ־מע נישט אָנגעזעענע און נישט באַקוועמע ראָלן. מען האָט אים ליב געהאַט אויך פאַר דעם, וואָס דמיטרי פלעגט קענען, עפּעס אַזוי אומגעריכט און צו קלימס קנאה, באַהערשן די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער, דערציילנדיק זיי וועגן פייגלשע נעסטן, וועגן נאָ־רעס, וועגן גריבער פון חיות, וועגן דעם לעבן פון די בינען און גרויסע פליגן. דערציילט האָט ער מיט אַן אײַנגעהאַלטן קול, סודותדיק, און אויף זיין ברייט פנים, אין די גוטע גרויע אויגן, האָט געגלוט אַ פריידיקער שמייכל.

— דער וואוד — איז בעסער פון מיין־ריד, — האָט ער געזאָגט און אָפּגעזיפצט: — אָבער עס איז נאָך פאַרהאַן ברעם...

טוראַבאַיעוו און באָריס האָבן געפאָדערט, אַז קלים זאָל זיך אונטערוואַרפן זייער ווילן אויך אַזוי הכנעהדיק, ווי זיין ברו־דער. קלים פלעגט זיי נאָכגעבן, אָבער אינמיטן שפּיל האָט ער דערקלערט:

— איך שפּיל נישט מער.

און ער פלעגט אַוועקגיין. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז זיין הכנעה איז נאָר געווען אַ צולב־טון פון אַ קלוגן, אַז ער וויל און קען זיין אומאָפּהענגיק און העכער פון די אַלע ליבע נאַרישקייטן.

אָבער דאָס האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, און באָריס האָט צע־יאַכמעט געשריגן:

— גיי צום טייוול, דו האָסט שוין דערעסן!

דאָס מאָגערע, שפּיציקנאָזיקע געזיכט זיינס האָט געביטן די קאָלירן, באַדעקנדיק זיך מיט רויטע פלעקן, די אויגן האָבן בייז געפינקלט; קלים האָט מורא געהאַט, אַז וואַראַווקאַ וועט אים אַ קלאַפּ טון.

לידיאַ האָט געקוקט אויף אים זייטיק און זיך געכמורעט, די פּאַמאַוועס און אַלינאַ, זעענדיק לידיעס פּאַרראַט, פלעגן זיך איבער־ווינקען, איבערשושקען און דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט קלימס נשמה מיט אַ בייסיקער טרויעריקייט. אָבער דאָס יינגל פלעגט זיך טרייסטן מיט דער השערה: מען האָט אים נישט ליב דערפאַר, וואָס ער איז קלוגער פון אַלע, און הינטער דערדאָזיקער טרייסט האָט, ווי דער שאָטן אירער, זיך אַרויסגערוקט אַ שטאָלצקייט, ס'איז אָנגעקומען אַ פאַרלאַנג צו מוסרן, קריטיקירן; ער האָט געהאַלטן די שפּילן פאַר לאַנגווייליקע און געפרעגט:

— צי קאָן מען דען נישט אויסטראַכטן עפּעס אינטערעסאַנ־טערס?

— קלער אויס, נאָר שטער נישט, — האָט בייז געזאָגט לי־דאַ און זיך אָוועקגעדרייט פון אים.

— ווי גראָב זי איז געוואָרן, — האָט מיט ביטערניש אַ קלער געטון קלים.

ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנג, וועלכער האָט געדאַרפט, ווי אים האָט זיך פאַרגעשטעלט, צוגעבן אים חשיבות; ער האָט געשפּרייזט נישט איינבייגנדיק די פיס און האַלטנדיק די הענט הינ־טערן רוקן, ווי ס'האָט געטון דער לערער טאָמילין. אויף די חברים פלעגט ער קוקן מיט עטוואָס פאַרמרוזשעטע אויגן.

— וואָס בלאָזסטו זיך כסדר? — האָט אים געפרעגט דמיט־רי. קלים האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטון און נישט געענטפערט, ער האָט נישט ליב געהאַט דעם ברודער און אים געהאַלטן פאַר אַ נאַר.

טוראָבאָיעוו, דער קאַלטער, ציכטיקער און העפלעכער, האָט

איך געקוקט אויף קלימען, פארמרוזשעדיק די טונקעלע, נישט ליבלעכע אויגן, געקוקט אַרויספאָדערנדיק. זיין זייער שיין פּנים האָט באַזונדער בייז זיך געקרומט, ווען קלים פלעגט צוגיין צו לידיען, אָבער דאָס מיידעלע האָט גערעדט מיט קלימען כּלאחר יד, איילִיק, צוטופּעדיק מיט די פּיס, און געקוקט אין איגאָרס זייט אַריין. זי האָט אַלץ מער זיך צונויפגעוואַקסן מיט טוראָבאָיעווען, זיי זענען געגאַנגען, זיך האַלטנדיק באַ די הענט; קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז עקזאַלטירנדיק זיך אפילו מיטן שפּילן, שפּילן זיי איינער פאַרן אַנדערן, נישט זעענדיק, נישט פילנדיק מער קיינעם.

ווען מען פלעגט שפּילן אין „בלינדער באַבע" און לידאַ האָט געכאַפּט די קינדער, פלעגט איגאָר אומישנע אַריינפאַלן אין אירע בלינדע הענט אַריין.

— אַזוי טאָר מען נישט! — האָט געשריגן קלים און אַלע האָבן מסכּים געווען, — יאָ, מען טאָר נישט אַזוי! נאָר טוראָבאָיעוו האָט הויך אויפגעהויבן זיינע שיינע ברעמען און איבערצייגנד געטענהט:

— אָבער, מיינע הערן, זי איז דאָך אַ שוואַכינקע.

— ניין! — האָט פּראָטעסטירט לידאַ. — פונדעסטוועגן — ניין!

— איך בין אויך אַ שוואַכע, — האָט באַליידיקט דערקלערט ליובאַ קלאָון, אָבער טוראָבאָיעוו האָט זיך שוין פאַרבונדן די אויגן און אָנגעהויבן כאַפּן.

ס'האָט זיך געטראָפן איינמאָל, אַז דמיטרי סאַמגין, אַנטלויפנדיק פון לידאַס הענט, האָט אומגעוואָרפן אַ שטול איר אונטער די פּיס, דאָס מיידעלע האָט זיך אַ קלאַפּ געטון מיט דער קני אָן אַ פּיסל פון דער שטול, האָט אויסגעשריגן, — איגאָר איז בלאַס געוואָרן און האָט אָנגעכאַפּט דמיטרין באַ דעם האַלדז:

— שוטה! שפּילסט נישט ערלעך.

און ווען מען האָט באַמערקט, אַז איוואַן דראָנאָוו קוקט אויפמערקזאַם אַרונטער אונטער די קליידער פון די מיידלעך, האָט

טוראָבאַיעוו אַנטשלאָסן געפּאָדערט, אַז מען זאָל דראַגנאָוון נישט איינלאַדן צום שפּילן. איוואַן דראַגנאָוו האָט נישט נאָר אַליין זיך גערופן באַם פאַמיליע־נאָמען, נאָר אַפילו די באָבעשי זיינע האָט ער געצוואונגען צו רופן אים דראַגנאָוו. אַ קרומפוסיקער, מיט אַן אַרויסגעשטעלטן בויך, מיט אַ צוגעפּלאַטשן פלאַכן שאַרבן, מיט אַ ברייטן שטערן און גרויסע אויערן, איז ער געווען עפּעס אויסטערליש, אָבער צוציענד נישט שיין. אויף זיין ברייט פּנים, וואו דאָס רויטע בערגעלע פון דער נאָז האָט זיך קוים אָנגעזעען, האָבן געגלאַנצט שמאָלע אייגעלעך, טריב־בלויע, זייער שנעלע און גיריקע. גיריקייט איז געווען די סאַמע קענטיקסטע אייגנשאַפט דראַגנאָווס; מיט אומגעוויינלעכער גיריקייט פלעגט ער אַריינציען מיט דער נאָז די לופט, גלייך ער וואָלט זיך געשטיקט פון לופט־מאַנגל. גיריק און מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט האָט ער געגעסן, הויך קייענדיק, צופּאַטשנדיק מיט די גראָבע, רויטע ליפּן. ער האָט געזאָגט קלימען:

— איך בין — אַן אָרעמער מענטש, איך דאַרף אַ סך צו עסן.

אויפן פאַרלאַנג פון זיידן אַקים, האָט דראַגנאָוו צוזאַמען מיט קלימען זיך געגרייט אין גימנאַזיע, און אויף די לעקציעס באַ טאָמילינען האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אַ פּיבערהאַפטע איילעניש; קלימען האָט זיך דאָס אויך אויסגעוויזן אַלס גיריקייט. בעת ער פלעגט פרעגן אָדער ענטפערן דעם לערער, פלעגט דראַגנאָוו רעדן זייער שנעל און עפּעס אַזוי שלינגענדיק די ווערטער, גלייך זיי וואָלטן געווען הייסע און אים געבריט די ליפּן מיט דער צונג. קלים האָט זיך עטלעכע מאָל געפרעגט באַם חבר, וואָס איז אים אָנגעהאָנגען געוואָרן דורך דעם „עכטן זקן“:

— פאַרוואָס ביסטו אַזאַ גיריקער?

דראַגנאָוו האָט געזיפצט מיט דער נאָז, געשיקלט אין דער זייט מיט זיינע אומרויקע אייגעלעך און נישט געענטפערט.

אָבער אין אַ גוטער מינוט, סודותדיק אַראָפּלאָזנדיק זיין הויך, שאַרף קול, האָט ער געזאָגט:

— אין מיר זיצט אַ הונגעריקער וואָרעם.

און מיט אַ שנעלן פֿליסטער האָט ער דערציילט, אַז די מומע זיינע, די מכשפֿה, האָט אים פֿאַרכּישופֿט, אַריינגעיאָגנדיק אים אין בויך אַריין אַזאַ מין פּרעס־וואָרעם, בכדי ער, דראַגנאָוו, זאָל דאָס גאַנצע לעבן זיך פּייניקן פֿון אומגעשטילטן הונגער. ער האָט אויך דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר, ווען זיין פֿאָטער האָט מלחמה געהאַלטן מיט די טערקן. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, האָט אָנגענומען דעם טערקישן גלויבן און לעבט אַצינד רייך; אַז די מכשפֿה — די מומע האָט זיך דאָס דערוואוסט, האָט זי אַרויסגעטריבן פֿון שטוב די מוטער און די באָבעשי, און אַז די מוטער האָט געוואָלט אַוועקגיין קיין טערקיי, נאָר די באָבעשי האָט זי נישט געלאָזט.

וועגן דעם הונגעריקן וואָרעם — דעם פּרעס־וואָרעם, האָט קלים נישט געגלייבט דראַגנאָוון. אָבער הערנדיק דעם סודותדיקן פֿליסטער, האָט ער מיט פֿאַרוואונדערונג געזען פֿאַר זיך אַן אַנדער ייִנגל, דאָס פּלאַטשיקע פּנים פֿון דער ניאַניעס אייניקל איז געוואָרן שענער, זיינע אויגן זענען נישט געלאָפֿן, אין די צאַפּלען האָט זיך אָנגעצונדן אַ בלוילעך פֿייערל פֿון פֿרייד, וואָס איז קלימען נישט פֿאַרשטענדלעך געווען. באַ דעם אָוונט־ברויט האָט קלים איבערגעגעבן דראַגנאָווס דערציילונג דעם פֿאָטער, — דער פֿאָטער האָט אויך אומפֿאַרשטענדלעך זיך דערפֿרייט.

— הערסט, וויעראַ? סאַראַ פֿאַנטאַזיע, האַ? איך האָב תּמיד געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אויסטערליש פֿעיק ייִנגל...

אָבער נישט הערנדיק דעם פֿאָטער — ווי זי פֿלעגט עס אָפֿט טון, — האָט די מוטער קורץ און טרוקן געזאָגט קלימען, אַז דראַגנאָוו האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט: קיין מומע — אַ מכשפֿה האָט ער נישט געהאַט; דער פֿאָטער איז געשטאָרבן, ער איז פֿאַרשיט געוואָרן מיט ערד, ווען ער האָט געגראָבן אַ ברונעם, די מוטער האָט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק פֿון שוועבעלעך און איז געשטאָרבן, ווען דראַגנאָוו איז אַלט געווען פֿיר יאָר, נאָך איר טויט האָט זיין באָבעשי זיך געשטעלט אַלס ניאַניע צום ברודער מיטיאַ; דאָס איז אַלץ.

— יאָ, וויערא, — האָט געזאָגט דער פאָטער, אָבער פינ־דעסטוועגן גיב אַכטונג...

דמיטרי סאַמגין האָט ברייט אַ שמייכל געטון און אַ זאָג געטון:

— קלים האָט אויך ליב צו זאָגן ליגנט.

דער פאָטער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים:

— דו האָסט געזאָגט גראָב, מיטיאַ. מען דאַרף מאַכן אַ חילוק צווישן ליגנט און פאַנטאַזיע...

דאָ איז אַריינגעקומען וואַראַוקאַ, נאָך אים איז אָנגעקומען דער „עכטער זקן”, מען האָט אָנגעהויבן זיך שפּאַרן און קלים האָט נאָכאַמאָל געהערט נישט ווייניק אַזעלכעס, וואָס האָט אים באַפעס־טיקט אינם רעכט און אין דער נויטווענדיקייט אויסצוטראַכטן זיך, אָבער איניינעם דערמיט האָט דאָס אַרויסגערופן אין אים אַן אינ־טערעס צו דראָנאָוון, אַן אינטערעס, ענלעך צו אייפערזוכט. צו־מאָרגנס האָט ער געפרעגט איוואַנען:

— נאָכוואָס האָסטו אָנדערציילט ליגנט וועגן דער מומע? האָסט גאָר קיין מומע נישט געהאַט.

דראָנאָוו האָט בייז אַ בליק געטון אויף אים און, פאַרשיק־לענדיק די אויגן, געענטפערט:

— און דו — פּלאַפּל נישט, וואָס דו פאַרשטייסט נישט. איבער דיר האָט מיר די באָבע די אויערן אָנגעריסן. קלאַפּער!

יעדן פרימאָרגן, ניין אַ זייגער, זענען קלים און דראָנאָוו אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך־שטיבל צו טאָמילינען און זענען ביז האַלבן טאָג געזעסן אין דעם קליינעם צימערל, ענלעך צו אַ קאַ־מער, וואוהין מען האָט אַריינגעוואָרפן אין אומאָרדנונג דריי שטולן, אַ טיש, אַן אייזערן וואַש־טישל, אַ סקריפּענדיקן הילצערנעם טאַר־צאַן און אַן אַ שיעור ביכער. אין דעמדאָזיקן צימער איז שטענ־דיק געווען הייס, ס'איז געשטאַנען אַ דומפּיקער ריח פון קעץ און טויבן־מיסט. דורך דעם האַלב־קיילעכיקן פענצטער האָט מען גע־זען די שפּיצן פון די ביימער פון גאָרטן, באַפּוצטע מיט פּראָסטיקן טוי אָדער מיט שניי, ענלעך צו שטיקער וואַטע; נאָך די ביימער האָט זיך דערהויבן אַ גרויער וואַך־טורעם פאַר פייערלע־

שער, אויף אים האָט פּאַמעלעך און אומעטיק זיך געדרייט אַ מענטש אין אַ גרויען טולופּ, באַכן טורם — ליידיקייט און הימל.

דער לערער פלעגט באַגעגענען די קינדער מיט אַ שווייגנ־דיקן, נישט קלאָרן שמייכל; אין יעדער צייט פון טאָג האָט ער אויסגעזעען ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ער פלעגט זיך באַלד לייגן מיטן פּנים אַרויף אויף דער קויקע, די קויקע האָט טרויעריק געסקריפּעט. ער האָט אַריינגעלאָזט די הענט אין די רויטע, נישט געקעמטע פּאַסמעס האַרטע און גליי־כע האָר, אויפגעהויבן צום סופיט דאָס איבערגעשפּאַלטענע, קופער־נע בערדל און, נישט קוקנדיק אויף די שילער, געפרעגט און דער־ציילט מיט אַ שטיל קול, מיט דייטלעכע ווערטער, אָבער דראַ־נאָוו האָט געפונען, אַז דער לערער רעדט „פון אונטערן אויוון אַפּער".

טיילמאָל, אַפּטער פון אַלעם בעת דער לעקציע פון געשיכ־טע, פלעגט טאָמילין אויפשטיין און גיין איבערן צימער, זיבן טריט פון טיש צו דער טיר און צוריק; ער איז געגאַנגען אָנגעבויגן דעם קאָפּ, קוקנדיק אויף דער פּאַדלאָגע, געשאַרט מיט די אויסגע־ריבענע שטעק־שיך און געהאַלטן די הענט הינטערן רוקן, צונויפ־קוועטשנדיק די פינגער אַזוי שטאַרק, אַז זיי זענען רויט גע־וואָרן.

קלים סאַמגין האָט געזעען, אַז טאָמילין לערנט דראַנאָוון מיט מער חשק און התמדה, ווי אים.

— אַלזאָ, וואַניאַ, וואָס זשע האָט געטון אַלעקסאַנדער ניעווי־סקי? — האָט ער געפרעגט, בלייבנדיק שטיין בײַ דער טיר און אַרומצופּנדיק די בלוזע. — דראַנאָוו האָט שנעל און דייטלעך גע־ענטפערט:

— דער הייליקער, פרומער פירשט אַלעקסאַנדער ניעווסקי האָט צונויפגערופן די טאָטערן און מיט זייער הילף אָנגעהויבן שלאָגן די רוסן...

— וואַרט צו, וואָס איז דאָס? פונוואַנען איז דאָס? — האָט

זיך פאַרוואונדערט דער לערער, באַוועגנדיק מיט די דיקע ברעמען און קאַמיש אויפעפנענדיק דאָס מויל.

— איר האָט געזאָגט.

— איך? ווען?

— דאָנערשטיק.

דער לערער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, צוגלעטנדיק די האָר מיט די הענט, דערנאָך, צוגייענדיק צום טיש, געזאָגט שטרענג:

— דאָס דאַרף מען נישט געדענקען.

ער האָט געהאַט אַ טבע צו שמועסן מיט זיך אַליין אויפן קול. נישט זעלטן, דערציילנדיק געשיכטע, האָט ער זיך פאַרטראַכט אויף אַ מינוט, אויף צוויי, און, אָפּשווייגנדיק אַ ביסל, אָנגעהויבן רעדן זייער שטיל און נישט פאַרשטענדלעך. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט דראַגאַוו שטויסן קלימען מיטן פוס און, ווינקענדיק אויפן לערער מיטן לינקן אויג, וואָס איז געווען מער אומרויק פון רעכטן, האָט ער געשמייכלט מיט אַ קרום שמייכעלע; דראַגאַווס ליפּן זײַנען געווען פּישאַרטיקע, טעמפּע, האַרטע ווי פּישביין. נאָך דער לעקציע האָט קלים געפרעגט:

— נאָכוואָס האָסטו מיך געשטויסן?

— כי, כי, — האָט זיך פאַרכלינעט דראַגאַוו. — ער האָט עס אָנגעפּלאַפּלט אויף ניעווסקין, — אַ הייליקער וועט מיט טאַטערן זיך נישט חברן, ס'הייבט זיך נישט אָן! דעריבער טאַקע האָט ער נישט געהייסן געדענקען, ווײַל ער האָט אָנגערעדט ליגנט. אַ פײַנער לערער: לערנט און הייסט נישט געדענקען.

בשעת ער האָט גערעדט וועגן טאַמילינען, האָט איוואַן דראַגאַוו תמיד אַראָפּגעלאָזט דאָס קול, פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט און געכיכיקעט, און קלים האָט, הערנדיק אים, געפילט, אַז איוואַן האָט נישט ליב דעם לערער מיט הנאה און אַז דאָס נישט ליב האָבן געפעלט אים.

— מיט וועמען, מיינסטו, רעדט ער? ער רעדט מיט אַ שד.

— קיין שדים איז נישטאָ, — האָט שטרענג דערקלערט קלים.

דראָנאָוו האָט מיט פאַראַכטונג אַ בליק געטון אין זיינע אויגן אַריין, אַ שפּיי געטון איבערן אייגענעם לינקן אַקסל, אָבער נישט געפּרוווט זיך שפּאַרן.

מיט געשפּאַנטקייט באַאָבאַכטנדיק אים, האָט סאַמגין געזעען, אַז דראָנאָוו שטרעבט איבערצוזאָגן אים אין די פּאָרשריטן און דערגרייכט עס לייכט. ער האָט געזעען, אַז דאָס רירעוודיקע יינגל האָט נישט ליב אַלע דערוואַקסענע בכלל, ער האָט זיי נישט ליב אַקוראַט מיט אַזאַ הנאה, ווי ער האָט נישט ליב דעם לערער. די דיקע, גוטע באָבעשי זיינע, וועלכע פלעגט אַפילו עפּעס אַזוי מאָדנע הייס זיך ניאַנטשען מיט אים, האָט ער אָפּטמאָל דערפירט צו טרערן, אַריינשיטנדיק איר אין טאַבאַק-שקעטעלע אַריין אַש אָדער פעפער; ער פלעגט צעלאָזן די אויגן פון די זאָקן, צעבייגן די שפּיזלעך צום שטריקן, וואַרפן אַ קגיילעכל וואָל די קעצלעך אָדער אויסשמירן די וואָל מיט אייל, מיט קלייסטער. די אַלטע פלעגט אים שלאָגן, אָבער נאָכן שלאָגן האָט זי זיך געצלמט אין ווינקל פאַר די איקאָנעס און געבעטן מיט טרערן:

— געטלעכע מוטער, זיי מוחל, פאַרוועגן קריסטוסן, פאַר דער עוולה דעם יתום.

דערנאָך פלעגט זי אונטעררוקן דעם אייניקל אַ שטיק קוכן אָדער אַ צוקערל און זאָגן מיט אַ זיפץ:

— נאַ, דראָנאָוו, עס, פינצטערער מוח. תלין מיינער.

— דיין טאַטע איז אַ קאַמישער, — האָט ער געזאָגט קלימען. — אַן אמתדיקער טאַטע, ער איז — אַ שרעקלעכער, אוי-וי-וי!

ארום וויערא פעטראָוונאַן האָט דראָנאָוו זיך געדרייט ווי אַ ליבלעך הינטל; קלים האָט באַמערקט, אַז דער ניאַניעס אייניקל האָט מורא פאַר איר, פּונקט אַזוי ווי פאַרן זיידן אַקים און אַז באַזונדער שרעקלעך איז פאַר אים וואַרוואַקאַ.

— שד, — האָט ער גערופן דעם אינזשיניער און דערציילט

וועגן אים: וואַראַווקאַ איז צוערשט געווען אַ באַלעגאָלע, און דערנאָך אַ פערדס־גנב, דערפון איז ער טאַקע רייך געוואָרן. דידאָזיקע מעשה האָט באַ קלימען אָפּגענומען דאָס לשון פון פאַרגאַפּטקייט, ער האָט געוואוסט, אַז וואַראַווקאַ איז אַ גוט־באַזיצערס אַ זון, ער איז געבוירן געוואָרן אין קישיניעוו, האָט זיך געלערנט אין פעטערבורג און אין ווין, דערנאָך איז ער געקומען צו פאָרן אַהער אין שטאָט אַריין און וואוינט שוין דאָ דאָס זיבעטע יאָר. ווען ער האָט אַן אויפגעבראַכטער דאָס דערציילט דראָנאָוון, האָט יענער, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ אַרויסגעמורמלט:

— ווין — איז דאָ, פון דאָרטן זענען די שטולן, אָבער קישיניעוו איז אפשר בלויז אין דער געאָגראַפיע.

קלים האָט נישט איינמאָל געשפּירט, אַז ער ווערט טעמפּ פון דראָנאָווס משוגעדיקע שפּיצלעך, פון זיין אָפענעם גראָבן ליגנטזאָגן. טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז דראָנאָוו זאָגט ליגנט בלויז דערויף, כּדי חוזק צו מאַכן פון אים. די קינדער פון זיין עלטער האָט דראָנאָוו אפשר נאָך מער נישט ליב געהאַט, ווי די דערוואַקסענע, באַזונדער נאָכדעם, ווי די קינדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן מיט אים. אין די שפּילן פלעגט ער אַרויסווייזן אַ סך פּיפּיקע איינפאַלן, אָבער ער איז געווען פּחדנותדיק און גראָב מיט די מיידעלעך, מיט לידיען מער ווי מיט אַלע. מיט פאַראַכטונג האָט ער זי גערופן ציגיינערין געקניפּן, זיך געפּלייסט אומצוואַרפן זי אַזוי, אַז זי זאָל זיך שעמען.

ווען די קינדער האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף, פלעגט איוואַן דראָנאָוו פאַרשטויסן זיצן אויף די שטיגן פון קיך־גאַנעק, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אָן די קניען, און די באַקנביינער אָן די הענט און מיט פאַרנעפּלטע אויגן אָבסערווירן די שפּילערייען פון די פריצישע קינדער. ער פלעגט פריידיק אַרויסקוויטשען, ווען ס'איז עמעץ אַנידערגעפאַלן אָדער זיך צעקלאַפּט און פאַרקרומט פון ווייטיק.

קוועטש אים צו! — פלעגט ער אונטערהעצן, קוקנדיק ווי וואַראַווקאַ שלאָגט זיך מיט טוראָבאָיעוון. — אונטערן פּוס גיב אים!

אויב זיי האָבן זיך געשפּילט אין גאָרטן, פלעגט דראַבאָוו שטיין בײַ דעם פּלויט; אָנשפּאַרנדיק זיך אָן אים מיטן בויך און אַריינרוקנדיק דאָס פּנים צווישן די שטאַכעטן, איז ער געשטאַנען און אַלע מאָל אויסגעשריגן:

— כאַפּ זי! אָ, זי האָט זיך באַהאַלטן הינטערן קערשנבוים. לויף צו לינקס...

ער האָט אויף אַלערליי אופנים זיך באַמיט צו שטערן די שפּילנדיקע קינדער, איז מיט אַ כּיוון געגאַנגען פּאַמעלעך איבערן הויף, קוקנדיק אַראָפּ אויף דער ערד.

— כ'האָב פאַרלוירן אַ צוואַנציקער, — האָט ער זיך געקלאָגט, וויגנדיק זיך אויף די קרומע פיס, פלייסנדיק זיך צוזאַמענצושטויסן מיט די שפּילנדיקע. זיי פלעגן אַרויספליען אויף אים, איבערדרייען; דעמאָלט האָט דראַגאָוו, זיצנדיק אויף דער ערד, געיאָמערט און געדראָט:

— איך וועל זיך פאַרקלאָגן...

אָן ערך צוויי, דריי וואָכן האָט מיט דראַגאָוון זיך זייער געחברט ליובאַ סאַמאָווא, זיי האָבן צוזאַמען געשפּאַצירט, זיך באהאַלטן אין די ווינקלען, סודותפול און לעבהאַפט שמועסנדיק וועגן עפּעס, אָבער איינמאָל איבאָוונט איז ליובאַ מיט טרערן אין די אויגן געקומען צו לויפן צו לידיען און האָט בייז אַ געשריי געטון:

— דראַגאָוו איז — אַ נאַר!

און אַריינוואַרפנדיק זיך אין ווינקל פון דער סאָפע, באַדעקנדיק זיך דאָס פּנים מיט די הענט, האָט זי איבערגעחזרט:

— אָך, סאַראַ נאַר!

נישט זאָגנדיק קיינעם, וואָס עס איז געשעען, איז לידיאַ, אַ געדיכט פאַררויטלטע, אַריינגעלאָפן אין קיך אַריין און אומקערנדיק זיך פון דאָרט, געמאָלדן נצחונדיק און צאָרניק:

— ער האָט באַקומען!

אַ דריי טעג נאָכדעם איז דראַגאָוו אַרומגעגאַנגען מיט אַ בייל אויפן שטערן, איבערן לינקן אויג.

יאָ, איוואַן דראַגאָוו איז געווען אַ נישט אָנגענעם, זאָגאַר אָפּ

שטויסנד ייִנגל, אָבער קלים האָט געזעען, אַז דער פּאָטער, דער זיי־דע, דער לערער אַנטציקן זיך מיט זײַנע פֿעיִקייטן, און ער האָט גע־פֿילט אין אים אַ קאָנקורענט, איז געווען אײפֿערזיכטיק, מקנא געווען, זיך מצער געווען. אָבער דראָנאָוו האָט אים פֿונדעסטוועגן צוגעצויגן און אָפּטמאָל זענען די נישט גוטע געפֿילן צום דאָזיקן ייִנגל פֿאַר־שוווּנדן פֿאַר די אויפֿבליצן פֿון אינטערעס און סימפּאַטיע צו אים.

ס'זענען געווען מינוטן, ווען דראָנאָוו פֿלעגט זיך ראַפּטום צע־בליִען און ווערן עפּעס אינגאַנצן אַן אַנדערער. ס'פֿלעגט אים באַ־הערשן אַ פֿאַרטראַכטקייט, ער פֿלעגט זיך אויסציִען, אויסגלײַכן, און מיט אַ ווייך קול שטיל דערציילן קלימען וואונדערלעכע האַלב־חלומות, האַלב־מעשׂהלעך. ער האָט דערציילט, אַז פֿון ברונעם אין ווינקל פֿון הויף איז אַרויסגעקראָכן אַ ריזיקער מענטש, אָבער אַ גרינגער און דורכזיכטיקער ווי אַ שאָטן, ער האָט אַריבערגעשפּרייזט איבער די טויערן, אַנגעהויבן גיין איבער דער גאַס און ווען ער איז דורכגעגאַנגען לעבן דעם גלאָקן-טורעם, איז ער, דער גלאָקן־טורעם, טונקל געוואָרן, האָט זיך אַ וויג געטון אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אַ דינער בוים אונטערן קלאַפּ פֿון אַ ווינט.

— און נישט לאַנג איידער די לבֿנה איז אויפֿגעגאַנגען, איז איבערן הימל אַרומגעפֿלויגן אַן אומגעהייער־גרויסער שוואַרצער פֿויגל, דאָ פֿליט ער צו צו איין שטערן און פּיקט אים אויף, דאָ פֿליט ער צו צו אַ צווייטן און פּיקט אים אויך אויף. איך בין נישט געשלאָפֿן, כ'בין געזעסן אויפֿן פֿענצטער, דערנאָך איז שרעקיק גע־וואָרן, האָב איך זיך געלייגט אויפֿן געלעגער, זיך אַריבערגעדעקט איבערן קאָפּ און ס'איז, ווייסטו, אַזוי מיר אַ שאָד געווען די שטערן, אָט, קלער איך, וועט שוין מאָרגן דער הימל זײַן אַ ליידי־קער. . .

— דו טראַכסט אויס, — האָט קלים געזאָגט נישט אָן קנאה.

דראָנאָוו האָט אים נישט דערווידערט. קלים האָט פֿאַרשטאַ־נען, אַז דראָנאָוו טראַכט אויס, אָבער ער האָט אַזוי איבערצייגנד

דערציילט וועגן זיינע זעוגנען, אַז קלים האָט געפילט אַ פאַרלאַנג אָנצונעמען די ליגנט פאַר אַן אמת. סוף־כל־סוף האָט קלים נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אייגנטלעך ער באַציט זיך צום דאָזיקן יינגל, וועלכער האָט אים אַלץ שטאַרקער אי צוגעצויגן אי אָפּגעשטויסן.

דעם איינטריט־עקזאַמען אין גימנאַזיע האָט דראָגאָוו באַלייגט גלענצענד, קלים — האָט נישט אויסגעהאַלטן. דאָס האָט אים אַזוי שטאַרק וויי געטון, אַז קומענדיק אַהיים, האָט ער וואַרף געטון דעם קאָפּ אויף דער מוטערס קניען און זיך צעיאָמערט. די מוטער האָט אים צערטלעך באַרויקט, האָט אים געזאָגט אַ סך גוטע ווערטער און אַפילו אים געלויבט:

— דו האַלסט טייער דיין כבוד, דאָס איז גוט.

אינאָוונט האָט זי זיך צעקריגט מיטן פאָטער, קלים האָט געהערט אירע בייזע ווערטער:

— דו וואָלסט שוין געמעגט פאַרשטיין, אַז אַ קינד איז נישט — קיין שפּילעכל...

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָס יינגל דערפילט, אַז די מוטער איז געוואָרן צו אים אויפמערקזאַמער, צערטלעכער, זי האָט אים אפילו געפרעגט:

— דו האָסט מיך ליב?

— יאָ, — האָט געזאָגט קלים.

— זייער?

— יאָ, — האָט ער מיט זיכערקייט איבערגעחזרט. שטאַרק צודריקנדיק זיין קאָפּ צו דעם ווייכן און פאַרפומירטן בוזעם, האָט די מוטער שטרענג געזאָגט:

— דו דאַרפסט מיך זייער ליב האָבן.

קלים האָט נישט געדענקט, צי האָט אים די מוטער געפרעגט וועגן דעם פריער. און זיך אַליין וואָלט ער נישט געקאָנט ענטפערן אַזוי זיכער, ווי ער האָט איר געענטפערט. פון אַלע דערוואַקסענע איז די מאַמע די סאַמע שווערסטע, וועגן איר איז כמעט נישטאָ וואָס צו קלערן, ווי וועגן אַ בלעטל פון אַ העפט, אַ יף וועלכן ס'איז נאָך גאָרנישט אָנגעשריבן. אַלע אין שטוב האָבן זיך הכנעה־

דיק איר אונטערגעוואָרפן, אפילו דער עכטער זקן און די איינגע־שפּאַרטע מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ — די „טיראַנאָמאַשקאַ”, ווי עס רופט זי אונטער די אויגן וואַראַווקאַ. די מוטער לאַכט זעלטן און רעדט ווינציק, זי האָט אַ שטרענג פּנים, פאַרטראַכטע בלוילעכע אויגן, געדיכטע, טונקעלע ברעמען, אַ לאַנגע, שפּיציקע נאָז און קליינינקע ראָזע אויערן. זי פאַרפלעכט אירע האָר אין אַ לאַנגן צאָפּ און פאַרלייגט אים אויפן קאָפּ אין דריי קרייזן, דאָס מאַכט זי זייער הויך, אַ סך העכער פון פאָטער. די הענט זענען בײַ איר שטענדיק הייסע. ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז מער פון אַלע מענער געפעלט איר וואַראַווקאַ, זי רעדט מיט אים גערנער און שמייכלט צו אים אַ סך אָפטער, ווי צו אַנדערע. אַלע באַקאַנטע זאָגן, אַז זי ווערט כּסדר שענער.

דער פאָטער האָט אויך אומבאַמערקט, נאָר באַדייטנד זיך געענדערט, ער איז געוואָרן נאָך מער פאַרשמייעט, ציפּט די טונקעלע וואָנסעס זיינע, וואָס ער פלעגט פריער נישט טון; זיינע טויבן־אויגן פינטלען אַזוי פאַרבלענדט און קוקן אַזוי פאַרטראַכט, גלייך דער פאָטער וואָלט געהאַט עפּעס פאַרגעסן און קאָן זיך נישט דערמאַנען. רעדן האָט ער אָנגעהויבן נאָך מער און שרייעוודיקער, פאַרטייבנדיקער. ער רעדט וועגן ביכער, שיפן, וועלדער און שׂרפות, וועגן אַ נאַרישן גובערנאַטאָר און וועגן דער פאָלקס־נשמה, וועגן די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אַ ביטערן טעות געהאַט, וועגן דעם וואונדערבאַרן מענטש גליעב אוספּענסקי, וועלכער „זעט אַלץ דורך און דורך”. ער רעדט תּמיד וועגן עפּעס נייעס און אַזוי, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מאָרגן וועט אים עמעצער פאַרווערן צו רעדן.

— וואונדערבאַר! — שרייט ער. -- מערקווירדיק!

וואַראַווקאַ האָט אים געגעבן אַ צונאָמען: — „וואַניאַ, גוט יום־טוב”.

— דו ביסט אַ בריה אויף צו חידושן זיך, איוואַן! — האָט געזאָגט וואַראַווקאַ, שפּילנדיק זיך מיט זיין גרויסאַרטיקער באָרד.

ער האָט אַוועקגעפירט דאָס ווייב קיין אויסלאַנד, באַריסן

האָט ער אָוועקגעשיקט קיין מאָסקווע, אין דער אויסגעצייכנטער שולע, וואו טוראָבאָיעוו האָט זיך געלערנט. און נאָך לידיען איז פון ערגעץ געקומען צו פאָרן אַ גרויס-אויגיקע זקנה מיט גרויע וואָנסעס און האָט אָוועקגעפירט דאָס מיידעלע קיין קרים צו היילן זיך מיט ווייַנטרויבן. פון אויסלאַנד האָט וואַראַווקאַ זיך אומגעקערט אַ פאַריונגטער, נאָך אַ מער ליצנותדיק פרייליכער; ער איז אַזוי ווי גרינגער געוואָרן, נאָר אינם גיין האָט ער געטופּעט מיט די פיס שטאַרקער און אָפּט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל, שעפּנדיק נחת פון זיין באָרד, וואָס איז אונטערגעשוירן געווען אויף אַזאַ אופן, אַז איר ענלעכקייט צו אַ פוקסן-וויידל איז געוואָרן קענטיקער. ער האָט אפילו אָנגעהויבן רעדן מיט פערזן, קלים האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו דער מוטער:

— ווען מיט הייסן וואָרט פון איבערצייגונג
האָב איך פון פינצטערניש און שטרויכלונג
אַ געפאַלענע נשמה ארויסגעשלעפּט,

— בין איך, נאַטירלעך, אין יענער צייט געווען אַן אידיאָט...

— דאָס איז מסתמא נישט ריכטיק און זייער גראָב, טימאָפעי סטעפּאַנאָוויטש, — האָט געזאָגט די מוטער; וואַראַווקאַ האָט אַ פייף געטון, אַקוראַט ווי אַ ייִנגל, דערנאָך האָט ער פעסט אַ זאָג געטון:

— קיין צאַרטער אמת איז נישטאָ.

כמעט יעדן אָוונט האָט ער זיך געקריגט מיט מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ, דערנאָך האָט מיט איר אויך אָנגעהויבן זיך צו שפּאַרן וויעראַ פּעטראָוונאַ; די אַקושערקע פלעגט זיך אויפשטעלן, זיך אויסגלייכן, אויסציִען און שטרענג כמורעדיק זיך, איר זאָגן:

— וויעראַ, באַטראַכט דיך!

דער פאָטער איז אומרויִק צוגעלאָפן צו איר און געשריגן:

— צי דערווייזט דען נישט ענגלאַנד, אַז קאָמפּראָמיס איז אַן אומבאַדינגטער תנאי פון דער ציוויליזאַציע?

די אַקושערקע האָט שטרענג געזאָגט:

— הערט אויף, איוואַן!

דאַן האָט דער פּאַטער זיך אַ קיקל צו געטון צו וואַ־ראווקאַן:

— אָבער דו מוזסט מסכּים זיין, טימאָפעי, אַז אין אַ געווּיסן מאָמענט פּאַדערט די עוואָלוציע אַן אַנטשלאָסענעם קלאַפּ...

וואַראווקאַ האָט אים אָוועקגעשאַרט מיט דער קורצער, קרעפּ־טיקער האַנט און געשריגן, שמייכלענדיק:

— ניין, מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ, ניין!

דער פּאַטער איז צוגעגאַנגען צום טיש טרינקען ביר מיטן דאָקטאָר סאָמאָוו, און דער האַלב שכּורער דאָקטאָר האָט גע־וואָרטשעט:

— נאַדסאָן איז גערעכט: ס׳האָבן אויסגעברענט די ליכט און וועק... ווי אַזוי גייט דאָרט?

— פאַרפלויגן די בלומען, — האָט צוגעגעבן דער פּאַטער, מיטפילנד אַ שאָקל געבנדיק מיטן פליכיקן שאַרבן; ער האָט פאַר־טראַכטערהייט געטרונקען דאָס ביר, געשוויגן און איז געוואָרן אומ־באַמערקבאַר.

מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ איז אויך עפּעס גאָר פּלוצלינג גרוי גע־וואָרן, זי איז געוואָרן אָפּגעצערט און איינגעבויגן; דאָס קול איז בא איר געלעגערט געוואָרן, עס האָט געקלונגען טויב, צעבראָכן און שוין נישט אַזוי הערשעריש, ווי פריער. שטענדיק געקליידט אין שוואַרצן, האָט איר פיגור אַרויסגערופן פאַראומערטקייט; אין די זוניקע טעג, ווען זי איז געגאַנגען איבערן הויף אָדער געשפּאַ־צירט אין גאָרטן מיט אַ בוך אין די הענט, האָט איר שאָטן זיך אויסגעוויזן שווער און געדיכטער, ווי די שאָטנס פון אַנדערע מענטשן; דער שאָטן האָט זיך געשלעפּט נאָך איר, ווי אַ המשך פון איר ספּודניצע און אָפּגעווישט די קאָלירן פון די בלומען, פון די גראָזן.

די וויכּוחים מיט מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ האָבן זיך געענדיקט דערמיט, וואָס אין אַ געווּיסן פרימאָרגן איז זי אָוועקגעגאַנגען פון הויף הינטער אַ פור מיט אירע זאַכן, זי איז אָוועקגעגאַנגען נישט געזעגנענדיק זיך מיט קיינעם, שפּרייזנדיק מאַיעסטעטיש, ווי תּמיד; אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס רעגנשל מיט די אינסט ומענטן,

און מיט דער אַנדערער האָט זי צוגעטוליעט צו איר פלאַכער ברוסט אַ שוואַרצן, איינאויגיקן קאָטער.

צוגעוואוינענדיק זיך צו באַאָבאַכטן די דערוואַקסענע, האָט קלים געזען, אַז צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אומפּאַרשטענדלעכס, אומרויקס, גלייך זיי אַלע וואָלטן זיך געזעצט נישט אויף די אייגענע שטולן, אויף וועלכע זיי זענען איינגעוואוינט צו זיצן. דער לערער איז אויך געוואָרן עפּעס אַנדערש. ער האָט, ווי פריער, געקוקט אויף אַלע מיט דיזעלבע קאָמישע אויגן פון אַ מענטש, וועלכן מ׳האָט נאָר וואָס אויפגעוועקט פון שלאָף, אָבער אַצינד האָט ער געקוקט באַליידיקט, פאַרצאָגט און האָט אַזוי באַוועגט מיט די ליפּן, גלייך ער וואָלט געוואָלט אַרויסשרייען, נאָר אַנטשליסט זיך נישט. און אויף קלימס מוטער האָט ער געקוקט אַקוראַט אַזוי, ווי דער זיידעשי אַקים אויפן פאַלשן צעגרובלדיקן באַנקנאָט, וואָס עס האָט אים עמעצער אַריינגעשלייערט. און רעדן מיט איר האָט ער אויך אָנגעהויבן נישט רעספּעקטפול. איינאָוונט, אַריינקומענדיק אין גאַסטצימער, ווען די מוטער האָט זיך געקליבן צו שפּילן אויפן קלאַוויר, האָט קלים דערהערט טאָמילינס גראָבע ווערטער:

— נישט אמת, איך האָב געזען, ווי ער...

— וואָס ווילסטו, קלים, — האָט די מוטער שנעל אַ פרעג געטון, דער לערער האָט באַהאַלטן די הענט הינטערן רוקן און איז אַוועקגעגאַנגען, נישט געבנדיק קיין קוק אויף דעם שילער.

און אין עטלעכע טעג אַרום, באַנאַכט, אויפשטייענדיק פון בעט, כדי צו פאַרמאַכן דאָס פענצטער, האָט קלים דערזען, אַז דער לערער און די מוטער גייען איבערן וועגל אין גאָרטן; די מאַמע יאָגט זיך אָפּ פון די מוקן מיטן עק פון בלויען שאַרף, דער לערער אַלע מאָל אַ שאָקל געבנדיק מיט די קופּערנע האָר, רייכערט. די שיין פון דער לבנה איז געווען אַזוי בוימלהאַפט געדיכט, אַז אפילו דער רויך פון פּאַפּיראָס האָט זיך געפאַרבט אין אַ גאָלדיקן טאָן. קלים האָט געוואָלט אַ געשריי טון:

— מאַמאַ, איך שלאָף נאָך נישט, — אָבער פּלוצלינג איז טאָמילין, פאַרטשעפּענדיק זיך אָן עפּעס, אַנידערגעפאַלן אויף דער קני, ער האָט אויפגעהויבן די הענט, אַ טרייסל געטון מיט זיי, אַזוי ווי דראָ-

ענדיק, אַ ריטש געטון און אַרומגעכאַפּט דער מוטערס פיס. זי האָט זיך אַ וואַקל געטון, אָפּגעשטופּט דעם האַריקן קאָפּ און שנעל גענומען גיין, צערייסנדיק דעם שאַרף. דער לערער האָט שווער זיך איבערגעשטעלט פון די קניען אויף די שפּיץ פינגער, האָט זיך אויפגעשטעלט, איינגעקלאַמערט די פינגער אין זיינע האַרטע האָר, צוגלעטנדיק זיי, און, מאַכנדיק מיט דער האַנט, גענומען נאָכשפּאַנען דער מאַמען, דאָ האָט קלים דערשראָקן אַ רוף געטון: — מאַמאַ! — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געלאָזט גיין צום הויז, אַרומקרייזלענדיק דעם לערער, ווי אַ לאַמטער-סלופּ. בײַ קלימס בעט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ פּנים, אַן אומגעוויינלעך שטרענגס, כמעט אַן אומבאַקאַנטס, און ביז אָנגעהויבן פאָרוואַרפן:

— אָט, שלאָפסטו נישט, כאָטש ס'איז שוין צוועלף אַזייגער, און מאָרגן וועט מען נישט קענען דיך דערוועקן. אַצינד וועט דיר אויסקומען אויפצושטיין פריער, סטעפּאַן אַנדרעעוויטש וועט מער נישט וואוינען בײַ אונז.

— ווייל ער האָט דיר אַרומגענומען די פיס? — האָט קלים געפרעגט.

אָפּווישנדיק מיטן שאַרף איר פּנים, האָט די מוטער גענומען רעדן שוין נישט בייז, נאָר מיט דער זעלבער זיכערער שטימע, מיט וועלכער זי פלעגט אים דערקלערן די אומפאַרשטענדלעכע פּלאָנטערבישן אין די נאָטן, בעת די מוזיק-לעקציעס. זי האָט געזאָגט, אַז דער לערער האָט נאָר אַראָפּגענומען פון איר ספּאָדניצע אַ רויפּנווערמל, און מער גאָרנישט, און די פיס האָט ער נישט אַרומגענומען, דאָס וואָלט געווען נישט אָנשטענדיק.

— אַך, ייִנגל, ייִנגל מיינס, דו טראַכסט אַלץ אויס, — האָט זי געזאָגט, זיפצנדיק.

קלים האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל דערזעען לויט זיינע אויגן, אַז ער גלייבט איר נישט און ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. פון די ביכלעך, פון די שמועסן פון די דערוואַקסענע האָט ער שוין געוואוסט, אַז אַ מאַנסביל שטעלט זיך אויף די קניען פאַר אַ פרוי-באַר דעמאָלט, ווען ער איז פאַרליבט אין איר. ס'איז לחלוטין נישט

פּייטיק צו שטעלן זיך אויף די קניען דערויף, כּדי אָראָפּצונעמען אַ רויפּנוועדמל פון דער ספּאָדניצע.

די מוטער האָט צערטלעך געגלעט מיט דער הייסער האַנט זיין פּנים. ער האָט מער נישט גערעדט וועגן לערער. ער האָט בלויז באַמערקט: ווארעווקא האָט אויך נישט ליב דעם לערער. און ער האָט דערפילט, אַז דער מוטערס האַנט האָט אַ ציטער געטון, שווער אַריינקוועטשנדיק זיין קאָפּ אין קישן. און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער, האַלטנדיק אין איינשלאָפן, אַ קלער געטון: ווי מאָדנע דאָס איז. די דערוואַקסענע געפינען, אַז ער טראַכט אויס גראָד דעמאָלט, ווען ער זאָגט דעם אמת.

טאָמילין האָט זיך אַריבערגעקליבן וואוינען אין אַ קליינטשיק, שמאָל געסעלע אַריין, וואָס איז פאַרשטאָפּט געווען מיט אַ בלויז הייזל; איבערן גאַנעק פון הויז איז געווען אַ שילד:

אַ קוכער און צוקערבעקער

נעמט אָן באַשטעלונגען אויף חתונות, בעלער און הזכרה־מאָלצייטן.

באַם קוכער האָט טאָמילין זיך באַזעצט אויך אין אַ דאַך־שטיבל, נאָר אַ ליכטיקערס און אַ ריינערס. אָבער ער האָט אין עטלעכע טעג פאַרברודיקט דאָס צימער מיט די קופּעס ביכער; עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך איבערגעצויגן מיט זיין גאַנצער פריערדיקער וואוינונג, מיט איר שטויב, דומפּיקייט, מיטן שטילן סקריפּ פון דער פּאָדלאָגע, וואָס איז אויסגעטרוקנט געוואָרן פון דער זומערדיקער היץ. אונטער דעם לערערס אויגן זענען אויפגעלאָפן בלויליעכע געשווילעכצן, די גאָלדיקע פונקען אין די אַפּלען זענען פאַרלוירן געוואָרן און ער איינגאַנצן איז עפּעס געוואָרן אַזוי באַקלאָגלעך צעטראָגן. אַצינד פלעגט ער די גאַנצע צייט פון די לעקציעס נישט אויפשטיין פון זיין זויבערן געלעגער.

— ס׳טוען מיר ווי די פיס, — האָט ער געזאָגט.

— ער האָט זיך צעשעדיקט די קניען דעמאָלט, אין גאָרטן, — האָט זיך משער געווען קלים.

טאָמילין האָט אָנגעהויבן אומגעדולדיק צו פאַרנעמען זיך מיט אים, אין זיין שטיל קול האָט געקלונגען דענערווירטקייט; טיילמאָל

פלעגט ער פאַרמאַכן די לאַנגוויילִיקע אויגן, לאַנג שווייגן און פּלוצ־לינג פרעגן כּוונוויטנס:

— נו, האָסט פאַרשטאַנען?

— ניין.

— קלער זיך איבער,

קלים האָט געקלערט, אָבער נישט וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס פּאַרטיציפּ און וואוהין ס'פליסט דער טייך אַמו־דאַריאַ, נאָר וועגן דעם, איבער וואָס, פאַרוואָס מען האָט נישט ליב דעמדאָזיקן מענטש. פאַרוואָס רעדט תּמיד וועגן אים דער קלוגער וואַראַווקאַ שפּאָטיש און באַליידיקענד? דער ויידעשי אָקים, אַלע באַקאַנטע, אַ חוץ טאַניען, האָבן אויסגעמיטן טאָמילינען, ווי אַ קוימענקערער. בלויז איין טאַניאַ האָט פון צייט צו צייט געפרעגט:

— און איר, טאָמילין, ווי קלערט?

ער האָט איר געענטפערט קורץ און כּלאחר יד. ער האָט וועגן אַלעם געקלערט נישט איינשטימיק מיט די מענטשן און באַ־זונדער פאַרעקשנט האָט געקלונגען דאָס קופער פון זיינע ווערטער, ווען ער האָט זיך געשפּאַרט מיט וואַראַווקען.

— אין תּוך, — האָט ער געזאָגט.

— אין תּוך, אין תּוך, — האָט אים נאָכגעשפּעט וואַראַוו־קאַ. — כאַפּט דער רוח דעמדאָזיקן גאַנצן תּוך אייערן! ס'איז אַ סך וויכטיקער דער פאַקט, אַז קאַרל דער גרויסער האָט אַרויסגע־געבן געזעצן וועגן הינער־האָדעווען און האַנדל מיט אייער.

דער לערער האָט דערווידערט מיט אַ ציטערנדיקער שטי־מע:

— פאַר דער פרייהייטס־זאַך זענען די חסרונות פון אַ דעס־פּאָט אַ סך וויכטיקער געפערלעך, ווי זיינע מעלות.

— פאַנאַטיזם, — האָט אַ געשריי געטון וואַראַווקאַ, נאָר טאַניאַ האָט זיך דערפרייט:

— אַך, ניין, דאָס איז וואונדערלעך ריכטיק! איך וועל דאָס פאַרשרייבן...

זי האָט פאַרשריבן דידאָזיקע ווערטער אויף דער הילע פון קלימס העפט, אָבער זי האָט פאַרגעסן זיי איבערצושרייבן פון

ראַרטן, און נישט אַריינפאַלנדיק אין גרוב פון איר זכרון, זענען זיי פאַרבראַנט געוואָרן אין אויוון. דאָס האָט וואַראַווקאַ געזאָגט:

— נו אַלזאָ, טאַניאַ, גיט נאָר אַ נישטער אינם מיסט־גרוב פון אייער זכרון.

ווען פיל זאַכן האָט קלים געמוזט קלערן און דידאַזיקע פליכט איז אים אַלץ שווערער געוואָרן. אַלץ אַרום האָט זיך אויסגעברייטערט, צעוואַקסן, געפּאַקט זיך אין זיין נשמה אַריין פונקט אַזוי עקשנותדיק און גראָב, ווי די מתפללים אין איספּעניע־קירכע, וואו ס'איז געווען די בעל־מופתדיקע איקאָנע פון דער געטלעכער מוטער. זאַכן, וואָס גאָר נישט לאַנג באָך זענען זיי צוגעוואוינטע פאַרן אויג געשטאַנען אויף זייערע ערטער, נישט וועקנדיק קיין אינטערעס צו זיך, האָבן אַצינד מיט עפּעס צוגעצויגן צו זיך, בשעת אַנדערע, אינטערעסאַנטע און באַליבטע, האָבן אָנגעוואוירן זייער רייץ. אפילו דאָס הויז האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן. קלים איז געווען זיכער, אַז אין הויז איז נישטאָ קיין שום אומבאַקאַנטס פאַר אים, אָבער פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן עפּעס נייעס, וואָס ער האָט פריער נישט באַמערקט. אין האַלב־פינצטערן קאָרידאָר, איבער דער קליידער־שאַנק האָבן פון דעם בילד, וואָס איז פריער געווען פשוט אַ טונקעלער קוואַדראַט, אָנגעהויבן קוקן פאַרטראַכטע אויגן פון אַ גרויער זקנה, אַ באַגראָבענע אין חשכות. אויפן בוידעם, אין דעם אַלטן, אייזן־געקאָוועטן קופערט, האָט ער אַנטדעקט אָן אַ שיעור אינטערעסאַנטע, הגם אויך צעבראָכענע חפצים, רעמלעך צו פאָרטרעטן, פאָרצעלייענע פיגורלעך, אַ פלייט, אַן אומגעהייער גרויס בוך אויף פראַנצויזיש מיט בילדער פון כינעזער, אַ דיקן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס פון קאָמיש און שלעכט פאַרקעמטע מענטשן, דאָס פנים פון איינעם פון זיי איז געדיכט פאַרשמירט געווען מיט אַ בלויען בליישטיפט.

— דאָס זענען העלדן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און דערדאָזיקער הער איז — דער גראַף מיראַבאָ, — האָט דערקלערט דער לערער און שמייכלענדיק זיך איבערגעפרעגט: — צווישן אומנוצלעכע זאַכן האָסטו עס געפונען, זאָג־

סטו? — און איבערמישנדיק די בלעטלעך פון אלבאם, האט ער פארטראכט איבערגעחזרט:

— יא, יא — די פארגאנגענהייט... נישט נוצלעך...

קלים האט אנטדעקט אין הויז אפילו א גאנץ צימער, אנגע־לייגט ביזן סופיט מיט צעבראכן מעבל און אן א שיעור זאכן, וואס זייער געוועזענע עובדא איז שוין פארגעקומען אומפארשטענדלעך, אפילו סודותדיק. גלייך די אלע שטויביקע זאכן וואלטן פלוצלינג אין א חברה אריינגעלאפן אין צימער אריין, צעשראקענע, אפשר, פון א שרפה; אין אימה האבן זיי זיך אנגעפאקט איינע אויף דער אנדערער, ברעכנדיק, צעהאקנדיק, האבן צעבראכן איינס דאס אנדע־רע און זענען געשטארבן. טרויעריק איז געווען צו קוקן אויף דעמדאזיקן כאאס, א רחמנות געווען אויף די צעבראכענע זאכן.

סוף אויגוסט איז איינמאל גאר פרי אריינגעפאלן אן אומגע־וואשענע, א נישט פארקעמטע ליובא קלאון; טופענדיק מיט די פיס, יאמערנדיק און שטיקנדיק זיך, האט זי געזאגט:

— גיכער קומט אריין צו אונז, גיכער, — די מאמע איז משוגע געווארן.

און אנידערפאלנדיק אויף די קניען פאר דער סאפע, האט זי באהאלטן דעם קאפ אונטערן קישן.

קלימס מוטער איז גלייך אוועקגעגאנגען, און דאס מיידעלע האט אראפגעווארפן דאס קישן פון קאפ און זיצנדיק אויף דער פאדלאגע גענומען דערציילן קלימען, באקלאגלעך קוקנדיק אויף אים מיט די נאסע אויגן.

— נאך נעכטן, ווען זיי האבן זיך געזידלט, האב איך גע־זען, אז זי איז משוגע. פארוואס נישט דער פאפא? ער איז שטענדיק שכור...

זי איז אויפגעשפרונגען און אנגעכאפט קלימען באם ארבל.

— לאמיר אהינגיין...

קלים האט נישט געדענקט, ווי אזוי ער איז צוגעלאפן צו די סאמאוס וואוינונג, געשלעפט פון ליובען. אין האלב־פינצטערן שלאפצימער, — זיינע פענצטער זענען געווען פארמאכט מיט לעדן,

האָט אויפן צעקנאָדערטן, צעריסענעם געלעגער קראַמפּהאַפּט זיך געצאַפּלט סאָפיאַ ניקאָלאַיעווּנאַ, אירע פיס און די הענט זענען געווען געבונדן מיט האַנטיכער, זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, ציקנדיק מיט די אַקסלען, איינבייגנדיק די קניען, האָט געשלאָגן מיטן קאָפּ אָן קישן און געריטשעט:

— ניין!

אירע אויגן, שרעקלעך אויסגעביילטע, זענען ברייט געוואָרן ווי די קופּערנע צענערס, זיי האָבן געקוקט אויפן פייער פון לאָמפּ, זענען רויט געווען ווי צעגליטע קוילן, אונטער איין אויג האָט געברענט אַ גראַטש, ס'איז געריננען פון אים בלוט.

— ניין! — האָט טויב געשריגן די דאָקטאָרין.

און אַ ביסל העכער:

— ניין, ניין!

אירע קראַמפן זענען שטאַרקער געוואָרן, דאָס קול האָט געקלונגען בייזער און שאַרפער. דער דאָקטאָר איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון בעט, אָנלענענדיק זיך אָן דער וואַנט און געביסן, געקייעט זיין שוואַרצע, האַרטע באָרד. ער איז געווען נישט אָנשטענדיק צעשפּיליעט, צעשויבערט, זיינע הויזן האָבן זיך געהאַלטן אויף איין שעלקע, די אַנדערע האָט ער אָנגעוויקלט אויף דער דלאָניע פון זיין לינקער האַנט און זי געצויגן אַרויף אינדערהייך, די הויזן זענען אונטערגעשפּרונגען, דעם דאָקטאָרס פיס האָבן געציטערט ווי בא אַ שכור, און די טריבע אויגן האָבן אַזוי געפינטלט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט — די לעפעלעך קנאַקן אויך ווי זיין ווייבס ציין. ער האָט געשוויגן, גלייך זיין מויל וואָלט אויף אייביק פאַרוואַקסן געוואָרן מיט דער באָרד.

אַ צווייטער דאָקטאָר, דער אַלטער וויליאַמסאָן, איז געזעסן באַם טיש, זשמורענדיק די אויגן אויפן פייער פון ליכט און פאַרזיכטיק עפּעס געשריבן, וויערא פּעטראָווּנאַ האָט אויסגעמישט אַ גלאָז מוטנע וואַסער, די דינסט איז געלאָפן מיט אַ שטיק אייז אויף אַ טעלער און מיט אַ העמערל אין דער האַנט.

פּלוצלינג האָט די קראַנקע זיך אויסגעבויגן ווי אַ דוגע און, אַ פּאַך געבנדיק מיט די הענט, איז זי אַראָפּגעפאַלן אויף דער

פּאָדלאָגע, האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ און געגומען קריכן, באַוועגנדיק מיטן קערפּער פּונקט ווי אַ יאַשטשערקע און מיט נצחון אויסשרייענדיק:

-- אהאַ? ג'ביין...

— האַלט זי צו, וואָס שטייט איר? — האָט אַ געשריי געטון קלימס מוטער, דער דאָקטאָר האָט זיך שווער אָפּגעקלעפּט פון דער וואַנט, אויפגעהויבן די פרוי, זי אַוועקגעלייגט אויפן בעט, און אַליין זיך אַנידערגעזעצט אויף אירע פיס, זאָגנדיק עמעצן:

— גיט אַהער נאָך האַנטיכער.

דאָס ווייב איז אונטערגעשפרונגען, האָט אים אַ קלאַפּ געטון מיטן קאָפּ אין דער באַק אַריין, ער איז אָפּגעשפּרונגען פון בעט, און זי איז אויפסניי אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן אויפבינדן אירע פיס, אַלע מאָל אַרויסכריפּענ'יק:

— אהאַ, אהאַ...

קלים איז געשטאַנען באַהאַלטן אין ווינקל צווישן דער טיר און דער שאַנק, וויערא סאַמאָווא איז געשטאַנען פונהינטן, אַרויפּ־לייגנדיק די גאָמבע אויף זיין אַקסל און גפּליסטערט:

— דאָס וועט דאָך דורכגיין? ס'וועט דו'כגיין, יאָ?

פּאַרביי זיי איז געלאָפן ליובאַ מיט האַנטיכער, קוויטשענ־דיק:

— גאָט, גאָט...

און פּלוצלינג, אַ טופּע געבנדיק מיטן פוס, האָט אַ פרעג געטון די שוועסטער:

— וויערקאַ, און וואָס זשע איז מיט דער טיי?

קלימס מוטער האָט זיך אומגעקוקט אויפן געוויש און שטרענג אַ געשריי געטון:

— קינדער — אַרויס!

זי האָט זיי געהייסן אַ לויף טון נאָך טאַניאַ קוליקאָוואַ, — אַלע באַקאַנטע פון דעם מיידל פלעגן אויף איר אַרויפלייגן די פליכט פון אַקטיוון אָנטייל אין זייערע דראַמען.

די קינדער האָבן זיך שנעל געלאָזט גיין אין עק שטאָט, קלים האָט דערשלאָגן געשוויגן, גייענדיק הינטער די שוועסטערן

און דורך זיין שווערער שרעק געהערט, ווי די עלטערע סאַמאָוואַ האָט פאַרגעוואָרפן דער שוועסטער:

— די מאַמע איז משוגע געוואָרן, און דו שרייסט — טיי.

— שווייג, אינדיטשקע.

— דו ביסט אַ גיריקע און אַן אומפאַרשעמטע...

— און דו ביסט — אַ צדיקות!

אָפּשטעלנדיק זיך, האָט זי געזאָגט צו קלימען:

— איך וויל נישט גיין מיט איר — קום שפּאַצירן.

קלים האָט אַן חשק אָנגעהויבן גיין גלייך מיט איר און נאָך עטלעכע טריט געפרעגט:

— דו האָסט ליב דיין מאַמען?

ליובאַ האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן אַ געלן בלאַט פון אַ טאָפּאָל און אַ זיפץ טוענדיק געזאָגט:

— איך ווייס אַליין נישט. ס'קאָן זיין, איך האָב נאָך קיינעם נישט ליב.

אָפּווישנדיק מיטן שטויביקן בלאַט די אָנגעשוואָלענע אויגן-לעפלעך, בלינד זיך שטרויכלענדיק, האָט זי פאַרגעזעצט:

— דער פאָטער קלאָגט זיך, אַז ס'איז שווער ליב צו האָבן. ער האָט אפילו געשריגן אויף דער מאַמען: פאַרשטיי, דו נאַר, איך האָב דאָך דיך ליב. זעסט?

— וואָס? — האָט געפרעגט קלים, אָבער ליובאַ האָט, אַפּנים, נישט געהערט זיין פראַגע.

— און זיי זענען שוין מאַן און ווייב פערצן יאָר...

געפינענדיק, אַז ליובאַ רעדט נאַרישקייטן, האָט קלים אויפ-געהערט זי הערן, נאָר זי האָט ווייטער לאַנגווייליק גערעדט וועגן עפּעס, ווי אַ דערוואַקסענע און געפּאַכעט מיט אַ בערעזע-צווייגל, וואָס זי האָט אויפגעהויבן פון פּאַנעל. אומגעריכט פאַר זיך, זענען זיי אַרויסגעקומען אויפן טייך-ברעג, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די קלעצער, נאָר די קלעצער זענען געווען פייכטע און שמוציקע, ליובאַ האָט זיך אויסגעשמירט דאָס קלייד, זיך צעבייזערט און איז אַריבערגעגאַנגען איבער די קלעצער אין אַ לאָדקע אַריין, וואָס

איז געווען צו זיי צוגעבונדן, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער רופע;
קלים איז איר נאָכגעגאַנגען. זיי זענען לאַנג געזעסן שווייגנדיק.
באַטראַכטנדיק די פאַרקרומטע אָפּשפּיגלונג פון איר פּנים, האָט ליו־
באַ אַ קלאַפּ געטון איבער דעם מיטן צווייגל, צוגעוואַרט ביזוואַנען
ס'איז אויפסניי אַרויסגעקומען אינם גרינלעכן וואַסער, נאָכאַמאָל אַ
קלאַפּ געטון און זיך אַוועקגעדרייט.

— סאַראַ מיאוסע... איך בין דאָך אַ מיאוסע?

נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט זי געפרעגט:

— פאַרוואָס שווייגסטו?

— ס'גלוסט זיך נישט צו רעדן.

— אַז איך בין נישט קיין שיינע?

— ניין, וועגן אַלעם גלוסט זיך נישט צו רעדן.

— דו שעמסט זיך פּשוט צו זאָגן דעם אמת, — האָט דער־
קלערט ליובאַ. — אָבער איך ווייס, אַז כ'בין אַ פאַרזעעניש און
האָב דערצו אַ מיאוסן כאַראַקטער, סיי דער פּאַפּאַ, סיי די מאַמאַ
זאָגן דאָס. איך דאַרף אַוועקצוגיין אין אַ מאָנאַסטיר אַריין... כ'וויל
מער דאָ נישט זיצן.

זי איז אויפגעשפּרונגען און, שנעל אַריבערלויפנדיק די קלע־
צער, נעלם געוואָרן, אָבער קלים איז נאָך לאַנג געזעסן אויף דער
רופע פון דער לאָדקע, קוקנדיק אין פוילן וואַסער אַריין, געדריקט
פון אַן אומעט, וואָסערן ער האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט,
נישט האָבנדיק קיין שום פאַרלאַנג, נאָר אָנשטויסנדיק זיך דורכן
אומעט, אַז ס'איז נישט גוט צו זיין ענלעך צו די מענטשן, וועלכע
ער האָט געקענט.

ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט די מוטער אים באַגעגנט
מיט אַן אומרויקן אויסגעשריי:

— גאָט, ווי דו שרעקסט מיך איבער!

קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיקע ווערטער באַציען
זיך נישט צו אים, נאָר צו גאָט.

— דו האָסט זיך דערשראָקן? — האָט אים אויסגעפרעגט די
מוטער. — דו ביסט בחינם אַהינגעגאַנגען. נאָכוואָס?

— וואָס האָט מען מיט איר געטון? — האָט געפרעגט קלים.

די מוטער האָט געזאָגט, אַז די סאַמאָוס האָבן זיך צעקריגט, אַז דעם דאָקטאָרס פרוי האָט אַ שטאַרקן נערוון-אַטאַק און מען האָט זי געמוזט אַוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין.

— דאָס איז — נישט געפערלעך. זיי זענען ביידע — נישט קיין געזונטע מענטשן, זיי איז אויסגעקומען אַ סך צו ליידן, זיי זענען פּריצײַטיק אַלט געוואָרן...

לויט איר דערציילן איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער דאָקטאָר מיטן ווייב זענען — צעבראָכענע מענטשן, און קלים האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צימער, וואָס איז אָנגעלייגט מיט אומנוצלעכע זאַכן.

— דאָס איז — נישט געפערלעך, — האָט איבערגעחזרט די מוטער.

אָבער קלים האָט איר איבער עפּעס נישט געגלייבט און זיך אַרויסגעוויזן פאַר גערעכט: אין ניינצען טעג אַרום איז דעם דאָקטאָרס ווייב געשטאָרבן, און דראָנאָוו האָט אים בסוד געזאָגט, אַז זי איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און זיך דערהרגעט. אין טאָג פון דער לוויה, אינדערפרי, איז געקומען צו פאָרן דער פאָטער, ער האָט געהאַלטן אַ רעדע איבער דער דאָקטאָרינס קבר און געוויינט. ס'האָבן געוויינט אַלע באַקאַנטע, אַ חוץ וואַראַווקען, ער האָט, שטייענדיק אין אַ זייט, געראַכערט אַ ציגאַר און זיך געזידלט מיט די בעטלערס.

דער דאָקטאָר סאָמאָוו איז פון בית-עלמין געקומען צו די סאַמגינס, האָט שנעל זיך אָנגעשכורט און שכורעדהייט געשריגן:

— איך האָב זי ליב געהאַט, אָבער זי האָט מיך געהאַסט און געלעבט דערויף, אַז מיר זאָל זיין שלעכט.

קלימס פאָטער האָט מיט אַ מבול ווערטער געטרייסט דעם דאָקטאָר, אָבער ער האָט אויפגעהויבן די שוואַרצע, האָריקע פויסט ביז צום אויער, געטרייסלט מיט איר און גערעדט, באַגיסנדיק זיך מיט שכורע טרערן:

— פינפצען יאָר האָב איך געלעבט מיט אַ מענטש, נישט געהאַט מיט אים קיין איין בשותפותדיקן געדאַנק, און ליב געהאַט, אים ליב געהאַט, האַ? און — כ׳האָב ליב. אָבער זי האָט פיינט געהאַט אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט, געטראַכט, גערעדט.

קלים האָט געהערט, ווי וואַראַווקאַ האָט מיט אַ האַלב ק״ל אַ זאָג געטון דער מוטער:

— הערט נאָר, וואָס ער האָט אויסגעקלערט.

— אין דעם איז פאַרהאַן אַ חלק אמת, — האָט אויך אַזוי שטיל געענטפערט די מוטער.

דעם דאָקטאָר האָט מען אַוועקגעפירט שלאָפן אין דאַך־שטיבל, וואו טאָמילין האָט געוואוינט. וואַראַווקאַ האָט, האַלטנדיק אים אונטער די אָרעמס, געשטויסן אים אין דער פּלייצע אַריין מיט דעם קאָפּ, און דער פאָטער איז געגאַנגען פאָרויס מיט אַן אָנגעצונדן ליכט. אָבער אין אַ מינוט אַרום איז ער אַריינגעלאָפן אין עסצימער אַריין, האָט געוואָרפן מיטן לייכטער אָן דעם ליכט און געזאָגט עפּעס מיט אַ האַלב קול:

— וויעראַ, קום, דער באָבעשי איז נישט גוט!

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באָבעשי איז געשטאָרבן. זי איז געזעסן אויפן גאַנעק, געקאָרמעט די הינדלעך און פּלוצלינג, אָן אַ קרעכץ, אַנידערגעפאַלן אַ טויטע. ס׳איז געווען זייער מאָדנע, נאָר נישט שרעקלעך צו זען איר גרויסן, ברייטהיפּטיקן קערפּער, וואָס האָט זיך אַ בוק געטון צו דער ערד, דעם קאָפּ אויסגעדרייט אויף אַ זייט, דאָס צוגעדריקטע אויער גלייך ס׳וואָלט זיך איינגעהאָרכט אין דער ערד. קלים האָט געקוקט אויף איר בלויער באַק, אין דעם אָפּעטעם ערנסטן אויג אַריין און, נישט פילנדיק קיין פחד, זיך געוואונדערט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די באָבעשי האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעוואוינט צו לעבן מיטן ביכל אין די הענט, מיט דעם ביטולדיקן שמייכל אויפן דיקן, ווייכטיקן פּנים, מיט דער נישט געענדערטער ליבשאַפט צו הונערנעם בוליאָן, אַז מיטן דאָזיקן לעבן קאָן זי לעבן אומענדלעך לאַנג, קיינעם נישט שטערנדיק.

ווען מען האָט דעם פאַרמלאָזן גוף, ענלעך צו אַ גרויסן פּאַק אָפּגעטראָגענע מלבושים, אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין, האָט איוואַן דראַגאָוו אַ זאָג געטון!

— קונציק געשטאָרבן.

און תּיכּף צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו זיין באָבעשי:

— אָט, לערן זיך, ניאַנקע!

די ניאַנקע איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט פאַרגאָסן שטילע טרערן איבערן ארון פון דער געשטאָרבענער. נאָך דער לוויה, באַם מיטאָג, האָט איוואַן אַקימאָוויטש סאַמגין אַרויסגעזאָגט אַ קורצע רעדע וועגן די מענטשן, וועלכע קענען לעבן, נישט שטערנדיק זייערע נאָענטע. אַקים וואַסיליעוויטש סאַמגין האָט נאָך אַ ווײַלע קלערן אַ זאָג געטון:

— דאַכט זיך, פאַר מיר איז שוין אויך צייט צו די עלטערזיידעס.

ער איז נישט שטאַרק זיכער דערין, — האָט וואַראַווקאַ אַריינגעפּליסטערט אין ווײַראַ פּיעטראָווגעס ראָזן אויער אַריין. דער מוטערס פּנים איז געווען נישט טרויעריק, נאָר עפּעס אומגעווײַנלעך צערטלעך, אירע שטרענגע אויגן האָבן ווײַך געלויכטן. קלים איז געזעסן פון איר צווייטער זייט, האָט געהערט דעם פּליסטער און געזען, אַז דער באָבעשיס טויט האָט קיינעם נישט מצער געווען, און פאַר אים האָט עס זיך אפילו אַרויסגעוויזן פאַר נוצלעך: די מוטער האָט אים אַוועקגעגעבן דער באָבעשיס באַקוועמלעכע צימער מיטן פענצטער אין גאָרטן אַריין און מיטן מילך־ווייסן קאַפל־אויוון אין ווינקל. דאָס איז געווען זייער גוט, וואָרים וואוינען אין איין צימער מיטן ברודער איז געוואָרן נישט רויק און נישט אָנגענעם. דמיטרי פלעגט זיך לאַנג פאַרנעמען מיט די לעקציעס, שטערנדיק צו שלאָפן, און נישט לאַנג האָט אָנגעהויבן צו אים קומען דער אומטאַקטישער דראַגאָוו און זיי האָבן אָפט געמורמלט, געשושקעט ביז האַלבער נאַכט.

שטייף פאַרקנעפּלט אין אַ לאַנג מונדירל, איבער די קניען, איז דראַגאָוו געוואָרן דאַרער, האָט איינגעצויגן דעם בויך און, אַ גלאַטיק אָפּגעשוירענער, געקריגן אַן אָנבליק פון אַ קאַרליק־אַ סאָל־

דאָט. בשעת ער האָט גערעדט מיט קלימען, האָט ער צעשפּרייט די פּאָלעס פון מונדיר, אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס, ברייט פונאַנדערגערוקט די פיס, און, אַרויפּרייסנדיק דאָס ראָזע קנעפּל פון דער נאָז, געפּרעגט:

— דו, סאַמגין, לערנסט זיך שלעכט, וואָס? און איך בין שוין דער דריטער שילער...

אויסגלייכנדיק די אַקסלען און באַוועגנדיק מיט די עלנבויגנס, האָט ער מיט זיכערקייט אַ זאָג געטון:

— וועסט זען, — איך וועל נאָך זיין גרעסער פון לאָמאָנאָסאָוון.

דער זיידע אַקים האָט אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מען האָט קלימען פונדעסטוועגן אָנגענומען אין גימנאַזיע. אָבער דאָס ייִנגל האָט זיך געהאַלטן פאַר באַוואוּסט פון די לערערס אויפן עקזאַמען, אויפן איבער־עקזאַמען און שוין געהאַט אַ פּאַראורטייל קעגן דער שולע. באַלד אין די ערשטע טעג, נאָכן אָנטון דעם גימנאַזיע־אוניפאָרם, האָט וואַראַווקאַ איבערבלעטערנדיק די לערנביכער, מיט ביטול זיי אַוועקגעשליידערט:

— פּונקט אַזוי נאַריש, ווי יענע ביכלעך, אין וועלכע מען האָט אונז געלערנט.

דערנאָך האָט ער לאַנג און קאָמיש דערציילט וועגן דער נאַרישקייט און שלעכטקייט פון די לערערס און אין קלימס זכרון האָט באַזונדערס שטאַרק זיך איינגעקלעפּט זיין פאַרגלייכן די גימנאַזיע צו אַ פאַבריק פון שוועבעלעך.

— די קינדער שמירט מען אָן, ווי די העלצלעך, מיט אַ שטאָף, וואָס פלאַקערט לייכט אויף און ברענט שנעל אויס, ס'באַקומען זיך די געמיינסטע שוועבעלעך, ווייט נישט אַלע צינדן זיך אָן, און ווייט נישט מיט איטלעכן קאָן מען עפּעס אָנצינדן.

קלימען איז פאַרויסגעגאַנגען אַ רעפּוטאַציע פון אַ ייִנגל מיט אומגעוויינלעכע פעיקייטן; זי האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשאַרפטע און אומצוטרויִלעכע אויפמערקזאַמקייט פון די לערערס און אַ נייגיריקייט פון די תּלמידים, וועלכע האָבן זיך געריכט צו דערזעען אין דעם נייעם חבר עפּעס אַ מין קליינעם פּאַקוסניק. קלים האָט

זיך באַלד דערפילט אין דער באַקאַנטער, נאָר אָנגעשטרענגט שווע־רער לאַגע פון אַ מענטש, וואָס איז מחויב צו זיין אַזוינער, ווי מען וויל אים זעען. אָבער ער איז שוין צוגעוואוינט געווען צו דערדאָזיקער ראָלע, פאַר אים, משמעות, אַן אומפאַרמיידלעכע, פונקט ווי אומפאַרמיידלעך ס'זענען די פרימאָרגנדיקע אויסרייבו־נגען פון קערפער מיט קאַלט וואַסער, ווי די פאָרציע פיש־טראָן, די זופּע באַם מיטאָג און דאָס נישט ניחאדיקע רייניקן די ציין אויף באַנאַכט.

דער זעלבסט פאַרהיטונגס־אינסטינקט האָט אים אונטערגע־זאָגט געוויסע כּללים פון האַלטן זיך. ער האָט זיך דערמאָנט ווי וואַראַוואָקאַ האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם פאָטער:

— פאַרגעס נישט, איוואַן, אַז ווען אַ מענטש רעדט ווייניק, — ווייזט ער זיך אויס קלוגער.

קלים האָט באַשלאָסן צו רעדן וואָס ווינציקער און האַלטן זיך אין אַ זייט פון דער ווילדער טשערעדע קליינע עכּברושים. זייער צודרינגלעכע בייגיריקייט, איז געווען אַן אומרחמנותדיקע און די די ערשטע טעג האָט קלים זיך געזעען אַלס געכאַפּטן פויגל, באַ וועלכן מען ציפּט אויס די פעדערן, איידער מען דרייט אים אָפּ דעם האַלז. ער האָט געפילט די געפאַר צו פאַרלירן זיך צווישן די אייגאַרטיקע יינגלעך; זיי, נישט אונטערשיידנדיק זיך כּמעט איינער פון אַנדערן, האָבן אים איינגעזויגן, געשטרעבט צו מאַכן פון אים אַ נישט קענטיק טיילעכל פון זייער מאַסע.

דערשראָקן פון דעם, האָט ער דאַן זיך באַהאַלטן אונטערן פאַנצער פון אומעט, אַוומהילנדיק זיך מיט אים, ווי מיט אַ וואָלקן. ער איז געגאַנגען מיט אַ סאָלידן גאַנג, פאַרלייגט די הענט היב־טערן רוקן, ווי טאָמילין; געהאַט אַ מינע פון אַ יינגל, וואָס איז פאַרנומען מיט עפּעס זייער ערנסטעס און וואָס איז ווייט פון שטי־פעריין און ווילדע שפּילערייען. פון צייט צו צייט האָט אים דאָס לעבן געהאָלפן זיך פאַרטראַכטן אויפריכטיק: איינמיטן סעפּטעמבער אין אַ רעגנדיקער נאַכט, האָט דער דאָקטאָר סאָמאָוו זיך דערשאָסן אויפן קבר פון זיין ווייב.

זיין געקינצלטע פאַרטראַכטקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס

צווייפאַך נוצלעך פאַר אים: די ייִנגלעך האָבן גיך געלאָזט צו רו דאָס אומעטיקע מענטשל, און די לערערס האָבן מיט איר דערקלערט דעם פאַקט, וואָס אויף די לעקציעס איז קלים סאַמגין אָפּט געווען נישט אויפמערקזאַם. אַזוי האָבן דערקלערט זיין צעשטרייטקייט כמעט אַלע לערערס, אַחוץ דעם להכעיסדיקן אַלטן מיט די כינעזישע וואָנסעס. ער האָט געלערנט רוסיש און געאָגראַפיע, די ייִנגלעך האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „נישט דערענדיקטער", וואָרים דעם אַלטנס לינקע אויער איז קלענער געווען פון רעכטן, כאָטש אַזוי ווייט נישט קענטיק, אַז ווען אפילו מען האָט קלימען אָנגעוויזן דערויף, האָט ער נישט באַלד זיך איבערצייגט אין דער פאַרשידנמאָסיקייט פון לערערס אויערן. דאָס ייִנגל האָט באַלד פון די ערשטע לעקציעס אָן דערפילט, אַז דער אַלטער גלייבט נישט אין אים, ווייל אים כאַפּן באַ עפּעס און אויסלאַכן, יעדעס מאָל, אַרויסרופנדיק קלימען, האָט דער אַלטער אויסגעגלייכט די וואָנסעס, צונויפגעלייגט די פּיאַלעטע ליפּן זיינע אַזוי, גלייך ער וואָלט געהאַט בדעה אַ פייף צו טון, עטלעכע רגעס באַטראַכט קלימען דורך די ברילן און, לסוף, ליבלעך געפרעגט:

— אַלזאָ, סאַמגין, מיט וואָס איז רייך דער אָ ז י ע ר נ ע ר קאַנט?

— מיט פיש.

— יאָ? אפשר זענען דאָרט פאַרהאַן וועלדער?

— ס'איז פאַרהאַן.

— איז וואָס־זשע: די פיש זיצן אויף די ביימער?

דער קלאַס האָט הילכיק געלאַכט, דער לערער האָט געשמייכלט, ווייזנדיק די טונקעלע ציין אין גאָלד.

— וואָס־זשע האָסטו, גאון מיינער, אַזוי שלעכט צוגעגרייט די לעקציע, האַ?

צוריקגייענדיק אויף זיין אָרט, האָט קלים געזען שורות באַלעמאַרטיקע, געשוירענע קעפּ, מיט אויסגעשטשירעטע ציין, די פאַרשידנפאַרביקע אויגן האָבן געפינקלט מיט געלעכטער. דאָס צו זען איז געווען באַליידיקענד ביז טרערן.

די יינגלעך האָבן געהאַלטן, אַז דער „נישט דערענדיקטער" לערנט פּריילעך, קלים האָט אים געפונען אַלס נאַרישן, שלעכטן און זיך איבערצייגט, אַז צו לערנען זיך אין גימנאַזיע איז לאַנגווייליקער און שווערער, ווי בײַ טאָמילינען.

— פאַרוואָס שפּילסטו זיך נישט? — איז אַרויפגעשפּרונגען אויף קלימען אין דער צייט פון די פויזעס איוואַן דראָנאָוו, אַ רויט צעגליטער, אַ פינקלענדיקער, אַ גליקלעכער. ער איז ווירקלעך געגאַנגען אין די רייען פון די ערשטע שילער פון קלאַס און די ערשטע קונדייסים פון דער גאַנצער גימנאַזיע; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איילט זיך אויסצושפּילן אַלע שפּילן, פון וועלכע ס'האָבן אים אָוועקגעטריבן טוראָבאָיעוו און באָריס וואַראַווקאַ. אומקערנדיק זיך פון גימנאַזיע מיט קלימען און דמיטרין, פלעגט ער האָפערדיק זיך צופייפן, אָן צערעמאָניעס אויסלאַכנדיק די אומדערפאָלגן פון די ברידער, אָבער נישט זעלטן האָט ער געפרעגט קלימען:

— דו וועסט הייַנט גיין צו טאָמילינען? איך וועל אויך גיין מיט דיר.

און קומענדיק צום רויטן לערער, פלעגט ער זיך, איינזייגן אין אים, פאַרוואַרפנדיק אים מיט פראַגן פון רעליגיע, פון דעם סאַמע לאַנגווייליקסטן למוד פאַר קלימען. טאָמילין האָט אויסגעהערט זיינע שאלות מיט אַ שמייכל, געענטפערט פאַרזיכטיק, און ווען דראָנאָוו איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער, נאָך אַ מינוט, צוויי שטילשווייגן, געפרעגט קלימען מיט די ווערטער פון גלאַפירא וואַראַווקאַ:

— נו, וואָס איז בײַ אייך, דאָרט, אינדערהיים?

ער האָט געפרעגט אַזוי, גלייך ער וואָלט דערוואַרט צו הערן עפּעס אומגעוויינלעכס. ער איז אַלץ מער אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט ביכער, אין ווינקל, צופיסנס פון דער קויקע, די קופּע זייערע האָט געגרייכט כמעט ביזן סופיט. אויסציענדיק זיך אויף דער קויקע, האָט ער געלערנט קלימען:

— פיינע מעטאַלן ווערן אָנגערופן יענע, וועלכע ווערן כמעט אָדער אינגאַנצן נישט פאַרזשאַווערט. דו באַמערק דאָס, קלים. פיינע, גייסטיק פעסטע מענטשן ווערן אויך נישט פאַרזשאַווערט, ד. ה.

זיי גיבן זיך נישט אונטער די קלעפּ פון שיקזאַל, די אומגליקן, און בכלל...

אַזעלכע צוגאָבן צו דער לערע זענען געפעלן דעם ייִנגלמער, ווי די לערע גופא און זענען אים בעסער פאַרבליבן אין זכרון, און טאַמילין איז געווען זייער מילד אויף צוגאָבן. גערעדט האָט ער אַזוי ווי לייענענדיק דאָס אָנגעשריבענע אויפן סופיט, וואָס איז באַקלעפּט געווען מיט גלאַנציק, ווייס, אָבער שוין שטאַרק פאַרגעלט פּאַפּיר, צעקריצט מיט אַ נעץ פון שפּאַלטן.

— אַ קאָמפּליצירטער שטאָף ווערט אָן באַם דערוואַרעמען אַ טייל פון דער וואָג, אָן איינפאַכער האַלט איין די וואָג אָדער פאַרגרעסערט זי.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער צוגעגעבן:

— אָט, למשל, ביסטו שוין נישט געטוג איינפאַך פאַר דיין עלטער. דיין ברודער איז מער קינד, כאָטש ער איז עלטער פון דיר.

— אָבער מיטיאַ איז אַ נאַר, — האָט דערמאָנט קלים.

פונקט ווי שטענדיק, מעכאַניש רויק האָט דער לערער געזאָגט:

— יאָ, ער איז אַ נאַר, אָבער — צוגעפּאַסט צו זיין עלטער. פאַר איטלעכן עלטער פּאַסט זיך אַ באַשטימטע דאָזע נאַרישקייט און שכל. דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן קאָמפּליצירטקייט אין דער כעמיע — איז פולשטענדיק געזעצלעך, אָבער דאָס, וואָס ווערט אָגענומען אַלס קאָמפּליצירטקייט אין דעם כאַראַקטער פונם מענטש, איז אָפטמאָל בלויז זיין אייגענע אויסטראַכטעניש, זיינס אַ המצאה. דהיינו — פּרויען...

ער האָט אויפסניי שטילגעשוויגן, גלייך ער וואָלט אָנטשלאָפן געוואָרן מיט אָפענע אויגן. קלים האָט געזען פון דער זייט אַ פּאַרצעלייען, גלאַנציק ווייסל, דאָס האָט אים דערמאָנט אָן דעם טויטן אויג פון דאָקטאָר סאָמאָוו. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז רעדנדיק וועגן דער אויסטראַכטעניש, שמועסט דער לערער מיט זיך אַליין, פאַרגעסנדיק אָן אים, דער שילער. און נישט זעלטן האָט קלים געוואָרט, אַז אָט באַלד וועט דער לערער זאָגן עפּעס וועגן

דער מוסער מכוח דעם, ווי ער האָט אין גאַרטן אַרומגענומען אי־רע פּיס. אָבער דער לערער האָט ווייטער גערעדט:

— אַ נוצלעכע אויסטראַכטעניש ווערט געשטעלט אין אַ פּרעגנדיקער פאָרם, אין דער פאָרם פון השערה: אפשר איז עס אַזוי? ס'ווערט לכתחילה ערלעך צוגעלאָזט, אַז דאָס איז אפשר גאָר נישט אַזוי. שעדלעכע אויסטראַכטענישן טראָגן שטענדיק אַ פאָרם פון פעסטשטעלונג: דאָס איז דווקא אַזוי, און נישט אַנדערש. פונדאַנען שטאַמען די גרייזן און טעותים און... בכלל. יאָ.

קלים האָט געהערט דידאַקטישע רייד אויפמערקזאַם און זיך זייער געפלייסט צו פאַרפעסטיקן זיי אין זיין זכרון. ער האָט גע־פילט אַ דאַנקבאַרקייט צום לערער, אַ מענטש, נישט ענלעך צו קיינעם, דורך קיינעם נישט געליבט, האָט גערעדט מיט אים, ווי מיט אַ דערוואַקסענעם און מיט זיינס גלייכן.

דאָס איז געווען זייער נוצלעך: אַריינגעמענדיק אין זכרון דעם לערערס נישט גאַנץ געוויינלעכע פראַזן, האָט קלים זיי גע־לאָזט אין גאַנג, ווי אייגענע, און דערמיט געשטאַרקט זיין רעפּו־טאַציע אַלס אויסטערליש קלוגער.

אָבער טיילמאָל האָט דער רויטער אים געשראָקן: פאַרגעסנ־דיק אָן דער אָנוועזנהייט פונם שילער, האָט ער גערעדט אַזוי פיל, לאַנג און אומפאַרשטענדלעך, אַז קלים האָט געמוזט אַ הוסט טון, אַ קלאַפּ טון מיטן קנאַפּל אָן דער פּאַדלאָגע, אַראָפּלאָזן אַ בוך און דערמיט דערמאַנען דעם לערער וועגן זיך. פונדעסטוועגן האָט דער גערויש נישט תמיד געוועקט טאָמילינען, ער פלעגט ווייטער רעדן, זיין פּנים איז פאַרשטיינערט געוואָרן, די אויגן האָבן אָנגע־שטרענגט זיך אַרויסגעקייקלט און קלים האָט זיך געריכט, אַז אָט באַלד וועט טאָמילין אָנהייבן שרייען, ווי דעם דאָקטאָרס ווייב:

— ניין, ניין.

באַזונדער אומהיימלעך איז געווען, ווען דער לערער האָט בעתן רעדן אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אַזוי הויך ווי זיין פּנים און אָפּגעציפּט אין דער לופט מיט די פינגער עפּעס נישט אָנזעעוו־

דיקס, — אַזוי פֿלעגט דער קוכער וואָס אַרומציפּן די האָזל־הי־גער אָדער אַנדערע ווילדע פֿייגל.

אין אַזעלכע מינוטן פֿלעגט קלים הויך זאָגן:

— ס'איז שוין שפּעט.

טאָמילין האָט, אַ קוק געבנדיק אין דער פֿינצטערניש היג־טערן פֿענצטער, מסכּים געווען:

— יאָ, אויף היינט איז שוין גענוג.

און אויסגעשטרעקט דעם שילער די האָריקע פֿינגער מיט די שוואַרצע קאַנטן פֿון די נעגל. דאָס ייִנגל פֿלעגט אַוועקגיין באַלאָדן נישט אַזוי מיט קענטעניש, ווי מיט רעיונות.

אין די ווינטערדיקע אָוונטן איז אָנגענעם געווען צו שפּרייזן איבערן סקריפּענדיקן שניי, פֿאַרשטעלנדיק זיך ווי אינדערהיים, בײַם טיי־טיש וועלן דער פֿאָטער און די מוטער זיך חידושן פֿון דעם זונס בייע געדאַנקען. דער לאַמטערן־צינדער איז שוין מיט דער לייטער אויף דעם אַקסל לייכט געלאָפֿן פֿון לאַמטער צו לאַמטער, פֿונאַנדערהענגענדיק אין דער בלויער לופֿט די געלע פֿייערן, אָנגע־נעם האָבן אַלע מאָל אַ קלונג געטאָן אין דער ווינטערדיקער שטיל־קייט די לאָמפּן־גלעזלעך, ס'זענען געלאָפֿן די פֿערד פֿון די דראָזש־קעס, צושאָקלענדיק מיט די קודלאַטע קעפּ. אויף די קרייץ־ערטער פֿון די גאַסן איז געשטאַנען אַ שטיינערנער פּאָליציאַנט, וואָס האָט באַגלייט מיט די גרייז־גרויע אויגן דעם קליינעם, אָבער חשיבות־דיקן גימנאַזיסט, וועלכער איז נישט געאײַלט אַריבערגעגאַנגען פֿון איין ראָג צום אַנדערן.

אַצינד, ווען קלים האָט דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג פֿאַר־בראַכט נישט אינדערהיים, האָבן אַ סך זאַכן זיך אַרויסגעגליטשט פֿון זיינע אויגן, געוואוינטע צו באַאָבאַכטן, אָבער ער האָט פֿונ־דעסטוועגן געזען, אַז אינדערהיים ווערט אַלץ אומרויקער, אַלע מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַנדערש צו גיין און אפֿילו די טירן קלאַפּן שטאַרקער.

דער „עכטער זקן", וועלכער שטעלט פֿאַרזיכטיק זיינע פֿאַר־הילצערטע פֿיס, שטאַמפּערט צו שטאַרק מיטן שטעקן אָן דער פּאָד־לאָגע, הוסט אַזוי, אַז ס'ציטערן בײַ אים די אויערן, און דאָס פּנים

און דער האַלז קריגן דעם קאַליר פֿון אַ צייטיקער פּלוים; צוקלאַפּנ־דיק מיטן שטעקן, רעדט ער צו דער מוטער דורך דעם ביינן הוסט:

— באַנוצנדיק זיך מיט זיין ווייכן כאַראַקטער, מאַדאַם... באַנוצנדיק זיך מיט איוואַנס קינדישן צוטרוי, האָט איר, מאַ־דאַם...

די מוטער האָט מיט אַ האַלב קול אים אויפמערקזאַם געמאַכט:

— רעדט נישט אַזוי הויך, אין עסצימער איז דאָ עמעצער...

— איך בין מחויב אייך צו זאָגן, וויערא פּעטראָוונאַ...

— ביטע, איך הער אייך.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון עסצימער און זי גוט פֿאַרמאַכט.

דער פֿאָטער פֿאָרט אַלץ אָפטער אין וואַלד אַריין, אויפן „זאַוואָד" אָדער קיין מאָסקווע, ער איז געוואָרן אַ צעשטרייטער און ברענגט שוין נישט צופֿירן קלימען קיין מתּנות. ער איז שטאַרק פֿליכיק געוואָרן, ס'איז אים צוגעקומען מער שטערן, דער שטערן האָט געדריקט אויף די אויגן, זיי זענען געוואָרן מער רעליעף און אומעטיק אָפּגעבלאַקירט, ס'האָט זיך אויסגעלאָשן זייער בלויליכע טונקלקייט. גיין האָט ער אָנגעהויבן קאָמיש אונטערשפּרינגענדיק, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס, צופֿייפֿנדיק וואַלסן. די מו־טער האָט אַלץ אָפטער געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ גאַסט, וואָס האָט שוין דערעסן, נאָר איז זיך נישט משער, אַז ער דאַרף שוין אַוועקגיין. זי האָט אָנגעהויבן זיך אָנטון געפּוצטער, יום־טובדיקער, נאָך מער שטאָלץ זיך אויסגעגלייכט, איז שטאַרקער און פֿולער געוואָרן, זי האָט גערעדט ווייבער, הגם זי האָט געשמייכלט פּונקט אַזוי זעלטן און קאַרג ווי פֿריער. קלים איז געווען זייער פֿאַרוואונ־דערט, און דעריבער באַליידיקט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער פֿאָטער איז אַוועקגעשפּרונגען פֿון אים אין דמיטריס זייט אַריין און אַז ער האָט מיט דמיטרין עפּעס סעקרעטן. אין אַ הייסן, זומער־דיקן אָוונט האָט קלים געטראָפֿן דער פֿאָטער און דעם באַבע דער אין גאָרטן, אין האַלטאַנקע; לאַכנדיק מיט אַ נישט געוויינלעך,

איבערגעהאַקט געלעכטער, איז דער פאַטער געזעסן לעבן דמיטרין, שטאַרק צידריקנדיק אים צו זיך. דמיטריס פּנים איז געווען פאַרווייַנט. ער איז באַלד אויפגעשפּרונגען און אַוועקגעגאַנגען, און דער פאַטער, אָפּווישנדיק מיטן טיכל די טראָפּנס טרערן פון זיינע הויזן, האָט געזאָגט צו קלימען:

— עס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— פון וואָס האָט ער געוויינט?

— ער? ער... וועגן די דעקאַבריסטן. ער האָט איבערגעלייענט די „רוסישע פּרויען" ניעקראַסאָווס. יאָ. איך האָב אים דאָ וועגן די דעקאַבריסטן דערציילט, איז ער גערירט געוואָרן.

נישט גערן און נישט קיין סך רעדנדיק נאָך אַ ביסל וועגן די דעקאַבריסטן, איז דער פאַטער אויפגעשפּרונגען און אַוועקגעגאַנגען, צופּייפנדיק און אַרויסרופנדיק בײַ קלימען אַ הייסן פאַרלאַנג צו קאָנטראָלירן זיינע ווערטער. קלים איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין ברודערס צימער אַריין און געטראָפן דעם ברודער זיצן אויפן אָנשפּאַר פון פענצטער.

אַרומגענומען די פיס, האָט ער אָנידערגעלייגט די גאָמבע אויף די קניען, באַוועגט מיט די קינבאַק און נישט געהערט, ווי דער ברודער איז אַריינגעקומען. ווען קלים האָט בײַ אים געבעטן ניעקראַסאָווס בוך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דמיטרי האָט עס נישט, נאָר דער פאַטער האָט עס אים צוגעזאָגט צו שענקען.

— דו האָסט געוויינט וועגן די רוסישע פּרויען? — האָט איבערגעפרעגט קלים, — דמיטרי האָט זיך זייער פאַרוואונדערט.

— וואַ־אָס?

— פון וואָס האָסטו געוויינט?

— אַך, גיי צום טייוול, — האָט באַקלאָגלעך אַרויסגעזאָגט דמיטרי און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פענצטער אין גאָרטן אַריין. דמיטרי איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, דאַרער געוואָרן, אויף זיין קייַלעכיקן, דיקן פּנים האָבן זיך באַוויזן קאַנטיקע באַקנביינער, פאַרטראַכטנדיק זיך, האָט ער נישט אָנגעגעבן, ווי דער זיידע אַקים, באַוועגט מיט די קינבאַק; ער האָט זיך אָפט פאַרטראַכט, אויף די

דערוואַקסענע געקוקט אַן צוטרוי פון אונטערן שטערן אַפּער. פאַר־בלייבנדיק פונקט אַזוי נישט שיין, ווי ער איז געווען, איז ער גע־וואָרן פלינקער, גרינגער, אָבער אין אים האָט זיך באַוויזן עפּעס גרעבלעכס. ער האָט זיך זייער באַפריינדעט מיט ליובאַ סאַמאָווא, אויסגעלערנט זי גליטשען זיך אויף ליזשוועס, גערן זיך אונטערגע־וואָרפן אירע קאַפּריזן, און ווען דראַגאַנאָוו האָט איינמאָל באַליידיקט מיט עפּעס ליובען, האָט דמיטרי שמערצלעך, אָבער רויק און אָן כּעס אַ פּליק געטון דראַגאַנאָוון באַ די האָר. קלימען האָט ער אויפ־געהערט צו באַמערקן, אַקוראַט, ווי קלים האָט אים פריער נישט באַמערקט, און אויף דער מוטער האָט ער געקוקט באַליי־דיקט, ווי ער וואָלט באַשטראָפט געוואָרן דורך איר אָן אַ שולד.

די שוועסטערן סאַמאָוו האָבן געוואוינט באַ וואַראַווקען, אונ־טער דער השגחה פון טאַניאַ קוליקאָווא, וואַראַווקאַ אַליין איז אַוועק־געפאָרן קיין פּעטערבורג באַמיען זיך וועגן אַ באַן, און פון דאָרטן האָט ער געדאַרפט פאָרן קיין אויסלאַנד צו קבורה ברענגען זיין ווייב. כּמעט יעדן אָוונט פלעגט קלים אַרויפגיין אינדערהייך און שטענדיק טרעפן דאָרט דעם ברודער זיך שפּילן מיט די מיידעלעך. מיד ווערנדיק פון שפּילן, פלעגן די מיידעלעך זיך אַוועקזעצן אויף דער סאָפע און פאָדערן, אַז דמיטרי זאָל זיי דערציילן עפּעס.

— קאָמיש, — פלעגט בעטן ליובאַ.

ער האָט זיך געזעצט אין ווינקל, צו דער וואַנט צו, אויף דעם זייטיקן אָנלען פון דער סאָפע און, פאַרזיכטיק שמייכלענדיק, לאַכעוודיק געמאַכט די מיידעלעך מיט די דערציילונגען וועגן די לערערס און די גימנאַזיסטן. טיילמאָל האָט קלים אים דערווי־דערט:

— דאָס איז נישט געווען אַזוי!

— נו, זאָל זיין נישט אַזוי, — האָט גלייכגילטיק איינגע־שטימט דמיטרי, און קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז ווען דער ברו־דער דערציילט אפילו טאַקע אַזוי, ווי ס'איז געווען, גלייבט ער סיי ווי סיי נישט אין דעם, וואָס ער רעדט. ער האָט געקענט אַ סך

באַרישע און קאָמישע אַנעקדאָטן, אָבער ער האָט דערציילט נישט לאַכנדיק נאָר אַזוי ווי זשעני־רנדיק זיך. בכלל האָט זיך אין אים באַוויזן אַן אומפאַרשטענדלעכע פאַר קלימען פאַרזאָרגטקייט און די מענטשן אין גאַס האָט ער באַטראַכט מיט אַזאַ פאַרשנדיקן בליק, ווי ער וואָלט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרשטיין יעדן פון די זעכ־ציק טויזנט איינוואוינער פון שטאָט.

דמיטרי האָט געהאַט אַ דיקן העפט אין אַ שוואַרצער צעראַ־טענער הילע, ער פלעגט פאַרשרייבן אין אים אָדער אַריינקלעפּן אויסגעשניטענע פון צייטונגען קאָמישע ווערטער, וויצן, קורצע לידלעך און לייענען פאַר די מיידעלעך, אויך אַזוי עפעס אַן צוטרוי, נישט אָנטשלאָסן.

— „אויף דעם אָדאַיעווער שטאָטישן בית־עלמין ציט אויף זיך אויפמערקזאַמקייט די פאָלגנדע עפּיטאַפיע אויף דער מצבה פון דער „סוהרטע פאַליקאַרפּאָוואַ“:

„געטראָפן האָט זי דער טויט אַן מאַן און אַן זון,
דאָרט, אין קראַפּיוונאַ, האָט געהילכט אַ באַל;
קיינער האָט נישט געוואוסט וועגן דאָזיקן פאַל.
די דעפּעש וועגן טויט האָט זיי דאָרטן געטראָפן
און זיי זענען פון דער חתונה אוועקגעלאָפן.
דאָ ליגט דאָס ווייב, די מוטער.
אָלגאַ, מיר מוזן זיך שיידן!
זאָל דיין נשמה זיין אין גן עדן“.

— ווי נאַריש דאָס איז, — איז אויפגעבראַכט געוואָרן לידיאַ.

— דערפאַר — קאָמיש, — האָט געשריגן ליובאַ. — ס'איז נישטאָ קיין בעסערס, ווי קאָמישס.

איבער איר שוועסטערס ברייטן פּנים האָט פאַמעלעך זיך צע־גאָסן אַ פוילער שמייכל.

טיילמאָל איז אַריינגעקומען וויערא פּעטראָוונאַ און האָט לאַנג־ווייליק געפרעגט:

— איר שפילט זיך?

אראָפּשפּרינגענדיק פון דער סאָפע, האָט לידיאַ מיט אַן אָק־צענטירטער העפלעכקייט זיך פאַרנייגט פאַר איר, די סאַמאָוואַר האָבן הויך זיך געלאַשטשעט. דמיטרי האָט צעטומלט געשוויגן און נישט געראָטן געפרווט באַהאַלטן זיין העפט, נאָר וויעראַ פּעטראָווגאַ האָט געפרעגט:

— האָסט פאַרשריבן עפּעס נייעס? לייען איבער.

דמיטרי האָט געלייענט, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיטן העפט:

„באַם בלויען ים שטייט אַ זשאַנדאַר
און דער בלויער ים רעשט און רעשט,
און ס'ברענט באַם זשאַנדאַר דער כּעס,
וואָס ער קאָן נישט איינשטילן דעם רעש".

— דאָס — שטרייך אויס, — האָט באַפוילן די מוטער און מאַיעסטעטיש געגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן, עפּעס ציילנדיק, מעסטנדיק. קלים האָט געזען, אַז לידאַ וואַראַווקאַ באַגלייט זי מיט אַן אומפאַריינדלעכן בליק, בייסנדיק די ליפּן.

עטלעכע מאָל האָט זיך אים שוין געוואָלט פרעגן דאָס מיידעלע:

— פאַרוואָס האָסטו נישט ליב מיין מאַמען?

אָבער ער האָט זיך אַלץ נישט אַנטשלאָסן; נאָכדעם, ווי טוראָבאָיעוו איז אַוועקגעפאָרן, האָט לידאַ אויפסניי צערטלעך זיך דערנעענטערט צו אים.

איינמאָל איז קלים געקומען אַהיים פון דער לעקציע באַ טאָמילינען, ווען מען האָט שוין געהאַט געענדיקט דאָס טרינקען די אָוונט־טיי; אין עס־צימער איז געווען פינצטער און אין גאַנצן הויז אַזוי אומגעוויינלעך שטיל, אַז דאָס ייִנגל איז נאָכן אויסטאָן זיך געבליבן שטיין אין פאָדערצימער, וואָס איז קאַרג באַלויכטן געווען מיט אַ קליינטשיק וואַנט־לעמפּל, און גענומען שרעקעוודיק זיך איינהערן אין דערדאָזיקער פאַרדעכטיקער שטילקייט.

— לאָז אָפּ, ס׳איז דאַכט זיך עמעצער אַרייַנגעקומען, — האָט ער דערהערט דער מוטערס טרוקענעם פליסטער, עמעצנס פיס האָבן שווער אַ שאַר געטון איבער דער פּאָדלאָגע, ס׳האָט אַ קלימפּער געטון מיטן באַקאַנטן קלאַנג דאָס מעשענע טירל פון קאַפל־אויוון און ווידער האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטילקייט, וואָס האָט אָנגערעגט צום איינהערן זיך אין איר. דער מוטערס פליסטער האָט פאַרוואונדערט קלימען, זי האָט קיינעם נישט געזאָגט דו אַ חוץ דעם פאָטער, און דער פאָטער איז נעכטן אַוועקגעפאָרן אין טאַרטאַק אַרייַן. דאָס ייִנגל האָט פאַרזיכטיק זיך צוגערוקט צו דער טיר פון עסצימער, אים אַקייגן האָבן אַ זיפּץ געטון שטילע, מידע ווערטער:

— גאָט, סאַראַ אומגעזעטיקטער דו ביסט, סאַראַ אומגעדולדיקער...

קלים האָט אַרייַנגעבליקט אין דער טיר: פאַר דעם קוואַדראַטענעם פּיסק פון אויוון, פול מיט פּורפּור־קוילן, איז אין דער מוטערס נידעריקן, באַליבטן פאָטעל געזעסן צעלייגט וואַראַווקאַ, האַלטנדיק אַרומגענומען די מוטער באַ דער טאַליע, און זי איז געזעסן באַ אים אויף די קניִען, וויגנדיק זיך הין און צוריק, פּונקט ווי אַ קליינטשיקע. אין וואַראַווקעס בערדיקן פּנים, באַלויכטן פון קוילן־אָפּגלאַנץ, איז געווען עפּעס שרעקלעכס, זיינע קליינע אייגעלעך האָבן געפינקלט, ווי די קוילן, און פון דער מוטערס קאָפּ זענען אויף דעם רוקן אַרויף שיין אַראָפּגעפאַלן אין גאָלדענע שטראָמען די לבנהדיקע האָר.

— אָ, דו, — האָט זי שטיל אַרויסגעזיפצט.

אין דיראָזיקע פּאָזעס איז געווען עפּעס, וואָס האָט צעמישט קלימען, ער האָט זיך צוריקגעצויגן, צרויפגעטרעטן אויף זיין קאַלאָש. דער קאַלאָש איז אונטערגעשפּרונגען און אַ קלאַפּ געטון.

— ווער איז דאָרט? — האָט בייז אַ געשריי געטון די מוטער און אומוואָרשיינלעך שנעל זיך באַוויזן אין דער טיר.

— דו? דו ביסט דורכגעגאַנגען דורך דער קיך? פאַרוואָס אַזוי שפּעט? ביסט געפרוירן? ווילסט טיי...

זי האָט געַרעדט שנעל, ליבלעך, צוליב עפּעס געשאַרט מיט די פיס און געסקריפּעט מיט דער קליאַמקע פון דער טיר, עפענע־דיק און פארמאַכנדיק זי; דערנאָך, אָננעמענדיק קלימען באַם אַקסל, האָט זי מיט איבעריקן כוח אים אַריינגעשטופּט אין עסצימער, אָנגעצונדן אַ ליכט. קלים האָט זיך אַרומגעקוקט, אין עסצימער איז קיינער נישט געווען, אין דער טיר פון שכנותדיקן צימער איז שטאַרק געדיכט געוואָרן די פינצטערניש.

— וואָס קוקסטו? — האָט געפרעגט די מוטער, אַריינ־קוקנדיק אים אין פּנים אַריין. קלים האָט נישט אַנטשלאָסן גע־ענטפערט:

— מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ס'איז דאָ געווען עמע־צער...

די מוטער האָט פארוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען און אויך אַרומגעקוקט דאָס צימער.

— נו, ווער־זשע האָט געקאָנט זיין? דער פאָטער — איז נישטאָ, לידיאַ מיט מיטיען און די סאַמאָווס זענען אויפן גליטש, טי־מאָפעי סטעפּאַנאָוויטש איז באַ זיך — הערסט?

יאָ, אינדערהייך האָט מען שווער געטופּעט. די מוטער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש פאַרן סאַמאָוואַר, האָט אַ טאַפּ געטון מיט די פינגער זיינע זייטן, אָנגעגאָסן טיי אין אַ שאָל אַריין, און פאַרריכטנדיק אירע גרויסאַרטיקע האָר, פאַרגעזעצט:

— איך בין דאָ געזעסן פאַרן אויוון, האָב זיך פאַרטראַכט. דו ביסט ערשט די אותו רגע געקומען?

— יאָ, — האָט קלים געזאָגט אַ ליגנט, פאַרשטייענדיק, אַז מען דאַרף זאָגן ליגנט.

שפּילנדיק זיך מיטן צווענגעלע צום צוקער, איז די מוטער אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ לייכטן שמייכל, קוקנדיק אויף דעם שרע־קעוודיקן פייער פון ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין מעש פון סאַמאָוואַר. דערנאָך, אַוועקלייגנדיק דאָס צווענגעלע, האָט זי גלייך געמאַכט דעם טוליענעם קאָלנער פון שלאַפראָק און איבע־ריק הויך דערציילט, אַז וואַראַווקאַ קויפט באַ איר דער באַבעשיס גוט, ער וויל בויען אַ גרויס הויז.

— ער איז, אַפּנים, נאָר וואָס געקומען, אָבער איך וועל פונדעסטוועגן גיין איבעררעדן מיט אים וועגן דעם.

און אַ קוש געבנדיק קלימען אין שטערן אַריין, איז זי אַוועקגעגאַנגען. דאָס ייִנגל איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום אויוון, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל, אַראָפּגעבלאָזן דאָס אַש פון זיין זייטיקן אָנלען.

— די מאַמאַ וויל איבערבייטן דעם מאַן, נאָר זי שעמט זיך נאָך — האָט ער זיך משער געווען, קוקנדיק, ווי אויף די רויטע קוילן פלאַמען־אויף און לעשן זיך די בלויע, דורכזיכטיקע פייערלעך. ער האָט געהערט, אַז גענוג אָפט בייטן פרויען זייערע מאַנען, און די מענער די ווייבער, וואַראַווקאַ איז שוין פון לאַנג אים געפעלן מער, ווי דער פאָטער, אָבער ס'איז געווען איבער דער טבע און טרויעריק צו דערוויסן זיך, אַז די מאַמאַ, אַזאַ ערנסטע, וויכטיקע דאַמע, וואָס אַלע האָבן געשעצט און מורא געהאַט פאַר איר, זאָגט ליגנט און דערביי אַזוי נישט געראָטן. שפּירנדיק אַ באַדערפעניש צו טרייסטן זיך, האָט ער איבערגעחזרט:

— זי שעמט זיך נאָך — דאָס איז געווען די איינציקע דערקלערונג, וואָס ער האָט געקענט געפינען, אָבער דאָ האָט אים דער זכרון אונטערגעזאָגט די סצענע מיט טאָמילינען. ער האָט זיך געדאַנקגלאָז פאַרטראַכט, באַטראַכטנדיק דידאָזיקע סצענע און איז איינגעשלאָפן.

די געשעענישן אינדערהיים, וואָס האָבן אָפּגעצויגן קלימען פון דער לערע אין שולע, האָבן נישט אַזוי שטאַרק אים צערודערט, ווי ס'האָט אים באַאומרויקט די גימנאַזיע, וואו ער האָט זיך נישט געפונען קיין בכבודיק אָרט. ער האָט פונאַנדערגעשיידט אין קלאַס דריי גרופּעס, אַ צענדליק ייִנגלעך, וועלכע האָבן הן זיך געלערנט, הן זיך אויפגעפירט מוסטערהאַפט, דערנאָך בייזע און אומבאַרחמנותדיקע שטיפערס, צווישן וועלכע מאַנכע, ווי דראָנאָוו, האָבן זיך אויך געלערנט אויסגעצייכנט. די דריטע גרופּע האָט זיך צונויפגעלייגט פון אָרעמע, אַנעמישע ייִנגלעך, דערשלאָגענע און שעמעוודיקע, פון שלימזלען, וואָס דער גאַנצער קלאַס האָט פון זיי אָפּגעלאַכט. דראָנאָוו האָט געזאָגט קלימען:

— דו זאָלסט זיך מיט זיי נישט חברן, דאָס זענען אַלץ פּחדנים, קלאָגערס, מוסרים. אָט דערדאָזיקער — רויטלעכער — איז אַ יידל, און דעמדאָזיקן, שיקלדיקן, וועט מען אינגיכן אויס־שליסן, ער איז אַן אָרעמער און קאָן נישט צאָלן. דערדאָיקער האָט אַן עלטערן ברודער, וואָס האָט געגנבעט קאָלאָשן און ער זיצט אַצינד אין דער קאָלאָניע פון פאַרברעכער, און אָט יענער, דאָס טכויערל, איז אַן אומגעזעצלעך געבוירענער.

קלים סאַמגין האָט זיך געלערנט פלייסיק, נאָר נישט זייער דערפאָלגרייך, שטיפערייען האָט ער געהאַלטן נידעריקער פון זיין כבוד, און ער האָט אויך נישט געקענט שטיפן. ער האָט אינגיכן באַמערקט, אַז עפּעס אַזעלכע נישט ממשותדיקע שטויסן דערנענ־טערן אים גראָד צו דערדאָזיקער גרופּע פאַרבראַקירטע. אָבער צווישן זיי האָט ער זיך געפילט נאָך מער נישט אויפן אָרט, ווי אין דער עזותדיקער קאָמפּאַניע פון דראַגאָנאָווס חברים. ער האָט זיך געזען אַלס קלוגערער פון אַלע אין קלאַס, ער האָט שוין געהאַט איבער־געלייענט נישט ווייניק אַזויגע ביכער, וועגן וועלכע די ייִנגלעך פון זיין עלטער האָבן נישט געהאַט קיין השגה, ער האָט געפילט, אַז אפילו די ייִנגלעך, וואָס זענען עלטער פון אים, זענען מער קינ־דער, ווי ער. ווען ער פלעגט דערציילן וועגן זיינע איבערגעלייענ־ביכער, האָבן זיי געהערט אָן צוטרוי, אַן אינטערעס און אַ סך זאַכן נישט פאַרשטאַנען. טיילמאָל האָט ער עס אַליין אויך נישט פאַר־שטאַנען, פאַרוואָס עפּעס אַן אינטערעסאַנט בוך, וואָס ער האָט אי־בערגעלייענט, ווערט אָן אין זיין איבערגעבן אַלץ, וואָס אים איז געפעלן געוואָרן.

איינמאָל האָט דאָס אומגעזעצלעך געבוירענע, בייניק־פּנימדי־קע און מרה־שחורהדיקע ייִנגל, וואָס זיין פאַמיליע־נאָמען איז גע־ווען אינאָקאָוו, געפרעגט קלימען.

— דו האָסט געלייענט איוואַנהאָע?

— אייוועגהאָ, — האָט פאַרריכט קלים. — דאָס האָט אָנ־געשריבן וואַלטער סקאָט.

— נאַר, — האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט אינאָקאָוו. וואָס פאַרריכסטו איטלעכן?

און קרום אַ שמייכל טוענדיק, געוואָרנט:

— געדענק, וועסט אויפוואַקסן, וועסטו זיין אַ לערער.

די יינגלעך האָבן זיך צעלאַכט. זיי האָבן דרך ארץ געהאַט פאַר איבאַקאָוון, ער איז געווען מיט צוויי קלאַסן עלטער פון זיי, אָבער האָט זיך מיט זיי געחברט און געטראָגן דעם אינדיאַנישן נאָמען „דאָס פייערדיקע אויג". און אפשר האָט ער זיי געשראָקן מיט זיין מרה-שחורה, מיטן שאַרפן און שטאַרן בליק.

צעבאַלעוועט פון דער צערטלעכער, אויפמערקזאַמקייט פון דער היים, האָט קלים שווער געשפּירט די ביטולדיקע נישט גוטווינשעוודיקייט פון די לערערס. אייניקע זענען אים געווען פּיזיש נישט אָנגענעם: דער מאַטעמאַטיקער האָט געליטן פון אַ כראָנישן קאַטאַר, פּאַרטויבנדיק און דראָענדיק געגאַסן באַשפּריצנדיק די תּלמידים, דערנאָך פלעגט ער מיט אַ פייף אַרויסבלאָזן די לופט מיט דער נאָז, צווזשמורענדיק דאָס לינקע אויג; דער היסטאָריקער פלעגט אַריינגיין אין קלאַס פּאַרזיכטיק, ווי אַ האַלב-בלינדער און תּמיד זיך צוגנבענען צו די בענק מיט אַזאַ פּנים, גלייך ער וואָלט געוואָלט געבן אַ פּאַטש אַלע שילער פון די ערשטע צוויי בענק, ער איז צוגעגאַנגען און געצויגן מיטן דיביטשקן קול:

— נ-נו-ס...

מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן גנוס.

כמעט אין יעדן לערער האָט קלים אַנטפּלעקט אומסימפּאַטישס און אים פיינדלעכס, דידאָזיקע אַלע אָפּגעלאָזענע מענטשן אין די אויסגעריבענע מונדירן האָבן געקוקט אויף אים אַזוי, גלייך ער וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען קעגן זיי. און כאָטש ער האָט איינגיכן זיך איבערצייגט, אַז די לערערס באַציִען זיך אַזוי משונהדיק נישט בלויז צו אים, נאָר כמעט צו אַלע יינגלעך, האָבן פונדעסטוועגן זייערע גרימאַסן אים דערמאָנט דער מוטערס אָפּעקלעגדיקע מינע, מיט וועלכער זי האָט געקוקט אין קיך אויף די ראַקעס, בעת דער שכורער פּאַרקויפער האָט איבערגעדרייט דאָס קיישל און די שמוציקע ראַקעס, עפּעס אַזוי טרוקן שורשענדיק, זענען זיך צעקראָכן איבער דער פּאָדלאָגע.

אָבער שוין פריִלינג-צייט האָט קלים באַמערקט, אַז קסאַווערי

דזשיגאַ, דער אינספעקטאָר און לערער פון אַלטע שפּראַכן, און נאָך אים אייניקע לערערס, האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים מער ווייך. דאָס איז געשעען נאָכדעם, ווי אין דער צייט פון דער גרויער פויזע האָט עמעצער צוויי מאָל אַריינגעוואָרפן שטיינער אין פענצטער פון אינספעקטאָרס קאַבינעט, אויסגעהאַקט אַ שויב און צעבראָכן עפּעס אַ זעלטן בלימל אויפן פענצטער-אַנשפּאַר. דעם שולדיקן האָט מען פלייסיק געזוכט און נישט געקאָנט געפינען.

אויפן פערטן טאָג האָט קלים געפרעגט דעם אַלצווייסנדיקן דראַגנאָוון: ווער האָט אויסגעהאַקט די שויב?

— און נאָכוואָס דאַרפסטו וויסן? — האָט אָן צוטרוי איבערגעפרעגט דראַגנאָוו.

זיי זענען געשטאַנען באַם אַריינגדריי פון קאָרידאָר, הינטער אַ ראָג, און קלים האָט פלוצלינג דערזעען איבער דער ווייסער וואַנט דעם לאַנגזאַם קריכנדיקן שאָטן פון דעם אינספעקטאָרס הערנערדיקן קאָפּ. דראַגנאָוו איז געשטאַנען מיטן רוקן צום שאָטן.

— דו ווייסט נישט? — האָט קלים אָנגעהויבן זיך רייצן מיט דעם חבר. — און דו באַרימסט זיך: איך ווייס אַלץ. — דער שאָטן האָט זיך אויפגעהערט באַוועגן.

— געוויס — ווייס איך: אינאַקאָוו, — האָט מיט אַ האַלב קול געזאָגט דראַגנאָוו, ווען קלים האָט אים גענוג צערייצט.

— ער וואָלט באַדאַרפט ערלעך זיך מודה זיין דערין. — אַ נישט ליידן איבער אים אַנדערע, — האָט באַלערנדיק געזאָגט קלים.

דראַגנאָוו האָט אויף אים אַ קוק געטון, געגעבן אַ וואונק און, אויסשפּייענדיק אויף דער פּאַדלאָגע, געזאָגט:

— ער וועט זיך מודה זיין — וועט מען אים אויסשליסן.

אומגעדולדיק האָט אַ קלינג געטון דאָס גלעקל, רופנדיק אין די קלאַסן אַריין.

און אויפן צווייטן טאָג, גייענדיק אַהיים, האָט דראַגנאָוו מיטגעטיילט קלימען:

— ווייסט, ס'האָט אים עמעצער אויסגעגעבן.

— וועמען? — האָט געפרעגט קלים.

— וועמען, וועמען, וואָס וועמעסטו? אינאַקאָוון.

— אַך, כ'האָב פאַרגעסן.

— נעכטן באַלד נאָך דער פויזע טאַקע האָט מען אים אַ באַפ געטון. מען וועט אים אַרויסוואַרפן, כ'וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, ווער ס'האָט פאַרמסרט, אַ נבלה.

קלים האָטווירקלעך געהאַט פאַרגעסן זיין שמועס מיט דראַגאָוון, נאָר אַציגד, פאַרשטייענדיק, אַז דאָס האָט ער אויסגעגעבן אינאַקאָוון, האָט ער זיך דערשראָקן פאַרטראַכט: פאַרוואָס האָט ער דאָס געטון? און נאָך אַ ווײַלע קלערן, האָט ער באַשלאָסן, אַז דער קאַריקאַטורעלער שאָטן פון אינספעקטאָרס קאָפּ האָט אויפגעוועקט אין אים, אין קלימען, דעם ראַפּטומדיקן חשק צו טון אַן אומאָנגענעמקייט דעם באַרימערישן דראַגאָוון.

— דאָס ביסטו שולדיק, דו האָסט געפּלאַפּלט, — האָט ער בייז געזאָגט.

— ווען האָב איך עס געפּלאַפּלט? — האָט זיך פאַרטיידיקט דראַגאָוו.

— בײַ דער פויזע טאַקע, מיר?

— אָבער דו האָסט דאָך נישט אויסגעגעבן? דו האָסט אפילו קיין צייט נישט געהאַט דערויף. מען האָט באַלד אינאַקאָוון אַ רוף געטון פון קלאַס.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט איינער קעגן אַנדערן, ווי הענער גרייט צום שלאָגן זיך. אָבער קלים האָט דערפילט, אַז מיט דראַגאָוון דאַרף מען זיך נישט קריגן.

— מען האָט אונז אפשר אונטערגעהערט, — האָט ער מיט אַ שלום־טאָן געזאָגט און אויך אַזוי פרידלעך האָט דראַגאָוו געענטפערט:

— ס'איז קיינער נישט געווען. דאָס האָט עפּעס אַ יינג פון אינאַקאָווס קלאַס פאַרמסרט...

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק. פילנדיק זיין שולד, האָט קלים אַ קלער געטון: ווי אַזוי פאַרריכטן, אָבער ער האָט גאָרנישט

צוגעטראַכט, נאָר נאָך פעסטער געוואָרן אין פאַרלאַנג צו טון דראַ־ נאָון אומאַנגענעמס.

פרילינג האָט די מוטער אויפגעהערט צו מאַטערן קלימען מיט לעקציעס פון מוזיק און אָנגעהויבן אַליין מיט התמדה צו שפּילן. אין די אָוונטן איז צו איר געקומען מיט אַ פידל דער רויטפּנימדיקער, פליכיקער אַדוואָקאַט מאַקאָוו, אַ נישט פריילעכער מענטש אין טונ־ קעלע ברילן; דערנאָך איז געקומען צו פאָרן אויף אַ קנאַקעדיקער קאַבריאָלעטקע קסאַווערי רזשיגאַ מיט אַ וויאָלאָנטשעל, אַ מאָגע־ רער, קרומפּיסיקער, מיט אויגן פון אַ סאָווע אויף דעם בייביקן, געגאָלטן פּנים, איבער זיינע גלעלע שלייפן האָבן זיך דערהויבן ווי הערנער צוויי גרויע לאָקן. ווען ער האָט געשפּילט, האָט זיין צונג איבער עפּעס זיך אַרויסגערוקט און איז געלעגן אויף דער איינגע־ פאַלענער, געגאָלטער ליפּ, אויפּרעקנדיק אין דער אייבערשטער יאַסלע צוויי גאָלדענע ציין, און גערעדט האָט ער מיט אַ הויך קול פון אַ דיאַק, תּמיד עפּעס מערקווירדיקס און אַזוי, אַז כ׳עון האָט נישט געקענט פאַרשטיין, צי ער רעדט ערנסט אָדער שפּאַסט.

— כ׳וועל זאָגן, אַז די תּלמידים וואָלטן געווען אַ סך בע־ סער, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין לעבעדיקע עלטערן. איך זאָג דאָס איבער דעם, וואָס די יתומים זענען הכנעהדיק, — האָט ער געדרשנט, אויפהייבנדיק דעם ווייזפינגער אַזוי הויך ווי די בלוילע־ כע נאָז. ווען קלימען האָט ער געזאָגט, אַרויפלייגנדיק די דאַרע האַנט אויף זיין קאָפּ, און ווענדנדיק זיך צו וויערא פּעטראָוונען:

— אין אייער זון איז אַ ריטערלעך, ערלעך האַרץ, דאָס — יאָ!

קלימען אַליין האָט ער געלערנט:

— כּדי תּופס צו זיין די לערע דאַרף מען באַאָבאַכטן, פאַר־ גלייכן און דאַן אָנטפּלעקן מיר דעם עצם־מהות.

באַאָבאַכטן האָט קלים געקענט. ער האָט געהאַלטן פאַר ניי־ טיק צו זוכן אין די חברים חסרונות, ער האָט אפילו זיך באַומ־ רויקט. אויב ער האָט זיי נישט געפונען, אָבער באַומרויקן זיך איז

אויסגעקומען זעלטן. בא אים האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ געגויע מאָס: אַלץ, וואָס איז אים נישט געפעלן אָדער געוועקט אַ געפיל פון קנאה, — דאָס אַלץ איז געווען שלעכט. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט נישט בלויז שאַרף צו באַמערקן אין די מענטשן דאָס קאָמישע און נאַרישע, נאָר קונציק געקענט אונטערשטרייכן די חסרונות פון איינעם אין די אויגן פון אַנדערן. ווען באָריס וואַ־ראַווקאַ און טוראַבאַיעוו זענען געקומען צו פאָרן אויף די פעריען, האָט קלים פריער פון אַלע באַמערקט, אַז באָריס האָט אַפּנים אָפּ־געטון עפּעס זייער שלעכטס און האָט מורא, אַז מען זאָל וועגן דעם נישט געוואויר ווערן. ער איז אָפּגעצערט געוואָרן, אונטער זיי־נע אויגן האָבן זיך געלייגט בלוילעכע שאָטנס, דער בליק איז גע־וואָרן צעשטרייט, אומרויק. פּונקט ווי פריער, אומדערמידלעך אין די שפּילערייען, דערפינדעריש אין שטיפעריייען, האָט ער זייער לייכט זיך אויפגערעגט, אויף זיין איינגעפאַלן פּנים האָבן אויפגע־פלאַמט דראָבנע, רויטע פלעקן, די אויגן האָבן געפינקלט עזותדיק און בייז, און שמייכלענדיק האָט ער אַזוי אָפּגעדעקט די ציין, גלייך ער וואָלט געוואָלט אַ ביס טון. אין דעם אַזאַרטלעכן, אומדערמיד־לעכן לויפן זייגעם האָט קלים דערפילט עפּעס סכנהדיקס און אָנ־געהויבן זיך אויסדרייען פון צו שפּילן מיט אים. ער האָט אויך באַ־מערקט, אַז איגאָר און לידיאַ ווייסן באָריסעס סוד, זיי באַהאַלטן זיך אָפּט זאַלבעדריט אין די ווינקלען, פאַרזאָרגט זיך שושקענ־דיק.

און אַט איינאָוונט, באַלד נאָכדעם, ווי דער פּאָסט־טרעגער האָט געבראַנגט די בריוו, האָט דאָס פענצטער אין קאַבינעט פון וואַראַוו־קאַ דעם פאָטער מיט אַ טראַסק זיך אויפגעפראַלט און ס'האָט זיך דערהערט אַ בייז געשריי:

— באָריס, קום נאָר אַהער.

באָריס און לידיאַ זענען געזעסן אויפן גאַנעק פון קיך און האָבן געפלאָכטן פון שטריק אַ נעץ, איגאָר האָט אויסגעשניטן פון אַ הילצערנער לאָפּעטע אַ דרייצייניקן סצעפּטער, — ס'האָט זיך געפלאַנט איינצוזאָרדנען אַ גלאַדיאַטאָרן־שלאַכט. באָריס איז אויפגע־

שטאַנען, האָט אַ ריס אַראָפּ געטון דעם פּאָדל פון דער בלוזע, פּעסט צוגעצויגן דעם פּאַסעק און שנעל זיך איבערגעצלמט.

— איך — גיי מיט דיר, — האָט געזאָגט טוראַי־באַיעוו.

— און איך? — האָט פרעגנד אַרויסגעזאָגט לידיאַ, אָבער דער ברודער האָט זי לייכט אָפּגעשטופּט און געזאָגט

— דערוועג זיך נישט.

די ייִנגלעך זענען אַוועקגעגאַנגען, לידיאַ איז פאַרבליבן, האָט אַוועקגעשליידערט די שטריק און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צוהערנדיק זיך צו עפּעס. נישט לאַנג פאַר דעם איז דער גאָרטן געדיכט אויסגעשפּריצט געוואָרן פון אַ רעגן, אויף דעם באַלויכ־טענעם בלעטערוואַרג האָבן פריילעך געפינקלט אין די שקיעה־שטראַלן פאַרשידנפאַרביקע טראָפּנס. לידיאַ האָט זיך צעוויינט, אָפּ־ווישנדיק מיטן פינגער די טרערן פון די באַקן, די ליפּן האָבן באַ איר געציטערט און דאָס גאַנצע פּנים האָט שמערצלעך זיך גע־קרומט. קלים האָט דאָס געזעען, זיצנדיק אויפן פענצטער־אַנשפּאַר אין זיין צימער. ער האָט דערשראָקן אויפגעציטערט, ווען איבער זיין קאָפּ האָט זיך דערהערט דאָס צאָרנדיקע געשריי פון באָריסעס פּאָטער:

— דו זאָגסט ליגנס!

דער זון האָט אויך געענטפערט מיט אַ דורכדרינגענדיק געשריי:

— ניין, ער איז — אַן אויסוואורף.

דערנאָך האָט זיך דערהערט איגאָרס, ווי תמיד, רויקע שטימע:

— דערלויבט, איך וועל דערציילן.

דאָס פענצטער אינדערהייך האָט מען פאַרמאַכט. לידיאַ איז אויפגעשטאַנען און גענומען גיין איבערן גאָרטן, אומישנע פאַר־טשעפּענדיק די צווייגן פון די קוסטעס אַזוי, אַז די טראָפּנס פון רעגן זאָלן איר פאַלן אויפן קאָפּ און פּנים.

— וואָס האָט געטון באָריס? — האָט זי קלים אַ פרעג גע־טון. ער האָט שוין נישט דאָס ערשטע מאָל זי געפרעגט וועגן דעם,

אָבער לידיאַ האָט אויך דאָס מאָל אים נישט געענטפערט, נאָר בלויז אַ קוק געטון ווי אויף אַ פרעמדן. ס'איז אים אָנגעקומען אַ פּאַרלאַנג אַראָפּצושפּרינגען אין גאָרטן אַריין און איר אָנצורייסן די אויערן. אַצינד, ווען איגאָר איז צוריקגעקומען, האָט זי אויפסניי אויפגעהערט צו באַמערקן קלימען.

נאָך דערדאָזיקער סצענע האָבן אי וואַראָווקאַ אי די מוטער אָנגעהויבן אַזוי אַכטונג געבן אויף באָריסן, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס איבערגעטראָגן אַ געפערלעכע קראַנקייט אָדער אויסגעפירט עפּעס אַ העלדישן און געהיימנישפולן טאַט. דאָס האָט געערגערט קלימען, אינטריגירט דראַנאָוון און געשאַפן אין שטוב אַן אומאָנגענעמע שטימונג פון עפּעס פאַרבאָרגנקייט.

— צום טייוול, — האָט געמורמלט דראַנאָוו, קראַצנדיק מיטן פינגער די נאָז, — כ'וואָלט געגעבן אַ צוואָנציקערל געוואויר צו ווערן וואָסער צרה ער האָט עס אָנגעמאַכט. און, האָב איך נישט ליב דאָס בחורל...

ווען קלים האָט, צולאַשטשענדיק זיך צו דער מוטער, זי געפרעגט, וואָס ס'איז געשען מיט באָריסן, האָט זי געענטפערט:

— מען האָט אים זייער באַליידיקט.

— מיט וואָס?

— דאָס דאַרפסטו נישט וויסן.

קלים האָט אַ קוק געטון אויף איר שטרענג געזיכט און איז האָפנונגסלאָז אַנטשוויגן געוואָרן, שפּירנדיק, אַז זיין לאַנגסטיקע אומפרייגדשאַפט צו באָריסן ווערט שאַרפער.

איינמאָל איז אים געלונגען אונטערצוקוקן, ווי באָריס, שטייענדיק אין ווינקל, הינטער דער קאַמער, האָט קלאַגלאָז געוויינט; ער האָט געהאַלטן פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און געוויינט אַזוי, אַז ס'האָט אים געוואָרפן פון איין זייט אין דער אַנדערער, און די אַקסלען זיינע האָבן געציטערט פונקט ווי בא דער טרערנגיסערין וואַראַ סאָמאָווא, וועלכע האָט געלעבט אינדערשטיל און ווי אַ שאָטן פון איר רירעוודיקער שוועסטער. קלים האָט געוואָלט צוגיין צו וואַראָווקען, נאָר זיך נישט אַנטשלאָסן, און ס'איז אויך נישט אָנגענעם געווען צו זען, אַז באָריס וויינט, ס'איז גע-

ווען נוצלעך צו דערוויסן זיך, אז די ראָלע פון אַ באַליידיקטן איז שוין גאָרנישט אַזוי מקנא צו זיין, ווי ס'האָט זיך געדאַכט.

פּלוצלינג איז דאָס הויז ליידיק געוואָרן. ווראַווקאַ האָט אַוועקגעשיקט די קינדער, טוראַבאַיעוון, די סאַמאָווס אונטער דער השגחה פון טאַניאַ קוליקאָוואַ צו פאָרן אויף אַ דאַמפער איבער דער וואָלגע. קלימען האָט מען, נאַטירלעך, אויך פאַרגעלייגט צו פאָרן, אָבער ער האָט סאָליד געפרעגט:

— ווי אַזוי־זשע וועל איך מיך גרייטן צום איבער־עקזאַמען?

מיט דערדאָזיקער פראַגע האָט ער נאָר געוואָלט דערמאָנען וועגן זיין ערנסטער באַציונג צו דער שולע, אָבער די מוטער און ווראַווקאַ האָבן איבער עפּעס זיך צוגעאיילט איינצושטימען, אַז ער דאַרף נישט פאָרן. ווראַווקאַ האָט אפילו, אָננעמענדיק אים באַ דער גאָמבע, געזאָגט מיט ליב:

— ביסט אַ וואויל יינגל, אָבער דו געם דיר נישט פונדעסט־וועגן צופיל צום האַרץ, וואָס דו בייסט נישט אַזוי איין די לע־רע, — אַלע טאַלענטירטע מענטשן האָבן זיך געלערנט שלעכט.

די קינדער זענען אַוועקגעפאָרן און קלים האָט כמעט די גאַנצע נאַכט דורכגעוויינט פון באַליידיקונג. באַ אַ חודש האָט ער דורכגעלעבט מיט זיך אַליין, ווי פאַר אַ שפּיגל. דראָנאָוו פלעגט פון אינדערפרי אָן נעלם ווערן פון שטוב אויף דער גאַס אַרויס, וואו ער האָט הערשעריש געקאָמאַנדעוועט מיט אַ גרופּע קינדער, ער פלעגט גיין מיט זיי זיך באָדן, פירן זיי אין וואַלד אַריין נאָך שוואָמען, שיקן אויף צו באַפאַלן סעדער און גערטנער. עפּעס ליאַר־מענדיקע מענטשן פלעגן קומען זיך באַקלאָגן אויף אים פאַר דער ניאַניע, אָבער זי איז שוין געווען פולשטענדיק טויב און נישט גע־איילט אויסגעאַנגען אין דעם קליינטשיקן, האַלב־פינצטערן צימערל נאָך דער קיך. הערנדיק די אָנקלאָגערס, האָט זי אַ קאָלער געטון דעם קאָפּ איבערן פאַרפעטסטן קישן און געמורמלט, מיט גוטווינ־שעוודיקייט צוזאָגנדיק:

— נו, נו, דער אייבערשטער זעט אַלץ, דער אייבערשטער וועט אַלע שטראָפן.

די אָנקלאָגערס פלעגן פאָדערן די פריצה, אַ שטרענגע, אַ גלייכע, פלעגט זי אַרויסקומען אויפן גאַנעק און שווייגנד אויסהערבדיק די נישט־דרייסטע, צעפלאָנטערטע רייד, האָט זי אויך פאַרשפּראָכן:

— גוט, כ׳וועל אים באַשטראָפן.

אָבער — זי האָט נישט באַשטראָפט. און בלויז איינמאָל האָט קלים געהערט, ווי זי האָט אַ געשריי געטון דורכן פענצטער, אויפן הויף אַרויס:

— איוואַן, אויב דו וועסט גנבענען אוגערקעס, וועט מען דיך אַרויסוואַרפן פון גימנאַזיע.

קלים האָט אַלץ ווייניקער געזען די מוטער און וואַראַווקען, ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן געשפּילט בכלל און איינער מיטן אַנדערן אין באַהעלטעניש; עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט קלים הערן שאלות, געווענדטע צו אים אָדער צו מאַלאַשען, דעם דינסטמיידל:

— דו ווייסט נישט, וואו די מאַמע איז, — אין גאָרטן?

— טימאָפעי סטעפּאַנאָוויטש איז שוין געקומען?

בעת זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי געשמייכלט איינער צום אַנדערן און דער מוטערס שמייכל איז געווען קלימען אומבאַקאַנט, אפילו נישט אָנגענעם, כאָטש אירע אויגן זענען געוואָרן טונקעלער און נאָך שענער. און בײַ וואַראַוווקען האָט עפּעס אַזוי גיריק און מיאוס זיך אַרויסגעלייגט פון זיין באָרד די שוואַרצע, פליישיקע ליפּ. ביי און נישט אָנגענעם איז געווען אויך דאָס, וואָס די מוטער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפומירן צו פיל און מיט אַזעלכע שטאַרקע פאַרפומען, אַז ווען קלים פלעגט, גייענדיק שלאָפן, קושן איר האַנט, האָט דער פאַרפום אים געצוויקט די נאָזלעכער, כמעט אַרויסרופנדיק טרערן, פונקט ווי דער האַרבער ריח פון כריין. טיילמאָל, אין די אָוונטן, ווען ס׳איז נישט געווען קיין מוזיק, פלעגט וואַראַווקאַ־אַרומגיין מיט דער מוטער אונטער דער האַנט איבערן עסצימער אָדער איבערן גאַסטצימער און ברומען אין דער באָרד אַריין:

— אַ־אָ־אָ! אָ־אָ־אָ!

די מוטער פלעגט צושמייכלען.

און ווען מען האָט געשפּילט, פלעגט וואַרצווקאַ זיך אַוועקזעצן אויף זיין אָרט אין פּאַטעל הינטערן קלאַוויר, פאַררייכערן אַ ציגאַר און מיט שמאַליטשקע שפּעלטעלעך פון די צוגעלענטע אויגן באַטראַכטן, דורכן רויך, וויערא פּעטראָווגען. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער דרימלט, ער האָט געראָיכערט און געשוויגן.

— ס'איז שיין ? — האָט אים געפרעגט וויערא פּעטראָוונאַ, שמייכלענדיק.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט שטיל, ווי מורא האָבנדיק אויפצוועקן עמעצן. — יאָ.

און איינמאָל האָט ער געזאָגט :

— דאָס איז, דאָס סאַמע הערלעכסטע, וואָרים דאָס איז אייביק — די ליבע.

— אָבער — ניין ! — האָט דערווידערט רזשיגאַ. — נישט אייביק.

און הויך אויפהייבנדיק די האַנט מיטן בויגן האָט ער גערעדט וועגן מוזיק, ביזוואַנען דער אַדוואָקאַט מאַקאָוו האָט אים נישט איבערגעריסן :

— און מיין פרוי, עליה השלום, האָט נישט ליב געהאַט קיין מוזיק.

ער האָט אָפּגעזיפצט און צוגעגעבן נישט הויך, וואָרטשענדיק :

— כ'קאָן לחלוטין נישט פאַרשטיין אַ פרוי, וואָס האָט נישט ליב קיין מוזיק, בשעת אפילו העגער, פשעפיורקעס... הם.

די מוטער האָט אים געפרעגט :

— איר זענט שוין לאַנג געבליבן אַן אַלמן ?

— ניין יאָר. איך האָב געלעבט מיט דער פרוי זיבעצן חדשים. יאָ.

דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן שפּילן אויף דער פידל.

איינהערנדיק זיך אין די שמועסן פון די דערוואַקסענע וועגן די מאַנען, ווייבער, וועגן פאַמיליען-לעבן, פלעגט קלים אויפכאַפּן

אין טאָן פֿון דידאַזיקע שמועסן עפּעס אומקלאָרס, טײַלמאָל עפּעס שולדיקס, אָפּט שפּאָטישס, גלײַך ס׳וואָלט זיך געדעדט וועגן טרויע־ריקע טעותים, וועגן אַזױנס, וואָס מען האָט נישט געדאַרפֿט טון. און קוקנדיק אויף דער מוטער, האָט ער זיך געפֿרעגט: צי וועט זי אויך אַזוי רעדן?

— זי וועט נישט, — האָט ער מיט זיכערקייט געענטפֿערט און געשמייכלט.

אין אַ צערטלעכער מינוט האָט קלים זי אַ פֿרעג געטון:

— דו פֿירסט אַ ראָמאַן מיט אים?

— אָ, גאָט, צו פֿרי נאָך פֿאַר דיר צו קלערן וועגן אַזעלכע זאַכן! — האָט אויפֿגערעגט און בײַז אַ זאָג געטון די מוטער. דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט אירע רויטע ליפּן מיטן טיכל און צו־געגעבן ווייכער:

— דו זעסט! ער איז — אַליין און איך אויכעט. ס׳איז אונדז אומעטיק. דיר איז אויך אומעטיק?

— ניין, האָט געזאָגט קלים.

אָבער אים איז אומעטיק געווען ביז טעמפּקייט. די מוטער איז אַזוי ווייניק אויפֿמערקזאַם געווען אויף אים, אַז קלים האָט פֿאַרן פֿרישטיק, מיטאָג, פֿאַר דער טיי אויך אָנגעהויבן צו באַהאַלטן זיך, ווי זי און וואַראַווקאַ פֿלעגן זיך באַהאַלטן. ער האָט געהאַט אַ קליינע הנאה הערנדיק, ווי די דינסט לויפֿט אַרום איבערן הויף, איבערן גאָרטן און רופֿט אים.

— וואו ווערסטו בעלם? — האָט פֿאַרוואונדערט און טייל־מאָל מיט אומרויקייט געפֿרעגט די מוטער. קלים האָט געענט־פֿערט:

— איך האָב זיך פֿאַרטראַכט.

— וועגן וואָס?

— וועגן אַלץ. וועגן די לעקציעס אויכעט.

טאָמילינס לעקציעס זענען געוואָרן אַלץ מער לאַנגווײַליק, ווינציקער פֿאַרשטענדלעך, און דער לערער אַליין האָט עפּעס אומ־נאַטירלעך זיך צעוואַקסן אין דער ברייט און אַראָפּגעוואַקסן צו דער ערד. ער האָט זיך איבערגעטון אין אַ ווייס העמד מיט

אָן אויסגעהאַפּטענעם קאָלנער, אויף זיינע נאַקעטע, קופּער־קאָליריקע פיס האָבן געגלאַנצט לאַטשן פון גרינעם סאַפיאַן. ווען קלים האָט, נישט פאַרשטייענדיק עפּעס, אים געזאָגט וועגן דעם, פלעגט טאַמילין נישט בייז, נאָר מיט בפירושער פאַרוואונדערונג, בלייבן שטיין אינמיטן צימער און זאָגן כמעט שטענדיק איינס און דאָס זעלבע:

— דו פאַרשטייי קודם כל אָט וואָס: דער גרונד־ציל פון איטלעכער לערע איז פעסטצושטעלן אַ רייע איינפאַכע באַקוועם־פאַרשטענדלעכע און באַרויקנדיקע אמתן. אָט אַזוי.

און פויקנדיק מיט די פינגער איבער דער גאָמבע, באַקוקנדיק דעם סופיט מיט די ווייסלען פון די אויגן, האָט ער איינטאָניק פאָרגעזעצט:

— אַלס איינער פון אַזוינע אמתן דינט דאַרווינס טעאָריע פון קאַמף פאַרן לעבן, — געדענקסט, איך האָב דיר און דראַגאָמאָוון דערציילט וועגן דאַרווינען? דידאַקטישע טעאָריע שטעלט פעסט די אומפאַרמיידלעכקייט פון שלעכטס און שנאה אויף דער ערד. דאָס, ברודער, איז דער סאַמע געלונגענסטער פּרוּוו פון דעם מענטש פולשטענדיק צו באַרעכטיקן זיך. יאָ. . . געדענקסט דעם דאָקטאָר סאָמאָווס ווייב? זי האָט פיינט געהאַט דאַרווינען ביז משוגעת. אַ סברא, אַז דווקא האַס, אויפגעשטיגענער ביז משוגעת, שאַפט עס דעם אַלץ־צוזומנעמענדיקן אמת. . .

בעת ער איז געשטאַנען, האָט ער גערעדט צומיינסט אומפאַרשטענדלעך, מיט אַ סך ווערטער, אַרויסרופנדיק פאַרדראָס. אַצינד האָט קלים געהערט דעם לערער נישט זייער אויפמערקזאַם, ער האָט געהאַט זיין אייגענע זאָרג: ער האָט געוואָלט באַגעגענען די קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן מיטאַמאָל דערזעען: ער איז שוין נישט דער אייגענער, ווי זיי האָבן אים איבערגעלאָזט. ער האָט לאַנג געקלערט, וואָס מען דאַרף צו טון צוליב דעם און באַשלאָסן, אַז שטאַרקער פון אַלעם וועט ער זיי איבעראַשן, אויב ער וועט אָנהייבן טראָגן ברילן. זאָגנדיק דער מוטער, אַז ס'ווערן באַ אים מיד די אויגן און אַז אין גימנאַזיע האָט מען אים געעצהט צו קויפן זיך קאָנסערוועס, האָט ער באַלד צומאָרגנס באַלאַסטעט זיין שפּי־

ציקע נאָז מיט דער משא פון צוויי גלעזלעך פון רויך-קאָליר. דורך דידאָזיקע גלעזלעך האָט אַלץ אויף דער וועלט זיך אויסגע-געוויזן באַשאָטן מיט אַ לייכטן שיכט גרוילעכן שטויב און אפילו די לופט, נישט אָנווערנדיק די דורכזיכטיקייט, איז געוואָרן גרוי. דער שפּיגל האָט איבערצייגט קלימען, אַז די ברילן האָבן געמאַכט דאָס איידעלע פּנים זיינס אי סוגעסטיוו, אי נאָך מער קלוג.

אָבער אַזוי ווי נאָר די קינדער זענען צוריקגעקומען, האָט באָריס, דריקנדיק קלימס האַנט און נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון זיינע קרעפטיקע פינגער, שפּאָטיש אַ זאָג געטון:

— זעט: אָט איז אַ מאַלפּע אויף דער עלטער.

ליובאַ סאַמאָוואַ האָט רחמנותדיק אַ געשריי געטון:

— אוי, סאַראַ טאָווערע דו ביסט געוואָרן!

טוראָבאָיעוו האָט העפלעך געשמייכלט, אָבער זיין שמייכל איז אויך געווען באַליידיקענד, נאָר נאָך מער באַליידיקענד איז גע-ווען די גלייכגילטיקייט פון לידיען; אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף איגאָרס אַקסל, האָט זי געקוקט אויף קלימען, גלייך זי וואָלט אים נישט געוואָלט דערקענען. דערנאָך האָט זי מיד אַ זיפץ געטון און געפרעגט:

— די אויגן זענען קראַנק געוואָרן? פאַרוואָס איז בּאַ דיר תמיד עפּעס קראַנק?

— באַ מיר איז קיינמאָל גאָרנישט קראַנק, — האָט אויפגע-בראַכט געזאָגט קלים, מורא האָבנדיק, אַז ער וועט זיך באַלד צו-וויינען.

אָבער פון דעם טאָג אָן איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ שאַרפער פיינדשאַפט צו באָריסן, און יענער, שנעל אויפכאַפּנדיק דאָסדאָזיקע געפיל, האָט עקשנותדיק אָנגעהויבן צו צעבלאָזן עס, אויסלאַכנדיק כמעט יעדן טריט, יעדעס וואָרט קלימס. דער שפּאַ-ציר אויפן דאַמפער האָט אַפילו נישט באַרויקט באָריסן, ער איז פאַרבליבן פונקט אַזוי נערוועיש, ווי ער איז געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע, פונקט אַזוי פאַרדעכטיק און בייז האָבן געפינקלט זיינע טונקעלע אויגן, און טיילמאָל האָט אים באַהערשט אַ מאָדנע פאַר-

לוירנקייט, מידקייט, ער פלעגט איבעררייסן דאָס שפּילן און ער־צעך־וואו אוועקגיין.

— ווייבען, — האָט זיך משער געווען קלים מיט אַנגענעמער בייזקייט.

אַלץ אַזוי געהיטן און אויפמערקזאַם זענען זיך באַגאַנגען מיט באָריסן די שוועסטער און טוראָבאַיעוו, וויערא פּעטראָוונאַ האָט אים געצערטלט, דער פאָטער געמאַכט לאַכעוודיק; אַלע האָבן גע־דולדיק איבערגעטראָגן זיינע קאַפּריזן און די פּלוצלינגדיקע אויס־ברוכן פון כעס. קלים האָט זיך אויסגעמאַטערט, פרווונדיק צו טרעפן די געהיימנ ש, אויספרעגנדיק איטלעכן, אָבער ליובאַ סאָמאָוואַ האָט געזאָגט זייער דאָקטאָראַליש:

— דאָס איז — פון די נערוון, פאַרשטייסט? אַזוינע ווייסע פעדעמלעך אין קערפּער און זיי ציטערן.

טוראָבאַיעוו האָט דערקלערט נישט בעסער:

— ער האָט געהאַט אַן אומאָנגענעמלעכקייט, אָבער איך וועל נישט רעדן וועגן דעם.

לידיאַ האָט ענדלעך אים פאַרגעלייגט, אָנכמורענדיק זיך און פאַרקרימענדיק די ליפּן:

— שווער דיך, אַז באָריס וועט קיינמאָל נישט געוואויר ווערן, אַז איך האָב דיר געזאָגט!

קלים האָט אויפריכטיק זיך געשוואוירן צו היטן דעם סוד און דורשטיק אויסגעהערט די פלאַטערדיקע, אומבינדיקע דער־ציילונג:

— מ'האָט באָריסן אויסגעשלאָסן פון דער מיליטערישער שולע דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצוגעבן די חברים, וואָס האָבן אַפּגעטון עפּעס אַ שפּיצל. ניין, נישט פאַר דעם, — האָט זי זיך געשווינד פאַרריכט, אַרומקוקנדיק זיך.

— פאַר דעם האָט מען אים איינגעזעצט אין קאַרצער, אָבער איין לערער האָט פונדעסטוועגן געזאָגט, אַז באָריס איז אַ מסור און אַז ער האָט אויסגעזאָגט; דאַן האָבן די ייִנגלעך, ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פון קאַרצער, באַנאַכט אים אָפּגעשמיסן,

און ער האָט אויף דער לעקציע אַריינגעשטאָכן דעם לערער אַ צירקל אין בויך אַריין און מען האָט אים אויסגעשלאָסן.

אַרויסכליפּענדיק, האָט זי צוגעגעבן:

— ער האָט זיך אַליין אויך געוואָלט דערהרגענען. ס'האָט אים אַזש געהיילט אַ משוגענער דאָקטאָר.

די שוואַרצע אויגן אירע זענען אומגעווייגלעך שפּעדיק פאַרשוויצט געוואָרן מיט טרערן און דידאָזיקע טרערן האָבן זיך אויסגעוויזן קלימעז אויף שוואַרץ. ער איז צעמישט געוואָרן. לידיאַ האָט אַזוי זעלטן געוויינט, און אַצינד, אין די טרערן, איז זי ענלעך געוואָרן צו די אַנדערע מיידלעך און, פאַרלירנדיק איר אומפּאַרגלייכלעכקייט, אַרויסגערופן בּאַ קלימען אַ געפיל, נאָענט צו רחמנות. איר דערציילונג וועגן ברודער האָט אים נישט גערירט און נישט פאַרוואונדערט, ער האָט שטענדיק דערוואַרט פון באָריסן אומגעווייגלעכע האַנדלונגען. אַראָפּנעמענדיק די ברילן, שפּילנדיק זיך מיט זיי, האָט ער פון אונטערן שטערן אַפּער געקוקט אויף לידיען און נישט געפינען קיין ווערטער זי צו טרייסטן. און טרייסטן האָט זיך אים געוואָלט. טוראַבאָיעוו איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן אין שולע אַריין.

זי איז געשטאַנען, אָנגעשפאַרט מיטן רוקן אָן אַ דינעם שטאַם פון אַ בעריאָזע און געשטופּט אים מיטן אַקס[c], פון די האַלב־באַקעטע צווייגן זענען לאַנגזאַם געפאַלן געלע בלעטער, לידיאַ האָט זיי אַריינגעדעפּטשעט אין דער ערד אַריין, אַראָפּשאַרנדיק מיט די פינגער די נישט געוואוינטע טרערן פון די באַקן און ס'איז געווען עפּעס זיך מיאוסנדיקס אין די שנעלע באַוועגונגען פון איר אָפּגעבּרענטער האַנט. איר פנים איז אויך געווען אָפּגעבּרענט אויף אַ קאָליר פון בראָנז, דאָס דינינקע אויסטערלישע פיגורל האָט אַרומגעהילט אַ בלוי קלייד, אַרומגענייט מיט אַ רויטער טאַשמע, און איר איז געווען עפּעס אויסערגעוויינלעכס, וואונדערבאַרס, ווי בּאַ די צירק־מיידעלעך.

— ער — שעמט זיך? — האָט ענדלעך געפרעגט קלים, — אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ; לידיאַ האָט געזאָגט מיט אַ האַלב קול:

— נו, יאָ! דו גיב נאָר אַ קלער: ער קאָן זיך דאָך פאַרליבן אין עפּעס אַ מיידל און ער וועט באַדאַרפן אַלץ דערציילן וועגן זיך, און ווי אַזוי זשע דערציילט מען, אַז מען האָט דיך אָפּגעשמיסן?

קלים האָט שטיל מסכים געווען:

— יאָ, וועגן דעם קאָן מען ניש̇ט...

— ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו חברן זיך מיט ליובען, און איז איצט אַלץ אינאיינעם מיט וואַרען, וואָרים וואַריאַ שווייגט, ווי אַ באַניע, — האָט פּאַרטראַכט געזאָגט לידיאַ. — און איך מיטן פּאַפּאַ האָבן אַזוי מורא פאַר באָריסן. דער פּאַפּאַ שטייט אַפילו אויף באַנאַכט און קוקט, צי ער שלאָפט. און נעכטן איז דיין מאַמאַ געקומען, ווען עס איז שוין געווען שפּעט, אַלע זענען געשלאָפן.

פּאַרטראַכט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, איז זי אַוועקגעגאַנגען, אַרייקוועטשנדיק מיטן קנאַפּל אין דער ערד אַריין די געלע בלעטער. און אַזוי ווי נאָר זי איז נעלם געוואָרן, האָט קלים זיך דערפילט גוט באַוואָפנט קייגן באָריסן, ביכולת מילד צו באַצאָלן אים פאַר אַלע זיינע הלצות; צו פילן דאָס, איז געווען אַ נחת. שוין אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך ניש̇ט געקאָנט איינהאַלטן, ניש̇ט אַרויסצווייזן וואַראַווקען דידאַזיקע פרייד. ער האָט זיך באַגריסט מיט אים ביטולדיק, אויסגעשטרעקט אים די האַנט און תיכף זי צוריק באַהאַלטן אין קעשענע צריין; ער האָט געענדיק אַ שמייכל געטון דעם שונא אין פּנים אַריין און, ניש̇ט זאָגנדיק אים קיין וואָרט, אַוועקגעגאַנגען. אָבער אין דער טיר פון עסצימער, אומקוקנדיק זיך, האָט ער דערזעען, אַז באָריס, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן ראַנד פון טיש, מיט פאַרריסענעם קאָפּ אין פאַרביסענער ליפּ, קוקט אויף אים דערשראָקן. דעמאָלט האָט קלים נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטון, אָבער וואַראַווקאַ איז אין צוויי שפּרינג צוגעשפּרונגען צו אים, אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען און, אַ טרייסל געבנדיק, געפרעגט, ניש̇ט הויך, הייזעריק:

— פון וואָס לאַכסטו?

זיין פון פּאָקן צעפּאָקערט פּנים איז געוואָרן בונט, ער האָט אָפּגעדעקט די ציין, און זיינע הענט האָבן געציטערט אויף קלימס אַקסלען.

— לאָז אָפּ, — האָט קלים געזאָגט, שוין מורא האָבנדיק, אַז באָריס וועט אים אַ קלאַפּ טון, אָבער יענער האָט שטילערהייט און אַזויוויי בעטנדיק איבערגעחזרט:

— פון וואָס לאַכסטו? זאָג!

— נישט פון דיר.

און אַרויסדרייענדיק זיך פון אונטער באָריסעס הענט, איז קלים אַוועקגעגאַנגען נישט אומקוקנדיק זיך, באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ אין דער פּלייצע.

דידאָזיקע סצענע האָט אים איבערגעשראָקן און אַרויסגערופן בײַ אים אַ מער פּאָרזיכטיקע באַציונג צו וואַראַווקען, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון צייט צו צייט אַ קוק צו געבן באָריסן אין די אויגן אַריין מיט אַ בליק פון אַ מענטש, וואָס ווייסט יענעמס בזיונדיקע געהיימניש. ער האָט גוט געזען, אַז זיינע שפּאָטישע בליקן רעגן־אויף דאָס ייִנגל און דאָס איז אָנגענעם געווען צו זען, כאָטש באָריס האָט נאָך אַלץ אַזוי עזותדיק אָפּגעהוזקט, געקוקט אויף אים אַלץ מער פאַרדעכטיק און זיך געדרייט אַרום אים ווי אַ שפּאַרבער. און דערדאָזיקער געפערלעכער שפּיל האָט שנעל דערפירט קלימען דערצו, אַז ער האָט פאַרגעסן די פאָרזיכטיקייט. אין איינעם פון יענע וואַרעמע, נאָר עצבותדיקע טעג, ווען די האַרבסטיקע זון, געזעגנענדיק זיך מיט דער פאַרפרעמטער ערד, וויל אַזויווי דערמאַנען וועגן איר זומערדיקער, לעבנסשאַפנדיקער קראַפט, האָבן די קינדער זיך געשפּילט אין גאָרטן. קלים איז געווען מער אויפגעהייטערט, ווי שטענדיק, און באָריס גוטמוטיקער געשטימט. פריילעך האָבן אַרומגעווילדעוועט לידיאַ און ליובאַ, די עלטערע סאָמאָוואַ האָט צונויפגעקליבן אַ בוקעט פון די העלע בלעטער פון קלאַן און ריאַבינע. כאַפּנדיק עפּעס אַ פאַרשפּעטיקטן זשוק און דערלאַנגענדיק אים מיט צוויי פינגער באָריסן, האָט קלים געזאָגט:

— נאַ סעקאַמאַיע*).

דער קאַלאַמבור איז אַרויסגעקומען פון זיך אַליין, אומגע־ריכט, און האָט געצוואונגען קלימען צו צעלאַכן זיך, נאָר באַריס האָט אומנאַטירלעך אַרויסגעכראַפּעט. ברייט זיך אַ פּאַרמעסט גע־טון, אַ קלאַפּ געטון אין דער באַק אַריין, איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אין דערנאָך מיט אַ שטורך אומגעוואָרפן אים און בליץ־שנעל אַנטלאָפן, ווילד וואַיענדיק אינם לויפן.

קלים האָט אויך געשריגן, געוויינט, געדראָעט מיט די פויסטן, די שוועסטער סאַמאָוו האָבן אים איינגעשטילט, און לידיאַ איז גע־שפּרונגען פאַר אים און, סאַפּענדיק, גערעדט:

— ווי אַזוי האָסטו געוואַגט? דו ביסט — אַ נידערטרעכטי־קער, האָסט זיך געשוואוירן. אָך, איך בין אויך אַ נידערטרעכ־טיקע...

זי איז אַנטלאָפן. די סאַמאָוועס האָבן אַוועקגעפירט קלימען אין קיך אַריין, כדי אָפּצוואַשן דאָס בלוט פון זיין צעהאַקט פּנים; מיט ביין צונויפגערוקטע ברעמען איז אַריינגעקומען וויע־ראַ פּעטראָוונאַ, אָבער זי האָט באַלד דערשראָקן אַ געשריי געטון:

— גאָט מיינער, וואָס איז דאָס באַ דיר? דאָס אויג איז — גאַנץ?

שנעל אָפּוואַשנדיק דעם זונס פּנים, האָט זי אים אַריינגע־פירט אין צימער אַריין, האָט אים אויסגעטון, געלייגט אין בעט בעט אַריין און, צודעקנדיק דאָס געשוואָלענע אויג מיט אַ קאָמפּרעס, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, סוגעסטיוו זאָגנ־דיק:

— רייצן זיך מיט אַ באַליידיקטן — דאָס פּאַסט נישט פאַר דיר. מען דאַרף זיין גרויסמוטיק.

---

*) נאַסעקאַמאַיע באַטייט אויף רוסיש — אַ שרץ, אַ ווערעמל; נאַ סעקאַ־מאַיע — אין טייטש: נאַ, געשמיסנס. — איבערזעצער.

פילנדיק, אַז אַלע זענען פיינדלעך צו אים, אַלע זענען אויף באָריסעס זייט, האָט קלים אַרויסגעמורמלט:

— אָבער דו האָסט געזאָגט — מען טאָרף נישט, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט.

— וואָס איז אַ נאַרישקייט?

— גרויסמוטיקייט. האָסט געזאָגט. איך געדענק דאָך.

אָנבייגנדיק זיך צו אים, שטרענג קוקנדיק אין זיין רעכטן, אָפענעם אויג אַריין, האָט די מוטער געזאָגט:

— דו דאַרפסט נישט קלערן, אַז דו פאַרשטייסט אַלץ, וואָס די דערוואַקסענע רעדן...

קלים האָט אָנגעהויבן וויינען, באַק לאָגנדיק זיך:

— מיך האָט קיינער נישט ליב.

— דאָס איז — נאַריש, ליבער. דאָס איז נאַריש, — האָט זי איבערגעחזרט און זיך פאַרקלערט, גלעטנדיק זיין באַק, מיט דער לייכטער דופטיקער האַנט. קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן, דער־וואַרטנדיק, אַז זי וועט זאָגן:

— איך האָב דיך ליב, — אָבער זי האָט דאָס נישט באַ־וויזן צו טון; ס'איז אַריינגעקומען וואַראַווקאַ, האַלטנדיק זיך באַ דער באָרד, זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, זאָגנדיק אין שפּאַס:

— נאָכוואָס־זשע שלאָגט איר אייך, רוצחישע שפּאַניער?

אָבער כאָטש ער האָט גערעדט ליצנותדיק, זענען זיינע אויגן געווען טרויעריק, האָבן אומרויק געפינטלט, די אָפּגעהיטענע באָרד איז געווען צעקנייטשט. ער האָט זיך זייער געפלייסט פריי־לעך צו מאַכן קלימען, דעקלאַמירט מיט אַ דיניטשקע קול לידלעך:

דראַמען, דאַמען, טעמפּלען, ראַמען,
מוראַשניקעס, היפּאָפּאָטאַמען
סאָלאָווייען, פייגל, נסים —
אַלץ איז שטותים, שטותים.

די מוטער האָט געשמייכלט, קוקנדיק אויף אים, אָבער אירע אויגן זענען אויך געווען טרויעריק. אויפן סוף, אַרונטערדרוקנדיק די

האַנט אונטער דער קאָלדרע, האָט וואַראַווקאַ גענומען קיצלען קלי־מען די פּיאַטעס און פּאָדעשוועס, אים געצוואונגען צו צעלאַכן זיך און איז תּיכּף אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער מוטער.

און צומאָרגנס אינאָוונט האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ גרויסאַר־טיקע פייערונג צום איבערבעטן זיך, — טיי מיט טשאַסטעס, מיט קאָנפעקטן, מוזיק און טענץ. פאַרן אָנהייב פון דער פייערלעכקייט, האָבן זיי געצוואונגען קלימען און באַריסן צו צעקושן זיך, אָבער באַריס האָט, קושנדיק, שטאַרק צונויפגעדריקט די ציין און פאַר־מאַכט די אויגן, און קלים האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אים אַ ביס צו טון. דערנאָך האָט מען קלימען פאַרגעלייגט צו דעקלאַמירן ניעקראַסאָווס ליד „מען האַקט דעם וואַלד", און לידיעס שייניקע חברטע אַלינאַ טעליעפּניעוואַ האָט זיך אַליין אַרויסגערופן צו דע־קלאַמירן, זי איז אַוועקגעגאַנגען צום קלאַוויר און באַגייסטערט פאַרגלאָצנדיק די אויגן, האָט זי גענומען דערציילן מיט אַ האַלב קול:

אַלעס שלאָפט, מיין פריינד, קום אין שאָטנדיקן סאָד,
אַלעס שלאָפט, די שטערן בלויז קוקן צו אונז גראָד,
נאָר דורך די צווייגן זעען אונז נישט אויך זיי
און הערן נישט, ס'הערט אונז בלויז דער סאָלאָוויי.

גנביש צושמייכלענדיק, האָט זי אַרויסגעזאָגט די פאָלגנדע פערזן נאָך שטילער:

ניין, אויך ער אונז הערט נישט — הילכיק קלינגט זיין ליד!
עס הערט אונז אפשר בלויז האַרץ און האַנט צעגליט,
ס'הערט דאָס האַרץ — נאָך פריידן ערדישע פאַרבענקט,
וויפיל גליק מיר האָבן דאָ אַהערגעברענגט...

זי איז געווען מלא חן, ממש אַ בילדל פון אַ שעכטל קאָנ־פעקטן. איר קיילעכיק פּנימל, באַשאָטן מיט האָר־לאָקן פון שאָקאָ־לאַד־פאַרב, האָט זיך העל צעפלאַמט, די בלויליכע אויגן האָבן גע־

לויכטן נישט קינדמעסיק-פיפיק און ווען זי האָט פאַרענדיקט דאָס דעקלאַמירן, גאַלאַנט געמאַכט אַ רעווערענס און גראַציעז צוגעגאַנגען צום טיש, — האָבן זי אַלע באַגעגנט מיט אַ פאַרוואונדערט שטילשווייגן. דערנאָך האָט וואַראַווקאַ געזאָגט:

— אומפאַרגלייכלעך, האַ? וויערא פעטראָוונאַ, — ווי געפעלט אייך?

ער האָט אונטערגעהויבן מיט דער האַנט די באָרד, צוגעדעקט מיט איר דאָס פּנים און, דורך די האָר, צוגעגעבן:

— אָט ווי פרי ס'הייבט זיך אָן די פרוי, האַ?

וויערא פעטראָוונאַ האָט, דראָענדיק אים מיטן פינגער, אַרויסגעשיפּעט:

— שש...

און אַ שושקע טוענדיק אים עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן געצוואונגען וואַראַווקען שולדיק צו צעפירן מיט די הענט, האָט זי אָנגעהויבן פרעגן:

— וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי דעקלאַמירן?

פאַררויטלענדיק זיך פון שטאָלצקייט, האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, אַז בײַ אירע עלטערן אין הויז וואוינט אַן אַלטע אַרטיסטין און לערנט זי.

לידיאַ האָט גלייך דערקלערט:

— פּאַפּ, איך וועל זיך אויך לערנען בײַ אַן אַרטיסטין.

קלים איז געזעסן אַ פאַרטרויערטער, מען האָט אים פאַרגעסן צו לויבן פאַר דער דעקלאַמאַציע; אַליבען האָט ער געהאַלטן פאַר אַ נאַר און, נישט געקוקט אויף איר שיינקייט, פּונקט אַלס אַזאַ נישט נייטיקע, נישט אינטערעסאַנטע, ווי וואַריאַ סאָמאָווע.

אַלץ איז געגאַנגען זייער גוט. וויערא פעטראָוונאַ האָט געשפּילט אויפן קלאַוויר באַריסעס און לידיעס באַליבטע מעלאָדיעס — ליאַדאָווס „מוזיקאַלישע טאַבאַק-שקעטעלע", טשייקאָווסקיס „טרויקע" און נאָך עטלעכע אַזעלכע איינפאַכע און באַחנטע זאַכן; דערנאָך האָט זיך אַוועקגעזעצט צום קלאַוויר טאַניאַ קוליקאָוואַ און, עקסטאַזיעל אונטערשפּרינגענדיק אויף דער טאַבורעטקע, אָנגעהויבן

פויקן א וואַלס, וואַראָוקאַ מיט וויערא פעטראָוונען האָבן געטאַנצט אַרום טיש; קלים האָט דאָס ערשטע מאָל געזעען, ווי גרינג ס'טאַנצט דערדאָזיקער ברייטער, שווערער מענטש, ווי פלינק ער צווינגט די מוטער צו דרייען זיך אינדערלופטן, אַפּרייסנדיק זי פון דער פּאָדלאָגע. אַלע קינדער האָבן סאָלידאַר און מיט התפעלות אַפּלאָדירט די טענצערס, און באָריס האָט אַ געשריי געטון:

— פּאַפּאַ, דו ביסט — אַ וואונדערלעכער!

קלים האָט באַמערקט, אַז זיין שונא איז צעוויכט פון דער מוזיק, פון די טענץ, דעקלאַמאַציעס, ער אַליין האָט זיך אויך געפילט אויסערגעוויינלעך לייכט און געווירט אין דער אַלגעמיינער שטימונג פון נישט רוישיקער און ליכטיקער פרייד.

— קינדער, אַ קאַדריל! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון די מוטער, אָפּווישנדיק די שלייפן מיט אַ שפּיצן-טיכל. זייענדיק נאָך אַלץ אין כעס אויף קלימען, נאָר קוקנדיק אויף אים, האָט לידיאַ אַרויפגעשיקט נאָך עפּעס דעם ברודער אינדערהייך, — קלים האָט אין אַ מינוט אַרום זיך געלאָזט גיין נאָך אים, אונטערגעגעבנדיק זיך דעם פּלוצלינגדיקן שטויס פונם פאַרלאַנג צו זאָגן באָריסן עפּעס גוטס, פריינדלעכס, אפשר אַנטשולדיקן זיך פאַר זיין שפּיצל. ווען ער איז אַרויפגעלאָפן ביז אין דער העלפט טרעפּ, האָט זיך באָריס באַוויזן אין אָנהייב פון די שטיגן, מיט לאַטשן אין דער האַנט; אָפּשטעלנדיק זיך, האָט ער זיך אַזוי איינגעבויגן, גלייך ער וואָלט געוואָלט אַ שפּרונג טון אויף קלימען, נאָר דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן גיין פון שטיג צו שטיג געלאַסן און קלים האָט דערהערט זיין אַרויסגעכראָפּעטן פליסטער:

— דערוועג דיך נישט צוצוגיין צו מיר, דו.

קלים האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק דאָס אָנגעבויגענע און אַזוי ווי אויף אים פאַלנדיקע פּנים מיט די פאַרשאַרפטע קינבאַקן און מיט דער פאָרויס אַרויסגערוקטער, ווי באַ אַ הונט, גאָמבע; אָנכאַפּנדיק זיך מיט דער האַנט באַם פּאָרענטש, האָט ער אויך אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַראָפּגיין אונטן, דערוואַרטנדיק, אַז באָריס וועט זיך וואַרפן אויף אים, אָבער באָריס איז פאַרבייגעגאַנגען, איבערחזרנדיק העכער, דורך די ציין:

— דערוועג זיך נישט.

פאַרגליווערט פון פּחד, איז קלים געשטאַנען אויף די שטיגן, ס'האָט אים געצוויקט אין האַלז, טרערן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט פון די אויגן, ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט צו אַנטלויפן אין גאָרטן אַריין, אויפן הויף, זיך באַהאַלטן; ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון גאַנעק, — דער ווינט האָט געגעצט די טיר מיט אַ האַרבסטיקן רעגן. ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער טיר מיט דער פויסט, זי אַ ראַץ געטון מיטן נאָגל, שפּירנדיק, אַז אין דער ברוסט האָט זיך עפּעס איינגעבראָכן, איז פאַרשוואונדן, אויסליידיקנדיק אים. ווען ער האָט זיך גובר געווען און איז אַריינגעגאַנגען אין עסצימער, האָט מען שוין דאָרט געטאַנצט אַ קאַדריל; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טאַנצן, צוגעשטעלט צום קלאַוויר אַ שטול און גענומען שפּילן דעם קאַדריל אויף פיר הענט מיט טאַניען.

שווערע, פּיינלעכע טעג זענען אָנגעקומען פאַר אים; ער האָט געלעבט אין פּחד פאַר באָריסן און אין שנאה צו אים. אָוועקדרייענדיק זיך פון די שפּילן, פלעגט ער פאַראומערט שטיין אין די ווינקלען און, מיט גיריקער געשפּאַנטקייט נאָכקוקנדיק באָריסן, אָפּגעוואַרט, ווי אַ גרויסע שמחה, צי באָריס וועט נישט אַנידערפאַלן, זיך נישט צעקלאַפּן. און וואַראַווקאַ, שפּילנדיק מיט זיך אַליין, האָט געוואָרפן זיין בויגיקן קערפּער פון איין זייט אין דער אַנדערער פיבערהאַפט, ווי אַ שכור, אָבער תּמיד אַזוי, גלייך יעדע באַוועגונג זיינע, יעדער שפּרונג איז געווען פריער אומפעלערהאַפט אויסגערעכנט. אַלע האָבן זיך אַנטציקט מיט זיין פלינקייט, אומדערמידלעכקייט, זיין מסוגלקייט אַריינצוטראָגן אינם שפּיל התלהבות און הייטערקייט. קלים האָט געהערט, ווי די מוטער האָט מיט אַ האַלב קול געזאָגט באָריסעס פאָטער:

— וואָס פאַר אַ טאַלענטירטער קערפּער!

אין יענעם יאָר האָט דער ווינטער פאַרשפּעטיקט, ערשט אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער האָט אַ טרוקענער אַכזריותדיקער ווינט פאַרקאָוועט דעם טייך מיט בלוי אייז און צעדראַפּעט די אין שניי נישט אָנגעטוענע ערד מיט טיפע שפּאַלטן. אין דעם אויסגעבלייכטן, אויסגעפרוירענעם הימל האָט ווייסע זון אייליק אָנגע

צייכנט א קורצע קרומע ליניע און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז טאַקע פון דערדאָזיקער אָפּגעבלאַקירטער זון גיסט זיך אויף דער ערד אַראָפּ אַן אומרחמנותדיקע קעלט.

אין איינעם פון די זונטיקן זענען באָריס, לידיאַ, קלים און די שוועסטערן סאַמאַוו אַוועקגעגאַנגען אויפן גליטש, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט אָפּגערייניקט געוואָרן באַם שטאָטישן טייך־ברעג. אַ גרויסער לענגלעכדיקער עיגול פון טונקל־בלוילעך אייז איז אַרומגעשטעלט געווען מיט יאָדלעס, אַ שטריק, געפלאָכטן פון ליפּאָווע שאָל, האָט צונויפגעבונדן זייערע שטאַמען. די ווינטערדיקע זון האָט, רויט ווערנדיק, זיך אַראָפּגעלאָזט נאָכן טייך אין שוואַרצן וואַלד אַריין, פיאָלעטע אָפּגלאַנצן האָבן זיך געלייגט אויפן אייז. מענטשן אויפן גליטש איז געווען אַ סך.

— דאָס איז אַ זאַק קאַרטאָפליעס, נישט קיין גליטש, — האָט קאַפּריזנע דערקלערט באָריס. — ווער גייט מיט מיר אויפן טייך אַרויף? וואַריאַ?

— יאָ, — האָט געזאָגט די שווערלייביקע, פאַרבלאָזטע סאַמאָווע.

זיי זענען אַרונטערגעקראָכן אונטערן שטריק, אָנגעכאַפּט זיך באַ די הענט און שנעל זיך אַ לאָז געטון קווער דעם טייך, צו די לאָנקעס. זיי האָט באַגלייט אַ בראַוואָר־מאַרש, וועלכן ס'האָבן הילכיק און נישט האַרמאָניש אויסגעבלאָזן מעשענע טראָמפּייטן פון אַ זעלנערישן אָרקעסטער. ליובאַ סאַמאָווע האָט אָנגעכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט איר באַקאַנטער, דער פון גימנאַזיע אויסגעשלאָסענער אַ באָקאָוו, אַ קאַוואַלער, וואָס איז געווען נישט אָנשטענדיק און לייכט אָנגעטון אין אַ טוכענער בלוזע, אַרונטערגעמאַכטע אונטערן פּאַסעק פון די צו ברייטע הויזן, און אין אַ צעקאָשמערט, באַראַנקאָווע היטל אויף אַ זייט. אַ קוק געבנדיק אויפן טייך, וואו די סאַמאָווס און באָריס זענען געשווינד און אַזוי ווי אינדערלויפטן, זיך וויגנדיק, געפלויגן צו דער אָנגעדראָלענער, רויטער זון, האָט לידיאַ פאָרגעלייגט קלימען נאָכצולויפן זיי, אָבער ווען זיי זענען אַרונטערגעקראָכן אונטערן שטריק און נישט געאיילט זיך אַ גליטש געטון, האָט זי געשריי געטון:

— אוי, קוק...

אָבער קלים האָט שוין געזען, אַז באַריס און סאַמאַווא זענען נעלם געוואָרן.

— זיי זענען אומגעפאַלן, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, — האָט אַרויסגעפּליסטערט לידיאַ, אַ שטופּ געבנדיק קלימען מיטן אַקסל אַזוי, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער קני.

— קוק, — זיי זענען אַריינגעפאַלן...

און זי איז שנעל אַ לויף געטון פאַרויס, וואו, כמעט באַם ברעג, אויפן רויטן שקיעה־פאַן זענען צאַפּלדיק אונטערגעשפּרונגען צוויי רויטע באַלעמער.

— גיכער, — האָט געשריגן לידיאַ, דערווייטערנדיק זיך, — דעם פּאַסעק! וואַרף זיי דעם פּאַסעק! שריי...

קלים האָט זי שנעל איבערגעיאָגט, גליטשנדיק זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז זיינע אויגן, ברייט צעעפנטע, האָבן וויי געטון.

אַנטקייגן איז אומפאַרשטענדלעך, אומנאַטירלעך געקראָכן, ברייטער ווערנדיק, אַ פינצטערער גרוב, אָנגעפולט מיט צעכוואַליעוועט וואַסער, ער האָט געהערט דעם קאַלטן פּליעסק פון וואַסער און געזען צוויי, זייער רויטע הענט; צעשפּרייטנדיק די פינגער, האָבן די דאָזיקע הענט זיך געכאַפּט אָן אייז אויפן ראַנד, דאָס אייז האָט זיך איינגעבראָכן און געקנאַקט. די הענט האָבן געשימערט ווי אָפּגעציפּטע פליגל פון אַן אויסטערלישן פויגל, צווישן זיי איז אונטערגעשפּרונגען אַ גלאַטיקער און גלאַנציקער קאָפּ מיט אומגעהייער־גרויסע אויגן אויף פאַרבלוטיקטן פנים; ער איז אונטערגעשפּרונגען, פאַרשוואונדן און אויפסניי האָבן איבערן וואַסער געפלאַכערט קליינע, רויטע הענט. קלים האָט געהערט אַ כריפּענדיקן געהייל:

— לאָז אָפּ! לאָז אָפּ, נאַר... לאָז שוין אָפּ!

נישט מער פון פינף־זעקס טריט האָט קלימען אָפּגעטיילט פון דעם וואַסער־ראַנד, ער האָט זיך האַסטיק אַ דריי אויס געטון און איז אומגעפאַלן; שטאַרק זיך אַ קלאַפּ געבנדיק מיטן עלנבויגן אָן אייז. ליגנדיק אויפן בויך האָט ער געזען, ווי דאָס וואַסער, פון אַן

אומגעווײנלעכן קאָליר, אַ געדיכטס און, אַפּנים, זײער אַ שווערס, האָט געפּאַטשט באָריסן איבער די אַקסלען, איבערן קאָפּ. עס האָט אָפּגעריסן זײַנע הענט פֿונם אײַז, שפּילעוודיק אַריבערגעפּליעסקעט איבער זײַן קאָפּ, געשמיסן איבערן פּנים, איבער די אויגן, דאָס גאַנצע פּנים באָריסעס האָט ווילד געהײַלט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַפֿילו די אויגן זײַנע שרײַען אויך:

— די האַנט... גיב די האַנט...

— באַלד, באַלד, — האָט געמורמלט קלים, באַמיענדיק זיך אויפֿצושפּיליען דעם בריענדיק־קאַלטן שנאָל פֿון פּאַסעק, — האַלטן זיך, באַלד...

ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען קלים האָט אַ קלער געטון — ווי גוט וואָלט עס געווען צו דערזען באָריסן מיט אַזאַ צעקוועטשט, דערשראָקן פּנים, אַזאַ הילפֿלאָזן און אומגליקלעכן נישט דאָ, נאָר אינדערהײם. און אַז אַלע זאָלן אים זען, ווי ער זעט אויס אין דערדאָזיקער מינוט.

אָבער ער האָט אַ קלער געטון וועגן דעם דורכן פּחד, וואָס האָט אים צעקלעמט מיט אַ פֿאַרהאַלשנדיקער קעלט. קוים מיט צרות אָפּשפּיליענדיק דעם פּאַסעק מיט דער ברעכנדיקער האַנט, האָט ער אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער, — באָריס האָט אָנגעכאַפּט דעם עק פֿון פּאַסעק, אים אַ ציִ געטון און לײַכט אַ רוק געטון קלימען איבערן אײַז נענטער צום וואַסער צו, — קלים האָט, אַרויסלאָזנדיק אַ קוויטש, פֿאַרמאַכט די אויגן און אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט דעם פּאַסעק. און אויפֿעפֿנענדיק די אויגן, האָט ער דערזען, אַז דאָס טונקל־פּיאָלעטע, שווערע וואַסער פּאַטשט אַלץ אָפּטער, שטאַרקער איבער באָריסעס אַקסלען, איבער זײַן בלויזן קאָפּ און אַז די קלײנע, נאַסע הענט, רויט בלישטשענדיק, רוקן זיך צו נענטער, אַרומברעכנדיק דאָס אײַז. מיט אַ צאַפּלדיקער באַוועגונג פֿון גאַנצן קערפּער איז קלים אַוועקגעקראָכן ווײַטער פֿון די געפֿערלעכע הענט, אָבער אַזוי ווי נאָר ער איז אַוועקגעקראָכן, זענען באָריסעס הענט און קאָפּ נעלם געוואָרן, אויפֿן צעכוואַליעטן וואַסער האָט זיך בלויז געוויגט אַ שוואַרץ, קאַראַקולן־היטל, ס'זענען געשוואומען

בלייענע שטיקלעך אייז און ס'האָבן זיך אויפגעהויבן בערגעלעך וואַסער, רויטלעכע אין די שקיעה־שטראַלן.

קלים האָט טיף, פאַרלייכטערט אָפּגעזיפצט. דאָס אַלץ, דאָס גאַנצע שרעקלעכע האָט געדויערט פייגלעך לאַנג, אָבער כאָטש ער איז פאַרטעמפּט געווען פון דער שרעק, האָט אים פונדעסטוועגן פאַרוואונדערט, וואָס לידיאַ האָט ערשט איצט זיך צוגעגליטשט צו אים, אָנגעכאַפּט אים בײַ די אַקסלען, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קני אין רוקן אַריין און דורכדרינגלעך אַ געשריי געטון:

— וואו... וואו זענען זיי?

קלים האָט געזען, ווי דאָס וואַסער, בארויקנדיק זיך, איז געפלאָסן אין איין זייט אַריין, שפּילנדיק זיך מיט באָריסעס היטל, ער האָט געקוקט און געמורמלט:

— זי האָט אים דערטרונקען... ער האָט געשריגן — לאָז אָפּ, זי געזידלט. דעם פּאַסעק האָט ער אויסגעריסן...

לידיאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איז אומגעפאַלן אויפן אייז.

דאָס אייז האָט געסקריפּעט אונטער די ליזשוועס, שוואַרצע פיגורן פון מענטשן זענען געלאָפן צום וואַסער, אַ מענטש אין אַ פעלצל האָט אַריינגעשטעקט אין וואַסער אַ לאַנגן דראַנג און געליאַרמט:

— גייט אַוועק! איר וועט אַריינפאַלן, דאָ איז הויל, מיינע הערן, דאָ האָט געאַרבעט אַ מאַשין, איר ווייסט דען נישט?

קלים האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט אויפהייבן לידען, אָבער מען האָט אים אומגעוואָרפן, ער איז ווידער אַנידערגעפאַלן אויפן רוקן, האָט זיך אָנגעקלאַפּט מיטן קאַרק; אַ וואַנסיקער סאָלדאַט האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און גענומען אים פירן איבערן אייז, שרייענדיק:

— צעטרייב אַלע!

און דער פויער, וואָס האָט צעמישט מיטן דראַנג דאָס וואַסער, האָט געשריגן עפּעס אַנדערש:

— געבילדעטע הערן, איר שאַפט, און ווייסט נישט דאָס געזעץ...

און באַזונדער איבערראַשט האָט קלימען עמעצ'ס ערנסטע, אומצוטרויעלכע פראַגע:

— אָבער צי איז טאַקע געווען אַ יינגל, אפשר איז גאָר קיין יינגל נישט געווען?

— ס'איז געווען, — האָט געוואָלט אַ געשריי טון קלים און נישט געקאָנט.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אינדערהיים, אין בעט, אין אַ מוראַדיקער היץ. איבער אים, זיך צעשוואומענדיק, איז געווען אָנגעבויגן דער מוטערס פּנים, מיט פרעמדע אויגן, קליינטשיקע און רויטע.

— מען האָט די אַרויסגעשלעפּט? — האָט געפרעגט קלים, שווייגנדיק אַ ווײַלע, אַ קוק געבנדיק אויפן גרייז־גרויען מענטש אין די ברילן, וועלכער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב. די מוטער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין שטערן אַן אָנגענעם־קאַלטע האַנט און נישט געענטפערט.

— מען האָט אַרויסגעשלעפּט? — האָט ער איבער־געחזרט.

די מוטער האָט געזאָגט:

— ער פליסטערט עפּעס.

— פון היץ, — האָט פאַרטויבנדיק אַרויסגערעדט דער גרייז־גרויער מענטש.

קלים איז אָפּגעלעגן אין בעט זיבן וואָכן, קראַנק אויף לונגען־אָנצינדונג; פאַר דערדאָזיקער צייט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז וואַרוואַראַ סאַמאָוואַ האָט מען געבראַכט צו קבורה און באַריסן האָט מען נישט געפונען.

קאַפּיטל 2.

אויפן זיבעצעטן יאָר פון זיין לעבן איז קלים סאַמגין געווען אַ שלאַנק בחורל פון מיטעלן וואוקס, ער האָט זיך באַוועגט איבער דער ערד נישט מיט קיין געאיילטן, סאָלידן גאַנג, גערעדט נישט קיין סך, פלייסנדיק זיך אויסצודריקן זיינע געדאַנקען גענוי און איינפאַך, אַקצענטירנדיק די ווערטער מיט מעסיקע זשעסטן פון די זייער ווייסע הענט מיט לאַנגע דלאָניעס און דינע פינגער פון אַ מוזיקער. זיין מאָגערלעך, שפּיציק-נאָזיק פּנים האָט באַצירט אַ פּאָר רויכפאַרביקע ברילן, פאַרדעקנדיק דעם אומצוטרויליכן גלאַנץ פון די בלוילעכע, קאַלטע אויגן; און די נישט געדיכטע, נאָר האַרטע האָר, אָפּגעשוירענע לויטן אוניפאָרם, קורץ, און דער אַקוראַטנער מונדיר האָבן אונטערגעשטראָכן זיין סאָלידקייט. נישט אויסצייכנענדיק זיך מיט פאַרשריטן אין דער לערע, האָט ער געוואונען די לערערס מיט וואוילדערצויגנקייט און פיינע זיטן. ער איז געווען אין זעקסטן קלאַס, אָבער מיט די חברים פון זיין קלאַס האָט ער זיך געהאַלטן פרעמד; גוטע פריינד האָט ער געהאַט אין זיבעטן און אַכטן. ס'איז באַוואוסט געווען, אַז דער פאָטער טיכאָן, דער רעליגיע-לערער, וואָס האָט געשמט מיט זיין חריפותדיקן שכל, האָט געזאָגט אויף אַ זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראַט וועגן קלימען:

— די סטרונע פון זיין פאַרשטאַנד איז אָנגעסטראָיעט וואוילקלינגעוודיק און הויך. באַזונדער אָבער שעץ איך אין אים די פאַרזיכטיקע און אפילו סקעפּטישע באַציִונג צו יענע נאַרישקייטן, מיט וועלכע אונזער יוגנט איז אַזוי גענייגט זיך צו עקזאַלטירן צום שאָדן פאַר זיך.

דער זיך נישט עלטערנדיקער, אָבער נאָך מער איינגעטרוקנטער רזשיגאַ, האָט געגעבן צו פאַרשטיין קלימען:

— נישט צוייפלענדיק אין דיין פארנונפטיקייט וועל איך פונדעסטוועגן זאָגן, אַז דו האָסט חברים, וועלכע זענען מסוגל צו קאָמפּראָמיטירן דיך. אַזעלכער, וועל איך אָנרופן, איז איוואַן דראַגאַוו און אַזעלכער איז מאַקאַראָוו. כ'האָב געזאָגט.

קלים האָט קאָרעקט און שווייגנד זיך פאַרנייגט פאַרן אינספּעקטאָר. ער האָט געקענט זיינע חברים, נאַטירלעך, בעסער ווי רזשיגאַ, און כאָטש ער האָט נישט געהאַט צו זיי קיין באַזונדערע סימפּאַטיע, האָבן זיי אָבער ביידע אַרויסגערופן בא אים פאַרוואונדערונג. דראַגאַנאָוו האָט אַלץ נאָך אַזוי אומדערמידלעך און גיריק איינגעזויגן אין זיך אַלץ, וואָס מען קען איינזייגן. געלערנט האָט ער זיך אויסגעצייכנט, מען האָט אים געהאַלטן פאַר דער באַשיינונג פון גימנאַזיע, אָבער קלים האָט געוואוסט, אַז די לערערס האָבן פיינט דראַגאַאָון פונקט אַזוי, ווי דראַגאַנאָוו האָט בסוד זיי פיינט געהאַט. אָפן האָט דראַגאַנאָוו זיך געהאַלטן נישט בלויז מיט די לערערס, נאָר אַפילו מיט אייניקע פון די שילער. די זין פון איינפלוסרייכע פערזאָנען, אונטערלעקעריש, אָבער דורך די חניפהדיקע רייד, אונטערשפּילנדיקע שמייכלען האָבן זיך כסדר דורכגעריסן דאָגיפטיקע, דאָ ביטולדיקע ווערטערלעך פון אַ מענטש, וואָס ווייסט גוט דעם אמתן ווערט זיינעם.

דער פאָטער טיכאָן האָט אים אַזוי כאַראַקטעריזירט:

— דערדאַזיקער דראַגאַנאָוו, איוואַן, פירט זיך אַזאַ שטייגער ווי אַ מרגל אין לאַנד כנען.

דער צוגעפלאַטשטער שאַרבן האָט אָפּנים געשטערט דראַגאַנאָוון צו וואַקסן אינדערהייך, איז ער געוואַקסן אין דער ברייט. פאַרבלייבנדיק אַ נידעריק פאַרשווינדל, איז ער געוואָרן ברייטפּלייציק, זיינע ביינער האָבן אומגעלומפּערט געשטאַרט אויף רעכטס, אויף לינקס, די קרומקייט פון די פיס איז געוואָרן באַמערקבאַרער, ער האָט באַוועגט מיט די עלנבויגנס אַזוי, גלייך ער וואָלט תמיד זיך דורכגעשטופּט דורך אַן ענגן המון. קלים סאַמגין האָט געפונען, אַז אַ הויקער וואָלט נישט בלויז נישט קאַליע געמאַכט דראַגאַנאָווס משונהדיקע פיגור, נאָר וואָלט איר זאָגאַר צוגעגעבן אַ פאַרענדיקטקייט.

דראַגנאָוו האָט געוואוינט אין דאַך־שטיבל, וועלכעס ס'האָט אַמאָל פאַרנומען טאַמילין און דאָס צימער איז פאַרלייגט געווען מיט טאַוולען, בויגנס פון הערבאַריום, מיט מוסטערן פון מינעראַלן און מיט ביכער, וועלבע איוואַן פלעגט ברענגען צו שלעפּן פון דעם רויטן לערער. ער האָט נישט אָנגעוואוירן די ליידנשאַפט צו פאַנטאַזיעס, אָבער אַצינד האָט עס אים שוין נישט געפּאַסט. קלימען האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז דראַגנאָוו בייט זיך צו פאַנטאַזירן. נישט פאַרגעסנדיק זיין שטרעבונג צו זיין „גרעסער פון לאָמאָנאָסאָוון", פלעגט ער פון צייט צו צייט באַרימעריש דערמאָנען וועגן דעם. קלים האָט געפונען, אַז דראַגנאָווס קאָפּ איז געוואָרן אַקוראַט אַזאַ אַלץ פאַרשלינגענדיקער מיסט־גרוב, ווי דער קאָפּ פון טאַניאַ קוליקאָוואַ און זיך געוואונדערט אויף דראַגנאָווס פעיקייט אומגעזעטיקט איינצושלינגען די „גייסטיקע יניקה" ווי ס'פלעגט זאָגן דער קוואַרטיראַנט פון דער אָפּיצינע, דער שריפטשטעלער ניעסטאָר קאַטין. אָבער צו קלימס פאַרוואונדערונג, האָט זיך טיילמאָל צוגעמישט אַ מאָדנע געפיל: ווי דראַגנאָוו וואָלט כלומרשט אים באַגנבעט. דראַגנאָוו האָט אויפגעהערט צו זיפן מיט דער נאָז און אַזוי ווי אָנגעהויבן פאַרזאָרגט, פאַרלוירן צוצוכרומקען:

— כרומם... ווי אַזוי קלערסטו האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אויג? — האָט ער געפרעגט — דאָס ערשטע אויג? ס'איז געקראָכן עפּעס אַ בלינד באַשעפעניש, אַ וואָרם, צי וואָס, — ווי אַזוי זשע איז עס זעעוודיק געוואָרן, האַ?

— איך ווייס נישט, — האָט געענטפערט קלים, לעבנדיק אין אַנדערע רעיונות, נאָר דראַגנאָוו האָט פיבערהאַפט זיך משער געווען:

— אוודאי — פון ווייטיק. ס'האָט זיך געשטאָמפּערט מיטן פאָרנטיקן עק, מיטן מוח. אין פאַרשידענע מניעות, ס'האָט געשפּירט אַ ווייטיק פון די קלעפּ און אויף זייער אָרט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ זעעוודיקער חוש, האַ?

— ס'קאָן זיין, — האָט האַלב איינגעשטימט קלים.

— איך וועל דאָס אַנטדעקן, — האָט דראַגנאָוו צוגעזאָגט.

ער האָט געלייענט פּאַקלען, ידאַרווינען, סעטשענאָוון, די אָפּאַקריפן און שאַפּונגען פון די קירכן-פּאַטערס, ער האָט געלייענט „די יחוס-געשיכטע פון די טאַטערס" פון אַבדול-האַזי באַגאַדור כאַן און לייענענדיק פלעגט ער צושאָקלען מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ אַזויווי אַרויספּיקענדיק פון די בלעטלעך פון בוך די אויסטערלישע פאַקטן און געדאַנקען. סאַמגינען האָט זיך געדאַכט, אַז פון דעם איז זיין נאָז געוואָרן קענטיקער, און דאָס פּנים נאָך מער פלאַטשיק. אין די ביכער זענען נישטאָ דידאַזיקע מאָדנע פראַגן, וואָס באַאומרויקן איוואַנען, דראָנאָוו קלערט זיי אַליין אויס. כּדי בולטער צו מאַכן די אָריגינעלקייט פון זיין שכל.

— לאָשאַר*), — האָט אים גערופן מאַקאַראָוו, נישט אַרויסרעדנדיק דעם קלאַנג ל.

מאַקאַראָוו איז אויך געווען אַ באַשיינונג פאַר דער גימנאַזיע און איר העלד: אין משך פון צוויי יאָר האָט ער געפירט מיט די לערערס אַ פאַרעקשנטן קאַמף איבער אַ קנעפּל. ער האָט געהאַט אַ טבע צו דרייען די קנעפּלעך פון מונדיר; ענטפערנדיק די לעקציע, האָט ער געהאַלטן די האַנט אונטער דער גאָמבע און געדרייט דאָס קנעפּל, תּמיד האָט עס זיך געבאָמבלט בא אים און גאָרנישט זעלטן האָט ער עס אָפּגעריסן די לערערס אין די אויגן און באַהאַלטן אין קעשענע אַריין; מען האָט אים באַשטראָפט פאַר דעם, מען האָט אים געזאָגט, אַז אויב דער קאָלנער פון מונדיר קוועטשט דעם האַלז, דאַרף מען ברייטער מאַכן דעם קאָלנער. ס'האָט נישט געהאָלפן. ער האָט בכלל געהאַט אַ סך חסרונות: ער האָט נישט געוואָלט זיך שערן די האָר, ווי ס'קומט לויטן געזעץ און אויף זיין שפּיציקן שאַרבן זענען אין אַלע זייטן געשטאַנצווייפאַרביקע האָר-קלימפּן, טונקל-ברוינע און העלערע; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נישט געקוקט אויף זיינע אַכצען יאָר, ווערט ער שוין גרוי. ס'איז באַוואוסט געווען, אַז ער טרינקט, רייכערט און שפּילט אויך אין בילאַרד אין שמוציקע טראַקטירן.

---

*) לאָשאַד איז אויף רוסיש — פערד. — איבערזעצער.

ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון אַן אַנדערער שטאָט אין פינפטן קלאַס אריין; דאָס דריטע יאָר שוין אַנטציקנדיק די לע־דערס מיט די פאַרשריטן אין דער לערע, האָט ער זיי צעמישט און דענערווירט מיט זיין אויפפירונג. פון מיטעלן וואוקס, אַ שלאַנ־קער, אַ קרעפטיקער, איז ער געגאַנגען מיט אַ לייכטן, גליטשנ־דיקן גאַנג, ממש ווי אַ צירק־אַרטיסט. אַ פנים האָט ער געהאַט נישט קיין רוסישס, אַ האַרבאַטע נאַז, שאַרפע שטריכן; אָבער דאָס פנים האָבן ווייכער געמאַכט די קאַרע, פרויענהאַפט צערטלעכע אויגן און די נישט פריילעכער שמייכל פון די שיינע, רויטע ליפן; די איי־בערשטע איז שוין באַוואַקסן געווען מיט אַ טונקעלן פוך.

קלים האָט נישט פאַרשטאַנען די פריינדשאַפט פון דידאַזיקע העכסט פאַרשידנאַרטיקע מענטשן. דראָגאָוו לעבן מאַקאַראָוון האָט אויסגעזעען נאָך מער פאַרזעעניש און ער האָט עס, משמעות, גע־פילט. ער האָט גערעדט מיט מאַקאַראָוון מיט עזותדיקער קוויטשי־קייט און מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וועלכער, שרעקנדיק זיך פאַר עפּעס, איז גרייט צו פאַרטיידיקן זיך; שטאָלץ אַרויסשטופנדיק די ברוסט, האָט ער פאַרוואָרפן אַהינטער דעם קאָפּ, זיינע לופיקע אייגעלעך פלעגן זיך אָפּשטעלן וואַכזאַם, אָן צוטרוי און אַזויווי דערוואַרטנדיק אומגעוויינלעכס. און אין מאַקאַראָווס באַציונג צו דראָגאָוון האָט קלים באַאָבאַכטעט אַ שאַרפע נייגיריקייט, פאַראייניקט מיט אַ באַליידיקנדער גרינגשעציקייט פון אַ מער דערפאַרענעם און זעעוודיקן צו אַ האַלב־בלינדן; אַזאַ באַציונג צו זיך וואָלט קלים נישט דערלאָזט.

אונטערדרוקנדיק מאַקאַראָוון דרעפערס ביכל „קאַטאָליציזם און וויסנשאַפט" האָט דראָגאָוו פאָדערנדיק געקוויטשעט:

— דאָ ווערט דערוויזן, אַז די מאָנאַכן זענען געווען שונאים פון דער וויסנשאַפט, דערווייל אָבער האָבן דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, קאַמפּאַנעלאַ, מאָרוס...

— דו שיק בעסער דאָס אַלץ צום טייוול, — האָט געעצהט מאַקאַראָוו, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— איך וויל וויסן דעם אמת, — האָט דערקלערט

דראַנאָוו, קוקנדיק אויף מאַקאַראָוון פאַרדעכטיק און נישט פריינדלעך.

— וועגן אמת פרעג זיך נאָך בײַ טאָמילינען אָדער בײַ קאַטיבען, זיי וועלן דיר זאָגן, — האָט גלייכגילטיק, מיט רויך, געזאָגט מאַקאַראָוו.

איינמאָל האָט קלים אַ פרעג געטון:

— דיר געפעלט דראַנאָוו?

— געפעלט? ניין, — האָט אַנטשלאָסן געענטפערט מאַקאַראָוו: — אָבער אין אים איז פאַרהאַן עפעס אויפרעגנד אומפאַרשטענדלעכס פאַר מיר און איך וויל פאַרשטיין.

דערנאָך, אַ קלער געבנדיק, האָט ער געזאָגט כלאחר יד:

— מיט אַזאַ צורה, ווי זײַנע, איז שווער צו לעבן.

— פאַרוואָס?

— נ-נו... ער דאַרף זיך שיין אָנטון, טראָגן אַ ספעציעלן קאַפעלוש. מיט אַ שפּיצרוט גיין. אַ נישט — וויאַזוי וועלן מיט אים גיין מיידלעך? דער עיקר, ברודער, איז מיידלעך. און זיי האָבן ליב, אַז מען זאָל מיט אַ שפּיצרוט, מיט אַ שווערד, מיט געדיכטן.

מאַקאַראָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן שטילערהייט אונטערפּייפן דורך די ציין. קלים סאַמגין האָט לייכט אַסימילירט פרעמדע געדאַנקען, ווען זיי האָבן פאַראייניפאַכט אַ מענטש. פאַראייניפאַכנדע געדאַנקען האָבן שטאַרק פאַרלייכטערט די נויטווענדיקייט צו האָבן וועגן אַלעם אַן אייגענע מיינונג. ער האָט זיך אויסגעלערנט קונציק שטעלן זײַן מיינונג צווישן יאָ און ניין און דאָס האָט פעסטער געמאַכט וועגן אים די רעפּוטאַציע פון אַ מענטש, וואָס קען טראַכטן אומאָפּהענגיק, אַליין, מיטן אייגענעם שכל, זײַן שטעטל זיך באַשטיין. נאָך מאַקאַראָווס אָפּרוף וועגן דראַנאָוון האָט ער ענדגילטיק באַשלאָסן, אַז דראַנאָווס זוכן דעם אמת — איז די שטרעבונג פון אַ קראָ צו באַפּוצן זיך מיט פעדערן פון אַ פּאַווע. לעבנדיק אַליין אין דעם אומרויקן שטראָם פון דערדאָזיקער שטרע-

בונג, האָט ער גוט געוואוסט דעם כוח און די פאַרפליכטונג אירע.

ער האָט געהאַלטן די חברים פאַר נאַרישער פון זיך, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געזעען, אַז זיי ביידע זענען טאַלענטירטער, אינטערעסאַנטער פון אים. ער האָט געוואוסט, אַז דער פקחדיקער פּאָפּ טיכאָן האָט געזאָגט וועגן מאַקאַראָוון:

— אַ ייִנגערמאַן — אַ גלענצנדער. אָבער דאָך דאַרף מען נישט פאַרגעסן דעם פיינעם שפּרוך פון באַרימטן האַנס כריסטיאַן אַנדערסען:

„די באַגילדקייט וועט זיך אָפּרייבן,
די חזיר־פעל וועט פאַרבלייבן".

קלימען האָט זיך זייער געוואָלט אַפּרייבן די באַגילדקייט פון מאַקאַראָוון, זי האָט אים פאַרבלענדט, כאָטש ער האָט אויך באַמערקט, אַז דער חבר גיט זיך אָפּט אונטער אַן אומפאַרשטענדלעכער אומרויִקייט, וואָס דערשלאָגט אים. און איוואַן דראָנאָוו האָט אים אויסגעוויזן ווי אַן אַזאַרט־שפּילער, וועלכער איילט זיך באַ אַלע צו געווינען, אָפּערירנדיק מיט פאַלשע קאָרטן. טיילמאָל האָט קלים אויפריכטיק געגאַפּט, זעענדיק, אַז די חברים באַציִען זיך צו אים בעסער, צוטרוילעכער, ווי ער צו זיי, אַפנים זיי האָבן אים אָנערקענט אַלס קלוגער, דערפאַרענער פון זיי. אָבער דידאָזיקע ערלעכע שטימונג פלעגט קומען נישט אויף לאַנג און בלויז אין יענע זעלטענע אָוונטן, ווען מיד ווערנדיק פון כסדרדיקן נאָכקוקן זיך, האָט ער געפילט, אַז ער גייט מיט אַ וועג אַ שווערן און געפערלעכן.

מאַקאַראָוו האָט אַליין אָפּגעריבן די באַגילדטקייט פון זיך; דאָס איז געשען, ווען זיי זענען געזעסן אין דער פאַרצוימונג פון דער צערקווע „אוספעניאַ נאַ גאָרע", קוויקנדיק זיך מיטן זונפאַרגאַנג.

ס'איז געווען איינער פון יענע לעגענדאַרע פאַרנאַכט, ווען מיט אַלמעכטיקער, מאַגנאַטישער מילדקייט, וויקלט דער רוסישער

חינטער פונאַנדער אַלע זיינע קאַלטע שיינקייטן. דער פּראָסט-טוי אויף די ביימער האָט געבליצט מיט ראָזלעכן קרישטאָל, דער שניי האָט געפינקלט מיט בונטפאַרביקן שטויב פון איידלשטיינער; באַך די פּיאַלעטע פליכיקייטן פון טייכל, וואָס דער ווינט האָט אָפּגע־דעקט, אויף די לאָנקעס — איז געלעגן אַ גרויסאַרטיקע בראָקאַטע־נע דעקע, און איבער איר — אַ בלויע שטילקייט, וועלכע, ס'האָט זיך געדאַכט, ס'וועט גאָרנישט און קיינמאָל נישט קיין וואַקל טון. דידאָזיקע עמפּינדלעכע שטילקייט האָט צוגענומען אַלץ, וואָס האָט זיך געזעען, אַזוי ווי דערוואַרטנדיק, אפילו פאָדערנ־דיק, אַז ס'זאָל געזאָגט ווערן עפּעס באַזונדער באַדייטנדיקס.

אַרויסלאָזנדיק אין דער פּראָסטיקער לופט אריין אַ בלויען שטראָם רויך פון פּאַפּיראָס, האָט מאַקאַראָוו ראַפּטום אַ פרעג גע־טון:

— קיין לידער שרייבסטו נישט?

— איך? — האָט זיך פאַרוואונדערט קלים. — און דו?

— כ'האָב אָנגעהויבן. קומען אַרויס מיאוס.

און עפּעס אַזוי, מיטאָמאָל, באַליידיקט, גראָב און אומבּוּשה־דיק האָט ער אָנגעהויבן דערציילן:

— ס'איז שוין באַלד צוויי יאָר, ווי כ'קאָן נישט וועגן גאָר־נישט קלערן, נאָר וועגן מיידלעך. צו פּראָסטיטוטקעס קאָן איך נישט גיין, צו דער מדרגה בין איך נאָך נישט דערגאַנגען. ס'ציט צו אָנאַניזם, כאָטש האַק דיר אָפּ די הענט. ס'איז דאָ אין דערדאָזיקער ציונג עפּעס באַליידיקנדיקס ביז טרערן, ביז עקל צו זיך אַליין. מיט מיידלעך פיל איך זיך ווי אַ אידיאָט. זי דערציילט מיר וועגן ביכלעך, וועגן פאַרשידענע פּאָעזיעס, און איך קלער וועגן דעם, וואָסערע ברוסטן זי האָט און אַז איך וואָלט, אַ שטייגער, איר נאָר אַ קוש געטון און — געשטאָרבן.

ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם נישט אויסגערייכערטן פּאַפּי־ראָס, ער איז געבליבן שטעקן אין שניי ווי אַ ליכט, מיטן פייער אַרויף, באַצירנדיק די קאַלטע דורכזיכטיקייט פון דער לופט מיט אַ

געקרייזלט שטראָמעלע בלויען רויך, מאַקאַראָוו האָט געקוקט אויף דעם און גערעדט מיט אַ שטיל קול:

— ס'איז נאַריש, ווי צוויי לערערס. און, דער עיקר, באַ־ליידיקנדע, ווארים — אומבאַזיגבאַר. דו האָסט דאָס נאָך נישט גע־געפילט? אינגיכן וועסטו עס פילן.

ער איז אויפגעשטאַנען, צעקוועטשט מיט דער פּאַדעשווע דעם פּאַפּיראָס און שטייענדיק פאַרגעזעצט, באַטראַכטנדיק מיט די צוגעמרוזשעטע אויגן דעם רויט בליצנדיקן צלם אויף דער צערקווע.

— דראָגאָוו האָט ערגעץ איבערגעלייענט, אַז דאָ ווירקט „דער גייסט פון מין", אַז „אַזוי וויל ווענוס". כאַפּט זיי דער רוח, דעם מין און די ווענוס, וואָסער עסק האָב איך צו זיי? איך וויל זיך נישט פילן ווי אַ קאָבעל, באַ מיר איז דערפון אַן אומעט און געדאַנקען וועגן זעלבסטמאָרד, אָט אין וואָס ס'האַנדלט זיך!

קלים האָט געהערט מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס, אים איז אָנגענעם געווען צו זען, ווי מאַקאַראָוו מאָלט זיך אַזוי אומבאַ־האָלפן און אומבושהדיק. מאַקאַראָווס אומרויקייט איז נאָך קלימען נישט באַקאַנט געווען, כאָטש ווען־נישט־ווען, אין די נעכט, פילנ־דיק די צערוודערנדיקע מאָנונגען פון קערפּער, פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי ס'וועט פאָרקומען זיין ערשטער ראָמאַן און ער האָט שוין געוואוסט, אַז די העלדן פון ראָמאַן וועט זיין — לידיאַ.

מאַקאַראָוו האָט אַ פייף געטון, אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון פּאַלטן, געפּרוירן זיך איינגעטוליעט.

— ליובאַ סאָמאָווא, דאָס קוי־צנאָזיקע נאַרעלע, איך האָב זי נישט ליב, ד. ה. זי געפעלט מיר נישט. אָבער דאָך פיל איך זיך אָפּהענגיק פון איר. דו ווייסט, די מיידלעך זענען זייער גענייגט צו מיר, נאָר...

— נישט אַלע, — האָט קלים פאַרענדיקט אין רעיון, דער־מאַנענדיק זיך, ווי נישט פריינדלעך צו מאַקאַראָוון האָט זיך באַצויגן לידיאַ ווארַאווקאַ.

— קום, ס'איז קאַלט, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו און מרה־שחורהדיק געפֿרעגט: — וואָס שווייגסטו עפּעס?

— וואָס קאָן איך זאָגן? — קלים האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען. — אַ באַנאַליטעט: דאָס אומפֿאַרמיידלעכע — איז אומפֿאַרמיידלעך.

עטלעכע מינוט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק, סקריפּענדיק מיטן שניי.

— נאָכוואָס הייבט זיך דאָס אַזוי פֿרי אָן? דאָ, ברודער, איז פֿאַרהאַן עפּעס אַ מין חוזק... — האָט שטיל און פֿאַרטראַכט געזאָגט מאַקאַראָוו. — קלים האָט זיך אָנגערופֿן נישט באַלד:

— שאָפּענהויער איז, מסתמא, גערעכט.

— און אפֿשר איז גערעכט טאָלסטאָי: קער זיך אָפּ פֿון אַלעם און קוק אין אַ ווינקל אַריין. אָבער טאָמער וועסטו זיך אָפּקערן פֿון דעם בעסטן אין זיך, האַ?

קלים סאַמגין האָט צוגעשוויגן. אים איז אַלץ אָנגענעמער געוואָרן צו הערן דעם חברס טרויעריקע רייד, ער האָט זאָגאַר באַדויערט, ווען מאַקאַראָוו האָט פּלוצלינג זיך געזעגנט מיט אים און, אומקוקנדיק זיך, אַ שפּאַן געטון צום הויף פֿון אַ טראַקטיר.

— כ'וועל שפּילן אַביסל אין ביליאַרד, — האָט ער געזאָגט, בייז אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער פֿורטקע.

די פֿאַרלאָפֿענע יאָרן האָבן נישט אַריינגעטראָגן אין קלימס לעבן קיין געשעענישן, וואָס זאָלן אים באַזונדער טיף אויפֿרודערן. אַלץ איז פֿאַרגעקומען זייער איינפֿאַך. ביסלעכווייז און פֿולשטענדיק נאַטירלעך זענען פֿאַרשוואונדן, איינער נאָכן אַנדערן, די מענטשן. דער פֿאָטער איז אַלץ אָפֿטער אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ, ער איז עפּעס אַזויווי קלענער געוואָרן, צעגאַנגען און, לסוף, אינגאַנצן נעלם געוואָרן. פֿאַר דעם האָט ער אָנגעהויבן רעדן ווינציקער, ווייניקער זיכער, אַזויווי האָבנדיק אפֿילו שוועריקייטן אין אויסקלייב פֿון ווערטער; ער האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַרלאָזן אַ באָרד, וואָנסעס, אָבער די רויטלעכע האָר אויפֿן פּאָטערס פּנים זענען געוואַקסן האַריזאָנטאַל און ווען די אייבערשטע ליפּ איז ענלעך געוואָרן צו אַ

ציין-בערשטל, האָט זיך דער פּאָטער דערפֿילט אין אַ פֿאַרלעגנהייט, האָט אָפּגעגאָלט די האָר און קלים האָט דערזעען אַז דעם פּאָטערס פּנים איז רחמנותדיק לאַבעריק געוואָרן, פֿאַרעלטערט געוואָרן. וואַ-ראַווקאַ האָט מיט אים גערעדט מיט צונוקענדיקע ווערטער.

— נ-נוס, איוואַן אַקימיטש, איז ווי-זשע, האַ? האָט איר פֿאַרקויפֿט דעם טאַרטאַק?

דעם פּאָטערס אויערן פֿלעגן רויט ווערן, הערנדיק וואַראַוו-קען, און ענטפֿערנדיק אים ,האָט סאַמגין געקוקט אים אין אַקסל אַריין און צוגעטופּעט מיטן פֿוס, ווי אַ שלייפֿער פֿון מעסערס און שערן. נישט זעלטן האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים אַ שכּורער, איז אַריינגעגאַנגען אין דער מוטערס שלאָפֿצימער און דאָרטן האָט מען לאַנג געהערט זיין אַלע מאָל ,אַרויסוואָיענדיק קעלעכל. אין דעם פֿרימאָרגן פֿון זיין לעצטן אַוועקפֿאָר, איז ער אַריינגעגאַנגען אין קלימס צימער אַריין, דעסגלייכן שכּור, באַגלייט פֿון דער מוטערס נישט הויכן אָנזאָג:

— איך בעט דיך, — טו מיר די טובה — אָן דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן.

— נו, ליבער קלים, — האָט ער געזאָגט הויך און מוטיק, כאָטש די ליפּן האָבן בא אים געציטערט, און די געשוואָלענע, רויטע אויגן האָבן געפֿינטלט· פֿאַרבלענדט. — די געשעפֿטן צווינגען מיך אַוועקצופֿאָרן אויף לאַנג. איך וועל וואוינען אין פֿינלאַנד, אין וויבאָרג. אָט אַזוי. מיטיאַ פֿאָרט אויך מיט מיר. נו, זיי געזונט.

אַרומנעמענדיק קלימען, האָט ער אים אַ קוש געטון אין שטערן, אין די באַקן, אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און צו-געגעבן:

— דער זיידעשי פֿאָרט אייך מיט אונז. יאָ, זיי געזונט. ש...שעץ די מוטער, זי איז ווערט...

נישט זאָגנדיק, וואָס אייגנטלעך די מוטער איז ווערט, האָט ער אַ הייב געטון די האַנט און אַ קראַץ געגעבן די גאָמבע. קלי-מען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיט דער האַנט געוואָלט צו-דעקן זיין דיק מויל.

ווען דער זיידעשי, דער פּאָטער און דער ברודער, וואָס האָט

זיך געזעגנט מיט קלימען גראַב און פיינדלעך, זענען אוועקגעפאָרן, איז דאָס הויז נישט ליידיקער געוואָרן דערפון, נאָר אין עטלעכע טעג אַרום האָט קלים זיך דערמאָנט די נישט גלייבנדיקע ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אויפן טייך, ווען באַריס וואַראַווקא האָט זיך דערטרונקען:

— אָבער, — צי איז דען טאַקע געווען אַ ייִנגל? אפשר איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען?

די אימה, וואָס קלים האָט איבערגעלעבט אין יענע מינוטן, ווען די רויטע, קראַמפּהאַפּטע הענט האָבן, אַרויסשטרעקנדיק זיך פון וואַסער, זיך צוגערוקט צו אים, האָט ער איינגאַנצן פאַרגעסן; די סצענע פון באַריסעס אומקום האָט זיך אים דערמאָנט אַלץ מער זעלטן און בלויז ווי אַ נישט אָנגענעמער חלום. אָבער אין די ווערטער פון דעם סקעפּטישן מענטש איז געווען עפּעס צודרינגלעכס, גלייך זיי וואָלטן זיך געוואָלט פאַרפעסטיקן אַלס אַ לוסטיק-צווינקערנדיק גלייכוואָרט.

— אפשר איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען?

קלים האָט ליב געהאַט אַזעלכע גלייכווערטלעך, נעפּלהאַפּט פילנדיק זייער גליטשיקע צווייִדייטיקייט און באַמערקנדיק, אַז דווקא זיי ווערן גערן אָנגענומען אַלס חכמה. אין די נעכט אין בעט, פאַרן דערשלאָפן ווערן, דערמאָנענדיק זיך אַלץ, וואָס ער האָט געהערט אין דעם טאָג, האָט ער אָפּגעקליבן דאָס אומפאַרשטענדלעכע און נישט פאַרביקע, ווי שאָלעכץ, זאַרגזאַם אויפהיטנדיק אין זכרון די צומייִנסט גרויסע קערנער פון פאַרשידענע חכמות, כּדי, בײַ אַ געלעגנהייט, צו באַנוצן זיך מיט זיי און נאָכאַמאָל באַפעסטיקן די רעפּוטאַציע פון אַ דענקענדיקן ייִנגנמאַן. ער האָט געקענט זאָגן פרעמדס אַזוי פאַרזיכטיק, אגב-אורחאדיק און צוגלייך אַזוי כּלאחר יד, גלייך דאָס אַרויסגעזאָגטע איז געווען בלויז אַ נישטיק ברעקל פון די אוצרות פון זיין שכל. און ס'זענען געווען געלונגענע מינוטן פון דערפאָלג, וואָס דערמאָנענדיק זיי, איז ער אַליין נתפּעל געוואָרן פון זיך מיט דער זעלבער באַוואונדערונג, מיט וועלכער די מענטשן זענען פון אים נתפּעל געווען.

אָבער כּמעט שטענדיק, באַלד נאָכדעם, האָט קלים אַ געפּלעפּטער,

מיט ערגערניש, וואָס איז נאָענט געווען צו ביידער פּאַראומערטקייט, זיך דערמאַנט אָן לידיען, וועלכע קען נישט אָדער וויל נישט זעען אים אַזוי, ווי ס׳זעען אים אַנדערע; זי האָט אפילו גאַנצע טעג און וואָכן אַזוי ווי אינגאַנצן אים נישט געזען, גלייך ער וואָלט געווען פֿאַר איר קערפּערלאָז, פֿאַרבלאָז, וואָלט נישט עקזיסטירט. אויסוואַקסנדיק, איז זי געוואָרן אַלץ אַ מער אויסטערליש און שווער מיידל. וואַראַווקאַ, שמייכלענדיק אין דער פֿוקסן־באָרד אַריין מיט אַ גרויסן, רויטן שמייכל, האָט געזאָגט:

— געראָטן אין דער מוטער. יעבע איז אויך געווען אַ בריה אויסצוטראַכטן. טראַכט עפּעס אויס — און גלייבט.

דאָס צייטוואָרט אויסטראַכטן, דאָס וואָרט — אויסטראַכטעניש האָט לידיעס פֿאָטער אַרויסגערעדט אָפּטער, ווי אַלע אַנדערע באַקאַנטע און דאָסדאָזיקע וואָרט האָט תּמיד באַרויקט, געשטאַרקט קלימען. תּמיד, אָבער נישט אין דעם פֿאַל מיט לידיען, דער פֿאַל, וואָס האָט אויפֿגעוועקט בײַ אים זייער אַ קאָמפּליצירט געפֿיל צום דאָזיקן מיידל.

זומער, דאָס צווייטע יאָר נאָך באָריסעס טויט, ווען לידיאַ איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט איגאָר טוראָבאָיעוו זיך אָפּגעזאָגט צו לערנען אין דער מיליטערישער שולע און געדאַרפֿט פֿאָרן אין עפּעס אַן אַנדערער, קיין פּעטערבורג. און אָט, עטלעכע טעג פֿאַר זיין אַוועקפֿאָר, אין דער צייט פֿון פֿרישטיק, האָט לידיאַ אַנטשלאָסן דערקלערט דעם פֿאָטער, אַז זי האָט ליב איגאָרן, קען נישט אָן אים לעבן און וויל נישט, אַז ער זאָל זיך לערנען אין אַן אַנדערער שטאָט.

— ער דאַרף וואוינען און לערנען זיך דאָ, — האָט זי געזאָגט, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דעם קליינטשיקן, נאָר פֿעסטן פֿויסטל. — און ווען איך וועל אַלט ווערן פֿינפֿצן יאָר מיט זעקס חדשים, וועלן מיר חתונה האָבן.

— דאָס איז שטותים, לידקאַ, — האָט שטרענג געזאָגט דער פֿאָטער. — איך פֿאַרווער...

נישט אַרויסווייזנדיק קיין פֿאַרלאַנג צו דערוויסן זיך, וואָס ער פֿאַרווערט, איז לידיאַ אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש און אַוועקגעגאַנגען,

איידער וואַראַוווקאַ האָט באַוויזן זי אָפּצושטעלן; אין דער טיר, אַנכאַפּנדיק זיך אָן ביישט־דל האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז אַ גאָט־זאַך...

— סאַראַ עקזאַלטירט מיידל, האָט באַמערקט די מוטער, קוקנדיק באַגיטיקענד אויף קלימען, — ער האָט געלאַכט, וואַראַוווקאַ האָט זיך אויך צעלאַכט.

אָבער איידער זיי האָבן באַוויזן צו ענדיקן דעם פרישטיק, איז אָנגעקומען איגאָר טוראַבאַיעוו, אַ בלאַסער, מיט בלויקייט אונטער די אויגן; ער האָט קאָרעקט אַ שאַר געטון מיטן פוס פאַר קלימס מוטער, אַ קוש געטון איר האַנט און, אָפּשטעלנדיק זיך פאַר וואַראַוווקען, זייער הויך דערקלערט, אַז ער האָט ליב לידען, קאָן נישט פאָרן קיין פּעטערבורג און בעט וואַראַוווקען...

נישט אויסהערנדיק ביזן סוף זיינע רייד, האָט וואַראַוווקאַ הילכיק אַרויסגעלאַכט, שאָקלענדיק זיין ריזיקן קערפּער, סקריפּענדיק מיט דער שטול; וויעראַ פּעטראָוונאַ האָט גענעדיק געשמייכלט, קלים האָט געקוקט אויף איגאָרן מיט אַ נישט אָנגענעמער פאַרוואונדערונג, און איגאָר איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, נאָר ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער ציט זיך אַלץ אינאיינעם אויס, וואַקסט. איבערוואַרטנדיק ביזוואַנען וואַראַוווקאַ האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער ווידער אַמאָל אַזוי הויך געזאָגט:

— און כ׳בעט אייך זאָגן מיין פּאַפּאַ, אַז אויב דאָס וועט נישט זיין, וועל איך זיך דערהרגענען. איך בעט אייך צו גלייבן. דער פּאַפּאַ גלייבט נישט.

עטלעכע סעקונדעס האָבן דער מאַנסביל און די פרוי געשוויגן, איבערקוקנדיק זיך, דערנאָך האָט די מוטער אָנגעוויזן קלימען מיט די אויגן אויף דער טיר; קלים איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַ צעמישטער, נישט פאַרשטייענדיק, ווי אַזוי צו באַציען זיך צו דער דאָזיקער סצענע. דורכן פענצער פון זיין צימער האָט ער געזען: אויפגערעגט טרייסלענדיק מיט דער באָרד, האָט וואַראַוווקאַ אַרויסגעפירט בײַ דער האַנט איגאָרן אויף דער גאַס אַרויס. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צוזאַמען מיט איגאָרס קליינטשיקן, איינגעשרומפּענעם, פליכיקן פאָטער, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטון

אין אַ גרויער טוזשורקע, אין גרויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן. זיי זענען לאַנג געגאַנגען איבערן וועג פון גאָרטן, טוראַבאַיעווס גרייז-גרויע ברעמען האָבן אומאויפהערלעך געציטערט, ער האָט עפּעס געריידט מיט אַ הייזעריק, אָפּגעריסן קול, וואַראַווקאַ האָט טויב געמרוקעט, אָפט אָפּווישנדיק מיטן טיכל דאָס רויטע פּנים, און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס׳איז אַריינגעקומען די מוטער און שטרענג באַפוילן קלימען:

— דו דאַרפסט שוין גיין אויף דער לעקציע, צו טאָמילינען, דו ווייסט, נאַטירלעך, נישט דערציילן אים וועגן דידאָזיקע נאַרישקייטן.

ווען קלים איז צוריקגעקומען פון דער לעקציע און געוואָלט אַריינגיין צו לידיען, האָט מען אים געזאָגט, אַז מען קאָן נישט, לידיאַ איז פאַרשלאָסן אין איר צימער. ס׳איז געווען אומגעוויינלעך אומעטיק און אָנגעשטרענגט שטיל אין שטוב, אָבער קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט עפּעס אַראָפּפאַלן מיט אַ מוראדיקן טראַסק. ס׳איז גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן. די מוטער און וואַראַווקאַ זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, און קלים איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין און גענומען קוקן אין פענצטער פון לידיעס צימער. דאָס מיידעלע האָט זיך נישט באַוויזן אין פענצטער, ס׳האָט נאָר געשימערט דער צעשויבערטער קאָפּ פון טאַניאַ קוליקאָוואַ. קלים האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און איז לאַנג געזעסן, נישט קלערנדיק וועגן גאָרנישט; ער האָט געזעען פאַר זיך בלויז די פּנימער פון איגאָרן און וואַראַווקען, געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז מען זאָל איגאָרן גוט אָפּשמייסן, און לידיען... ער האָט לאַנג זיך איבערגעלייגט ווי אַזוי מען דאַרף זי באַשטראָפן און נישט געפונען פאַרן מיידעלע קיין שטראָף, וואָס זאָל נישט זיין אויך באַליידיקענד פאַר אים.

די מוטער און וואַראַווקאַ האָבן זיך אומגעקערט שפּעט, ווען ער איז שוין געשלאָפן. ס׳האָט אים אויפגעוועקט דאָס געלעכטער און גערויש, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן אין עסצימער, זיי האָבן געלאַכט פּונקט ווי שכורע. וואַראַווקאַ האָט אַלץ איניבעם געפּרוווט זינגען, און די מוטער האָט געשריגן:

— אָבער נישט אַזוי! ס'איז דאָך נישט אַזוי! ...

דערנאָך זענען זיי איבערגעגאַנגען אין גאַסטצימער אַריין, די מוטער האָט אויפגעשפּילט עפּעס פּריילעכס, אָבער פּלוצלינג האָט די מוזיק זיך איבערגעריסן. קלים האָט איינגעדרימלט און איז אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ שווער געלויף איבערהייך, און דערנאָך האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— וואָס פאַר אַ טייוולשע קאָמעדיע! לידיאַ — איז נישטאָ. טאַטיאַנאַ כאַמערט, און לידיאַ — איז נישטאָ! וויערא, דו פאַרשטייסט?

קלים איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, האָט זיך שנעל אָנגעטון און אַרויסגעלאָפן אין עסצימער אַריין, אָבער דאָרטן איז געווען פינצטער. בלויז אין דער מוטערס שלאָפצימער האָט זיך געברענט אַ לאָמפּ; וואַראַווקאַ איז געשטאַנען אין דער טיר, אָנגעהאַלטנדיק זיך אָן ביישטידל, אַקוראַט ווי אַ געקרייציקטער; ער איז געווען אין כאַלאַט און אין די שטעקשיך אויף די באָרוועסע פיס, די מוטער האָט אייליק זיך געהילט אין שלאָפראָק.

קלימען האָט מען געהייסן אויפוועקן דראַגאַנאָוו און זוכן לידיען אין גאָרטן אויפן הויף, וואו ס'האָט שוין שולדיק און נישט הויך געשריגן טאַניאַ קוליקאָווא:

— לידאַ? נו, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! לידושאַ?

קלים האָט זיך געפילט נישט צום אויסדריקן מאָדנע, דאָס מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער באַטייליקט זיך אין אַן אויסטראַכטעניש, וועלכע איז אומפאַרגלייכלעך אינטערעסאַנטער פון אַלעם, וואָס ער האָט געוואוסט, אינטערעסאַנטער און שרעקלעכער. און די נאַכט איז געווען אַן אויסטערלישע, ס'האָט געבושעוועט אַ הייסער ווינט, שאָקלענדיק דיביימער, ער האָט געשטיקט אַלע דופטן מיט טרוקענעם, וואַרעמען שטויב, איבערן הימל זענען געקראָכן וואָלקנס, יעדע מינוט פאַרלעשנדיק די לבנה, אַלץ האָט זיך געוואַקלט, אַרויסווייזנדיק אַן אומהיימלעכע נישט שטאַנדהאַפטיקייט, וועקנדיק אומרו. אַ פאַרשלאָפענער און בייזער איז געגאַנגען אויף די קרומע פיס דראַגאַנאָוו, ער האָט זיך געשטרויכלט, געגענעצט, געשפּיגן; ער איז געווען אָנגעטון אין געשטרייפטע,

צווילכענע אונטערהויזן און אין א טונקל העמד, זיין פיגור איז כסדר פארשוואונדן אויפן פאן פון די קוסטעס, און דער קאפ האט געשוועבט אינדערלופטן, פונקט ווי א באלאן.

— זי איז זיכער צו די טוראבאיעווס אין גארטן אריין אנט־לאפן, — האט דראנאוו ארויסגעזאגט זיין סברא.

יא, זי איז געווען דארטן, געזעסן אויפן אנלען פון אן איי־זערנער גארטן־באנק, אונטער אן אפדאך פון קוסטעס. צווייפגע־קנייטשט פון דער פינצטערניש האט דאס דינינקע פיגורל פון דעם מיידעלע פארמלאזט זיך צווייפגעטוליעט און ס'איז געווען אין איר עפעס, וואס האט טיילווייז דערמאנט אן א גרויסן, ווייסן פויגל.

— לידא, — האט א געשריי געטון קלים.

— וואס ליארעמסטו, ווי א פאליציאנט, — האט מיט א האלב קול געזאגט דראנאוו און, גראב אוועקשטופנדיק קלימען מיט, אקסל, פארגעלייגט לידיען:

— וואס זשע זיצט איר דא, לאמיר גיין אהיים.

קלימען האט אויפגעבראכט דראנאווס גראבקייט, ס'האט אים פארחידושט דאס צערטלעכע קול און די ווענדונג צו לידיען אויף „איר", ווי צו א דערוואקסענער.

— מען האט אים געשלאגן, יא? — האט געפרעגט דאס מיידעלע, נישט רירנדיק זיך, נישט אנבעמענדיק דראנאווס אויסגעשטרעקטע האנט. אירע ווערטער האבן געקלונגען צע־בראכן, אזוי רעדן מיידעלעך, נאכדעם ווי זיי האבן זיך אנגע־וויינט.

— איך בין אראפגעפאלן, ווי א בלינדע, ווען איך בין גע־קראבן דורכן פלויט, — האט זי געזאגט, ארויסכליפענדיק. — ווי א נאר. איך קאן נישט גיין...

קלים און דראנאוו האבן זי אראפגענומען, אנידערגעשטעלט אויף דער ערד, אבער זי האט ארויסגעקרעכצט און א פאל געטון, ווי א ליאלקע, די יינגלעך האבן קוים באוויזן זי אונטערצוהאלטן. ווען זיי האבן זי אהיים געפירט, האט לידיא דערציילט, אז זי איז געפאלן, נישט אריבערקריכנדיק איבערן פלויט, נאר פרווונדיק

אַריינצוקריכן איבער דער רינ-רער אין פענצטער פון איגאָרס צימער.

— איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס ער טוט...

— ער שלאָפט, — האָט געזאָגט דראַגאָוו.

לידיאַ האָט אויפגעהויבן די האַנט צום מויל און אויסגעזויגן דאָס בלוט פון אונטער די צעקאַליעטשעטע נעגל, איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אויפן הויף האָט וואַראָווקאַ אין כאַלאַט און אין דער טאַ־טערישער טובעטייקע אַ ריטש געטון אויף דער טאָכטער.

— וואָס טוסטו עס אַזעלכעס?

אָבער פּלוצלינג האָט ער דערשראָקן זי אַ כאַפּ געטון אויף די הענט, אויפגעהויבן:

— וואָס איז מיט דיר?

דעמאָלט האָט דאָס מיידעלע, מיט אַ שטימע, וואָס איר קלאַנג האָט קלים לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן, געזאָגט:

— אַך, פּאַפּאַ, דו פאַרשטייסט גאָרנישט! דו קאָנסט נישט... דו האָסט נישט ליב געהאַט די מאַמע!

— שש! — ביסט משוגע געוואָרן, — האָט אַ שיפּע געטון וואַראָווקאַ און איז אַנטלאָפן מיט איר אין שטוב אַריין, פאַרלירנ־דיק אַ סאַפּיאַנען־לאַטש.

— זי האָט זיך צעשפּילט די קאָזע, — האָט שטילער־הייט געזאָגט דראַגאָוו, שמייכלענדיק. — נו, מילא, כ'וועל גיין שלאָפן...

אָבער ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען, נאָר זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שטיג פון גאַנעק און, קראַצנדיק די פּלייצע, אַ מורמל געטון:

— האָט אויסגעקלערט אַ שפּיל...

קלים האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, פאַרטיפט טראַכטנ־דיק: שוין זשע איז דאָס אַלץ בלויז אַ שפּיל און אַן אויסטראַכטע־ניש? פון אָפענעם פענצטער אויפן צווייטן שטאָק זענען דערפלויגן די ברוגזע שטימען פון וואַראָווקען, פון דער מוטער; פון די טרעפּ איז שנעל אַראָפּגעלאָפן טאַניאַ קוליקאָווא.

— פאַרמאַכט נישט דאָס טויער, איך לויף נאָך אַ דאָקטאָר, — האָט זי אַ זאָג געטון, אַרויסלויפנדיק אויף דער גאַס.

דראַגנאָוו האָט געמורמלט ביי זיך און שפּאָטיש:

— רזשיגאַ האָט מיך געהייסן איבערלייענען איליאַדאַ און אָדיסייע. נאַדיר — אַ טפשות! די אַכילעסן, פּאַטראָקלען — זענען גולמס. אַ לאַנגווייליקייט! אָדיסייע איז בעסער, אָדיסיי האָט דאָרט אַלע אָן געשלעג אָנגעפּייפּט. אַ זשוליק, כאָטש פאַרן הייניקן טאָג.

— קלים — שלאָפן! — האָט שטרענג אַ געשריי געטון חיערא פּעטראָוונאַ פון פענצטער. — דראַגנאָוו, וועק אויף דעם הויזוועכטער און אויך — שלאָפן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער ראָמאַן באַוואוסט געוואָרן אין שטאָט, די גימנאַזיסטן האָבן געפרעגט קלימען:

— וואָסערע איז זי?

קלים האָט דערציילט איינגעהאַלטן, אים האָט זיך נישט געגלוסט צו דערציילן, אָבער דראַגנאָוו האָט לעבהאַפט געפּלאַפּלט:

— נישט קיין שיינע, דעריבער האָט זי זיך פאַרליבט, אַ שיינע — וועט זיך נישט פאַרליבן, ס'הייבט זיך נישט אָן!

קלים האָט געהערט זיין פּלאַפּלעריי מיט פאַרדראָס, אָבער דערוואַרטנדיק, אַז דראַגנאָוו וועט אפשר זאָגן עפּעס, וואָס וועט פאַרענטפערן די קשיה, וואָס האָט זייער נישט געלאָזט רוען קלימען.

— איך זאָג איר: דו ביסט נאָך אַ מיידעלע, — האָט דראַגנאָוו דערציילט די יינגלעך. — און אים זאָג איך אויך... נו, אים איז, נאַטירלעך, אינטערעסאַנט; איטלעכן איז אינטערעסאַנט, ווען מען פאַרליבט זיך אין אים.

ס'איז פאַרדראָסיק געווען צו הערן, ווי דראַגנאָוו זאָגט ליגנט, אָבער זעענדיק, אַז דידאָזיקע ליגנט מאַכט לידיאַן פאַר אַ העלדין פון די גימנאַזיסטן, האָט סאַמגין נישט געשטערט איוואַנען. די יינגלעך האָבן געהאָרכט ערנסט און די אויגן פון מאַנכע האָבן געקוקט מיט יענער מאָדנער טרויעריקייט, וועלכע איז שוין באַקאַנט געווען קלימען פון טאָמילינס פאַרצעלייענע אויגן.

לידיאַ האָט זיך אויסגעלעגט א פּוס און איז עלף טעג געלעגן אין בעט. איר לינקע האַנט איז אויך געווען פאַרבאַנדאַזשירט. פאַר איגאָרס אַוועקפאָר האָט די דיקע, סאַפּענדיקע טוראַבאַיעוואַ, שרעקלעך אויסבייגנדיק די אויגן, אים געבראַכט צו פירן זיך געזעגענען מיט לידיען, די פאַרליבטע האָבן זיך אַרומגענומען, געוויינט, ס'האָט זיך אויך צעוויינט איגאָרס מוטער.

— דאָס איז קאָמיש, אָבער — שיין, — האָט זי געזאָגט, פאַרזיכטיק אויסווישנדיק מיטן טיכל די אַרויסגעזעצטע אויגן. — ס'איז שיין, וואָרים ס'איז נישט היינטצייטיק.

וואַראַוואָקאַ האָט פאַרצאָגט א מרוקע געטון עפּעס אַ שווער און אומבאַקאַנט וואָרט.

די קינדער האָט מען באַרויקט, זאָגנדיק זיי: יאָ, זיי זענען חתן־כלה, דאָס איז באַשלאָסן; זיי וועלן חתונה האָבן, ווען זיי וועלן אויפוואַקסן, און ביז יענער צייט דערלויבט מען זיי צו שרייבן בריוו איינער דעם אַנדערן. קלים האָט אינגיכן זיך איבערצייגט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט. לידיאַ האָט געשריבן איגאָרן יעדן טאָג און, אַוועקגעבנדיק די בריוו איגאָרס מוטער, האָט זי אומגעדולדיק געוואַרט אויף ענטפערס. אַבער קלים האָט באַמערקט, אַז לידיעס בריוו פאַלן אַריין אין וואַראַוואָקעס הענט, ער לייענט זיי פאַר זיין מוטער און זיי לאַכן ביידע. לידיאַ האָט אָנגעהויבן צו דערגיין די יאָרן, דעמאָלט האָט מען איר געזאָגט, אַז איגאָר איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין אַזאַ שטרענגער שולע, וואו די דירעקציע דערלויבט נישט די יינגלעך דורכצושרייבן זיך אפילו מיט זייערע קרובים.

— דאָס איז — ווי אַ מאַנאַסטיר, — האָט ער איר געבלאָפט און קלימען האָט זיך געגלוסט אַ געשריי טון צו לידיען:

— דיינע בריוו זענען באַ אים אין קעשענע.

אָבער קלים האָט געזען, אַז לידיאַ הערט דעם פאָטערס דערציילונגען מיט צונויפגעפרעסטע ליפּן און גלייבט נישט אין זיי. זי רייסט דאָס טיכל אָדער דעם עק פון איר גימנאַזיסטישן פאַרטוך, קוקט אויף דער פאָדלאָגע אָדער אין אַ זייט, אַזויווי שעמענ־

דיק זיך אַ קוק צו טון אין דעם ברייטן, פול מיט בלוט אָנגעגאָ־סענעם בערדיקן פּנים אַריין. קלים האָט פונדעסטוועגן גע־זאָגט:

— דו ווייסט, אַז זיי נאַרן דיך אָפּ?

— שווייג! — האָט אַ געשריי געטון לידיאַ, אַ טופּע געבנ־דיק מיטן פוס. — דאָס איז נישט דיין עסק, נישט דיך נאַרט מען אָפּ. און דער פּאַפּאַ נאַרט נישט אָפּ, נאָר איבער דעם, וואָס ער האָט מורא...

אַ פּאַררויטלטע, אַ בייזע, איז זי אַנטלאָפן.

אין גימנאַזיע האָט זי זיך גערעכנט פאַר איינע פון די ערש־טע שטיפערקעס, און געלערנט האָט זי זיך נאַכלעסיק. ווי איר ברודער, פלעגט זי אַריינטראָגן אין די שפילן אַ סך הייטערקייט, און, ווי קלים האָט עס געוואוסט פון דעם באַקלאָגן זיך אויף איר, אַ סך עפּעס קאַפּריזישעס, ריזיקאַלישס און אפילו שלעכטס. זי איז געוואָרן נאָך מער פרום, האָט פלייסיק באַזוכט אַלע קירכלעכע תּפילות, און אין מינוטן פון פאַרטראַכטקייט האָבן אירע שוואַרצע אויגן געקוקט אויף אַלץ מיט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, אַז קלים האָט זיך פאַרלוירן פאַר איר.

זי האָט זיך באַצויגן צו אים פונקט מיט אַזאַ גרינגשעצונג און חוזק, ווי צו אַלע אַנדערע ייִנגעלעך און שוין נישט זי קלי־מען, נאָר ער איר פלעגט פאַרלייגן:

— ווילסט, לאָמיר גיין, אַביסל רעדן?

זי האָט זעלטן און זייער נישט גערן איינגעשטימט דערויף און שוין נישט דערציילט קלימען וועגן גאָט, קעץ, וועגן די חבר־טעס, נאָר פאַרטראַכט געהאָרכט זיינע דערציילונגען וועגן גימנאַזיע, די מיינונגען וועגן די לערערס און די ייִנגלעך, וועגן די ביכער, וואָס ער האָט איבערגעלייענט. ווען קלים האָט איר געמאָלדן די בייעס, אַז ער גלייבט נישט אין גאָט, האָט זי ביטולדיק גע־זאָגט:

— דאָס איז — אַ נאַרישקייט. בא אונז אין קלאַס איז אויך דאָ אַ מיידעלע, וואָס זאָגט, אַז זי גלייבט נישט, אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז אַ האָרבאַטע.

אין משך פון דריי יאָר איז איגאָר טוראָבאָיעוו קיין איין מאָל נישט געקומען צו פאָרן אויף די פעריען. לידיאַ האָט גע־שוויגן וועגן אים. נאָר ווען קלים האָט געפּרוווט אַ רעד טון מיט איר וועגן דעם נישט טרייען געליבטן, האָט זי קאַלט באַ־מערקט:

— וועגן ליבע קען מען רעדן בלויז מיט איין מענטש...

אין פינפצען יאָר האָט לידיאַ זיך אויסגעצויגן, פאַרבלייבנ־דיק אַלץ אַזאַ דינינקע און גרינגע, עלאַסטיש אונטערטענצלדיקע אינם גאַנג. זי איז געוואָרן אַ קאַנטיקע, אויף אירע אַקסלען און היפטן האָבן זיך אַרויסגערוקט ביינער און כאָטש ס'האָבן זיך שוין שאַרף אָנגעצייכנט בריסטן, זענען זיי אָבער געווען שפּיציקע, ווי עלנבויגנס, און האָבן נישט אָנגענעם געשטאָכן קלימס אויגן; ס'האָט זיך פאַרשפּיצט די נאָז, ס'זענען טונקל געוואָרן די געדיכטע און שטרענגע ברעמען, און די פּוכיקע ליפּן זענען געוואָרן רייצנדיק רויט. איר פּנים איז גוט באַקאַנט געווען קלימען, מהאי טעמה האָט ער נאָך מער, אומרויקער זיך געוואונדערט, ווען ער האָט געזען, אַז דורך די אים היימישע שטריכן טרעט אַרויס אַן אַנ־דער, פאַר אים פרעמד פּנים, טיילמאָל איז דאָס געווען אַזוי בולט קענטיק, אַז קלים איז גרייט געווען צו פרעגן דאָס מיידל:

— וואָס איז עס באַ אייך?

טיילמאָל האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט, — האָט זי געענטפערט מיט אַ לייכטער פאַר־וואונדערונג. — וואָס איז דען?

— באַ אייך האָט זיך געענדערט דאָס פּנים.

— יאָ? וויאַזוי?

אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט ער נישט געקענט ענטפערן. טיילמאָל האָט ער איר געזאָגט „איר״, נישט באַמערקנדיק דאָס, זי האָט עס אויך נישט באַמערקט.

אים האָט באַזונדער געבערנגט אין פאַרלעגנהייט דער בליק פון די אויגן און איר פאַרשלאָסן פּנים, טאַקע דער בליק האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פרעמדע. דערדאָזיקער בליק, אַ שאַרפער און

שאַרפֿזינעווידיקער, האָט עפּעס דערוואַרט, געזוכט, אפילו געפאָדערט און פּלוצלינג, ווערנדיק אַ פּאַראַכטנדיקער, האָט ער קאַלט אָפּגע־שטויסן. ס'איז געווען מאָדנע, וואָס זי האָט צעטריבן אַלע אירע קעץ און וואָס בכלל האָט זיך אין איר באַציונג צו חיות באַוויזן עפּעס אַ מין קרענקלעך מיאוסן זיך. הערנדיק אַ פֿערד הירזשען, פֿלעגט זי אויפציטערן און זיך פֿאַרקרימען, שטייף אַרומהילנדיק די ברוסט מיטן שאַל; הינט האָבן אַרויסגערופֿן בײַ איר אַן עקל; אפילו הינער, טויבן, זענען איר בפירוש געווען נישט אָנ־גענעם.

און די געדאַנקען זענען בײַ איר אויך געוואָרן שאַרף גע־צייכנטע, קאַנטיקע, ווי איר קערפּער.

— ס'איז לאַנגווייליק זיך צו לערנען, — האָט זי געזאָגט. — און נאָך וואָס וויסן דאָס, וואָס איך קאָן נישט אַליין מאַכן אָדער וואָס איך וועל קיינמאָל נישט זעען?

איינמאָל האָט זי געזאָגט קלימען:

— דו ווייסט אַ סך. ווייזט אויס, דאָס איז נישט זייער באַקוועם.

טאַניאַ קוליקאָווא, וואַראַוואָקאַס שטוב־פּאַרוואַלטערין, וואָס האָט גוטווינטשנד און הכנעהדיק געשמייכלט צו אַלעם אין דער וועלט, האָט גערעדט וועגן לידיען, ווי קלימס מוטער וועגן אירע פּראַכט־פֿולע האָר:

— מאַטערניש מיינס.

אָבער זי האָט גערעדט אָן רוגזה, נאָר צערטלעך און ליב־פֿול. בײַ איר אויף די שלייפֿן האָבן זיך באַוויזן גרויע האָר, אויפֿן צעקנייטשטן פּנים — אַ שמייכל פֿון אַ מענטש, וועלכער פֿאַר־שטייט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן שלימזלדיק, נישט אין דער צייט, איז קיינעם נישט אינטערעסאַנט און איז זייער שולדיק אין דעם אַלעם.

אין דער אָפֿיצינע האָט געוואוינט דער פֿריילעכער שרייבער ניעסטאָר ניקאָלאַיעוויטש קאַטין מיטן ווייב, מיט אַ שוועסטער און אַ גולמעוואַטער הונט, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „טרוים“. דער אמתער פֿאַמיליענאָמען פֿון שרייבער איז געווען פּימאָוו, אָבער

ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים, אין שפּאַס דערקלערנדיק עס אַזוי:

— באַ אונז רעדט מען דאָך נישט אַרויס ניעסטאָר, נאָר — ניעס־טער און מיר וואָלט אויסגעקומען אונטערצושרייבן די דערציילונ־גען — ניעסטער פּימאָוו.*) ס'וואָלט מיך אָוועקגעהרגעט. אגב איז אַצינד אין דער מאָדע צו שאַפן פּסעוודאָנימען לויטן ווייבס נאָ־מען: וויערין, וואַלין, סאַשין, מאַשין...

געווען איז ער אַ שטאַרק האָריקער, האָט געטראָגן אַ גע־קרייזלט בערדל, זיין האָלז איז געווען אויסגעהאָפטן מיט רינגעלעך טונקעלע האָר און אפילו אויף די דלאָניעס פון די הענט, אויף די פינגער זענען געוואַקסן בינטעלעך טונקעלע וואָל. אַ לעבעדיקער, זייער אַ באַוועגלעכער, אפילו אַביסל אַ האַוועודיקער מענטש און אַן אומדערטערעגלעכער פּלאַפּלער, האָט ער דערמאָנט קלימען אָן פּאַטער. אויף זיין האָריק פּנים האָבן די קליינע אייגעלעך הייטער געבלישטשעט, אָבער קלים האָט פאַרט איבער עפּעס חושד געווען, אַז דערדאָזיקער מענטש וויל זיך אויסווייזן פריילעכער, ווי ער איז. רעדנדיק, האָט ער אַנגעבויגן דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל, אַזויווי צוהערנדיק זיך צו זיינע ווערטער און זיין אויער האָט אַלע מאָל לייכט אויפגעציטערט.

ער פּלעגט באַנוצן אין רעדן פאַרשידענע קירכלעך־סלאַוויאַ־נישע ווערטער, מיט דעם האָט ער בפּירוש, אָבער נישט זייער דערפאָלגרייך זיך געפליסט לאַכעוודיק צו מאַכן די מענטשן. ער פּלעגט מיט התלהבות דערציילן וועגן דער שיינקייט פון די וועל־דער און פעלדער, וועגן דער פּאַטריאַרכאַלישקייט פון דעם דאָרפישן לעבן, וועגן דער אויסהאַלטעוודיקייט פון די פויערטעס און דעם שכל פון די פויערן, וועגן דער פאָלקס־נשמה, דער איינפאַכער און קלוגער, און וועגן דעם, ווי דידאָזיקע נשמה ווערט פאַרסמט דורך דער שטאָט. אים איז אָפט אויסגעקומען אויסצוטייטשן די צוהערער

*) ניעסטערפּימאָ איז אויף רוסיש — אומדערטרעגלעך. — איבערזעצער.

פאַרשידענע פאָלקסטימלעכע ווערטער און ער האָט נישט קיין גדלות דערקלערט:

— איך קען די פאָלקס־שפּראַך בעסער פון גליעב אוספּיענסקין, ער פלאָנטערט צונויף דאָרפישס מיט שטאָט־המונישס, אָבער מיך וועסטו אויף דעם שוין נישט כאַפּן, ניין!

גיעסטאָר קאַטין האָט געטראָגן אַ סוועטער, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שמאָלן פּאַסיק, די הויזן האָט ער אַריינגעמאַכט אין די שטיוול, די האָר געשוירן קיילעכיק „אַ לאַ פּויער”: ער האָט געהאַט אַן אָנבליק פון אַ באַלמעלאָכע, וואָס פאַרדינט גוט און האָט ליב צו לעבן פריילעך. כמעט יעדן אָוונט זענען צו אים געקומען ערנסטע, פאַרטראַכטע מענטשן, קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען אַלע זייער שטאָלץ און פון עפּעס באַליידיקט. זיי האָבן געטרונקען טיי, בראָנפן, פאַרבייסנדיק מיט אוגערקעס, וואורשט און מאַרינירטע שוואָמען, דער שרייבער פלעגט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע צונויפוויקלען, אויפוויקלען, צרומלויפן איבערן צימער און רעדן:

— יאָ, יאָ, סטיעפּאַ, די ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון לעבן, פאַרראַטנדיק דאָס פאָלק; אַציגד שרייבט מען שיינע נאַרישקייטן צום פאַרווײַלן די זאַטע; דער חוש פאַרן אמת איז פאַרלוירן געגאַנגען...

סטיעפּאַ, אַ מענטש אַ ברייטפּלייציקער, אַ בלויאויגיקער, איז תמיד געזעסן אין אַ זייט פון די מענטשן, האָט מעלאַנכאָליש אויסגעמישט מיטן לעפעלע די טיי אין גלאָז און איינשטימיק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געשוויגן אַ שעה, צוויי. און דערנאָך האָט ער, פּלוצלינג, געמאָסטן, מיט אַ מאַט קול גערעדט וועגן די תביעות פון דער פאָלקס־נשמה, די התחייבותן פון דער אינטעליגענץ און גאָר אַ סך וועגן פאַרראַט פון די קינדער לגבי די הייליקע צוואות פון די פאָטערס. קלים האָט באַמערקט, אַז דער מומחה פון די פליכטן פון דער איטעליגענץ עסט קיינמאָל נישט קיין ווייך ברויט, נאָר בלויז דאָס האַרטע, האָט נישט ליב קיין טיטון־רויך, און שנאַפּס טרינקט ער, נישט פאַרבאָרגנדיק דעם עקל דערצו און אַזוי ווי נאָר אויס פליכט.

— די ביסט גערעכט, ניעסטאַר, מען פאַרגעסט, אַז דאָס פאָלק איז די סובסטאַנץ, ד. ה. די סיבה ראשונה, און מען רוקט איצט אַרויס די לערע וועגן קלאַסן, אַ דייטשע לערע, הם...

מאַקאַראָוו האָט געפונען, אַז אין דעמדאָזיקן מענטש איז פאַר־האַן עפּעס, וואָס דערמאַנט אַן אַם, ער פלעגט עס אַזוי אָפט זאָגן, אַז קלימען האָט זיך אויך אָנגעהויבן דאַכטן, — יאָ, נישט געקוקט אויף זיין באָרד, האָט סטיעפּאַ עפּעס אַן ענלעכקייט צו אַ פרוי מיט גרויסע ברוסטן, וועלכע מוז מיט איר מילך נערן פרעמדע קינדער.

אין די זונטיקן פלעגט בא קאַטינען זיך צונויפקומען יינגווארג און דעמאָלט זענען די ערנסטע שמועסן וועגן פאָלק פאַרביטן גע־וואָרן מיט געזאַנג, טענץ. דער אויסגעדאַרטער סעמינאַריסט סאַבוראָוו האָט לאַנגזאַם צעפירט מיט די הענט אין דער אָנגערויכערטער לופט, גלייך ער וואָלט שטייענדיקערהייט געשוואומען און מיט אַן אָנגע־בעמען באַריטאָן איבערצייגנד געעצהט:

— גיי אַרויס צו דער וואָ—אָ—לגע...

— וועמענס קרעכץ, — האָט נישט זייער האַרמאָניש אונ־טערגעכאַפּט דער כאָר. די דערוואַקסענע האָבן געזונגען פייערלעך, בעל־תשובהדיק, דאָס שאַרפע טענאָרל פון שרייבער האָט געקלונ־גען בייסיק, אין דעם פּאַמעלעכן געזאַנג איז געווען עפּעס קירכ־לעכס, הזכרה־נשמהדיקס. כמעט שטענדיק נאָכן זינגען האָט מען טומעלדיק געטאַנצט אַ קאַדריל און מער פון אַלע האָט געפּילדערט דער שרייבער, איינצייטיק פאַרשטעלנדיק הן אַן אָרקעסטער, הן אַ דיריגענט, צוטופּענדיק מיט די קורצע, דיקע פיס, האָט ער קונציק געשפּילט אויף אַ קליינער, ביליקער האַרמאָניע און וואוילייגנגיש געקאָמאַנדעוועט:

— קאַוואַלערן דורך די דאַמען! לאָז אָפּ דיינע, כאַפּ אַ פרעמדע!

דאָס האָט אַלע געמאַכט לאַכעוודיק, און דער שרייבער, אריינ־קומענדיק נאָך אין אַ גרעסערער התלהבות, האָט צוגעזונגען צו דער האַרמאָניע און צום טאַקט פון קאַדריל:

צײַן־בערשטל, האָט זיך דער פֿאָטער דערפֿילט אין אַ פֿאַרלעגנהייט, האָט אָפּגעגאָלט די האָר און קלים האָט דערזעען אַז דעם פֿאָטערס פּנים איז רחמנותדיק לאַבעריק געוואָרן, פֿאַרעלטערט געוואָרן. וואָראָווקאַ האָט מיט אים גערעדט מיט צונוקענדיקע ווערטער.

— נ־נוס, איוואַן אַקימיטש, איז ווי־זשע, האַ? האָט איר פֿאַרקויפֿט דעם טאַרטאַק?

דעם פֿאָטערס אויערן פֿלעגן רויט ווערן, הערנדיק וואָראָווקען, און ענטפֿערנדיק אים ,האָט סאַמגין געקוקט אים אין אַקסל אַרײַן און צוגעטופּעט מיטן פֿוס, ווי אַ שלײַפֿער פֿון מעסערס און שערן. נישט זעלטן האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים אַ שכורער, איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער מוטערס שלאָפֿצימער און דאָרטן האָט מען לאַנג געהערט זײַן אַלע מאָל אַרויסוואָיענדיק קעלעכל. אין דעם פֿרימאָרגן פֿון זײַן לעצטן אַוועקפֿאָר, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין קלימס צימער אַרײַן, דעסגלײַכן שכור, באַגלייט פֿון דער מוטערס נישט הויכן אָנזאָג:

— איך בעט דיך, — טו מיר די טובה — אָן דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן.

— נו, ליבער קלים, — האָט ער געזאָגט הויך און מוטיק, כאָטש די ליפּן האָבן באַ אים געציטערט, און די געשוואָלענע, רויטע אויגן האָבן געפֿינטלט פֿאַרבלענדט. — די געשעפֿטן צווינגען מיך אַוועקצופֿאָרן אויף לאַנג. איך וועל וואוינען אין פֿינלאַנד, אין וויבאָרג. אָט אַזוי. מיטיאַ פֿאָרט אויך מיט מיר. נו, זײַ געזונט.

אַרומנעמענדיק קלימען, האָט ער אים אַ קוש געטון אין שטערן, אין די באַקן, אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און צוגעגעבן:

— דער זיידעשי פֿאָרט אייך מיט אונז. יאָ, זײַ געזונט. ש...שעץ די מוטער, זי איז ווערט...

נישט זאָגנדיק, וואָס אייגנטלעך די מוטער איז ווערט, האָט ער אַ הייב געטון די האַנט און אַ קראַץ געגעבן די גאָמבע. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיט דער האַנט געוואָלט צודעקן זײַן דיק מויל.

ווען דער זיידעשי, דער פֿאָטער און דער ברודער, וואָס האָט

זיך געזעגנט מיט קלימען גראָב און פיינדלעך, זענען אוועק־געפאָרן, איז דאָס הויז נישט ליידיקער געוואָרן דערפון, נאָר אין עטלעכע טעג אַרום האָט קלים זיך דערמאָנט די נישט גלייבנדיקע ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אויפן טייך, ווען באַריס וואַראַווקאַ האָט זיך דערטרונקען:

— אָבער, — צי איז דען טאַקע געווען אַ ייִנגל? אפשר איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען?

די אימה, וואָס קלים האָט איבערגעלעבט אין יענע מינוטן, ווען די רויטע, קראַמפּהאַפּטע הענט האָבן, אַרויסשטרעקנדיק זיך פון וואַסער, זיך צוגערוקט צו אים, האָט ער איינגעגאַנצן פאַרגעסן; די סצענע פון באַריסעס אומקום האָט זיך אים דערמאָנט אַלץ מער זעלטן און בלויז ווי אַ נישט אָנגענעמער חלום. אָבער אין די ווערטער פון דעם סקעפּטישן מענטש איז געווען עפּעס צודרינגלעכס, גלייך זיי וואָלטן זיך געוואָלט פאַרפעסטיקן אַלס אַ לוסטיק־צווינקענדיק גלייכוואָרט.

— אפשר איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען?

קלים האָט ליב געהאַט אַזעלכע גלייכווערטלעך, נעפּלהאַפטפילנדיק זייער גליטשיקע צווייַדייטיקייט און באַמערקנדיק, אַז דווקא זיי ווערן גערן אָנגענומען אַלס חכמה. אין די נעכט אין בעט, פאַרן דערשלאָפן ווערן, דערמאָנענדיק זיך אַלץ, וואָס ער האָט געהערט אין דעם טאָג, האָט ער אָפּגעקליבן דאָס אומפאַרשטענדלעכע און נישט פּאַרביקע, ווי שאָלעכץ, זאָרגזאַם אויפהיטנדיק אין זכרון די צומיינסט גרויסע קערנער פון פאַרשידענע חכמות, כּדי, בײַ אַ געלעגנהייט, צו באַנוצן זיך מיט זיי און נאָכאַמאָל באַפעסטיקן די רעפּוטאַציע פון אַ דענקענדיקן ייִנגמאַן. ער האָט געקענט זאָגן פרעמדס אַזוי פאַרזיכטיק, אַגב־אורחאדיק און צוגלייך אַזוי כּלאחר יד, גלייך דאָס אַרויסגעזאָגטע איז געווען בלויז אַ נישטיק ברעקל פון די אוצרות פון זיין שכל. און ס׳זענען געווען געלונגענע מינוטן פון דערפאָלג, וואָס דערמאָנענדיק זיי, איז ער אַליין נתפּעל געוואָרן פון זיך מיט דער זעלבער באַוואונדערונג, מיט וועלכער די מענטשן זענען פון אים נתפּעל געווען.

אָבער כּמעט שטענדיק, באַלד נאָכדעם, האָט קלים אַ געפּלעפּטער,

מיט ערגערניש, וואָס איז נאָענט געווען צו בייזער פאַראומערטקייט, זיך דערמאַנט אָן לידיען, וועלכע קען נישט אָדער וויל נישט זעען אים אַזוי, ווי ס'זעען אים אַנדערע; זי האָט אפילו גאַנצע טעג און וואָכן אַזוי ווי אינגאַנצן אים נישט געזעען, גלייך ער וואָלט געווען פאַר איר קערפּערלאָז, פאַרבלאָז, וואָלט נישט עקזיסטירט. אויסוואַקסנדיק, איז זי געוואָרן אַלץ אַ מער אויסטערליש און שווער מיידל. וואַראַווקאַ, שמייכלענדיק אין דער פוקסן-באָרד אַריין מיט אַ גרויסן, רויטן שמייכל, האָט געזאָגט:

— געראָטן אין דער מוטער. יענע איז אויך געווען אַ בריה אויסצוטראַכטן. טראַכט עפּעס אויס — און גלייבט.

דאָס צייטוואָרט אויסטראַכטן, דאָס וואָרט — אויסטראַכטעניש האָט לידיעס פאָטער אַרויסגערעדט אָפטער, ווי אַלע אַנדערע באַקאַנטע און דאָסדאָזיקע וואָרט האָט תמיד באַרויקט, געשטאַרקט קלימען. תמיד, אָבער נישט אין דעם פאַל מיט לידיען, דער פאַל, וואָס האָט אויפגעוועקט בײַ אים זייער אַ קאָמפּליצירט געפיל צום דאָזיקן מיידל.

זומער, דאָס צווייטע יאָר נאָך באָריסעס טויט, ווען לידיאַ איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט איגאָר טוראָבאָיעוו זיך אָפּגעזאָגט צו לערנען אין דער מיליטערישער שולע און געדאַרפט פאָרן אין עפּעס אַן אַנדערער, קיין פעטערבורג. און אָט, עטלעכע טעג פאַר זיין אַוועקפאָר. אין דער צייט פון פר־שטיק, האָט לידיאַ אַנטשלאָסן דערקלערט דעם פאָטער, אַז זי האָט ליב איגאָרן, קען נישט אָן אים לעבן און וויל נישט, אַז ער זאָל זיך לערנען אין אַן אַנדערער שטאָט.

— ער דאַרף וואוינען און לערנען זיך דאָ, — האָט זי געזאָגט, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דעם קליינטשיקן, נאָר פעסטן פויסטל. — און ווען איך וועל אַלט ווערן פינפצן יאָר מיט זעקס חדשים, וועלן מיר חתונה האָבן.

— דאָס איז שטותים, לידקאַ, — האָט שטרענג געזאָגט דער פאָטער. — איך פאַרווער...

נישט אַרויסווייזנדיק קיין פאַרלאַנג צו דערוויסן זיך, וואָס ער פאַרווערט, איז לידיאַ אויפגעשטאַנען פון טיש און אַוועקגעגאַנגען,

איידער װאַראַװוקאַ האָט באַװיזן זי אָפּצושטעלן; אין דער טיר, אָנכאַפּנדיק זיך אָן ביישט־דל האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז אַ גאָט־זאַך...

— סאַראַ עקזאַלטירט מיידל, האָט באַמערקט די מוטער, קוקנדיק באַגײטיקענד אויף קלימען, — ער האָט געלאַכט, װאַראַװו־קאַ האָט זיך אויך צעלאַכט.

אָבער איידער זיי האָבן באַװיזן צו ענדיקן דעם פרישטיק, איז אָנגעקומען איגאָר טוראַבאַיעװ, אַ בלאַסער, מיט בלויקייט אוני־טער די אויגן; ער האָט קאָרעקט אַ שאַר געטון מיטן פוס פאַר קלימס מוטער, אַ קוש געטון איר האַנט און, אָפּשטעלנדיק זיך פאַר װאַראַװוקען, זייער הויך דערקלערט, אַז ער האָט ליב לידען, קאָן נישט פאַרן קיין פעטערבורג און בעט װאַראַװוקען...

נישט אויסהערנדיק ביזן סוף זיינע רייד, האָט װאַראַװוקאַ הילכיק אַרויסגעלאַכט, שאָקלענדיק זייז ריזיקן קערפּער, סקריפּענ־דיק מיט דער שטול; װיערא פעטראָװנאַ האָט גענעדיק געשמייכלט, קלים האָט געקוקט אויף איגאָרן מיט אַ נישט אָנגענעמער פאַרװאונ־דערונג, און איגאָר איז געשטאַנען אומבאַװועגלעך, נאָר ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער ציט זיך אַלץ איינײנעם אויס, װאַקסט. איבער־װאַרטנדיק ביזװאַנען װאַראַװוקאַ האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער װי־דער אַמאָל אַזוי הויך געזאָגט:

— און כ׳בעט אייך זאָגן מיין פאַפּאַ, אַז אויב דאָס װעט נישט זיין, װעל איך זיך דערהרגענען. איך בעט אייך צו גלייבן. דער פאַפּאַ גלייבט נישט.

עטלעכע סעקונדעס האָבן דער מאַנסביל און די פרוי גע־שװיגן, איבערקוקנדיק זיך, דערנאָך האָט די מוטער אָנגעװיזן קלי־מען מיט די אויגן אויף דער טיר; קלים איז אַװעקגעגאַנגען צו זיך אַ צעמישטער, נישט פאַרשטייענדיק, װי אַזוי צו באַציען זיך צו דערדאָזיקער סצענע. דורכן פענצער פון זיין צימער האָט ער גע־זען: אויפגערעגט טרייסלענדיק מיט דער באָרד, האָט װאַראַװוקאַ אַרויסגעפירט באַ דער האַנט איגאָרן אויף דער גאַס אַרויס, דער־נאָך האָט ער זיך אומגעקערט צוזאַמען מיט איגאָרס קליינטשיקן, איינגעשרומפּענעם, פליכיקן פאָטער, װאָס איז געגאַנגען אָנגעטון

אין אַ גרויער טוזשורקע, אין גרויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן. זיי זענען לאַנג געגאַנגען איבערן וועג פון גאָרטן, טוראָבאָיעווט גרייז־גרויע ברעמען האָבן אומאויפהערלעך געציטערט, ער האָט עפּעס גערעדט מיט אַ הייזעריק, אָפּגעריסן קול, וואַראַווקאַ האָט טויב געמרוקעט, אָפּט אָפּווישנדיק מיטן טיכל דאָס רויטע פּנים, און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס׳איז אַריינגעקומען די מוטער און שטרענג באַפוילן קלימען:

— דו דאַרפסט שוין גיין אויף דער לעקציע, צו טאָמלינען, דו ווייסט, נאַטירלעך, נישט דערציילן אים וועגן דידאָזיקע נאַרישקייטן.

ווען קלים איז צוריקגעקומען פון דער לעקציע און געוואָלט אַריינגיין צו לידיען, האָט מען אים געזאָגט, אַז מען קאָן נישט, לידיאַ איז פאַרשלאָסן אין איר צימער. ס׳איז געווען אומגעוויינלעך אומעטיק און אָנגעשטרענגט שטיל אין שטוב, אָבער קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט עפּעס אַראָפּפאַלן מיט אַ מוראדיקן טראַסק. ס׳איז גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן. די מוטער און וואַראַווקאַ זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, און קלים איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין און גענומען קוקן אין פענצטער פון לידיעס צימער. דאָס מיידעלע האָט זיך נישט באַוויזן אין פענצטער, ס׳האָט נאָר געשימערט דער צעשויבערטער קאָפּ פון טאַניאַ קוליקאָוואַ. קלים האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און איז לאַנג געזעסן, נישט קלערנדיק וועגן גאָרנישט; ער האָט געזען פאַר זיך בלויז די פּנימער פון איגאָרן און וואַראַווקען, געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז מען זאָל איגאָרן גוט אָפּשמייסן, און לידיען... ער האָט לאַנג זיך איבערגעלייגט ווי אַזוי מען דאַרף זי באַשטראָפן און נישט געפונען פאַרן מיידעלע קיין שטראָף, וואָס זאָל נישט זיין אויך באַליידיקענד פאַר אים.

די מוטער און וואַראַווקאַ האָבן זיך אומגעקערט שפּעט, ווען ער איז שוין געשלאָפן. ס׳האָט אים אויפגעוועקט דאָס געלעכטער און גערויש, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן אין עסצימער, זיי האָבן געלאַכט פּונקט ווי שכורע. וואַראַווקאַ האָט אַלץ איינגעם געפרווּוט זינגען, און די מוטער האָט געשריגן:

— אָבער נישט אַזוי! ס'איז דאָך נישט אַזוי!...

דערנאָך זענען זיי איבערגעגאַנגען אין גאַסטצימער אַריין, די מוטער האָט אויפגעשפּילט עפּעס פריילעכס, אָבער פּלוצלינג האָט די מוזיק זיך איבערגעריסן. קלים האָט איינגעדרימלט און איז אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ שווער געלויף אינדערהייך, און דערנאָך האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— וואָס פאַר אַ טייוולשע קאָמעדיע! לידיאַ — איז נישטאָ. סאַטיאַנאַ כאַמערט, און לידיאַ — איז נישטאָ! וויערא, דו פאַרשטייסט?

קלים איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, האָט זיך שנעל אָנגעטון און אַרויסגעלאָפן אין עסצימער אַריין, אָבער דאָרטן איז געווען פינצטער. בלויז אין דער מוטערס שלאָפצימער האָט זיך געברענט אַ לאָמפּ; וואַראַוקאַ איז געשטאַנען אין דער טיר, אָנגעהאַלטנדיק זיך אָן ביישטידל, אַקוראַט ווי אַ געקרייציקטער; ער איז געווען אין כאַלאַט און אין די שטעקשיך אויף די באָרוועסע פיס, די מוטער האָט איילik זיך געהילט אין שלאָפראָק.

קלימען האָט מען געהייסן אויפוועקן דראָנאָוון און זוכן לידיען אין גאָרטן אויפן הויף, וואו ס'האָט שוין שולדיק און נישט הויך געשריגן טאַניאַ קוליקאָוואַ:

— לידאַ? נו, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! לידושאַ?

קלים האָט זיך געפילט נישט צום אויסדריקן מאָדנע, דאָס מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער באַטייליקט זיך אין אַן אויסטראַכטעניש, וועלכע איז אומפאַרגלייכלעך אינטערעסאַנטער פון אַלעם, וואָס ער האָט געוואוסט, אינטערעסאַנטער און שרעקלעכער. און די נאַכט איז געווען אַן אויסטערלישע, ס'האָט געבושעוועט אַ הייסער ווינט, שאָקלענדיק די ביימער, ער האָט געשטיקט אַלע דופטן מיט טרוקענעם, וואַרעמען שטויב, איבערן הימל זענען געקראָכן וואָלקנס, יעדע מינוט פאַרלעשנדיק די לבנה, אַלץ האָט זיך געוואַקלט, אַרויסווייזנדיק אַן אומהיימלעכע נישט שטאַנדהאַפטיקייט, וועקנדיק אומרו. אַ פאַרשלאָפענער און בייזער איז געגאַנגען אויף די קרומע פיס דראָנאָוו, ער האָט זיך געשטרויכלט, געגענעצט, געשפּיגן; ער איז געווען אָנגעטון אין געשטרייפטע,

צווילכענע אונטערהויזן און אין אַ טונקל העמד, זיין פיגור איז בסדר פאַרשוואונדן אויפן פאַן פון די קוסטעס, און דער קאָפּ האָט געשוועבט אינדערלופטן, פונקט ווי אַ באַלאָן.

— זי איז זיכער צו די טוראַבאַיעוס אין גאָרטן אריין אַנט־לאָפן, — האָט דראַנאַוו אַרויסגעזאָגט זיין סברא.

יאָ, זי איז געווען דאָרטן, געזעסן אויפן אָנלען פון אַן איי־זערנער גאָרטן־באַנק, אונטער אַן אָפּדאַך פון קוסטעס. צונויפגע־קנייטשט פון דער פינצטערניש האָט דאָס דינינקע פיגורל פון דעם מיידעלע פאַרמלאָזט זיך צונויפגעטוליעט און ס׳איז געווען אין איר עפּעס, וואָס האָט טיילוויז דערמאַנט אָן אַ ג׳יס׳, ווייסן פויגל.

— לידאַ, — האָט אַ געשריי געטון קלים.

— וואָס ליאַרעמסטו, ווי אַ פּאָליציאַנט, — האָט מיט אַ האַלב קול געזאָגט דראַנאָוו און, גראָב אַוועקשטופנדיק קלימען מיט, אַקסל, פאַרגעלייגט לידיען:

— וואָס זשע זיצט איר דאָ, לאָמיר גיין אַהיים.

קלימען האָט אויפגעבראַכט דראַנאָווס גראָבקייט, ס׳האָט אים פאַרחידושט דאָס צערטלעכע קול און די ווענדונג צו לידיען אויף „איר“, ווי צו אַ דערוואַקסענער.

— מען האָט אים געשלאָגן, יאָ? — האָט געפרעגט דאָס מיידעלע, נישט רירנדיק זיך, נישט אָננעמענדיק דראַנאָווס אויסגעשטרעקטע האַנט. אירע ווערטער האָבן געקלונגען צע־בראָכן, אַזוי רעדן מיידעלעך, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגע־וויינט.

— איך בין אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ בלינדע, ווען איך בין גע־קראָבן דורכן פּלויט, — האָט זי געזאָגט, אַרויסכליפּענדיק. — ווי אַ נאַר. איך קאָן נישט גיין...

קלים און דראַנאָוו האָבן זי אַראָפּגענומען, אַנידערגעשטעלט אויף דער ערד, אָבער זי האָט אַרויסגעקרעכצט און אַ פאַל געטון, ווי אַ ליאַלקע, די יינגלעך האָבן קוים באַוויזן זי אונטערצוהאַלטן. ווען זיי האָבן זי אַהיים געפירט, האָט לידיאַ דערציילט, אַז זי איז געפאַלן, נישט אַריבערקריכנדיק איבערן פּלויט, נאָר פּרוּווּנדיק

אַרײַנצוקריכן איבער דער רין־רער אין פענצטער פון איגאָרס צימער.

— איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס ער טוט...

— ער שלאָפט, — האָט געזאָגט דראַגאָו.

לידיאַ האָט אויפגעהויבן די האַנט צום מויל און אויסגעזויגן דאָס בלוט פון אונטער די צעקאַליעטשעטע נעגל, איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אויפן הויף האָט וואַראַווקאַ אין כאַלאַט און אין דער טאַטערישער טובעטייקע אַ ריטש געטון אויף דער טאַכטער.

— וואָס טוסטו עס אַזעלכעס?

אָבער פּלוצלינג האָט ער דערשראָקן זי אַ כאַפּ געטון אויף די הענט, אויפגעהויבן:

— וואָס איז מיט דיר?

דעמאָלט האָט דאָס מיידעלע, מיט אַ שטימע, וואָס איר קלאַנג האָט קלים לאַנג גישט געקאָנט פאַרגעסן, געזאָגט:

— אַך, פּאַפּאַ, דו פאַרשטייסט גאָרנישט! דו קאָנסט נישט... דו האָסט נישט ליב געהאַט די מאַמע!

— שש! — ביסט משוגע געוואָרן, — האָט אַ שיפּע געטון וואַראַווקאַ און איז אַנטלאָפן מיט איר אין שטוב אַרײַן, פאַרלירנדיק אַ סאַפּיאַנען־לאַטש.

— זי האָט זיך צעשפּילט די קאָזע, — האָט שטילערהייט געזאָגט דראַגאָו, שמייכלענדיק. — נו, מילאַ, כ'וועל גיין שלאָפן...

אָבער ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען, נאָר זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שטיג פון גאַנעק און, קראַצנדיק די פּלייצע, אַ מורמל געטון:

— האָט אויסגעקלערט אַ שפּיל...

קלים האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, פאַרטיפט טראַכטנדיק: שוין זשע איז דאָס אַלץ בלויז אַ שפּיל און אַן אויסטראַכטעניש? פון אָפענעם פענצטער אויפן צווייטן שטאָק זענען דערפלויגן די ברוגזע שטימען פון וואַראַווקען, פון דער מוטער; פון די טרעפּ איז שנעל אַראָפּגעלאָפן טאַניאַ קוליקאָווע.

— פאַרמאַכט נישט דאָס טויער, איך לויף נאָך אַ דאָקטאָר, — האָט זי אַ זאָג געטון, אַרויסלויפנדיק אויף דער גאַס.

דראַגנאַוו האָט געמורמלט בײַז און שפּאָטיש:

— דזשיגאַ האָט מיך געהייסן איבערלייענען איליאַדאַ און אָדיסייע. נאַדיר — אַ טפשות! די אַכילעסן, פּאַטראָקלען — זענען גולמס. אַ לאַנגווײַליקייט! אָדיסייע איז בעסער, אָדיסיי האָט דאָרט אַלע אָן געשלעג אָנגעפּיפּט. אַ זשוליק, כאָטש פאַרן הײַנטיקן טאָג.

— קלים — שלאָפן! — האָט שטרענג אַ געשריי געטון חיערא פּעטראָוונאַ פון פענצטער. — דראַגנאַוו, וועק אויף דעם הויזוועכטער און אויך — שלאָפן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער ראָמאַן באַוואוסט געוואָרן אין שטאָט, די גימנאַזיסטן האָבן געפרעגט קלימען:

— וואָסערע איז זי?

קלים האָט דערציילט אײַנגעהאַלטן, אים האָט זיך נישט געגלוסט צו דערציילן, אָבער דראַגנאַוו האָט לעבהאַפט געפּלאַפּלט:

— נישט קיין שיינע, דעריבער האָט זי זיך פאַרליבט, אַ שיינע — וועט זיך נישט פאַרליבן, ס'הייבט זיך נישט אָן!

קלים האָט געהערט זײַן פּלאַפּלערײַ מיט פאַרדראָס, אָבער דערוואַרטנדיק, אַז דראַגנאַוו וועט אפשר זאָגן עפּעס, וואָס וועט פאַרענטפערן די קשיה, וואָס האָט זייער נישט געלאָזט רוען קלימען.

— איך זאָג איר: דו ביסט נאָך אַ מיידעלע, — האָט דראַגנאַוו דערציילט די ייִנגלעך. — און אים זאָג איך אויך... נו, אים איז, נאַטירלעך, אינטערעסאַנט; איטלעכן איז אינטערעסאַנט, ווען מען פאַרליבט זיך אין אים.

ס'איז פאַרדראָסיק געווען צו הערן, ווי דראַגנאַוו זאָגט ליגנט, אָבער זעענדיק, אַז דידאַזיקע ליגנט מאַכט לידיאַן פאַר אַ העלדין פון די גימנאַזיסטן, האָט סאַמגין נישט געשטערט איוואַנען. די ייִנגלעך האָבן געהאַרכט ערנסט און די אויגן פון מאַנכע האָבן געקוקט מיט יענער מאָדנער טרויעריקייט, וועלכע איז שוין באַקאַנט געווען קלימען פון טאָמילינס פאַרצעלייענע אויגן.

לידיאַ האָט זיך אויסגעלערנט אַ פּוס און איז עלף טעג געלעגן אין בעט. איר לינקע האַנט איז אויך געווען פאַרבאַנדאַזשירט. פּאַר איגאָרס אַוועקפאָר האָט די דיקע, סאַפּענדיקע טוראַבאַיעוואַ, שרעקלעך אויסביילנדיק די אויגן, אים געבראַנגט צו פירן זיך געזעגענען מיט לידיען, די פאַרליבטע האָבן זיך אַרומגענומען, געוויינט, ס'האָט זיך אויך צעוויינט איגאָרס מוטער.

— דאָס איז קאָמיש, אָבער — שיין, — האָט זי געזאָגט, פאַרזיכטיק אויסווישנדיק מיטן טיכל די אַרויסגעזעצטע אויגן. — ס'איז שיין, וואָרים ס'איז נישט היינטצייטיק.

וואַראַווקאַ האָט פאַרצאָגט אַ מרוקע געטון עפּעס אַ שווער און אומבאַקאַנט וואָרט.

די קינדער האָט מען באַרויקט, זאָגנדיק זיי: יאָ, זיי זענען חתן־כּלה, דאָס איז באַשלאָסן; זיי וועלן חתונה האָבן, ווען זיי וועלן אויפוואַקסן, און ביז יענער צייט דערלויבט מען זיי צו שרייבן בריוו איינער דעם אַנדערן. קלים האָט איבגיכן זיך איבערצייגט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט. לידיאַ האָט געשריבן איגאָרן יעדן טאָג און, אַוועקגעבנדיק די בריוו איגאָרס מוטער, האָט זי אומגעדולדיק געוואַרט אויף ענטפערס. אָבער קלים האָט באַמערקט, אַז לידיעס בריוו פאַלן אַריין אין וואַראַווקעס הענט, ער לייענט זיי פאַר זיין מוטער און זיי לאַכן ביידע. לידיאַ האָט אָנגעהויבן צו דערגיין די יאָרן, דעמאָלט האָט מען איר געזאָגט, אַז איגאָר איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין אַזאַ שטרענגער שולע, וואו די דירעקציע דערלויבט נישט די יינגלעך דורכצושרייבן זיך אַפילו מיט זייערע קרובים.

— דאָס איז — ווי אַ מאָנאַסטיר, — האָט ער איר געבלאָזט און קלימען האָט זיך געגלוסט אַ געשריי טון צו לידיען:

— דיינע בריוו זענען בײַ אים אין קעשענע.

אָבער קלים האָט געזען, אַז לידיאַ הערט דעם פאָטערס דערציילונגען מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און גלייבט נישט אין זיי. זי רייסט דאָס טיכל אָדער דעם עק פון איר גימנאַזיסטישן פאַרטוך, קוקט אויף דער פּאָדלאָגע אָדער אין אַ זייט, אַזוי ווי שעמענ־

דיק זיך אַ קוק צו טון אין דעם ברייטן, פול מיט בלוט אָנגעגאָסענעם בערדיקן פּנים אַריין. קלים האָט פונדעסטוועגן געזאָגט:

— דו ווייסט, אַז זיי נאַרן דיך אָפּ?

— שווייג! — האָט אַ געשריי געטון לידיאַ, אַ טופּע געבנדיק מיטן פוס. — דאָס איז נישט דיין עסק, נישט דיך נאַרט מען אָפּ. און דער פּאַפּאַ נאַרט נישט אָפּ, נאָר איבער דעם, וואָס ער האָט מורא...

אַ פאַררויטלטע, אַ בייזע, איז זי אַנטלאָפן.

אין גימנאַזיע האָט זי זיך גערעכנט פאַר איינע פון די ערשטע שטיפערקעס, און געלערנט האָט זי זיך נאַכלעסיק. ווי איר ברודער, פלעגט זי אַריינטראָגן אין די שפּילן אַ סך הייטערקייט, און, ווי קלים האָט עס געוואוסט פון דעם באַקלאָגן זיך אויף איר, אַ סך עפּעס קאַפּריזישס, ריזיקאַלישס און אפילו שלעכטס. זי איז געוואָרן נאָך מער פרום, האָט פלייסיק באַזוכט אַלע קירכלעכע תפילות, און אין מינוטן פון פאַרטראַכטקייט האָבן אירע שוואַרצע אויגן געקוקט אויף אַלץ מיט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, אַז קלים האָט זיך פאַרלוירן פאַר איר.

זי האָט זיך באַצויגן צו אים פונקט מיט אַזאַ גרינגשעצונג און חוזק, ווי צו אַלע אַנדערע ייִנגעלעך און שוין נישט זי קלימען, נאָר ער איר פלעגט פאַרלייגן:

— ווילסט, לאָמיר גיין, אַביסל רעדן?

זי האָט זעלטן און זייער נישט גערן איינגעשטימט דערויף און שוין נישט דערציילט קלימען וועגן גאָט, קעץ, וועגן די חבר־טעס, נאָר פאַרטראַכט געהאָרכט זיינע דערציילונגען וועגן גימנאַזיע, די מיינונגען וועגן די לערערס און די ייִנגלעך, וועגן די ביכער, וואָס ער האָט איבערגעלייענט. ווען קלים האָט איר געמאָלדן די ניייעס, אַז ער גלייבט נישט אין גאָט, האָט זי ביטולדיק געזאָגט:

— דאָס איז — אַ נאַרישקייט. בא אונז אין קלאַס איז אויך דאָ אַ מיידעלע, וואָס זאָגט, אַז זי גלייבט נישט, אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז אַ האַרבאַטע.

אין משך פון דריי יאָר איז איגאָר טוראָבאַיעוו קיין איין מאָל נישט געקומען צו פאָרן אויף די פעריען. לידיאַ האָט גע־שוויגן וועגן אים. נאָר ווען קלים האָט געפרווט אַ רעד טון מיט איר וועגן דעם נישט טרייען געליבטן, האָט זי קאַלט באַ־מערקט:

— וועגן ליבע קען מען רעדן בלויז מיט איין מענטש...

אין פינפצען יאָר האָט לידיאַ זיך אויסגעצויגן, פאַרבלייבנ־דיק אַלץ אַזאַ דינינקע און גרינגע, עלאַסטיש אונטערטענצלדיקע אינם גאַנג. זי איז געוואָרן אַ קאַנטיקע, אויף אירע אַקסלען און היפטן האָבן זיך אַרויסגערוקט ביינער און כאָטש ס׳האָבן זיך שוין שאַרף אָנגעצייכנט ברוסטן, זענען זיי אָבער געווען שפּיציקע, ווי עלנבויגנס, און האָבן נישט אָנגענעם געשטאָכן קלימס אויגן; ס׳האָט זיך פאַרשפּיצט די נאָז, ס׳זענען טונקל געוואָרן די געדיכטע און שטרענגע ברעמען, און די פּוכיקע ליפּן זענען געוואָרן רייצנדיק רויט. איר פּנים איז גוט באַקאַנט געווען קלימען, מהאי טעמה האָט ער נאָך מער, אומרויִקער זיך געוואונדערט, ווען ער האָט געזעען, אַז דורך די אים היימישע שטריכן טרעט אַרויס אַן אַנ־דער, פאַר אים פרעמד פּנים, טיילמאָל איז דאָס געווען אַזוי בולט קענטיק, אַז קלים איז גרייט געווען צו פרעגן דאָס מיידל:

— וואָס איז עס באַ אייך?

טיילמאָל האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט, — האָט זי געענטפערט מיט אַ לייכטער פאַר־וואונדערונג. — וואָס איז דען?

— באַ אייך האָט זיך געענדערט דאָס פּנים.

— יאָ? וויאַזוי?

אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט ער נישט געקענט ענטפערן. טיילמאָל האָט ער איר געזאָגט „איר“, נישט באַמערקנדיק דאָס, זי האָט עס אויך נישט באַמערקט.

אים האָט באַזונדער געבערענגט אין פאַרלעגנהייט דער בליק פון די אויגן און איר פאַרשלאָסן פּנים, טאַקע דער בליק האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פרעמדע. דערדאָזיקער בליק, אַ שאַרפער און

שאַרפזעעוודיקער, האָט עפּעס דערוואַרט, געזוכט, אפילו געפאָדערט און פלוצלינג, ווערנדיק אַ פּאַראַכטנדיקער, האָט ער קאַלט אָפּגע־שטויסן. ס'איז געווען מאָדנע, וואָס זי האָט צעטריבן אַלע אירע קעץ און וואָס בכלל האָט זיך אין איר באַציונג צו חיות באַוויזן עפּעס אַ מין קרענקלעך מיאוסן זיך. הערנדיק אַ פערד הירזשען, פלעגט זי אויפציטערן און זיך פאַרקרימען, שטייף אַרומהילנדיק די ברוסט מיטן שאַל; הינט האָבן אַרויסגערופן באַ איר אַן עקל; אפילו הינער, טויבן, זענען איר בפירוש געווען נישט אָנ־גענעם.

און די געדאַנקען זענען באַ איר אויך געוואָרן שאַרף גע־צייכנטע, קאַנטיקע, ווי איר קערפּער.

— ס'איז לאַנגווייליק זיך צו לערנען, — האָט זי געזאָגט. — און נאָך וואָס וויסן דאָס, וואָס איך קאָן נישט אַליין מאַכן אָדער וואָס איך וועל קיינמאָל נישט זעען?

איינמאָל האָט זי געזאָגט קלימען:

— דו ווייסט אַ סך. ווייזט אויס, דאָס איז נישט זייער באַקוועם.

טאַניאַ קוליקאָווא, וואַראַווקאַס שטוב־פּאַרוואַלטערין, וואָס האָט גוטווינטשנד און הכנעהדיק געשמייכלט צו אַלעם אין דער וועלט, האָט גערעדט וועגן לידיען, ווי קלימס מוטער וועגן אירע פּראַכט־פולע האָר:

— מאַטעריניש מיינס.

אָבער זי האָט גערעדט אָן רוגזה, נאָר צערטלעך און ליב־פול. באַ איר אויף די שלייפן האָבן זיך באַוויזן גרויע האָר, אויפן צעקנייטשטן פּנים — אַ שמייכל פון אַ מענטש, וועלכער פאַר־שטייט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן שלימזלדיק, נישט אין דער צייט, איז קיינעם נישט אינטערעסאַנט און איז זייער שולדיק אין דעם אַלעם.

אין דער אָפיצינע האָט געוואוינט דער פריילעכער שרייבער ניעסטאָר ניקאָלאַיעוויטש קאַטין מיטן ווייב, מיט אַ שוועסטער און אַ גולמעוואַטער הונט, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „טרוים“. דער אמתער פאַמיליענאָמען פון שרייבער איז געווען פימאָוו, אָבער

ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים, אין שפּאַס דערקלערנדיק עס אַזוי:

— באַ אונז רעדט מען דאָך נישט אַרויס ניעסטאָר, נאָר — ניעס־טער און מיר וואָלט אויסגעקומען אונטערצושרייבן די דערציילונ־גען — ניעסטער פימאַוו.*) ס'וואָלט מיך אָוועקגעהרגעט. אגב איז אַצינד אין דער מאָדע צו שאַפן פּסעוודאָנימען לויטן ווייבס נאָ־מען: וויערין, וואַלין, סאַשין, מאַשין...

געווען איז ער אַ שטאַרק האָריקער, האָט געטראָגן אַ גע־קרייזלט בערדל, זיין האַלז איז געווען אויסגעהאַפּטן מיט רינגעלעך טונקעלע האָר און אפילו אויף די דלאָניעס פון די הענט, אויף די פינגער זענען געוואַקסן בינטעלעך טונקעלע וואָל. אַ לעבעדיקער, זייער אַ באַוועגלעכער, אפילו אַביסל אַ האַווענדיקער מענטש און אַן אומדערטרעגלעכער פּלאַפּלער. האָט ער דערמאָנט קלימען אָן פּאַטער. אויף זיין האָריק פּנים האָבן די קליינע אייגעלעך הייטער געבלישטשעט, אָבער קלים האָט פּאָרט איבער עפּעס חושד געווען, אַז דערדאָזיקער מענטש וויל זיך אויסווייזן פריילעכער, ווי ער איז. רעדנדיק, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל, אַזויווי צוהערנדיק זיך צו זיינע ווערטער און זיין אויער האָט אַלע מאָל לייכט אויפגעציטערט.

ער פלעגט באַנוצן אין רעדן פאַרשידענע קירכלעך־סלאַוויאַ־נישע ווערטער, מיט דעם האָט ער בפירוש, אָבער נישט זייער דערפאָלגרייך זיך געפלייסט לאַכעוודיק צו מאַכן די מענטשן. ער פלעגט מיט התלהבות דערציילן וועגן דער שיינקייט פון די וועל־דער און פעלדער, וועגן דער פּאַטריאַרכאַלישקייט פון דעם דאָרפישן לעבן, וועגן דער אויסהאַלטעוודיקייט פון די פויערטעס און דעם שכל פון די פויערן, וועגן דער פאָלקס־נשמה, דער איינפאַכער און קלוגער, און וועגן דעם, ווי דידאָזיקע נשמה ווערט פאַרסמט דורך דער שטאָט. אים איז אָפט אויסגעקומען אויסצוטייטשן די צוהערער

*) ניעסטערפימאַ איז אויף רוסיש — אומדערטרעגלעך. — איבערזעצער.

פאַרשידענע פאָלקסטימלעכע ווערטער און ער האָט נישט אָן גדלות דערקלערט:

— איך קען די פאָלקס־שפּראַך בעסער פון גליעב אוספּיענ־סקין, ער פלאָנטערט צונויף דאָרפישס מיט שטאָט־המונישס, אָבער מיך וועסטו אויף דעם שוין נישט כאַפּן, ניין!

ניעסטאָר קאַטין האָט געטראָגן אַ סוועטר, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שמאָלן פּאַסיק, די הויזן האָט ער אַריינגעמאַכט אין די שטיוול, די האָר געשוירן קיילעכיק „אַ לאַ פּויער״: ער האָט געהאַט אַן אָנבליק פון אַ באַלמעלאָכע, וואָס פאַרדינט גוט און האָט ליב צו לעבן פריילעך. כמעט יעדן אָוונט זענען צו אים געקומען ערנסטע, פאַרטראַכטע מענטשן, קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען אַלע זייער שטאָלץ און פון עפּעס באַליידיקט. זיי האָבן געטרונקען טיי, בראָנפן, פאַרבייסנדיק מיט אוגערקעס, וואורשט און מאַריניירטע שוואָמען, דער שרייבער פלעגט זיך עפּעס אַזוי מאָד־נע צונויפּוויקלען, אויפוויקלען, צרומלויפן איבערן צימער און רעדן:

— יאָ, יאָ, סטיעפּאַ, די ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון לעבן, פאַרראַטנדיק דאָס פאָלק; אַציקד שרייבט מען שיינע נאַרישקייטן צום פאַרווײַלן די זאַטע; דער חוש פאַרן אמת איז פאַרלוירן געגאַנגען...

סטיעפּאַ, אַ מענטש אַ ברייטפּלייציקער, אַ בלויאויגיקער, איז תּמיד געזעסן אין אַ זייט פון די מענטשן, האָט מעלאַנכאָליש אויס־געמישט מיטן לעפּעלע די טיי אין גלאָז און איינשטימיק צושאָק־לענדיק מיטן קאָפּ, געשוויגן אַ שעה, צוויי. און דערנאָך האָט ער, פּלוצלינג, געמאָסטן, מיט אַ מאַט קול גערעדט וועגן די תּביעות פון דער פאָלקס־נשמה, די התחייבותן פון דער אינטעליגענץ און גאָר אַ סך וועגן פאַרראַט פון די קינדער לגבי די הייליקע צוואות פון די פאָטערס. קלים האָט באַמערקט, אַז דער מומחה פון די פליכטן פון דער איטעליגענץ עסט קיינמאָל נישט קיין ווייך ברויט, נאָר בלויז דאָס האַרטע, האָט נישט ליב קיין טיטון־רויך, און שנאַפּס טרינקט ער, נישט פאַרבאָרגנדיק דעם עקל דערצו און אַזוי ווי נאָר אויס פליכט.

— דו ביסט גערעכט, ביעסטאַר, מען פאַרגעסט, אַז דאָס פאָלק איז די סובסטאַנץ, ד. ה. די סיבה ראשונה, און מען רוקט איצט אַרויס די לערע וועגן קלאַסן, אַ דייטשע לערע, הם...

מאַקאַראָוו האָט געפונען, אַז אין דעמדאָזיקן מענטש איז פאַרהאַן עפּעס, וואָס דערמאַנט אַן אַם, ער פלעגט עס אַזוי אָפּט זאָגן, אַז קלימען האָט זיך אויך אָנגעהויבן דאַכטן, — יאָ, נישט געקוקט אויף זיין באָרד, האָט סטיעפּאַ עפּעס אַן ענלעכקייט צו אַ פרוי מיט גרויסע ברוסטן, וועלכע מוז מיט איר מילך נערן פרעמדע קינדער.

אין די זונטיקן פלעגט בא קאַטינען זיך צונויפקומען יינגוואַרג און דעמאָלט זענען די ערנסטע שמועסן וועגן פאָלק פאַרביטן געוואָרן מיט געזאַנג, טענץ. דער אויסגעדאַרטער סעמינאַריסט סאַבוראָוו האָט לאַנגזאַם צעפּירט מיט די הענט אין דער אָנגערויכערטער לופט, גלייך ער וואָלט שטייענדיקערהייט געשוואומען און מיט אַן אָנגענעמען באַריטאָן איבערצייגנד געעצהט:

— גיי אַרויס צו דער וואָ—אָ—לגע...

— וועמענס קרעכץ, — האָט נישט זייער האַרמאָניש אונטערגעכאַפּט דער כאָר. די דערוואַקסענע האָבן געזונגען פייערלעך, בעל־תשובהדיק, דאָס שאַרפע טענאָרל פון שרייבער האָט געקלונגען בייסיק, אין דעם פאַמעלעכן געזאַנג איז געווען עפּעס קירכלעכס, הזכרה־נשמהדיקס. כמעט שטענדיק נאָכן זינגען האָט מען טומלדיק געטאַנצט אַ קאַדריל און מער פון אַלע האָט געפילדערט דער שרייבער, אייבצייטיק פאַרשטעלנדיק הן אַן אָרקעסטער, הן אַ דיריגענט. צוטופּענדיק מיט די קורצע, דיקע פיס, האָט ער קונציק געשפּילט אויף אַ קליינער, ביליקער האַרמאָניע און וואוילייניגיש געקאָמאַנדעוועט:

— קאַוואַלערן דורך די דאַמען! לאַז אָפּ דיינע, כאַפּ אַ פרעמדע!

דאָס האָט אַלע געמאַכט לאַכעוודיק, און דער שרייבער, אַרייננקומענדיק נאָך אין אַ גרעסערער התלהבות, האָט צוגעזונגען צו דער האַרמאָניע און צום טאַקט פון קאַדריל:

ס'לויפן אָן אין שטוב די קינדער,
רופן איילנדיק, געשווינד
טאַטע, טאַטע, ס'האָט געברענגט דאָ
אונזער נעץ אַ מת אַ צינד.

וואַראַווקאַ האָט בייז אָנגערופן דידאַזיקע פּריילעכקייט:
— פּיש־האָפּקעס.

קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דער שרייבער מאַכט זיך לוס־טיק מיט גרויס אָנשטרענגונג און זאַגאַר פאַרצווייפלט; ער האָט אונטערגעשפּרונגען, געציטערט און געשוויצט. פאַרשטעלנדיק אַ לוסטיקן מענטש, אויסשרייענדיק נישט זיינע ווערטער, האָט ער ע־לעך זיך געפּלייסט לאַכעוודיק צו מאַכן די טאַנצנדיקע און ווען ער האָט דאָס דערגרייכט, האָט ער פאַרלייכטערט אָפּגע־עטעמט:

— אוף!

דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן לאַכעוודיק צו מאַכן מיט אומגעלומפּערטע ווערטער, מיט קאָמישע שפּרונגען און צוגע־וואונקען זיין ווייב, וועלכע האָט זעלבסטפאַרגעסעריש, מיט אַ האַלב־שלעפעריקן שמייכל אויפן ליאַלקע־פּנים, אויסגעפירט די פיגורן פון קאַדריל.

— עך, דו, וויכע! — האָט געשריגן צו איר דער מאַן.

די פרוי, אַ קיילעכיקע, אַ ראָזע און מעוברתע איז געווען אומדערשעפּלעך ליבלעך מיט אַלע. מיט אַ קליינער, נאָר באַטעמ־טער שטימע האָט זי, צוזאַמען מיט איר שוועסטער, געזונגען אוי־קראַאינישע לידער. די שוועסטער, אַ שווייגנדיקע מיט אַ לאַנגער נאָז, האָט געלעבט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט צו דערזעען עפּעס שרעקנדיקס, זי האָט שווייגנדיק, פּינקטלעך אָנגעגאָסן די טיי, מכבד געווען מיט פאַרבייסעכץ און בלויז פון צייט צו צייט האָט קלים געהערט איר געדיכטע שטים

— דאָס — יאָ! — אָדער: — אין דעם איז שווער צו גלייבן.

זי האָט זעלטן אַרויסגעבראַכט עפּעס אַנדערש, אַ חוץ דידאַ־זיקע צוויי פראַזן.

קלים האָט זיך געפּילט נישט שלעכט בײַ די טשעקאָווע און פאַר איס נײַע מענטשן, אין דעם צימער, וואָס איז אויסגעקלעפּט געוועזן מיט הייטערע, העלע טאַפּעטן. אַלץ אַרום איז געווען אָפּגע־לאָזן, ווי בײַ וואַראַוווקען, נאָר פּשוט. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן טאַמילין, ער פלעגט דורכגיין איבערן הויף געלאַסן, מיט אַ פייערלעכן טריט, נישט קוקנדיק צו די סאַמגינס אין די פענצ־טער אַריין; אַרײַנקומענדיק צום שרייבער, האָט ער שווייגנד גע־דריקט די הענט פון די מענטשן און זיך געזעצט אין ווינקל בײַם אויוון, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, צוהערנדיק זיך צו די וויכוחים, צו די לידער. איילך פלעגט אַרײַנלויפן טאַניאַ קוליקאָווא, איר אומ־באַדייטנד פּנים, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט געדענקען, פלעגט בײַם דערזעען טאַמילינען טונקל ווערן, ווי ס'ווערן טונקל פון אַלט־קייט פּאַיאַנסענע טעלערס.

— וואָס מאַכט איר? — האָט זי געפרעגט.

— נישקשה, — האָט טאַמילין געענטפערט שטיל און אַזוי ווי מיט פאַרדראָס.

אַ מאָל צוויי, דריי, איז אַרײַנגעקומען וואַראַווקא אַליין, ער האָט אַ קוק געטון, געהערט אַ ביסל, און אינדערהיים געזאָגט קלימען און דער טאַכטער, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט:

— אַ געוויינלעכע רוסישע קוואַס־קאַכעריי. אַ באַלאַגאַן, אין וועלכן מען ווייזט פּאָקוסן, וואָס זענען שוין אַרויס פון דער מאָדע.

קלים האָט אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן טרעפלעך, און פון יענער צייט אָן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין דער אָפּיצינע אַרײַן איז אַרײַנגעקערט געוואָרן פון הויז אַלץ, וועגן וואָס מ'האָט אין הויז געפּילדערט מיט צען יאָר צוריק. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַרײַנקומען צום שרייבער איז נוצלעך פאַר אים, כאָטש ס'איז אפילו טיילמאָל לאַנגוויליק.

ס׳איז געווען אַ ביסל ענלעך צו דער גימנאַזיע, אָבער מיט דעם חילוק, וואָס די לערערס האָבן דאָ זיך נישט אויפגערעגט, נישט געשריגן אויף די תּלמידים, נאָר געלערנט דעם אמת, מיט אַ נישט צווייפלהאַפטן און הייסן גלויבן אין זיין כּוח. דערדאָזיקער גלויבן האָט געקלונגען כּמעט אין יעדן וואָרט און כאַטש קלים האָט זיך נישט דורכגענומען מיט אים, האָט ער פאַרט אַרויסגעטראָגן פון דער אָפּיצינע נישט בלויז וועלכע ס׳איז געדאַנקען און טרעפלעכע ווערטלעך, נאָר אויך עפּעס, נישט גאָר קלאָרס, אין וואָס ער האָט זיך גענייטיקט; ער האָט דאָס אָפּגעשאַצט ווי מענטשן-קענטעניש.

מאַקאַראָוו האָט קאָנצענטרירט געטרונקען בראָנפן, פאַרביסן מיט געזאַלצענע אוגערקעס און צייטנווייז איינגערוימט קלימען אין אויער אַריין עפּעס בייזס:

— די צוואות פון די פאָטערס! מיין פאָטער האָט מיר אָנגעזאָגט: לערן זיך גוט, אויסוואורף, אַ נישט וועל איך דיך אַרויסטרייבן, וועסטו זיין אַ בעטלער. נו, מילא, לערן איך זיך. אָבער איך רעכן נישט, אַז מ׳קאָן זיך דאָ עפּעס אויסלערנען.

צום יינגוואַרג האָט מען זיך באַצויגן אויפמערקזאַם, אָבער דאָס האָט זיי געקוועלט; מאַקאַראָוו, ליובאַ סאָמאָווא, אפילו קלים פלעגן זיצן שווייגנדיק, געדריקט, און ליובאַ האָט איינמאָל באַמערקט, אָפּזיפצנדיק:

— זיי רעדן אַזוי, גלייך ס׳וואָלט געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן, איך גיי אונטער אַ שירם און הער נישט, וועגן וואָס איך טראַכט.

בלויז איוואַן דראָנאָוו האָט פאָדערנדיק און עפּעס אַזוי ווי איבערגעטריבן קוויטשיק געשטעלט די פראַגע וועגן דער אינטעליגענץ, וועגן דער באַדייטונג פון דער פערזענלעכקייט אינם פּראָצעס פון דער געשיכטע. דער בקיא פון דידאָזיקע פראַגן איז געווען דער מענטש, וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אַם; פון דעם שרייבערס אַלע פריינד האָט ער זיך אויסגעוויזן קלימען אַלס דער צומיינסטן טיף באַליידיקטער.

איידער ער האָט געענטפערט אויף אַ פראַגע, האָט דראָ

זיקער מענטש באַטראַכט אַלע אין שטוב מיט די העלע אויגן, האָט פֿאַרזיכטיק אָפּגעהוסט, דערנאָך אָנבויגנדיק זיך פֿאָרויס, אויסגעשטרעקט דעם האַלז, ווייזנדיק הינטער זיין לינק אויער אַ נאַקעטע, בייניקע בייל אַזוי גרויס ווי אַ קליינע קאַרטאָפֿליע.

— דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון טיפֿסטער, אַלמענטשלעכער באַדייטונג, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ הויך, אָבער עטוואָס מיד און מאַט קול; דער שרייבער קאַטין האָט וואָרנענדיק אויפֿגעהויבן די האַנט און די ברעמען און אויך באַטראַכט די אָנוועזנדע מיט אַ בליק, וועלכער האָט בפֿירוש געקאָמאַנדעוועט:

— אַכטונג! אויפֿמערקזאַמקייט!

— אָבער אין ערגעץ אין דער וועלט ווערט דידאָזיקע פֿראַגע נישט אָוועקגעשטעלט מיט אַזאַ שאַרפֿקייט, ווי בײַ אונדז אין רוסלאַנד, וואָרים בײַ אונדז איז פֿאַרהאַן אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע ס'האָט נישט געקאָנט שאַפֿן אפֿילו דער הויך קולטורעלער מערב, איך רעד נעמלעך וועגן דער רוסישער אינטעליגענץ, וועגן די מענטשן, וואָס זייער גורל איז תּפֿיסה, פֿאַרשיקונג, קאַטאָרגע, ענויים, תּליה, — האָט נישט אייליק גערעדט דערדאָזיקער מענטש, און אינם טאָן פֿון זיינע רייד האָט קלים תּמיד געפֿילט עפּעס אויסטערלישס, ווי דער אָראַטאָר וואָלט זיך נישט באַמיט איבערצוצייגן, נאָר וואָלט האָפֿנונגלאָז איינגערעדט. די ווערטער קאַטאָרגע, ענויים, תּליות האָט ער באַנוצט אַזוי אָפֿט און פּשוט, גלייך דאָס וואָלטן געווען די געוויינלעכסטע גאַנגבאַרסטע ווערטער; קלים האָט זיך צוגעוואוינט צו הערן זיי, נישט פֿילנדיק דעם שרעקלעכן אינהאַלט פֿון דידאָזיקע ווערטער. מאַקאַראָוו האָט אַלץ סקעפּטישער געקוקט אויף זיי און געפֿליסטערט:

— ער רעדט אַזוי, ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען מיט דריי הונדערט יאָר פֿאַר אונדז. ס'איז זויער געוואָרן די מילך בײַ דער אַם.

פֿון ווינקל האָט שטאַר, מיט ווייסע אויגן, געקוקט אויף דער אַם טאָמילין און פֿון צייט צו צייט נישט הויך געפֿרעגט:

— איר באַשולדיקט מאַרקסן אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעשטראָכן די פּערזענלעכקייט פֿון דער געשיכטע, אָבער צי האָט

דען דאָס אייגענע נישט געטון אין „מלחמה און שלום" ליעוו טאָלסטאָי, וועלכן מען האַלט פאַר אַן אַנאַרכיסט?

טאָמילינען האָט מען דאָ אויך נישט ליב געהאַט. אים פלעגט מען ענטפערן קאַרג, ביטולדיק, קלים האָט געפונען, אַז דעם רויטן לערער געפעלט דאָס און אַז ער רעגט אויף אַלעמען בכיוון. איינ־מאָל האָט דער שרייבער קאָטין זיך צעבייזערט אויף אַן אַרטיקל אין עפּעס אַ זשורנאַל; ער האָט אַ וואָרף געטון דעם זשורנאַל אויפן פענצטער־אָנשפּאַר, אָבער דאָס בוך איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע; טאָמילין האָט געזאָגט:

— אָבער אַן איקאָנע, אַ שטייגער, וואָלט איר, אומגלויביקער, פונדעסטוועגן אַזוי נישט אַ שליידער געטון, און איז דאָך אין אַ בוך פאַרהאַן מער נשמה, ווי אין אַן איקאָנע.

— נשמה? — האָט צעטומלט און בייז איבערגעפרעגט דער שרייבער און אין פאַרלעגנהייט, נאָר בייזער נאָך צוגע־געבן:

— וואו קומט דאָ אַהער נשמה? דאָס איז אַ פּובליציסטיש אַרטיקל, געשטיצט אויף סטאַטיסטישע ציפערן. אַ נשמה!

דער שרייבער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער יעגער און האָט ליב געהאַט צו אַנטציקן זיך מיט דער נאַטור. מרוזשענדיק מיט די אויגן, שמייכלענדיק, אונטערשטרייכנדיק די ווערטער מיט אַן אַ שיעור דראָבנע העוויות, האָט ער דערציילט וועגן די צניעותדיקע בעריאָזעלעך, וועגן דער פאַרטראַכטער שטילקייט פון די וואַלד־טאָלן, וועגן די באַשיידענע בלומען פון די פעלדער און הילכיקן געזאַנג פון די פייגל, ער האָט דערציילט אַזוי, גלייך ער וואָלט דער ערשטער געהאַט געזען און געהערט דאָס אַלץ. באַוועגנדיק אין דער לופט מיט די הענט, ווי אַ פיש מיט די פלוס־פעדערן, האָט ער זיך געשמאָלצן פון נחת:

— און איבעראַל איז אומבאַזיגבאַר לעבן, אַלץ שטרעבט אַרויף צום הימל, צעשטערנדיק דאָס געזעץ פון ציען צו דער ערד.

טאָמילין האָט געפרעגט, רייבנדיק די הענט:

— ווי אַזוי זשע קאָנט איר עס, רעדנדיק אַזוי מליצהדיק

וועגן אייער ליבע צו אַלעם לעבעדיקן, דערהרגענען האָזן און פייגל, בלויז צוליב דעם פאַרגעניגן פון דערהרגענען? ווי אַזוי פּאַר'ט זיך דאָס?

דער שרייבער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט אַ זייט און געזאָגט ברוגזדיק:

— טורגעניעוו און ניעקראַסאָוו זענען אויך געגאַנגען אויף יאַגד. אויך ליעוו טאָלסטאָי אין דער יוגנט און בכלל — זייער אַ סך. איר זענט אַ טאָלסטאָיאַנער, צי וואָס?

טאָמלין האָט זיך צעשמייכלט און אַרויסגערופן בײַ קלימען אַ מיטפֿילנדיקן שמייכל; פֿאַר אים איז געוואָרן אַלץ מער באַלערנדיק דער אומאָפּהענגיקער מענטש, וועלכער האָט שטיל און עקשנותדיק, מיט קיינעם נישט איינשטימענדיק, געקענט רעדן דייטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך גוט געלייגט אין קאָפּ אַריין. פּיבערהאַפּט מאַכנדיק מיט די הענט, רויט ווערנדיק ביז די אַקסלען, האָט דער שרייבער דערציילט די רוסישע געשיכטע, שילדערנדיק זי אַלס שווערע און אומענדלעכע קייט פֿון קאַמישע, געמיינע און נאַרישע אַנעקדאָטן. פֿון דעם קאַמישן און נאַרישן האָט ער אַליין טאַקע דער ערשטער געלאַכט, נאָר רעדנדיק וועגן די געמיינע אכזר־יתן פֿון דער מאַכט, האָט ער צוגעדריקט צו זיין ברוסט די פויסט און געדרייט מיט איר קייגן הארץ. ס'איז תמיד איבער דער טבע געווען צו זען, ווי נאָך אַ פֿלאַמענדיקער רעדע זיינער האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלעזל בראָנפֿן, פֿאַרבייסנדיק מיט אַ פֿענעצל ברויט, געדיכט אָנגעשמירט מיט מושטאַרדע.

— לייענט „די געשיכטע פֿון דער שטאָט גלופּאָוו" — דאָס איז די אמתדיקע און ערלעכע געשיכטע פֿון רוסלאַנד, — האָט ער בעדרשנט.

מאַקאַראָוו פֿלעגט הערן דעם שרייבערס דרשות, נישט קוקנדיק אויף אים, שטאַרק צונויפּפּרעסנדיק די ליפּן, און דערנאָך זאָגן די חברים:

— וואָס נעמט ער זיך אַזוי איבער דערמיט, וואָס ער לעבט אונטער השגחה פֿון פּאָליציי? גלייך דאָס וואָלט געווען זיין פֿינף פֿאַר אויפֿפירונג.

א צווייט מאָל, באַאָבאַכטנדיק, ווי דער שרייבער דרייט זיך און קאָרטשעט זיך, האָט ער געזאָגט צו לידיען:

— איר זעט מיט וואָסער שווערקייט ס'ווערט געבוירן דער אמת?

אַנכמורענדיק זיך, האָט לידיאַ זיך אָפּגערוקט פון אים.

זי פלעגט זעלטן אַריינקומען אין אָפּיצינע; באַלד נאָכן ערשטן וויזיט, ווען זי איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אָוונט לעבן דעם שרייבערס העפּלעכער און נישט רעדעוודיקער פרוי, האָט זי פאַר־חידושט געפרעגט:

— פאַרוואָס שרייען זיי אַזוי? ס'דאַכט זיך, אַז אָט באַלד וועלן זיי אָנהייבן שלאָגן איינער דעם אַנדערן, אָבער דערנאָך זעצן זיי זיך צום טיש, טרינקען טיי, בראָנפן, שלינגען די שוואָמען...

די שרייבערקע האָט מיך די גאַנצע צייט געגלעט איבער דער פּלייצע, גלייך כ'וואָלט געווען — אַ קאַץ.

לידיאַ האָט אַ ציטער געטון און, פאַרקנייטשנדיק דעם שטערן, כמעט מיט עקל צוגעגעבן:

— און דאָ נאָך דער בויך אירער... כ'קאָן נישט פאַרטראָגן קיין טראָגנדיקע!

— איר זענט אַלע — שלעכטע! — האָט אויסגעשריגן ליובאַ סאָמאָווע. — און מיר געפעלן דידאַקטיקע מענטשן, זיי זענען פּונקט ווי די קוכערס אין קיך פאַר אַ גרויסן יום־טוב — פאַר פּסח אָדער ווייגאַכט.

קלים האָט אַ קוק געטון אויף דעם נישט שיינעם מיידעלע נישט באַגיטיקענד, ער האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז ליובאַ ווערט קלוגער און דאָס איז איבער עפּעס געווען נישט אָנגענעם. אָבער אים איז זייער געפעלן צו באַאָבאַכטן, ווי דראָנאָוו האָט אָנגעהויבן ווייניקער זיך איינצורעדן און אַ פאַראומערטקייט טרעט אַרויס אויף זיין אויסגעדאַרט, פאַרזאָרגט פּנים. צו זיינע קוויטש־קע פראַגן איז אַצינד צוגעמישט געוואָרן אַ טאָן פון דענערווירטקייט און ער פלעגט צו לאַנג און הויך לאַכן, ווען מאַקאַראָוו האָט בעתן דער־קלערן אים עפּעס אַ שפּאַס געטון:

— נו, וואָס, איוואַן, פילסטו ווי די וויסנשאַפט מאַטערט די יינגעלייט?

— אָבער פונדעסטוועגן, ברודער, וואָס זשע איז פאַרט די אינטעליגענץ? — האָט ער זיך אַלץ נאָכגעפרעגט.

דאָקטאָראַליש, מיט טאָמילינס ווערטער, האָט קלים געענט־פערט:

— די אינטעליגענץ, דאָס זענען די בעסטע מענטשן פון דער מדינה, די מענטשן, וואָס טראָגן די אחריות פאַר אַלעם, וואָס איז שלעכט אין איר...

— דאָס הייסט. דאָס זענען יענע צדיקים, צוליב וועלכע גאָט האָט מסכים געווען צו שוינען סדום, עמורה אָדער עפעס אַן אַנ־דערע משוגהדיקייט? די ראַלע — איז נישט פאַר מיר... ניין.

— ער האָט גוט געזאָגט, — האָט אַ קלער געטון קלים און, כּדי ער זאָל בלייבן באַם לעצטן וואָרט, האָט ער זיך דערמאָנט וואַראַווקעס ווערטער:

— ס'איז אויך פאַראַן אַ צווייטער בליק: אינטעליגענט — דאָס איז אַ הויך קוואַליפיצירטער אַרבעטער — און מער גאָר־נישט.

אָבער אויך דאָ האָט מאַקאַראָוו זיך משער געווען:

— ס'איז ענלעך צו וואַראַווקאָס סטיל.

דאָס געפיל פון פאַרבאָרגענער אומפריינדשאַפט צו מאַקאָ־ראָוון איז באַ קלימען געוואַקסן. צופייפנדיק הויך און עזותדיק, האָט מאַקאַראָוו געקוקט אויף אַלעם מיט אויגן פון אַ מענטש, וועל־כער איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון אַ גרויסער שטאָט אין אַ קליין שטעטל, וואו אים געפעלט גאָרנישט. ער האָט אָפט און לייכט אַרויסגערעדט פראַזן און ווערטער נישט ווינציקער אינטערעסאַנטע, ווי וואַראַווקאָ און טאָמילין. קלים האָט זיך פלייסיק באַמיט צו אַנט־וויקלען אין זיך די פעיקייט צו שאַפן אייגענע ווערטער, אָבער ער האָט כּמעט שטענדיק געפילט, אַז זיינע ווערטער קלינגען ווי אַ ווייטער עכאָ פון פרעמדע. ס'האָט זיך איבערגעחזרט דאָס איי־גענע, וואָס ס'איז געווען מיט די ביכער: קלימס דערציילונגען וועגן דעם, וואָס ער האָט געלייענט, זענען געווען אויספירלעכע,

געניע, נאָר דאָס פאַרביקע איז פאַרשוואונדן! אָבער מאַקאַראָוו האָט אפילו פרעמדס אויך געקענט זאָגן אין דער צייט און געשיקט.

איינמאָל איז ער געגאַנגען מיט מאַקאַראָוון און מיט לידיען אויף אַ קאָנצערט פון אַ פּיאַניסט, — פון די טירן פון גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ האָבן צוויי עלעגאַנטן פייערלעך אַרויסגעפירט אונטער די הענט אַן אומגעלומפּערט דיקע זקנה — די גובערנאַטאָרשע, און נישט זייער געראָטן, מיט אָנשטרענגונג, אָנגעהויבן זי אונטערהייבן אין דער קאָטש אַריין.

אַ זיפץ געבנדיק, האָט מאַקאַראָוו געזאָגט צו לידיען:

— פּושקין איז גערעכט: „די מתיקותדיקע צופּמערקזאַמקייט פון פרויען — איז כמעט דער איינציקער ציל פון אונזערע אָנשטרענגונגען”.

לידיאַ האָט פאַרזיכטיק אָדער נישט גערן אַ שמייכל געטון, און קלים האָט נאָך אַמאָל דערפילט אַ שטאָך פון קנאה.

ס'האָבן אים געערגערט די אומפאַרשטענדלעכע באַציונגען פון לידיען און מאַקאַראָוון, דאָ איז געווען עפּיס פאַרדעכטיקס; מאַקאַראָוו, צעבאַלעוועט דורך דער אויפמערקזאַמקייט פון די גימנאַזיסטקעס, האָט זיך צוגעקוקט צו לידיען מיט אַ נישט געוויינלעכער פאַר אים ערנסטקייט, כאָטש ער האָט גערעדט מיט איר פּונקט אַזוי חוזקדיק ווי מיט זיינע פאַרערערינס, לידיאַ אָבער האָט בפירוש און ניילמאָל אין זייער אַ שאַרפער פאָרם אונטערגעשטראָכן, אַז מאַקאַראָוו איז איר נישט אָנגענעם. אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט קלים סאַמגין באַמערקט, אַז זייערע צופעליקע באַגעגענישן ווערן אַלץ אָפטער, ס'איז אפילו געווען אַ סברא: זיי באַזוכן דעם שרייבערס אָפּיצינע אויך בלויז דערויף, אַז זיי זאָלן זען איינער דעם אַנדערן.

באַזונדער האָט אים באַפעסטיקט אין דעם די אויסטערלישע סצענע אין שטאָט-גאָרטן. ער איז געזעסן מיט לידיען אויף אַ באַנק אין דער אַלײע פון אַלטע ליפּעס; אַ צעקאָשמערטע זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינם כאַאָס פון בלויליכע כמאַרעס, אָנצינדנדיק זייער שווערע פּראַכט מיט אַ שאַרלאַך-רויט פייער. אויפן טייך האָבן זיך

געוויגט רויטלעך־קופּערדיקע אָפּשייַנען, ס׳האָט זיך גערויטלט דער רויך פון דער פאַבריק נאָך דעם טייַך, ס׳האָבן זיך העל צעפלאַ־קערט מיט רויט גאָלד די שויבן פון קיאָסק, וואו מען האָט פאַר־קויפט אייז־קרעם. אַ האַרבסטיקע, טרויעריקע קילקייט האָט געגלעט סאַמגינס באַקן.

קלים האָט זיך געפילט נישט גוט, צערודערט; דער קאָליר־טער טייַך האָט אים דערמאָנט באַריסעס אומקומען, אין זכרון האָט צודרינגלעך געקלונגען:

— צי איז טאַקע געווען אַ ייִנגל? אפשר איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען?

אים האָט זיך זייער געגלוסט צו זאָגן לידיען עפּעס באַ־דייטנדיקס און אָנגענעמס, ער האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרווט דאָס טון, אָבער ס׳האָט זיך אים פאַרט נישט אייַנגעגעבן אַרויסצו־פירן דאָס מיידל פון דער טיפער פאַרטראַכטקייט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן נישט אָפּגעריסן געקוקט אויפן טייַך, אויף די שאַר־לאַך־רויטע וואָלקנס. קלים האָט זיך איבער עפּעס דערמאַנט די לעגענדע, וואָס אים האָט דערציילט מאַקאַראָוו:

— דו ווייסט, — האָט ער געפרעגט, — קלימענט פון אַלעק־סאַנדריע האָט באַהויפּטעט, אַז די מלאכים, אַראָפּנידערנדיק פון די הימלען, האָבן געהאַט ראָמאַנען מיט מענטשלעכע טעכטער.

נישט אָנקוקנדיק דעם בליק פון דער ווייט. האָט לידיע געזאָגט גלייכגילטיק און שטיל:

— אַ קאָמפּלימענט פון אַ הייליקן איז נישט קיין סך ווערט, מייַן איך...

איר גלייכגילטיקייט האָט צעטומלט קלימען, ער איז אַנגז־שוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק: פאַרוואָס צעטומלט אים אַזוי אָפט דאָס דאָזיקע נישט שיינע, קאַפּריזנע מיידל? נאָר זי בלויז צעטומלט אים.

פלוצלינג איז אָנגעקומען מאַקאַראָוו, אין אַ צעקנאָדערטן שינעל, אין אַ היטל, אַראָפּגערוקט אויפן קאַרק, אין אויסגערייבענע שטיוול. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס איז גאָר וואָס

אנטלאָפן פון ערגעץ, האָט זיך זייער פאַרמאַטערט און אַצינד איז אים אַלץ איינס.

— ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין עזותדיקער צורה, — האָט אַ קלער געטון קלים.

שווייגנד אַריינרוקנדיק די האַנט דעם חבר, האָט ער זי אַ שאָקל געטון אינדערלופטן און אומגעריכט, באַר גישט קאָמיש, סאַלוטירט פאַר לידיען, צולייגנדיק זעלנעריש די פינגער צום היטל. ער האָט פאַררויכערט אַ פאַפּיראָס, דערנאָך געפרעגט לידיען, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ אויף דער שרפה פון זון־פאַרגאַנג:

— שיין?

— ווי תמיד, — האָט זי געענטפערט, זי איז אויפגעשטאַנען און גענומען אַוועקגיין, זאָגנדיק:

— איך גיי צו אַלינען...

מיט איר עלאַסטישן גאַנג איז זי אָפּגעגאַנגען אַ צוואַנציק טריט, מאַקאַראָוו האָט נישט הויך אַ זאָג געטון:

— סאַראַ דינינקע. אַ נאָדל. אַ מאָדנער פאַמיליע־נאָמען — וואַראַווקאַ...

פּלוצלינג האָט לידיאַ זיך אויסגעדרייט און אויפסניי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, לעבן קלימען.

— כ'האָב זיך מישב געווען.

מאַקאַראָוו האָט זיך פאַרריכט דאָס היטל, אַ שמייכל געטון, איינגעבויגן דעם רוקן.

און תיכּף האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס, וואָס האָט זייער שווער פאַרחידושט קלימען: מאַקאַראָוו און לידיאַ האָבן גענומען רעדן אַזוי, ווי זיי וואָלטן געהאַט שטאַרק זיך צעקריגט איינער מיטן אַנדערן און זענען צופרידן פון דער געלעגנהייט באַלד איבער צו קריגן זיך. זיי האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן בייז, גערעדט, נישט פאַרבאָרגנדיק די כוונה אַ שטאָך צו טון, באַליידיקן.

— שיין — דאָס איז יענץ, וואָס מיר געפעלט, — האָט פאַרריסן גערעדט לידאַ, און מאַקאַראָוו האָט מיט חוזק דערהייערט:

— אָבער — וואָס רעדט איר? צי איז דאָס נישט צו קנאַפּ?

— פולשטענדיק גענוג דערויף, אַז ס'זאָל זיין שיין.

זיצנדיק צווישן זיי האָט קלים געזאָגט:

— ספּענסער באַשטימט די שיינקייט...

אָבער מען האָט אים נישט געהערט. איבערהאַקנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן זיי אים געשטויסן. אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, האָט מאַקאַראָוו צוויי מאָל שמערצלעך אַ קלאַפּ געטון איבער קלימס קני. די צווייפאַרביקע, קודלעוואַטע האָר זיינע האָבן זיך קאַפּויער געשטעלט און צוגעגעבן זיין האַרבנאַזיקן פּנים אַן אומבאַקאַנטן פאַר קלימען, כמעט פאַרציקנדיקן אויסדרוק. לידאַ, ציענדיק דעם אַרבל פון קלימס שינעל, האָט פאַרשטשירעט די ציין מיט אַ נישט שיינעם שמייכל. באַ איר אויף די באַקן האָבן אויפגעפלאַמט רויטע פלעקן; די אויערן זענען געוואָרן העל-רויט, די הענט האָבן געציטערט. קלים האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזעען אַזאַ בייזע.

ער האָט זיך געפילט אין דער דערנידעריקטער לאַגע פון אַ מענטש, מיט וועלכן מען רעכנט זיך נישט. עטלעכע מאָל האָט ער געוואָלט אויפשטיין און אַוועקגיין, אָבער ער איז געזעסן, פאַרוואונדערט הערנדיק לידיען. זי האָט נישט ליב געהאַט צו לייענען קיין ביכער, — פונוואַנען ווייסט זי דאָס, וואָס זי רעדט? זי איז בכלל געווען אַ קנאַפּ-רעדעוודיקע, האָט אויסגעמיטן וויכּוחים און בלויז מיט דער הערלעך שיינער אַלינאַ טעליעפּניעוואַ, ווי אויך מיט ליובאַ סאָמאָווא, פלעגט זי שמועסן שעהנווייז, דערציילנדיק זיי, — מיט אַ האַלב קול און מיט עקל זיך פאַרקרומענדיק, וועגן עפּעס, ווייזט אויס, געהיימנישפולס. צו די גימנאַזיסטן האָט זי אויך זיך באַצויגן מיט עקל און דאָס נישט פאַרבאָרגן; קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז זי האַלט זיך פאַר עלטער פון אירע חברים מיט אַ יאָר צען. און אָט מיט מאַקאַראָוון, וועלכער האָט, לויט קלימס מיינונג, זיך געהאַלטן מיט איר חוצפּהדיק, שפּאַרט זי זיך מיט אויפרעגונג, כמעט מיט רציחה, ווי מען שפּאַרט זיך מיט אַ מענטש, וועלכן מען מוז בייקומען און דערנידריקן.

— מען דארף שוין גיין אהיים, לידא, — האט ער א זאג געטון, בייז דערמאנענדיק אן זיך.

לידיא איז באלד אויפגעשטאנען, האט קריגעריש זיך אויסגעגלייכט.

— נישט געלונגען מאכט איר אייך אריגינעל, מאקאראוו, — האט זי א זאג געטון אייליק, נאר אזוי ווי ווייכער.

מאקאראוו איז אויך אויפגעשטאנען, האט זיך א נייג געטון און צעשפרייט די האנט מיטן היטל אן א זייט, ווי עס טוען שלעכטע אקטיארן, שפילנדיק די ראלן פון פראנצויזישע מארקיזן.

אים אלס ענטפער האט דאס מיידל א ריר געטון מיט די ברעמען און איז שנעל אוועקגעגאנגען, נעמענדיק קלימען אונטער דער האנט.

— פון וואס ביסטו אזוי בייז געווארן? — האט ער געפרעגט; — צורעכט מאכנדיק די האר, וואס האבן פארדעקט איר אויער, האט זי געזאגט אן אויפגעבראכטע:

— כ'קען נישט ליידן אזעלכע... ווי הייסט עס? ניהיליסטן. מאכט אנשטעלן, רייכערט... די האר זענען בונטע, און די נאז א קרומע... מען זאגט, ער איז זייער א שמוציקער ייִנג?

נאר נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער, האט זי גלייך אנגעמערקט די מעלות פון דעם דורך איר פארמשפטן.

— אויף ליזשוועס גליטשט ער זיך גרויסארטיק.

נאך דערדאזיקער סצענע האט קלים דערפילט עפעס נאענטס צו אכטונג צו דעם מיידל, צו איר שכל, וועלכן ער האט אומגעריכט אנטדעקט. דאסדאזיקע געפיל האבן פארשטארקט די שטויסן פון לידיעס אומצוטרוי, פון דעם ביטול, מיט וועלכן זי האט אים געהערט. טיילמאל האט ער מיט מורא געקלערט, אז לידיא קאן אים צומאל בא עפעס כאפן, דעמאסקירן. ער האט שוין לאנג באמערקט, אז די גלייך־עלטערדיקע זענען געפערלעכער פון דערוואקסענע, זיי זענען כיטרער, אומצוטרוילעכער, בשעת די איינרעדעניש פון די דערוואקסענע איז אומדערקלערבאר צ. בויפגעבונדן מיט פשטות.

אבער מורא האבנדיק פאר לידיען, האט ער נישט געשפירט

קיין אומפריינדשאַפט צו איר, פאַרקערט, דאָס מיידל האָט אַרויס־גערופן אין אים אַ פאַרלאַנג צו געפעלן איר, ביייצוקומען איר אומ־צוטרוי. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט פאַרליבט אין איר און פלעגט גאַרנישט אויסטראַכטן אין דערדאָזיקער ריכטונג. ער איז נאָך פריי געווען פון פאַרלאַנג אַרומצוגיין מיט מיידלעך און סעקסועלע עמאָציעס האָבן אים נישט זייער באַאומרויקט. די גע־וויינלעכע, פּילצאָליקע ראָמאַנען פון די גימנאַזיסטן מיט די גימנאַ־זיסטקעס פלעגן באַ אים אַרויסרופן בלויז אַ פאַרגיבלעכן שמייכל; פאַר זיך האָט ער געהאַלטן אַזאַ ראָמאַן אַלס אוממעגלעך, דיענ־דיק איבערצייגט, אַז אַ יינגערמאַן, וועלכער טראָגט ברילן און לייענט ערנסטע ביכער, מוז זיין קאָמיש אין דער ראָלע פון אַ פאַרליבטן. ער האָט אפילו אויפגעהערט צו טאַנצן, געפינענדיק, אַז טאַנצן איז נידעריקער פון זיין כבוד. מיט די באַקאַנטע מיידלעך האָט ער זיך געהאַלטן טרוקן, מיט קאַלטער העפלעכקייט, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון איגאָר טוראַבאַיעוו, און ווען אַלינאַ טעליעפניעוואַ האָט מיט התלהבות דערציילט, ווי ליובאַ סאָמאָוואַ האָט אויפן גליטש זיך געקושט מיטן טעלעגראַפיסט איוואַקאָוו, האָט קלים אַנגעבלאָזן געשוויגן, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט אים חושד זיין אין נייגיריקייט צו ראָמאַנטישע נאַרישקייטן. מהאי טעמא איז ער נאָך מוראדיקער איבעראַשט געווען, דערפילנדיק זיך פאַר־ליבט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס איינמאָל, פאַרשפּע־טיקנדיק זיך צו דער לעקציע, האָט קלים סאַמגין שנעל געשפּאַנט דורך געדיכטער טריבקייט פון שניי־זאַווערוכע און איז פלוצלינג, נישט ווייט פון דעם געלן גימנאַזיע־בנין, אַרויפגעשפּרונגען אויף דראַגנאָוו, — איוואַן איז געשטאַנען אויפן פאַנעל, האַלטנדיק אין איין האַנט דאָס רעמעטל פון ראַניעץ, וואָס איז געווען אַריבערגע־וואָרפן איבער דער פּלייצע, די אַנדערע האַנט, מיטן היטל אין איר, האָט ער אַראָפּגעלאָזט פאַזע דעם קערפּער.

— מען האָט מיך אויסגעשלאָסן, — האָט ער אַרויסגעמורמלט. אויפן קאָפּ, אויף זיין פנים איז צעגאַנגען דער שניי און ס'האָט זיך

געדאַכט, אַז די גאַנצע הויט פון פּנים, פון שטערן אָן ביז דער גאָמבע, איז אויסגעווייקט פון טרערן.

— פאַרוואָס? — האָט קלים געפרעגט.

— נבלות.

קלים האָט באַמערקט:

— טו אָן דאָס היטל.

איוואַן האָט אויפגעהויבן די האַנט פאַמעלעך, גלייך דאָס היטל וואָלט געווען פון אייזן; אינעווייניק אינם היטל, איז געווען אָנגעשאָטן שניי. ער האָט אַזוי, מיטן שניי, אָנגעטון אויפן קאָפּ, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער עס ווידער אַראָפּגענומען, אָפּגעשאָקלט, און זיך געלאָזט גיין, רעדנדיק אָפּגעריסן:

— דאָס איז — רזשיגאַ. און — דער פּאָפּ. אַ שעדלעכע ווירקונג, כּלומרשט. און, בכלל, — זאָגט ער, — ביסטו, דראָנאָוו, אין גימנאַזיע אַ צופעליקע און נישט געוואונטשענע דערשיינונג. זעקס יאָר געלערנט און — נאַדיר... טאָמילין ווייזט אויף, אַז אַלע מענטשן אויף דער ערד זענען — אַ צופעליקע דערשיינונג.

קלים איז געגאַנגען אַהיים, אַקסל באַ אַקסל מיט דראָנאָוון; ער האָט אויפמערקזאַם געהערט, אָבער זיך נישט געוואונדערט, נישט מיטגעפילט, און דראָנאָוו האָט אַלץ געמורמלט, מיט שווערקייט געפינענדיק ווערטער, אויסגראַבלענדיק זיי.

— דעם קאָפּ האָבן זיי אַראָפּגענומען, די נבלות! אַ שעדלעכע ווירקונג! פּשוט, — רזשיגאַ האָט מיך געפּאַקט, בעת איך האָב זיך געקושט מיט מאַרגאַריטען.

— מיט איר? — האָט איבערגעפרעגט קלים, פאַרלאַנגזאַמענדיק דעם טריט.

— נו, יאָ... און ער, אַליין, רזשיגאַ...

אָבער קלים האָט שוין נישט געהערט. ער איז אַציגד געווען פאַרוואונדערט נישט אָנגענעם און נישט פאַרגיגעריש. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַרגאַריטען, דער נייטאָרין, מיטן קיילעכיקן, בלאַסן פּנים, מיט די געדיכטע שאָטנס אין די גריבלעך פון די טיף פאַרזעצטע אויגן. די אויגן זענען באַ איר פון אַן אומבאַשטימטן,

געלבלעכן קאַליר, דער בליק אַ האַלב־שלעפעריקער, אַ מידער. די איז שוין אוודאי נאָענט פון דרייסיק יאָר. זי גייט אין פאַרריכט דער מוטערס וועש, וואַראַוועס, זייגע; זי אַרבעט „אין די הייזער".

ס'איז געווען באַליידיקענד צו דערוויסן זיך, אַז דראַגנאָוו האָט אויך אין דער באַציונג צו אַ פרוי באַוויזן צו פאַרלויפן אים פאָרויס.

— און זי וואָס? — האָט געפרעגט קלים און זיך אָפּגע־שטעלט, נישט וויסנדיק, וויאַזוי צו זאָגן ווייטער.

— זיי זאָלן נאָר נישט געבן קיין וועלפישן בילעט, — האָט דראַגנאָוו געוואַרטשעט.

— זי דערלויבט דיר?

— ווער?

— מאַרגאַריטאַ.

דראַגנאָוו האָט אַ טרייסל געטון מיטן אַקסל, אַזוי ווי אָפּשטויסנ־דיק עמעצן און געזאָגט:

— נו, וואָסערע פרוי וועט דאָס נישט דערלויבן?

— און שוין לאַנג ביסטו מיט איר? — האָט אויסגעפרעגט קלים.

— עך, טשעפּע זיך אָפּ, — האָט געזאָגט דראַגנאָוו, ער האָט מיטאַמאָל אַריינגעדרייט הינטער אַ ראָג און איז באַלד נעלם גע־וואָרן אין דער געדיכטער שניי־קאַשע.

קלים איז געגאַנגען אַהיים. אים האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דידאַזיקע באַשיידענע נייטאָרין האָט נעקאָנט גערן קושן דראַ־גנאָוון, וואָרשיינלעכער האָט ער זי געקושט מיט געוואַלט. און — מיט גיריקייט, נאַטירלעך. קלים האָט אַזש אויפגעציטערט, פאָר־שטעלנדיק זיך, ווי קושנדיק, פּאַטשט דראַגנאָוו מיטן מויל, סמאַטשקעט.

אינדערהיים, אויסטוענדיק זיך, האָט ער דערהערט, אַז די מוטער שטודירט איין אין גאַסטצימער עפּעס אַן אומבאַקאַנטע מעלאָדיע.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט זי געפרעגט. קלים האָט דערציילט וועגן דראַנאָוון און צוגעגעבן:

— איך בין נישט געגאַנגען אויף דער לעקציע, מ׳איז דאָרט זיכער אויפגערעגט. איוואַן האָט זיך געלערנט אויסגעצייכנט, אַ סך שילער צוגעהאָלפן, ער האָט נישט ווייניק פריינד.

— ס׳איז זייער גלייך, וואָס ביסט נישט געגאַנגען, — האָט געזאָגט די מוטער; זי איז היינט, אין נייעם בלויען שלאָפראָק, געווען באַזונדער יינג און סוגעסטירנד שיין. פאַרבייסנדיק די ליפּן, האָט זי אַ בליק געטון אין שפּיגל אַריין און פאַרגעלייגט דעם זון זיך אַביסל מיט מיר.

און אַרומגייענדיק איבערן צימער מיט לייכטן, שווימענ־דיקן גאַנג, האָט זי גענומען רעדן זייער ווייך:

— רזשיגאַ האָט מיר נאָך פריער געזאָגט, אַז מיט איוואַנען וועט אויסקומען זיך צו באַגיין שטרענג. ער פלעגט ברענגען אין קלאַס אַריין עפּעס פאַרבאָטענע ביכלעך און נישט אָנשטענדיקע פאָטאָגראַפיעס. איך האָב געזאָגט רזשיגען, אַז אין די ביכלעך איז זיכער נישטאָ קיין שום ערנסטעס, ס׳איז פּשוט דראַנאָווס אַ באַרימעריי.

קלים האָט סאָליד אַריינגעשטעלט זיינע ווערטער:

— יאָ, באַרימעריי אָדער דער געוויינלעכער דראַנג פון קינ־דער און אפילו עלטערע צו פּיסטאָליעטן...

— זייער טרעפלעך, — האָט אַ לויב געטון די מוטער, שמייכלענדיק. — אָבער די פאַרייניקונג פון שעדלעכע ביכער מיט נישט אָנשטענדיקע בילדלעך, דאָס ווייזט שוין אַרויס אַ פאַרדאָר־בענע נאַטור.

— רזשיגאַ זאָגט זייער גוט, אַז די שולע איז — אַן אַנ־שטאַלט, וואו ס׳ווערט געמאַכט אַן אָפּקלייב פון מענטשן, פעיקע — אַזוי אָדער אַנדערש שענער צו מאַכן דאָס לעבן, באַרייכערן עס. און — אָט: מיט וואָס וואָלט דען דראַנאָוו געקאָנט שענער מאַכן דאָס לעבן?

קלים האָט אַ שמייכל געטון.

— ס׳איז אַ ביסל מאָדנע, וואָס דראַנאָוו און דערדאַזיקער

צעטראַגענער, האַלב משוגענער מאַקאַראַוו זענען דיינע גוטע פריינד. דו ביסט אַזוי נישט ענלעך צו זיי. דו דאַרפסט וויסן, אַז איך גלייב אין דיין פאַרשטאַנדיקייט און האָב נישט מורא פאַר דיר. איך מיין, אַז דיך ציט צו זיי זייער מכלומרשטע טאַלענטירטקייט. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז דידאַזיקע טאַלענטירטקייט איז נישט מער ווי ספּריט און געשיקטקייט.

קלים האָט איינשטימיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אים זע־נען זייער געפעלן געוואָרן דער מוטערס ווערטער. ער האָט אָנער־קענט, אַז מאַקאַראַוו, דראָנאָוו און נאָך אייניקע גימנאַזיסטן זענען קלוגער פון אים אין די רייד, אָבער ער אַליין איז זיכער געווען, אַז ער איז קלוגער פון זיי נישט אין די רייד, נאָר עפּעס גאָר אַנ־דערש, סאָלידער, טיפער.

— נאַטירלעך איז אויך געשיקטקייט — אַ מעלה. אָבער אַ צווייפלהאַפטע, זי ווערט אָפט פאַרוואַנדלט, ווייך געזאָגט, אין נישט געווויסנהאַפטיקייט. — האָט פאַרגעזעצט די מוטער און אירע ווער־טער זענען אַלץ מער געפעלן געוואָרן קלימען. ער איז אויפגע־שטאַנען, האָט זי שטאַרק אַרומגענומען בײַ דער טאַליע, אָבער תיכּף אַוועקגענומען זיין האַנט, פלוצלינג און דאָס ערשטע מאָל דערפילנדיק אין דער מוטער אַ פרוי. דאָס האָט אים אַזוי צע־טומלט, אַז ער האָט פאַרגעסן די צערטלעכע ווערטער, וועלכע ער האָט איר געוואָלט זאָגן, ער האָט אפילו געמאַכט אַ באַוועגונג אין אַ זייט פון איר, אָבער די מוטער האָט אַליין אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיינע אַקסלען און אים צוגעצויגן צו זיך, רעדנדיק עפּעס וועגן פאָטער, וואַראַווקען, וועגן די מאָטיוון פון איבעררייסן מיטן פאָטער.

— איך האָב דיר דאָס אַלץ שוין לאַנג געדאַרפט צו זאָגן, — האָט ער געהערט. — אָבער איך חזר איבער, וויסנדיק ווי דו באַ־אָבאַכטעסט און באַטראַכטסט אַלץ, האָב איך עס געהאַלטן פאַר איבעריק.

קלים האָט אַ קוש געטון איר האַנט.

— יאָ, מאַמאַ, — וועגן דעם איז איבעריק צו רעדן. דו ווייסט, איך שעץ זייער טימאָפעי סטעפּאַנאָוויטשן.

ער האָט איבערגעלעבט אַן אויפרעגונג, וואָס איז ניי געווען פאַר אים. הינטערן פענצטער האָט רוישלאָז געקאָכט אַ געדיכטע ווייסע טריבקייט, אין דער ווייכער, פאַרבלאָזער טונקלקייט פון צימער האָבן אַלע זאַכן אַזויווי זיך פאַרטראַכט, אָפּגעבלאַקירט; וואַראַווקאַ האָט ליב געהאַט בילדער, פאַרצעליי, נאָכן פאָטערס אַוועקגיין האָט אַלץ אין הויז נישט צום דערקענען זיך געענדערט, ס׳איז געוואָרן היימלעכער, שענער, וואַרעמער. די שלאַנקע פרוי מיטן טרוקענעם, שטאָלצן געזיכט איז פאַרגעקומען דעם יינגנמאַן אומגעוויינלעך נאָענט. זי האָט גערעדט מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן, אונטערקויפנד פריינדלעך, און איר שטימע האָט געקלונגען אומגעוויינלעך ווייך און דייטלעך.

— מיך באַאומרויקט לידיאַ, — האָט זי גערעדט, גייענדיק אין גלייכן טריט מיטן זון. דאָס איז אַ נישט נאָרמאַל מיידעלע, מיט שווערער אָפּגעזונדערטקייט מצד דער מוטער. דערמאָן זיך איר געשיכטע מיט טוראָבאָיעוון. נאַטירלעך, איז דאָס קינדעריש, אָבער... און צווישן מיר מיט איר איז נישטאָ די באַציונג, וואָס איך וואָלט געוואָלט.

אַ קוק טוענדיק אין זונס אויגן אַריין, האָט זי שמייכלענדיק געפרעגט:

— דו ביסט נישט פאַרליבט אין איר? אַ ביסעלע, האַ?

— ניין, — האָט אַנטשלאָסן געענטפערט קלים.

רעדנדיק נאָך אַביסל וועגן לידיען אין אַ נישט באַגייטיקענדיקן טאָן, האָט די מוטער אים געפרעגט, אָפּשטעלנדיק זיך קייגן איבער דעם שפּיגל:

— דו האָסט אוודאי נישט גענוג טאַשן־געלט?

— אַריבער גענוג...

— מיין ליבער, — האָט געזאָגט די מוטער, אַרומנעמענדיק אים, אַ קוש געבנדיק דעם שטערן. — אין דיין עלטער מעג מען שוין זיך נישט שעמען פאַר געווויסע פאַרלאַנגען.

דאָ האָט קלים פאַרשטאַנען דעם זינען פון איר פראַגע וועגן געלט, איז געדיכט רויט געוואָרן און נישט געפונען, וואָס איר צו זאָגן.

באַלד נאָכן אָפּעסן מיטאָג, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דאַך־שטיבל צו דראָנאָוון, דאָרט איז שוין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אויוון מאַקאַראָוו, לאַזנדיק צום סופֿיט שטראָמען רויך, גלעטנדיק מיטן פֿינגער די טונקעלע שאָטנס אויף דער אייבערשטער ליפּ, און דראָנאָוו, אַרונטערנעמענדיק די פֿיס אונטער זיך, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קויקע אין דער פּאָזע פֿון אַ שניידער און קוויטשעדיק געדראָט עמעצן:

— איר זאָגט ליגנט! אין אוניווערזיטעט אַריין וועל איך זיך דאָך אַריינכאַפּן.

באַלד נאָך קלימען האָט די טיר אויפֿסנײַ זיך געעפֿנט, אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין לידיאַ; זי האָט פֿאַרמרויִשעט די אויגן און געפֿרעגט:

— דאָ ווענזלט מען פֿיש?

דראָנאָוו האָט גראָב אַ געשריי געטון:

— מאַכט צו די טיר, ס'איז נישט זומער!

און מאַקאַראָוו האָט שווייגנדיק זיך פֿאַרנייגט פֿאַר דעם מיידל, פֿאַררויכערט אין דעם אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס אַ צווייטן.

— סאַראַ מיאוסער טיטון, — האָט געזאָגט לידיאַ, צוגייענדיק צום פֿענצטער, וואָס איז פֿאַרקלעפּט געווען פֿון שניי; זי האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט זייטיק צו אַלע און אָנגעהויבן אויספֿרעגן דראָנאָוון, פֿאַר וואָס מען האָט אים אויסגעשלאָסן; דראָנאָוו האָט איר געענטפֿערט אָן חשק, בייז. מאַקאַראָוו האָט באַוועגט מיט די ברעמען, געפֿינטלט מיט די אויגן און שטאַר, דורך דעם געוויקלטן רויך, זיך צוגעקוקט צום טונקל־ברוינעם פֿיגורל פֿון מיידל.

— נאָכוואָס, איוואַן, גיסטו צו לייענען נאַרישע ביכער? — האָט געזאָגט לידיאַ. — דו האָסט געגעבן ליובאַ סאָמאָווא „וואָס טון?“, אָבער דאָס איז דאָך אַ נאַרישער ראָמאַן! איך האָב אים געפּרוּווט לייענען און — נישט געקאָנט. ער איז אינגאַנצן נישט ווערט קיין צוויי בלעטלעך פֿון טורגעניעווס „ערשטע ליבע“.

— מיידלעך האָבן ליב זויער-זיסלעכס, — האָט געזאָגט מאַקאַראָװ און אַליין, אַפּנים, זיך פאַרשעמענדיק פאַר זיין נישט געלונגענעם וויץ, האָט ער גענומען פלייסיק אַראָפּבלאָזן דאָס אַש פון פּאַפּיראָס. לידיאַ האָט אים נישט געענטפערט. אין דעם, וואָס זי האָט גערעדט, האָט קלים געהערט איר פאַרלאַנג אַ שטאָך צו טון עמעצן און אומגעריכט האָט ער דערפילט זיך געטראָפן, בעת זי האָט היציק אַ זאָג געטון:

— אַ מאַנסביל, וועלכער טרעט אָפּ אַ פרוי אַ צווייטן, איז נאָטירלעך — אַ שמאַטע.

קלים האָט פאַרריכט די ברילן און באַלערנד דערמאָנט:

— פונדעסטוועגן, אויב צו נעמען די געשיכטע פון הערצענס באַציונגען...

— דעם פּלוידערזאַק „פון יענעם ברעג"? — האָט געפרעגט לידיאַ. מאַקאַראָװ האָט זיך צעלאַכט און אַ שטאָמפּער טוענדיק מיטן פּאַפּיראָס אין אַ קאַפּליע פון אויוון, האָט ער האַסטיק אַ וואַרף געטון דעם מונדשטוק צו דער טיר.

— וואָס מאַכט עס אייך אַזוי פריילעך? — האָט אַרויסרופנד געפרעגט דאָס מיידל און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט פאַר קלימען זיך איבערגעחזרט יענע סצענע, וועלכע ער האָט שוין באַאָבאַכטעט אין שטאָט-גאָרטן, אָבער אַצינד האָבן מאַקאַראָװ און לידיאַ זי אויסגעפירט אין אַ מער שאַרפן טאָן.

געשפּאַנט זיך איינהערנדיק אין זייער וויכוח, האָט קלים געהערט, אַז כאָטש זיי שרייען ווערטער געוויינלעכע, אים באַקאַנטע, לאָזט זיך דער צוזאַמענהאַנג פון דידאַזיקע ווערטער נישט אָנכאַפּן, און זייער זינען ווערט פאַרדרייט דורך יעדן פון די דיספּוטאַנטן אויף זיין שטייגער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין עצם האָבן זיי נישט וועגן וואָס צו שפּאַרן זיך, אָבער זיי האָבן זיך געשפּאַרט אויפגערעגט, רויט ווערנדיק, מאַכנדיק מיט די הענט; קלים האָט געוואַרט, אַז אין דער פאָלגנדיקער מינוט וועלן זיי באַליידיקן איינער דעם אַנדערן. די שנעלע, שאַרפע זשעסטן פון מאַקאַראָװן האָבן נישט אָנגענעם דערמאָנט קלימען דאָס פיבערהאַפטע שימערן

פון די הענט פון דעם זיך טרינקענדיקן באַריס וואַראַוויקאַ. לידיעס גרויס-אויגנדיקע געזיכט איז געוואָרן יענץ, נייע, אומבאַקאַנטע גע-זיכט, וועלכעס האָט געוועקט אומקלאָרן אומרו.

— ניין, זיי זענען נישט פאַרליבט, — האָט געטראַכט סאַמגין. — זיי זענען נישט פאַרליבט, דאָס איז קלאָר!

זיצנדיק אויף דער קויקע, האָט דראָנאָוו געוואָרפן בליקן אויף די דיספּוטאַנטן מיט לויפנדיקע אויגן און פּאַמעלעך זיך צו-געשאָקלט, זיין פלאַטשיקע פיזיאָגנאָמיע האָט פון צייט צו צייט זיך געקרומט אין אַ פאַרגיבלעכן שמייכל.

לידיאַ האָט עפּעס אַזוי פלוצלינג זיך אַ ריס געטון פון אָרט און איז אַוועקגעגאַנגען. שטאַרק אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, מאַקאַראָוו האָט אָפּגעווישט מיט דער האַנט דעם פאַרשוויצטן שטערן און אומעטיק געזאָגט:

— אַ בייזע.

פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט ער צוגעגעבן:

— אַ קלוגע. נו, צום ווידערזעען...

דראָנאָוו האָט אַ לאַך געטון הינטער אים און זייטיק זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קויקע.

— זיי קינצלען, מאַכן אָנשטעלן, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון און פאַרמאַכט די אויגן. דערנאָך האָט ער גרעבלעך אַ פרעג געטון קלימען, וועלכער איז געזעסן באַם טיש.

— וואָס זאָגסטו צו לידיען — האָסט געהערט? זי האָט גע-זאָגט מיט אַזאַ ברען: אין ליבע איז נישטאָ קיין רחמנות. הא? און, נישט איינעם וועט זי דעם קאָפּ אָפּדרייען.

דראָנאָווס גראָבער טאָן האָט נישט אויפגעבראַכט קלימען, נאָכדעם, ווי מאַקאַראָוו האָט איינמאָל געהאַט געזאָגט:

— וואַנקאַ איז, אין תוך גענומען, אַ גוטע נשמה, נאָר ער רעדט גראָב בלויז דערפאַר, וואָס ער וואָגט נישט אַנדערש צו רעדן, ער האָט מורא, אַז ס'וועט זיין נאַריש. די גראָבקייט איז באַ אים אַ צייכן פון פּאַך, ווי דער נאַרישער העלם פון אַ פייער-לעשער.

צוהערנדיק זיך צום וואָיען פון דער זאַווערוכע אין קוימען

פון אויוון, האָט דראַנאָוו פאַרגעזעצט אַלץ מיט דערזעלבער אוי־מעטיקער שטימע:

— איך האָב אַ באַקאַנטן טעלעגראַפיסט, ער לערנט מיך שפּילן אין שאַך, ער שפּילט גרויסאַרטיק. ער איז נאָך נישט קיין אַלטער, אַ יאָר פערציק אוודאי, נאָר אויסגעפּליכט, ווי אָט דער אויוון. ער האָט מיר געזאָגט וועגן פרויען: „אויס העפלעכקייט זאָגט מען — באַבאַ, אָבער וויבאַלד ערלעך זאָגן, איז — ראַבאַ*). לויטן געזעץ פון דער נאַטור דאַרף זי קינדער געבוירן, אָבער זי וויל בעסער אויסגעלאַסן לעבן".

און פּלוצלינג, אויפשפּרינגענדיק ווי אַ געקוילעטער, האָט ער געזאָגט, קלאַפּנדיק מיט דער פויסט אין דער וואַנט אַריין:

— איר זאָגט ליגנס, טייוולאָנים! אין אוניווערזיטעט וועל איך אָנקומען, טאָמילין האָט צוגעזאָגט צו העלפן...

געדולדיק אויסהערנדיק, ווי דראַנאָוו האָט געזידלט רזשיגען, די לערערס, האָט קלים ביטולדיק געפרעגט:

— ווי אַזוי איז עפּעס באַ דיר אַרויסגעקומען מיט מאַר־גאַריטען?

— וואָס איז אַרויסגעקומען? — האָט נישט באַלד זיך אָפּ־גערופן דראַנאָוו.

— נו, דאָס, — די ליבע?

— די ליבע, — האָט דראַנאָוו פאַרטראַכט איבערגעחזרט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — ס'איז אַזוי אַרויסגעקומען: מתחילת האָט מען זיך געקושט, און דערנאָך אַלעס איבעריקע. דאָס איז, ברודער, אַ קליינקייט...

ער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן דער גימנאַזיע. קלים האָט אים אַ ביסל געהערט און איז אַוועקגעגאַנגען, נישט דערוויסנדיק זיך דאָס, וואָס ס'האָט זיך געוואָלט וויסן.

ער האָט זיך געפילט אַזוי ווי צוגעקלעפּט, צוגעבונדן צו די געדאַנקען וועגן לידיען און מאַקאַראָוון, וועגן וואַראַוווקען און

---

*) באַבאַ (פאָלקסטימלעך) — אַ פרוי, ראַבאַ — אַ קנעכטין. — איבערז.

דער מוטער, וועגן דראַגאָון און דער נייטאָרין, אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיקע צודרינגלעכע געדאַנקען לעבן נישט אין אים, נאָר מחוץ אים, אַז זיי וועקן זיך בלויז פון נייגיריקייט, אָבער נישט פון עפּעס אַנדערש. ס׳איז געווען עפּעס נישט צום שלום מאַכן באַליידיקענדיקס אין דעם, וואָס עס עקזיסטירן באַציונגען און שטי־מונגען, נישט פאַרשטענדלעכע פאַר אים. די טראַכטונגען וועגן פּרויען זענען געוואָרן דאָס סאַמע ממשותדיקע פאַר אים, אין זיי האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצעווירקלעכע און וויכטיק־סטע, אַלעס איבעריקע אָבער האָט אָפּגעטרעטן ערגעץ־וואו אין אַ זייט און אָנגענומען אַן אויסטערלישן כאַראַקטער פון האַלב־חלום, האַלב־וואָר.

אַלס האַלב־חלום האָט זיך אים אויך אויסגעוויזן אַלץ, מיט וואָס מען האָט פילדערדיק געלעבט אין דער אָפּיצינע. דאָרטן האָט זיך באַוויזן אַ לאַנגהאָריקער מענטש מיט אַן איידל, בלאַס און אומבאַוועגלעך געזיכט. ער איז אַבסאָלוט, מיט גאָרנישט נישט ענ־לעך געווען צו קיין פויער, אָבער אַנגעטון איז ער געווען פויעריש־מעסיק, אין אַ גרויען קאַפטן פון היימיש־געוועבטן טוך, אין שווע־רע, וואוילאָקענע שטיוול איבער די קניען, אין אַן אָפּגעטראָגן, בלוי העמד און איך פונקט אַזעלכע הויזן. מאַכנדיק מיט די דינע הענט, צודריקנדיק זיי צו דער איינגעפאַלענער ברוסט, האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַזוי מאָדנע, גלייך מען וואָלט אים אַמאָל גע־האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער גאָמבע אריין, און פון יענער צייט אָן, ווען ער האָט נישט ווילנדיק פאַרריסן דעם קאָפּ, קאָן ער אים שוין נישט אַראָפּלאָזן און איז אויף אייביק געבייט צו קוקן אַרויף. ער האָט איינגערעדט די מענטשן זיך אָפּצוזאָגן פון דעם זונדיקן, שטאָטישן לעבן, גיין אין דאָרף אַריין און אַקערן די ערד.

— ס׳איז אַלט! — האָט געטענהט דער מענטש, וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אַם, אָפּיאָגנדיק זיך; דער שרייבער האָט אים אונטערגעהאָלפן:

— מען האָט געפּרוווט. זיך אָפּגעבריט.

דער מענטש, פאַרקליידט אַלס פויער, האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ גלח פון דער אַמבאָנע אַראָפּ.

— בלינדע! איר זענט געגאַנגען אַהין אייגנוויציק, פרעדיקן שלעכטס און געוואַלט, איך רוף אייך צו אַ זאַך פון גוטסקייט און ליבע. איך רעד מיט די הייליקע ווערטער פון מיין לערער: ווערט פראָסטע מענטשן, זייט קינדער פון דער ערד, וואַרפט אָפּ דעם גאַנצן געליישטן שקר, וועלכן איר האָט אויסגעטראַכט, וועלכער פאַרבלענדט אייך.

פון ווינקל, פון אויוון, האָט זיך דערהערט טאָמילינס קול:

— איר ווילט, אַז יובעלירן זאָלן קאָווען אַקעראייזנס? אָבער צי וועט נישט אַזאַ „פאַרפּראָסטונג" זיין — קיין פאַר־ווילדונג?

קלים האָט געהערט, אַז דעם לערערס שטימע איז געוואָרן העכער, זיינע ווערטער האָבן געקלונגען זיכערער און שאַרפער. ער איז אַלץ מער באַוואַקסן געוואָרן מיט האָר און קענטיק אַלץ מער פאַראַרעמט געוואָרן, זיין רעקל איז אויסגעריבן געווען אויף די עלנבויגנס כמעט ביז לעכער, אויף די הויזן, פון הינטן, איז אַריינגעבייט געווען אַ טונקל־גרויער דרייעק, די נאָז האָט זיך פאַר־שפיצט, דאָס פנים איז געוואָרן אַ הונגעריקס. קרום שמייכלענדיק, האָט ער אָפט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, די רויטע האָר, באַשטענ־דיק די באַקן, האָבן זיך צונויפגעפלאָנטערט מיט די האָר פון דער באָרד, מיט ביידע הענט האָט ער זיי געדולדיק אַרונטערגעוואָרפן הינטער די אויערן. ער האָט רויקער פון אַלע דיסקוטירט מיטן מענטש, דעם פאַרקליידטן אַלס פויער און מיט דעם אַנדערן, דעם פליכיקן, רויטפנימדיקן, וועלכער האָט געטענהט, אַז די אמתע דער־לייזנדיקע זאַך פאַרן פאָלק איז — קאָכן קעז און האָדעווען בינען.

קלימען האָט צעטומלט די שפע פון ווידערשפּרוכן און די עקשנות, מיט וועלכער איטלעכער פון די מענטשן האָט פאַרטיי־דיקט זיין אמת. דער מענטש, דער געקליידטער אַלס פויער, האָט שטרענג און אַפּאָסטאָליש־זיכער גערעדט וועגן טאָלסטאָיען און וועגן די צוויי געזיכטער פון קריסטוסן — דעם קירכלעכן און דעם פאָלקסטימלעכן, וועגן אייראָפּע, וועלכע גייט אונטער פון אי־

בערפלוס פון חושימדיקייט און גייסטיקער אָרעמקייט, וועגן די טעותים פון דער וויסנשאַפט, — די וויסנשאַפט האָט ער באַזונדער פאַראַכטעט.

— אין איר זענען פאַרבאָרגן אַלע יסודות פון אונזערע טעותים, אין איר איז — דער סם, וואָס מאַכט חרוב די נשמה.

פון דער סאָפע, וואָס פון צעריסענעם איבערצוג האָבן בערדיק זיך אַרויסגערוקט וואַלדהאָר, איז אונטערגעשפּרונגען אַ קליינער, באַטשוּפּרינטער פאַרשוין אין פּענסנע, און מיטן באַס, פאַרטויבנדיק אַלע שטימען, געשריגן:

— באַרבאַריזם!

— געוויס — האָט באַשטעטיקט דער שרייבער. טאָמילין האָט מיט נייגיריקייט זיך געפרעגט:

— האַלט איר טאַקע פאַר מעגלעך און דערלייזנדיק פאַר אונז דאָס אומקערן זיך צו דער וועלטאָנשויונג פון די כאַלדעישע פּאַסטוכער?

— אַ קוסטאַר! די שווייץ, — אָט! — האָט מיט אַ הייזעריק גרעבלעך קול איינגעטענהט דער פליכיקער פאַרשוין מיטן שרייבערס ווייב. — פּי-צוכט. קעז, פּוטער, פעל, האָניק, וואַלד און נידער מיט די פאַבריקן!

דער כאַאָס פון געשרייען און שמועסן איז תמיד פאַרטויבט געוואָרן דורך דעם מעכטיקן באַס פון דעם מענטש אין די פּענסנע; ער איז אויך געווען אַ שרייבער, האָט פאַרפאַסט פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע בראָשורן. ער איז געווען זייער אַ קליינער, דעריבער האָט זיין גרויסער קאָפּ מיט דער טשופּרינע טונקעלע האָר זיך אויסגעוויזן אַ פרעמדער אויף די שמאָלע אַקסלען, דאָס פּנים, צוזאַמענגעדריקט פון די האָר, שוואַך געצייכנט און בכלל איז אין אים, אין זיין גאַנצער פיגור געווען עפּעס נישט פאַרענדיקטס. אָבער זיין געדיכטער באַס האָט פאַרמאָגט אַן אומוואַרשיינלעכע קראַפט און, ווי וואַסער — קוילן, האָט ער לייכט פאַרגאָסן אַלע געשרייען. אַרויסשפּרינגענדיק אינמיטן צימער אַריין, וואַקלענדיק זיך פּונקט ווי אַ שכור, האָט ער געצייכנט מיט די הענט איינדערלופטן קרייזן און עליפּסן און גערעדט וועגן דער מאַלפּע, דעם פאַרהיס-

טאַרישן מענטש, וועגן מעכאַניזם פון וועלטאַל מיט אַזאַ איבערציי־ גונג, גלייך ווי ער אַליין וואָלט באַשאַפן דעם וועלטאַל, האָט פאַר־ זייעט אין אים דעם מילך־וועג, פונאַנדערגעשטעלט די קאָנסטעלאַ־ ציעס, אָנגעצונדן די זונען און געברענגט אין באַוועגונג די פּלאַ־ נעטן. אים האָבן אַלע געהערט אויפמערקזאַם, און דראַנאָוו — גי־ ריק אויפעפנענדיק דאָס מויל, האָט, נישט פינטלענדיק מיט די אויגן, געקוקט אין דעם נישט דייטלעכן פּנים פונם אָראַטאָר מיט אַזאַ געשפּאַנטקייט, ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז אָט, באַלד, וועט געזאָגט ווערן עפּעס, וואָס וועט אויף אייביק פאַרענטפערן אַלע פראַגן.

דאָס פּנים פון דעם מענטש, וואָס איז געקליידט געווען אַלס פּויער, איז געבליבן אומבאַוועגלעך, ס'פלעגט נאָך מער פאַרשטיי־ נערט ווערן, און, אויסגעהערט די רעדע, האָט ער גלייך אָנ־ געהויבן מיט אַ הויכן טאָן און פון דער אַמבאָנע אַראָפּ:

— כאָטש די אַסטראָנאָמען פון פאַרצייטנס זענען באַרימט מיט זייערע השערות וועגן די הימלישע סודות, רופן זיי דאָך אַרויס בלויז אַן אימה, נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז דורך זיי ווערט אָפּגעלייקנט דער יש פון ג ײ ס ט , וואָס האָט באַשאַפן דעם גאַנצן קיום...

— נישט דורך אַלע, — האָט זיך אָנגערופן טאָמילין. — בעמט פלאַמאַריאָנען.

אָבער נישט האָרכנדיק אָדער בכלל נישט הערנדיק די דער־ ווידערונגען, האָט דער טאָלסטאָיאַנער קונציק, ווי קלים האָט גע־ פונען — אויסגעמאָלט אַן אומהיימלעך בילד: אַ גרענעצלאָזע, שווייגזאַמע פינצטערניש, אין איר, ווי גאָלדענע ווערמלעך, צי־ טערן, שלענגלען זיך מילך־וועגן, ס'קומען אויף און פאַרשווינדן וועלטן.

— און צווישן די אומציילבאַרע חמרים שטערן, אַריינגע־ טריפטע אין דער אומבאַזיגבאַרער פינצטערניש, האָט זיך פאַרלוירן אונזער נישטיקע ערד, די נעסט פון צער און יסורים; נו, שטעלט זשע אייך פאָר זי און דעם גרויל פון אייער עלנד אויף איר, דעם גרויל פון אייער נישטיקייט אין דער שוואַרצער ליידי־

קייט, צווישן העל צעפלאַמטע זונען, פאַרמשפּטע צום פאַרלאָשן ווערן.

קלים האָט אויסגעהערט דידאָזיקע גרוילן גענוג רויק, בלויז פון צייט צו צייט איז אַן אומאָנגענעמע קעלט דורכגעלאָפן איבער דער הויט פון זיין רוקן. אים האָט אינטערעסירט מער דאָס, ווי אַזוי מען האָט גערעדט, ווי דאָס, וועגן וואָס מען האָט גערעדט. ער האָט געזען, אַז דער גרויסקעפּיקער, נישט דערענדיקטער שרייבער, האָט גערעדט וועגן מעכאַניזם פון וועלטאַל מיט התלהבות, אָבער אויך דער מענטש, וואָס האָט זיך פאַרשלייערט אַלס פויער, מאָלט דעם עלנד פון דער ערד אינם וועלטאַל דעסגלייכן מיט הנאה.

אויף דראַנאָוון האָבן דידאָזיקע געשפּרעכן זייער שטאַרק געווירקט. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט, איינגעשרומפּן און, אומקוקנדיק זיך, געפרעגט שטילערהייט קלימען אָדער מאַקאַראָוון:

— וועלכער איז, לויט דיין מיינונג, גערעכט, הא?

ער האָט פּיבערהאַפט געקראַצט מיטן נאָגל די לינקע ברעם און געוואָרטשעט:

— נ-יאָ, צום טייוול... מען דאַרף זיך לערנען. מיט די גראָשנס פון דער גימנאַזיע קען מען נישט לעבן.

מאַקאַראָוון האָבן אויך נישט באַפרידיקט די הייסע וויכוחים בא קאַטינען.

— זיי ווייסן אַ סך און קענען עס זאָגן, און דאָס אַלץ איז באַדייטנדיק, נאַר הגם ס'לייכט אַפילו, וואַרעמט עס אָבער דאָך נישט. און — ס'איז נישט דער עיקר...

דראַנאָוו האָט שנעל אַ פרעג געטון:

— און וואָס זשע איז דער עיקר?

— דו פרעגסט נאַריש, איוואַן! — האָט מאַקאַראָוו געענטפערט מיט פאַרדראָס. — ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט, — וואָלט איך געווען דער גרעסטער פון אַלע חכמים...

שפּעט באַנאַכט, נאָך אַ לאַנגער ווערטער-שלאַכט, זענען זיי געגאַנגען באַגלייטן טאָמילינען און דראַנאָוו האָט פאַר אים אוועקגעשטעלט זיין פראַגע:

— ווער איז גערעכט?

פאַמעלעך שפּרייזנדיק, קוקנדיק מיט די פּאַרצעלייענע אויגן אויף די שטערן, האָט טאַמילין אַן חשק אָנגעהויבן:

— דידאַזיקע פראַגע האָט נישט קיין אָרט, איוואַן. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער צוזאַמענשטויס פון צוויי געוואוינהייטן צו טראַכטן וועגן וועלט. דידאַזיקע געוואוינהייטן זענען מיט אונז פון פּאַרצייטנס און קענען לחלוטין נישט שלום שליסן צווישן זיך, זיי וועלן שטענדיק טיילן די מענטשן אויף אידעאַליסטן און מאַטער־יאַליסטן. ווער איז גערעכט? דער מאַטעריאַליזם איז — איינפאַכער, פּראַקטישער און אָפּטימיסטישער, דער אידעאַליזם איז — שיין, אָבער פרוכטלאָז. ער איז — אַריסטאָקראַטיש, מיט מער פאָדערונ־גען צום מענטש. אין אַלע סיסטעמען פון דענקען וועגן וועלט זענען פאַרבאָרגן, מער אָדער ווייניקער קונציק, עלעמענטן פון פּעסימיזם; אין אידעאַליזם זענען זיי מער, ווי אין סיסטעם, וואָס איז קעגנזעצלעך צו אים.

שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער נאָך מער פאַרלאַנגזאַמט זיין פוילן טריט, דערנאָך — געזאָגט:

— איך — בין נישט קיין מאַטעריאַליסט. אָבער אויך נישט קיין אידעאַליסט. און דידאַזיקע אַלע מענטשן...

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אַהינטער זיין אַקסל:

— זיי זענען ווייניק געבילדעט. דעריבער זענען זיי — גלויביקע. זיי חזרן איבער עם־הארציש, אומגעראָטן, פּאַרצייטישע געדאַנקען. געוויס, יעדער געדאַנק האָט אַן אומבאַדינגטן ווערט. באַ אַן ערנסטער באַציונג צו אים, קאָן ער, אפילו אַלס נישט ריכ־טיק פאָרמולירטער, — ווערן דער אויפוועקער פון אַן אומענדלע־כער ריי אַנדערע געדאַנקען; ווי אַ שטערן, וואַרפט ער פונאַנדער זיינע שטראַלן אין אַלע זייטן. אָבער דער אַבסאָלוטער, ריינער ווערט פון געדאַנק פאַרשווינדט תיכף, ווען ס'הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון פּראַקטישן עקספּלואַטירן אים. הוטן, שירמען, באַכט־מיצלעך, ברילן און קליזמעס, — אָט וואָס ס'ווערט אויסגעפאַר־

טיקט פון דעם ריינעם געדאַנק מיטן כּוח פון אונזער ציען זיך צו רו, אָרדנונג און גלייכגעוויכט.

ער איז געבליבן שטיין און אָנגעוויזן מיט דער האַנט הינ־טער זיין פּלייצע.

— כאָטש בייראָן האָט געשריבן לידער, אָבער באַ אים טרעפט מען נישט זעלטן טיפע געדאַנקען. איינער פון זיי איז: „דער דענקענדער איז ווייניקער רעאַל, ווי זיין געדאַנק". זיי, דאַרטן, ווייסן דאָס נישט.

געענדיקט האָט ער ברוגזדיק, בייז:

— דער מענטש, דאָס איז — דער דענקענדער אָרגאַן פון דער נאַטור, קיין אַנדערע באַדייטונג האָט ער נישט. מיט דער הילף פון מענטש שטרעבט די מאַטעריע צו דערקענען זיך אַליין. דערין — איז אַלץ.

ווען זיי האָבן צוגעפירט טאָמילינען ביז זיין דירה און זיך געזעגנט מיט אים, האָט דראָגאָוו געזאָגט:

— ער האָט אָנגעהויבן זיך גרויסן, גלייך מען וואָלט אים אַלס אַרכיערײ געהייליקט. אָבער אויף די הויזן איז — אַ לאַטע.

די אַלע געדאַנקען, ווערטער, איינדרוקן זענען דערגאַנגען צו קלימס באַוואוסטזיין דורך אַנדערע. אַזוי ווי שטרעבנדיק צו באַ־פרייען זיך פון דער איבער־געלאָדנקייט פון איינאַרטיקע בילדער, האָט דער זכּרון צודרינגלעך זיי אויפגעלעבט. גלייך דער זכּרון וואָלט מיט געהיימנישפולער קראַפט זיך פונאַנדערגעשפּראָצט אין אַ קוסט, אַ בליענדיקן מיט בלומען, וואָס צו קוקן אויף זיי איז אַ ביסל אַ בושה, נאָר זייער אינטערעסאַנט און אָנגענעם. אים האָט געוואונדערט, ווי פיל ער האָט געזעען אַזעלכעס, וואָס ווערט גערעכנט אַלס נישט אָנשטענדיק, פאַרשייט. ס'איז גענוג געווען, אויף אַ מינוט צו פאַר־מאַכן די אויגן און ער האָט געזעען די שלאַנקע פיס פון אַלינאַ טעליעפּניעוואַ, וואָס איז געהאַט אומגעשיקט אַנידערגעפאַלן אויף דעם גליטש, ער האָט געזעען די נאַקעטע, ענלעכע צו באַניעס, ברוסטן פון דער שלאָפנדיקער דינסט, די מוטער אויף וואַראַווקעס קניען, דעם שרייבער קאַטין, וועלכער האָט געקושט די דיקע קניען

פון דער האַלב־אַנגעטוּענער פרוי זיינער, וואָס איז געזעסן אויפן טיש.

די שטומע און ווי אַ קאַץ ווייכע פרוי דעם שרייבערס האָט אין די אָוונטן אומאויפהערלעך פונאַנדערגעגאָסן טיי. יעדעס יאָר איז זי געווען מעוברת און פריער האָט דאָס קלימען אָפּגעשטויסן פון איר, ווענקדיק אין אים אַ געפיל פון עקל; ער איז איינשטי־מיק געווען מיט לידיען, וועלכע האָט שאַרף געזאָגט, אַז אין מעוברתע פרויען איז דאָ עפּעס שמוציקס. אָבער אַצינד, נאָכדעם ווי ער האָט געזען אירע נאַקעטע קני און דאָס פּנים, שכּור פון פרייד, האָט דידאָזיקע פרוי, וואָס האָט איינאַרטיק־העפלעך געשמייכלט צו אַלע, געוועקט נייגיריקייט, און וועלכער ס׳איז שוין נישט געווען קיין אָרט פאַר עקל.

אפילו איר גרויסנאָזיקע שוועסטער, וואָס האָט זאָרגזאַם באַ־דינט די געסט, גלייך ווי אַ פאַרשולדיקטע דינסט, וועלכע מוז צו־פרידנשטעלן די באַלעבאַטים, אפילו דאָסדאָזיקע מיידל, אַן אומ־באַמערקטע, ווי טאַניאַ קוליקאָווא, האָט צוגעצויגן קלימס אויפמערק־זאַמקייט מיט איר בוזעם, וועלכער האָט שטייף אָנגעצויגן איר סי־טצענע, בונטע יאַקע. קלים האָט געהאַט געהערט, ווי דער שרייבער קאַטין האָט געשריגן אויף איר:

— איך בין נישט שולדיק דערין, וואָס די נאַטור באַשאַפט מיידלעך, וואָס קענען גאָרנישט טון, אפילו נישט מאַריגירן קיין שוואָמען...

דעמאָלט האָט דאָס הענערישע געשריי זיך אויסגעוויזן קלי־מען קאָמיש, און אַצינד האָט דאָס גרויסנאָזיקע מיידל מיט די בלע־טערלעך אויפן פּנים אים אויסגעזען אומגערעכטיק באַליידיקט און סימפּאַטיש, נישט בלויז דערפאַר, וואָס שטילע, אומבאַמערקטע מענטשן זענען אים בכלל געווען אָנגענעם: זיי האָבן וועגן גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט געפאָדערט.

איינמאָל אינאָוונט האָט קלים אַריינגעטראָגן דעם שרייבער אַ ביי בוך פון אַ זשורנאַל. — קאַטין האָט אים באַגעגנט, פאָכענדיק מיט אַ צעקנייטשטן בריוו, שרייענדיק מיט שמחה:

— צי ווייסט איר, ייִנגערמאַן, אַז אין אַ צווייי, דריי

וואָכן אַרום קומט אַהער אייער פעטער פון פאַרשיקונג ? ענדלעך, פליען זיך צונויף ביסלעכווייז די אַלטע אַדלערס !

אין דער וואַנט האָבן מיט אַ קנאַק אַ פּלאַץ געטון די טאַפּעטן, אין דעם שפּאַלט פון דער אָפּגעלענטער טיר האָט זיך אַרויסגערוקט דאָס דערשראָקענע פּנים פון שרייבערס שווע־גערין.

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן, — האָט זי אַ זאָג געטון און איז באַלד נעלם געוואָרן.

— דאָס ווייב גייט צו קינד, וואַרט צו, זי מאַכט עס באַ מיר גיך ! — האָט איילִיק אַרויסגעמורמלט קאַטין, און איז פאַר־שוואונדן אין דער שמאָלער, מיט טאַפּעטן אויסגעקלעפּטער טיר, אַ כאַפּ געטבנדיק פון טיש אַ ביליקן, בראָנזענעם לאָמפּ. קלים איז פאַרבליבן אין געזעלשאַפט פון אַ האַלב טוץ ווינער שטולן, באַם טיש, וואָס איז באַלייגט געווען מיט ביכער און צייטונגען, אַ צווייטער טיש איז געשטאַנען אינמיטן צימער, אויף אים האָט זיך דערהויבן אַן אויסגעלאָשענער סאַמאָוואַר, ס'איז געשטאַנען אומגע־וואַשן געשיר, ס'איז געלעגן אַ צענומענע צווייערדיקע ביקס. באַ דער וואַנט האָט זיך געטוליעט אַ שוואַרצע קאַנאַפּע, מיט אַרויסגע־שטרעקטע שטיקער וואַלדהאָר, און איבער איר די פּאָרטרעטן פון טשערנישעווסקין, ניעקראַסאָוון ; אין אַ גאָלדענעם באַגעט איז גע־זעסן דער פעטלייביקער הערצען, פאַרלייגט איין פוס אויף זיין קני, לעבן אים — דאָס שטרענגע, בערדיקע פּנים פון סאַלטיקאָוון. פון דעם אַלעם האָט געווייעט אויף קלימען מיט פאַראומערטער אָרעמקייט, נישט מיט יענער, וואָס האָט געשטערט דעם שרייבער צו צאָלן אין דער צייט פאַר דער דירה, נאָר מיט עפּעס אַן אַני־דערער, אַן אומהיילבאַרער, שרעקנדיקער, אָבער גלייכצייטיק רירנדיקער.

אין אַ מינוט צען אַרום איז דער שרייבער אַרויסגעשפּרונגען פון דער וואַנט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ראָג פון טיש און זיך אַ ריס געטון :

— מערקווירדיק לייכט גייט זי צו קינד, נאָר די קינדער — לעבן נישט !

און אָנבויגנדיק זיך, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אין טיש, האָט ער מיט אַ האַלב קול אייליק אָנגעהויבן רעדן:

— יאַקאָוו סאַמגין איז איינער פון יענע מאַטראָסן פון דער שיף פון דער רוסישער געשיכטע, וועלכע פּולן-אָן אירע זעגלען מיט דער אייגענער ענערגיע, כּדי צו פאַרגיכערן דעם גאַנג פון דער שיף צו די ברעגעס פון פרייהייט און אמת.

ער האָט בהדרגה אָנגערופן יאַקאָוו סאַמגינען רודער-פירער, שמיד, אַפּאָסטאָל און אויפגערעגט איבערחזרנדיק:

— ס׳פליען זיך צונויף, ס׳פליען זיך צונויף די אָדלערס! —

איז ער אויפגעשפּרונגען און נעלם געוואָרן הינטער דער טיר, פונוואַנען ס׳האָבן זיך דערטראָגן אַלץ העכערע קרעכצן. קלים איז געשווינד אַוועקגעגאַנגען, מורא האָבנדיק, אַז דער שרייבער וועט אים פרעגן וועגן זיין אָפּגעדרוקטער דערציילונג אינם זשורנאַל; די דערציילונג איז נישט בעסער געווען פון אַנדערע קאַטינס שאַפונגען, אין איר זענען געשילדערט געווען קינדיש תמימותדיקע פויערן, זיי האָבן, ווי תמיד, דערוואַרט דאָס אָנקומען פון געטלעכן אמת, דאָס האָט זיי צוגעזאָגט דער דאָרפס-לערער, דער ערלעך דענקענדיקער מענטש, וועלכן ס׳האָבן פיינדלעך פאַרפאָלגט צוויי: דער אומרחמנותדיקער בלוט-זויגער פון פאָלק און דער כיטרער פּאָפּ.

אינדערהיים האָט קלים מיטגעטיילט דער מוטער, אַז דער פעטער קומט צוריק, זי האָט שווייגנד און פרעגנדיק אַ קוק געטון אויף וואַראַווקען, און יענער האָט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ איבערן טעלער, גלייכגילטיק געזאָגט:

— יאָ, יאָ, דידאַזיקע מענטשן, וועלכע די געשיכטע האָט באַפוילן אָנצוגעבן זיך אין דימיסיע, קערן זיך אום צו ביסלעך פון די „ווייטע וואָגלעניש״. באַ מיר אין קאַנטאָר אַרבעטן דריי אַזעלכע, כ׳מוז מודה זיין, אַז זיי זענען גוטע אַרבעטער...

— אָבער? — האָט געפרעגט די מוטער, וואַראַווקאַ האָט געענטפערט:

— דאָס — דערנאָך.

קלים האָט פאַרשטאַנען, אַז וואַראַווקאַ וויל נישט רעדן אין

זיין בייזיין; ער האָט דאָס געפֿונען אַלס נישט טויבטעל, פֿרעגנדי א קוק געטון אויף דער מוטער, אָבער נישט באַגעגנט אירע אויגן; זי האָט געקוקט, ווי וואַראָווקאַ. אַ מידער, אַ צעשויבערטער, שלינגט ביז דעם וואורשט. ס'איז געקומען רזשיגאַ. נאָך אים — דער אַדוואָקאַט, כמעט ביז האַלבער נאַכט האָבן זיי און די מוטער געשפּילט, די מוזיק האָט פֿאַרשכּורט קלימען מיט אַ נאָך נישט אײַבערגעלעבטער רירונג, האָט אים געשטימט אַזוי לירישׁ, אַז ווען ער האָט, באַם געזעגענען זיך מיט דער מוטער, אַ קוש געטון איר האַנט, האָט ער, אונטערגעבנדיק זיך דער קראַפט פֿון עפּעס אַ נײַ געפֿיל צו איר, אַרויסגעפּליסטערט:

— האַרציקע מײַנע, ליבע.

די מוטער האָט שטאַרק אים אַרומגענומען, שווייגנד אַ גלעט געטון די באַק, אַ קוש געטון אין שטערן אַריין מיט הייסע ליפּן.

ווען ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַרײַן, האָט אים באַלד באַהערשט יענץ, אומבאַזיגבאַרע, מיט וואָס ער האָט געלעבט. עס האָט זיך דערמאַנט זיין אַנומלטיקער שמועס מיט מאַקאַראָוון; ווען קלים האָט אים מיטגעטיילט וועגן דראַגאָוווס ראָמאַן מיט דער גײַטאַרין, האָט מאַקאַראָוו אַ מורמל געטון:

— אַזוי גאָר? אַ נבלה...

ער האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע דריי ווערטער אָן פֿאַרדראָס און קנאה, נישט מיאוסנדיק זיך, נישט וואונדערנדיק זיך און אַזוי. אַז דאָס לעצטע וואָרט האָט אַ קלונג געטון ווי איבעריק. דערנאָך האָט ער זיך צעשמייכלט און דערציילט:

— דער באַלעבאָס פֿון מיין וואוינונג, דער פּאָטשטאַליאָן, לערנט זיך שפּילן אויף אַ פֿידל, ווארים ער האָט ליב זיין מאַמעשי און וויל זי נישט מצער זיין מיט חתונה האָבן. „אַ ווייב איז פֿאָרט אַ פֿרעמדער מענטש", זאָגט ער. „ס'פֿאַרשטייט זיך — איך וועל חתונה האָבן, אָבער ערשט נאָכדעם, ווען די מאַמעשי וועט נפֿטר ווערן". יעדן שבת באַזוכט ער אַ שאַנדהויז און, דערנאָך, אַ באָד. ער שפּילט שוין דאָס פֿינפֿטע יאָר, אָבער בלויז איבונגען און איז איבערצייגט, אַז, וויבאַלד מען האָט נישט איבערגעשפּילט אַלע

איבונגען, איז מעלאַדיעס צו שפּילן שעדלעך פאַרן געהער און פאַר דער האַנט.

מאַקאַראָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אָנגעכמורעט.

— צו וואָס דערציילסטו דאָס? — האָט געפרעגט קלים.

— איך ווייס נישט, — האָט געענטפערט מאַקאַראָוו, אויפמערקזאַם באַטראַכטנדיק דעם רויך פון פּאַפּיראָס. — ס'איז דאָ פאַראַן אַ געוויסע שייכות מיט וואַנקאַ דראָגאָוו. כאָטש וואַנקאַ זאָגט זיכער ליגנט, ער האָט נישט קיין שום ראָמאַן. נאָר מיט אויסגעלאָסענע פאָטאָגראַפיעס האָט ער טאַקע געהאַנדלט, דאָס איז אמת.

אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, האָט ער פאַרגעזעצט נישט הויך און רוגזהדיק:

— סאַראַ חיהשע שטימונג. אַלץ — איז נישט וויכטיק, אַ חוץ דעם איינעם. פילסט זיך נישט אַלס מענטש, נאָר בלויז ווי איינער פון די מענטשלעכע אָרגאַנען. ס'איז באַליידיקענד און מיאוס. גלייך ווי עפּעס אַן אינספּעקטאָר וואָלט דיר געגעבן צו פאַרשטיין: דו ביסט אַ האָן און גיי צו דיינע באַשערטע הינער. און איך — וויל און וויל נישט קיין הון. איך וויל נישט שפּילן קיין איבונגען. דו, חכם, פילסט עפּעס אַזעלכעס?

— ניין, — האָט אַנטשלאָסן ליגנט געזאָגט קלים.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. מאַקאַראָוו איז געזעסן איינגעבויגן, פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן. קלים האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף אים און געפרעגט:

— ווי אַזוי זשע באַציסטו זיך צו אַ פרוי?

— מיט געטלעכער שרעק, — האָט מרה־שחורהדיק געזאָגט מאַקאַראָוו, ער איז אויפגעשטאַנען, געכאַפּט דאָס היטל.

— כ'וועל גיין ערגעץ.

דערמאָנענדיק זיך דידאַזיקע סצענע, האָט קלים מיט אויפרעגונג זיך פאַרטראַכט וועגן טאָמילינען. דערדאָזיקער מענטש מוז וויסן און דאַרף זאָגן עפּעס באַרויקנדיקס, אַנטשיידנדיקס, וואָס וואָלט באַזייטיקט די בושה און די שרעק. עטלעכע מאָל האָט קלים — פאַרזיכטיק, אָן מאַקאַראָוו אָנגרייפנד און שאַרף גע־

פרווט פאַרפירן מיטן לערער אַ שמועס וועגן דער פרוי, אָבער טאַמילין איז געווען אַזוי מאָדנע טויב צו דערדאָזיקער טעמאַ, אַז ער האָט אַרויסגערופן באַ מאַקאַראָוון די בייזע באַמער־קונג:

— ער מאַכט זיך אַזוי, דער רויטער שד!

— ער האָט, אַפּנים, זיך אָפּגעבריט, — האָט געזאָגט דראַנאָוו, שמייכלענדיק, און דערדאָזיקער שמייכל, צווינגענדיק קלימען צו דערמאָנען זיך די סצענע אין גאָרטן, האָט באַ אים אַרויסגערופן דעם חשד:

— שוין זשע האָט ער געזעען, ער ווייסט?

בלויז איינמאָל, נאָכגעבנדיק מאַקאַראָווס עקשנותדיקן דרוק, האָט דער לערער געזאָגט גייענדיקערהייט און נישט קוקנדיק אויף די ייִנגעלייט:

— וועגן דער פרוי דאַרף מען רעדן אין פּערזן, אָן גע־ווירצן איז דידאָזיקע שפּייז נישט אָנגעמבאַר. איך — האָב נישט ליב קיין פּערזן.

— לייענט שאָפּענהויערס „מעטאַפיזיק פון ליבע", דאָרטן וועט איר געפינען אַלץ, וואָס איר דאַרפט וויסן. אַלס נישט קיין נאַרישע אילוסטראַציע צום דאָזיקן בוך קאָן דינען טאָלסטאָיס „קרייצער־סאָנאַט".

זיי, דריי, האָבן אַלץ זעלטענער באַזוכט טאַמילינען. אים האָט מען געווײַנלעך געטראָפן באַ אַ בוך, געלייענט האָט ער, אָנ־שפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אָן טיש, פאַרשטאָפּנדיק מיט די הענט די אויערן. טיילמאָל איז ער געלעגן אויף דער קויקע, איינ־געקאָרטשעט די פיס, האַלטנדיק דאָס בוך אויף די קני, אין זיינע ציין האָט געשטעקט אַ בליישטיפט. אויף אַ קלאַפּ אין דער טיר האָט ער קיינמאָל נישט געענטפערט, מען האָט געמעגט קלאַפּן דריי, פיר מאָל.

— איך בין נישט קיין פרוי — האָט ער דערקלערט, דער־נאָך צוגעגעבן: כ'גיי נישט נאַקעט.

און, אַ קלער געבנדיק, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— כ'בין נישט קיין באַווייבטער.

שפּרייזנדיק איבערן צימער, האָט ער געלערנט:

— אין דער אידעען־וועלט דאַרף מען אונטערשיידן יענע סוביעקטן, וועלכע זוכן, פון יענע, וועלכע באַהאַלטן זיך. פאַר די ערשטע איז נייטיק צו געפינען דעם ריכטיקן וועג צום אמת, וואוהין ער זאָל נישט פירן, אפילו אין תהום אַריין, צום פאַרניכטן דעם זוכער. די צווייטע ווילן נאָר באַהאַלטן זיך, באַהאַלטן זייער שרעק פאַרן לעבן, זייער נישט פאַרשטיין די סודות פון לעבן, פאַרבאָרגן זיך אין אַ באַקוועמער אידעע. דער טאָלסטאָיאַנער איז — אַ קאָמישער טיפּ, אָבער ער גיט זייער פאַרענדיקט אַ פאָרשטעלונג וועגן די מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך.

קלים האָט געזען, אַז אײַנבייגנדיק זיך, פאָלגט מאַקאַראָוו נאָך דעם לערערס פּיס, אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז טאָמילין וועט זיך אַ שטרויכל טון. ער וואַרט אומגעדולדיק. פאָרשנדיק און הויך שטעלט ער די פראַגן, גלייך ער וואָלט בדעה געהאַט אויפצוועקן אַן אײַנגעשלאָפענעם, אָבער קיין תשובות באַקומט ער נישט.

הערנדיק די רויִקע, פאַרטראַכטע שטימע פון דעם מורה־דרך, באַטראַכטנדיק אים, האָט קלים געקלערט: וואָסערע פרוי וואָלט געקאָנט ליב קריגן טאָמילינען? מסתמא אַ נישט שיינע, אַן אומבאַדייטנדיקע, ווי טאַניאַ קוליקאָוואַ אָדער ווי קאַטינס ווייבס שוועסטער, וואָס האָט אָנגעוואוירן די האָפנונג אויף ליבע. אָבער דידאָזיקע מחשבות האָבן נישט געשטערט קלימען צו כאַפּן די קופּערנע פּאַראַדאָקסן און אַפאָריזמען.

— דער וועג צום אמתן גלויבן ליגט איבער דער מדבר פון אומגלויבן, — האָט ער געהערט. — דער גלויבן, ווי אַ באַקוועמע געוואוינהייט, איז אָן אַ שיעור שעדלעכער פון צווייפל. ס'איז אַ סברא, אַז דער גלויבן, אין די העלסטע אויסדרוקן זיינע, איז אַ נישט נאָרמאַל געפיל, אפשר גאָר אַ פּסיכישע קראַנקייט; מיר זעען גלויביקע אַלס היסטאָריקער, פאַנאַטיקער, ווי סאַוואָנאַראָלאַ אָדער דער פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום, אין בעסטן פאַל זענען דאָס — שוואַכזיניקע, ווי, למשל, פראַנציסק פון אַסיז.

פון צייט צו צייט האָט דראָנאָוו געשטעלט פראַגן פון סאָ-

ציאַלן כאַראַקטער, אָבער דער לערער האָט אָדער אים נישט גע־ענטפערט, אָדער גערעדט אָן חשק און אומפאַרשטענדלעך. פון אַלע זיינע רייד איז קלימען פאַרבליבן אין זכרון בלויז איין מיינונג:

— ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז די ענערגיע פון די מענטשן, וואָס זענען פאַרייניקט אין אַן אָרגאַניזאַציע, אין אַ פּאַרטיי — פאַרגרעסערט זיך אין קראַפט. פאַרקערט: אַרויפלייגנדיק זייערע האָפנונגען, די אחריות אויף די פירער, מאַכן די מענטשן דערמיט אַליין נידעריקער הן די טעמפּעראַטור הן דעם וואוקס פון דער אייגענער ענערגיע. אַן אידעאַלע פאַרקערפּערונג פון ענערגיע איז — ראָבינזאָן קרוזאָ.

פריער פון אַלע פלעגט פון דידאַקטיקע אָפּנבאַרונגען מיד ווערן מאַקאַראָוו.

— נו, מיר דאַרפן שוין גיין, — פלעגט ער זאָגן גראָב. טאָמילין האָט געדריקט די הענט מיט דער וואַרעמער און פייכטער האַנט, פלעגמאַטיש געשמייכלט און קיינמאָל זיי נישט איינגעלאַדן צו זיך. מאַקאַראָוו האָט זיך געהאַלטן מיט טאָמילינען אַלץ ווייניקער דרך־ארצדיק, און איינמאָל, אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ פון אים, האָט ער אַ זאָג געטון אַזוי ווי בכיוון הויך:

— דער רויטער דערמאָנט מיר אַ טאַראַנטול. איך האָב נישט געזען דעמדאָזיקן שרץ, נאָר אין גאָריזאָנטאָווס אַלטער „נאַטור־געשיכטע" ווערט געזאָגט: „די טאַראַנטולן זענען נוצלעך דערמיט, וואָס ווערנדיק געשטאַנען אין אייל, דינען זיי אַלס די בעסטע רפואה קעגן די ביסן, וואָס מען באַקומט פון זיי טאַקע".

זיין בייזער וויץ האָט געמאַכט לאַכן דראָנאָוון מיט אַ נישט אָנגענעם שלוקערצדיק געלעכטער.

דערמאַנענדיק זיך דאָס אַלץ, האָט קלים פלוצלינג דערהערט אין גאַסטצימער אַן אומפאַרשטענדלעכן, אייליקן שאָרך און אַ שטילן געברום פון סטרונעס, אַזוי ווי רזשיגעס וויאָלאָנטשעל וואָלט באַכן אָפּרוען, דערמאַנט זיך איר געזאַנג איבערוונט און וואָלט אצינד געפּרווט עס איבערחזרן פאַר זיך אַליין. דערדאָזיקער געדאַנק, אַ נישט געוויינלעכער פאַר קלימען, האָט, אויפשימערנדיק, אָפּגע־

טרעטן דאָס אָרט דער שרעק פאַר דעם אומפאַרשטענדלעכן. ער האָט זיך איינגעהערט, ס׳איז קלאָר געווען, אַז די קלאַנגען זענען געבוירן געוואָרן אין גאַסטצימער, און נישט אינדערהייך, וואו טיילמאָל פלעגט לידיאַ, אפילו שפעט באַנאַכט, אַ ריר טון די סטרונעס פון קלאַוויר.

קלים האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, געגומען אין דער רעכטער האַנט אַ גימנאַסטיש געוויכט און זיך געלאָזט גיין אין גאַסטצימער אַריין, פילנדיק, אַז זיינע פיס ציטערן. די וויאָלאָנטשעל האָט געקלונגען העכער, דער שאָרך איז געווען דייטלעכער. ער האָט זיך גלייך משער געווען, אַז אינם אינסטרומענט איז דאָ — אַ מויז, ער האָט פאַרזיכטיק אים אַנידערגעלייגט מיט דער אויבערשטער דעקאַ אויף דער פאָדלאָגע און דערזעען ווי פון אונטער איר האָט זיך אַפּערגעקייקלט אַ מייזל, קליין ווי אַ שוואַרצער טאַראַקאַן.

אין דער פינצטערניש פון דער מוטערס קאַבינעט האָט ווערטיקאַל און שטייף זיך אָנגעצויגן אַ ליכטיקער פייער־פאַס, די שיין פון שלאָפצימער.

— זי שלאָפט נישט. כ׳וועל איר דערציילן וועגן מייזל.

אָבער צוקומענדיק צו דער טיר פון שלאָפצימער, איז ער צוריקגעשפרונגען: דאָס פייער פון נאַכט־לאָמפ האָט באַלויכטן דער מוטערס פנים און אַ באַקעטע האַנט, די האַנט האָט אַרומגעהאַלטן וואַראַוועקס האָריקן האַלז, זיין צעשויבערטער קאָפּ האָט זיך צוגע־טוליעט צו דער מוטערס אַקסל. די מוטער איז געלעגן מיטן פנים אַרויף, עטוואָס אויפגעעפנט דאָס מויל און, אַפנים, פעסט גע־שלאָפן; וואַראַוועקאָ האָט פייכט געכראַפּעט און איבער עפּעס זיך אויסגעוויזן קלענער, ווי ער איז געווען באַטאָג. אין דעם אַלעם איז געווען עפּעס בושהדיקס, עפּעס, וואָס האָט צעטומלט, אָבער אויך גערירט.

אומקערנדיק צו זיך, האָט קלים זיך געלייגט אין בעט אַריין, אַ טיף אויפגערודערטער. פאַר אים האָבן, איינע נאָך דער אַנדע־רער, געגומען שווימען אין דער פינצטערניש, די פיגורן פון דער דיקער ליובאַ סאָמאָוואַ, פון דער שיינער אַלינאַ מיט איר קאַפּריזיש אַרויפגעריסענער ליפּ, מיטן דרייסטן בליק פון די בלוילעכע אויגן,

מיט די פוילע באַוועגונגען און געדיכטער הערשערישער שטימע. די צום בעסטן פון אַלע באַקאַנטע פיגור פון לידיען האָט פאַר־טונקלט אירע חברטעס: קלערנדיק וועגן איר, האָט קלים זיך פאַר־לוירן אין אַ געפיל זייער אַ קאָמפּליצירטס און אומפאַרשטענדלעכס פאַר אים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז לידיאַ איז נישט שיין, אָפּט־מאָל נישט אָנגענעם, אָבער ער האָט געפילט צו איר אַן אומבאַזיג־באַרע ציונג. זיינע באַנאַכטיקע טראַכטונגען וועגן די מיידלעך האָבן אָנגענומען אַ ממשותדיקן כאַראַקטער, אויפוועקנדיק אין קערפּער אַן אומרויקע, כמעט קרענקלעכע געשפּאַנטקייט, האָט זי געצוואונ־גען קלימען צו דערמאָנען זיך דאָס אָפּשרעקנדיקע בוך פון פּראָ־פעסאָר טאַרנאָווסקין וועגן דער שעדלעכער ווירקונג פון אָנאַניזם, דאָס בוך, וועלכעס די מוטער האָט שוין לאַנג באַדעכטיק און אומבאַמערקט אים אונטערגערוקט. אויפשפּרינגענדיק פון בעט, האָט ער אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, גענומען דאָס געלע ביכעלע מענשיקאָווס „וועגן ליבע". דאָס ביכעלע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס לאַנגווייליק און נישט וועגן יענער ליבע, וועלכע האָט באַאומרויקט סאַמגינען. הינטערן פענצטער האָט דער ווינט געטרייסלט די ביימער, זייער גערויש האָט אַרויסגערופן די פאַרשטעלונג וועגן פליען פון אַ גרויסער טשאַטע פייגל, וועגן שאָרך פון פרויען־קליידער בעתן טאַנצן אויף די גימנאַזיסטישע אָוונטן, וועלכע רזשיגאַ האָט איינגע־אָרדנט.

קלים איז אַנטשלאָפן געוואָרן, ווען ס'האָט שוין געטאָגט, האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט, אַ מידער און נישט געזונטער. ס'איז זונ־טיק, ס'ענדיקט זיך שוין די שפּעטע מיטאָג־תּפילה, ס'קלינגען די גלאָקן, הינטערן פענצטער שמייסט אַן אַפּריל־רעגן, איינאַרטיק קלינגט דאָס אייזן פון דער רינ־רער. קלים האָט באַליידיקט אַ קלער געטון:

— מוז איך טאַקע איבערלעבן דאָס אייגענע, וואָס מאַקאַ־ראָוו לעבט איבער?

וועגן מאַקאַראָוון האָט מען שוין נישט געקאָנט קלערן, נישט קלערנדיק וועגן לידיען. אין לידיעס אַנוועזנהייט ווערט מאַקאַראָוו אויפגערעגט, רעדט העכער, מער עזותדיק און שפּאַטישער, ווי

שטענדיק. אָבער זיין שאַרף פּנים װערט װייכער, די אויגן שפּילן פריילעכער.

— ס'איז אמת, אַז מאַקאַראָװן װיל מען אויסשליסן פון גימ־נאַזיע פאַר שכרות? — האָט גלייכגילטיק געפרעגט לידיאַ און קלים האָט פאַרשטאַנען, אַז איר גלייכגילטיקייט איז פאַלש.

די טיר האָט זיך פּאַרזיכטיק אויפגעעפנט, ס'איז אַריינגע־קומען די נייע דינסט, אַ דיקע, אַ נאַרישע, מיט אַן אַרויפגעריסע־נער נאָז און פאַרבלאָזע אויגן.

— די מאַמעשי פרעגט, צי איר װעט טרינקען קאַװע? װאָ־רים מען װעט באַלד פרישטיקן.

דאָס װייסע פאַרטוך האָט שטייף אַרומגעצויגן איר בוזעם. קלים האָט אַ קלער געטון, אַז די ברוסטן באַ איר זענען, אפנים, פונקט אַזעלכע שטייפע און האַרטע, װי די לידקעס פון די פיס.

— כ'װעל נישט, — האָט ער בייז אַ זאָג געטון.

ער האָט פּלוצלינג איינגעפונען, אַז דער ראָמאַן פון לידיען מיט מאַקאַראָװן איז נאַרישער פון אַלע ראָמאַנען צװישן די גימ־נאַזיסטן מיט די גימנאַזיסטקעס און זיך אַ פרעג געטון:

— אפשר בין איך גאָר נישט פאַרליבט, נאָר אומבאַמערקט פאַר זיך האָב איך זיך אונטערגעגעבן דער אַטמאָספערע פון פאַר־ליבטקייט און אויסגעטראַכט אַלץ, װאָס איך פיל?

אָבער דערדאָזיקער איינפאַל האָט אים נישט באַרויקט, נאָר בלויז איבער עפּעס דערמאָנט די האַלב־צעדולטע פלוידעריי פון דעם שכורן מאַקאַראָװן; װיגנדיק זיך אויף דער שטול, באַמיענ־דיק זיך צוצוקעמען מיט ד'י פינגער די נישטגעהאָרכזאַמע, צװיי־פאַרביקע לאָקן, האָט ער גערעדט מיט אַ שװערער, שכורער צונג:

— די פיזיאָלאָגיע לערנט, אַז בלויז ביין פון אונזערע אָר־גאַנען געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון פּראָגרעסיװער אַנטװיקלונג און אַז באַ אונז זענען פאַרהאַנען אָרגאַנען אָפּשטאַרבנדיקע, רודי־מענטאַרע, — פאַרשטייסט? ס'קען זיין די פיזיאָלאָגיע זאָגט ליגנט,

און אפשר זענען באַ אונז אויך דאָ אָפּשטאַרבנדיקע געפילן־שטעל דיר פאָר, אַז די ציונג צו דער פרוי איז — אַן אָגאָני־ווירנדיק געפיל, דעריבער איז עס אַזוי קרענקלעך, עקשנותדיק, האַ? שטעל דיר פאָר, אַז דער מענטש וויל ליבן לויט טאָמילינס טעאָריע, האַ? דער מוח, דער צענטער פון פאַרשנדיקן, שאַפנדיקן גייסט, דער טייוול זאָל אים נעמען, הייבט שוין אָן צו פאַרשטיין די ליבע, ווי אַ פאַרורטייל, האַ? און אפשר איז דער אָגאָניזם, דער האָמאָסעקסואַליזם, אין זייער עצם אַ שטערונג צום באַפרייען זיך פון דער פרוי? נו? ווי מיינסטו?

ער האָט געפרעגט דעמאָלט, ווען קלימען האָבן נאָך נישט באַאומרויקט דידאָזיקע שאלות און די שכורע רייד פונם חבר האָבן בלויז געוועקט באַ אים אַ געפיל פון עקל. אָבער אַצינד האָבן די ווערטער „באַפרייונג פון דער פרוי” זיך אויסגעוויזן אים אַלס נישט נאַרישע, און ס׳איז כמעט אָנגעגעבן געווען צו דערמאָנען זיך, אַז מאַקאַראָוו טרינקט אַלץ מער, כאָטש ער ווערט כלומרשט רויקער, און איז טיילמאָל אַזוי פאַרזונקען און פאַרטראַכט, גלייך אים וואָלט פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט אַ בלינדקייט און טויבקייט. קלים האָט באַמערקט, אַז בעת מאַקאַראָוו פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, פאַרלעשט ער נישט דאָס שוועבעלע, נאָר לאָזט עס זאַרגפעלטיק אויסברענען אין אַש־טעצל ביזן סוף אָדער ער וואַרט־צו ביזוואַנען עס ברענט זיך אויס אין זיינע פינגער, האַלטנדיק עס פאַרזיכטיק באַם אָפּגע־ברענטן עק. פיל מאָל איז די אָפּגעבריטע הויט אויף זיינע צוויי פינגער פאַרטונקלט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, פונקט ווי באַ אַ שלאָסער.

קלים האָט נישט געפרעגט, צוואָס ער טוט דאָס, ער האָט בכלל געהאַלטן פאַר גלייכער צו באַאָבאַכטן, און נישט אויסצו־פרעגן, געדענקענדיק דראָנאָווס נישט געלונגענע פּרוון און וואַ־ראַווקאַס טרע־לעכע ווערטער:

— נאַראָנים שטעלן שאלות אָפּטער, ווי בייגיריקע מענטשן.

אַצינד האָט מאַקאַראָוו זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ בוך פון עפּעס אַן אַנאָנימען מחבר, וועלכעס האָט געהייסן „די פרויען־

טריומפן". ער האָט אַזוי פלאַמענדיק און התלהבותדיק געלויבט עס, אַז קלים האָט באַ אים גענומען דאָסדאָזיקע דיקע בוך, אויפמערק־זאַם עס דורכגעלייענט, אָבער נישט געפונען דערין גאָרנישט, וואָס זאָל ווערט זיין אַנטציקונג. דער אויטאָר האָט לאַנגווייליק דערציילט וועגן דער ליבע פון אָווידיוש און קאָרינע, פעטראַרקאַ און לאַורען, דאַנטע און בעאַטריטשען, באָקאַטשיאָ, פיאַמעטאַ; דאָס בוך איז פול געווען מיט פּראָזאַישע איבערזעצונגען פון עלעגיעס און סאָנעטן. קלים האָט לאַנג און פאַרדעכטיק געקלערט: מיט וואָס זשע האָט עס זיך אין דעם אַלעם עקזאַלטירט דער חבר? און נישט אַנט־דעקנדיק גאָרנישט, האָט ער געפרעגט מאַקאַראָוון.

— דו האָסט נישט פאַרשטאַנען? — האָט יענער זיך פאַר־וואונדערט און אויפעפנענדיק דאָס בוך, האָט ער איבערגעלייענט איינע פון די ערשטע פראַזן פון מחברס פאָרוואָרט:

— „דער נצחון איבערן אידעאַליזם איז אין דערזעלבער צייט געווען דער נצחון איבער דער פרוי". אָט דאָס איז — אמת! די הויכקייט פון דער קולטור ווערט באַשטימט דורך דער באַציונג צו דער פרוי, — פאַרשטייסט?

קלים האָט באַשטעטיקנד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אָבער באַלד דעם, אַ בליק געבנדיק אין מאַקאַראָווס שאַרפן פנים אַריין, אין זיינע שיינע, עזותדיקע אויגן, האָט ער גלייך תופס געווען, אַז די „פרויען־טריומפן" זענען נייטיק מאַקאַראָוון צוליב די ציינישע פריי־הייטן פון אָווידיושן און באָקאַטשיאָן, און נישט צוליב דאַנטע און פעטראַרקען. ס'איז אָן ספק, אַז דאָסדאָזיקע ביכל איז נייטיק בלויז דערויף, כדי אָנצוסטראָיען לידיען אויף אַ באַשטימטן אופן.

— ווי אַלץ איז פשוט, אין תוך גענומען, — האָט ער אַ קלער געטון קוקנדיק פון אונטערן שטערן אפער אויף מאַקאַראָוון, וועלכער האָט הייס גערעדט וועגן די טרובאַדורן, טורנירן, דועלן.

ווען קלים איז אַריינגעקומען אין עסצימער, האָט ער דער־זען די מוטער; זי האָט זיך באַמיט און נישט געקענט עפענען דאָס פענצטער, און אינמיטן צימער איז געשטאַנען אָן אָרעם אָנ־געטוענער מענטש, אין שמוציקע און לאַנגע, ביז די קני, שטיוול,

ער איז געשטאַנען, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ, צעעפֿנט דאָס מויל און געשאָטן אויף דער צונג, וואָס איז געווען אַרויסגעשטעקט, אויסגעבויגן ווי אַ שיפֿעלע, אַ ווייסן פּראָשעק פֿון אַ פּאַפּירל.

— דאָס איז — דער פֿעטער יאַקאָוו, — האָט אייליק אַ זאָג געטון די מוטער. — כ'בעט דיך, עפֿן דאָס פֿענצטער!

קלים איז צוגעגאַנגען צום פֿעטער, האָט זיך פֿאַרנייגט, אויסגעשטרעקט די האַנט און זי אַראָפּגעלאָזט: יאַקאָוו סאַמגין, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ גלאָז וואַסער, האָט מיט די פֿינגער פֿון דער אַנדערער האַנט צונויפֿגעקאָלערט פֿון דעם פּאַפּירל אַ קײַלעכל און, באַלעקנדיק די ליפּן, געקוקט אין פּלימעניקס פּנים אַרײַן מיט אַ נישט באַטירלעך גלאַנציקן בליק פֿון די גראָע אויגן מיט געשוואָלענע לעפֿלעך. טוענדיק אַ שלינג וואַסער, האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפֿן טיש, אַוועקגעוואָרפֿן דאָס פּאַפּירענע קײַלעכל אויף דער פּאָדלאָגע און אַ דריק געבנדיק דעם פּלימעניקס האַנט מיט דער טונקעלער, בײַניקער האַנט, געפֿרעגט טויב:

— דאָס איז — דער צווייטער? קלים? און דמיטרי? אַהאַ. אַ סטודענט? אויף נאַטורוויסנשאַפֿט, געוויס?

— רעד העכער, איך ווער טויב פֿון דער כינע, — האָט יאַקאָוו סאַמגין באַמערקט קלימען; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, אָפּגערוקט מיטן עלנבויגן דאָס געשיר, אָנגעצייכנט מיטן פֿינגער אויפֿן טישטוך אַ קרײַז.

— הייסט עס — קיין מעלדונגס-דירה — איז נישטאָ? און קיין קרײַזלעך איז אויך — נישטאָ? מאָדנע. וואָס-זשע טוט מען אַצינד?

די מוטער האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען, צונויפֿגעפּרעסט די ברעמען אין איין ליניע. נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף איר ענטפֿער, האָט סאַמגין געזאָגט צו קלימען:

— דו וואונדערסט זיך? האָסט נישט געזען אַזעלכע? איך, ברודער, האָב אָפּגעלעבט צוואַנציק יאָר אין טאַשקענט און אין סעמיפּאַלאַטינער קאַנט, צווישן מענטשן, וועלכע מען קען באמת אָנרופֿן ווילדע. יאָ. מיך, אין דײַנע יאָרן, האָט מען גערופֿן „L'homme qui rit”.

קלים האָט באַמערקט, אַז דער פעטער האָט אַרויסגערעדט:
— ליאַם.
— כ׳האָב קאַנאַלן געגראָבן. אַריקעס. דאָרטן, ברודער, איז פיבער.
אַרומקוקנדיק דאָס עסצימער, האָט דער פעטער שטאַרק אַ רייב געטון די באַק.
— הם, רייך געוואָרן איוואַן. וויאַזוי? ער האַנדלט?
און נאָכאַמאָל אַרומנעמענדיק דאָס צימער מיט אַן אַרומטאַפּנ־דיקן בליק, האָט ער עס פאַרבלאָזן געמאַכט אין קלימס אויגן:
— ממש אַ בופעט אויף אַ וואָקזאַל.
ער האָט אַריינגעבראַנגט אין עסצימער אַ ריח פון שווייסיק לייב און נאָך עפּעס אַן אַנדערן, אויך אַזאַ שווערן. אויף די בייגער פון זיינע אַקסלען איז געהאָנגען אַ ברייטע מאַרינאַרקע פון אייזן־פאַרב, צעשפּיליעט אויף דער ברוסט; זי האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויליך העמד פון גראָבער לייוונט; אויפן געקנייטשטן האַלז אונ־טער דעם שפּיציקן האַלז־קנאָפּ, איז דאָס רויטע, זיידענע טיכל צונויפגעוויקלט געווען אין אַ קלימפּ, דאָס טיכל איז געווען אַלט און צעהאַקט אין די קנייטשן. דאָס פּנים פון ערד־קאָליר, די גרייז־גרויע שיטערע נאָדלען פון די אונטערגעשוירענע וואָנסעס, דער נאַקעטער, פאַרקאָפּטשעטער שאַרבן מיט די רעשטלעך געקרייזלטע האָר אויפן קאַרק, הינטער די טונקעלע, לעדערנע אויערן, — דאָס אַלץ האָט אים ענלעך געמאַכט צו אַן אַלטן סאָלדאַט און צו אַ דעמיסיאָנירטן מאָנאַך. אָבער די ציין זיינע האָבן געגלאַנצט ווייס און יינג און דער בליק פון די גראָע אויגן איז געווען לויטער. דערדאָזיקער אַ ביסל צעשטרייטער, נאָר פאַרטראַכט דערמאָנענדי־קער בליק פון אונטער די געדיכטע ברעמען און אונטער די טיפע קנייטשן פון שטערן, האָט זיך אויסגעוויזן קלימען ווי אַ בליק פון אַ מענטש אַ האַלב־דולן. בכלל איז דער פעטער געווען עפּעס אַזאַ שרעקנדיק צופעליקער און פרעמדער, אין עסצימער האָט דאָס מעבל אין זיין אָנוועזנהייט אָנגעוואוירן דאָס סאָלידע אויסזעען, ס׳האָבן אָפּגעבלאַקירט די בילדער, פיל זאַכן, שווער ווערנדיק, זענען געוואָרן איבעריק און קווייַלנדיק. דעם פעטערס שאלות האָבן

געקלונגען ווי די פראגן פון אן עקזאמענאטאר, די מוטער איז געווען אויפגערעגט, האט געענטפערט קורץ, טרוקן און אזוי ווי שולדיק.

— נו, וואס זשע, וואס פאר א קרייזלעך זענען פארהאן בא אייך אין גימנאזיע? — האט קלים געהערט און זייענדיק שלעכט אינפארמירט, האט ער נישט זיכער, אבער דרך־ארצדיק, ווי רזשי־גען, געענטפערט:

— טאלסטאיאנער. דערנאך — עקאנאמיסטן... א ביסל.

— דערציילן! — האט באפוילן דער פעטער. — די טאל־סטאיאנער זענען — א סעקטע? איך האב געהערט: זיי ארדנען איין קאלאניעס אין די דערפער.

ער האט א שאקל געטון מיטן קאפ.

— דאס איז געווען. מיר האבן דאס געטון. סעקטאנטן קען איך דאך, כ׳בין געווען א פראפאגאנדיסט צווישן די מילך־עסערס אין סאראטאווער גובערניע, וועגן מיר, זאגט מען, האט געשריבן סטעפניאק, — קראוושינסקי, — דו ווייסט? גוסיעוו — דאס בין איך טאקע.

ס׳איז גוט, וואס פרעגנדיק, האט ער נישט געווארט אויף קיין ענטפערס. אבער וועגן די טאלסטאיאנער האט ער פונדעסט־וועגן אנגעהויבן זיך אויסצופרעגן קאטעגארישער:

— נו, וואס זשע טוען זיי? נו — קאלאניעס, און — דער־נאך?

קלים האט זייטיק א בליק געטון אויף דער מוטער, וואס איז געזעסן באם פענצטער; ס׳האט זיך געוואלט פרעגן: פארוואס זשע דערלאנגט מען נישט קיין פרישטיק? אבער די מוטער האט ארויס־געקוקט דורכן פענצטער. דעמאלט, מורא האבנדיק ארייננצופאלן אין א פארלעגנהייט, האט ער מיטגעטיילט דעם פעטער, אז אין דער אפיצינע וואוינט א שרייבער, וועלכער קאן דערציילן וועגן די טאלסטאיאנער און וועגן אלעם בעסער, ווי ער, ווארים ער איז אזוי פארנומען מיט דער לערע, אז...

— אונז פלעגט דאס לערנען נישט שטערן, — האט תרעומות־

דיק באַמערקט דער פעטער, אַרויפרייסנדיק די גרייז־גרויע ליפּ, און אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן שרייבער.

— קאַטין? איך ווייס נישט.

אים איז זייער געפעלן געוואָרן, וואָס דער שרייבער לעבט אונטער פאָליציי־השגחה, ער האָט אַ שמייכל געטון:

— אהאָ, הייסט עס פון די ערלעכע. אין מיין צייט האָבן ערלעך געשריבן אַמולעווסקי, ניעפעדאָוו, באָזשין, סטאַניוקאָוויטש, זאַסאָדימסקי, ס׳איז געווען אַ לעוויטאָוו, דאָס איז — אַ פלאַפלער. סליעפּצאָוו, — מיט דער פלוידעריי... אוספּיענסקי, אויכעט. זיי זענען געווען צוויי, די אוספּיענסקיס, איינער — אַ דרייסטערער, דער צווייטער — אַזוי זיך, מיט אַ שמייכעלע.

ער האָט זיך פאַרקלערט און פלוצלינג געפרעגט די מוטער:

— כ׳האָב פאַרגעסן: איוואַן ׳האָט מיר געשריבן, אַז ער איז זיך מיט דיר צעגאַנגען. מיט וועמען זשע לעבסטו, וויערא, הא? מיט אַ רייכן, אפנים? אַן אַדוואָקאַט, וואָס? אהאָ, אַן אינזשיניער. אַ ליבעראַל? הם... און איוואַן, זאָגסטו, איז אין דייטשלאַנד? פאַרוואָס זשע נישט אין דער שווייץ? ער היילט זיך? ער היילט זיך בלויז? ער איז געווען אַ געזונטער. נאָר — אין פּרינציפּן נישט פעסט. דאָס האָבן אַלע געוואוסט.

גערעדט האָט ער הויך, פונקט ווי אַ טויבער, זיין באַסאָווע שטימע האָט געקלונגען הערשעריש. דער מוטערס קורצע ענטפערס זענען אויך געוואָרן אַלץ העכער, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך עטלעכע מינוט וועט זי אָנהייבן שרייען.

— ווי אַלט ביסטו — פינף און דרייסיק, זיבן און דרייסיק? זעסט אויס יינג, — האָט גערעדט יאַקאָוו סאַמגין און פלוצלינג אַנטשוויגן ווערנדיק, אַרויסגענומען פון מאַרינאַרקע־קעשענע אַ פּראַ־שעק, אים אייגענומען, פאַרטרונקען מיט וואַסער און, אַנטשלאָסן צוועקשטעלנדיק דאָס גלאָז אויפן טיש, באַפוילן קלימען:

— נו, פיר מיך אריין צום שרייבער. אין מיין צייט האָבן די שרייבערס געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג...

איבערן הויף איז דער פעטער יאַקאָוו געגאַנגען, פּאַמעלעך

זיך אומקוקנדיק, ווי אַ מענטש אַ פאַרבלאָנדזשעטער, וואָס פּרוּווט זיך דערמאָנען עפּעס לאַנג פאַרגעסנס.

— דאָס הויז איז — איוואַנס, אַן אייגנס?

— דעם זיידנס, נאָר וואַראָווקאַ האָט עס געקויפט...

— ווער?

קלים האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו ענטפערן, דעמאָלט האָט דער פעטער, אַ בליק געבנדיק אים אין פּנים אַריין, אַליין געענטפערט:

— כ׳פאַרשטיי, — דער מוטערס מאַן. וואָס זשע ביסטו אַזוי צעמישט געוואָרן? דאָס איז — אַ געוויינלעכער ענין. פרויען האָבן דאָס ליב — גרויסאַרטיקייט און אַזוי ווייטער. סאַראַ עלעגאַנט דו ביסט, ברודער, — האָט ער ראַפּטום פאַרענדיקט.

קאַטין האָט באַגעגנט סאַמגינען מיט דרך ארץ, ווי אַ טאַטן און התלהבותזיק, פּונקט ווי אַ ייִנגל. שמייכלענדיק, זיך בייגנדיק, האָט ער געטרייסלט מיט ביידע הענט די טונקעלע האַנט און איי־ליק גערעדט:

— איך האָב אייך געזען דורכן פענצטער און גלייך דערפילט: דאָס איז — ער! מיר האָט סאַראַכאַנאָוו געשריבן פון סאַראַטאָוו...

דער פעטער יאַקאָוו האָט שמייכלענדיק באַטראַכט די אָרעמע וואוינונג און קלים האָט באַלד באַמערקט, אַז דאָט טונקעלע, גע־רונצלטע פּנים זיינס איז אַזוי ווי ליכטיקער, ייִנגער געוואָרן.

— נו, נו, — האָט ער געזאָגט, אַנידערזעצנדיק זיך אויף דער אָפּגענוצטער קאַנאַפּע. — אַזוי איז עס. יאָ. אין סאַראַטאָוו איז פאַרהאַן עמעצער. אין סאַמאַרע זענען עפּעס אַזעלכע... כ׳פאַרשטיי נישט. סימבירסק איז — ווי אַ נישט באַוואוינטע דירה.

ער האָט אויסגערעכנט נאָך עטלעכע שטעט בײַ דער וואָלגע און לסוף געפרעגט:

— נו, און ווי איז בײַ אייך? רעדט העכער און נישט גיך, איך הער שלעכט. די כינע מאַכט טויב, — האָט ער געזאָגט און גלייך ער וואָלט נישט געהאָפט, אַז מען וועט אים פאַרשטיין, האָט ער אויפגעהויבן די הענט און אַ ריר געטאָן מיט די פינגער

זיינע אויערן; קלים האָט אַ קלער געטון, אַז דידאַזיקע פון דער זון אָפּגעברענטע, טונקעלע אויערן דאַרפן קנאַקן פון צורירן זיך צו זיי.

דער שרייבער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן לעבן פון דער אינטעליגענץ מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וועלכער האָט מורא, אַז מען קאָן אים אין עפּעס באַשולדיקן. ער האָט פאַרלעגן געשמייכלט, צעפּירט מיט די הענט, אָנגערופן די פּאַר קלימען האַלב־באַקאַנטע נעמען פון זיינע פריינט און מיט צער צוגעגעבן:

— ער אַרבעט אויך אין „זעמסטוואָ", אַ סטאַטיס־טיקער.

— אין „זעמסטוואָ" — דאָס איז גוט, — האָט באַגיטיקט דער פּעטער יאַקאָוו, נאָר צוגעגעבן: — אָבער דאָס איז ווייניק.

דערנאָך, אַרויסבייגנדיק דעם האַלז־קנאָפּ, האָט ער געזאָגט, אָפּזיפּצנדיק:

— איר זענט פאַרווילדעט געוואָרן.

— דאָס ווערט איצט אָנגערופן קלוג־ווערן, האָט שולדיק דערקלערט קאַטין. — ס'איז אפילו דאָ אַ דערציילונג אויף דער טעמע פון פאַררעטן די פאַרגאַנגענהייט; זי הייסט טאַקע אַזוי: „קלוג געוואָרן". באַבאָריקין האָט אָנגעשריבן.

— באָבאָריקין איז — אַ פּלוידערזאַק! — האָט אַנטשלאָסן דערקלערט דער פּעטער, אויפהייבנדיק די האַנט. — איר טוט אים נישט נאָך, איר זענט — אַ ייִנגער. מען טאָר נישט נאָכטון באָבאָריקינען.

ס'האָט שטיל זיך געעפנט די טיר, נישט דרייסט איז אַריינ־געקומען דעם שרייבערס ווייב, ער איז אויפגעשפּרונגען, זי אָנגע־כאַפּט בײַ דער האַנט:

— דאָס איז מיין ווייב, יעקאַטערינאַ, קאַטיאַ.

יאַקאָוו סאַמגין האָט פריינדלעך באַטראַכט די פרוי, אַ שמייכל געטון:

— פּאָפּאָוונאַ, יאָ?

— יאָ!

— דער אַנבליק! מען קען קיין טעות נישט האָבן. און קינ־דער איז דאָ?

— אַלע שטאַרבן.

— הם... און וואָס לייענט אַצינד די יוגנט?

קאַטין האָט גענומען רעדן שטילער, ווייניקער לעבהאַפט. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז נישט געקוקט איף דער שמחה, מיט וועלכער דער שרייבער האָט מקבל פּנים געווען דעם פּעטער, האָט ער מורא פאַר אים, ווי אַ תלמיד פאַרן דערציער. און דעם פּע־טער יאַקאָוס כריפּענדיקע שטימע איז געוואָרן שטאַרקער, אין זיינע ווערטער האָט זיך באַוויזן אַ שפּע פון קנאַלנדיקע קלאַנגען.

קלימען האָט זיך געגלוסט אַוועקצוגיין, אָבער ער האָט גע־פונען, אַז ס׳וואָלט געווען נישט באַקוועם איבערצולאָזן דעם פּעטער. ער איז געזעסן אין ווינקל באַם אויוון, באַאָבאַכטנדיק, ווי דעם שרייבערס ווייב גייט אַרום טיש, שטיל צעשטעלנדיק דאָס טיי־געשיר און וואַרפנדיק בליקן אויפן גאַסט מיט דערשראָקענע אויגן.

זי האָט אפילו אַ ציטער געטון, ווען דער פּעטער יאַקאָוו האָט געזאָגט:

— קיין רעוואָלוציע מאַכט מען נישט מיט קיין אַב־טראַקטן.

קלים האָט זיך דערפרייט, ווען ס׳איז אַריינגעקומען די דינסט און אים אַריינגערופן פרישטיקן. דער פּעטער יאַקאָוו האָט זיך אָפּ־געזאָגט פון דער איינלאַדונג:

— איך דערנער זיך בלויז מיט געקאָכטער רייז, מיט טיי, מיט ברויט. און ווער פרישטיקט עס אַרום צוויי אַ זייגער? — האָט ער געפרעגט, אַ קוק געבנדיק אויפן וואַנט־זייגער.

אין שטוב, אין עסצימער, איז וואַראַוואָקאַ אַרומגעגאַנגען אָנ־געכמורעט, צעקעמענדיק די באָרד מיט אַ שוואַרץ קעמל; ער האָט באַגעגנט קלימען מיט דער פראַגע:

— און דער פּעטער?

— ער דערנערט זיך נאָר מיט געקאָכטע רייז.

שווייגנד האָט מען זיך געזעצט צום טיש. אָפּזיפּצנדיק, האָט די מוטער געפרעגט:

— ווי געפעלט ער דיר?

אויפכאַפּנדיק די שטימונג, האָט קלים געענטפערט:

— אַן אויסטערלישער...

די מוטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָנלען פון דער שטול, פאַרזשמורעט די אויגן, זאָגנדיק:

— פּונקט ווי אַ געשפּענסט.

— אַ הונגערנדיקער הינדוס, — האָט זי אונטערגעהאַלטן דעם זון.

ער איז אַלט נישט מער פון פינפציק יאָר, — האָט אויפן קול געטראַכט די מוטער. ער איז געווען אַ פרייליכער, אַ טענצער, אַ וויצלער. און פּלוצלינג איז ער אַוועקגעגאַנגען צום פאָלק צו די סעקטאַנטן. דאַכט זיך, ער האָט געהאַט אַן אומגליקלעכן ראָמאַן.

וואַראַוווקאַ האָט אָפּגעווישט די באָרד, מילד אָנגעגאָסן אַלעמען ווייַן אין די גלעזער.

— באַ זיי, באַ אַלע איז אַן אומגליקלעכער ראָמאַן מיט דער געשיכטע. די געשיכטע, דאָס איז — אַ מעסאַלינאַ, קלים, זי האָט ליב פאַרבינדונגען מיט יינגעלייט, אָבער — קורצע. ס'באַווייזט נישט דער יינגער דור גענוג זיך אָנצושפּילן, אָנצוטרוימען מיט איר, ווי אויף זיין אָרט שטייען שוין אויף נייע געליבטע.

ער האָט שטאַרק אָפּגעווישט די באָרד מיט אַ סערוועטקע און האַרטנעקיק אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין, אַז געשיכטע מאַכן נישט די הערצענס, נישט די טשערנישעווסקיס, נאָר די סטעפּענסאָנס און די אַרקרייטס און אַז אין אַ לאַנד, וואו דאָס פאָלק גלייבט אין שדים, אין כשופמאַכערס, און די ערד גראַבלט מען מיט אַ הילצערנער סאָכע, וועסטו מיט קיין לידלעך גאָרנישט אויפטון.

— קודם כל איז נייטיק אַ גוט אַקעראייַז, און דערנאָך ערשט — אַ פּאַרלאַמענט. עזותדיקע ווערטלעך קאָסטן ביליק. מען דאַרף רעדן מיט ווערטער, וועלכע זאָלן, איינשטעלנדיק די אינ-

סטינקטן, ווען דעם פאַרשטאַנד, — האָט ער געשריגן אַלץ מער, איבער עפּעס אויפרעגנדיק זיך און רויט ווערנדיק. די מוטער האָט פאַרזאָרגט געשוויגן, און קלים האָט נישט ווילנדיק פאַרגליכן איר שווייגן מיט דער שרעק פון שרייבערס ווייב. אין וואַראַווקאַס ראַפּ־טומדיקער דענערווירטקייט איז אויך געווען עפּעס בשותפותדיקס מיט קאַטינס אויפגערעגטן טאָן.

— איך קלער אָפּצוגעבן אים דאָס דאַך־שטיבל, האָט געזאָגט די מוטער.

— און — דראָאָוו? — האָט געפרעגט וואַראַווקאַ.

— יאָ... כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי...

וואַראַווקאַ האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— ווי דו ווילסט?

אָבער דער פעטער יאַקאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו וואוינען אין דאַך־שטיבל.

— פאַר מיר איז שעדלעך צו קלעטערן אויף טרעפּ. ס׳טוען מיר וויי די פיס, — האָט ער געזאָגט און זיך באַזעצט באַם שרייבער אין קליינעם צימערל, וואו ס׳האָט געוואוינט זיין ווייבס שוועסטער. די שוועסטער האָט מען איינגעאָרדנט אין אַ קאַמער. די מוטער האָט געפונען, אַז מצד דעם פעטער יאַקאָוו איז אומטאַקטיש נישט צו וואוינען בּאַ איר, וואַראַווקאַ האָט איינגעשטימט:

— אַ דעמאָנסטראַציע...

דער פעטער יאַקאָוו האָט זיך ווירקלעך געפירט נישט גאָר געוויינלעך. ער איז נישט אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָט זיך געגריסט מיט קלימען צעשטרייט און אַזוי ווי מיט אַן אומבאַקאַנטן; ער איז געגאַנגען איבערן הויף, ווי אויף דער גאַס; הויך אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, אַרויסשטופּנדיק דעם האַלז־קנאָפּ, וועלכער איז באַצירט געווען מיט גרייז־גרויע האָר, האָט ער געקוקט אין די פענצטער אַריין מיט אויגן פון אַ פרעמדן. ער פלעגט אַרויסגיין פון דער אָפּיצינע כמעט שטענדיק אַרום האַלבן טאָג, אין די הייסע שעהן, אומגעקערט האָט ער זיך אָוונט־צו, מיט פאַרטראַכט

געזונקענעם קאָפּ, די הענט אַריינגערוקט אין די קעשענעס פון די גראָבע הויזן, פון קעמל־שערטש־קאָליר.

— אַן אַלטע האַק, — האָט געזאָגט וועגן אים וואַראַווקאַ.

ער האָט נישט פאַרהוילן, אַז ער איז אומצופרידן מיט דער צאָנוועזנהייט פון יאַקאָוו סאַמגין אין דער אָפיצינע. טאָג־טעגלעך האָט ער גראָב גערעדט וועגן אים עפּעס שפּאָטישס, וואָס האָט בפירוש גערדיקט די מוטער און אפילו געווירקט אויף דער דינסט פעניאַ, וי האָט געקוקט אויף די קוואַרטיראַנטן פון דער אָפיצינע אַזוי פאָרכטיק און פיינדלעך, גלייך דידאָזיקע מענטשן וואָלטן מסוגל געווען אונטערצוצינדן דאָס הויז.

אויפגערעגט פון דער בענקעניש נאָך אַ פרוי, האָט קלים געפילט, אַז ער ווערט טעמפּ, פאַרבלאָזט, צעחושט, ווי מאַקאַראָוו און ער האָט ביז שנאה מקנא געווען דראָנאָוון, וועלכער האָט, טראָץ דעם וואָס ער האָט באַקומען אַ „וואָלפישן בילעט", דאָך זיך באַרויקט מיט עפּעס און אָנגענומענדיק אַ שטעלע בײַ וואַראַווקען אין קאַנטאָר, האָט ער ווייטער עקשנותדיק זיך געגרייט בײַ טאָמילינען צום מאַטורע־עקזאַמען.

נישט וויסנדיק, וואָס צו טון מיט זיך, פלעגט קלים טייל־מאָל אַריינגיין אין דער אָפיצינע צום שרייבער. דאָרטן האָבן זיך באַוויזן עפּעס נייע מענטשן: די גרויסנאָזיקע פעלדשערין איזאַקסאָן; אַ קליינינקער אַלטיטשקער, מיט אויגן באַהאַלטענע הינטער טונקעלע ברילן, ער פלעגט אַלץ־איינינעם רייבן די ווייכע הענט, אויסשרייענדיק:

— איך שרייב זיך אונטער!

ס'פלעגט קומען צו גיין אַ באַלמעלאָכע, משפּטנדיק לויט די הענט — אַ שלאָסער; ער פלעגט אויך אָפטער פון אַלעם רעדן איינע און די זעלביקע ווערטער:

— דאָס דאַרפן מיר, ווי אַ הונט דעם פינפטן פוס.

די לעדן פון די פענצטער זענען געווען צוגעמאַכט, די שויבן — פאַרהאָנגען, אָבער דעם שרייבערס ווייב פלעגט פונדעסטוועגן פון צייט צו צייט צוגיין צו די פענצטער און, אונטערהייבנדיק דאָס פאָרהענגל, קוקן אין שוואַרצן קוואַדראַט אַריין. און איר

שוועסטער פלעגט אַרויסלויפן אויפן הויף, אַרויסקוקן פאַר די טויערן, אויף דער גאַס אַרויס און קלים האָט געהערט, ווי זי האָט מיט אַ האַלב קול, באַרויקנד געזאָגט דער שוועסטער:

— קיינער נישט, קיין לעבעדיק נפש.

קלים האָט זיך כמעט נישט איינגעהערט אין די שמועסן און וויכּוּחים, וואָס זענען אים שוין באַקאַנט געווען, זיי זענען אים נישט אָנגעגאַנגען, נישט אינטערעסירט. דער פעטער האָט אויך נישט גערעדט קיין שום נייעס, ער איז, אפשר, געווען ווינציקער באַרעדעוודיק פון אַנדערע, זיינע געדאַנקען זענען געווען פשוטע, זייער סך־הכל איז געווען:

— מען דאַרף דערהייבן דאָס פאָלק.

קלים איז געגאַנגען אין אָפּיציינע אַריין דעמאָלט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אָדער געזען, אַז לידיאַ איז אַהין אַריינגע־גאַנגען. דאָס האָט באַטייט, אַז דאָרטן וועט אויך זיין מאַקאַראָוו. אָבער נאָכקוקנדיק דעם מיידל, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז, אַ חוץ מאַקאַראָוון, ציט זי צו נאָך עפּעס. זיצנדיק ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל, פלעגט זי זיך הילן, נישט געקוקט אויף דער רויקער דושנעקייט, אין אַן אַראַנזש־טיכל און געקוקט אויף די מענטשן, שטאַרק צונויפּפרעסנדיק די ליפּן, מיט שטרענגן בליק פון די טונ־קעלע אויגן. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעמדאָזיקן בליק, ווי בכלל אין לידיעס גאַנצער הנהגה, האָט זיך באַוויזן עפּעס נייעס, כמעט קאָמישס, עפּעס אַ געמאַכטע אַלמנהדיקע ערנסטקייט און טרויער.

— וואָס זאָגסטו עפּעס וועגן פעטער? — האָט ער גע־פרעגט און זיך זייער פאַרוואונדערט, דערהערנדיק דעם משונהדיקן ענטפער:

— ער איז ענלעך צו יאָהאַן פרעדטעטשאַ.

איינמאָל אין אַ פרילינג־נאַכט, אַרויסגייענדיק פון דער אָפּיציינע, שפּאַצירנדיק מיט קלימען אין גאָרטן, האָט זי גע־זאָגט:

— ס'איז מאָדנע, וואָס ס'עקזיסטירן מענטשן, וועלכע קאָנען

טראַכטן נישט בלויז וועגן זיך. מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם איז פאַרהאַן עפּעס זינלאָזס, אָדער — געקינצלטס.

קלים האָט אַ קוק געטון אויף איר כמעט מיט פאַרדראָס; זי האָט געזאָגט אַקוראַט דאָס, וואָס ער האָט געפילט, נאָר ער האָט נאָך נישט געהאַט געפונען פאַר דעם קיין ווערטער.

— און דערביי, — האָט פאַרגעזעצט דאָס מיידל, — איז בײַ זיי אַלץ עפּעס איבערגעדרייט. מיר דאַכט זיך, אַז זיי רעדן וועגן דער ליבשאַפט צום פאָלק מיט שנאה, און וועגן דער שנאה צו דער מאַכט — מיט ליבשאַפט. על כל פנים הער איך אַזוי.

— אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי, — האָט געזאָגט קלים, ריכטנדיק זיך, אַז זי וועט פרעגן:

— ווי זשע דען? — און דעמאָלט וואָלט ער געקענט אַ גלאַנץ טון פאַר איר, ער האָט שוין געוואוסט, מיט וואָס און ווי אַזוי ער וועט אַ גלאַנץ טון. אָבער דאָס מיידל האָט געשוויגן, פאַרטראַכט שפּרייזנדיק, שטאַרק פאַרהילנדיק דעם בוזים מיטן טיכל; קלים האָט זיך נישט אַנטשלאָסן צו זאָגן איר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

ער האָט געפונען, אַז לידיאַ רעדט צו ערנסט און קלוג פאַר איר עלטער, דאָס איז געווען נישט אָנגענעם, אָבער זי האָט אַלץ אָפּטער אים פאַרוואונדערט דערמיט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער ווידער דערפילט, אַז לידיאַ האָט אים באַגנבעט. אין עסצימער נאָכן נאַכט־עסן האָט די מוטער עפּעס זייער קאַטעגאָריש גענומען אויספרעגן לידיען וועגן דעם, וואָס מען רעדט אין אָפּיצינע. זיצנדיק בײַם אָפענעם פענצטער אין גאָרטן אַרויס, מיט דער זייט צו ווערא פּעטראָוונען, האָט דאָס מיידל געענטפערט אָן חשק און נישט זייער העפלעך, אָבער פּלוצלינג, האַסטיק אַ דריי געבנדיק זיך אויף דער שטול, האָט זי אָנגעהויבן רעדן שוין אַ ביסל דענערווירט:

— דער טאַטע האָט אויך מורא, אַז דידאָזיקע מענטשן וועלן מיך מיט עפּעס אָנשטעקן. ניין, איך מיין, אַז אַלע זייערע שמועסן און וויכּוחים — דאָס איז נאָר אַ שפּיל אין באַהעלטעניש.

די מענטשן באַהאַלטן זיך פון זייערע לײדנשאַפטן, פון אומעטום ס׳קאָן זיין — פון די זינד...

— בראַוואָ, טאָכטער מיינע! — האָט אויסגעשריגן וואַראַוואַקאַ, צעלייגנדיק זיך אין פאָטעל, אַריינשטעקנדיק אין דער באָרד אַריין אַ ציגאַר, לידיאַ האָט פאַרגעזעצט שטילער און רויקער:

— מען דאַרף פאַרגעסן אָן זיך. דאָס ווילן זייער אַ סך, מיין איך. נישט אַזעלכע, נאַטירלעך, ווי יאַקאָוו אַנטאָנאָוויטש. ער... איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס צו זאָגן... ער האָט זיך געוואָרפן אַלס קרבן פאַר דער אידעע מיטאַמאָל און אויף אייביק...

— ער איז ווי אַ בלינדער אין אַ גרוב אַריינגעפאַלן, — האָט אַריינגעשטעלט וואַראַוואָקאַ, און קלים, פּילנדיק, אַז ער איז בלאַס געוואָרן פון פאַרדראָס, האָט געטראַכט: פאַרוואָס טרעפט זיך עס שטענדיק אַזוי, אַז אַלע פאַרלויפן אים פאָרויס? טאָמילינס ווערטער, אַז די מענטשן באַהאַלטן זיך איינער פון אַנדערן אין די אידעען, זענען אים באַזונדער געפעלן, ער האָט זיי געהאַלטן פאַר ריכטיק.

— דאָס זאָגט טאָמילין, — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדראָס.

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך האָב דאָס אויסגעטראַכט — האָט זיך אָנגערופן לידיאַ.

— דו האָסט דאָס געהערט פון מאַקאַראָוון, — האָט נישט אָפּגעלאָזט קלים.

— איז וואָס זשע?

— דער פעטער יאַקאָוו — איז אַ קרבן פון דער געשיכטע, — האָט איילִיק געזאָגט קלים. — ער איז נישט קיין יעקב, נאָר — אַ יצחק.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט געזאָגט לידיאַ, אויפהייבנדיק די ברעמען, און קלים, ווערנדיק בייז אויף זיך פאַר די ווערטער, אויף וועלכע קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט, האָט בייז אַ מורמל געטאָ

— ווען מאַקאַראָוו איז שכּור, רעדט ער משונהדיקע אומ־געלומפּערטקייטן. ער רופט אַזש די ליבע אַן רודימענטאַר געפיל. . .

וואַראַווקאַ האָט ווילד אַרויסגעלאַכט, פאַכענדיק מיטן ציגאַר. וויעראַ פּעטראָוונאַ האָט פאַרגיבלען צוגעשמייכלט און באַ־מערקט :

— אים איז נישט באַקאַנט דער באַגריף רודימענטאַר.

לידיאַ האָט אַ קוק געטון אויף זיי און איז שנעל אַוועקגע־גאַנגען צו דער טיר. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז באַליי־דיקט פון פאָטערס געלעכטער, און וואַראַווקאַ האָט געאָכצט, אָפּ־ווישנדיק די טרערן :

— כאָ־כאָ. . . אַך, קינדער, קינדער!

קלימען האָט זיך געגלוסט נאָכצוגיין לידיען, צו פאַרפירן אַ וויכּוח מיט איר, נאָר וואַראַווקאַ, מיד ווערנדיק פון לאַכן, האָט זיך געווענדט צו אים און, מיט אַ זאַטער שטימע, גענומען רעדן וועגן דער שולע :

— מען לערנט אייך נישט דאָס, וואָס איר דאַרפט וויסן. פאָטערלאַנדס־קענטניש — דאָס איז די וויסנשאַפט, וואָס מען דאַרף לערנען פון די ערשטע קלאַסן אָן, אויב מיר ווילן זיין אַ נאַציע. רוסלאַנד איז נאָך אַלץ נישט קיין נאַציע און כ׳האָב מורא, אַז איר וועט אויסקומען נאָכאַמאָל זיך אויפצוטרייסלען אַזוי, ווי זי איז אויפ־געטרייסלט געווען אין אָנהייב פון 17־טן יאָרהונדערט. דעמאָלט וועלן מיר זיין אַ נאַציע, — וואָרשיינלעך.

ווערנדיק לעבהאַפטער, האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז אַלע קלאַסן באַציען זיך איינער צום אַנדערן איראָניש און פיינד־לעך, ווי שבטים פון פאַרשידענע קולטורן, איטלעכער פון זיי איז איבערצייגט, אַז אַלע איבעריקע קאָנען אים נישט פאַרשטיין און מאַכן רויק שלום מיט דעם, און אַלע צוזאַמען מיינען, אַז די באַ־פעלקערונג פון די דריי שכנותדיקע גובערניעס זענען לויט זייערע רגילותן, מנהגים, אפילו לויטן רעדן — אַנדערע מענטשן און ערגערע פון זיי, די אייגנוואוינער פון אַט דערדאָזיקער שטאָט.

קלימען איז געווען אומעטיק. ער האָט נישט געקענט קלערן וועגן רוסלאַנד, וועגן פאָלק, דער מענטשהייט, דער אינטעליגענץ, דאָס אַלץ איז געווען ווייט פון אים. פון די זעכציק טויזנט איינוואוינער פון שטאָט האָט ער געקענט זעכציק אָדער הונדערט יחידים און איז געווען זיכער, אַז ער קען גוט די גאַנצע שטאָט, די שטילע, שטויביקע, אויף דריי פערטל הילצערנע. פאַר דער שטאָט איז פויל געפלאָסן אַ טריבלעכער טייך, איבער אים איז אויפגעגאַנגען די זון פון דער זייט פון מאָנאַסטירישן בית-עלמין און, נישט געאיילט, דורכמאַכנדיק איר וועג, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די שעכט-הייזער, אויף די גערטנער. נישט איילנדיק זיך איבערגעץ, האָבן הכנעהדיק געלעבט די אַדללייט, סוחרים, די קליינבירגער, באַלמעלאָכעס, אָנגעפירט פון דער גלחימשאָפט און באַאַמטע.

און וואָס מער ער האָט באַאָבאַכטעט די ליבהאָבער פון וויכוחים און חלוקי דעות, אַלץ מער פאַרדעכטיק האָט ער זיך באַצויגן צו זיי. בײַ אים איז אויסגעוואַקסן אַן אומקלאָרער צווייפל אין דער רעכט און אין די פרווון פון דידאַזיקע מענטשן צו פאַרענטפערן די אויפגאַבן פון לעבן און דידאַזיקע פאַרענטפערונגען אים אָנצוהענגען. דערויף דאַרפן עקזיסטירן אַנדערע מענטשן, מער סאָלידע, ווייניקער אַזאַרטישע און, אויף יעדן פאַל, נישט קיין האַלב-משוגענע, ווי ס'איז דער אויסגעמאַטערטער פעטער יאַקאָוו.

טאָמילין איז געוואָרן פאַר קלימען דער איינציקער מענטש אויסער ספקות און מער פון אַלע — דער מענטש. ער האָט זיך פאַרמשפּט צו קלערן וועגן אַלעם און גאָרנישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט טון. ער האָט זיך נישט באַמיט צו באַצוימען דעם צוהערער מיט זיינע געדאַנקען, נאָר בלויז דערציילט וועגן דעם, וואָס ער קלערט און, משמעות, ווייניק זיך אינטערעסירט צי מען הערט אים אויס. ער האָט געלעבט נישט שטערנדיק קיינעם, נישט פאָדערנדיק, אַז מען זאָל אים באַזוכן, ווי דאָס פאָדערן די פאַמיליאַרע העפלעכקייטן און שמייכעלעך פון דעם שרייבער קאַטין. צו אים האָט מען געקאָנט גיין און נישט גיין; ער האָט נישט געוועקט קיין סימפּאַטיע און קיין אַנטיפּאַטיע, בעת די מענטשן פון

אָפּיצינע האָבן אַרויסגערופן אַן אומרויקן אינטערעס צוזאַמען מיט אַ נעפּלהאַפטער אומפריינדלעכקייט צו זיי. סוף כל סוף האָט מען געמוזט מודה זיין, אַז מאַקאַראָוו איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט וועגן דידאָזיקע מענטשן:

— דאָ שטרעבט יעדער מיך אויסצודרעסירן אַלס הונט צו דער יאַגד אויף ווילדע חיות.

קלים האָט אויך געפילט דידאָזיקע שטרעבונג און געפינענדיק זי פאַר נישט באַקוועם פאַר זיך, אַלס אַזעלכע, וואָס האָט באַדראָט זיין פערזענלעכע פרייהייט, האָט ער זיך אויסגעלערנט העפלעך צוצושווייגן אָדער האַלב איינשטימען, יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן דרוק פון דעם אָדער יענעם גלויבנסלערער.

זיינע סעקסועלע עמאָציעס, צעפלאַקערטע פון דראָנאָווס גליקלעכע שמייכלען, האָבן אָנגענומען אַלץ אַ מער דערדריקנדיקן כאַראַקטער; דאָס איז שוין באַמערקט געוואָרן דורך וואַראַווקאַן; איינמאָל, גייענדיק איבערן קאָרידאָר, האָט ער געהערט, ווי וואַראַווקאַ האָט געזאָגט צו דער מוטער:

— איך, אין זיין עלטער בין פאַרליבט געווען אין אַן אייגענער מומע, באַוומרויק זיך נישט, ער איז נישט קיין ראָמאַנטיקער און נישט קיין נאַר. אַ שאָד, וואָס דאָס דינסטמיידל באַ אונז — איז אַ פאַרזעעניש.

דער ציניזם פון דערמאַנען אָן דינסטמיידל האָט אַ ציפּ געטון קלימען, ס׳איז אויך נישט אָנגענעם געווען דאָס, וואָס זיין מאַטערניש איז באַמערקט געוואָרן, אין אַלגעמיין אָבער האָבן וואַראַווקאַס רויק געזאָגטע ווערטער עפּעס אַנטשיידט. אין אַ צוויי טעג אַרום זענען די מוטער און וואַראַווקאַ אַוועקגעגאַנגען אין טעאַטער, לידיאַ און ליובאַ סאַמאָוואַ — צו אַלינען; קלים איז געלעגן אין זיין צימער, ס׳האָט אים וויי געטון דער קאָפּ. אין הויז איז געווען שטיל, נאָכדעם האָט עפּעס פּלוצלינג אין עסצימער זיך דערהערט אַ נישט הויך געלעכטער, עפּעס האָט הילכיק, ווי אַ פּאַטש, אַ קלאַפּ געטון, מען האָט איבערגערוקט אַ שטול און צוויי פרויען־שטימען האָבן נישט הויך אויפגעזונגען. קלים איז אַן גערויש אויפ־

געשטאַנען, פּאַרזיכטיק אָפּגעלענט די טיר: דאָס דינסטמיידל און די נייטאָרין ריטאַ האָבן געטאַנצט אַ וואַלס אַרום טיש, אויף וועלכן ס'האָט געלויכטן, ממש ווי אַ קופּערנער גען, דער סאַמאָוואַר.

— איינס, צוויי, דריי, — האָט מיט אַ האַלב קול געלערנט ריטאַ. — שטופּ נישט מיט די קניען. איינס, צוויי... איינגעבויגן דעם קאָפּ, האָט דאָס דינסטמיידל זאָרגעוודיק געקוקט אויף אירע פיס, און ריטאַ, דערזעענדיק דורך איר אַקסל קלימען אין דער טיר, האָט זי אָוועקגעשטופּט און נייגנדיק זיך צו אים, פאַררייכטנדיק מיט ביידע הענט די צעשויבערטע האָר, געזאָגט הייטער און באַטויבנדיק:

— אוי, אַנטשולדיקט...

— ביטע, ביטע, — האָט איייליק אַ זאָג געטון קלים, באַהאַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס. — איך קאָן אייך אפילו צושפּילן, — איר ווילט?

דאָס פאַרשעמטע דינסטמיידל האָט אַ כאַפּ געטון דעם סאַמאָוואַר, איז אַנטלאָפן, די נייטאָרין האָט אָנגעהויבן צונויפנעמען פון טיש דאָס געשיר אויף דער טאַץ אַרויף, זאָגנדיק:

— ניין, נאָכוואָס דען...

קלים האָט נישט קלאָר געדענקט דאָס אַלץ, וואָס ס'איז פאַרגעקומען. ער האָט געהאַנדלט אין צושטאַנד פון שרעק און ראַפּטומדיקער באַרוישונג, אָנכאַפּנדיק ריטען בײַ דער האַנט, האָט ער זי געשלעפּט אין זיין צימער אַריין, בעטנדיק אין פליסטער:

— כ'בעט אייך... כ'בעט אייך...

זי האָט, שטיל צולאַכנדיק, אַרויסגעריסן איר הייסע האַנט פון זיינע הענט און איז געגאַנגען לעבן אים, אויך רעדנדיק אין פליסטער:

— וואָס טוט איר? מען מעג דען?

און דערנאָך, אַראָפּשפּרינגענדיק פון בעט, האָט זי זיך אָנגעבויגן איבער אים און צונויפקוועטשנדיק אים מיט די האַנטפלאַכן,

דריי מאָל אַ קוש געטון אים אין די ליפּן, שווער עטעמענדיק און פליסטערנדיק:

— אַך, איר, איר, איר!

קומענדיק צו זיך האָט קלים געשטוינט: ווי דאָס אַלץ איז איינפאַך. ער איז געלעגן אויפן בעט און ס׳האָט אים געוויגט; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיין קערפּער איז געוואָרן גרינגער און שטאַרקער, כאָטש ער איז אַנגעזעטיקט געווען מיט אַן אַנגענעמער מידקייט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין ריטעס הייסן פליסטער, אין די דריי לעצטע קושן אירע איז געווען אי ליבע, אי דאַנק־באַרקייט.

— אָבער איך האָב דאָך גאָרנישט צוגעזאָגט, — האָט ער אַ קלער געטון און באַלד זיך געפרעגט:

— מיט וואָס צאָלט איר דראַגאַוו?

די דערינערונג וועגן דראַגאַוון האָט אים אַ ביסל אָפּגעקילט, דאָ איז געווען עפּעס טונקלס, צווייידייטיקס און צוויי מאָל קאָמישס. אַזוי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר עמעצן, האָט קלים סאַמגין כמעט אויפן קול געזאָגט צו זיך:

— געוויס וועל איך מיר מער נישט דערלויבן דאָס מיט איר. — אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער באַשלאָסן אַנדערש: — כ׳וועל איר זאָגן, אַז זי זאָל זיך שוין נישט דערוועגן מיט דראַגאַוון...

ער האָט געוואָלט אָנצינדן די לאָמפּן, אויפשטיין, אַ קוק טון אויף זיך אין שפּיגל אַריין, אָבער די טראַכטונגען וועגן דראַגאַוון האָבן געבונדן, דראָענדיק מיט עפּעס אומאַנגענעמלעכקייטן. פונ־דעסטוועגן האָט קלים אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען דערשטיקט די־דאָזיקע טראַכטונגען, דערמאַנענדיק זיך אָן מאַקאַראָוון, זיינע מרה־שחורהדיקע אומרויקייטן, וועגן די נישטיקע „פּרויען־טריומפן", „רוי־דימענטאַרן געפיל", און איבעריקער קאָמישער אומגעלומפּערטקייט, מיט וועלכער ס׳האָט געלעבט דערדאָזיקער מענטש. בלתי ספק — מאַקאַראָוו האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט צו באַשיינען זיך און בסוד איז ער זיכער מער אויסגעלאַסן פון אַנדערע. אויב ער טרינקט, מוז ער שוין אויך זיין אויסגעלאַסן, דאָס איז קלאָר.

דידאָזיקע מחשבות האָבן דערלויבט קלימען צו טו״אַכטן וועגן מאַקאַראָוון מיט אַ ביטולדיקן שמייכל, ער איז גיך איינגעשלאָפן, און אויפגעכאַפּט זיך, פילנדיק זיך אַן אַנדערער מענטש, אַזויווי ער וואָלט פאַר דער נאַכט אויסגעוואַקסן און ס׳איז אויסגעוואַקסן אין אים דאָס געפיל פון זיין חשיבות, פון אַכטונג און צוטרוי צו זיך. עפּעס פרייליכס האָט געברויזט אין אים. ס׳האָט זיך אַזש גע־גלוסט זינגען, און די פרילינגס־זון האָט געקוקט אין פענצטער פון זיין צימער אַזויווי לייטזעליקער, ווי נעכטן. ער האָט פונדעסט־וועגן געהאַלטן פאַר גלייכער צו פאַרבאָרגן פון אַלע זיין נייע שטי־מונג, געפירט זיך איינגעהאַלטן ווי תמיד און שוין געקלערט וועגן דער נייטאָרין ליבלעך, דאַנקבאַר.

נאָך אַ פינף טעג, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט אין דעם אָנגענעמען באַוואוסטזיין פון דעם אַזוי איינפאַך געמאַכטן ערנסטן שריט, האָט דאָס דינסטמיידל פעניאַ פאָרזיכטיק אַריינגערוקט אים אין דער האַנט אַ קליינעם צעקנייטשטן קאָנווערט מיט אַ בלויען „פאַרגעס־מיך־נישט״, אויסגעקריצט אויף אַ ראָג; אויף אַן אַטלאַסן פּאַפּיר, דעסגלייכן מיט אַ „פאַרגעס־מיך־נישט״, האָט קלים, נישט אָן שטאָלץ, איבערגעלייענט:

„אויב איר האָט נישט פאַרגעסן, קומט צו גיין מאָרגן, ווען מען וועט קומען צו דעם נאַכט־געבעט.

ט ע מ פּ ו י נ ק ל, וועסיאָלעס הויז, איר וועט זיך פרעגן אויף מאַר. וואַגאַנאָוואַ״.

מאַרגעריטאַ האָט אים מקבל פנים געווען אַזוי, גלייך ער וואָלט געקומען נישט צום ערשטן, נאָר צום צענטן מאָל. ווען ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ שעכטל קאָנפעקטן, אַ קיישעלע טשאַס־טעס און אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל פּאָרטוויין, האָט זי געפרעגט גנביש שמייכלענדיק:

— דאָס הייסט — איר ווילט טרינקען טיי?

אַרומנעמענדיק זי, האָט קלים געזאָגט:

— איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך ליב האָבן.

— אָבער איך — קען נישט! — האָט געענטפערט די פרוי, לאַכנדיק מיט זייער אַ גוט געלעכטער.

וואונדערלעך איינפאַך איז געווען מיט איר און אַרום איר אין דעם קלײנעם, ריינעם צימער, פול מיט אַ מאָדנע פאַרשכורנדיקן ריח. אין ווינקל בײַ דער וואַנט, מיטן צוקאָפּנס צום פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ נידעריקן דאַך, איז געשטאַנען אַ בעט, באַדעקט מיט אַ ווייסער פּיקענער דעקע, אַ ווייסער פאָרהאַנג האָט צוגעדעקט די שויבן פון די פענצטער; פון הינטערן דאַך אָפּער האָבן זיך דערהויבן בלאָס־ראָזע צווייגן פון בליענדיקע עפּל־ביימער און קאַרשן־ביימער. אַ גרויסע פליג האָט זיך געשלאָגן אָן דער שויב. אויף דעם קאָמאָד, באַדעקט מיט אַ געשטריקט טישטוך, איז געשטאַנען אַ שפּיגל אָן אַ ראַם, ס'זענען פּינקטלעך פונאַנדערגעשטעלט געווען שעכטעלעך, פלעשעלעך, אין ווינקל האָט געלויכטן אַ זילבערנע ריזע פון אַן איקאָנע, און דאָס ווינקל בײַ דער טיר איז פאַרדעקט געווען מיט אַ העל־גרוי שטיק פּערקאַל. אַלץ איז געווען אומגעוויינלעך רויק, שטיל, דאָס זשוזשען פון דער פליג — בויטיק. אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן ווי דערווייטערט פון דעם ווירקלעכן און פון דעם, וואָס קלים איז דערמיט געוואוינט געווען, אויף אַן אַ שיעור וויאָרסטן.

מאַרגאַריטאַ האָט גערעדט מיט אַ האַלב קול, פּויל צעציענדיק די פּוסטע ווערטער, נישט פרעגנדיק וועגן גאָרנישט. קלים האָט אויך נישט געפונען, וועגן וואָס מ'קאָן מיט איר רעדן. פילנדיק זיך נאַריש און אַ ביסל זיך פאַרלירנדיק דערפון, האָט ער געשמייכלט. זיצנדיק אויף דער שטול אַקסל בײַ אַקסל מיטן גאַסט, האָט מאַרגאַריטאַ אַריינגעבליקט אין זיין פּנים אַריין מיט אַ פאַרשלינגענדיקן בליק, גלייך זי וואָלט זיך דערמאַנט אָן עפּעס; דאָס האָט זייער אויפגערעגט קלימען, ער האָט פאָרזיכטיק געגלעט איר פּלייצע, די ברוסט און נישט געפונען אין זיך קיין אַנטשלאָסנקייט אויף מער. זיי האָבן אויסגעטרונקען צו צוויי גלעזלעך פּאָרטוויין, דערנאָך האָט מאַרגאַריטאַ געפרעגט:

— נו, אין בעטל אַריין?

תּיכּף אויפשטייענדיק און אויסטועגדיק זיך, האָט זי זאָרגעוודיק געצהט:

— דו טו זיך אויכעט אויס אינגאַנצן, אַזוי וועט בעסער זיין...

און אין אַ שעה אַרום, זיצנדיק אויפן בעט, אַ נאַקעטע, אַראָפּגעלאָזט די פיס אויף דער פאַדלאָגע, האָט זי, באַטראַכטנדיק קלימס שקאַרפּעטקע, געזאָגט, מיד אַ גענעץ טוענדיק:

— מען דאַרף פאַרצירעווען.

קלים האָט געדרימלט.

נאָך פינף, זעקס זווגגען האָט ער זיך געפילט בײַ מאַרגאַריטען מער אינדערהיים, ווי אין זיין צימער. בײַ איר האָט מען נישט באַדאַרפט זיך נאָכקוקן, זי האָט נישט געפאָדערט פון אים נישט קיין שכל, נישט קיין איינגעהאַלטנקייט, זי האָט בכלל — גאָרנישט געפאָדערט און אומבאַמערקט אים באַרייכערט מיט אַ סך, וואָס ער האָט אויפגענומען, אַלס ווערטפולס פאַר אים.

ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף די באַקאַנטע מיידלעך מיט אַנדערע אויגן, ער האָט באַמערקט, אַז בײַ ליובאַ סאָמאָוואַ זענען אָפּגעטשעשעטע היפטן, די ספּאַדניצע הענגט אויף זיי פלאַטשיק, און פונהינטן האָט זיך צופיל אָנגעבלאָזן, ליובעס גאַנג איז ווי בײַ אַ שפּערל, אַ שפּרינגענדיקער. אַ דיקע און נישט געשיקטע, האָט זי אָפּט גערעדט וועגן ליבע, דערציילט וועגן ראָמאַנען, איר שיין געוואָרן פּנימל האָט אויפגערעגט זיך געראָזט, אין די גוטע, גרויע אויגן האָט געלויכטן אַ שטילער נחת פון אַ זקנה, וועלכע דערציילט וועגן מופתים, וועגן דעם לעבן פון הייליקע, פון די גרויס־מאַרטירער. דאָס איז בײַ איר אַרויסגעקומען נאַיוו, טיילמאָל אפילו אַזוי רירנד, אַז קלים האָט געפונען פאַר נייטיק אונטערצוגעבן איר חשק, אויף יעדן פאַל, מיט ליבלעכע שמייכלען, אָבער ער האָט געקלערט:

— אַ גליקזעליקע. אַ נאַרעלע.

אירע דערציילונגען האָבן כמעט שטענדיק אויפגערעגט לידיען, נאָר צייטנווייז האָבן זיי זי אויך לאַכעוודיק געמאַכט. געלאַכט האָט לידיאַ פאַרזיכטיק, נישט זיכער און מיט שאַרפע קלאַנגען, און אַ לאַנג געבנדיק אַ ביסל, האָט זי זיך אומגעקוקט, אָנכמורענדיק זיך, ווי אַ שולדיקע אין אַ נישט געהעריקער האַנדלונג.

סאַמאָוואַ פּלעגט ברענגען ראָמאַנען, געגעבן זיי צו לייענען לידיען, נאָר איבערלייענענדיק „מאַדאַם באָוואַרי", האָט לידיאַ בײַז אַ זאָג געטאָן:

— אַלץ, וואָס דאָ איז אמת — איז העסלעך, און וואָס ס'איז גוט — איז ליגנט.

צו „אַננאַ קאַרעניגאַ" האָט זי זיך באַצויגן נאָך שאַרפּער:

— דאָ זענען אַלע — פערד, אי די אַננאַ אי ווראָנסקי און אַלע איבעריקע.

סאַמאָוואַ האָט אויפגעקאַכט:

— גאָט מיינער, סאַראַ פּראַ־אדם דו ביסט. סאַראַ קריפּל! דו ביסט עפּעס אַ נישט נאָרמאַלע!

קלים האָט אויך געפונען אין לידיען אומנאָרמאַלס, ער האָט אפילו אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר איר צו שטאָרן, פאַרשנדיקן בליק, הגם זי האָט געקוקט אַזוי נישט בלויז אויף אים, נאָר אויך אויף מאַקאַראָוון, פונדעסטוועגן האָט קלים געזען, אַז איר באַציונג צו מאַקאַראָוון ווערט אַלץ פריינדלעכער, און מאַקאַראָוו רעדט שוין נישט מיט איר אַזוי שפּאָטיש און העפטיק.

קלימען האָט זייער געוואונדערט לידיעס פריינדשאַפט מיט אַלינאַ טעליעפּניעוואַ, וועלכע האָט פאַרבלענדט מיט איר שיינקייט, נאָר באַשיינפערלעך און אַלץ מער נאַריש געוואָרן, ווי דאָס האָט געפונען קלים, נאָך דער מוטערס ווערטער, וועלכע זי האָט געהאַט געזאָגט:

— דאָסדאָזיקע מיידל וואָלט געווען בעסער און קלוגער, ווען זי וואָלט נישט געווען אַזאַ שיינהייט.

קלים האָט באַלד מודה געווען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן ריכטיק. די שיינקייט איז געווען אַן אומאויפהערלעכער קוואַל פון אומאויפהערלעכער זאָרג פאַר דעם מיידל. אַלינאַ האָט זיך באַצויגן צו זיך ווי צו אַן אוצר, וואָס איז איר דורך עמעצן געגעבן געוואָרן אויף אַ קורצן טערמין און אונטער דער התראה תיכף ומיד אים צוריק אָפּצונעמען, וויבאַלד זי וועט מיט עפּעס

קאַליע מאַכן איר באַצויבערנדיק געזיכט. אַ קאַטאַר איז געווען פּאַר איר אַן ערנסטע קראַנקייט, זי פּלעגט דערשראָקן פרעגן:

— די נאָז איז בײַ מיר זייער רויט? די אויגן מאַט, יאָ?

אַ נישטיק בלעטערל האָט זי אַריינגעברענגט אין עגמת נפש, פּונקט אַזוי ווי אַ שטאָך אָדער אַ ביס פון אַ מוק. זי האָט מורא געהאַט דיק צו ווערן, דאַר צו ווערן, האָט מורא געהאַט פאַר אַ דונער.

— זאָלן זיין בליצן, — האָט זי געזאָגט. — דאָס איז זאָגאַר שיין, אָבער איך פאַרטראָג לחלוטין נישט, ווען ס'קנאַקט איבער מיר דער הימל.

זי האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ פאַרזיכטיקן, גליטשנדיקן גאַנג און זיך געהאַלטן אַזוי גלייך, אַזויווי אויף איר קאָפּ וואָלט געשטאַנען אַ כלי מיט וואַסער. אויפן גליטש, מורא האָבנדיק אומצופאַלן, פלעגט זי זיך גליטשן איינע אַליין אין דער זייט און געלאַסן אָדער — מיט די געניטסטע גליטשערס, וואָס זי איז געווען זיכער אין זייער פלינקייט און קראַפט. דער איינציקער שטריך, וועלכער איז געפעלן קלימען אין דעמדאָזיקן מיידל, איז געווען איר מסוגלקייט זיך איינצואָרדענען רויק און באַקוועם, זי האָט זיך שטענדיק אויסגעקליבן דאָס גינסטיקסטע אָרט, דעם צומיינסט צו איר צערטלעכן זינענשטראַל. אַ ביסל קאָמיש איז געווען איר איבערגעטריבענע ריינלעכקייט, דער כמעט קרענקלעכער עקל צו שטויב, מיסט, גאַסן־שמוץ; איידער זי האָט זיך גענומען עסן, פלעגט זי פאַרשנדיק באַטראַכטן די שטול, דעם פּאָטעל, אומבאַמערקט אָפּפּאַכענדיק מיטן טיכעלע דאָס געזעס; האַלטנדיק אין דער האַנט עפּעס אַ זאַך, פלעגט זי באַלד נאָכדעם אָפּווישן די פינגער. געגעסן האָט זי אַזוי פינקטלעך און פאַרטיפּט, אַז מאַקאַראָוו האָט איר געזאָגט:

— איר עסט רעליגיעז, אַלינאָטשקאַ! איר עסט אפילו נישט אַזוי ווי מיר פשוטע בשר ודמס, נאָר — ריכט אָפּ אַן עבודה

נישט אַ קוק געבנדיק אויף אים, האָט אַלינאַ רויק געענטפערט:

— דער דאָקטאָר האָט מיר געעצהט גוט צו צעקייען.

טיילמאָל האָט אַלינעס שרעק פאַר איר שיינקייט ארויסגערופן באַ איר אָנפאַלן פון צערייצטקייט, כמעט צאָרן, ווי באַ אַ דינסט אויף אַ צופיל פאָרערנדיקער באַלעבאָסטע. און, מסתמא, פון דידאָזיקע פחדים האָבן אַלינעס אייביק צערטלעכע, בלוילעכע אויגן געקוקט פרעגעריש, און די לאַנגע וויעס האָבן, ציטערנדיק צוגעגעבן איר בליק אַ בעטנדיקן אויסדרוק.

זי איז געווען לאַנגווייליק, האָט גערעדט בלויז וועגן קליידער, טענץ, וועגן די פאַרערערס, אָבער אויך וועגן דעם האָט זי גערעדט אָן התפעלות, ווי וועגן אַ לאַנגווייליקער פליכט. אַרום איר האָט זיך שוין געדרייט אַ גרויער אַרטילעריסט — אַ גענעראַל, אַן אַלמן, אַ שלאַנקער און אַ שיינער, מיט קלוגע אויגן, ס'האָט זיך געדרייט דער געהילף־פּראָקוראָר איפּאָליטאָוו, אַ קליין מענטשל מיט שוואַרצע וואָנסעס אויף דעם טונקל־ברוינעם געזיכט, אַ פריילעכער און אַ פליגקער.

— ניין, — איך וועל נישט חתונה האָבן — האָט זי גערעדט מיט אַ נידעריקער ברוסט־שטימע, — איך וועל זיין אַן אַקטיאַרקע.

זי האָט נישט שלעכט, מעלאָדיש, נאָר עפּעס אַזוי צופיל זיס דעקלאַמירט די לידער פון פעטן, פּאָפּאַנאָוון, האָט טרוימעריש געזונגען ציגיינערישע ראָמאַנסן, אָבער די ראָמאַנסן האָבן געקלונגען באַ איר אָן נשמה, די ווערטער פון די לידער אָן לעבן, נישט דייטלעך, צעקנייטשטע פון איר סאַמעטענער שטימע. קלים איז זיכער געווען, אַז זי פאַרשטייט נישט די באַדייטונג פון די ווערטער, וועלכע זי האָט פאַמעלעך אויסגעזונגען.

— אַ ליאַלקע, מיט וועלכער ס'איז אַ שאָד זיך צו שפּילן, — האָט געזאָגט וועגן איר מאַקאַראָוו מיט ביטול, ווי ער האָט תמיד גערעדט וועגן מיידלעך.

קלים האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף אים, ער האָט אַלץ שאַרפער געשפּירט די שטאָכן פון קנאה, ווען ער האָט געהערט ווי טרעפלעך מענטשן באַצייכענען איינער דעם אַנדערן,

און מאַקאַראָוו פּלעגט פֿאַרדריסלעך אָפּט זאָגן טרעפֿלעכע ווער־טער.

ווי אין אַלע מענטשן האָט קלים אויך אין אַלינען געוואָלט געפֿינען עפּעס קינסטלעכס, אויסגעטראַכטס. טיילמאָל האָט זי אים געפֿרעגט:

— איך בין היינט בלאַס, יאָ?

ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלינאַ פֿרעגט בלויז צוליב דעם, כּדי אַן איבעריק מאָל צו ציען אויף זיך אויפֿמערקזאַמקייט, אָבער דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן נאַטירלעך, באַרעכטיקט און אַפֿילו געוועקט אין אים מיטגעפֿיל צום מיידל. דאָס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט נאָך דער מוטערס ווערטער, וואָס האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז אַלינעס שיינקייט קאָן מען פֿאַרשטיין, ווי אַ שטראָף, וואָס שטערט איר צו לעבן, טרייבט זי כּמעט יעדע פֿינף מינוט צום שפּיגל און צווינגט דאָס מיידל צו קוקן אויף אַלע מענטשן, ווי אויף שפּיגלען. טיילמאָל האָט ער נעפּלהאַפּט זיך אָנגעשטויסן, אַז צווישן אים און איר איז פֿאַרהאַן עפּעס געמיינזאַמס. אָבער האַלטנדיק דידאָזיקע השערה אַלס דערנידערונג פֿאַר זיך, האָט ער נישט געפּרוווט אַ קלער צו געבן וועגן איר ערנסט.

ער האָט געזען, אַז מאַקאַראָוו און לידיאַ גייען זיך שאַרף פֿונאַנדער אין דעם אָפּשאַצן אַלינען. לידיאַ האָט זיך באַצויגן צו איר זאָרגפֿול, זאָגאַר מיט צערטלעכקייט, מיט אַ געפֿיל, וואָס ער האָט פֿריער נישט באַמערקט בײַ לידיען, מאַקאַראָוו האָט נישט זיי־ער בייז, נאָר עקשנותדיק חוזק געמאַכט פֿון אַלינען. לידיאַ האָט זיך געקריגט מיט אים, סאַמאָוואַ, וועלכע איז אַרומגעלאָפֿן אויף לעקציעס, האָט שלום געמאַכט צווישן זיי, לייענענדיק די אינטע־רעסאַנטע בריוו פֿון איר פֿריינד אינאָקאָוון, וועלכער האָט איבער־געלאָזט דעם אַמט אין טעלעגראַף און אַוועקגעפֿאָרן מיט אַ כאָפּטע סערגאַטשער פֿישערס אויף דעם קאַפּי.

בכלל האָט אינדערהיים זיך געלעבט שווערמוטיק, אומעטיק, אָבער אין דערזעלבער צייט אויך אומרויק. די מוטער מיט וואַ־ראַווקען האָבן אין די אָוונטן פֿאַרזאָרגט און בייז עפּעס גערעכנט

טרוקן רוישנדיק מיט די פּאַפּירן. וואַראַווקאַ האָט, קלאַפּנדיק מיט דער האַנט אין טיש אַריין, זיך געקלאָגט:

— אידיאָטן, אפילו גנבֿענען קענען זיי נישט!

קלימען איז מער געפעלן יענער אומעט, וועלכן ער פלעגט איבערלעבן בײַ מאַרגאַריטען. דערדאָזיקער אומעט האָט אים נישט געדריקט, נאָר באַרויקט, פאַרטעמפּענדיק די געדאַנקען, מאַכנדיק נישט נייטיק די כּלערליי אויסטראַכטענישן. ער פלעגט אָפּרוען בײַ דער נייטאָרין פון דער נויטווענדיקייט צו האַלטן זיך ווי אַ סאָלדאַט אויפן פּאַראַד. מאַרגאַריטאַ האָט אַרויסגערופן אין אים אַן אייגנאַרטיקן אינטערעס מיט דער איינפאַכקייט פון אירע געפילן און געדאַנקען. טיילמאָל, ווען זי האָט, אַפּנים, חושד געווען, אַז עס איז אים אומעטיק, האָט זי געזונגען מיט דעם קליינעם מיאַוקענדיקן קול אינגערגעץ נישט געהערטע לידער:

נישט עס שלאָפט זיך, נישט עס ליגט זיך
און עס נעמט מיך נישט קיין שלאָף,
כ'וואָלט צו ריטען איצט געגאַנגען,
נאָר איך ווייס נישט, וואו זי וואוינט.
געקאָנט וואָלט איך מײַן חבר בעטן —
אהינצופירן מיך צו איר;
איז מײַן חבר בעסער, שענער, —
פאַרכאַפּן וועט ער ריטען מיר.

— סאַראַ נאַריש ליד, — האָט געזאָגט קלים, אַ גענעץ טוענדיק, און די זינגערין האָט באַלערנדיק געענטפערט:

— טאַקע דערמיט איז עס גוט, פריינדלעך. אַלע לידער זענען נאַריש, אַלע זענען וועגן ליבע, דערמיט זענען זיי גוט.

זי פלעגט בכלל גערן באַלערנען קלימען און דאָס האָט אים געווײַלט. ער האָט געזען, אַז דאָס מיידל באַציט זיך צו אים מוטערלעך זאָרגפול, דאָס איז אויך געווען אַמיזירנד, אָבער ס'האָט אויך גערירט אַ ביסל. קלים האָט זיך געוואונדערט אויף מאַרגאַריטאַס אומאייגננוציקייט, בײַ אים האָט אומבאַמערקט זיך געהאַט צו-

באַפֿעליקט אַ מיינונג, אַז אַלע מיידלעך פֿון דעמדאָזיקן פּאַך — זענען גיריקע. אָבער ווען ער האָט געבראַכט ריטען זיסוואַרג און מתּנות, האָט זי, צונעמענדיק זיי, אים פֿאַרגעהאַלטן:

— ביסט אַ מאָדנער! דו וואָלסט דאָך פֿאַר דעם געלט, וואָס דו גיסט אויס אויף מיר, געקאָנט האָבן אַ מיידל אַ שענערס און אַ ייִנגערס פֿאַר מיר!

זי האָט דאָס געזאָגט אַזוי פּשוט און איבערצייגנד, אַז קלים האָט נישט געהאַט די העזה חושד צו זיין זי אין ליגנט.

נאָר רעדנדיק וועגן אַ שענער מיידל פֿון איר, האָט זי זיך באַרימט, גלעטנדיק מיט די הענט די ברוסט און די היפּטן:

— דו זעסט, סאַראַ לייב איך האָב? נישט איטלעכעס מיידל האָט אַזאַ לייב.

אויף דער וואַנט, איבער דעם קאָמאָד, איז צוגעשלאָגן געווען מיט צוויי טשוועקעס אַ קליינע פֿאָטאָגראַפֿיע אָן אַ ראָמל, וואָס איז איבערגעבראָכן געווען אין דער ברייט; די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ייִנגנמאַן, אַ גלאַטיק צוגעקעמטן, מיט געדיכטע ברעמען, מיט זייער גרויסע וואָנסעס, אין אַ קראַוואַט, וואָס איז פֿאַרבונדן געווען אין אַ גרויסאַרטיקן שלייף, זיינע אויגן זענען געווען אויסגעשטאָכן.

— וואָס איז דאָס? — האָט געפֿרעגט קלים.

עטלעכע רגעס האָט מאַרגאַריטאַ אויפֿמערקזאַם, מיט פֿאַרמרוזשעטע אויגן און אַזוי ווי זיך דערמאָנענדיק געקוקט אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, נאָכדעם געזאָגט:

— אַן איקאָנע-מאָלער.

— און נאָכוואָס זענען בײַ אים די אויגן אויסגעשטאָכן?

— ער איז בלינד געוואָרן, דער שוטה, — האָט געענטפֿערט ריטאַ און, אַ זיפֿץ טוענדיק, האָט זי נישט געוואָלט ענטפֿערן אויף קלימס ווייטערדיקע שאלות, נאָר פֿאָרגעלייגט:

— נו, אין בעטל אַריין?

אין אַ פֿערטל מינוט האָט ער זיך אַנטשלאָסן, ענדלעך, אַ

פרעג צו טון זי וועגן דראַגאָון, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז מחויב צו פרעגן וועגן דעם, כאָטש ער האָט אויך געפילט, אַז וואָס ווייטער, אַלץ מער ווערט־אָן דידאַזיקע פראַגע איר פאַרפליכטונג און באַדייטונג. אין דעם איז פאַרהוילן געווען עפּעס, וואָס האָט אים געבּרענגט אין פאַרלעגנהייט, ניט רײנלעכס. ווען ער האָט אַ פרעג געטון, האָט ריטאַ פאַרחידושט אויפגעהויבן די ברעמען:

— ווער איז דאָס?

— מאַך נישט קיין אָנשטעלן, — קלים האָט געוואָלט די ווערטער אַרויסזאָגן שטרענג, אָבער ער האָט נישט געקענט און אפילו אַ שמייכל געטון.

אויפהייבנדיק זיך פון קושן, האָט ריטאַ זיך אוועקגעזעצט און, אָנטוענדיק דאָס העמד, פאַרדעקנדיק דערמיט דאָס פּנים, האָט זי אָנגעהויבן מיטפּילנד:

— אַך, דאָס איז וואַניאַ, וועלכער וואוינט באַ אייך אין דאַך־שטיבל! דו מיינסט, איך האָב געהאַט מיט אים צו טון, מיט אַזוינעם: נישט קיין לייב, נישט קיין פּנים? דו האָסט שלעכט אויסגעטראַכט.

אַרויפציענדיק די זאָקן אויף אירע ווייסע, מיט בלויע אָדערלעך, פיס, האָט זי פאָרגעזעצט אייליק, נאָר דייטלעך, און איבער עפּעס אָפּט עטעמענדיק:

— ס'איז אַ רחמנות איף אים. איך בין דאָך געווען דערביי, בעת דער פּאָפּ האָט אים אַרויסגעטריבן. איך האָב יענעם טאָג געאַרבעט באַם פּאָפּ. וואַניאַ האָט געלערנט זיין טאָכטער און אָפּגעטון עפּעס, אַ קניפּ געטון דער דינסט, צי וואָס. ער האָט מיך אויך געפּרוווט כאַפּן. איך האָב אים מתרה געווען, אַז איך וועל אים פאַרקלאָגן פאַר דער פּאָפּעכע, איז ער אָפּגעשטאַנען. ער איז פונדעסטוועגן אַ לוסטיקער, כאָטש אַ שלעכטער.

מיט אַן אַנדערן טאָן און שטילער האָט זי דערזאָגט:

— זיי האָבן אַרויסגעטריבן פון גימנאַזיע. זיי וואָלטן געוועןאָנגעריסן די אויערן, וואָלט אויך גענוג געווען!

קלימען האָט זיך געגלוסט איר גלייבן, ער האָט געגלייבט,

און דראַנאַווס שאָטן, וואָס האָט אים פאַרט עטוואָס געשטערט, — איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דער ייִנגערמאַן האָט שוין לאַנג תּופס געווען, אַז דאָס רייִנע בעטל בײַ דער וואַנט איז געווען פאַרן דאָזיקן מיידל אַ מזבח, אויף וועלכן ריטאַ האָט געטון אַ הייליקע עבודה, אומדערמידלעך און כמעט ערפּאָרכטיק. באַרויקט נאָך דעם שמועס וועגן דראַנאָווען, האָט בײַ קלימען זיך געשאַפן אַ פאַרלאַנג צו טון פאַר ריטען וואָס אָפּ-טער עפּעס אָנגענעמס, אָבער איר זענען בלויז אָנגענעם געווען נאָענט-לעך, אויף האָניק, לעקעכלעך און קושן, וועלכע האָבן אים טייל-מאָל פאַרמאַטערט. און ס׳איז שוין געווען אַ טאָג, ווען איר „נוי-קענדיקע" אייַנלאַדונג:

— נו, אין בעטל אַריין, — האָט פּלוצלינג אַרויסגערופן בײַ אים אַ טונקעלע אויפרעגונג, עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע באַליי-דיקונג. ער האָט כמעט בייז גענומען זי פרעגן, פאַרוואָס זי לייענט נישט קיין ביכער, גייט נישט אין טעאַטער אַריין, ווייסט נישט גאָר-נישט בעסערס פון בעטל, אָבער ריטאַ, הפּנים, נישט באַגרייפנדיק זיין טאָן, האָט געעָרעגט, רויק צעפלעכטנדיק די האָר:

— און וואוהין אַנדערש דאָס לעבן אַהינטון ? זאָג, אדרבא-טאַקע — נישטאָ וואוהין.

דערנאָך האָט זי דערציילט, אַז אין די טעאַטערס גייט זי.

— וויבאַלד מען שפּילט דאָרט פרייִלעכע קאָמעדיעס, וואָ-דעווילן, קיין דראַמעס האָב איך נישט ליב. אין צערקווע אַריין גיי איך, צו „אוספּעניע", דאָרטן איז דער כאָר — אַ בעסערער ווי אין סאָבאָר.

צייטנווייז פלעגט קלים, אַ מידער און פילנדיק אַן אומצו-פרידנקייט מיט זיך, פאַרזיכטיק טראַכטן:

— איז דאָס טאַקע — די ליבע ?

— ס׳איז עפּעס אוממעגלעך געווען מסכּים צו זיין, אַז לידיאַ וואַראָווקאַ איז באַשאַפן פאַר אַזאַ ליבע. און ס׳איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז בלויז דידאָזיקע ליבע ליגט אין יסוד פון די דורך אים איבערגעלייענטע ראָמאַנען, לידער, אין שורש פון די

מאַטערנישן פון מאַקאַראָוון, וועלכער איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער, האָט ווינציקער געטרונקען און אָנגעהויבן רעדן ווייניקער, אויך געפייפט שטילער.

דערנאָך זענען פאַר קלימען אָנגעקומען טעג, ווען ער האָט, נאָך די זעונגען מיט מאַרגאַריטען, זיך געפילט אַזוי אויסגעליידיקט, פאַרטעמפּט, אַז דאָס האָט אים געשראָקן; דעמאָלט האָט ער זיך געניט צו גיין צו די קוואַלן פון חכמה, צו טאָמיל נען אָדער אין אָפּיצינע.

מיט טאָמילינען איז עפּעס געשען; ער האָט זיך איבערגעטון אין קאָלירטע העמדער „פאַנטאַזיע", געטראָגן, אָנשטאָט אַ קראַוואַט, אַ שנור מיט טרעלבלעך, אַ גרוי רעקל און עפּעס אַזוינע פון בעז־קאָליר, זייער ברייטע הויזן. דאָס אַלץ האָט אויסגעזען אויף זיין גוף פרעמד און נאָך מער אויסגעטיילט די פייערדיקע רויטלעכקייט פון די אונטערגעשוירענע האָר, וועלכע האָבן איבער די אויערן געשטאַרט האָריזאָנטאַל און זענען קאַפּויער געשטאַנען איבער זיין ווייסן שטערן. באַזונדער מערקווירדיק זענען געווען די ספינקעס אויף די מאַנקעטן, — גרויסע, שווערע, לבנהדיקע סערפּלעך. גערעדט האָט טאָמילין העכער, באָר אַזוי ווי ווייניקער איבערצייגט, ער האָט אָפט געמאַכט פּויזעס און, אַריינקוקנדיק אין אַרבל פון דעם רעקל, געדרייט די ספינקעס. און אַזוי ווי איביינעם מיט דער הלבשה וואָלטן בא טאָמילינען זיך באַוויזן נייע געדאַנקען. קלים האָט געשפּירט, אַז דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַזש געשראָקן. מיט זייער ברוטאַלער נאַקעטקייט, וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרשטיין ווי אומדערשראָקנקייט און אומפאַרשעמטקייט. טייל־מאָל האָט קלים דידאָזיקע נאַקעטע געדאַנקען זיך פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון שטיקער עסנדיקן רויך, שטיקלעך וואָלקנס; זיי קריכן זיך פונאַנדער אין דער וואַרעמער לופט פון ענגן צימער און באַדעקן מיט גרויען, ברודיקן שטויב די ביכער, די ווענט, די שויבן פון פענצטער און דעם דענקער גופא.

וועגנדיק אויף דער האַנט איינעם פון די פינף ריזיקע בענדער פון מאָריס קאַריערס „די קונסט אין שייכות מיט

דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער קולטור", האָט ער געזאָגט:

— אַ געוויסער איטאַליענער טענהט, אַז געניאַליטעט — איז איינע פון די פאָרמען פון משוגעת. מעגלעך. בכלל, מענטשן מיט איבערגעטריבענע פעיקייטן איז שווער צו אַנערקענען אַלס נאָרמאַלע מענטשן. לאָמיר געמען די פרעסערס, נואפים און... דענקערס. יאָ, און די דענקערס. מ׳קאָן פולשטענדיק צולאָזן די סברא, אַז אַן איבערמעסיק אַנטוויקלטער מוח איז פונקט אַזאַ פאַרקריפּלונג, ווי אַ פאַרברייטערטער מאָגן אָדער אַן אומנאַטירלעך גרויסער פּאַלאָס. דעמאָלט וועלן מיר דערזען עפּעס בשותּפותדיקס צווישן האַרגאַנטואַ, דאָן זשואַן און דעם פילאָזאָף עמנואל קאַנט.

דידאָזיקע צוזאַמענשטעלונג איז געפעלן געוואָרן קלימען, ווי אים זענען תּמיד געפעלן פאַראיינפאַכנדיקע געדאַנקען. ער האָט באַמערקט, אַז אויך טאָמילין אַליין איז פאַרוואונדערט פון זיין אַנטדעקונג, אַפּנים, — אַ צופעליקע. אַ שליידער טוענדיק דאָס שווערע בוך אויף דער קויקע אַרויף, האָט ער באַוועגט מיט די ברעמען, קוקנדיק אין פענצטער אַריין פאַרוואָרפן די הענט הינטערן האַלז, אונטער זיין פלאַטשיקן קאַרק.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, אַ פינטל געבנדיק. — איך מוז אַראָפּגיין אונטן, טיי טרינקען. הם...

אַלץ אָפטער און עפּעס אַזוי שווערמוטיק האָט טאָמילין אָנגעהויבן רעדן וועגן פרויען, וועגן פרויענהאַפטעס און טיילמאָל איז דאָס באַ אים אַרויסגעקומען סקאַנדאַליעז. אַזוי איז געווען, ווען אין אָפּיצינע האָט דער שרייבער קאַטין הייס געטענהט, אַז שיינקייט — דאָס איז דער אמת; דער רויטער האָט דאַן מיט זיין געוויינלעכן טאָן פון אַ מענטש, וועלכער ווייסט גענוי דאָס אמתדיקע פּנים פון דער וואָרהייט, געזאָגט:

— ניין, שיינקייט איז גראָד — דער שקר, זי איז דורך און דורך אויסגעטראַכט דורכן מענטש צוליב זעלבסטטרייסטונג, פונקט אַזוי ווי באַרמהאַרציקייט און נאָך פיל אַנדערע זאַכן...

— און די נאַטור? און די שיינקייט פון די פאָרמען איז

דער נאַטור ? נעמט העקעלן, — האָט נצחונדיק געשריגן דער שריי־בער, — אים אַלס תשובה האָבן אַ קריך געטון די גלייכגילטיקע ווערטער :

— די נאַטור — איז אַ כאַאָטישער קבוץ פון פאַרשידענע העסלעכקייטן און פאַרקריפּלונגען.

— די בלומען ! — האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער שרייבער.

— אין דער נאַטור איז נישטאָ אַזעלכע ראָזעס און טולפּעס, וואָסערע ס'האָבן געשאַפן די מענטשן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד.

דער וויכוח איז געוואָרן אַלץ אויפגערעגטער, בייזער און וואָס מער ס'האָבן זיך געהעכערט די שטימען פון די נישט איינשטימיקע, אַלץ מער עקשנותדיק, שווערמוטיק האָט גערעדט טאָמילין. לסוף האָט ער געזאָגט :

— די שיינקייט איז מער פון אַלץ אונז נייטיק, בעת מיר דערנענטערן זיך צו דער פרוי, ווי אַ חיה צו אַ חיה. אין דעמ־דאָזיקן געבעט פון באַציונגען איז די שיינקייט ארויסגעקומען פון דעם בושה־געפיל, פון דעם מענטשנס אומוויל צו זיין ענלעך צו אַ באָק, צו אַ קראָליק.

ער האָט געזאָגט עטלעכע נאָך מער גראָבע ווערטער און פאַרטייבט מיט זיי דעם וויכוח, אַרויסרופנדיק אַן אַלגעמיינע פאַר־לעגנהייט ; חוזקדיקע שמייכלעך, איראָנישן פליסטער. דער פּע־טער יאַקאָוו, וועלכער איז קראַנקערהייט האַלב געלעגן אויף דער קאַנאַפּע אין אַ הויפן קישנס, האָט געפרעגט מיט אַ האַלב קול, פאַר־גאַפט :

— ער איז אַ משוגענער ?

שמייכלענדיק האָט דער שרייבער אים עפּעס איינגערוימט, אָבער דער פּעטער האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן פליכיקן קאָפּ און געזאָגט :

— ער האָט פאַרשפּעטיקט. די ניהיליסטן האָבן קליגער גע־דרשנט.

דער פּעטער איז, הפּנים, געווען פון עפּעס צופרידן. זיין

פֿאַרבראַנט פּנים איז געוואָרן העלער, קנאָכיקער, אָבער די אויגן האָבן געקוקט גוטמיטיקער, ער האָט אָפּט געשמייכלט. קלים האָט געוואוסט, אַז ער קלייבט זיך אַוועקצופֿאָרן קיין סאַראַטאָוו און דאָרטן וואוינען.

אין אָפּיצינע האָט קלים זיך געפֿילט אַלץ מער נישט אויפֿן אָרט. אַלץ, וואָס איז דאָרט גערעדט געוואָרן וועגן פֿאָלק, וועגן דער ליבע צום פֿאָלק, איז אים באַקאַנט געווען פֿון דער קינדהייט, אַלע ווערטער האָבן געקלונגען פּוסט, נישט אָנרירנדיק אין אים גאָרנישט. זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט אַן אומעט און קלים האָט זיך צוגעוואוינט נישט צו הערן זיי.

אים האָבן זייער פֿאַראינטערעסירט די אָפּנהאַרציק בייזע בליקן פֿון דראָנאָוון, געווענדטע אויפֿן לערער. דראָנאָוו האָט זיך געענדערט, עפּעס אַזוי פּלוצלינג. נישט געקוקט אויף זיין מסוגלקייט נאָכצוקוקן די מענטשן, האָט קלימען זיך שטענדיק געדאַכט, אַז די מענטשן ענדערן זיך ראַפּטום, מיט שפּרונגען, ווי דער מינוטן-ווייזער פֿון דעם קונציקן זייגער, וועלכן וואַראַווקאַ האָט נישט לאַנג געקויפֿט; קיין שטופּנווייזע באַוועגונג האָט דער מינוטן-ווייזער פֿון דעם זייגער נישט געהאַט, ער איז איבערגעשפּרונגען פֿון איין שטריכעלע צום אַנדערן. דאָס אייגענע איז אויך דער מענטש; נאָך נעכטן איז ער געווען אַקוראַט אַזוי ווי מיט אַ האַלב יאָר צוריק, אָבער היינט האָט זיך פּלוצלינג אין אים באַוויזן אַ געוויסער נייער שטריך.

אין דעם טונקל-בלויען רעקל, אין די שוואַרצע הויזן און אין די טעמפּשפּיציקע שיך האָט דראָנאָווס פֿיגור געקריגן אַ קאָמישע סאָלידקייט, אָבער זיין פּנים איז אָפּגעפֿאַלן, די אויגן זענען געוואָרן אומבאַוועגלעכער, די אַפּלען זענען טריב געוואָרן, און אין די ווייסלען האָבן זיך באַוויזן רויטע אָדערלעך, אַזוי ווי בא אַ מענטש, וואָס ליידט פֿון שלאָפֿלאָזיקייט. געפֿרעגט האָט ער פּונקט אַזוי גיריק און פֿיל, ווי פֿריער, גערעדט ווינציקער, געהערט צעשטרייט און צודריקנדיק די עלנבויגנס צו די זייטן, צונויפֿקלאַמערנדיק די פֿינגער, געדרייט די גראָבע פֿינגער, ווי אַן אַלטער מאַן. געקוקט האָט ער אויף אַלץ אַזוי ווי פֿון דער זייט, אָפּט און מיד

זיך אָפּגעבלאָזן און, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט נישט וועגן דעם, וואָס ער קלערט.

יעדעס מאָל נאָך אַ זעונג מיט ריטען האָט קלימען זיך גע־גלוסט צו זאָגן דראַנאָוון וועגן זיין שקר, אָבער טון דאָס האָט גע־הייסן אויפדעקן זיין פאַרבינדונג מיט דער נייטאַרין, און קלים האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן נישט שטאָלצירן מיט זיין ערשטן ראָמאַן. אגב איז געשען עפּעס, וואָס האָט אים טיף איבערראַשט: איינ־מאָל אין אָוונט איז דראַנאָוו אָן צערעמאָניעס אַריינגעקומען אין זיין צימער, האָט זיך מיד אַנידערגעזעצט און שווערמוטיק אָנגע־הויבן רעדן:

— הער אויס, וואַראָוקאַ וויל מיך אַריבערפירן צו אַרבעטן אין ריאַזאַן, און דאָס, ברודער, טויג מיר נישט. ווער וועט דאָרטן, אין ריאַזאַן, מיך צוגרייטן אין אוניווערזיטעט? און נאָך אומבאַ־צאָלט, ווי טאָמילין?

ער האָט גענומען פון טיש אַ לעשער, אַ גלעזערנעם ראָמבוס. און אונטערשטעלנדיק אים אונטער אַ שיפּן זונענשטראַל, נאָכגע־פאָלקט די רעגנבויגנדיקע פלעקן אויף דער וואַנט, אויפן סופיט, פאַרזעצנדיק:

— דערנאָך — מאַרגאַריטאַ. פאַר מיר לוינט נישט אָוועקצו־פאָרן פון איר, איך בין דורך איר, ווי מען זאָגט, באַנייט און באַ־קליידט. און בין טאַקע צוגעבונדן צו איר. און כ׳פאַרשטיי, אַז איך פאַר איר בין נישט קיין מאַרמעלאַד.

ער האָט זיך אַ קרום געטון און אַרויפגעפירט אַ רעגנבויגנ־דיקן פלעק אויף דער פאָטאָגראַפיע פון קלימס מוטער, אויף איר געזיכט אַרויף; אין דעם האָט קלים דערפילט עפּעס אַ באַליידיקונג. ער איז געזעסן באַם טיש, נאָר דערהערנדיק ריטעס נאָמען, איז ער שנעל און אומפאַרזיכטיק אויפגעשפרונגען אויף די פיס.

— מאַך נישט קיין קונצן, — האָט ער טרוקן אַ זאָג געטון פאַרזשמורענדיק זיך, גלייך דער זונענשטראַל וואָלט אים אַריינגע־פאַלן אין די אויגן; דראַנאָוו האָט נאָכלעסיק אַ וואַרף געטון דעם לעשער אויפן טיש אַרויף, און קלים האָט זיך באַמיט צו רעדן גלייכגילטיק און געפרעגט:

— דו לעבסט נאָך אַלץ מיט איר?

— פאַרוואָס זשע נישט לעבן?

קלים האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון טיש, באַטראַכטנ־דיק דראַגנאָוון; אין דעם רויקן טאָן, מיט וועלכן ער האָט גערעדט וועגן ריטען, האָט קלים געהערט עפּעס פאַרדעכטיקס. דעמאָלט האָט ער זייער פריינדלעך און מאַכנדיק זיך באַיוו אָנגעהויבן אויספרעגן אויספּירלעך וועגן דעם מיידל, און צו דראַגנאָוון האָט זיך אומגעקערט זיין באַרימערישקייט, און אין אַ מינוט אַרום האָט קלים דערפילט אַ חשק אַ געשריי טאָן אים:

— טראָג זיך אַרויס!

— זי איז — אַ וואוילע, — האָט דראַגנאָוו געזאָגט.

קלים האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, און דראַגנאָוו האָט זיך פלוצלינג אָנגעכמורעט און איז אַריבערגעשפרונגען אויף אַן אַנדערער טעמע:

— טאַמילינען וועל איך אינגיכן אָנהייבן האַסן, מיר ווילט זיך שוין אַציגד אויך מאַכעס מאָל אים אַ קלאַפּ טון אין אויער אַריין. איך דאַרף קענען, און ער לערנט גאָרנישט צו גלייבן. באַוויייזט, אַז אַלגעבערע איז, — ווילקירלעך און דער טייוול וועט אים פאַרשטיין, וואָס ער דאַרף! ער דויבעט אַלץ, אַז דער מענטש מוז צערייסן דאָס שפּינוועבס פון די באַגריפן, וואָס זענען אויסגעוועבט געוואָרן דורכן פאַרשטאַנד, אַרויסשפּרינגען ערגעץ־וואו, אין דער גרענעצלאָזיקייט פון פרייהייט. ס'קומט אויס עפּעס אַזוי: שפּאַציר אַ נאַקעטער! וואָסער טייוול דרייט דאָס הענטל פון דעמדאָזיקן קאַווע־מילכל?

קלים האָט אַ זאָג געטון דורך די ציין:

— זייער אַ קלוגער מענטש.

— אַ קלוגער? — האָט אָפּן אַ צווייפל געטון דראַגנאָוו, ער האָט בייז אַ קוק געטון אויפן זייגער און אויפגעשטאַנען:

— רעד זשע איבער מיט וואַראַווקאַן.

אָן אים איז אין צימער בעסער געוואָרן. שטייענדיק באַם פענצטער, האָט קלים אַרומגעצופּט די בלעטלעך פון דער בעגאָניע און זיך געקרומט, צעקלעמט פון כּעס, דערנידערונג. ווען ער האָט

דערהערט אין פֿאַרצימער וואַראַוואָקאַס שטימע, איז ער גלייך אַרויסגעגאַנגען צו אים; שטייענדיק פֿאַרן שפּיגל, האָט וואַראַוואָקאַ צעקעמט מיט אַ קעמל די פֿוקסן־באָרד און געמאַכט גרימאַסן:

— קיין ריאַזאַן, קיין ריאַזאַן! — האָט ער בייז געענטפֿערט אויף קלימס פֿראַגע. — אָדער — אין אַלע פֿיר זייטן! בעט נישט!

— איך האָב גאָרנישט בדעה געהאַט צו בעטן פֿאַר אים, — האָט קלים געזאָגט מיט ווירדע.

וואַראַוואָקאַ האָט אים אַרומגענומען באַ דער טאַליע און אים אַריינגעפֿירט צו זיך אין קאַבינעט אַריין, רעדנדיק:

— דערדאָזיקער בחור איז מיר דערעסן געוואָרן. ער אַרבעט פֿאַסקודנע, איז צעשטרייט, עזותדיק. און ער האָט צופֿיל ליב צו פֿלאַפּלען מיט מייגע אונטערהשגחהדיקע אָנגעשטעלטע.

— יאָ, — האָט קלים סאָליד אַ זאָג געטון, — ס'ציט אים צו זיי. ער קומט אַזוי אָפּט אין אָפּיצינע אַריין.

אוועקזעצנדיק אים אין אַ פֿאָטעל באַ דעם גרויסן אַרבעטסטיש, האָט וואַראַוואָקאַ פֿאָרגעזעצט:

— כ'פֿאַרשטיי נישט, וואָס דיך ציט צו אַזעלכע טיפּן, ווי דראָנאָוו אָדער מאַקאַראָוו. דו שטודירסט, יאָ?

תמיד אַ ליצנותדיקער, אָפּט אַ שאַרפֿער, האָט וואַראַוואָקאַ אויך געקענט רעדן גושא־פּנימדיק, מיט פֿריינדלעכער איבערצייגעוודיקייט. קלים האָט שוין נישט איינמאָל געפֿילט, ווי לייכט דערדאָזיקער מענטש צווינגט אים אַרויסצוזאָגן עפּעס איבעריקס און זיך באַמיט צו רעדן מיטן שטיפֿפֿאָטער אויסמיידנדיק, פֿאָרזיכטיק. אָבער ווי שטענדיק אַזוי אויך א־צט, האָט וואַראַוואָקאַ אומבאַמערקט אים צוגעברענגט צו דער בויטווענדיקייט צו זאָגן, אַז לידיאַ טרעפֿט זיך צו אָפּט מיט מאַקאַראָוון און אַז זייערע באַציונגען זענען זייער ענלעך צו אַ ראָמאַן. דאָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַליין פֿון זיך, זייער פּשוט: צוויי ערנסטע מענטשן. גייסטיק גלייכע, האָבן זאָרגעוודיק געשמועסט וועגן מענטשן ייִנגע און נישט געזעצטע, באַום־

רויקנדיק זיך וועגן זייער צוקונפט. ס׳וואָלט זאָגאַר געווען איבער דער טבע צו פאַרשוויַיגן וועגן די מאָדנע באַציונגען צווישן לידיען און מאַקאַראָוון.

וואַראָווקאַ האָט פאַרמאַכט אויף עטלעכע סעקונדעס די בערישע אייגעלעך, אַרונטערגערוקט די האַנט אונטער דער באָרד און מיט אַ שנעלן זשעסט צעשפּרייט זי, ווי אַ פעכער. דערנאָך האָט ער, פלייִשיק שמייכלענדיק, געזאָגט:

— ראָמאַנטיזם. אַ קראַנקייט פון דער עלטער. דיך וועט זי מיידן, כ׳בין זיכער. לידיאַ איז — אין קרים, אין האַרבסט וועט זי אַוועקפאָרן אין טעאַטער-שולע.

— אָבער מאַקאַראָוו וועט דאָך אויך זיין אין מאָסקווער אוניווערזיטעט, — האָט קלים דערמאַנט.

וואַראָווקאַ האָט נישט געענטפערט, שערנדיק די נעגל; זייערע שטיקעלעך זענען אַרויפגעשפרונגען אויפן טיש, וועלכער איז באַלאָדן געווען מיט פאַפּירן. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען דאָס נאָטיץ-ביכל, געמאַכט דערין עפּעס אַזעלכע צייכנס מיטן בליישטיפט, געפרוווט אַ פייף צו טון עפּעס — נישט אַרויסגעקומען.

— דו קומסט אַריין אין אָפּיציניע? — האָט ער געפרעגט און באַלד פרייַנדלעך אַ פאַטש געגעבן איבער קלימס קני, געזאָגט: — מיין עצה איז: גיי נישט אַהין! נאַטירלעך זענען דאָרט — מענטשן אימשולדיקע, אומשעדלעכע און אַלע זייערע רייד זענען בלויז אויסן — איבערצובייטן די הויט. אָבער, — וועגן זיי איז אויך פאַרהאַן אַן אַנדערע מיינונג. וויבאַלד אין אַ מלוכה עקזיסטירט אַ פּאָליטישע פּאָליציי — מוזן אויך זיין פּאָליטישע פאַרברעכער. הגם פּאָליטיק איז אַציַנד נישט אין דער מאָדע, פונקט ווי טורניורן, אָבער ס׳איז פאָרט פאַרהאַן אַן אינערציע און ס׳זענען פאַרהאַן אַלטע חסידים. אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז מעגלעך נאָר אַלס פויערישער בונט, ד. ה. אַלס קולטורלאָזע, חרוב-מאַכנדיקע דערשיינונג...

דערנאָך האָט ער לאַנג גערעדט וועגן דעם אויפשטאַנד פון די דעקאַבריסטן, אָנרופנדיק אים „אייגנאַרטיקע טראַגישע בופאָנאַדע“, די באַוועגונג פון די פּעטראַשעווצעס — „אַ פאַרשווערונג

פון פּראָפּעסיאָנעלע פּלוידערזעק", אָבער איידער ער האָט באַוויזן איבערצוגיין צו די „נאַראָדניקעס", איז מאַיעסטעטיש אַריינגעקומען די מוטער, אין בעז-קאָליריקן קלייד, מיט שפּיצן, מיט אַ לאַנגער בייטש פּערל אויפן בוזעם.

— שוין צייט! — האָט זי שטרענג געזאָגט. — און דו האָסט זיך נאָך נישט איבערגעטון?

— אַנטשולדיק, — האָט שולדיק אויסגערופן ווראַוואַ, אויפשפּרינגענדיק און געשווינד אַוועקלויפנדיק. — מיר האָבן אזוי אינטערעסאַנט געשמועסט.

קלימען איז תמיד אָנגענעם געווען צו זען, אַז די מוטער פירט אָן מיט דעמדאָזיקן מענטש, ווי מיט אַ נידעריקער באַשעפעניש פון זיך, ווי מיט אַ פערד. באַגלייטנדיק מיטן בליק וואַראַווקען, האָט זי אָפּגעזיפצט, דערנאָך צוגלעטנדיק מיטן שמעקענדיקן פינגער דעם זונס ברעמען, זיך געפרעגט:

— וועגן וואָס האָט איר גערעדט?

— דאַכט זיך, איך האָב געהאַנדלט אומטאַקטיש, — האָט זיך מודה געווען קלים, קלערנדיק וועגן דראָנאָוון, נאָר דערציילנדיק וועגן לידיען און מאַקאַראָוון.

— ווי דען אַנדערש? — האָט זיך עטוואָס פאַרוואונדערט די מוטער. — דו ביסט מחויב געווען צו אינפאָרמירן איר פאָטער.

— כ'בין גרייט, — האָט געזאָגט ווראַוואַ, דערשייענדיק אין דער טיר; אָנגעטון אין סורדוט, האָט ער אויסגעזען באַזונדער ריזיק.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. קלים איז פאַרבליבן אין דער שטימונג פון אַ מענטש, וועלכער פאַרשטייט נישט, צי דאַרף מען אָדער מען דאַרף נישט צו לעזן די אויפגאַבע, וואָס איז פּלוצלינג אויפגעשוואומען פאַר אים? ער האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער, אין צימער האָט אַ פלייץ אַריין געטון אַ פעטע אָוונט-לופט. אַ קליינער, טונקל-בלויער וואָלקן האָט אַרומגעהילט דעם לבנה-סערפּ. קלים האָט באַשלאָסן:

— כ'וועל גיין צו איר...

ער האָט באַשלאָסן — נאָר זיך פאַרטראַכט; דעם ראַפּטומ-

דיקן חשק צו גיין צו מאַרגאַריטען האָט געשטערט דאָס געפיל פון עפּעס אַ מין פאַרלעגנהייט, די מורא, אַז ער וועט נישט אויס־האַלטן, אַ פרעג טון זי וועגן דראַגנאָוון און ס'וועט זיך פּלוצלינג אַרויסווייזן, אַז דראַגנאָוו האָט געזאָגט אמת. דעמדאָזיקן אמת האָט זיך נישט געוואָלט.

פון אַפּיצינע זענען אַרויסגעגאַנגען, איינער נאָכן אַנדערן, טונקעלע מענטשן מיט קלומעקלעך, וואַליזקעס אין די הענט. דער שרייבער האָט געפירט אונטער דער האַנט דעם פעטער יאַקאָוו. קלים האָט געוואָלט אַרויסלויפן אויפן הויף, זיך געזעגענען, אָבער ער איז פאַרבליבן באַם פענצטער, דערמאַנענדיק זיך, אַז דער פעטער באַמערקט אים שוין לאַנג נישט צווישן מענטשן. דער שרייבער האָט געהאָלפן אַריינזעצן דעם פעטער אין עקיפּאַזש פון אַ שוואַרצן באַלעגאָלע, דער פעטער האָט אַ געשריי געטון:

— און וואו איז דער פּאַקעט?

— באַ מיר, — האָט הויך געענטפערט דער שרייבער.

דער עקיפּאַזש האָט שווער זיך אַ קייקל געטון אין חשכות פון דער גאַס.

דער פעטער האָט אַרויפגעצויגן דעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ אַרויף. נישט אומקוקנדיק זיך צוריק, צום טויער, וואו דעם שרייבערס פרוי, איר שוועסטער און נאָך עפּעס צוויי מענטשן האָבן, פאָכענדיק מיט די טיכלעך, פריידיק געשריגן:

— פּאָרט געזונטערהייט!

דאָס אַלץ — און די חשכות — האָט דערמאַנט קלימען אַ סצענע פון עפּעס אַ נישט אינטערעסאַנטן ראָמאַן — דאָס באַגלייטן אַ מיידל, וואָס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ גוווערנאַנטין, בכדי אונטערצושטיצן איר פאַראָרעמטע משפּחה.

קלים האָט אַ זיפץ געטון, געהערט, ווי די שטילקייט פאַר־שלינגט דאָס קלאַפּערייַ פון עקיפּאַזש, געוואָלט אַ קלער טון וועגן פעטער, איינשליסן אים אין אַ רעמל פון עפּעס זייער באַדייטנדי־קע ווערטער, אָבער אין זיין קאָפּ האָט געביסן, ממש ווי אַ מוק, די באַליידיקנדיקע פראַגע:

— און אויב דראַגנאָוו האָט געזאָגט דעם אמת?

דידאָזיקע פּראַגע, נישט לאָזנדיק צו מאַרגאַריטען, האָט נישט דערלויבט צו קלערן וועגן גאָרנישט, אַ חוץ איר. אָפּזיצנדיק אַ לאַנגווייליקע שעה אין דער פינצטער, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו זיך, האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, אַ בליק געטון אין שפּיגל, — ער האָט אים געוויזן אַ פּנים כּמעט אַן אומבאַקאַנטס — אַ באַליידיקטס, צעקנייטשט דורך אַ מינע פון שטוינונג. ער האָט תּיכּף פאַרלאָשן דאָס פייער, זיך אויסגעטון אין דער פינצטער און זיך געלייגט אין בעט אַריין, פאַרהילנדיק דעם קאָפּ מיטן ליילעך. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך איבערצייגט, אַז מען מוז נאָך הייַנט, טאַקע באַלד דעמאַסקירן מאַרגאַריטען אין איר ליגנט. נישט אָנצינדנדיק קיין פייער, האָט ער זיך אָנגעטון און איז אַוועקגעגאַנגען צו איר, אין אַ קריגערישער שטימונג, אַנטשלאָסן שפּרייזנדיק. ווי שטענדיק, האָט מאַרגאַריטאַ אים באַגעגנט מיטן באַקאַנטן אויסרוף:

— אהאַ, ביסט געקומען?

אים האָבן שוין לאַנג שאָקירט דידאָזיקע ווערטער, ער האָט קיינמאָל נישט געהערט אין זיי קיין פרייד, קיין צופרידנקייט. און אַלץ בזיונדיקער זענען געווען די אייגאַרטיקע צערטלענישן אירע, וואָס זענען דורך איר אויסגעלערנט געוואָרן, הפּנים, אויפן גאַנצן לעבן. צייטנווייז האָט די באַדערפעניש אין דידאָזיקע צערטלענישן שוין אַ ביסל געקווילט קלימען, אפילו געוואַקלט זיין אַכטונג צו זיך.

אָבער דאָס מאָל האָבן די באַקאַנטע ווערטער אַרויסגעקלונגען אויף אַ נייעם שטייגער פאַרבלאָזן. מאַרגאַריטאַ איז נאָר וואָס געהאָט געקומען פון באָד, זי איז געזעסן בא דער קאָמאָדע, פאַרן שפּיגל, צעקעמענדיק די פייכטע, טונקלער-געוואָרענע האָר. איר רויט געזיכט האָט אויסגעזעען בייז.

מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, נאָר מיט אַ ציטערדיקער פון כּעס האַנט, האָט קלים אַראָפּגעלאָזט אַ פּעטשל איבער איר הייסער, צעפּאַרעטער פּלייצע, אָבער זי האָט, אַוועקבייגנדיק זיך, בייז אַ זאָג געטון:

— ס'טוט וויי. וואָס טוסטו?

און באַלד האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ געשעפּטלעכן טאָן:

— הער אַ ביסל: איך נעם אָן אַ גוטע שטעלע, אין אַ מאַ־נאַסטיר, אין אַ שולע, כ'וועל דאָרט לערנען די מיידעלעך נייען. און אַ דירה וועט מען מיר דאָרט געבן בײַ דער שולע. ס'הייסט — אַ גוטן טאָג! מענער קאָנען אַהין נישט גיין.

אַראָפּלאָזנדיק דאָס העמד ביז די קניען, אָפּווישנדיק מיט אַ האַנטוך דעם האַלז, די ברוסט, האָט זי נישט געבעטן, נאָר באַ־פוילן:

— וויש מיר אָפּ דעם רוקן.

דערזעענדיק זי נאַקעטערהייט, האָט דער ייִנגערמאַן דערפילט, אַז דער זאַפּאַס פון זיין קריגערישקייט איז פאַרשוואונדן. אָבער דער באַפעל פון דעם מיידל אָפּצווישן איר דעם רוקן האָט אים דערשטוינט און אויפגעבראַכט. קיינמאָל האָט זי זיך נישט געווענדט צו אים מיט בקשות ווען אַזעלכע באַדינונגען און ער האָט נישט געדענקט דעם פאַל, ווען די העפלעכקייט זאָל אים צווינגען צו טון פאַר ריטען עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס זי האָט פון אים איצט געפאָדערט. ער איז געזעסן און געשוויגן. דאָס מיידל האָט גע־פרעגט:

— ביסט פויל?

דעמאָלט, אונטערגעבנדיק זיך דעם אויפגעפלאַמטן כעס, האָט ער געזאָגט נישט הויך און מיט פאַראַכטונג:

— דו האָסט מיר ליגנט געזאָגט, דראַנאָוו איז דיין גע־ליבטער...

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָס געזאָגט נישט אַזוי, ווי מ'דאַרף, נישט מיט די געהעריקע ווערטער. מאַרגאַריטאַ, אַנטוענדיק נייע שיך, איז געזעסן איינגעבויגן, מיטן רוקן צו אים. זי האָט געענטפערט נישט באַלד און רויק:

— אָט ווי פּשוט ס'האָט זיך צונויפגעטראָפן.

און געפרעגט:

— דאָס האָט פּענקאַ דיר געזאָגט?

קלים האָט דערפילט, אַז די דיאָזיקע פראַגע האָט אים אַ שטויס געטון אין דער ברוסט. פיבערהאַפט פויקנדיק מיט די פינ־

גער איבער דעם קופּערנעם שנאָל פֿון זיין פּאַסיק, האָט ער אָפּ־געוואָרט: וואָס נאָך וועט זי זאָגן? אָבער מאַרגאַריטאַ, צעקנעפּ־לענדיק מיט אַ האָקל די קנעפּלעך פֿון די שיך, האָט גאָרנישט גערעדט.

— מיר האָט דראַנאָוו אַליין געזאָגט, — האָט גראָב דער־קלערט קלים.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און נישט הויך אונטערהייבנדיק די ספּאָדניצע, קריטיש אַ קוק געטון אויף אירע פֿיס. און זי האָט אויפסניי זיך אָוועקגעזעצט אויף דער שטול; מיט דערלייכטערונג אָפּזיפּצנדיק, האָט זי איבערגעחזרט:

— אָט ווי גוט ס'האָט זיך צונויפגעטראָפֿן. און איך קלער שוין דאָ אַ קנאָפּע וואָך: ווי אַזוי זאָגן, אַז איך קאָן נישט מער מיט דיר?

קלים האָט געפֿילט, אַז זי מאַכט אים דול, כמעט פֿאַרלוירן האָט ער אַ פֿרעג געטון:

— נאָכוואָס האָסטו ליגנט געזאָגט?

— דאָס מיידל האָט געענטפֿערט מיט אַ גלייכער שטימע, קוקנדיק אין פֿענצטער אַריין און, אַזוי ווי קלערנדיק נישט דאָס, וואָס זי רעדט:

— דיין מאַמעשי האָט מיר געצאָלט געלט נישט דערויף, אַז כ'זאָל דיר זאָגן דעם אמת, נאָר אַז דו זאָלסט נישט הוליען מיט קיין גאַסן־מיידלעך און זיך נישט אָנשטעקן.

דערשפּירנדיק די עמפּינדונג פֿון אַ ברי, האָט קלים אַ גע־שריי געטון:

— זאָגסט ליגנט! די מאַמע האָט נישט געקאָנט...

— ס'קוועטשט, — האָט שטילערהייט געזאָגט ריטאַ, אָפּער־רוקנדיק דעם פֿוס פֿון אונטערן פּאָדל און אַ זידל געבנדיק עמעצן מיט „פּאָדליעץ”, פֿאַרגעזעצט באַלערנד און גלייכ־גילטיק:

— אויף דער מאַמעשי — זיי נישט בייז, זי זאָרגט זיך זייער וועגן דיר. אין דער גאַנצער שטאָט קען איך בלויז דריי מוטערס, וואָס זאָרגן זיך אַזוי וועגן די זין.

קלים האָט געהערט אירע אומגעלומפּערטע ווערטער דורך אַ גערויש אין קאָפּ, ס'האָבן באַ אים געציטערט די פּ־ס און ווען ריטאַ וואָלט גערעדט נישט אַזוי גלייכגילטיק, וואָלט ער אַ קלער געטון, אַז זי מאַכט חוזק פון אים.

— הייסט עס, די מוטער האָט זי אָפּגעדונגען, — האָט ער געטראַכט. — זי האָט איר געצאָלט, דעריבער איז עס דידאָזיקע כּלבטע געווען אומאייגננוציק.

— כאָטש זי איז אַ שטאָלצע, און האָט מיך באַליידיקט, אָבער איך וועל פונדעסטוועגן זאָגן: אַ מוטער איז זי אַ זעלטענע. אַציגד, ווען זי האָט מיר אָפּגעזאָגט, אַז מען זאָל וואַניען נישט שיקן קיין ריאַזאַן, — זאָלסט שוין צו מיר מער נישט גיין. און איך וועל צו אייך אַרבעטן אויך נישט גיין.

די לעצטע פראַזע האָט זי אַרויסגעזאָגט דראָענדיק, אַזויווי מיינענדיק, אַז אָן איר אַרבעט וועלן די סאַמגינס און די וואַראַוואָקעס ווערן די אומגליקלעכסטע מענטשן.

קלימען האָט זיך געגלוסט אָפּצושפּיליען דעם פּאַסיק און אַ שמיץ געבן איבערן מיידלס פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ רויט און פאַרשוויצט געווען. אָבער ער האָט זיך געפילט מאַכטלאָז פון דערדאָזיקער באַרישער סצענע און איז אויך רויט געווען פון באַליידיקונג, פון חרפּה, פון די אַקסלען ביז די אויערן. ער איז אוועקגעגאַנגען, נישט קיין קוק געבנדיק אויף מאַרגאַריטען, נישט זאָגנדיק איר קיין וואָרט, און זי האָט אים באַגלייט מיט אַ פאַראיבלדיקן אויסגעשריי:

— פו, ווי נישט שיין, און איז געווען אַ העפלעכער...

ער איז לאַנג געגאַנגען איבער די גאַסן, דערנאָך געזעסן אין שטאָט־גאָרטן, טראַכטנדיק: וואָס טוט מען? ס'האָט זיך געוואָלט אָנהרגענען דראָגאָוון אָדער דערציילן אים, אַז מאַרגאַריטען דינגט מען, ווי אַ פּראָסטיטוטקע, ס'האָט זיך געגלוסט צו זאָגן דער מוטער עפּעס זייער שטאַרקס, וואָס וואָלט זי געבראַנגט אין פאַרלעגנהייט. אָבער דידאָזיקע פאַרלאַנגען האָבן זיך געגליטשט איבער דעם עקשנותדיקן, האַרטנעקיקן געדאַנק וועגן מאַרגאַריטען.

ער איז געוואוינט געווען צו באַציִען זיך צו איר פֿון אויבן אַראָפּ, איראָניש, און דאָס ערשטע מאָל האָט ער געקלערט וועגן דעם מיידל מיטן גאַנצן ערנסט, אויף וועלכן ער איז פֿעיִק געווען. מאַרגאַריטעס געשטאַלט האָט זיך אומפֿאַרשטענדלעך געטיילט אינצווייען. ס'האָבן זיך דערמאָנט אירע אָן ספֿק ערלעכע צערטלענישן, די אומגעשפּיצטע און אָפֿט מאָל קאָמישע, אָבער אויפֿריכטיקע ווערטער, וועלכע האָבן גענייט אייבעם פֿון מאָפּאַסאַנס העלדין זיך אָפּצוזאָגן פֿון זיין געליבטער. מיט וואָס זשע פֿאַר אַ צערטלענישן האָט זי באַשאָנקען דראָנאָוון, וואָס פֿאַר אַ ווערטער האָט זי אים געפֿליסטערט? מיט טעמפּער שטוינונג האָט ער זיך דערמאָנט דאָס זאָרגן פֿון דעם מיידל וועגן די תּענוגים פֿון זיין קערפּער, דערנאָך האָט ער זיך געפֿרעגט: ווי אַזוי האָט זי געקאָנט ליגנט זאָגן אַזוי אומבאַמערקט און געשיקט? און דערמאָנענדיק זיך אירע ווערטער וועגן די דריי זאָרגזאַמע מוטערס, אַ קלער געבנדיק אַז, ס'קאָן זיין, אונטער מאַרגאַריטעס אויפֿזיכט זענען אַ חוץ אים געווען נאָך צוויי אַזעלכע ווי ער, האָט באַ אים פֿלוצלינג אַ שימער געטון אַן אויסטערלישער פֿרעמדער געדאַנק:

— אַ פּראָסטיטוטקע אָדער אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער?

אָבער דידאָזיקע מחשבה איז גלייך פֿאַרשוואונדן, ווי נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ריטאַ האָט, משמעות, ליב געהאַט בלויז דעם פֿערטן, דעם נישט שייבעם, נישט אָנגענעמען דראָנאָוון.

דידאָזיקע טראַכטונגען, וואָס האָבן אַלץ מער געוועקט אַ געפֿיל פֿון עקל, זענען געוואָרן שווער נישט צום איבערטראָגן, נאָר אָפּשטויסן זיי איז קלים נישט געווען בכּוח. ער איז געזעסן אויף אַן אייזערנער באַנק, מיטן פּנים צו אַ פֿינצטערן, ווייסן טייך, דאָס וואַסער פֿון טייך האָט געגלאַנצט, אַקוראַט ווי אַ ריזיקער פּלאַט דאַך-אייזן, געפֿלאָסן איז עס כּויל, רוישלאָז און זיך אויסגעוויזן ווייט. די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע, אָן אַ לבֿנה, אויפֿן וואַסער האָבן ווי געלע טראָפּנדלעך פֿעטס זיך אָפּגעשפּיגלט די שטערן. הינטער זיין רוקן האָט קלים געהערט טריט פֿון מענטשן, געלעכ-

טער און גערעדעריי, אַ כיטרע טענאָרל האָט אויסגעזונגען מיטן מאָטיוו פון: „La donna e mobile״

דיין ליבלעכע, צערטלעכע
שטימע איך הער, —
צאָל זשע פאר איר
ממתקים וואָס מער...

אַ שאָקירנדיקע באַנאַלקייט האָט טריומפירנד געקלונגען אין דעמדאָזיקן לידעלע. קלים האָט זיך פלוצלינג פאַר עפּעס דער־שראָקן, איז אויפגעשפרונגען און שנעל אַהיימגעגאַנגען.

די מוטער און וואָראָווקאַ זענען אַוועקגעפאָרן אויף זומער־וואוינונג הינטער דער שטאָט, אַלינאַ האָט אויך געוואוינט אויף זומערוואוינונג, לידיאַ און ליובאַ סאַמאָווא — אין קרים. קלים איז פאַרבליבן אינדערהיים, כדי אַכטונג צו געבן אויפן רעמאָנט פונם הויז און צו לערנען זיך באַ רושיגען לאַטייניש. ביחידות מיט זיך איז נישט געווען קיין נויטווענדיקייט צו שפּילן די געוואוינטע ראָלע און קלים איז זייער פאַמעלעך געקומען צו זיך פון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען. ס'האָט זיך אַלץ געטראַכט וועגן מאַרגאַריטען; דידאָזיקע טראַכטונגען, אַנווערנדיק ביסלעכווייז די שאַרפקייט, כאָטש זיי זענען אויך געוואָרן ווינציקער באַליידיקענד, זענען אָבער גלייכצייטיק געוואָרן מער אומפאַרשטענדלעך. זיי האָבן באַלויכטן דאָס מיידל עפּעס גאָר אַנדערש. קלים האָט שוין נישט געקלערט, אַז מאַרגאַריטעס פאַרשטאַנד איז שטום, דער זכרון האָט אויפגעלעבט אירע באַלערנדיקע ווערטער און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָפּטער פון אַלעם זענען זיי באַפאַרבט געווען מיט פאַרביטערונג קעגן פרויען. אַזוי, איינמאָל, אַראָפּשפּרינגענדיק פון בעט און אַרומווישנדיק מיט אַ שוואָם איר פאַרשוויצט לייב, האָט מאַרגאַריטאַ געזאָגט באַגיטיקנדיק:

— דאָס איז זייער גוט פאַר דיר, וואָס דו ביסט נישט קיין הייסער. אונזערס אַ שוועסטער האָט די הייסע ליב צו צעפלאַקערן,

און טאַקע פאַרברענען זיי אויף אַש. נישט איינער קומט אים דורך אונז.

אַ צווייט מאָל האָט זי צערטלעך געטענהט:

— דו זאָלסט אין קיין ווייבערישער ליבע — נישט גלייבן דו געדענק, אַז אַ פרוי האָט ליב נישט מיט דער נשמה, נאָר מיטן קערפּער. ווייבער זענען כיטרע, אוך! שלעכטע. זיי האָבן אפילו איינע די אַנדערע נישט ליב, גיב אַ קוק אויף דער גאַס, ווי בייז און קנאהדיק זיי קוקן איינע אויף דער אַנדערער, דאָס איז — פון גיריקייט אַליין: איטלעכע איז אין כעס, וואָס אַ חוץ איר לעבן נאָך אַנדערע אויף דער ערד.

זי האָט אפילו אים אָנגעהויבן צו דערציילן עפּעס אַ ראָמאַן, אָבער קלים איז אַנדרימלט געוואָרן, פון דעם גאַנצן ראָמאַן זענען בײַ אים אין זכרון פאַרבליבן נאָר עטלעכע ווערטער:

— און וואָס האָט זי דען באַדאַרפט? בלויז אָפּשלאָגן אים בײַ מיר. ס'הייסט — דו זעסט, ווי איך בין געשיקטער פון דיר.

אַצינד, ווען אירע באַלערנדיקע רייד זענען אויפגעשוואומען פאַר אים, האָט ער זיך געוואונדערט איבער זייער שפּע, איינאַרטיקייט און איז גרייט געווען צו קלערן, אַז ריטאַ האָט גערעדט מיט אים, אפשר, לויט דער פאָדערונג, פון איר געוויסן, בכדי דורך אָנצוהערענישן אים אָנצודייטן וועגן איר גענאַרעריי.

— איך וויל זי פאַרענטפערן? — האָט ער זיך געפרעגט.

אָבער גלייך איז פאַר אים דערשינען דראַגאָווס פלאַטשיקע פנים, זיינע באַרימערישע שמייכלעך, די אומפאַרשעמטע ווערטער פון זיינע דערציילונגען וועגן מאַרגאַריטען.

— ווען כ'זאָל אַריינפאַלן מיט איר אין טייך, וואָלט זי מיך דערטרונקען, ווי וויערא סאַמאָווע באַריסן, — האָט ער מיט כעס אַ קלער געטון.

אָבער הגם מיט פאַרדראָס קלערנדיק וועגן ריטען, האָט ער פונדעסטוועגן געשפּירט, אַז אין אים וואַקסט אַ דערנידעריקנדיקער באַגער צו גיין צו איר, און דאָס האָט נאָך מער אים פאַרדראָסן. ער האָט געפונען אַן אויסגאַנג פאַר זיין כעס, ריכטנדיק אים אויף די אַרבעטער.

אין דער צווייטער זייט, כמעט אַקעגנאיבער דעם הויז פון די סאַמגינס, האָבן מוליאַרעס איינגעוואָרפן אַן אַלטע צווייגעשטאָקיקע געביידע, וואָס איז אַמאָל געווען אָפּגעפאַרבט מיט געלער פאַרב; אויסגעזען האָט זי ווי אַ קאַזאַרמע, מיט קליינע, מרה-שחורהדיקע פענצטער; דאָסדאָזיקע הויז האָט וואָראָנקאַ געקויפט אויף אַ סוחרישן קלוב. ס'האָבן געאַרבעט אַ צוואָנציק מאַן שטויביקע מענטשן, אָבער פון זיי האָבן באַזונדער זיך אויסגעטיילט צוויי: אַ געקרייזלטער, גראָבליפּיקער בחור, מיט קיילעכיקע אויגן אויפן האָריקן פּנים, גרויען פון שטויב, און אַ קליינער אַלטיטשקער אין אַ בלויער בלוזע, אין אַ לאַנג פאַרטוך. דעם בחורס אייזערנע הענט האָבן אומזיניק געבערעקלט מיטן ברוך-אייזן די פעסט צונויפגעקלעפּטע ציגל פון דער אַלטער וואַנט. דער בחור האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע קראַפט, ער האָט זיך געשפּילט, אַרויסגעשטעלט מיט איר, און דער אַלטיטשקער האָט אים אונטערגעגעבן חשק, צוקוויטשענדיק:

— האַק, מאָטיאַ! בראָק, מאָטיאַ, — באַלד איז שאַבאַש!*)

דער „דיעסיאַטניק“, אַ רויטבערדיקער, היפּשער פויער, האָט געטענהט:

— אָבער דו מאַך זיך נישט נאַריש, ניקאָלאַיטש! נאָכוואָס צעבערעקלען די ציגל?

דער אַלטיטשקער האָט געענטפערט מיט הלצהלעך:

— ס'טייטש, איך דען? דאָס טוט דאָך מאָטיאַ! עך, מאָטיאַ, געשעדיקט זאָלסטו ווערן, — אַ כוח דו האָסט!

און אַליין זיך געפלייסט אַ קלאַפּ צו טון מיטן ברוך-אייזן נישט צווישן די ציגל, נישט אין קאַלך אַריין, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן, נאָר איבער די גאַנצע ציגל. אויפסניי האָט דער דעסיאַטניק אויס רגילות נאָר גלייכגילטיק, געשריגן, אַז די אַלטע

---

*) שאַבאַש — שטאַמט פון וואָרט: שבת; פאָלקסטימלעכער אויסדרוק אויף אָפּרו פון דער אַרבעט. — איבערזעצער.

ציגל טויגן צו דער אַרבעט, זיי זענען גרעסער, פעסטער פון די בייע, — דער אַלטיטשקער האָט איינשטימיק צוגעקוויטשעט:

— ריכטיק! די טאַטעס, די זיידעס אונזערע האָבן געאַרבעט בעסער פון אונז! עך, מאַטיאַ־אַ!

אַלע אַרבעטער האָבן געבראָכן די וואַנט מיט עקזאַלטאַציע, באַר דער אַלטיטשקער, האָט זיך קלימען געדאַכט, איז אַריבערגעגאַנגען עפּעס אַ גרענעץ און אַריינפאַלנדיק אין ווילדער התלהבות, געוועז אָפּשטויסנד. און מאַטיאַ האָט געאַרבעט בלינד, ענלעך צו אַ מאַשין און ווען אים האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושפּאַלטן עטלעכע ציגל מיטאַמאָל, האָט ער פאַרטויבנדיק געאוכעט, די אַרבעטער האָבן געלאַכט, געפייפט, און דער אַלטיטשקער האָט ווילד און אומהיימלעך געקוויטשעט:

— האַק!

— אידיאָטן! — האָט געטראַכט קלים. ס'האָבן זיך אים דערמאָנט די שטילע טרערן פון דער באָבעשי פאַר די חורבות פון איר הויז, ס'האָבן זיך דערמאָנט די גאַסן־סצענעס, די געשלעגן פון די אַרבעטער, די אוואַנטורעס פון די שכורע פויערן בײַ די מארק־שענקען אויפן שטאָט־פּלאַץ קייגנאיבער דער גימנאַזיע און ווידער די טרערן פון דער באָבעשי, די בייז־חוזקדיקע ווערטלעך פון ווראַוּוקען וועגן פאָלק, דעם שכורן, כיטרען און פוילן. ס'האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז נאָך דער געשיכטע מיט מאַרגאַריטען זענען אַלע מענטשן ערגער געוואָרן סיי דער פרומער, לייטישער זקן — דער הויפוועכטער סטעפּאַן, סיי די שווייגנדיקע, דיקע פעניאַ, וועלכע פלעגט אומדערמידלעך אויפפרעסן דאָס גאַנצע זיסוואַרג.

— דאָס פאָלק, — האָט ער געטראַכט, אינעווייניק שמייכלענדיק, הערנדיק, ווי דער זכרון זאָגט אים אונטער הייסע רייד וועגן ליבע צום פאָלק, וועגן דעם חוב צו אַרבעטן פאַר זיין אויפקלערונג.

קלים איז געגאַנגען צו טאָמילינען שמועסן אַ ביסל וועגן פאָלק, ער איז געגאַנגען מיט געהיימער האָפנונג צו באַרעכטיקן

זיין אַנטיפּאַטיע. אָבער טאָמילין האָט געזאָגט אַ שאַרף געבנדיק מיטן קופּערנעם קאָפּ:

— אַן אויפריכטיקן אינטערעס צום פאָלק קענען האָבן אינ־דוסטריעלער, כּבוד־ליבהאָבער און סאָציאַליסטן. דאָס פאָלק איז אַ טעמאַ, וואָס אינטערעסירט מיך נישט.

טאָמילין איז באַשיינפּערלעך אַלץ רייכער געוואָרן, ער האָט זיך נישט בלויז אָנגעטאָן ריינער, נאָר די ווענט פון זיין צימער זענען שנעל אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט נייע ביכער אויף דריי שפּראַכן: דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש.

— אויף רוסיש איז נישטאָ וואָס צו לייענען, — האָט ער גע־געבן צו פאַרשטיין. — אויף רוסיש פילט מען אינטערעסאַנט, אָבער מען טראַכט נישט געלונגען, אָפּהענגיק, נישט אָריגינעל. דאָס רוסי־שע דענקען איז טיף חושימדיק און, במילא, גראָב. דער געדאַנק איז נאָר דעמאָלט פּרוכטבאַר, ווען עס באַוועגט אים דער צווייפל. דעם רוסישן שכל איז פרעמד סקעפּטיציזם, אַקוראַט ווי דעם שכל פון אַן אינדוס אָדער פון אַ כינעזער. בּאַ אונז שטרעבן אַלע צו גלייבן. אַלציינס אין וואָס, זאָל זיין אַפילו אין דער דערלייזבאַר־קייט פון אומגלויבן. אין קריסטוסן. אין כעמיע. אין פאָלק. און די שטרעבונג צום גלויבן — איז אַ שטרעבונג צו רו. בּאַ אונז איז נישטאָ קיין מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרמשפּט אויף דער אומרוי־קייט פון אַן אומאָפּהענגיקער אַרבעט פון דענקען.

נישט די אַלע חקירות זענען געפעלן קלימען, אַ סך פון זיי זענען אָרגאַניש נישט געווען אויפנעמבאַר פאַר אים. אָבער ער האָט ערלעך זיך געפלייסט צו געדענקען אַלץ, וואָס טאָמילין האָט גע־רעדט צום טאַקט פון זיין שאַרן מיט די וואָוילאָקענע לאַטשן, און טיילמאָל פון די באָרוועסע פּאָדעשוועס.

— ס'איז נישטאָ קיין מענטשן, וואָס זיי זאָל נייטיק זיין דער אמת צוליב אים גופא, כּדי צו קוויקן זיך מיט אים. איך חזר איבער: דער מענטש וויל דעם אמת, ווייל ער גאַרט נאָך רו. די־דאָזיקע באַדערפניש באַפרידיקן פולשטענדיק די אַזוי גערופע־נע, וויסנשאַפטלעכע אמתן, וואָס זייער פּראַקטישן ווערט לייקן איך נישט.

איינמאָל, קומענדיק צום לערער, איז ער אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער אלמנה פֿון דעם הויזווירט, — דער קוכער איז געהאַט געשטאָרבן פֿון לינגען־אָנצינדונג. זיצנדיק אויפֿן גאַנעק האָט די פֿרוי מיט אַן אַקאַציע־צווייגל אָפּגעיאָגט די פֿליגן פֿון דעם קיילעכיקן, בוימלדיק גלאַנציקן פּנים אירן. זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פֿערציק; אַ שווערלייביקע, מיט אַ ביוּסט פֿון אַן אַם, איז זי אויפֿגעשטאַנען פֿאַר קלימען, פֿאַרדעקנדיק די טיר מיט איר ברייטער פּלייצע און, שמייכלענדיק מיט אויגן פֿון אַ שעפּס, געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, ער שרייבט און האָט קיינעם נישט געהייסן אַריינלאָזן. אפֿילו דעם פּאַטער אינאָקענטי האָב איך אָפּגעזאָגט. צו אים גייען דאָך אַצינד גלחים: פֿון סעמינאַר און פֿון אוספּעניע־קירך.

זי האָט גערעדט מיט אַ נידעריקער שטימע, פֿאַרכליפּענדיק זיך מיט די ווערטער, אירע שעפּסישע אויגן האָבן געלויכטן פֿון פֿרייד און קלים האָט געזען, אַז זי איז גרייט צו דערציילן וועגן טאָמילינען לאַנג. אויס העפֿלעכקייט האָט ער זי אויסגעהערט אַ מינוט דריי און ווען ער האָט זיך פֿאַרנייגט צום אַוועקגיין, האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפֿץ:

— אין אָנהייב האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט, נאָר אַצינד האָב איך שוין מורא.

אָפּט און תּמיד עפּעס אַזוי נישט אין דער צייט פֿלעגט אָנקומען מאַקאַראָוו. אַ פֿאַרשטויבטער, אין לייוונטענער בלוזע, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן פּאַסיק, אין סאַנדאַלן אויף די נאַקעטע פֿיס. די צווייפֿאַרביקע האָר זיינע זענען צוגעוואַקסן, אַראָפּגעהאָנגען פּאַסמענווייז, דאָס האָט אים ענלעך געמאַכט צו אַ יינגן מאָנאַך. דאָס פּנים איז אָפּגעיאָגט פֿון ווינט און פֿאַרברענט, אויף די אויערן, דער נאָז האָט זיך געשיילט די הויט, פּונקט ווי די הויט פֿון אַ פֿיש, און אין די אויגן איז געדיכטער געוואָרן די טרויעריקייט. אָבער צייטנווייז פֿלעגן זיינע אויגן זיך צעבערענען אומבאַקאַנט פֿאַר קלימען און האָבן געוועקט אין אים אַן אומקלאָרע מורא. ער האָט זיך געהאַלטן מיט מאַקאַראָוון פֿאַרזיכטיק, באַ-

האַלטנדיק זיין אויפגעבראַכטקייט צוליב דער אַרומשלעפּערישער פאַרשמאַדערטקייט פון יענעמס אַנטוּעכץ און די פאַרגיבלעכע איראָניע צו זיינע דערעסענע רייד. מאַקאַראָוו איז אַרומגעגאַנגען צופיס איבער דערפער, מאָנאַסטירן, ער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי וועגן אַ רייזע איבער אַ פרעמד לאַנד, נאָר וועגן וואָס ער זאָל נישט געווען דערציילן, האָט קלים געהערט, אַז ער קלערט און רעדט וועגן פרויען, וועגן ליבע.

— צי דו שטודירסט דאָס פאָלק?

— זיך, נאַטירלעך. זיך. לויטן געבאָט פון די אַלטע חכמים, — האָט געענטפערט מאַקאַראָוו. — וואָס הייסט — שטודירן דאָס פאָלק? די לידער פאַרשרייבן? די מיידלעך זינגען די שענדלעכסטע שטותערייען. די אַלטע לייט דערמאַנען זיך עפּעס אַזעלכע הספדים. ניין, ברודער, ס׳איז אָן לידער אויך נישט פריילעך, — האָט ער פאַרענדיקט און אויסגלייכנדיק מיט די פינגער דעם צעקנייטשטן פּאַפּיראָס, וועלכער האָט זיך אויסגעוויזן ווי אָנגעפּאַקט מיט שטויב, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מיר דאַכט זיך טיילמאָל, אַז די טאָלסטאָיאַנער זענען, אפשר, גערעכט: דאָס קלוגסטע, וואָס מ׳קאָן טון, איז ווי וואַראָווקאַ האָט געזאָגט, — צוריק נאַריש ווערן. אפשר איז גאָר די אמתע חכמה הינטיש פראָסט און מיר טראָגן זיך אומזיסט ערגעץ אַוועק?

קלים האָט געוווּסט, אַז אויף די אַלע שאלות וואָלט ער געקענט ענטפערן מיט טאָמילינס ווערטער, וואָס זענען מאַקאַראָוון באַקאַנט. ער האָט געשוויגן, טראַכטנדיק, אַז ווען מאַקאַראָוו וואָלט זיך אָנטשלאָגן אויף אַ באַציונג מיט אַ וואָסער ס׳איז מיידל, ענלעך צו ריטען, וואָלטן אַלע זיינע דאגות פאַרשוואונדן. און נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען דערדאָזיקער קוטשמעוואַטער שייגעץ יינג וואָלט צוגעגומעט די גייטאַרין בײַ דראָנאָוון און וואָלט זיך אויפגעהערט דרייען אַרום לידיען. מאַקאַראָוו האָט קיינמאָל נישט נעפרעגט וועגן איר, אָבער קלים האָט געזעען, אַז דערציילנדיק בייגט ער טיילמאָל אָן דעם קאָפּ אויפן אַקסל, קוקט אין ווינקל פון סופיט, צוהערנדיק זיך.

— ער מיינט — זי איז געקומען צו פאָרן — האָט זיך קלים
משער געווען מיט חוזק, נאָר אויך מיט פאַרדראָס.

און מאַקאַראָוו האָט פאַרטראַכט געמורמלט:

— טיילמאָל דאַכט זיך, אַז צו פאַרשטיין — איז נאַריש. איך האָב עטלעכע מאָל געגעכטיקט אין פעלד; ליגסט אויפן רוקן, ס'שלאָפט זיך נישט, קוקסט אויף די שטערן, דערמאָנענדיק זיך די ביכלעך, און פלוצלינג — גיט עס אַ קלאַפּ, — ס'גיט אַזוי, פאַרשטייסטו, אַ דריק צו: און אויב די גרויסקייט און די נישט אַרומנעמבאַרקייט פון וועלטאַל איז בלויז — אַ נאַרישקייט און עמעצנס אַן אומפעיקייט צו אייגאָרדנען די וועלט פאַרשטענדלעכער, איינפאַכער?

— דאַכט זיך דאָס איז פון טאָמילינען — האָט דערמאָנט קלים.

מאַקאַראָוו האָט אַ קלער געטון, אָנגעלאָזט רויך מיטן פאַפּיראָס.

— אַלץ איינס — פונוואַנען. אָבער ס'קומט אויס אַזוי, אַז דער מענטש איז נישט צופרידן פאַר זיין אייגענעם שכל.

מאַקאַראָווס אומצופרידנקייט מיט דער וועלט האָט דענערווירט קלימען, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס נישט קלוגער שפּיל אין אַ פילאָזאָף, אַלס גראָבע נאָכמאַכונג פון טאָמילינען, ער האָט אַ זאָג געטון בייז און נישט קוקנדיק אויפן חבר:

— אין אַ יאָר צוויי, דריי אַרום וועלן מיר אויפהערן צו קלערן וועגן דידאַזיקע...

ער האָט געוואָלט זאָגן: נאַרישקייטן אָדער שטותים, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געזאָגט:

— אַזוי נאָיוו...

אויסלעשנדיק דעם פאַפּיראָס אָן דער פּאָדעשווע פון זיינע סאַנדאַלן, האָט מאַקאַראָוו אַ פרעג געטון:

— מיר וועלן ווערן נאַראָנים?

דערגאָך האָט ער געבעטן בא קלימען דריי רובל און איז אַוועקגעגאַנגען. אַ קוק געבנדיק דורכן פענצטער ווי גרינג אין קרעפּ-

טיק ער גייט איבערן הויף, האָט קלימען זיך פאַרגלוסט צו ווייזן אים אַ פויסט.

שבת איז ער אָוועקגעפאָרן אויף דער זומערוואוינונג און, צופאַרנדיק אהין, האָט ער נאָך פונווייטנס דערזעען אויף דער טעראַסע די מוטער, וואָס איז געזעסן אין אַ פאָטעל בײַ דער קאָלומנע פון דער טעראַסע, און לידיען אין ווייסן קלייד, אין רויטן שאַרף אויף די אַקסלען. ער האָט נישט ווילנדיק אַ ציטער געטון, זיך איינגעצויגן און כאָטש דאָס פערד איז געלאָפן נישט געאיילט, אַ זאָג געטון דעם פורמאַן:

— פּאַמעלעכער.

ער איז אפילו אַ ביסל צעטומלט געוואָרן, ווען לידיאַ האָט אָן אַ שמייכל אים אַ דריק געטון די האַנט, אַ בליק געטון אין זיין פּנים אַריין מיט שנעלן, נישט ליבלעכן בליק. איבער די צוויי חדשים האָט זי זיך שטאַרק געענדערט, איר טונקל-ברוין פּנים איז נאָך טונקעלער געוואָרן, דאָס הויכע, אַ ביסל שאַרפע קול האָט געקלונגען זאַפטיקער.

— דער ים איז לחלוטין נישט אזעלכער, ווי איך האָב געקלערט, — האָט זי געזאָגט דער מוטער. — דאָס איז פשוט אַ גרויסע, פליסיקע לאַנגווייליקייט. די בערג — זעען אַ שטיינערנע לאַנגווייליקייט, אַרומגעגרענעצטע דורך הימל: אין די נעכט דאַכט זיך אויס, אַז די בערג קריכן אויף די הייזער און וועלן זיי אַריינשטופּן אין וואַסער, און דער ים איז שוין גרייט צו כאַפּן די הייזער...

וויערא פּעטראָוונאַ האָט אַ קוק געטון אויפן וועג אין דער זייט פון וואַלד און דערמאָנט:

— אין די נעכט קלערט מען נישט, נאָר מען שלאָפט.

— דאָרטן שלאָפט זיך שלעכט, ס'שטערט דער צושטראָם. די שטיינער סקריפּען, ממש ווי ציין. דער ים כראָמטשעט, ווי אַ מיליאָן חזירים...

— דו ביסט אַלץ די זעלבע... נערוועישע, — האָט געזאָגט וויערא פּעטראָוונאַ; לויט דער פּויזע האָט קלים זיך משער געווען, אַז זי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש. ער האָט גע-

זעען, אַז לידיאַ איז געוואָרן אינגאַנצן אַ דערוואַקסן מיידל, איר בליק איז געווען אומבאַוועגלעך, מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז זי וואַרט אָנגעשטרענגט עפּעס אָפּ. גערעדט האָט זי נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר איר — אייליק, אַזוי ווי וועלנדיק גיכער אַרויסרעדן אַלץ, וואָס מען דאַרף.

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס אַלע האָבן אָפּגעמאַכט צו זאָגן, אַז קרים איז שיין.

איר עקשנות האָט בולט אויפגערעגט די מוטער. קלים האָט באַמערקט, אַז זי האָט צונויפגעצויגן די ליפּן, און דער שפּיץ פון איר נאָז איז רויט געוואָרן און ציטערט.

— דאָס רוב מענטשן זוכט בלויז שיינקייט, אָבער נאָר איינצעלנע באַשאַפן זי, — האָט ער אַ זאָג געטון. — ס'איז מעגלעך, אַז אין דער נאַטור פעלט פולשטענדיק די שיינקייט, פונקט ווי אין לעבן — דער אמת; דעם אמת און די שיינקייט שאַפט דער מענטש אַליין...

נישט אויסהערנדיק אים ביזן סוף, האָט לידיאַ געזאָגט:

— דו ביסט — פאַרעלטערט געוואָרן. ד. ה. ביסט מענישער געוואָרן.

וויעראַ פּעטראָוונאַ איז אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין די צימערן, זאָגנדיק אויפן וועג איבערמעסיק הויך:

— דו האָסט זייער אָריגינעל געזאָגט וועגן דער שיינקייט, קלים...

פאַרבלייבנדיק אויג אויף אויג מיט לידיען, האָט ער פאַרחידושט דערפילט, אַז ער ווייסט נישט וועגן וואָס צו רעדן מיט איר. דאָס מיידל איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דער טעראַסע, דערנאָך געפרעגט, קוקנדיק צום וואַלד:

— דער פאָטער איז אַוועקגעגאַנגען אויף יאַגד?

— יאָ.

— אַליין?

— מיט אַ פּויער. מיט איינעם פון די זיבן, וועלכע דער גוּ־בערנאַטאָר האָט פּריילינג באַפוילן אַפּצושמייסן.

— יאָ? — האָט געפרעגט לידיאַ. — דאָרטן האָבן דעס־גלייכן ער־געץ־וואו זיך געבונטעוועט די פּויערן. מען האָט אויף זיי זאָגאַר געשאָסן... נו, איך וועל גיין, כ׳בין מיד.

אַראָפּגייענדיק פון דער טעראַסע צו דעם קליינעם וועלדל מיט דינשטאָמיקע בעריאָזעס, האָט זי געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף קלימען:

— ליובאַ האָט אָנגענומען אַ שטעלע פון אַ קאָמפּאַניאָנקע בײַ אַ טובערקולאָז־קראַנקער פריילין.

זי איז אַוועקגעגאַנגען אין די געדיכטעניש פון די בעריאָזעס, איבערלאָזנדיק קלימען אַן אויפגעבראַכטן פון איר גלייכגילטיקייט צו אים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל, וואו די מוטער איז געזעסן, גענומען אַ געל, פראַנצויזיש ביכל, מאָפּאַסאַנס ראָמאַן „שטאַרק, ווי דער טויט“, אַ קלאַפּ געטון דערמיט איבער דער קני, און פאַרזונקען אין אַ מבול פון כאַאָטישע מחשבות. באַטירלעך איז דאָס מיידל נישט פאַר אַזאַ ליבע, ווי ס׳איז ריטעס ליבע. ס׳איז נישט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן איר בויגיקן, דינעם קערפּער נאַ־קעטערהייט און אין שטורעמדיקע צאַפּלען. דערנאָך, דערמאָנענדיק זיך דער מוטערס רויט־געוואָרענע נאָז, האָט ער זיך דערמאָנט אירע פראַזן, מיט וועלכע זי האָט בעת זיין פריערדיקן קומען־צופאָרן אויף דער זומערוואוינונג זיך אויסגעטוישט מיט וואַראַוקען, דאָ, אויף דער טעראַסע.

קלים איז געזעסן בײַ זיך אין צימער און געהערט, ווי די מוטער האָט געזאָגט אַזוי ווי מיט פרייד:

— גאָט מיינער, בײַ דיר הייבט זיך אָן אַ פּליך.

וואַראַוקאַ האָט געענטפערט:

— אָבער איך, זעסטו, באַמערק נישט די גרויע האָר אויף דיינע שלייפן. מיינע אויגן — זענען העפלעכער.

— דו ביסט ביין? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט די מוטער.

— ביין, באַטירלעך. אָבער ס׳זענען דאָ ווערטער, וועלכע עס

איז נישט זייער נחתדיק צו הערן פון אַ פרוי. מכּל־שכּן פון אַ פרוי אַ זייער באַהאַוונטער אין הלכות פראַנצויזישער גאַלאַנץ.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט — אַ געליבטער?

— און טאַקע אַ געליבטער, — האָט צוגעגעבן וואַראַווקאַ.

קלים האָט זיך דערמאָנט מאַרגאַריטעס ווערטער וועגן דער מוטער און אַיועקשליידערנדיק דאָס בוך אויף דער פאָדלאָגע, אַ קוק געטון אין וועלדל אַריין.

— אינטערעסאַנט: וויאַזוי זי וועט זיך באַגעגענען מיט מאַקאַראָוון. און, — צי וועט זי פאַרשטיין. אַז איך האָב שוין פאַרזוכט דעם סוד פון די באַציונגען צווישן אַ מאַנסביל און אַ פרוי? און אויב זי וועט זיך אָנשטויסן — צי וועט דאָס מיך אויפהייבן אין אירע אויגן? דראָנאָוו האָט געזאָגט, אַז מיידלעך און פרויען דערקענען אָן אַ טעות לויט געוויסע סמנים אַ יינגנמאַן, וואָס האָט אָנגעוואוירן די אומשולד. די מוטער האָט געזאָגט וועגן מאַקאַראָוון: מען זעט לויט די אויגן, — דאָס איז אַן אויסגעלאַסן בחורל. די מוטער הייבט אַלץ אָפּטער אָן אירע טרוקענע פראַזן מיט גאַנס נאָמען, כאָטש פרום איז זי בלויז פון אָנשטענדיקייט וועגן.

וויגנדיק זיך אין פאָטעל, האָט קלים זיך געפילט צערודערט און נישט מסוגל צוצוטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט אים דערקלערט זיין אומרויקייט, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך לידיעס קומען צו פאָרן. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג תופס געווען, אַז ער האָט מורא, לידיאַ זאָל נישט צומאָל זיך דערוויסן פון דער דינסט, פעניען, וועגן זיין ראָמאַן מיט מאַרגאַריטען.

— ווען די מוטער וואָלט נישט געווען אונטערגעקויפט דאָס מיידל, וואָלט מיך מאַרגאַריטאַ געוועז אָפּגעשטויסן, — האָט ער אַ קלער געטון, צונויפקוועטשנדיק די פינגער אַזוי, אַז זיי האָבן אַ קנאַק געטון. — אַ זעלטענע מוטער...

לידיאַ האָט זיך אומגעקערט פון שפּאַציר אומבאַמערקט, און ווען מען האָט זיך געזעצט צום נאַכטעסן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי שלאָפט שוין. און אויפן צווייטן טאָג האָט זי פון אינדערפרי ביזן אָוונט אַלץ עפּעס־אַזוי אַרומגעשימערט, ענטפערנדיק אויף וויע־

רא פעטראָווגעס פראַגן נישט זייער העפלעך, און אַזוי, גלייך זי וואָלט געהאַט בדעה זיך צו שפּאַרן.

— דו האָסט דאָס געלייענט? — האָט געפרעגט וויערא פּעט־ראָוונאַ, ווייזנדיק איר מאָפּאַסאַנס בוך.

— יאָ. ס׳איז לאַנגווייליק.

— טאַקע? איך געפין נישט.

— אַן אויסטערלישע טבע — צו לייענען, — האָט געזאָגט לידיאַ. — ס׳איז אַלץ איינס ווי לעבן אויף אַ פרעמדן חשבון. און אַלע פרעגן איינער דעם אַנדערן: האָסט געלייענט, איר האָט געלייענט?

— גאָט ווייסט, וואָס דו רעדסט, — האָט באַמערקט וויע־רא פּעטראָוונאַ, אַ ביסל באַליידיקט, און לידיאַ האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— ס׳איז אַזאַ שפּילהאַפטער שמועס. און ס׳איז דאָך גאָר־נישט ריכטיק, אַז ליבע איז „שטאַרק, ווי דער טויט“.

דאָ האָט זיך שוין וויערא פּעטראָוונאַ צעלאַכט:

— אַזוי גאָר? דו — ווייסט?

— איך זע. מען האָט ליב צו פינף מאָל און — מען לעבט.

קלים האָט פאַרזאָרגט געשוויגן, דערוואַרטנדיק, אַז זיי וועלן זיך צעקריגן און פילנדיק, אַז ער ווערט צעטומלט פאַר לידיען.

שפּעט אינאָוונט איז ער אָויעקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, דער צעבראָכענער וואַגאָן פון דאַטשע־צוג האָט זיך געוויגט און איז אונטערגעשפּרונגען, פּונקט ווי אַ פויערישע פור. הינטערן פענצ־טער איז לאַנגזאַם געשוואומען אַ שוואַרצער שטראָם וואַלד, אין הימל האָבן געצאַנקט די שקיעה־שטראַלונגען. קלימען האָט באַום־רויקט אַ פאַרגעפּיל פון עפּעס אומאַנגענעמלעכקייטן. אין זיינע טראַכטונגען וועגן זיך האָט זיך אַריינגעריסן אַן אויסטערליש מיידל און הערשעריש געצוואונגען צו קלערן וועגן איר, און דאָס איז געווען שווער. זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן זיין שטרעבונג צו פאַר־שטיין דעם זינען פון דעם שפּיל פון אירע געפילן און געדאַנקען.

און מען דאַרף, אַז זי און אַלע מענטשן זאָלן זיין פאַרשטענדלעך, ווי ציפערן. מען דאַרף צוגיין צו עפּעס אַזעלכע פעסטע גרענעצן און אוועקשטעלן זיך אין זיי, אויפדעקנדיק און אָפּוואַרפנדיק אויפן וועג אַלע אויסטראַכטענישן, וואָס שטערן צו לעבן לייכט און איינפאַך, אַט וואָס מען דאַרף.

אין אַ טאָג אַרום איז לידיאַ געקומען צו פאָרן מיטן פאָטער. קלים איז אַרומגעגאַנגען מיט זיי איבערן מיסט און די סטריזשענעס, אַרום דעם הויז, אַרומגעקלעפּטן מיט רושטאָוואַניעס, אויף וועלכע ס'האָבן געאַרבעט מוליאַרעס. ס'האָט געהילכט דאָס אייזן פון דאַך אונטער די קלעפּ פון די דאַך־קלאַפּערס; וואַראַווקאַ האָט בייז, טרייסלענדיק די באָרד, זיך געזידלט און איינגעקריצט אין קלימס זכרון זיינע תמיד אומגעוויינלעכע ווערטלעך.

— זיי אַרבעטן, פּונקט ווי די טרומנע־מאַכער, אויף גיך, פון יוצא וועגן.

לאַשטשענדיק זיך צום פאָטער, וואָס עס איז געווען אומגע־וויינלעך פאַר איר, גייענדיק מיט אים אונטער דער האַנט, האָט לידיאַ געזאָגט:

— דו, פּאַפּאַ, ביסט גרייט אַ גאַנצע שטאָט אויפצו־בויען.

— כ'בין גרייט! — האָט מסכים געווען וואַראַווקאַ. — איך וואָלט אַ צענדליק שטעט אויפגעבויט. אַ שטאָט, ליבע מיינע, דאָס איז אַ בינשטאָק, אין שטאָט ווערט געזאַמלט דער האָניק פון דער קולטור. מיר מוזן איינזאַפּן אין די שטעט אַ העלפט פון דעם דאָר־פישן רוסלאַנד, דעמאָלט וועלן מיר ערשט אָנהייבן לעבן.

פּלוידערנדיק אַ ביסל מיט דער טאָכטער, מיט קלימען, האָט ער אָנגעזידלט די אַרבעטער, דערנאָך זיי מילד געגעבן אויף טיי און איז ערגעץ־וואו אוועקגעפאָרן, און לידיאַ איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך, האָט זיך דאָרט באַהאַלטן, און בײַ דער אָוונט־טיי געגומען רייצן טאַניאַ קוליקאָוואַ מיט פראַגעס:

— פאַרוואָס איז דאָס אינטערעסאַנט?

טאַניאַ קוליקאָוואַ איז געוואָרן גרוי, האָט געדאַרט, איז

איינגעגאנגען, גלייך זי וואָלט געשטרעבט צו ווערן לגמרי נישט אַנזעעוודיק.

— ווי ווייניק איר, ייִנגווארג, לייענט, ווי קנאַפּ איר ווייסט! — האָט זי זיך מצער געווען. — אונזער דור...

— פּאָקאָליעניע — איז פון ציטוואָרט פּאָקאָליעוואַט?*) — האָט געפרעגט לידיא.

די גראָבקייט, וועלכע קלים האָט געקענט אין איר אין דער קינדהייט, האָט אַצינד אָנגענומען פאָרמען, וואָס האָבן אים גע־ברענגט אין פאַרלעגנהייט מיט זייער שאַרפקייט. צו רעדן מיט לי־דיען איז כמעט אוממעגלעך געווען, זי פלעגט אים אויך שטעלן די־זעלבע פראַגע:

— אָבער פאַרוואָס דאַרף דאָס זיין מיר אינטערעסאַנט? און נאָכוואָס דאַרף מען דאָס וויסן?

בא דער טיי, באַם מיטאָג, פלעגט זי פלוצלינג זיך פאַר־טראַכטן און מינוטנווייז זיצן ווי א טויב־שטומע, נאָר דערנאָך, אויפ־ציטערנדיק, פלעגט זי אומנאַטירלעך זיך אויפהייטערן און אויפסניי געריצט טאַניען, טענהנדיק, אַז ווען קאַטין שרייבט די דערציילונגען פון פויערישן שטייגער, טוט ער זיך אָן אין לאַפּטשעס.

— דאָס איז נייטיק פאַר שטימונג.

שאַרף נאָכקוקנדיק איר, זעענדיק אירע אָנגעכמורעטע ברע־מען, דעם קאָנצענטרירטן זוכנדיקן בליק פון די טונקעלע אויגן, הערנדיק דאָס צו שטורמישע אויספירן פון שאָפּענס און טשייקאָווו־סקיס לירישע מוזיק, האָט קלים זיך משער געווען, אַז זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס, וואָס רעגט זי זייער אויף, ממש זיך פאַר־טשעפּעט, ווי אָן א קוסט פון ווילדע רויזן.

— זי איז פאַרליבט? — האָט ער מיט א פראַגע געטראַכט

---

*) „פּאָקאָליעניע" — איז אויף רוסיש — דור; „פּאָקאָליעוואַט" — פּגרן. — איבערזעצער.

און נישט געוואָלט גלייבן אין דעם. — ניין, אַלס פּאַרליבטע וואָלט זי זיך זיכער נישט אַזוי געפירט.

אין אויגוסט, אין אַ כמאַרנע אָוונט האָט קלים, צוריקקומענדיק פון דער זומער־וואוינונג, געטראָפן בײַ זיך מאַקאַראָוון; ער איז געזעסן אינמיטן צימער אויף אַ שטול, איינגעבויגן, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן די קניען, אַרייַנגעלאָזט די פינגער אין די צעשויבערטע האָר; בײַ זײַנע פיס איז געלעגן דאָס צעקנאָדערטע, פון דער זון אָפּגעשאָסענע היטל. קלים האָט אויפגעפּענט די טיר שטיל, מאַקאַראָוו האָט זיך נישט קיין ריר געטון.

— שכּור. — האָט אַ קלער געטון קלים און תּרעומותדיק געזאָגט: — פֿײַן!

מאַקאַראָוו האָט נישט אַרויסגענומען די פינגער פון די האָר און שווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ; זײַן פּנים איז געווען איינגעפאַלן, די באַקנביינער זענען אַזוי ווי אָנגעשוואָלן געוואָרן, די ווייסלען רויט. נאָר דער בליק האָט געגלאַנצט ניכטער.

— פון אַ שנאַפּס? — האָט אַ פרעג געטון קלים.

מאַקאַראָוו האָט אויפגעהויבן דאָס היטל, אַוועקגעלייגט עס אויף דער קני און צוגעקוועטשט מיטן עלנבויגן, און אויפסניי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייטער קלערנדיק עפּעס.

קלים האָט געפרעגט, צי איז ער אַרייַנגעטרעטן אין אוניווערזיטעט, — מאַקאַראָוו האָט אַ טאַפּ געטון די קעשענע פון זײַנע הויזן און געענטפערט נישט הויך:

— אייערנעכטן. כ'בין אַרייַנגעטרעטן

— אויפן מעדיצינישן?

— לאָז מיך אָפּ.

זיצנדיק נאָך אַ מינוט, איז ער אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר נישט מיט זײַן גאַנג, פויל שאַרנדיק מיט די פיס.

— צו איר? — האָט געפרעגט סאַמגין, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויפן סופית, מאַקאַראָוו האָט אויך אַ קוק געטון איבדערהייך און, אָנכאַפּנדיק זיך אָן בייַשטידל פון דער טיר, געענטפערט:

— ניין, זיי געזונט.

זעענדיק, ווי פאַמעלעך און נישט גלייך ער גייט, האָט קלים אַ קלער געטון מיט אַ געמישט געפיל פון שרעק, רחמנות און שאַדנפרייד:

— ער האָט זיך אָנגעשטעקט?

אין צימער איז אַריינגעלאָפן פעניאַ, מיט פחד רעדנ־דיק:

— די פריילין בעט אַכטונג צו געבן אויף אים, נישט אַוועק־לאָזן אים אין ערגעץ. אומגעלומפּערט אַרויסזעצנדיק די אויגן, האָט זי אַ זינג געטון:

— וואָס דאָ איז געוועןן!

קלים איז אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך, אים אַקייגן אויף די טרעפּ איז געלאָפן לידיאַ, זאָגנדיק מיט אַ פאַרטויבנדיקן פליסטער:

— נאָכוואָס האָסטו אים אַוועקגעלאָזט? נאָכוואָס?

בײַ דער שיין פון וואַנט־לאָמפּ, וואָס האָט קאַרג באַלויכטן דעם מיידלס קאָפּ, האָט קלים געזען, אַז איר גאָמבע ציטערט, די הענט הילן פיבערהאַפט אַרום די ברוסט מיטן טיכל און, אָנבויגנ־דיק זיך פאַרויס, האַלט זי בײַ אַנידערפאַלן.

— יאָג אים נאָך, ברענג אים צו פירן, — האָט זי שוין גע־שריגן, טופּענדיק.

אַ דערשראָקענער און אַזויווי אין חלום האָט קלים אַ לויף געטון, איז אַרויסגעשפּרונגען פאַרן טויער, זיך צוגעהערט; ס'איז שוין געווען פינצטער און זייער שטיל, נאָר קיין קלאַנג פון טריט האָט מען נישט געהערט. קלים האָט אַ לויף געטון אין דער זייט פון יענער גאַס, וואו מאַקאַראָוו האָט געוואוינט און אינגיכן, אין חשכות, אונטער די ליפּעס בײַם צערקווע־פּאַרקן, דערזען מאַקאַ־ראָוון; ער איז געשטאַנען, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט בײַ אַ הילצערנעם זייל פון פּאַרקן, און די אַנדערע האַנט זיינע איז גע־ווען אויפגעהויבן מיטן קאָפּ צוגלייך און כאָטש קלים האָט נישט געזען אין איר קיין רעוואָלווער, אָבער פאַרשטייענדיק, אַז מאַקאַ־ראָוו וועט באַלד אויסשיסן, האָט ער אַ געשריי געטון:

— וואַג נישט!

ער איז שוין געווען צוויי טריט פון מאַקאַראָוון, ווען יענער האָט אַרויסגערעדט מיט אַ שכורער שטימע:

— הללויה! און — כאַפּט אַלץ דער רוח...

קלים האָט באַוויזן אים אַ שטויס צו טון און איז אָפּגעשפּרונגען, אַ דערשראָקענער פון דעם טרוקענעם קנאַק פון אַ שאָס, און מאַקאַראָוו, אַראָפּלאָזנדיק די האַנט מיטן רעוואָלווער, האָט שטיל אַרויסגעאָכצט.

שפּעטער, מאָלנדיק זיך דידאַקטיקע סצענע, האָט קלים זיך דערמאַנט, ווי מאַקאַראָוו האָט זיך געוואַקלט, אַזויווי באַשליסנדיק אין וואָסער זייט צו פאַלן, ווי פּאַמעלעך עפענענדיק דאָס מויל, האָט ער דערשראָקן געקוקט מיט קיילעכיקע אויגן און געמורמלט:

— אָט... אָט האָב...

קלים האָט אים אַרומגענומען באַ דער טאַליע, איינגעהאַלטן אויף די פיס און גענומען אים פירן. דאָס איז געווען מאָדנע: מאַקאַראָוו האָט געשטערט צו גיין, זיך געשטויסן, באַר געשפּרייזט שנעל, ער איז כמעט געלאָפן, אָבער זיי זענען געגאַנגען צום טויער פון הויז פיינלעך לאַנג. ער האָט געסקריפּעט מיט די ציין, געפּליסטערט, צופייפנדיק:

— לאָז אָפּ, לאָז מיך אָפּ.

און אויפן הויף, באַם גאַניק, אויף וועלכן ס'זענען געשטאַנען דריי פרויען־פיגורן, האָט ער נישט דייטלעך אַרויסגעמורמלט:

— איך ווייס — ס'איז נאַריש...

מיט תרעומות שאָקלענדיק מיטן גלאַטיקן קאָפּ, האָט טאַניאַ קוליקאָוואַ מיט טרערן זיך צעיאָכצט:

— איז עס נישט קיין חרפה...

— שווייג! — האָט באַפוילן לידיאַ. — פּעקלאַ, נאָך אַ דאָקטאָר.

און אַ כאַפּ געבנדיק מאַקאַראָוון אונטער דער האַנט, האָט זי געפרעגט מיט אַ האַלב קול:

— וואוהין האָסטו אויסגעשאָסן... גימנאַזיסט...

קלים האָט געהערט, אַז זי האָט געפרעגט מיט כּעס, אפילו מיט פאַראַכטונג.

באַ זיך אין צימער, באַ דער שיין, האָט קלים דערזעען, אַז די לינקע זייט פון מאַקאַראָווס בלוזע איז טונקל געוואָרן, גלאַנצט פּייכט, און פון דער שטול טריפן אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּ שוואַרצע טראָפּנס. לידיאַ איז שווייגנד געשטאַנען פאַר אים, אונטערהאַלטנדיק זיין אויף דער ברוסט אַראָפּפאַלנדיקן קאָפּ, טאַניאַ האָט שנעל צורעכט געמאַכט קלימס בעט און געכליפּעט.

— טו אים אויס, — האָט באַפוילן לידיאַ. — קלים איז צוגעגאַנגען, ס'האָט זיך באַ אים געדרייט דער קאָפּ פון אַ זיסן, פעטן ריח.

— ניין, לאָמיר אים פריער אַנידערלייגן אויפן בעט, — האָט קאָמאַנדעוועט לידיאַ, — קלים האָט אויף ניין אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, איז אין האַלב חלשות אַרויסגעגאַנגען אין גאַסטצימער אַריין און דאָרטן אַוועקגעפאַלן אין אַ פאָטעל.

ווען ער איז געקומען צו זיך און צוריק אַריינגעקומען אין זיין צימער, איז מאַקאַראָוו, אַ נאַקעטער ביז די לענדן, געלעגן אויף זיין בעט, איבער אים האָט זיך אָנגעבויגן אַן אומבאַקאַנטער, גרייז-גרויער דאָקטאָר און מיט פאַרקאַשערטע אַרבל געגראַבלט זיין ברוסט מיט אַ לאַנגער, בלישטשענדיקער נאָדל, רעדנדיק:

— וואָס שטיפט איר עס, יינגווארג, אַזוי אַלץ אַרום, שיסט זיך גאָר?

אויף די שלייפן, אויף מאַקאַראָווס בולטן שטערן האָט געגלאַנצט שווייס, די נאָז האָט זיך פאַרשפּיצט פּונקט ווי באַ אַ טויטן; ער האָט פאַרביסן די ליפּן און פעסט פאַרמאַכט די אויגן. צופיסנס פון בעט זענען געשטאַנען פעניאַ מיט אַ קופּערנעם בעקן אין די הענט און די קוליקאָוואַ מיט באַנדאַזשן, מיט גאַזעס.

— די פּושקינס, די לערמאָנטאָווס האָבן זיך אַנדערש געשאָסן, — האָט געמורמלט דער דאָקטאָר.

קלים איז אַרויסגעגאַנגען אין עסצימער אַריין, דאָרטן, באַם

טיש, קוקנדיק אויפן פייער פון ליכט איז געזעסן לידיא, די הענט געקרייצט אויף דער ברוסט, אויסגעשטרעקט די פיס.

— ס'איז געפערלעך? — האָט זי אַ פרעג געטון דורך די ציין און נישט קיין קוק געבנדיק אויף קלימען.

— כ'ווייס נישט.

— דער דאָקטאָר איז, דאַכט זיך, גראָב?

קלים האָט נישט געענטפערט, אָנגיסנדיק זיך וואַסער אין אַ גלאָז אַריין, און אויסטרונקענדיק דאָס וואַסער, געזאָגט:

— אָט. איבער דיר שיסט מען זיך שוין.

לידיא האָט שטיל, נאָר שטרענג אַ בעט געטון:

— הער אויף.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, איינהערנדיק זיך. קלים איז געשטאַנען לעבן קרעדענס, שטאַרק אָפּווישנדיק די הענט מיט אַ טיכל. לידיא איז געזעסן אומבאַוועגלעך, איינגעשפּאַרט קוקנדיק אויפן גאָלדענעם פּלעמל פון ליכט. קליינלעכע געדאַנקען האָבן באַהערשט קלימען. דער דאָקטאָר האָט גערעדט מיט לידיען דרך־ארצדיק, ווי מיט אַ דאַמע. דאָס איז נאַטירלעך דערפאַר, וואָס וואַראַוואָקאַ שפּילט אין שטאָט אַן אָנגעזעענע ראָלע. אויפּסניי וועט מען אין שטאָט אָנהייבן צו רעדן וועגן איר, ווי מען האָט גערעדט וועגן איר קינדערישן ראָמאַן מיט טוראָבאָיעוון. ס'איז נישט אָנגענעם, וואָס מען האָט מאַקאַראָוון געלייגט אויף מיין בעט. ס'וואָלט גלייכער געווען אים אַריבערצופירן אויפן בוידעם אַרויף. ס'וואָלט אים אויך רויקער געווען.

די געדאַנקען זענען געווען נישט אויפן אָרט, קלים האָט דאָס געוואוסט, נאָר וועגן קיין שום אַנדערס האָט זיך נישט געטראַכט.

ס'איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר און, רייבנדיק די הענט, מיטגעטיילט:

— נו־נו, אַלץ איז אַריבער בשלום, ווי ס'קאָן נאָר זיין. דער רעוואָלווער איז געווען אַ געמיינער, די קויל האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ ריפּ, דאַכט זיך, זי האָט זי אַ קנייטש געטון, איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער לינקער לונג און זיך אָפּגעשטעלט אונטער דער

הויט אויפן רוקן. איך האָב זי אויסגעשניטן און אָװעקגעשענקט דעם העלד.

רעדנדיק, האָט ער אָן אױפהער, מיט אַ שמייכעלע, געקוקט אויף לידיען, אָבער זי האָט דאָס נישט באַמערקט, אַראָפּשאַרנדיק דאָס טריפּעכץ פון ליכט מיטן הענטל פון אַ טיי־לעפעלע. דער דאָקטאָר האָט געגעבן עטלעכע עצות, זיך פאַרנייגט פאַר איר, אָבער זי האָט דאָס אויך נישט באַמערקט, נאָר ווען ער איז אַוועקגע־גאַנגען, האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אין ווינקל אַריין:

— באַנאַכט וועלן דיזשורירן איך און טאַני־אַ. דו גיי שלאָפן, קלים.

קלים איז צופרידן געוועזן אַוועקצוגיין. ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי זיך צו האַלטן, וואָס מען דאַרף רעדן און ער האָט געפילט, אַז דער אויסדרוק פון צער אויף זיין פּנים פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ גרימאַסע פון נערוועישער מידקייט.

אָפּליגנדיק אין קלימס צימער פיר מעת־לעת, האָט מאַקאַראָוו אויפן פינפטן אָנגעהויבן בעטן, אַז מען זאָל אים אַוועקפירן אַהיים. דידאַזיקע טעג, פול מיט שווערע און אומרויקע איינדרוקן, האָט קלים דורכגעלעבט זייער שווער. באַלד אין ערשטן טאָג אינדער־פרי, אַריינקומענדיק צום קראַנקן, האָט ער דאָרט געטראָפן לידיען.— די אויגן זענען בא איר געווען רויט, זיי האָבן נישט גוט גע־גלאַנצט, באַטראַכטנדיק דאָס גרויע, אויסגעפייניקטע פּנים מאַ־קאַראָווס מיט די געזונקענע אויגן; די ליפן זיינע זענען טונקל געוואָרן, זיי האָבן עפּעס טרוקן געפליסטערט, טיילמאָל האָט ער אַרויסגעשריגן און געסקריפּעט מיט די ציין, פאַרשטשירענ־דיק זיי.

— ער רעדט פון היץ, — האָט זי פליסטערנדיק געזאָגט, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט אויף קלימען. — גיי אַרויס.

אָבער קלים האָט אויף אַ מינוט זיך פאַרהאַלטן אין דער טיר און דערהערט אַ געשטיקטע, הייזעריקע שטימע:

— איך — בין נישט שולדיק... איך — קאָן נישט.

לידיאַ האָט אויפסניי, מיט אַ באַפעלערישן טאָן, איבער־געחזרט:

— גיי אַרויס!

אָוונט־צו איז מאַקאַראָוו בעסער געוואָרן. און אויפֿן דריטן טאָג האָט ער שוואַך שמייכלענדיק, געזאָגט קלימען:

— אַנטשולדיק, ברודער! איך האָב דיר דאָ אויסגע־שמירט...

ער איז געווען פאַרשעמט, האָט געקוקט אויף קלימען פֿון די טונקעלע לעכער אונטער די אויגן, נישט אַנגענעם שטאַר, אַזוי ווי דערמאָנענדיק זיך עפּעס און נישט גלייבנדיק, אַז ס'איז אַזוי געווען. לידיאַ האָט זיך געהאַלטן בפּירוש פֿאַלש און, דאַכט זיך, אַליין דאָס פֿאַרשטאַנען. זי האָט גערעדט גאַרישקייטן, נישט אויפֿן אָרט געלאַכט, האָט פֿאַרהידושט מיט דיר נישט געוויינלעכער פֿאַר איר היימישקייט און פֿלוצלינג אויפֿרעגנדיק זיך, אָנגעהויבן אויסצולאַכן קלימען:

— דו האָסט אַ געשמאַק פֿון אַן אַלטן מאַן; נאָר אַלטע לייט הענגען אויס אַזוי פֿיל פֿאָטאָגראַפֿיעס.

מאַקאַראָוו האָט געשוויגן, געקוקט אין סופיט אַריין און אויסגעוויזן אַ נייער, אַ פֿרעמדער, אויך דאָס העמד איז בײַ אים געווען אַ פֿרעמדס, — קלימס.

ווען וויערא פּעטראָוונאַ און וואַראַוואָקאַ זענען געקומען צו־פֿאָרן פֿון דער זומער־וואוינונג און אויסגעהערט קלימס גענויע דערציילונג, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן, מיט האַלבע שטימען, זיך צו שפּאַרן. וואַראַוואָקאַ איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער זייטיק צו דער מוטער, געהאַלטן די באָרד אין דער פֿויסט און זיך געקרומט, גלייך ס'וואָלטן אים ווי געטון די ציין, די מוטער, זיצנדיק פֿאַרן טרעמאָ, האָט צעקעמט אירע הערלעכע האָר, אַ שאָקל געבנדיק אַלע מאָל מיטן קאָפּ.

— לידיאַ איז צופֿיל קאָקעטיש, — האָט זי געזאָגט.

— נו, דאָס האָסטו אויסגעטראַכט! קיין שאָטן אַפֿילו פֿון קאָקעטעריע.

— די מיסלען פֿון קאָקעטעריע — זענען פֿאַרשידענע.

— איך ווייס, אָבער...

— מאַקאַראָוו איז אַ צעלאָזט בחורל, קלים ווייסט דאָס.

— דו ביסט נישט גערעכטיק צו לידיען...

קלים האָט געהערט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. די מוטער האָט גערעדט אַלץ מער תּקיפותדיק, וואַראַווקאַ איז בייז געוואָרן, האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיטן מויל, מרוקען און איז אַוועקגעגאַנגען. דעמאָלט האָט די מוטער געזאָגט קלימען:

— לידיאַ איז — אַ כיטרע. איך פיל אין איר עפּעס פּאַרציקענדיקס. פון אַזוינע, קאַלטע, אַנטוויקלען זיך אוואַנטוריסטקעס. זיי פּאַרזיכטיק מיט איר.

קלים האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז די מוטער האָט נישט ליב לידיען, נאָר אַזוי אַנטשלאָסן האָט זי דאָס ערשטע מאָל גערעדט וועגן איר.

— איך פאַרשטיי, נאַטירלעך, דיינע חברישע געפילן, נאָר ס'וואָלט געווען גליכער אַוועקצופירן דעמדאָזיקן אין שפּיטאָל אַריין. אַ סקאַנדאַל, באַ אונזער לאַגע אין דער געזעלשאַפט... דו פאַרשטייסט. געוויס... אַ, גאָט מיינער!

אינדערהייך האָט געטרעטן, ווי אַ העלפאַנט, וואַראַווקאַ און מען האָט געהערט זיין טויב געשריי:

— איך פּאַרוועַר. אָן אומזיזין!

דערנאָך איז פון די אינעווייניקסטע טרעפּ אַראָפּגעלאָפן לידיאַ, קלים האָט געזעען דורכן פענצטער, אַז זי איז אַוועקגעלאָפן אין גאָרטן אַריין. געדולדיק אויסהערנדיק נאָך עטלעכע באַמערקונגען פון דער מוטער, איז ער אויך אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין, זיכער, אַז ער וועט דאָרט געפינען לידיען אַ באַליידיקטע, אין טרערן און ער וועט זי דאַרפן טרייסטן.

אָבער זי איז געזעסן אויף דער באַנק, באַ דער האַלטאַנקע, פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן און האָט באַגעגנט קלימען מיט דער פראַגע:

— דו וועסט זיך נישט שיסן איבער ליבע, ניין?

זי האָט געפרעגט אַזוי רויק און גראָב, אַז קלים האָט אַ קלער געטון:

— איז טאַקע די מאַמע גערעכט?

— ווי ס'וועט אויסקומען, — האָט ער געענטפערט, אַ קוועטש געבנדיק מיט די אַקסלען.

— גייין, דו וועסט נישט! — האָט זי זיכער איבערגעחזרט, און אַזויווי אין דער קינדהייט, פֿאָרגעלייגט:

— לאָמיר אַ ביסל זיצן.

דערנאָך אַ קוק געבנדיק אויף אים פֿון דער זייט, האָט זי פֿאַרטראַכט אַרויסגעזאָגט:

— דו וועסט מסתּמא זיין אַן אויסגעלאַסענער. איך מיין — שוין? יאָ?

אַ פֿאַרבליפֿטער האָט קלים נישט באַוויזן צו ענטפֿערן, — לידיעס פּנים האָט אַ ציטער געטון, זיך אויסגעקרומט, זי האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און אָנכאַפּנדיק אים מיט די הענט, אַ פֿליסטער געטון מיט פֿאַרצווייפֿלונג:

— ווי שרעקלעך דאָס איז! און באַכוואַס? נו, אָט, בין איך געבוירן געוואָרן, דו ביסט געבוירן געוואָרן — באַכוואַס? וואָס קלערסטו וועגן דעם?

קלים האָט אָנגענומען אַ לייטישע מינע, פֿאַרנעמענדיק זיך צו רעדן אַ סך און קלוג, אָבער זי איז אויפֿגעשפּרונגען און אַוועקגעגאַנגען, זאָגנדיק:

— מען דאַרף נישט. שווייג.

ווען זי איז נעלם געוואָרן, האָט קלימען אַ צי געטון צו איר, שוין נישט דערויף, כּדי צו רעדן קלוג, נאָר פּשוט, כּדי צו גיין לעבן איר. דאָס איז געווען אַזאַ שטאַרקער דראַנג, אַז קלים איז אויפֿגעשפּרונגען, זיך געלאָזט גיין, אָבער אויפֿן הויף האָט זיך דערהערט דער נישט הויכער, נאָר זאַפֿטיקער אויסרוף פֿון אַלינען:

— באמת? אַהאַ, איך האָב געזאָגט.

קלים איז געבליבן שטיין, דערנאָך אויפֿסניי זיך אַוועקגע־זעצט, קלערנדיק: לידיאַ און אפֿשר אויך מאַקאַראָוו ווייסן מסתּמא אַן אַנדערע ליבע, דידאָזיקע ליבע רופֿט אָפּגים אַרויס בײַ דער מאַ־מען, בײַ וואַראַוויקן, זייער אייפֿערזיכטיקע און קנאהדיקע געפֿילן. [illegible] ער און נישט זי האָבן אַרויסגערופֿן די קאַרעטע פֿון „רויטן

קרייך" און ווען די סאַניטאַרן, ענלעכע צו קוכערס, האָבן געטראָגן מאַקאַראָוון איבערן הויף, איז וואַראָווקאַ געשטאַנען באַם פענצטער, האַלטנדיק זיך באַ דער באָרד. ער האָט נישט דערלויבט לידיען צו באַגלייטן דעם קראַנקן, און די מאַמע איז, דאַכט זיך, אומישנע אַוועקגעגאַנגען פון דער היים.

אויפן הויף האָט מאַקאַראָוו מיטאַמאָל אויפגעלויכטן, באַלעבעט געוואָרן און קוקנדיק אין דורכזיכטיקן, קאַלטלעכן הימל אַריין, שטיל געזאָגט:

— אומפאַרגלייכלעך.

ליגנדיק אין קאַרעטע, קרימענדיק זיך פון די שטאַרקע שטויסן, האָט ער אַ גלעט געטון מיט דער רעכטער האַנט קלימס קני.

— נו, ברודער, אַ דאַנק דיר. און דאָס לאָזן זיך בלוט איז, אפשר, נוצלעך, ס'באַרויקט.

און שוואַך אַ שמייכל געטון, צוגעבנדיק:

— נאָר דו — פרוו נישט: ס'טוט וויי, און ס'איז אויך אַ ביסל אַ בושה.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און, פאַרזינקענדיק אין די טונקעלע לעכער, האָבן זיי געמאַכט זיין פנים מער אומהיימלעך בלינד, ווי עס איז באַ בלינדע פון געבוירנשאַפט. אויף אַ קליין מיט גראָז באַוואַקסן הייפל פון אַ קליינטשיק הייזל, וואָס האָט קאָקעטיש באַהאַלטן זיינע דריי פענצטער הינטער אַ גערטנדל, האָט מאַקאַראָוון באַגעגנט אַ משונהדיק היכער, מאָגערער פאַרשוין מיט אַ פנים פון אַ קלאָון, מיט אַ בעזעם אין די הענט. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם בעזעם, איז צוגעלאָפן צום טראָג-בעטל, זיך איבערגעבראָכן איבער דעם און מיט אַ קאָמיש קול אָנגעהויבן רעדן, שטופּענדיק די סאַניטאַרן, קלימען:

— עך, קאָסטיאַ, אַי-יאַי-אַי! ווען לידיאַ טימאָפעיעוונאַ האָט אונז געזאָגט, זענען מיר פשוט אָפּגעשטאָרבן. דערנאָך האָט זי אונז דערפרייט, נישט געפערלעך, זאָגט זי, נו, אַ דאַנק גאָט! מיר האָבן באַלד אַלץ אויסגעוואַשן, אויסגערייניקט. מאַמעשי! — האָט ער אַ

געשריי געטון און, אָנכאַפּנדיק מיט די לאַנגע פינגער קלימס עלנבויגן, זיך פאָרגעשטעלט:

— זלאָבין, פּיאָטר, אַ פּאָסט־באַאַמטער, כ׳בין זייער צופרידן.

פון דער טיר פון אַ קאַמער איז אַרויסגעקראָכן אַ קרעפטיקע, רויטבאַקיקע זקנה אין אַ גרוי קלייד, ענלעך צו אַ סיטאַנע, זי האָט זיך קוים איינגעבויגן, אַ קוש געטון מאַקאַראָווס שטערן און געלאָזט אַ פּאָר טרערן, מיט רוגזא זאָגנדיק:

— דאָס הייסט אַ נאַר!...

קלים האָט זיך דערפילט געצירט. ס׳איז טשעקאַווע געווען צו זען, אַז אַזאַ לאַנגער מענטש און אַזאַ ריזיקע זקנה וואוינען אין אַ פּיצינקע הייזל, אין ריינינקע צימערן, וווּ ס׳איז דאָ אַ סך בלומען, און בײַ דער וואַנט אויף אַ קליינטשיק, לענגלעך־רונדיק טישל ליגט פייערלעך אַ פידל אין אַ פוטעראַל. מאַקאַראָוון האָט מען אַריינגעלייגט אין בעט אין אַ היימלעך, זוניק צימער, זלאָבין האָט אומגעלומפּערט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול און גערעדט:

— און איך, ווייסטו, האָב אַזש צוליב דערדאָזיקער געלעגנהייט זיך דערלויבט אַ „ליד״ איינצושטודירן „סוווענ יר דע וויל־בא״ — זייער אַ באַחנטס! דריי אָוונטן האָב איך געגראַניצט.

אַ קורצנאָזיקער, אַ בלויאויגיקער, צוגעשוירן אויף אַ יעזש און שוין אַ האַלב־גרויער, האָט ער אויסגעוויזן קלימען אַלץ מער ענלעך צו אַ קלאָון. און זיין שווערלייביקע מאַמעשי איז, וויגנדיק זיך, ווי אַ קו געגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן, צוברענגענדיק צום טיש פאַר מאַקאַראָווס בעט קאַרפינקעס, גלעזער, זי איז געגאַנגען און געוואָרטשעט:

— נו און — וואָס פאַר אַ גוטס קומט אַרויס? איר הוזקט אָפּ פון זיך, יינגע לייט, און דערנאָך וועט אייך באַנג טון.

זי האָט פאָרגעלייגט קלימען טיי, קלים האָט זיך העפלעך אָפּגעזאָגט, ער האָט אַ דריק געטון די האַנט מאַקאַראָוון, וועלכער האָט, שווייגנד שמייכלענדיק, געקוקט אויף די זלאָבינס.

— קום צו גיין, כ'בעט דיך, — האָט אַ בעט געטון מאַקאַ־ראָוו, — די זלאָבינס האָבן אין איין קול איבערגעחזרט:

— מיר בעטן אייך.

קלים איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און ס'איז אים געוואָרן טרויעריק. די אויסטערלישע פריינד מאַקאַראָווס האָבן אים ווייזט אויס, זייער שטאַרק ליב און צו לעבן מיט זיי איז הימלעך, פשוט. זייער פשטות האָט אים געצוואונגען צו דערמאָנען זיך אָן מאַרגאַריטען — אָט באַ וועמען ער וואָלט גוט אָפּגערוט פון די אומגעלומפּערטע דאגות פון דידאָזיקע טעג. און פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן איר, האָט ער פלוצלינג דערפילט, אַז דאָסדאָזיקע מיידל איז אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן, נאָר אויסגע־וואַקסן איז זי ערגעץ אין דער זייט פון לידיען און נישט פאַר־טונקלענדיק זי.

ווען אין דער ליניע פון זיינע טראַכטונגען פלעגט זיך אַריינ־רייסן לידיאַ, האָט ער שוין נישט געקאָנט קלערן וועגן גאָרנישט, אַ חוץ איר. אינדעראמתן האָט ער גאָרנישט געטראַכט, נאָר גע־שטאַנען פאַר איר און באַטראַכט דאָס מיידל אומזיניק, פּונקט אַזוי ווי ער האָט טיילמאָל געקוקט אויף דער באַוועגונג פון די וואָלקנס, אויפן שטראָם פון טייך. די וואָלקנס און די פּאַליעס, אָפּווישנדיק, אָפּשווענקענדיק די פאַרשידענע געדאַנקען, האָבן באַ אים אַרויסגע־רופן פּונקט אַזאַ געדאַנקענלאָזע, פאַרשטומטע שטימונג פון האַלב־היפּנאָז, ווי דאָסדאָזיקע מיידל. אָבער ווען ער האָט זי געזעען פאַר זיך נישט אין זכרון, נאָר פערזענלעך, איז אין אים אויסגעוואַקסן כמעט אַ פיינדלעכער אינטערעס צו איר; ס'האָט זיך געוואָלט נאָכשפּירן איר יעדן טריט, וויסן, וואָס זי קלערט, וועגן וואָס זי רעדט מיט אַליינען, מיטן פאָטער, ס'האָט זיך געוואָלט כאַפּן זי באַ עפּעס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט לידיאַ דרך אגב, אָבער דראַסטיש, ווי ס'האָט זיך געדאַכט קלימען, אים אַ פרעג גע־טון:

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין צו מאַקאַראָוון?

ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער דענערווירט צוליב דער

באַציונג צו אים מצד דעם פּעדאַגאָגישן ראַט, אַ טייל מיטגלידער וויל אים נישט אַרויסגעבן קיין מאַטורע און פאָדערט נאָכאַמאָל אַן עקזאַמען.

— נו, רזשיגאַ וועט דאָס דערליידיקן, — האָט ביטולדיק געזאָגט לידיאַ, און דערנאָך, פאַרמרויזשענדיק די אויגן, שטיל אַ לאַך געטון און צוגעגעבן:

— צווינג נישט צו קלערן, אַז דו באַדויערסט פלומרשט, וואָס האָסט איבערגעשלאָגן דעם חבר זיך צו דערהרגענען.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, איידער ער האָט באַוויזן איר צו ענטפערן. נאַטירלעך האָט זי געשפּאַסט, דאָס האָט קלים געזען אין איר פּנים. אָבער אויך אין דער פאָרם פון אַ שפּאַס האָבן אירע ווערטער אים אויפגערעגט. פונוואַנען, פון וואָסערע באַאָבאַכטונגען, האָט געקאָנט געבוירן ווערן בײַ איר אַזאַ באַליידיקענדיקע מחשבה? קלים האָט לאַנג, אָנגעשטרענגט געזוכט אין זיך: צי איז געווען בײַ אים די חרטה, וועגן וועלכער לידיאַ איז זיך משער? ער האָט נישט געפונען און באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט איר. אָבער אין משך פון צוויי טעג האָט ער נישט אויסגעקליבן קיין צייט צום דורכרעדן זיך, און אויפן דריטן טאָג איז ער אַוועקגעגאַנגען צו מאַקאַראָוון, באַשוווירט מיט אַ כוונה, וואָס איז אים נישט אינגאַנצן קלאָר געווען.

אויף דער שוועל פון איינעם פון די צימערן פון דעם קליינטשיקן הייזל איז ער געבליבן שטיין מיט אַ נישט ווילנדיקן שמייכל: בײַ דער וואַנט, אויף אַ סאָפע איז געלעגן מאַקאַראָוו, צוגעדעקט ביז דער ברוסט מיט דער קאָלדרע, דער צעשפּיליעטער קאָלנער פון העמד האָט אָפּגעדעקט זיין באַנדאַזשירטן אַקסל; בײַ אַ קליין, קיילעכיק טישל איז געזעסן לידיאַ; אויפן טיש איז געשטאַנען אַ שיסל, פול מיט עפּל; אַ שיפער זונענשטראַל, אַריינדרינגענדיק דורך די אייבערשטע שויבן פון די פענצטער, האָט באַלויכטן די רויטע פּירות, לידיאַס קאַרק און אַ העלפט פון מאַקאַראָווס הויקער-נאָזיקן געזיכט. אין צימער איז געווען שמעקעדיק און זייער הייס, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן קלים. דער קראַנקער און דאָס מיידל האָבן געגעסן עפּל.

— אַ גן־עדנדיקע באַשעפּטיקונג, — האָט אַרויסגעמורמלט קלים.

— דער דריטער אין גן עדן איז געווען דער טייוול, — האָט גלייך אַ זאָג געטון לידיאַ און אַ ביסעלע זיך אָפּגערוקט פון דער סאָפע צוזאַמען מיט דער שטול, און מאַקאַראָוו, דריקנדיק קלימס האַנט, האָט אונטערגעכאַפּט איר וויץ:

— סאַמגין איז מער ענלעך צו פאַוסטן, ווי צו מעפיסטאָ-פעלן.

ביידע וויצן זענען נישט געפעלן געוואָרן קלימען, נייטנדיק אים צו ווערן אויפגעשפּיצט, נאָר מאַקאַראָוו און לידיאַ האָבן לייכט זיך איבערגעוואָרפן מיט הלצהלעך און אַלץ אָפטער אים פאַרטשעפּעט. ער האָט זיך צוריקגעווערטלט נישט געשיקט, פאַרלעגן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין זייערע ווערטער הערט ער רוגזא און גערייצטקייט פון מענטשן, וועלכע מען האָט געשטערט. אין אים האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרדראָס אויף זיי און נאָך עפּעס אַ פאַרומערט געפיל. דער מענטש, וועלכן ער האָט געשטערט צו דערהרגענען זיך, איז געווען צו פריילעך און זאַגאַר שענער געוואָרן. די בלאַסקייט פון פּנים האָט גינסטיק אונטערגעשטראָכן דעם הייסן גלאַנץ פון זיינע אויגן, דער שאָטן אויף דער אייבערשטער ליפּ איז געוואָרן געדיכטער, קענטיקער און בכלל איז מאַקאַראָוו אין דידאַ-זיקע עטלעכע טעג אומנאַטירלעך מעניש געוואָרן. ער האָט גערעדט כאָטש אַפילו מיט אַ שוואַכער, אָבער מיט אַ מער נידערי-קער קול. לידיאַ האָט זיך געהאַלטן מיט אים נישט אַנגענעם איינ-פאַך, אָן איר געוויינלעכער גאווה און פאַרריסנקייט, און כאָטש קלים האָט באַמערקט, אַז אויך צו אים איז זי היינט בעסער, ווי תמיד, איז אָבער דאָס אויך געווען באַליידיקנד.

— ווי ליב דאָ איז, ניט אמת? — האָט זי זיך געווענדט צו סאַמגינען, מאַכנדיק אַ קרייז מיט דער האַנט.

קלים האָט געענטפערט:

— געוויינלעך, ווי באַ קליינבירגער.

— גיט נאָר אַ קוק, סאַראַ אַריסטאָקראַט, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים פון דער זון. לידיאַ האָט אויך

אַ שמייכל געטון, און קלים האָט שנעל זיך פֿאַרגעשטעלט איר צו־ קונפֿט: אָט איז זי די פֿרוי פֿון דעם גימנאַזיע־לערער מאַקאַראָוו, ער איז נאַטירלעך, אַ שכּור; זי איז שוין מעוברת מיטן דריטן קינד, גייט אַרום אין די נאַבאַ־לאַטשן, די אַרבל פֿון דער יאַקע זענען פֿאַרקאַשערט ביז די עלנבויגנס, אין די הענט אַ שמוציקע שמאַטע, מיט וועלכער לידיאַווישט אַרום דעם שטויב, ווי אַ דינסט, אויף דער פּאָדלאָגע קריכן אַרום רויטלעכע קליינע קינדער און פּישטשען. דאָסדאָזיקע, שנעל אויפֿגעקומענע בילד, האָט אַ ביסל אויפֿגעהויבן זיין געדריקטע שטימונג. נאָר אין דער טיר האָט אַ בליק אַריין געטון די אַלטע זלאָבינאַ, איינלאַדנדיק:

— כ׳בעט צו דער טיי! היינט זענען דאָ אייערע באַליבטע קיכעלעך, לידיאַ טימאָפעיעווונאַ!

לידיאַ איז צוגעלאָפֿן צו איר, אָנגעהויבן רעדן, גלעטנדיק מיט די דינע פֿינגער די גרויע פּאַסמע האָר, וואָס איז אַראָפּ־ געפֿאַלן אויף דער רויטער באַק פֿון דער זקנה. די זלאָבינאַ האָט זיך געטרייסלט, לאַכנדיק מיט אַ באַס. קלים האָט נישט געהערט, וואָס לידיאַ האָט גערעדט, ער האָט נאָר אַ הייב געטון מיט די אַקסלען אויף מאַקאַראָווס פֿראַגע:

— וואָס קוקסטו ווי אַ סאָווע?

— אַזוי גאָר? — האָט ער געקלערט. הייסט עס שוין לאַנג און אָפֿט גייט זי אַהער, זי איז דאָ — אַ היימישער מענטש? נאָר פֿאַרוואָס זשע האָט מאַקאַראָוו זיך געשאָסן?

מיט אַן אומבאַזיגבאַרער צודרינגלעכקייט האָט זיך געדרייט אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז מאַקאַראָוו לעבט מיט לידיען, אַזוי, ווי ער האָט געלעבט מיט מאַרגאַריטען, און קוקנדיק אויף זיי פֿון אונטערן שטערן אַפֿער, האָט ער אין רעיון געשריגן:

— ליגנערס. פֿאַלשע מענטשן.

לעבן אים איז געזעסן זלאָבין, האָט אים געשטויסן מיטן קנאַכיקן אַקסל און געטענהט, אַז ער האָט ליב בלויז מוזיק און די מאַמעשי.

— איבער דערדאָזיקער ליבע האָב איך נישט חתונה געהאַט. וואָרים, איר פֿאַרשטייט, אַ דריטער מענטש אין שטוב — איז שוין אַ שטערונג! און נישט איטלעכע פֿרוי קאָן איבערטראָגן איבונגען

אויף אַ פידל. און איך מאַך דורך יעדן טאָג די איבונגען. די מאַמעשי איז אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן, אַז זי הערט שוין נישט...

קלים איז אַוועקגעגאַנגען פון דידאָזיקע מענטשן אין אַזאַ געדריקטן צושטאַנד, אַז ער האָט אפילו נישט פאַרגעלייגט לידיען אָפּצופירן זי, נאָר זי איז אַליין אַרויסגעלאָפן פאַרן טויער, האָט אים אָפּגעשטעלט און אַ בעט געטון ליבלעך, מיט אַ כישרע שמייכעלע אין די אויגן:

— דו זאָג נישט אינדערהיים, אַז איך בין דאָ געווען — גוט?

ער האָט באַשטעטיקנד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. אַהיים האָט זיך נישט געגלוסט צו גיין, ער איז אַרויסגעגאַנגען צום טייך־ברעג און לאַנגזאַם שפּרייזנדיק, אַ קלער געטון:

— מען דאַרף רייכערן, מען זאָגט, דאָס באַרויקט.

נאָכן טייך, איבער דער גלאַטיק אָפּגעגאָלטער ערד, איז אי־בערגעקערט געווען ווי אַ האַלבע שיסל אַ ראָזלעכע ליידיקייט, דאָר האָט איבער עפּעס דערמאָנט וועגן דעם קליינטשיקן, ריינעם הייזל, וועגן די מענטשן אין אים.

— ווי נאַריש ס'איז אַלץ!

אינדערהיים האָט ער געטראָפן וואַראַווקען און די מוטער אין עסצימער, דער גרויסער טיש איז געווען באַוואָרפן מיט אַ מאַסע פּאַפּירן, וואַראַווקאַ האָט געקלאַפּט מיט די ביינדלעך פון רעכן־געווערק און געזשוזשעט אין דער באָרד אַריין:

— זש־זשוליקעס!

די מוטער האָט שנעל אַראָפּגעשריבן עפּעס ציפערן פון אייג־אַרטיקע קוואַדראַטלעך פּאַפּיר אויף איין גרויסן, ריינעם בויגן, פאַר איר איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אַ גרויסן אַרבוז, פאַר וואַראַווקען — אַ פלעשל כערעס.

— נו, וואָס מאַכט דיין שיסער? — האָט געפרעגט וואַראַוו־קאַ. אויסהערנדיק קלימס ענטפער, האָט ער מיט אומצוטרוי אים באַטראַכט, אָנגעגאָסן אַ פולן פוזשער וויין, פרום אויסגעטרונקען אַ העלפט, אָפּגעלעקט זיין פליישיקע ליפּ און אָנגעהויבן רעדן, אָנ־

שפּאַרנדיק זיך אין אָנלען פון דער שטול, צוקלאַפּנדיק מיט די פינגער איבערן ראַנד פון טיש:

— די וועלט טיילט זיך אויף מענטשן קלוגערע פון מיר, — דידאָזיקע האָב איך נישט ליב, און אויף מענטשן נאַרישערע פון מיר — דידאָזיקע פאַראַכט איך.

די מוטער האָט אַ פאַרשנדיקן בליק געטון אויף אים, געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו עס... פלוצלינג?

— אויס נויטווענדיקייט, — האָט געענטפערט וואַראַווקאַ, פאַרטשעפּנדיק מיטן גאָפּל אַ קוב-אַרטיק שטיק אַרבוז און אַרייַנלייגנדיק עס אין מויל אַרייַן. — אָבער ס'איז פאַראַן נאָך אַ קאַטעגאָריע מענטשן, פאַר וועלכע איך האָב מורא, — האָט ער פאַרגעזעצט הילכיק און אָנגרייפנדיק. — דאָס זענען — די וואוילע רוסישע מענטשן, יענע, וואָס גלייבן, אַז מיט לאָגיק פון ווערטער קען מען ווירקן אויף דער לאָגיק פון דער געשיכטע. איך גיב דיר קלים, אַ פריינדלעכע עצה: היט זיך צו גלייבן דעם וואוילן רוסישן מענטש. דאָס איז זייער אַ ליבער מענטש, יאָ! צו פלוידערן מיט אים וועגן דער צוקונפט — איז אַ פאַרגעניגן. נאָר די ווירקלעכקייט פאַרשטייט ער לחלוטין נישט. און ער זעט נישט, ווי טרויעריק ס'איז די ראָלע פון דעם קינד, וואָס גייענדיק טרוימעריש אינמיטן דער גאַס, וועט עס צעטרעטן ווערן פון די פערד, וואָרים דעם שווערן וואָגן פון דער געשיכטע פירן פערד, וואָס ווערן אָנגעטריבן דורך געניטע, אָבער נישט סובטילע קוטשערס. די וואוילע מענטשן אונזערע האָבן צו דעם ענין קיין שום שייכות נישט. אין בעסטן פאַל דינען זיי אַלס צעמענט אויפן פונדאַמענט פון דעם געבויטן בנין, אָבער אַזויווי דער בנין ווערט ערשט געבויט, איז...

די מוטער האָט ווידערשפּעניק איבערגעריסן זיינע רייד:

— פונדעסטוועגן, דערמאָן זיך, אַז קריסטוס...

— ס'איז אויך אַ פריצייטיקע דערשיינונג, און במילא — אַ שעדלעכע, — האָט פאַרגעזעצט וואַראַווקאַ, אויסקלאַפּנדיק מיטן גראָבן פינגער דעם טאַקט פון זיין רעדן. — די אַזוי גערופענע

קריסטלעכע קולטור — איז עפּעס ענלעכס צום פֿאַרשידנפֿאַרביקן
פלעק פֿון נאַפּט אויף אַ ברייטן, מוטנעם טייך. קולטור איז לעת
עתה: ביכלעך, בילדלעך, אַ ביסל מוזיק און זייער ווינציק וויסנ־
שאַפט. די קולטורעלקייט פֿון דעם קליינעם הייפל מענטשן, וואָס
טיטולירן זיך אַלס „דאָס זאַלץ פֿון דער ערד", „ריטערס פֿון
גייסט" און אַז. וו. דריקט זיך אויס בלויז דערין, וואָס זיי שעלטן
זיך נישט הויך אין דער מאַמען אַריין און רעדן מיט איראָניע
וועגן וואַטער־קלאָזעט. אַלע, וואָס לעבן „אין קריסטוסן", זענען
טיף אַנטיקולטורעל אין דעם זינען פֿון מיין באַגריף וועגן קולטור.
קולטור, דאָס איז, מיין טייערע, ליבע צו אַרבעט, נאָר אַזוי אומ־
געשטילט־באַגיריקע, ווי די ליבע צו אַ פֿרוי...

וואָראַווקאַ האָט אייליק פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַלץ
איינייבעם גערעדט, גערעדט, אַרויסלאָזנדיק אַ שטאַרקן רויך. די
סאַפּיאַן־הויט פֿון זיין שטערן האָט רויטלעך געגלאַנצט, די שאַרפֿע
אייגעלעך האָבן אויפֿגערעגט געפֿינקלט, ס'האָט זיך געראויכערט די
פוקסישע באָרד און די ווערטער זייַנע האָבן זיך אויך אַזוי ווי
געראויכערט. קלימען זענען שוין לאַנג און גוט באַקאַנט געווען וואָ־
ראַווקאָס אָנפֿאַלן פֿון באַרעדעוודיקייט, זיי פֿלעגן אים באַזונדער
אַרומכאַפּן אין טעג פֿון מידקייט פֿון געשעפֿטלעכן לעבן. קלים
האָט געזען, אַז אויף דער גאַס באַגריסן זיך מיט וואָראַווקען די
מענטשן אַלץ דרך־ארצדיקער און געוואוסט, אַז אין די הייזער
רעדט מען וועגן אים אַלץ ערגער, בייזער, ער האָט אויך באַמערקט
אַ מאָדנע צוזאַמענטרעפֿונג: וואָס מער און ערגער מען האָט גע־
רעדט אין שטאָט וועגן וואָראַווקען, אַלץ מער און שפּעדיקער האָט
ער פֿילאָזאָפֿירט אינדערהיים.

היינט איז דער אָנפֿאַל געווען אומדערטערגלעך לאַנג. וואָ־
ראַווקאַ האָט אַזש צעקנעפּלט די אונטערשטע קנעפּלעך פֿון וועסטל,
ווי ער פֿלעגט טיילמאָל טון באַם מיטאָג. אין זיין באָרד האָט גע־
בלינצלט אַ רויטער שמייכל, די שטול אונטער אים האָט געקנאַקט.
די מוטער האָט געהערט, אָנבויגנדיק זיך איבערן טיש און אַזוי
נישט געשיקט, אַז אירע מיידלשע ברוסטן זענען געלעגן אויפֿן

ראַנד פון טיש. קלימען איז נישט אָנגענעם געווען דאָס צו זעען.

— דערלויב, דערלויב, — האָט צו איר געשריגן וואַראווקאַ, — אָבער דידאָזיקע ליבע צו מענטשן, — אגב אַן אויסגעטראַכטע דורך אונז, וואָס איז קעגן דער נאַטור, וועלכע באַגערט נישט קיין ליבע צום נאָענטן, נאָר אַ קאַמף מיט אים, — דידאָזיקע אומגליקלעכע ליבע האָט נישט קיין שום באַטייט און ווערט אַן שנאה, אַן עקל צו דעם שמוץ, אין וועלכן ס'לעבט דער נאָענטער. און, ענדלעך, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דאָס גייסטיקע לעבן אַנטוויקלט זיך מיט דערפאָלג נאָר אויפן באָדן פון מאַטעריעלן וואוילשטאַנד.

צוהערנדיק זיך צו זיך אַליין, האָט קלים געשפּירט אין זיין ברוסט, אין קאָפּ אַ שטילן, ציענדיקן אומעט, כּמעט אַ ווייטיק; דאָס איז געווען פאַר אים אַ ניי געפיל. ער איז געזעסן לעבן דער מוטער, פויל געגעסן אַרבוז און נישט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס פילאָזאָפירן אַלע? אים האָט זיך געדאַכט, אַז די לעצטע צייט האָט מען אָנגעהויבן פילאָזאָפירן מער און אייליקער. ער האָט זיך דערפרייט פרילינג, ווען מען האָט דעם שרייבער קאַטין געבעטן אָפּצולייזדיקן די דירה, מיטן תירוץ צו רעמאָנטירן די אָפּיצינע אַצינד. ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם הויף, האָט ער מיט צופרידנקייט געקוקט אויף די פאַרמאַכטע לעדן פון די פענצטער אין אָפּיצינע.

נישט איינמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַזוי שטאַרק פאַרשאָטן מיט פרעמדע ווערטער, אַז ער זעט שוין נישט זיך. אַזוי ווי מורא האָבנדיק פאַר עפּעס, זוכנדיק אין אים אַ פאַרבינדעטן, שטרעבט איטלעכער מענטש אַריינצושרייען אים אין די אויערן אַריין עפּעס זיין אייגנס; אַלע האַלטן אים פאַר אַן אויפנעמער פון זייערע מיינונגען, זיי פאַרגראָבן אים אין זאַמד פון ווערטער. דאָס — האָט דערדריקט, אויפגערעגט. היינט איז ער געווען טאַקע אין אַזאַ שטימונג.

ס'איז אַריינגעקומען פעגיאַ און געמאָלדן, אַז ס'איז געקומען אַן אינטענדאַנט.

— אהאַ! — האָט בײַז אויסגעשריגן וואַראַווקאַ און, אויפ־שפּרינגענדיק אויף די פיס, איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ שווערן, נאַר שנעלן גאַנג פון אַ בער. קלים איז אויך אויפגעשטאַנען. אָבער די מוטער האָט איט גענומען אונטער דער האַנט, אַרײַנגעפירט צו זיך, פרעגנדיק:

— דיך האָט, זעט אויס, זייער צערודערט דידאָזיקע געשיכ־טע מיט לידיען?

מיט אַ האַלב קול, לאַנגווײַליק איבערחזרנדיק די קלימען באַקאַנטע מיינונגען וועגן לידיען, וועגן מאַקאַראָוון און באַשײַנ־פערלעך מורא האָבנדיק צו זאָגן עפּעס איבעריקס, איז זי אַרומ־געגאַנגען איבערן טעפּיך פון גאַסטצימער; דער זון האָט שווייגנ־דיק געהערט אירע רייד פון אַ מענטש. וואָס איז זיכער, אַז ער רעדט תמיד דאָס קלוגסטע און ניטיקסטע און פּלוצלינג האָט ער אַ קלער געטון: און מיט וואָס שיידט זיך דען אונטער איר און וואַראַווקעס ליבע פון דער ליבע, וועלכע ס'ווייסט און לערנט מאַרגאַריטאַ?

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען די גאַנצע שווערקייט, דעם גאַנצן ציניזם פון אַזאַ פאַרגלייכונג, דערפילט זיך שולדיק קייגן דער מו־טער, אַ קוש געטון איר האַנט און נישט קוקנדיק אויף איר, זי אַ בעט געטון:

— באַזומריק דיך נישט, מאַמע! און — זיי מוחל, איך בין אַזוי מיד.

זי האָט אויך שטאַרק אים אַ קוש געטון אין שטערן אַרײַן, זאָגנדיק:

— איך פאַרשטיי, אַז מיט דיין אויסערגעווײנלעכער אַרײַנגע־טראַכטקייט איז דיר שווער.

בײַ זיך אין צימער, אַראָפּוואַרפנדיק דעם סורדוט, האָט ער אַ קלער געטון, אַז ס'וואָלט גוט געווען אָט פונקט אַזוי אַראָפּצו־וואַרפן דידאָזיקע גאַנצע אַרײַנגעטראַכטקייט, דעם פּלאָנטער פון גע־פילן און געדאַנקען און לעבן אײַנפאַך, ווי ס'לעבן אַנדערע, נישט זשעניִרנדיק זיך צו רעדן אַלע נאַרישקייטן, וועלכע קומען אויף

דער צונג, צו פאַרגעסן אַלע חכמות טאָמילינס, וואַראַוווקעס... און פאַרגעסן אויך אָן דראַגנאָוון.

ער איז שלעכט געשלאָפן, אויפגעשטאַנען פרי, פילנדיק זיך האַלב קראַנק, איז אַריינגעגאַנגען אין עסצימער טרינקען קאַווע און דערזעען דאָרטן וואַראַוווקען, וועלכער האָט, גרייטנדיק זיך צו דער טאָג-שלאַכט, געביסן צוגעבראָטן ברויט, פאַרטרינקענדיק מיט פאָרטוויין.

— הער, — האָט ער געזאָגט שטיל, צונויפציענדיק די ברעמען, נישט אַרויסלאָזנדיק קלימס האַנט פון זיינער און דערמיט צווינגענדיק דאָס בחורל צו דערוואַרטן אומאַנגענעמלעכקייטן. — געכטן, נישט וועלנדיק אויפרעגן וויערען, האָב איך נישט געוואָלט, און אויך קיין צייט נישט געהאַט דיר מיטצוטיילן וועגן דראַגנאָוון. דער פרידנס-ריכטער קאָזמין, נישט וויסנדיק, אַז דער דאָזיקער אינדיווידום אַרבעט שוין נישט בא מיר, האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז דראַגנאָוו האָט צוגענומען אַ ביכל פון שפּאָר-קאַסע בא עפּעס אַ מיידל און ס'איז אויף אים אָנגעגעבן געוואָרן אַן אָנקלאַגע. דאָ איז עפּעס אַ כיטרע געשיכטע. אָבער כאָטש דער ריכטער האָט זיך אויסגעדריקט „צוגענומען", איז פונדעסטוועגן קלאָר, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אַ גנבה, און דערביי אַזעלכע, וואָס פאַלט נישט אַרונטער אונטערן פרידנס-געריכט, וואָרים ס'איז אַ גנבה פון העכער דריי הונדערט רובל. דאָס הייסט — קרייז-געריכט. אין וואָסערע באַציונגען ביסטו מיטן דאָזיקן בחור? אהא, זיך צעגאַנגען? כ'בין זייער צופרידן.

קלים האָט זיך אויך דערפרייט און כדי צו פאַרבאָרגן דאָס, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ס'האָט זיך אים דערהערט, אַז אין אים האָט אויך אַ קלונג געטון אַ טריומפירנדיקער „אהא!", ס'האָט אויפגעפלאַקערט, ווי אַ ספּעקטער, אַ פּאַס פאַרשידנפאַרביקע מחשבותלעך און צווישן זיי האָט אַ שימער געטון אַ ליניע מיטפילנדיקע פאַר מאַרגאַריטען.

וואַראַוווקאַ, וועלכער האָט אפנים פאַרשטאַנען זיין פרייד, ווי אַ שרעק, האָט געזאָגט עטלעכע טרייסטנדיקע אפאָריזמען:

— נו, מילא, — פאַר דער אָרנטלעכקייט פון אַ מענטש קאָן

מען קיינמאָל נישט גאַראַנטירן. מיר קלויבן אויס פריינד וויניקער געהיטן, ווי שיך. באַמערק, אַז אַ מענטש אָן פריינד — איז מער מענטש.

ער האָט זעלבסטצופרידן פאַרענדיקט:

איך — האָב נישט קיין פריינד.

דאָ האָט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער פרייד אַ שטויס געטון קלימען צו זאָגן אים, אַז לידיאַ קומט אָפט צו מאַקאַראָוון. צו זיין פאַרוואונדערונג איז וואַראָווקאַ נישט געוואָרן אין כעס, נאָר בלויז שרעקעוודיק אַ קוק געטון אין דער זייט פון דער מוטערס צימערן און נישט הויך געזאָגט:

— יאָ, יאָ. איך וויים. דער ראָמאַנטיזם, דער טייוול זאָל אים נעמען! הגם ראָמאַנטיזם איז, פונדעסטוועגן, פאַרשטייסטו, בעסער...

מאַכנדיק מיט דער רעכטער האַנט אַן אומבאַשטימטן זשעסט, האָט ער אַרונטערגערוקט אונטערן בוזעם אַ דיקן טייסטער און געפרעגט שטילערהייט:

— דו האָסט דער מאַמען נישט געזאָגט וועגן דעם? ניין? זאָג זשע נישט, כ׳בעט דיך. זיי האָבן אָן דעם אויך נישט ליב איינער דעם אַנדערן. איך — גיי אַוועק.

אָבער אַזוי ווי נאָר ער איז פאַרשוואונדן — איז אויך פאַרשוואונדן געוואָרן קלימס פרייד, זי איז פאַרלאָשן געוואָרן פון באַוואוסטזיין, אַז ער האָט געהאַנדלט נישט גוט, זאָגנדיק וואַראָווקען וועגן דער טאָכטער. דעמאָלט איז ער, אין אַלגעמיין אַ נישט פעקער אויף שנעלע באַשלוסן, אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך, שפרייזנדיק איבער צוויי שטיגן אויפאַמאָל.

אַ נישט צוגעקעמטע, אין אַן אָראַנזש־שלאָפראָקל, אין שטעקלאַטשן אויף די באָרוויסע פיס, איז לידיאַ געזעסן אין ווינקל פון דער סאָפע מיט אַ נאָטן־העפט אין דער האַנט. נישט געאיילט פאַרדעקנדיק די נאַקעטע פיס מיט דער פאָלע פון שלאָפראָק, האָט זי נישט ליבלעך קוקנדיק אויף קלימען, געפרעגט:

— וואָס איז געשען? פאַרוואָס איז באַ דיר אַזאַ פנים?

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון דער סאָפע און

מיטאַמאָל, אַזוי ווי מורא האָבנדיק, אַז ער וועט נישט זאָגן דאָס, וואָס ער וויל, אַ זאָג געטון:

— זיי מיר מוחל, נאָר איך האָב אומגערן זיך אַרויסגעכאַפּט...

לידיאַ האָט אַ וואָרף געטון די באָטן צו זיך אויף די קניען און אים אָפּגעשטעלט:

— איך ווייס. איך האָב אַזוי געקלערט, אַז דו וועסט זאָגן דעם טאַטן. איך האָב, אפשר, צוליב דעם טאַקע דיך געבעטן נישט צו דערציילן, כדי אויסצופּרוּוון: צי וועסטו זאָגן? אָבער איך האָב אים נעכטן אַליין געזאָגט. דו האָסט — פאַרשפּעטיקט.

סיי אין איר קול, סיי אין די אויגן איז געווען עפּעס טיף באַליידיקענדיקס. קלים האָט געשוויגן, פילנדיק, אַז אים צענעמט דער כּעס, און דאָס מיידל האָט פאַרגאַפּט, טרויעריק גערעדט:

— איך פאַרשטיי דיך נישט. דו זעסט אויס אַן אָרנטלעכער, אָבער... דו שפּרינגסט עפּעס אַלץ צום שלעכטן. וואָס באַטייט דאָס?

אין אירע ווערטער האָט קלים געפילט אַן עקל, ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע און מיט אומוואָרשיינלעכער שנעלקייט האָט זיך צווישן זיי פונאַנדערגעשפּילט אַ קריג. קלים האָט געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַן עלטערן:

— דאָס באַטייט, אַז אין דיין אויפפירונג זע איך נישט קיין שום גוטס...

— ווי קאָמיש דו ביסט, — האָט געענטפערט דאָס מיידל, אַפּרוקנדיק זיך צום ווינקל פון דער סאָפע, אַרונטערנעמענדיק אונטער זיך די פיס.

— דיין ראָמאַן מיט מאַקאַראָוון...

לידיאַ האָט דערשטוינט, בייז, ברייט צעעפנענדיק די אויגן, אָנגעהייבן רעדן מיט אַ האַלב קול:

— מיין אויפפירונג? אַ ראָמאַן? דו — האָסט די העזה, דו בישטיק ייִנגל? דו מיינסט..

איר האָט פאַרפעלט אָטעם, אַפּנים נישט זייענדיק בכוח אַרויסצורעדן עפּעס אַ וואָרט; איר טונקל פּנים איז רויט געוואָרן און אַזש אויפגעשוואָלן, אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. אַרייבערוואַרפנדיק איר גרינגן קערפּער אויף די קני אַרויף, האָט זי געפּליסטערט:

— דו קלערסט...

קלים האָט פּלוצלינג זיך דערשראָקן פאַר איר כּעס. ער האָט שלעכט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט און געוואָלט בלויז איינס: אָפּשטעלן דעם שטראָם פון אירע ווערטער, אַלץ מער שאַרפע און אומבינדיקע. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן פינגער אין זיין שטערן, געצוואונגען אים אויפצוהייבן דעם קאָפּ און קוקנדיק אין די אויגן אַריין, געפרעגט:

— שוין זשע קלערסטו ערנסט, אַז איך... אַז איך בין מיט מאַקאַראָוון אין אַזעלכע באַציונגען? און דו פאַרשטייסט נישט, אַז איך וויל דאָס נישט... אַז איבער דעם האָט ער זיך געשאָסן? פאַרשטייסט נישט?

קלים האָט געפילט אויף דער הויט פון זיין שטערן אַ שאַרפן קוועטש פון דעם מיידלס פינגער און אים האָט זיך געדאָכטן, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זיין גאַנץ לעבן לעבט ער אייבער אַזאַ באַליידיקונג. גערעדט האָט לידיאַ עפּעס נאַריש און קינדיש, נאָר געהאַלטן זיך ווי אַ דערוואַקסענע, ווי אַ דאַמע. ער האָט געקוקט אין איר ערנסט פּנים, אין די טרויעריקע אויגן אַריין, אים האָט זיך געגלוסט צו זאָגן איר זייער בייזע ווערטער, נאָר זיי זענען נישט אַראָפּגעקראָכן פון דער צונג. אַזוי שווייגנדיק, איז ער אויך אַוועקגעגאַנגען צו זיך, און דאָרטן, פילנדיק אַ ביטערע טרוקנקייט אין מויל און אַ מטושטשן גערויש פון די בייזע ווערטער אין קאָפּ, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פענצטער, קוקנדיק, ווי דער ווינט רייסט אַראָפּ די בלעטער פון די ביימער. אין דער שויב האָט ער געזען די אָפּשפּיגלונג פון זיין פּנים, און כאָטש די שטריכן זענען צעשוואומען געוואָרן, האָט עס דאָך דערמאָנט דאָס טרוקענע און וויכטיקע געזיכט פון דער מוטער.

מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, אויף וועלכער קלים איז

פּעיק געווען אין דעם מאָמענט, האָט ער זיך געפרעגט: וואָס איז עכט, נישט אויסגעטראַכט אין זיינע געפילן צו לידיען? נישט אָן שווערקייט און נישט גיך האָט ער אויפגעפלאָנטערט דעם שטייפן קנויל פון דידאָזיקע געפילן: אַ באַנג געפיל פון אָנווערן זייער וויכטיקס, שאַרפע אומצופרידנקייט מיט זיך, אַ פאַרלאַנג זיך נוקם צו זיין אין לידיען פאַר דער באַליידיקונג, געשלעכטלעכע נייגיריקייט צו איר און צוזאַמען מיט דעם אַלעם אַן אָנגעשטרענגטער באַגער איבערצוצייגן דאָס מיידל אין זיין וויכטיקייט, און הינטער דעם אַלעם איז דערשינען די זיכערקייט, אַז סוף כּל סוף האָט ער ליב לידיען מיט אמתער ליבע, טאַקע מיט יענער, וועגן וועלכער מען שרייבט אין פערזן און אין פּראָזע און אין וועלכער ס׳איז נישטאָ קיין שום יינגלערישס, קאָמישס, אויסגעטראַכטס.

ער האָט לייכטער אָפּגעזיפצט, טראַכטנדיק ווייטער: ווען לידיאַ וואָלט ליב געהאַט מאַקאַראָוון, וואָלט זי, אויס געפיל פון דאַנקבאַרקייט, געדאַרפט געווען ענדערן איר גאָוודיקע באַציִונג צו דעם מענטש, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון דעם געליבטן. אָבער ער האָט נישט געהערט פון איר קיין וואָרט דאַנקבאַרקייט. דאָס איז מאָדנע. היינט האָט זי געזאָגט עפּעס אומפּאַרשטענדלעכס: מאַקאַראָוו האָט זיך געשאָסן אויס שרעק פאַר דער ליבע, אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין אירע ווערטער. אָבער ריכטיקער איז, אַז דידאָזיקע שרעק לעבט אין לידיען גופא. קלים האָט זיך שנעל דערמאַנט אַ רייע סימנים, וועלכע האָבן אים איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי: לידיאַ האָט מורא פאַר דער ליבע, זי האָט איר מורא איינגעפלאַנצט מאַקאַראָוון און, ממילא, איז זי שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט געבערענגט אַ מענטש צו אַן אַטענטאַט אויף זיין לעבן. צו דערטראַכטן זיך צו דעם איז געווען אָנגענעם; דורכקאָנטראָלירנדיק נאָכאַמאָל זיין געדאַנקען-גאַנג, האָט קלים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אפילו אַ שמייכל געטון, וואָס ער איז — אַ שטאַרקער מענטש און קען שנעל גובר זיין די צרות.

ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן זיך מיט לידיען גרויסמוטיק, ווי די זעלטנסטע און איידלסטע העלדן פון די ראָמאַנען, ווי יענע,

וואָס דורך זייערע ליבע זענען זיי אַלץ מוחל. שוין דאָס צווייטע מאָל איז אים אויסגעקומען צו שטעלן זיך אין דערדאָזיקער פּאָזיציע. אָבער דאָס מאָל האָט ער איינגיכן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ ראָלע מאַכט אים נאָך ווייניקער מערקווירדיק אין לידיעס אויגן. באַטראַכטנדיק זיך אין שפּיגל האָט ער געזעען, אַז אַ לירישע, טרויעריקע מינע מאַכט זיין פּנים אומבאַדייטנד. ער איז בכלל נישט צופרידן געווען פון זיין פּנים, איינגעפינענדיק זיינע שטריכן פאַר צו דראָבנע, וועלכע שפּיגלען נישט אָפּ די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון זיין נשמה. די קורצזיכטיקייט האָט אים גענייט צו פאַרזשמורען זיך, די שוואַרצאַפּלען האָבן דורך די בריל-גלעזלעך אויסגעזען נישט אָנגענעם ברייט. ס'איז אים נישט געפעלן די נאָז, אַ גלייכע און דאַרע, זי איז געווען נישט גענוג גרויס, די ליפּן — דינע, די גאָמבע — אַ צו שפּיציקע, די וואָנסעס זענען געוואַקסן אין צוויי העלע בינטעלעך בלויז אין די ווינקלען פון די ליפּן. ווען ער האָט זיך געכמורעט, צונויפגעצויגן די נישט געדיכטע ברעמען, פלעגט דאָס פּנים ווערן אינטערעסאַנטער און קלוגער. פון דער לירישער מינע האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן.

ער האָט גענומען לייענען לערמאָנטאָוון, די שטאַרקע עצבות פון דידאָזיקע פּער־זן האָט אים אויסגעזען נוצלעך, ער פלעגט אַלץ אָפּטער ציטירן די צומיינסטן גאַליקע שורות פון דעם מרה־שחורהדיקן דיכטער.

ער האָט אויך געפּרווט צו רעדן מיט לידיען ווי מיט אַ מיידעלע, וואָס אירע טעותים זענען אים פאַרשטענדלעך, הגם ער האַלט זיי אַפילו פאַר אַ ביסל קאָמישע. אין דער מוטערס און וואַראַוועקעס אָנוועזנהייט פלעגט זיך אים איינגעבן אויסצוהאַלטן דעמדאָזיקן טאָן, אָבער פאַרבלייבנדיק מיט איר, פלעגט ער אים גלייך אָנווערן.

לידיאַ האָט געהאַלטן בײַ אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע, אָבער זי האָט זיך געגרייט נישט געאיילט, אָן חשק. הערנדיק די שמועסן פון וואַראַוועקען מיט קלימס מוטער, פלעגט זי זיי באַטראַכטן פּונקט ווי נישט קיין באַקאַנטע מענטשן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און, הפּנים, נישט איינשטימענדיק מיט דעם, וואָס זי הערט, האָט

זי אַלעמאָל אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ אין דעם שייטל געקרייזל־טע האָר.

מאַקאַראָוו איז געזונט געוואָרן, תּיכּף אַוועקגעפאָרן אין אוניווערזיטעט אַריין; ער האָט דאָס געטון אויפפאַלנד איילִיק; גע־זעגנענדיק זיך מיט קלימען, האָט ער שטאַרק אַ דריק געטון זיין האַנט, נאָר געזאָגט בלויז צוויי ווערטער:

— אַ דאַנק, ברודער.

נאָך זיין אַוועקפאָר האָט זיך סאַמגינען אויסגעוויזן, אַז לי־דיאַ האָט נאָך קענטיקער אָנגעהויבן אויסמיידן צו באַגעגענען זיך מיט אים אויג אויף אויג. אין אירע אויגן איז פאַרגליווערט גע־וואָרן עפּעס אַ פרומע עצבות און בייזקייט, אָבער ס'האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי איז איצט מער קינד, ווי זי איז געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק. קלים האָט באַמערקט, אַז מיט דער מוטער האָט זי אָנגעהויבן רעדן נישט אַזוי טרוקן און פרעמד, ווי פריער, און די מוטער איז דעסגלייכן ווייכער מיט איר. ס'איז געווען עפּעס באַ־אומרויִקנדיקס אין דעם, וואָס זי קומט טיילמאָל אין דער מוטערס צימער אַריין און זיי זיצן דאָרט, שטיל רעדנדיק, אַרום האַלבער נאַכט, נאָך אַ לאַנגווייליקן שפּילן מיט דער מוטער און וואַראַווקען אין פּרעפעראַנס, איז קלים אַוועק צו זיך, נאָר אין עטלעכע מי־נוט אַרום איז אַריינגעקומען די מוטער שוין אין לילע שלאַפראָק, אין נאַכט־לאַטשן, זי האָט זיך געזעצט אויף דער קאָזעטקע און פאַרזאָרגט אָנגעהויבן רעדן, שפּילנדיק זיך מיט די טראָלבן פון גאַרטל.

— אין משך פון זומער האָסטו עפּעס אַזוי ווי אָפּגעבלאַקירט, ביסט געוואָרן פלעגמאַטיש און בכלל נישט ענלעך צו זיך.

ער האָט געשוויגן, ציפּנדיק די בינטעלעך פון די וואָנסעס, אָנשטויסנדיק זיך, אַז דאָס איז אַ הקדמה צו אַן ערנסטן שמועס און — ער האָט זיך נישט טועה געווען. מיט אַ כמעט גראָבער פּשוטקייט האָט די מוטער, קוקנדיק אויף אים ווי תּמיד מיט רויִקע אויגן, געזאָגט, אַז זי זעט זיין עקזאַלטאַציע מיט לידיען. פילנדיק, אַז ער איז געדיכט רויט געוואָרן, האָט קלים געפרעגט, אַ שמייכל געבנדיק:

— דו ביסט זיך נישט מועה?

אזוי ווי נישט דערהערנדיק זיין פראגע, האָט זי לערעריש פאַרגעזעצט:

— ליבע אין דיין עלטער, דאָס איז נאָך נישט קיין ליבע, חעלכע... דאָס איז נאָך נישט קיין ליבע, ניין;

זי האָט געשוויגן עטלעכע סעקונדעס און אַ זיפץ געטון.

— איך האָב חתונה געהאַט מיטן פאָטער, ווען איך בין אַלט געווען אכצען יאָר און אין צוויי יאָר אַרום האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז — אַ טעות.

זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, משמעות, האָבנדיק געזאָגט נישט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, און קלים, פאַרלוירן כאַפּנדיק די באַזונדערע פראַזן, האָט זיך באמת צו פאַרשטיין: מיט וואָס צערודערן אים דער מוטערס ווערטער!

— מיין באַציִונג צום פאָטער — האָט ער געהערט, איבערלייגנדיק זיך מיט וואָסערע ווערטער צו דערמאָנען זי, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. און פּלוצלינג האָט ער געזאָגט, ביטולדיק, אַנכמורענדיק זיך:

— איך באַצי זיך צו לידיען פריינדלעך און, נאַטירלעך, שרעקט מיך אַביסל איר געשיכטע מיט מאַקאַראָוון, אַ מענטש, וואָס איז זי געוויס נישט ווערט. ס'קאָן זיין, איך האָב גערעדט מיט איר אַ ביסל הייס, נישט איינגעהאַלטן. איך מיין, אַז דאָס איז אַלץ, און דאָס איבעריקע — איז פון דער פאַנטאַזיע.

אזוי רעדנדיק, איז ער זיכער געווען, אַז ער זאָגט נישט קיין ליגנט און געפונען, אַז ער רעדט גוט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען דאַרף צוגעבן נאָך עפּעס וואָגיקס, ער האָט געזאָגט:

— דו ווייסט: ס'עקזיסטירט בלויז דער מענטש, אַלדאָס איבעריקע אָבער — איז פון זיין פאַנטאַזיע. דאָס האָט, דאַכט זיך, פּראָטאַגאָר...

עטוואָס צומרוזשענדיק די אויגן, האָט די מוטער זיך אָפּגערופן;

— דאָס איז נישט אינגאַנצן אַזוי, נאָר זייער קלוג. דו האָסט אַ הערלעכן זכרון. און, נאַטירלעך, ביסטו גערעכט: מיידלעך פאַרלויפן שטענדיק אַ ביסל פאָרויס, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס אומפאַרמיידלעכע. דו האָסט מיך באַרויקט. איך און טימאָפּעי האַלטן אַזוי טייער די באַציונגען, וועלכע האָבן זיך געשאַפן און ווערן אַלץ שטאַרקער צווישן אונז...

קלים האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, זייענדיק אין פאַרלעגנהייט פון דער מוטערס אָפנהאַרציקן עגאָיזם, פאַרשטייענדיק, אַז אין דערדאָזיקער מינוט איז זי בלויז אַ פרוי, באַאומרויקט פון דער מורא פאַר איר גליק.

ער האָט געפרעגט:

— מיר דאַכט זיך, דו ביסט געווען בעסער מיט לידיען?

מיין מיינונג ווייסטו, זי קאָן נישט געענדערט ווערן, — האָט געענטפערט די מוטער, אויפשטייענדיק און אַ קוש געבנדיק אים. — שלאָף!

זי איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַן אויפרייצנדיקן ריח פון שטאַרקע פאַרפומען און אַ לייכטן שמייכל אויף דעם זונס ליפּן.

די שמועסן מיט איר האָבן תּמיד פעסטער געמאַכט קלימען אין זיך אַליין, זיי האָבן פעסט געמאַכט נישט אַזוי פיל מיט די ווערטער, ווי מיט איר אומוואַקלהאַפטן זיכערן טאָן. ווען ער האָט זי געהערט, האָט ער געפונען, אַז אַלץ איז, אין תּוך גענומען, זייער פּשוט און מען קאָן לעבן לייכט, באַקוועם. די מוטער לעבט בלויז מיט זיך און — לעבט נישט שלעכט. זי טראַכט גאָרנישט אויס.

ס'פאַרשטייט זיך, אַ ביסל איז נייטיק אויסצוטראַכטן, כּדי צוצוגעבן זאַלץ דעם לעבן, ווען עס איז צו ווייניק געזאַלצן, פאַרזיסן עס, ווען עס איז ביטער. אָבער מען דאַרף געפינען די גענויע מאָס. און ס'זענען פאַראַנען געפילן, וואָס צו צעבלאָזן זיי — איז געפערלעך. אַזוי איז, נאַטירלעך, די ליבע צו אַ פרוי, וואָס ווערט צעבלאָזן ביז שלימזלדיק שיסן זיך פון אַ געמיינעם

דעוואָלוּוער. ס'איז באַוואוּסט, אַז ליבע איז — אַן אינסטינקט, אַקוראַט ווי הונגער, נאָר ווער דערהרגעט זיך עס פון הונגער אָדער פון דורשט אָדער דערפאַר, וואָס מען האָט נישט קיין הויזן?

אין מינוטן פון אַזעלכע טראַכטונגען ביחידות מיט זיך אַליין, האָט קלים זיך געפילט אַלס קלוגער, שטאַרקער און אייגנאַרטיקער פון אַלע אים באַקאַנטע מענטשן. און אין אים איז ביסלעכווייז געבוירן געוואָרן צו זיי אַ ביטולדיקע באַציונג, וואָס איז נישט פרעמד געווען דער שמייכלענדיקער איראָניע, פון וועלכער ער האָט, פאַרבאָרגענערהייט, הנאה געהאַט. אפילו וואַראַווקאַ האָט שוין צייטנווייז אַרויסגערופן בײַ אים דאָסדאָזיקע נייע געפיל, כאָטש ער איז טאַקע אַ טיכטיקער מענטש, אָבער פאָרט אַ ביסל אַ משונהדיקער פלאַפלער.

קלים האָט ענדלעך באַקומען מאַטורע און זיך געגרייט צו פאָרן קיין פעטערבורג, ווען ער האָט אויף זיין וועג זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף מאַרגאַריטען. אין אַ נעפלדיקן אָוונט איז ער געגאַנגען צו טאָמילינען זיך געזעגענען און פלוצלינג איז פונם גאַניק פון אַ סוחרס אַ הויז אַראָפּגעגאַנגען אויפן פאַנעל אַ פרוי, — ער האָט גלייך דערקענט אין איר מאַרגאַריטען. די באַגעגעניש האָט אים נישט פאַרוואונדערט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געדאַרפט טרעפן די בייטאָרין, ער האָט געוואַרט אויף דערדאָזיקער צופעליקער באַגעגעניש, אָבער זיין פרייד האָט ער, נאַטירלעך, פאַרבאָרגן.

זיי האָבן פאָרזיכטיק זיך איבערגעוואָרפן מיט אומבאַדייטנדע פראַזן. מאַרגאַריטאַ האָט אים דערמאַנט, אַז ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר נישט העפלעך. זיי זענען געגאַנגען לאַנגזאַם, זי האָט געקוקט אויף אים זייטיק, אָנגעבלאָזן די ליפּן, אָנגעברוגזט; ער האָט זיך באַמיט צו רעדן מיט איר גוטמוטיק, ליבלעך אַריינגעקוקט איר אין די אויגן אַריין און געטראַכט: ווי אַזוי איר געבן צו פאַרשטיין, אַז זי זאָל אים איינלאַדן צו זיך?

ס'האָט אים געצויגן צו איר אי דער באַגער נאָך אַ מאָל איבערצולעבן אירע צערטלענישן אי אַ געוויסע, פלוצלינג אויפגע-

פלאַקערטע וויכטיקע אידעע. ווען ער האָט מיטפּילנד זי אַ פרעג־נעטון וועגן דראַגאָון, האָט זי געענטפערט:

— ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן, ער האָט לחלוטין נישט צו־געגנבט דאָס ביכל.

און רויק, קורץ דערציילט:

— ער האָט אַליין זיך געשעמט צו זאַמלען געלט און פלעגט אַריינצולייגן אין שפּאַר־קאַסע אויף מיין ביכל. און ווען מיר האָבן זיך צעקריגט...

— איבער וואָס?

— נו איבער וואָס קריגן זיך מאַנסבילן מיט פרויען? איבער מאַנסבילן, איבער פרויען, גאַטירלעך. האָט ער אָנגעהויבן פאַר־לאַנגען פון מיר זיין געלט, און איך האָב מיר געמאַכט אַ קאַטאַ־וועס, נישט אָפּגעגעבן. דעמאָלט האָט ער אַרויסגעלקחנט דאָס ביכל און איך האָב געמוזט אָנגעבן וועגן דעם אין געריכט. דאַן האָט וואַנקאַ מיר אָפּגעגעבן דאָס ביכל; דאָס איז עס אינגאַנצן.

אין ראַג פון אַ פינצטער געסל, פאַרשטיקט פון נעפּל, האָט זי פאָרגעלייגט:

— וועסט אַריינגיין? איך וואוין אין אַ נייער דירה. וועלן מיר טרינקען טיי.

אין דעם ענגן צימערל, וועלכעס האָט זיך מיט גאָרנישט אונ־טערגעשיידט פון דעם פרידערדיקן, וואָס איז קלימען באַקאַנט גע־ווען, האָט ער פאַרברענגט באַ איר פיר שעה. געקוקט האָט זי אַזוי ווי הייסער, הונגעריקער, ווי פריער, אָבער אירע צערטלעכישן האָבן נישט געקאָנט פאַרשפּורן קלימען אַזוי פיל, אַז ער זאָל פאַר־געסן וועגן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט געוואויר ווערן, און אויס־נוצנדיק דעם מאָמענט פון איר מידקייט, האָט ער צוגייענדיק פונ־דערווייטנס צום געוואונטשן, זי אַ פרעג געטון מכוח דעם, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט אינטערעסירט:

— ווי אַזוי האָסטו געלעבט?

די פראַגע האָט זי פאַרוואונדערט.

— כ'האָב געלעבט, ווי אַלע.

אָבער קלים האָט עקשנותדיק אויסגעפרעגט, דעמאָלט האָט

זי זיך אַ ביסעלע אָפּגערוקט פֿון אים און, אַ גענעץ טוענדיק, פֿאַר־דעקנדיק מיט דער האַנט דאָס מויל, געזאָגט:

— כ'האָב געלעבט ווי אַלע מיידלעך, און אָנהייב האָב איך גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, דערנאָך האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אייך, מאַנסלייט, ליב האָבן, מילא האָב איך ליב געקריגן איינעם, ער האָט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן, אָבער — זיך מישב געווען.

ארויסגעזאָגט דאָס רויק און אָן רוגזא, האָט זי צוגעמאַכט די אויגן, און קלים האָט, גלעטנדיק איר באַק, דעם האַלז און די פּלייצע, געשטעלט זייער ליבלעך זיין הויפּט־שאלה:

— און ווי אַזוי ביסטו געוואָרן אַ פֿרוי?

— אויפֿן זעלבן שטייגער, ווי אַלע, — האָט די פֿרוי גע־ענטפֿערט, אַ ריר געבנדיק מיט דער פּלייצע און נישט עפֿנענדיק די אויגן.

— דו האָסט מורא געהאַט?

— פֿאַרוואָס?

— דאָס ערשטע מאָל... די ערשטע נאַכט?

אַ קלער געבנדיק, אַזוי ווי דערמאָנענדיק זיך, האָט מאַרגאַ־ריטאַ אָפּגעלעקט די ליפּן.

— ז'אָס איז געווען באַטאָג, נישט באַנאַכט; אין טאָג פֿון „אַלע הייליקע", אויפֿן בית־עולם.

אויפֿעפֿנענדיק די אויגן, האָט זי גענומען אַראָפּ־אַרפן די האָר, וועלכע האָבן באַשאָטן אירע אויערן, די באַקן. אין אירע זשעסטן האָט קלים באַמערקט אַ משונהדיקע איילעניש. זי האָט אים געערגערט, נישט וועלנדיק, אָדער נישט קענענדיק באַקענען אים מיט דער פּראַגע פֿון דער פּראַקטיק, כאָטש קלים האָט זיך נישט זשענירט מיט קיין ווערטער, שטעלנדיק דידאָזיקע פּראַגן.

— גאָר געוויינלעך, — ס'פֿאַרדרייט זיך דער קאָפּ, מילא איז — אַ גוטן טאָג, מיידל.

אַ חוץ דעם האָט זי גאָרנישט געזאָגט וועגן דער טעכניק און גוטווינשנד אָנגעהויבן באַקענען אים מיט דער טעאָריע; כּדי ס'זאָל

באקוועמער זיין צו רעדן, האָט זי זיך אפילו אויפגעזעצט אויפן בעט.

— איך האָב געהערט, אַז דיין חבר האָט זיך געשאָסן מיט אַ פּיסטאָלעט. איבער מיידלעך, איבער „באַבעס" שיסן זיך אַ סך. די „באַבעס" זענען נידערטרעכטיקע, קאַפּריזנע. און ס'איז דאָ באַ זיי אַזאַ מין עקשנות... כ'קאָן נישט זאָגן, אַ וואָסערע. דער מאַנס־ביל קאָן זיין אַ וואוילער און געפעלן, אָבער — נישט דער. נישט דערפאַר איז ער נישט דער, וואָס ער איז אָרעם, אָדער נישט שיין, נאָר ער איז אַ וואוילער, אָבער — נישט דער!

פאַרפלעכטנדיק די האָר אין אַ צאָפּ, האָט זי גערעדט אַלץ מער פאַרטראַכט:

— וועסט גיין חתונה האָבן — קלויב דיר אויס אַ מיידל מיט כאַראַקטער; זיי, וועלכע האָבן כאַראַקטער, זענען נאַריש, זיי זענען — אָנזעעוודיקער, גיבן זיי זיך אַליין אַרויס. אָבער פאַר די שטילינקע, די באַשיידענע — היט זיך, אַזוינע נאַרן־אָפּ אין אַ שעה — צוויי מאָל.

איר פּנים האָט זיך פלוצלינג געענדערט, די אַפּלען פון די אויגן זענען שמעלער געוואָרן, אַזוי ווי באַ אַ קאַץ, אויף די געלב־לעכע וויילעכע לעפצן האָט זיך געלייגט אַ שאָטן פון די וויעס, זי האָט זיך צוגעקוקט צו עפּעס אַזוי־ווי מיט פרעמדע אויגן און נקמהאָפּט דערמאָנענדיק זיך. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז פריער האָט זי גערעדט וועגן פרויען נישט מיט אַזאַ כּעס, נאָר אַזוי ווי וועגן ווייטע קרובהטעס, פון וועלכע זי דערוואַרט נישט גאָרנישט, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס, זיי זענען איר נישט אינטערעסאַנט, האַלבפאַרגעסן דורך איר. און הערנדיק זי, האָט ער נאָכאַמאָל אומ־רויק אַ קלער געטון, אַז אַלע אים באַקאַנטע מענטשן האָבן זיך אַזוי־ווי צוזאַמענגערעדט אין דער שטרעבונג אים איבערצויאָגן, אַלע ווילן זיין קלוגער פון אים, אומבאַגרייפלעכער פאַר אים, זיי כיט־רעווען און באַהאַלטן זיך אין די ווערטער. ס'קען זיין — זיי ווילן טאַקע זיין אומבאַגרייפלעכער, מורא האָבנדיק, אַז קלים סאַמגין וועט זיי שנעל תופס זיין.

און מאַרגאַריטאַ האָט גערעדט:

— מיר גלייבט זיך אפילו נישט, אַז ס'זענען געווען הייליקע פרויען, ס'זענען זיכער אַלטע מיידן — די הייליקע, און, אפשר, אומגעריירטע בתולות.

הערנדיק דורך זיינע מחשבות מאַרגאַריטעס פּלוידעריי, האָט קלים זיך נאָך געריכט, אַז זי וועט אים זאָגן, מיט וואָס האָט ביי־געקומען די מורא פון איר, דעם מיידל, איר ערשטער געליבטער? גאָר מאָדנע, מחוץ און פאַרביי אים האָט אויפגעשימערט דער געדאַנק: אין די ווערטער פון דעמדאָזיקן מיידל איז פאַרהאַן עפּעס געמיינזאַמס מיט די האַפערדיקע רייד פון וואַראַווקען און אפילו מיט די פּקחדיקע שפּרוכן פון טאָמילינען.

מיד ווערנדיק, ענדלעך, צו הערן זי, האָט קלים לאַנגווייליק אַ זאָג געטון:

— דו ביסט היינט אין אַ פילאָזאָפישער שטימונג:

מאַרגאַריטאַ האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— אין וואָס?

און ווען ער האָט אויסגעטייטשט זיינע ווערטער, האָט זי געזאָגט:

— אוי, און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט דערזען בלוט, ס'דאַרף שוין באַ מיר היינט זיין בלוט...

אַ ציטער געבנדיק פון עקל, איז קלים אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. די פּשטות פון דעמדאָזיקן מיידל האָט ער אויך פריער פון צייט צו צייט אויפגענומען אַלס אומבאַשהדיקייט און נישט ריינלעכקייט, אָבער ער פלעגט שליסן שלום דערמיט. אַצינד אָבער איז ער אַוועקגעגאַנגען פון מאַרגאַריטען מיט אַ געפיל פון שאַרפער אומפריינדלעכקייט צו איר און טאַדלענדיק זיך פאַר דעמדאָזיקן אומנוצלעכן פאַר אים וויזיט. ער איז געווען צופרידן, וואָס צומאָרגנס וועט ער אוועקפאָרן קיין פּעטערבורג. וואַראַווקאַ האָט אים איינגערעדט אַריינצוטרעטן אין „אינזשעניערן־אינסטיטוט" און געטון אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק געווען, אַז מען זאָל קלימען אָננעמען.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלט פייכטע, אַ שוואַרצע; די פייערן פון די לאַמטערן האָבן געברענט פויל און טרויעריק, אַזוי־ווי אָנווערנדיק די האָפנונג בייצוקומען די געדיכטקייט פון דער קלע־

פּיקער פּינצטערניש. קלימען איז געווען שווער אויפן האַרץ און ס'האָט זיך אים ווען גאָרנישט געטראַכט. אָבער פּלוצלינג האָט אויפסניי אויפגעשימערט און אים באַלעבט דער געדאַנק וועגן דעם, אַז צווישן וואַראָוקען, טאָמילינען און מאַרגאַריטען פּילט זיך עפּעס קרובישס, זיי אַלע לעבן, וואָרענען, שרעקן, און אונטער דער כּלומרשטער דרייסטקייט פון זייערע ווערטער באַהאַלט זיך אַזױוױ אַ מורא. פאַרוואָס? פאַר וועמען? צי נישט פאַר אים, דעם מענטש, וועלכער גייט איינער אַליין און אָן מורא אין דער נאַכטיקער פּינצטערניש?

3. קאַפּיטל

וועגן פּעטערבורג האָט באַ קלים סאַמגינען אומבאַמערקט זיך צונויפגעלייגט די זייער באַטירלעכע פאַר אַ פּראָווינציאַל אומפּריינדלעכע און אפילו עטוואָס פיינדלעכע פאָרשטעלונג: דאָס איז אַ שטאָט — נישט ענלעך צו די רוסישע שטעט, אַ שטאָט פון האַרטע, נישט צוטרויליכע און זייער דורכדרינגלעכע מענטשן; דער דאָזיקער קאָפּ פון רוסלאַנדס ריזיקן קערפּער איז אָנגעפּולט מיט קאַלטע און בייזע געהירן. באַנאַכט, אין וואַגאָן, איז קלימען געקומען אויפן רעיון גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי.

ער איז געקומען צו פאָרן אין דער רעזידענץ מיטן באַשלוס צו האַלטן זיך מיט מענטשן פאָרזיכטיק; ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן באַלד אָנהייבן פאָרשן, שטודירן אים, אָנשטעקן מיט זייערע גלויבונגען.

אַ געדיכטער נעפּל האָט איינגעהילט די שטאָט און כאָטש ס'איז נישט געווען מער ווי דריי נאָכמיטאָג, האָבן דעם ניעווסקי פּראָספּעקט זיך באַמיט צו באַלייכטן בונטפאַרביקע לאַמטערן-פּענכערס, ענלעכע צו גיגאַנטישע העליאָליטן. אַ קלעפּיקע פייכטקייט האָט געגעצט די הויט פון פּנים, די נאָזלעכער האָט געצוויקט אַ

ביטערלעכער ריח פון רויך. קלים האָט אָנגעבויגן דעם האַלז, אונטערגעהויבן די אַקסלען, וואַרפנדיק בליקן אויף רעכטס און אויף לינקס אין די נאַסע שויבן פון די מאַגאַזינען, באַלויכטענע אינעווייניק אַזוי העל, אַזוי ווי מען וואָלט אין זיי געהאַנדלט מיט זונען-שטראַלן פון זומערדיקע טעג. נישט נאַטירלעך איז געווען דער געשטיקטער גערויש פון דער שטאָט, צו ווייך און טעמפּ די קלעפּ פון די פערדישע קאָפּיטעס איבער דעם הילצערנעם ברוק, דער שאָרך פון די גומענע און אייזערנע רייפן אויף די רעדער האָט זיך כמעט נישט אונטערגעשיידט לויטן קלאַנג. די שטימען פון די מענטשן האָבן אויך געקלונגען טויב און איינאַרטיק, ס'איז געווען מאָדנע נישט צו הערן דאָס קלינגען פון די פּאַדקאָוועס איבער די קיזלשטיינער, דאָס קנאַקערײַ און קלאַפּערײַ פון די דראָזשקעס, די הילכיקע געשרייען פון די גאַסן-פּאַרקויפער. און נישטאָ קיין גלאָקן-געקלאַנג.

איבער די פּאַנעלן, אויסגעשמירטע מיט שיטערער בלאָטע, זענען די מענטשן געגאַנגען צו פיל אײַליק און זענען געווען אומנאַטירלעך איינפאַרביק. די געמויערטע און דעסגלייכן איינפאַרביקע, גרויע הייזער, נישט אָפּגעטיילטע מיט קיין פּאַרקנס, ענג צוגעדריקטע איינס צום אַנדערן, זענען פאָרגעקומען פאַרן אויג, ווי איין אומענדלעכע געביידע, איר פּאַרטער, אַ העל באַלויכטענער, איז צוגעפּלאַטשט צו דער ערד און אַריינגעדריקט אין איר, און די שטאָקן, פינצטערע, האָבן זיך דערהויבן אין דער גרויער טריבקייט, הינטער וועלכער קיין הימל האָט זיך נישט געפילט.

צווישן דידאָזיקע הייזער זענען די מענטשן, די פערד, די פּאָליציאַנטן געווען קלענער און אומבאַדייטנדיקער, ווי אין דער פּראָווינץ, זיי זענען געווען שטילער און הכנעהדיקער. עפּעס פּישהאַפטיקס, טויכנדיקס האָט באַמערקט אין זיי קלים, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי אַלע האָבן פּיבערהאַפט געזוכט וויאַזוי וואָס שנעלער אַרויסצוטויכן פון דעם טיפן קאַנאַל, אָנגעפולטן מיט וואַסעריקן שטויב און מיט אַ ריח פון פוילנדיק האָלץ.

אין נישט גרויסע גרופּעס האָבן די מענטשן זיך אָפּגעשטעלט אויף סעקונדעס אונטער די לאַמטערן, ווייזנדיק איינער דעם אַנ-

דערן פון אונטער די קאַפעלושן און שירמען די געלע פלעקן פון זייערע פיזיאָנאָמיעס.

דער שנעלער גאַנג פון די מענטשן האָט אַרויסגערופן בײַ קלימען דעם שווערמוטיקן געדאַנק: די אַלטע הונדערטער און טויזנטער קליינינקע ווילנס, טרעפנדיק זיך און פונאַנדערגייענדיק זיך, לויפן צו זייערע צילן, זיכער — נישטיקע, אָבער קלאָרע פאַר איטלעכן פון זיי — מען האָט געקאָנט אָננעמען, אַז דער ביטערלעכער נעפל — דאָס הייסע עטעמען פון די מענטשן און אַלץ אין שטאָט איז פאַרשוויצט געוואָרן טאַקע פון זייער לויפן. ס'איז אויפגעשוואומען די מורא צו פאַרלירן זיך אין דער מאַסע קליינטשיקע מענטשן און ס'האָט זיך דערמאָנט איינער פון וואַראַוועס אומצײלבאַרע אַפאָריזמען, — דער דראָענדיקער אַפאָריזם:

— דער רוב מענטשן איז מחויב הכנעהדיק זיך אונטערצוּוואַרפן זיין גורל, — צו זיין אַ רוי מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע. זיי דאַרפן נישט, פונקט ווי פאַקאַלעס, צו קלערן וועגן דעם, פון וואָסער גרעב און שטאַרקייט מען וועט צונויפדרייען פון זיי אַ שטריק און צו וואָסער ציל ער איז נייטיק.

— בחינם האָב איך נאָכגעגעבן דער מאַמעס און וואַראַוועס פאַרלאַנגען, איך בין בחינם געפאָרן אין דערדאָזיקער זיך שטיקנדיקער שטאָט, — האָט אַ קלער געטון קלים מיט אויפרעגונג אויף זיך. — אפשר איז אין דער מאַמעס עצות פאַרבאָרגן דער פאַרלאַנג נישט צו לאָזן מיך וואוינען אין איין שטאָט מיט לידיען? אויב אַזוי — איז עס נאַריש; זיי האָבן איבערגעגעבן לידיען אין מאַקאַראָווס הענט.

צו טראַכטן האָבן געשטערט די אָנגעשטרענגט ציטערנדיקע און אַזוי ווי גרייטע צום אויפרייסן אָפּאַלן־פענכערס אַרום די לאַמטערן. זיי האָבן זיך געשאַפן פון די דראָבנע נעפל־שטויבעלעך, וועלכע אָן אויפהער אַריינרייסנדיק זיך אין זייער ספערע, זענען אויך אַזוי אָן אויפהער אַרויסגעשפרונגען פון איר, נישט פאַרגרעסערנדיק און נישט פאַרקלענערנדיק דעם אומפאַנג פון דער ספערע. דערדאָזיקער מאָדנער שפּיל פון דעם בונטפאַרביקן שטויב איז

געווען כמעט אומדערטרעגלעך פאַרן אויג און האָט געוועקט דעם פאַרלאַנג צו פאַרגלייכן אים מיט עפּעס, צו פאַרלעשן אים מיט ווערטער און נישט באַמערקן אים מער.

קלים האָט אַראָפּגענומען די פּאַרשוויצטע ברילן, דעמאָלט זענען די ריזיקע באַלעמס פון שיטערן אַפּאָל געוואָרן עטוואָס פאַרב־לאָזער, פאַרשטייפּטער, אָבער געוואָרן נאָך מער אומאָנגענעם, און דאָס פייער, טונקלער ווערנדיק, איז אַוועקגעגאַנגען טיפער אין זייערע צענטערן. דער אויסגעדראָשענער פאַרגלייך וואַראָווקעס: די שטאָט — אַ בינשטאָק, האָט נישט געטויגט. מער געלונגען האָבן זיך געלאָשן דידאַזיקע געשפּענסטלעכע פייערן מיט די ווערטער פון דעם גרויסקעפּיקן פּאַרפאַסער פון פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביכלעך; איינמאָל האָט ער אין אָפּיצינע באַ קאַטינען פלאַמענדיק דערוויזן, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק און דער ווילן זענען — עלעקטראָ־כעמישע דערשיינונגען און אַז די קאָנצענטראַציע פון ווילנס אַרום אַן אידעע קאָן באַשאַפן וואונדער, טאָקע דורך אַזאַ קאָנצענטראַציע דאַרף מען דערקלערן די צומיינסטע דינאַמישע עפּאָכעס, די קרייץ־צוגן, דעם רענעסאַנס, די גרויסע רעוואָלוציע און ענלעכע אויסברוכן פון ווילנס־ענערגיע.

אויף סענאַטסקע פּלאַץ האָבן אויך אַזעלכע אַפּאַלן־פּענכערס באַלויכטן די טונקעלע, אייל־גלאַנציקע פיגור פון דעם ברויזנדיקן קייסער, מיט דער בראָנזענער האַנט האָט דער קייסער אָנגעוויזן אויף מערב, נאָך דעם ברייטן טייך; איבערן טייך איז דער נעפּל געווען נאָך מער געדיכט און קעלטער. קלים האָט זיך דערפילט פאַרפּליכטעט צו דערמאָנען די פערזן פון „קופּערנעם רייטער", אָבער ער האָט זיך דערמאָנט פון „פּאָלטאַווע":

„און מיט דראָענדן רוף פון דער האַנט
האָט ער די פּולקן אויף די שוועדן אַרויסגעפּירט".

דערנאָך האָט דער זכרון איבער עפּעס אונטערגעזאָגט געטעס באַלאַדע „דער וואַלד־קייסער".

„ווער איילט עס אין דער נאַכט אויפן ווינט;
דאָס רייט אַ פאָטער מיט זיין קינד"...

דעם פערדס פּאַדקאָוועס האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַלץ פון דער בריק איבער דעם שוואַרצן, אומרויִקן טייך. דערנאָך האָט דער פורמאַן אָפּגעשטעלט דאָס צעלאָזענע פערד פאַר עפּעס אַ הויז אין איינער פון די ליניעס פון וואַסיליעווסקי אָסטראָוו און אַ בעט געטון מיט אַ שטרענג קול:

— איר דאַרפט דערלייגן, פּריץ־לעב!

— פאַרוואָס זשע פּריץ־לעב? — האָט אַ קלאָר געטון קלים און נישט דערלייגט דעם פורמאַן.

אַן אַלטיטשקער שווייצער מיט כינעזישע וואָנסעס, מיט מעדאַלן אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט, אין אַ שוואַרץ היטעלע אויף דעם גלאַטן שאַרבן, האָט געשעפּטשעט אַ זאָג געטון:

— דער פּרעמיראָוואַס דירה — צווייטער שטאָק, פיר.

און אַ ריר געבנדיק מיט די רויטע אויערן, האָט ער אַריינגעשטופּט דעם פינגער ערגעץ וואו אין אַ ווינקל, און איבער די שטיינערנע טרעפּ, אָפּגעפאַרבט אויף רויט, פאַרשפּרייטע מיט אַ גרויען, רויט געשלאַקטן טעפּיך, איז גרינג אַראָפּגעפלויגן אַ קליין דינסטמיידל אין אַ ווייס פאַרטוך. די טרעפּ האָבן דערמאָנט קלימען די גימנאַזיע, און דאָס דינסטמיידל — אַ פאָרצעלייענע פּאַסטוכין.

מיט אַ לייכטער שטימע האָט זי אַ זאָג געטון:

— אייער צימער איז רעכטס פון קאָרידאָר, די ערשטע טיר, אייער ברודערס צימער איז רעכטס — אין ווינקל.

— דעם ברודערס? — האָט פאַרגאַפּט אַ פרעג געטון קלים.

— דמיטרי איוואַניטשעס, — האָט געזאָגט אַזוי ווי אַנטשולדיקנדיק זיך דאָס דינסטמיידל, כאַפּנדיק אין די הענט אַריין צוויי וואַליזקעס און אויסציִענדיק זיך צווישן זיי. — איר זענט דאָך הער סאַמגין?

— יאָ, — האָט שווערמוטיק געענטפערט קלים, טראַכטנדיק:

פאַרוואָס זשע האָט די מוטער נישט געזאָגט, אַז ער וועט וואוינען אין איין דירה מיטן ברודער?

בישט אַריינגייענדיק אין זיין צימער אַריין, האָט ער בייז און אַרויספאָדערנדיק אָנגעקלאַפּט אין דמיטריס טיר, פון יענער זייט טיר האָט מען פריילעך אַ געשריי געטון:

— ביטע!

דמיטרי איז געלעגן אויף אַ קויקע, זיין לינקער האַנט איז אונטן באַם טריט געווען פאַרבאַנדאַזשירט; אין די בלויע הויזן און אין אויסגעבייטן העמד איז ער ענלעך געווען צו אַן אַקטיאָר פון אַן אוקראַאינישער טרופּע. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אָן געלעגער, ער האָט זיך געקרומט און געמורמלט:

— דאָס... דאָס איז קלים? דו?

און אויסשטרעקנדיק דעם ברודער די הענט, האָט ער פריילעך אויסגעשריגן:

— אהאַ, אָט דאָס איז דער סיורפּריז!

סאַמגין האָט געזעען אַן אומבאַקאַנטן; בלויז דמיטריס אויגן האָבן דערמאָנט דאָס בחורל, וואָס ער איז געווען מיט פיר יאָר צוריק, די אויגן האָבן אַלץ נאָך געשמייכלט מיט יענעם שמייכל, וועלכן קלים, איז געוואוינט געווען אָנצורופן ווייבערישער. דמיטריס קיילעכיק און ווייך פּנים איז באַוואַקסן געוואָרן מיט אַ העל בערדל. די לאַנגע האָר האָבן זיך געקרייזלט אין די עקן. ער האָט פריילעך און שנעל דערציילט, אַז ער איז אַריבערגעפאָרן צוהער מיט פינף טעג צוריק, וואָרים ער האָט זיך צעהאַקט דעם פוס און מאַרינאַ האָט אים אַריבערגעפירט.

— זי האָט שוין לאַנג מיך געשראָקן: ריכט זיך אויף אַ סיורפּריז! ווער איז — מאַרינאַ? אַ פּלימעניצע דער פּרעמיראָוואָס. די מומע איז אויך אַ ליבע, אַ ליבעראַלקע; זי איז וואַראַווקעס אַ ווייטע קרובהטע.

דמיטריס הייטערקייט איז פאַרשוואונדן, ווען ער האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דער מוטער, וואַראַווקען, לידיען. קלים האָט געפילט אין מויל אַ ביטערקייט, אין קאָפּ אַ שווערקייט. ס׳איז

געווען פאַרמאַטערנד און לאַנגווייליק צו ענטפערן אויף די דרך־ארצדיק גלייכגילטיקע פראַגעס פון דעם ברודער. דער געלבלעכער נעפל הינטערן פענצטער, אַ פינקטלעך דורכגעליניִרטער דורך די טעלעגראַף־דראָטן, האָט דערמאַנט אָן אַלט נאָטן־פּאַפּיר. דורכן נעפל האָט נישט דייטלעך זיך אַרויסגערוקט אַ טונקל־רויטע וואַנט פון אַ דריישטאָקיק הויז, זי איז געדיכט אַרומגעקלעפּט געווען מיט לאַטעס פון אָן אַ שיעור שילדן.

— נו, און ווי אַזוי איז דער פעטער יאַקאָוו? קראַנק? הם... נישט לאַנג האָט אויף אָן אָוונט אַ געוויסער שרייבער, אַ באַראָדניק, מערקווירדיק דערציילט וועגן אים. אַזאַ מין אויסערגעוויינלעך לעבן. דו ווייסט אַוודאי, אַז ער איז אויפסניי אַרעסטירט אין סאַראַטאָוו?

קלים האָט דאָס נישט געוואוסט, אָבער ער האָט באַשטעטיקנד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— די באַראָדניקעס לאָזן זיך ווידער הערן, — האָט געזאָגט דמיטרי מיט אַזאַ באַגײַסטיקונג, אַז קלימען האָט זיך פאַרגלוסט אַ שמייכל צו טון. ער האָט באַטראַכט דעם ברודער גלייכגילטיק, ווי אַ פרעמדן, און דער ברודער האָט גערעדט וועגן פאָטער, אויך ווי וועגן אַ פרעמדן, נאָר טשעקאַוון מענטש.

— דו וואָלסט אים נישט דערקענט, ער איז אַצינד אַ סאָלידער און פרווט אפילו צו רעדן מיט אַ באַריטאָן. ער פירט עסקים מיט פראַנצויזן, מיט שפּאַניער, פאָרט אַרום איבער אייראָפּע און עסט אָן אַ שיעור. פרילינג איז ער דאָ געווען, און איצט איז ער אין דיזשאָן.

ער איז אַרומגעשפּרונגען איבערן צימער אויף איין פוס, צוהאַלטנדיק זיך בײַ די אָנלענס פון די שטולן, אויפטרייסלענדיק מיט די האָר און די ווייכע דיקע ליפּן זיינע האָבן פריינדלעך געשמייכלט. אַרונטערדרוקנדיק זיך אונטערן אָרעם אַ קוליע, האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלן גיין טרינקען טיי. איבערטון זיך? מען דאַרף נישט, דו ביסט אַזוי אויך שיין אָפּגעלאַקירט.

קלים איז פונדעסטוועגן געגאַנגען אין זיין צימער אַריין,

דער ברודער האָט, צוקלאַפּנדיק מיט דער קוליע, אים באַגלייט און אַלץ געריעדט, מיט אַ פרייד, וואָס איז קלימען אומפאַרשטענדלעך געווען און האָט אים געבּרענגט אין פאַרלעגנהייט.

— נו, גענוג, ביסט באַצויבערנד, לאָמיר גיין!

אין דער וואַרעמער, אָנגענעמער טונקלקייט פון דעם נישט גרויסן צימער איז בּאַם טיש לעבן סאַמאָוואַר געזעסן אַ קליינטשיקע גלאַטיק פּאַרקעמטע אַלטיטשקע אין גאָלדענע ברילן אויף דעם שפּיציקן, ראָזן נעזל; אויסשטרעקנדיק קלימען אַ גרוי, מאַלפּיש לאַפּקעלע, וואָס איז אַרומגעבונדן בּאַ דער דלאָניע מיט אַ רויט שטיקעלע וואָל, האָט זי אַ זאָג געטון נישט דייטלעך, ווי אַ מיידעלע:

— ס פּה׳ייט מיך זייער.

און אַן אָכץ געבנדיק, ווען קלים האָט איר אַ דריק געטון די האַנט, האָט זי דערקלערט, אַז זי האָט רעוומאַטיזם. איילִיק, מיט דראָבנע ווערטער, האָט זי גענומען אויספרעגן וועגן וואַראַוועקען, אָבער ס׳איז אַריינגעקומען אַ הערלעכע פריילין; פּאָכענדיק אויפן פּנים, ווי מיט אַ פעכער, מיטן עק פון דיקן צאָפּ פון גאָלדקאָליר, האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ געדיכטן אַלט:

— מאַרינאַ פּרעמיראָווא.

אַוועקגעזעצט זיך לעבן דמיטרין, האָט זי מיטגעטיילט:

— אויף דער גאַס איז אַ זעלבסטהערשערישע און גרויסע בּלאָטע.

קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז אין צימער איז ענג געוואָרן. מיט אַ שאַרפן זשעסט האָט מאַרינאַ גענומען פון טעלער, פון אונטער זיין נאָז אַפּער, אַ סוכאַר, האָט געדיכט אָנגעשמירט מיט פּוטער, מיט איינגעמאַכטס און גענומען גריזשען, ברייט אויפעפענענדיק דאָס מויל, כּדי נישט איינצושמירן די פולע מאַלינע־ליפּן; אין איר מויל האָבּן דראָענד געבּלישטשעט היפּשע, ענג צוזאַמענגעשטעלטע ציין. זי איז געווען אַזוי צעפּאַרעט רויט, גלייך זי וואָלט געקומען נישט פון גאַס, נאָר פון אַ הייסער וואַנע און איז געווען גוזמאדיק, כמעט נישט נאָרמאַל גרויסגופיק. קלים האָט זיך געפילט געדריקט פון דערדאָזיקער קערפּער־מאַסע, שטייף אַרומגענומען מיט

אַ געלן דזשערסי, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן טאָלסטאָיס „קרייצער־סאָנאַט". אין פינף מינוט האָט זיך קלים זיך דערוואוסט, אַז מאַרינאַ האָט זיך געלערנט אַ גאַנץ יאָר אויף אַקושעריע־קורסן, און אַצינד לערנט זי זיך זינגען, אַז איר פאָטער, אַ באָטאַניקער, איז קאָמאַנדירט געווען אויף די קאַנאַרער אינזלען און דאָרטן געשטאָרבן און אַז ס'איז דאָ זייער אַ קאָמישע אָפּערעטקע „די סודות פון די קאַנאַרער אינזלען", נאָר, צום באַדויערן, שטעלט מען זי נישט.

— ס'זענען דאָרט דאָ קאָמישע גענעראַלן — פּאָטאַקעס, באָמבאַרדאָס...

אָפּרייסנדיק די פראַזע אין דער העלפט, האָט זי געזאָגט דמיטרין:

— ס'וועט היינט קומען קוטוזאָוו און מיט אים דערדאָזיקער...

זי האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויפן סופיט; די אויגן זענען בײַ איר גרויסע, בולטע, פון בורשטין־פאַרב, און דער בליק איז אַ גלייכער און אַ שטויסנדיקער.

— וועסט זען אַ באַקאַנטן, — האָט אַ ווינק טוענדיק, געזאָגט דמיטרי.

— וועמען?

— כ'וועל נישט זאָגן.

איבערן טיש האָבן געשימערט די מאַלפּישע לאָפּקעלעך פון דער אַלטיטשקער, אָן אַ טעות און געשיקט איבעררוקנדיק דאָס געשיר, אָנגיסנדיק טיי, אָן אויפהער האָבן געצוויטשערט אירע אומדייטלעכע ווערטער, — זיי האָט קיינער נישט געהערט; אָנגעטאָן אין טוך פון מויזן־פאַרב, האָט זי דערמיט נאָך מער דערמאָנט אַ מאַלפּע. איבער די קנייטשן פון דעם טונקעלען פנים האָבן זיך שנעל בעגליטשט לייכטע שמייכלעך. קלים האָט געפונען די שמייכלעך פאַר כיטרע, און די אַלטע אַלס נישט נאַטירלעכע. איר רעדן איז דערטרונקען געוואָרן אין דמיטריס גרעבלעכער און נארישער שטימע.

— די ראַסן־אייגנשאַפטן ווערן באַשטימט דורכן בלוט פון

די פרויען, דאָס איז באַוויזן, אַזוי למשל, די אויטאָכטאָנער פון טשילי, באַליוויע...

די פריילין פרעמיראָוואַ איז פלוצלינג בייז געוואָרן:

— וואָס מיינט מען — אויטאָכטאָנער? נאָכוואָס רעדט איר אומפאַרשטענדלעכע ווערטער?

לעבן דער מעכטיקער מאַרינען האָט דמיטרי, וואָס איז אומגעלומפּערט צונויפגעשטעלט געווען פון ברייטע ביינער און שלעכט צוגעריכטעטע צו זיי מוסקולן, אויסגעזען אַ קליינטשיקער, אַ נישט געראָטענער. ער האָט בפירוש געשטראַלט, זיצנדיק אַקסל צו אַקסל מיט מאַרינען, אָבער זי האָט אַלץ באַטראַכט קלימען מיטן אָפּשטויסנדיקן בליק און אין דער טיפקייט פון אירע אַפּלען האָבן זיך געצונדן רויטע פונקען.

— אַ צעבאַלעוועטע און קאַפּריזנע, — האָט באַשלאָסן קלים.

— די מומע איז גערעכט, — האָט מיט אַ זאַפטיקער שטימע, הויך מיט אינטאָנאַציעס פון אַ דאָרפס-מיידל, געזאָגט מאַרינאַ, — די שטאָט — איז אַ פּאַרפולטע, און די מענטשן אין איר זענען טרוקענע. און זענען קאַרג, ציטרין צו טיי שניידט מען אויף צוועלף שטיקלעך.

אויסקלייבנדיק אַ גינסטיקע מינוט, האָט קלים זיך אַ קלאָג געטון אויף דער מידקייט און איז אַוועקגעגאַנגען, דער ברודער האָט אים באַגלייט און צודרינגלעך זיך נאָכגעפרעגט:

— סימפּאַטישע מענטשן, האַ?

— יאָ.

— נו, רו זיך אויס.

בייז אָראָפּוואַרפנדיק די טוזשורקע און די שיך, האָט קלים זיך געלייגט אויף דער קויקע און איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן באַשלוס, אַז ער וועט דאָ נישט פאַרבלייבן. ער וועט וואוינען, אויס העפלעכקייט, אַ וואָך, צוויי און אַריבערפאָרן אין אַן אַנדערער דירה.

אין אַ דריי שעה אַרום האָט דער ברודער אים אויפגעוועקט, געהייסן אים זיך אָפּוואַשן און ווידער אים אַריינגעפירט צו די

פרעמיראָווס. קלים איז געגאַנגען אָן חשק, זאָרגנדיק נאָר וועגן דעם, אַז ער זאָל פאַרבאָרגן זיין דענערווירטקייט. אין עס־צימער איז געווען ענג, ס'האָבן געקלונגען קלאַוויר־אַקאָרדן. מאַרינאַ האָט געשריגן, צוטופּענדיק מיטן פוס:

— „דאָס אָרעמע פערד איז אין פעלד געפאַלן...“

אַ סטודענט פון אוניווערזיטעט, אין אַ לאַנגן סורדוט ווי אַ קאַפּטאַן, אַ גרוי־אויגיקער, מיט אַ פּויערישער, ברייטער באָרד, איז געשטאַנען אינמיטן צימער אַקעגניבער אַן עלעגאַנט געקליידטן אין אַ שוואַרצן אָנצוג שלאַנקן מענטש מיט אַ בלאַס פּנים; האַלטנ־דיק זיך אָן אַנלען פון אַ שטול און וויגנדיק זי, האָט דערדאַזיקער מענטש גערעדט מיט אַקצענטירטער העפלעכקייט, הינטער וועלכער קלים האָט גלייך דערהערט איראָניע.

— איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן קיין פרייען מענטש, אָן דעם רעכט און אָן דעם פאַרלאַנג צו הערשן איבער אַנ־דערע.

— אָבער — צו וואָסער טייוול הערשן, ווען דאָס פּערזענ־לעכע אייגנטום איז פאַרניכטעט? — האָט מיט אַ שיינעם באַריטאָן אויסגעשריגן דער בערדיקער סטודענט און, כאַפּנדיק אַ בליק אויף קלימען, אים אַריינגערוקט אַ ברייטע האַנט, אָנרופנדיק זיך מיט אַ נישט באַהאַלטענעם פאַרדראָס:

— קוטוזאָוו.

און דער מענטש אין שוואַרצן האָט, שמייכלענדיק אַ פרעג געטון:

— איר דערקענט נישט, סאַמגין?

דמיטרי האָט משונהדיק אַרויסגעלאַכט, אויסרופנדיק:

— דאָס איז דאָך טוראָבאָיעוו! ביסט פאַרוואונדערט?

אָבער צו וואונדערן זיך האָט קלים נישט באַוויזן; מאַרינאַ האָט אים אַרומגעדרייט איבערן צימער, שטויסנדיק, ווי אַ יינגל.

— נאָך אַ סאַמגין, אַ שרעקלעך ערנסטער, — האָט זי גע־

זאָגט אַ הויכער דאַמע מיט אַ פּנים פון אַ קאַץ. — זי הייסט יע־ליזאַוועטאַ לוואָוונאַ, און אָט איז איר מאַן.

באַם קלאַוויר, איבערקלייבנדיק די נאָטן, איז געזעסן אַ קליינ־טשיקער, שטאַרק הויכפּלייציקער מענטש אין אַ טשאַלמע געקרייזל־טע האָר, די שוואַרצע האָר האָבן אָפּגעגלאַנצט מיט בלויקייט, און דאָס פּנים איז געווען גרוי מיט ראָזע פלעקן אויף די באַקנ־ביינער.

— ספּיוואַק, — האָט ער טויב געזאָגט. — איר זינגט:

דער נעגאַטיוויער ענטפער האָט אים פאַרוואונדערט, ער האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאַרומערטער נאָז די רויכיקע פענסנע און, צוהויסטנדיק, פינטלענדיק, אַ קוק געגעבן אין קלימס פּנים אַריין מיט אָנגעשוואָלענע אויגן אַזוי, גלייך ער וואָלט געפרעגט ?

— צו וואָס־זשע טויגט איר ?

— קומט, ער פאַרשטייט גאָרנישט אַ חוץ נאָטן.

אויף דער סאָפע איז האַלב געלעגן אַ דאַר מיידל אין אַ טונקל קלייד „אַ רעפאָרמע", וואָס איז ענלעך געווען צו אַ סוטאַנע פון אַ מאָנאַשקע, איבער איר האָט זיך דמיטרי אָנגעבויגן און גע־הורזשעט:

— ערגיליאַ, אַ פריינד פון סערוואַנטעסן, דער מחבר פון דער פּאָעמע „אַראַוקאַנאַ"...

— שוין גענוג שפּאַניער, — האָט אַ געשריי געטון מאַרי־נאַ. — סאַמגין — סעראַפימאַ ניעכאַיעוואַ. אַלץ!

און איבערלאָזנדיק קלימען, איז זי אַוועקגעלאָפן צום קלאַוויר; די ניעכאַיעוואַ, נאָכלעסיק אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, האָט איינ־געקאָרטשעט די דינע פיס און זיי צוגעדעקט מיטן פּאָדל פון קלייד. קלים האָט עס אָנגענומען ווי אַן איינלאַדונג צו זעצן זיך לעבן איר.

ער איז געווען אין כּעס. אים האָט דענערווירט מאַרינעס טומלדיקע באַלעבטקייט און ס'איז איבער עפּעס נישט אָנגענעם געווען די באַגעגעניש מיט טוראָבאָיעוון. ס'איז שווער געווען מודה צו זיין, אַז טאַקע אָט דערדאָזיקער מענטש מיטן בלוטלאָזן פּנים און מיט עפּעס אַזוינע שרייענדיקע אויגן — איז דאָס יינגל, וואָס

איז געשטאַנען פאַר וואַרעוועקען און מיט אַ הילכיקער שטימע גע־רעדט וועגן זיין ליבע צו לידיען. ס'איז אויך נישט אָנגענעם געווען דער בערדיקער סטודענט.

ער און יעליזאַוועטאַ ספּיוואַק האָבן אויפגעזונגען אַ נישט באַקאַנטן פאַר קלימען דועט, דער קליינטשיקער מוזיקאַנט האָט אויסגעצייכנט אַקאָמפּאַנירט. מוזיק האָט תּמיד באַרויקט סאַמגינען, ריכטיקער — זי האָט אים אויסגעליידיקט, פאַרטרייבנדיק אַלע מחשבות און עמפּינדונגען; הערנדיק מוזיק, האָט ער בלויז גע־שפּירט אַ צאַרטן טרויער. די דאַמע האָט געזונגען מיט עקסטאַז, מיט נישט קיין גרויסן, נאָר זייער אויסגעאַרבעטן סאָפּראַן, איר געזיכט האָט אָנגעוואוירן דעם אָנבליק פון אַ קאַצן־פּנים, ס'איז פאַראיידלט געוואָרן מיט טרויער, די שלאַנקע פיגור איז געוואָרן נאָך העכער און דינער. קוטוזאָוו האָט געזונגען מיט זייער אַ שיי־נעם באַריטאָן, לייכט און געניט, באַזונדער רירנד האָבן זיי אָפּגע־זונגען דעם פינאַל:

אַ נאַכט, וואָס שנעלער היל איין
מיט צערטלעכן שלייער דיין,
מיט היילבאַר פאַרגעסונגס־געטראַנק
דעם הארציקן בענקשאַפטס־געדראַנג,
ווי אַ מאַמע איר קינד שטיל איין!

קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז די בענקשאַפט, וועגן וועלכער מען האָט געזונגען, איז אים שוין לאַנג באַקאַנט, אָבער ערשט אַצינד האָט ער זיך דערפילט פול מיט איר ביז דערשטיקט צו ווערן, כמעט ביז טרערן.

אויפהערנדיק צו זינגען, איז די דאַמע צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַרויסגענומען פון דער וואַזע אַן עפּל און פאַרטראַכט אַ גלעט געבנדיק אים מיט דער קליינינקער האַנט, צוריקגע־לייגט.

— איר האָט באַמערקט? — האָט קלימען איינגערוימט זיין שכנטע.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט, אַ קוק טוענדיק אויף איר גלאַטיקן קאָפּ פון אַ קאַווקע און אין דעם קליינטשיקן, ווי באַ אַ קליין מיידל, פויגלשן געזיכט.

— איר האָט באַמערקט, ווי זי האָט — דעם עפּל?

— יאָ, כ׳האָב געזעען.

— סאַראַ גראַציע, נישט אמת?

קלים האָט איינשטימיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אַ קלער געבנדיק:

— אַן אינסטיטוטקע, ווייזט אויס.

אין זכרון איז פאַרבליבן אַ מאָדנער, אַזיוויי בעטנדיקער בליק פון שמאָלע אויגן פון אומבאַשטימטער, גרינלעך־גרויער באַפאַרבונג.

דמיטרי האָט שווער זיך אַ רודער געטון, באַוואָפנענדיק זיך מיט דער קוליע, און געזאָגט מיט אַ רייצנדיקן טאָן:

— און פונדעסטוועגן איז דערדאָזיקער ווערלען אייערער ערגער פון פּאָפּאַנאָוון.

באַם קלאַוויר האָט געקלונגען קוטוזאָווס אָנגענעם קול:

— שוין האַלען האָט געוואוסט, אַז די נעסט פון דער נשמה איז אין די קאָפּ־געהירן...

— צי איר זינגט מיט די קאָפּ־געהירן אַזוי האַרציק? — האָט געפרעגט טוראָבאָיעוו.

— ווי אַזמעטום, — האָט אַ קלער געטון קלים. ס׳איז נישטאָ גאָרנישט, וועגן וואָס מען זאָל נישט דיספּוטירן.

מאַרינאַ האָט אָנגעכאַפּט קוטוזאָוון באַם אַרבל, אים צוגעשלעפּט צום קלאַוויר, דאָרט האָבן זיי אָפּגעזונגען „נישט רייץ מיך“. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דער בערדיקער זינגט מיט צופיל געפיל, דאָס האַרמאָנירט נישט מיט זיין פעסטער פיגור, מיטן פויערלעכן פּנים, ס׳האַרמאָנירט נישט און ס׳איז אפילו אַ ביסל קאָמיש. מאַרינעס שטאַרקע און רייכע שטימע האָט פּאַרטויבט, זי האָט זי שלעכט באַגוועלטיקט, די אויבערשטע טענער האָבן געקלונגען שאַרף, שרייעוודיק. קלים איז געווען זייער צופרידן, ווען קוטו־

זאָו, ענדיקענדיק דעם דועט, האָט אָן צערעמאָניעס איר געזאָגט:

— ניין, פריילין, דאָס איז נישט פאַר אייך געשריבן געוואָרן.

מאַרינאַ און דמיטרי מיט זיין קוליע האָבן פאַרנומען אין צימער מער אָרט פון אַלע. דמיטרי האָט זיך גערוקט נאָך דעם מיידל, ווי אַ באַרקע נאָך אַ דאַמפּער, נאָר אין מאַרינעס אומרויִקן גאַנג איז געווען עפּעס בהלהדיקס, ס׳האָט זיך געפילט אַן איבערפלוס פון פיזישער ענערגיע און דאָס האָט צעטומלט קלימען, וועקנדיק אין אים נישט באַשיידענע און פאַר דעם מיידל נישט שמייכלהאַפטע געדאַנקען. נאָך פונדערווייטנס פלעגט זי אים צווינגען זיך צו ריכטן, אַז זי וועט אַ שטויס טון מיט דעם שטייפן, הויכן בוזים, אָדער וועט פאַרטשעפּען מיט דער היפּט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דעם גוף אירן איז ענג נישט בלויז אין קלייד, נאָר אויך אין צימער. אומפריינדלעך נאָכקוקנדיק איר האָט קלים געקלערט, אַז פון איר שפּירט זיך, מסתמא, אַ ריח פון שווייס, פון קיך, פון באָד. אָט שטופּט זי זיך מיטן בוזעם אויף קוטוזאָוון, בגעשרײַעוודיק און, דאַכט זיך, באַליידיקט:

— נו, יאָ, כ׳טראָג אַ דזשערסי, אָבער כ׳קען נישט ליידן די פּראָפּאַגאַנדעס פון ליעוו טאָלסטאָי.

— אוך, — האָט אויסגערופן קוטוזאָוו און אַזוי שטאַרק פאַרמאַכט די אויגן, אַז דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך זקניש פאַרקרומט.

דעם פּיאַניסטס פּרוי האָט אויך הימלאָז אַרומגעבלאָנזשעט איבערן צימער, פּונקט ווי אַ קאַץ, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל און צופעליק אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער דירה. איר זיך וויגנדיקער גאַנג, דער צעשטרייטער בליק פון די בלוילעכע אויגן, איר מאַגיר זיך צוצושאַרירן צו זאַכן, דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן קלימס אויפמערזאַמקייט, דער שמייכל אויף די שטייף אָנגעצויגענע ליפּן פון דעם שיינעם מויל האָט זיך אויסגעוויזן אַ געניטער, די שווייגזאַמקייט אַ פאַרדעכטיקע.

— אַ כיטרע, — האָט אַ קלער געטון קלים.

די ניעכאַיעוואַ איז געווען נישט אָנגענעם. זי איז געזעסן, צע-

בראָכן איינגעקאָרטשעט. פון איר האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשכורעדיקער ריח פון שטאַרקע פאַרפומען. מען האָט געקענט מיינען, אַז די שאָטנס אין אירע אויגן־לעכער זענען קינסטלעכע, פונקט אַזוי ווי די ראָזקייט אויף די באַקן און די אויסערגעוויינלעכע רויטקייט פון די ליפן. די אַרויפגעקעמטע האָר אויף די אויערן האָבן געמאַכט איר פנים שמאָל און שפּיציק, אָבער סאַמגין האָט שוין נישט געפונען דאָס מיידל אַזוי העסלעך, ווי זי האָט זיך אים אויסגעוויזן פון ערשטן בליק. אירע אויגן האָבן געקוקט אויף די מענטשן טרויעריק און זי האָט אַזוי ווי זיך געפילט ערנסטער פון אַלע אין דעם צימער.

פלוצלינג האָט קלים זיך דערמאַנט, ווי אויפרעגנד מיט אים האָט זיך געזעגנט לידיאַ, אַוועקפאָרנדיק קיין מאָסקווע.

— איך גלייב, אַז דו וועסט זיך אומקערן מיטן פּאַנצער, און נישט אויפן פּאַנצער, — האָט זי געזאָגט צולאַכנדיק מיט אַ נישט גוט געלעכטערל.

ס'איז צוגעקומען דער ברודער, האָט זיך צוגעבויגן צו דער ניעכאַיעוואַ און אין אַ מינוט אַרום האָט קלים דערהערט, ווי זי וואָלט כלומרשט געלייענט אַ יום־טוב־קאַלענדאַר:

— מאַלאַרמע, ראָלינאַ, רענע זשיל, פּעלאַדאַן...

— אויסגעצייכנט האָט זיי אָפּגעפּאַרטיקט מאַקס נאָרדוי, — האָט געזאָגט דמיטרי מיט אַן אויפרייצנדיקן טאָן.

קוטוזאָוו האָט אַ שיפּע געטון, דראָענדיק אים מיטן פינגער, וואָרים ספּיוואַק האָט אָנגעהויבן שפּילן מאָצאַרטן. פּאָרזיכטיק איז צוגעקומען טוראָבאָיעוו און זיך צוגעזעצט אויפן אָנלען פון דער סאָפע, אַ שמייכל געבנדיק צו קלימען. פון דער נאָענט האָט ער אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן, די אויסטערליש ווייסע הויט פון זיין פנים איז אַזוי ווי צופּודירט, אונטער די אויגן זענען בלויע שאָטנס, די ווינקלען פון מויל זענען מיד אַראָפּגעלאָזט. ווען ספּיוואַק האָט געענדיקט דאָס שפּילן, האָט טוראָבאָיעוו געזאָגט:

— איר האָט זיך זייער געענדערט, סאַמגין. איך געדענק אייך אַלס קליינטשיקן פּעדאַנט, וועלכער האָט ליב געהאַט אַלעמען צו לערנען.

קלים האָט פעסט צונויפגעפּרעסט די ציין, צוטראַכטנדיק, וואָס צו ענטפערן דעם מענטש, וואָס אונטער זיין שטאַרן בליק האָט ער זיך געפילט געקוועלט. דמיטרי האָט נישט אויפן אָרט און צו הויך אָנגעהויבן רעדן וועגן קאָנסערוואַטיזם פון דער פּראָווינץ. טוראָבאָיעוו האָט אַ קוק געטון אויף אים, צומרוזשענדיק די אויגן און געזאָגט כּלאחר יד:

— און מיר געפעלט די שטאַנדהאַפטיקייט פון געשמאַקן און מיינונגען.

— דאָס דאַרף איז נאָך שטאַנדהאַפטיקער, — האָט באַמערקט קלים.

— איך געפין נישט. אַז דאָס איז שלעכט, — האָט געזאָגט טוראָבאָיעוו, פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס. — און אָט דאָ זעען אויס אַלע דערשיינונגען און די מענטשן גופא מער ווי וואו ס׳זאָל נישט זיין שנעל־איבערגייענדיקע, איך וואָלט אפילו געזאָגט — מער שטערבלעכע.

— דאָס איז זייער ריכטיק! — האָט איינגעשטימט די ניעכאַיעווא.

טוראָבאָיעוו האָט אַ שמייכל געטון. די ליפּן זענען באַ אים געווען פאַרשידענע, די אונטערשטע באַדייטנד גרעבער פון דער אייבערשטער, די שוואַרצע אויגן זענען שיין געשניטן, אָבער דער בליק זייערער איז נישט אָנגענעם פאַרשידנשפּרעכיק, אומבאַגרייפלעך. סאַמגין האָט באַשלאָסן, אַז דאָס זענען שרייענדיקע אויגן פון אַ מענטש, וואָס איז קראַנק און וואָס איז פאַרזאָרגט פון דעם פאַרלאַנג צו פאַרבאָרגן זיין ווייטיק, און אַז טוראָבאָיעוו איז אַ מענטש, וואָס האָט זיך פריצייטיק אָפּגענוצט. דער ברודער האָט זיך געשפּאַרט מיט דער ניעכאַיעווא וועגן סימבאָליזם, זי האָט אַ ביסל אויפגערעגט אים געמוסרט:

— איר פלאָנטערט צונויף, צום סימבאָליזם דאַרף מען צוגיין פון פּלאַטאָנס אידעען.

— איר געדענקט לידיאַ וואַראַווקאַ? — האָט געפרעגט קלים. — טוראָבאָיעוו האָט געענטפערט נישט באַלד און קוקנדיק אויפן רויך פון זיין פּאַפּיראָס.

— געווים. אזא לעבעדיק ציגאַנקעלע ? וואָס... ווי גייט עס איר ? זי וויל זיין אַן אַקטיאָרקע ? דאָס איז אַן אמתדיקער ווייבע־רישער ענין, — האָט ער פאַרענדיקט, שמייכלענדיק קלימען אין פּנים אַריין, און אַ קוק געטון אין דער זייט פון דער ספּיוואַק ; זי האָט, איינבייגנדיק זיך צו דער קלאַוויאַטור איבערן מאַנס אַקסל, געפרעגט מאַרינען :

— דו הערסט ? מי בעמאָל...

— און דאָס איז — אַלץ ? — האָט אַ קלער געטון קלים, זיך אומקערנדיק צו לידיען. ס׳האָט זיך געוואָלט אַ קלער טון שאַדנפריידיק, אָבער ס׳האָט זיך אַ קלער געטון טרויעריק.

מען האָט אויפסניי אָנגעהויבן זינגען און אויפסניי האָט זיך קלימען נישט געגלייבט, אַז דער בערדיקער מענטש מיטן גראָבן פּנים און מיט די רויטע פויסטן קאָן זינגען מיט אַזאַ קענטניש און אַזוי שיין. מאַרינאַ האָט געזונגען מיט התלהבות, נאָר דעטאַנירנ־דיק, זי האָט ברייט געעפנט דאָס מויל, געכמורעט די גאָלדענע ברעמען, די בערגלעך פון אירע ברוסטן האָבן נישט אָנשטענדיק זיך אָנגעשטרענגט.

ארום האַלבער נאַכט איז קלים אומבאַמערקט אַוועקגעגאַנ־גען צו זיך, ער האָט זיך גלייך אויסגעטון און זיך געלייגט, אַ באַ־טויבטער, אַ מידער. אָבער ער האָט פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר און אין עטלעכע מינוט ארום איז אין צימער אַריינגעקראָכן דמיטרי, האָט זיך צוגעזעצט אויפן בעט און אָנגעהויבן רעדן, גליקלעך שמייכלענדיק :

— דאָס איז בײַ זיי יעדן שבת. דו באַמערק באַזונדער קו־טוזאָוון, דאָס איז אַ מערקווירדיק קלוגער מענטש ! טוראָבאָיעוו איז אויך אַן אָריגינאַל, אָבער אויף אַן אַנדערן שטייגער. ער איז פון דער יורידישער שולע אַוועקגעגאַנגען אין אוניווערזיטעט אַריין, אָבער ער הערט נישט די לעקציעס, טראָגט נישט דעם אוניפאָרם.

— ער טרינקט ?

— ער טרינקט אויך. בכלל לעבן דאָ פיל אין אַן אומרוי־קער שטימונג, אַ גייסטיקער קריזיס ! — האָט דמיטרי פאַרגעזעצט אַלץ מיט פרייד. — און איך בין, דאַכט זיך, ענלעך געוואָרן צו

דראַנאַיון: איך וויל אַלץ וויסן און באַווייז נישט גאָרנישט. כ׳בין אי אַ נאַטור-וויסנשאַפטלער אי אַ פילאָלאָג...

קלים האָט געפרעגט וועגן דער ניעכאַיעווא, כאָטש ער האָט געהאַט בדעה צו פרעגן וועגן דער ספּיוואַק.

— די ניעכאַיעווא? זי איז אַ קאָמישע, איבעריקנס, אויך אַן אינטערעסאַנטע. זי איז צעחושט אויף די פראַנצויזישע דעקאַדענטן. נאָר אָט, די ספּיוואַק, דאָס, ברודער, איז אַ פיגור! זי איז שווער צו פאַרשטיין. טוראָבאָיעוו דרייט זיך אַרום איר און, דאַכט זיך, נישט האָפנונגסלאָז. נאָר איבעריקנס, איך ווייס נישט...

— איך וויל שלאָפן, — האָט נישט העפלעך געזאָגט קלים, און ווען דער ברודער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אַליין דער-מאָנט:

— שוין מאָרגן וועל איך אָנהייבן זוכן אַן אַנדערע דירה.

אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען, פון אינדערפרי אָן איז ער אַריינגעפאַלן אין מאַרינעס פעסטע הענט.

— נו, לאָמיר גיין אָנקוקן די שטאָט, — האָט זי גיכער באַ-פוילן ווי פאָרגעלייגט. קלים האָט געהאַלטן פאַר נישט העפלעך זיך אָפּצוזאָגן און אַ דריי שעה איז ער געגאַנגען מיט איר אין געפּל, איבער די גליטשיקע פאַנעלן, אויסגעשמירטע מיט עפּעס אַ באַזונ-דער עקלדיקער בלאָטע, אַ נישט ענלעכע צו דער פעטער בלאָטע פון דער פּראָווינץ. מאַרינאַ האָט האַסטיק און פעסט, ווי אַ סאָל-דאַט, אויסגעקלאַפּט דעם טריט, אין איר גאַנג איז געווען דיזעלבע נישט איינגעהאַלטנקייט, ווי אין די ווערטער, אָבער איר פּשטות האָט אַ ביסל געוואונען קלימען.

— פּעטערבורג איז אַ פיל-פּרצופּדיקע שטאָט. איר זעט: היינט האָט זי אַ סודותדיק און שרעקנדיק פּנים. אין די ווייסע נעכט איז זי באַצויבערנד לופטיק. דאָס איז — אַ לעבעדיקע, טיף פילנדיקע שטאָט.

קלים האָט געזאָגט:

— נעכטן האָב איך אַ קלער געטון, אַז איר האָט זי נישט ליב.

— נעכטן האָב איך מיך צעקריגט מיט איר; קריגן זיך, — הייסט נישט — נישט ליב האָבן.

סאַמגין האָט איינגעפונען, אַז דער ענטפער איז נישט נאַריש.

דורך דעם נעפּל האָט קלים געזעען דעם בלייערנעם גלאַנץ פון וואַסער, די אײַזערנע גראַטעס פון די האַפּנס, די אומגעלומפּערטע באַרקעס, פאַרזונקענע אין שוואַרצן וואַסער, ווי חזרים אין בלאָטע. דידאָזיקע באַרקעס זענען געווען באַליידיקענד נישט אויפן אָרט לעבן די הערלעכע געביידעס. די מאַטע שויבן פון די אומצײלבאַרע פענצטער האָבן אַרויסגערופן אַ מאָדנע איינדרוק: גלייך די הייזער וואָלטן געווען פול אָנגעפּאַקט מיט נישט ריין אייז. די גאַסע ביימער זענען ויסטערליש צעקריפּלט, קלאָגלעך נאַקעט, די שפּערלען זענען נישט פריילעך, כמעט שטום, קלאַנגלאָז האָבן זיך דערהויבן די גלאָקנטורעמס פון די געציילטע צערקווס, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גלאָקנטורעמס זענען איבעריקע אין דערדאָזיקער שטאָט. איבער דער ניעוואַ האָט אין נעפּל פויל זיך אַרײַנגעקוועטשט דער שוואַרצער רויך פון די דאַמפּערס, מיט שטײַנערנע פינגער האָבן דורכגעלעכערט דעם נעפּל די פאַבריק־קוימענס. טרויעריק איז געווען דער געשטיקטער גערויש פון דער אויסטערלישער שטאָט און דערנידעריקנד קליינטשיק די גרויע מענטשן אין דער מאַסע ריזיקע הייזער, און אַלץ צוזאַמען האָט שרעקנדיק אָפּגעשוואַכט די שפּירעוודיקייט פון אייגענעם זײַן. קלים האָט געשפּרייזט ווילנסלאָז אין אַ צושטאַנד פון זעלבסטפאַרגעסונג, נישט קלערנדיק וועגן גאָרנישט און געהערט מאַרינעס געדיכטן אַלט:

דער פאַרריקטער פּאַוועל האָט געוואָלט מאַכן דעם מאָנומענט בעסער פון פאַלקאָניעטאָוון, — נישט אַרויסגעקומען. אויף כפּרות.

דאָס מיידל איז אַזוי האַסטיק געגאַנגען, גלייך ס'וואָלט איר דורכויס נייטיק געווען מיד צו ווערן, און קלים האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו פאַרשטופּן זיך אין אַ טרוקן, ליכטיק ווינקל און דאָרטן שוין איבערקלערן וועגן אַלעם, וואָס איז געשוואומען פאַר די

אויגן, בליאַסקענדיק מיט בליי און אָפּגעגילדקייט, מיט רויטן קופּער און בראָנז.

— וואָס שווייגט איר? — האָט שטרענג געפרעגט מאַריאַ, און ווען סאַמגין האָט געענטפערט, אַז ער איז נשתומם פון דער שטאָט, האָט זי, טריומפירנדיק, אויסגערופן:

— אַהאַ!

עטלעכע טעג האָט זי אים אַרומגעפירט איבער די מוזייען און קלים האָט געזען, אַז דאָס פאַרשאַפט איר פאַרגעניגן ווי אַ באַלעבאָסטע, וואָס באַרימט זיך מיט איר ווירטשאַפט.

אײַנאָוונט, אַרײַנקומענדיק אין ברודערס צימער אַרײַן, האָט סאַמגין דאָרטן געטראָפן קוטוזאָוון און טוראָבאָיעוון; זיי זענען געזעסן באַם טיש איינער קעגן אַנדערן אין פּאַוזע, ווי מען שפּילט אין אַרצאַבן, און טוראָבאָיעוו האָט, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, געזאָגט:

— און פּלוצלינג קאָן זיך גאָר אַרויסווײַזן, אַז דער צופאַל — איז דער פּסעוודאָנים פון טײַוול?

— אין קיין טײַוולאָנים גלייב איך נישט, — האָט ערנסט געזאָגט קוטוזאָוו, דריקנדיק קלימס האַנט.

טוראָבאָיעוו, פאַררייכערנדיק דעם פּאַפּיראָס אין זײַן אייגענעם מונדשטוק, האָט אים אוועקגעשטעלט אין דער שורה פון זעקס אַנדערע, שוין פאַרלאָשענע. טוראָבאָיעוו איז געווען נישט ניכטער, זײַנע פּאַליענהאַטע, נישט געדיכטע האָר זענען געווען צעשויבערט, די שלייפן פאַרשוויצט, דאָס בלאַסע פּנים איז געוואָרן רודע, נאָר די אויגן, נאָכקוקנדיק דעם רויכנדיקן מונדשטוק, האָבן געלויכטן דורכדריגגלעך. קוטוזאָוו האָט געקוקט אויף אים מיט אַ טאַדלענדיקן בליק. דמיטרי, וועלכער איז האַלב געלעגן אויף דער קויקע, האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ דאָקטאָראַלן טאָן:

— דער געדאַנק וועגן דער שעדלעכער השפּעה פון דער וויסנשאַפט אויף דער מאָראַלישקייט — איז אַן אַלטער און אויסגעדראָשענער געדאַנק. ער איז זייער געלונגען פאָרמולירט געוואָרן דאָס לעצטע מאָל דורך רוסאָ אין 1750 יאָר, אין זײַן ענטפער דער אַקאַדעמיע פון

דיזשאָן. אייער טאָלסטאָי האָט אים זיכער אַרויסגענומען פון „Discours" פון זשאַן זשאַק. אָבער וואָס פאַר אַ טאָלסטאָיאַנער זענט איר, טוראַבאַיעוו? איר זענט פשוט — אַ קאַפּריזניק.

נישט ענטפערנדיק אים, האָט טוראַבאַיעוו אַ לאַך געטון, און קוטוזאָוו האָט געפרעגט קלימען:

— און איר ווי קוקט אויפן טאָלסטאָיאַניזם?

— דאָס איז אַ פּרווו צוריק מגולגל צו ווערן אין נאַראָנים, — האָט דרייסט געענטפערט סאַמגין, באַמערקנדיק אין טוראַבאַיעווס פּנים, אין די אויגן עפּעס בשותּפותדיקס מיט מאַקאַראָוון, ווי יענער איז געווען ביזן פּרווו צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

קוטוזאָוו האָט זיך צעלאַכט, ברייט אויפעפנענדיק דאָס ציי־ניקע מויל, רייבנדיק די הענט. טוראַבאַיעוו האָט מיט אַ פאַרבלאָ־זער שטימע פאַרטראַכט און עקשנותדיק געזאָגט:

— צוריק מגולגל צו ווערן אין נאַראָנים — דאָס איז נישט שלעכט געזאָגט. איך מיין, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך פאַר אונז, צי מיר וועלן נעמען גיין פון ליעוו טאָלסטאָי, אָדער פון ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקין.

— און אויב — פון מאַרקסן? — האָט פריילעך געפרעגט קוטוזאָוו.

— אין דער גאולה פון פאַבריקס־קעסל פאַר רוסלאַנד גלייב איך נישט.

קלים האָט אַ קוק געטון אויף קוטוזאָוון מיט שטוינונג: שוין זשע איז דערדאָזיקער פויער, פאַרשלייערטער אַלס סטודענט — אַ מאַרקסיסט? קוטוזאָווס שיינע שטימע האָט נישט האַרמאָנירט מיטן ציטירנדיקן טאָן, מיט וועלכן ער האָט אַרויסגערעדט די לאַנגוויי־ליקע ווערטער און ציפערן. דמיטרי האָט איבערגעשלאָגן קלימען צו הערן.

— ס'איז דאָ אַן איבעריקער בילעט אין אָפּערע — וועסט גיין? איך האָב גענומען פאַר זיך, נאָר כ'קען נישט גיין, ס'גייען מאַרינאַ און קוטוזאָוו.

דערנאָך האָט ער מיט אויפגעבראַכטקייט דערציילט, אַז די

צענזור האָט ענדגילטיק פאַרווערט צו שטעלן די אָפּערע, „דער סוחר קאַלאַשניקאָוו".

טוראָבאָיעוו איז אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוק געטון אין פענצטער, צודריקנדיק דעם שטערן צו דער שויב, און פּלוצלינג איז ער אַוועקגעגאַנגען נישט געזעגנענדיק זיך מיט קיינעם.

— אַ קלוגער בחור, — האָט געזאָגט קוטוזאָוו, אַזויווי מיט באַדויערונג און, אַ זיפץ געבנדיק, מוסיף געווען:

— אַ גיפטיקער.

אַראָפּשנעלנדיק מיטן נאָגל די רייע מונדשטוקן פון טיש אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער אָנגעהויבן אויספירלעך אויספרעגן קלימען וועגן דעם, ווי מען לעבט אין זיין שטאָט, אָבער אינגיכן האָט ער דערקלערט, קראַצנדיק די גאָמבע דורך דער באָרד און קרימענדיק זיך:

— דאָס אייגענע, וואָס בײַ אונז, אין וואָלאָגדע.

סאַמגין האָט באַמערקט, אַז וואָס מער איינגעהאַלטן ער ענטפערט, אַלץ ליבלעכער און אויפמערקזאַמער קוקט אויף אים קוטוזאָוו. ער האָט באַשלאָסן אַ ביסעלע אַרויסצוווייזן זיך פאַר דעם בערדיקן מאַרקסיסט און באַשיידן געזאָגט:

— אין תּוך גענומען, האָבן מיר אפשר גאָר קיין רעכט נישט צו מאַכן אַזעלכע באַשטימטע אויספירן וועגן לעבן פון די מענטשן. פון צענדליקער טויזנטער ווייסן מיר, אין בעסטן פאַל, — ווי ס'לעבן אַ הונדערט מענטשן, און מיר רעדן אַזוי, גלייך מיר וואָלטן דורכשטודירט דאָס לעבן פון אַלע.

דער ברודער האָט מסכּים געווען:

— אַ ריכטיקער געדאַנק.

נאָר קוטוזאָוו האָט אים אַ פרעג געטון:

— אַזוי מיינט איר?

און ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן פּראָצעס פון קלאַסן-דיפערענצירונג, וועגן דער דעצידירנדער ראָלע פון עקאָנאָמישן פאַקטאָר. ער האָט גערעדט שוין נישט אַזוי לאַנגווייליק, ווי צו טוראָבאָיעוון, און מיט ספּעציעלער סובטעלקייט, מיט וואָס ער האָט באַזונדער פאַרוואונדערט קלימען. סאַמגין האָט געהערט זיינע רייד אויפמערקזאַם, קלוגיטשקע אַריינגעשטעלט פאַרזיכטיקע באַמערקונ-

גצן, וואָס האָבן באַשטעטיקט קוטוזאָווס אויספירן, ער איז זיך אַליין געפעלן און האָט געפילט, אַז אין אים ווערט אַזוי ווי געבוירן אַ סימפּאַטיע צום מאַרקסיסט.

ער איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין מיט דער זיכערקייט, אַז ער האָט אַיועקגעלייגט דעם ערשטן שטיין פאַרן פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן ער, סאַמגין, וועט מיט דער צייט זיך אַוועקשטעלן מאָנומענטאַל. אין צימער איז געווען אַ שווערער ריח פון אייל, — אינדערפרי האָט דער גלעזער פאַרקלעפּט די קוואַטירן אויף ווינטער, — קלים האָט אַ שמעק געטון, אויפגעעפנט דעם ווענטילאַטאָר און גנעדיק מיט אַ האַלב קול אַ זאָג געטון.

— מהיכא תיתי, מען קען דאָ אויך וואוינען.

אָבער אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט ער ענדגילטיק זיך איבערצייגט, אַז צו וואוינען בײַ די פּרעמיראָווס איז אינטערעסאַנט. דאַכט זיך, אַז מען האָט אים דאָ אָפּגעשאַצט לויטן ווערט און ער איז אפילו געווען אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט פון דעם, ווי ווינציק אָנשטרענגונג דאָס האָט אים געקאָסט. פון דער גאַנצער שאַרפקייט, וואָס ער האָט אָנגענומען אין וואַראַוויקעס אַפאָריזמען, פון טאָמילינס באַטראַכטונגען, האָט ער צונויפגעפלאָכטן פיין פאַרקיילעכיקטע פראַזן, אַרויסזאָגנדיק זיי מיט אַ שמייכעלע פון אַ מענטש, וועלכער גלייבט נישט זייער אין קיין ווערטער. ער האָט שוין געזען, אַז די גראָבלעכע מאַרינע באַציט זיך צו אים מיט דרך ארץ, יעליזאַוועטאַ ספּיוואַק קוקט אויף אים מיט שמייכלהאַפטן נייגיר, און די ניעכאַיעוואַ שמועסט מיט אים מער גערן און פאַרטרוילעך, ווי מיט אַלע אַנדערע. ס׳איז קלאָר געווען, אַז אויך דמיטרי, שטענדיק אַ פאַרשלונגענער מיט לייענען דיקע ביכער, שטאָלצירט מיטן קלוגן ברודער. קלים איז אויך גרייט געווען צו שטאָלצירן מיט דעם ברודערס קאָלאָסאַלער אָנגעלייענטקייט און ער וואָלט שטאָלצירט, ווען ער וואָלט געזען, אַז דער ברודער פאַרטונקלט אים, דינענדיק פאַר אַלע אַלס ווערטערבוך פון פאַרשידנאַרטיקסטע ידיעות. ער האָט געלערנט די אַלטע פּרעמיראָוואַ צו קאָכן אייער „ביערנבאָרגמעסיק“, דערקלערט ספּיוואַקן דעם

אונטערשיד פון אַן אַמתדיק פאָלקסליד און די זיסלעכע אימיטאַ־ציעס דערפון דורך ציגײַנער, װעלטמאַנען און אַנדערע; אפילו קוטוזאָװ פלעגט אים פרעגן:

— סאַמגין, דורך װעמען איז עס דעמאַסקירט געװאָרן אין שפּיאָנאַזש דער גראַף יאַקאָװ טאָלסטאָי?

און דמיטרי האָט אויספירלעך דערציילט װעגן דעם קיינעם נישט באַקאַנטן בוך פון איװאַן גאָלאָװין, װעלכעס איז אַרויסגע־געבן געװאָרן אין 1846 יאָר. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן זייער אויספירלעך און מיט אַ טאָן פון אַ פּראָפעסאָר, אָבער תמיד אַזוי, װי ער װאָלט דערציילט זיך אַליין.

דער צומייניסטן אויטאָריטעטישער מענטש בײַ די פּרעמיראָװס איז געװען קוטוזאָװ, אָבער פאַרשטייט זיך נישט דערפאַר, װאָס ער האָט אַ סך און אָנגרייפנד גערעדט װעגן פּאָליטיק, נאָר דערפאַר, װאָס ער האָט אַרטיסטיש געזונגען. ער האָט פאַרמאָגט אַן אומ־אויסשעפּלעכן זאַפּאַס גרעבלעכע גוטמוטיקייט, קיינמאָל זיך נישט אויפגערעגט אין די אומענדלעכע װיכּוחים מיט טוראָבאָיעװן און אָפט האָט קלים געזעען, אַז דערדאָזיקער נישט גלאַטיק צוגעשני־טענער, אָבער פעסט צונויפגעגייטער מענטש באַטראַכט אַלעמען מיט מאָדנע פאַרטראַכטן און אַזוי װי באַדויערנדיקן בליק פון די העל־גרויע אויגן. קלימען האָט געחידושט קוטוזאָװס ביטולדיקע, און, טיילמאָל, שאַרפע באַציִונג צו מאַרינען, גלייך דאָסדאָזיקע מיידל װאָלט אין זיינע אויגן געװען אַ נידעריקער װעזן. איינמאָל אינאָװנט, בײַ דער טיי, האָט זי בייז אַ זאָג געטון:

— װען איר, קוטוזאָװ, זינגט, דאַכט זיך, אַז איר קענט אויך פילן, נאָר. . .

קוטוזאָװ האָט זי נישט געלאָזט ענדיקן די פראַזע.

— װען איך זינג, — קאָן איך נישט פאַלשעװען, נאָר װען איך רעד מיט פרײַלינס, האָב איך מורא, אַז עס קומט בײַ מיר אַרויס צו איינפאַך און אויס מורא נעם איך נישט ריכטיקע טע־נער. איר האָט אַזוי געװאָלט זאָגן?

מאַרינאַ האָט שװייגנדיק זיך אויסגעדרייט פון אים.

מיט יעליזאַװעטאַ ספּיװאַק האָט קוטוזאָװ גערעדט זעלטן

און ווינציק, אָבער זיך געווענדט צו איר אין אַ פריינדלעכן טאָן, אויף „דו", און טיילמאָל ליבלעך זי גערופן מומע ליזאַ. באַטש איז עלטער געווען פון איב, מסתמא נישט מער, ווי מיט אַ צוויי, דריי יאָר. די ניעכאַיעוואַ האָט ער נישט באַמערקט, אָבער אויפמערקזאַם און תמיד פונדערווייטנס זיך צוגעהערט צו אירע וויכוחים מיט דמיטרין, וועלכער האָט אָן אויפהער גערייצט דאָס אויסטערלישע מיידל.

קוטוזאָווס גראָבלעכקייט האָט קלים אויפגענומען אַלס פשטות פון אַ ווייניק קולטורעלן מענטש און נישט זעענדיק אין איר קיין שום „אויסגעטראַכטס", האָט ער זי נישט גענומען פאַר אומגוט. אים איז אָנגענעם געווען צו זען די פאַרטראַכטקייט אויף דעם סטודענטבערדיקן פנים, ווען קוטוזאָוו האָט געהערט מוזיק, ס'איז אָנגענעם געווען דער באַדויערנדיקער שמייכל, דער טרויעריקער בליק אין איין פינטל, ערגעץ וואו דורך די מענטשן אַדורך, דורך דער וואַנט. דמיטרי האָט דערציילט, אַז קוטוזאָוו — אַ זון פון אַ נישט רייכן דאָרפישן מילנער, איז צוויי יאָר געווען דאָרפס־לערער, פאַר דער צייט האָט ער זיך צוגעגרייט אין קאַזאַנער אוניווערזיטעט, פינוואַנען מען האָט אים, אין אַ יאָר אַרום, משלח געווען פאַר באַטייליקן זיך אין סטודענטישע אומרוען, אָבער נאָך אין אַ יאָר אַרום איז אים, אַ דאַנק יעליזאַוועטאַ ספּיוואַקס פאָטער, דעם אָנפירער פון אַדל אין דעם קרייז, אויפסניי געלונגען אַריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט.

צו טוראָבאָיעוון האָט מען זיך באַצויגן אומבאַשטימט, דאָ גייענדיק אַרום אים, ווי אַרום אַ קראַנקן, דאָ מיט עפעס אַ בייזער מורא. קלים האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָכוואָס טוראָבאָיעוו קומט אַריין צו די פרעמיראָווס. מאַרינאַ האָט געקוקט אויף אים מיט נישט פאַרבאָרגענער שנאה, די ניעכאַיעוואַ פלעגט קורץ, נאָר נישט גערן איינשטימען מיט זיינע ווערטער, און די ספּיוואַק האָט געשמועסט מיט אים זעלטן און כמעט שטענדיק מיט אַ האַלב קול. אין אַלגעמיין איז דאָס אַלץ געווען זייער אינטערעסאַנט און ס'האָט זיך געוואָלט פאַרשטיין: וואָס פאַרייניקט דידאָ ,ע, אַזוי פאַרשידנאַרטיקע מענטשן? צוואָס איז נייטיק דער גראָבער און

צופיל גופיקער מאַרינען די כמעט קערפּערלאָזע ניעכאַיעוואַ, פאַרוואָס קריכט איר מאַרינאַ נאָך אַזוי אויפריכטיק און קאָמיש?

— דו עס, עס מער! — האָט זי איר איינגערעדט. — כאָטש ס'גלוסט זיך נישט, זאָלסטו עסן. די שוואַרצע מחשבות זענען בײַ דיר דערפון, וואָס דו נערסט זיך שלעכט, סאַמגין דער עלטערער. ווי אַזוי איז דאָס אויף לאַטייניש? הערסט? אין אַ געזונטן קערפּער איז אַ געזונטער גייסט...

מאַרינעס זאָרגעוודיקייט, וועלכע האָט געצוואונגען די ניעכאַיעוואַ פאַרלעגן צו שמייכלען, האָט זי גערירט. דאָס האָט קלים געזעען לויטן דאַנקבאַרן גלאַנץ אין די אויגן פון דעם דאַרן און נעבעכדיקן מיידל. מיט דער דורכזיכטיקער האַנט האָט די ניעכאַיעוואַ געגלעט די ראָזע באַק פון איר פריינדין און אויף דער בלאַסער הויט פון איר האַנט זענען פאַרגאַנגען די מיט בלוט פאַרלאָפענע אָדערלעך.

קלים האָט געהאַלטן, אַז די ניעכאַיעוואַ און טוראָבאָיעוו זענען די צומיינסטן צופעליקע און פרעמדע מענטשן דאָ, יאָ, זיכער, אין אַלע הייזער, צווישן כלערליי מענטשן, מוזן זיי אַרויסרופן דעם איינדרוק פון פאַרבלאָנזשעטע. ער האָט געפילט, אַז זיין אַנטיפּאַטיע צו טוראָבאָיעוון וואַקסט אָן אויפהער. אין דעמדאָזיקן מענטש איז פאַ־האַן עפּעס פאַרדעכטיקס, זייער קאַלטס, דער שטאַרער בליק פון זיינע שרייענדיקע אויגן — איז אַ בליק פון אַ מרגל, וואָס שטרעבט צו אַנטפּלעקן דאָס פאַרבאָרגענע. טיילמאָל קוקן זיינע אויגן להכעיסדיק; קלים האָט אָפּט געכאַפּט אויף זיך דעמדאָזיקן בליק, אָן אויפרייצנדיקן און אפילו אַ חוצפּהדיקן. טוראָבאָיעווס ווערטער האָבן באַפעסטיקט קלימס חשדים: בלתּי ספק, דערדאָזיקער מענטש איז דערצערנט פון עפּעס און, פאַרבאָרגנדיק דעם כּעס אונטער אַ שפּאָטיש בטולדיקן טאָן, רעדט ער בלויז דערויף, אַז ער זאָל אויפרעגן דעם מיטשמועסער. טיילמאָל האָט טוראָבאָיעוו אויסגעוויזן סאַמגינען פולשטענדיק אומדערטרעגלעך, אָפּטער פון אַלעם איז דאָס פאָרגעקומען בעת זיינע שמועסן מיט קוטוזאָוון און דמיטרין. קלים האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי

קוטוזאָוו קאָן גוטמוטיק לאַכן, הערנדיק די סקעפּטישע טענות פון דעמדאָזיקן עלעגאַנט
— איר, קוטוזאָוו. זאָגט נביאות. לויט מיין מיינונג רעדן די נביאים ווען דער צוקונפט בלויז דערויף, כדי צו טאַדלען די קעגנוואַרט.
קוטוזאָוו האָט זאַפטיק געלאַכט, און דמיטרי האָט דערמאָנט טוראַבאַיעוון די פאַלן, ווען סאָציאַלע פאָרזעונגען זענען מקוים געוואָרן.
מיט מאַרינען האָט טוראַבאַיעוו גערעדט, אָפּלאַכנדיק פון איר.
— ס'איז ליגנט! — האָט זי אויסגעשריגן, בייז ווערנדיק אויף אים פאַר עפּעס, ער האָט ערנסט געענטפערט:
— ס'איז מעגלעך. אָבער — איך בין נישט קיין סופליאָר, און דעם אמת זענען דאָך מחויב צו זאָגן בלויז סופליאָרן.
— פאַרוואָס — סופליאָרן? — האָט געפרעגט מאַרינאַ, ברייט אויפעפענענדיק די אָן דעם אויך גרויסע אויגן.
— נאָר ווי דען? אויב דער סופליאָר וועט זאָגן אַ ליגנט, וועט ער אייך קאַליע מאַכן דאָס שפּילן.
— סאַראַ שטותים! — האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט דאָס מיידל, אַוועקגייענדיק פון אים.
יאָ, דאָס אַלץ איז געווען אינטערעסאַנט און קלים האָט געפילט, ווי ס'וואַקסט אין אים דער דורשט צו פאַרשטיין מענטשן.
דער אוניווערזיטעט האָט מיט גאָרנישט פאַרוואונדערט און נישט צוגעצויגן סאַמגינען. אויף דער אַריינפיר-לעקציע פון די היסטאָריקער, האָט ער זיך דערמאָנט זיין ערשטן טאָג אין גימנאַזיע. גרויסע פאַרזאַמלונגען פון מענטשן האָבן איר געקווילט, אין אַן עולם פלעגט ער זיך אינערלעך איינשרימפּן און נישט הערן זיינע געדאַנקען. צווישן די איינאַרטיק אָנגעטועטע און אַזוי ווי איינפּנימדיקע סטודענטן האָט ער זיך אויך דערפילט אַלס פּרצופלאָז.

אונטן, איבער דער קאַטעדרע, האָט זיך דערהויבן, איינ־אַרטיק צומאַכנדיק מיט דער האַנט, דער פראַק פון מאָגערן פּראָ־פעסאָר, ס׳האָט זיך געשאָקלט דער פליכיקער, בערדיקער קאָפּ, ס׳האָט געפינקלט דאָס גלאָז און דאָס גאָלד פון די ברילן. מיט אַ הויכער שטימע האָט ער הייס גערעדט סוגעסטישע ווער־טער.

— פאָטערלאַנד. פאָלק. קולטור, רום, — האָט קלים גע־הערט. — דעראָבערונגען פון דער וויסנשאַפט, די אַרבעטער־אַר־יי, וואָס שאַפט אין קאַמף מיט דער נאַטור אַלץ לייכטערע לעבנס־באַדינגונגען, דער טריומף פון הומאַניזם.

קלימס שכן, אַ דאַרער סטודענט מיט אַ גרויסער נאָז אויף דעם פון פּאָקן צעאַקערטן פּנים, האָט אַרויסגעמורמלט, פּאַריענ־קענדיק זיך:

— ב-נישט פּ־פעט.

דערנאָך האָט ער לאַנג און אויפמערקזאַם געקוקט אויפן ציפערבלאַט פון וואַנט־זייגער מיט זייער בולטע און גלאַנצלאָזע אויגן. ווען דער פּראָפעסאָר איז אַוועקגעגאַנגען, אַ שטויס געבנדיק מיטן קאָפּ די לופט, האָט דער יענקעדיקער אויפגעהויבן די לאַנ־גע הענט, דריי מאָל, ריטמיש אַ קלאַפּ געטון מיט די דלאָניעס, נאָר איבערגעחזרט:

— ב־ביין, נישט פעט. און מען האָט געזאָגט וועגן אים — אַ ר׳ראַדיקאַל. איר קאָלעגע, זענט נישט פון נאָווגאָראָד? ביין? נו, אַלץ איינס, לאָמ׳ר זיין באַקאַנט, — פּאָפּאָוו, ניקאָלאַי.

און אַ טרייסל געבנדיק סאַמגינס האַנט, איז ער געשווינד אַנטלאָפן.

די לעקציע האָט נישט זייער אינטערעסירט קלימען, ער האָט געוואָלט קענען מענטשן און איינגעפונען, אַז אַ ראָמאַן גיט אים מער ידיעות וועגן זיי, ווי אַ וויסנשאַפטלעך בוך און אַ לעקציע. ער האָט אַפילו געזאָגט מאַרינען, אַז וועגן מענטשן ווייסט די קונסט מער, ווי די וויסנשאַפט.

— נו, געוויס, — האָט מסכים געווען מאַרינאַ. — אַציגד

האָט מען דאָס אָנגעהויבן פאַרשטיין. אָט הערט, אדרבה, די ניע־כּאַיעוואַ.

שפּעט אינאָוונט איז געקומען דמיטרי, אַ דורכגענעצטער, אַ מידער; רייבנדיק דעם האַלז, האָט ער געפרעגט מיט אַ הייזעריקער שטימע:

— נו — וואָס? וואָסער איינדרוק?

און ווען קלים האָט זיך מודה געווען, אַז אין היכל פון ווּיסנשאַפט האָט ער נישט געשפּירט קיין ציטער פון יראת-הכּבוד, האָט דער ברודער, אָפּהוסטנדיק, געזאָגט:

— איך האָב אויף דער ערשטער לעקציע זיך געפילט זייער אויפגערעגט.

און קלערנדיק, משמעות, נישט וועגן דעם, וואָס ער רעדט, האָט ער צוגעגעבן נישט קאָנסעקווענט:

— איך זע אַצינד, אַז קוטוזאָוו איז גערעכט: די סטודענטישע אומרוען זענען אינדעראמתן אַן אומנוצלעך פטרן די כּוחות.

קלים האָט אַ שמייכל געטון, נאָר צוגעשוויגן. ער האָט שוין באַמערקט, אַז אַלע סטודענטן, דעם ברודערס און קוטוזאָווס באַקאַנטע, רעדן וועגן די פּראָפעסאָרן, וועגן אוניווערזיטעט, פּונקט כּמעט אַזוי פיינדלעך, ווי די גימנאַזיסטן האָבן גערעדט וועגן די לערערס און דער גימנאַזיע. זוכנדיק די סיבות פון אַזאַ באַציִונג, האָט ער געפונען, אַז דעם טאָן גיבן אַזעלכע פאַרשידענע מענטשן, ווי טוראָבאָיעוו און קוטוזאָוו. מיט דער פאַר אים כאַראַקטעריסטישער, פוילער איראָניע האָט טוראָבאָיעוו גערעדט:

— אין אוניווערזיטעט לערנען זיך דייטשן, פּאָליאַקן, יידן, און פון רוסן — בלויז קינדער פון פּאָפּן. אַלע איבעריקע רוסן לערנען זיך נישט, נאָר עקזאַלטירן זיך מיט דער פּאָעזיע פון אומבארעכנטע מעשים. און זיי ליידן אויך אויף פלוצלינגדיקע אַטאַקן פון שפּאַנישער שטאָלצקייט. ערשט נעכטן האָט דער טאַטעשי דעם בחור באַ די האָר געריסן, אָבער היינט באַטראַכט דער בחור אַ נישט אויפמערקזאַמען ענטפער אָדער אַ קרומען בליק פון פּראָפעסאָר אַלס סיבה צו אַ דועל. נאַטירלעך קען מען אַזאַ היציקע

הנהגה האַלטן פּאַר אַן אומדערקלערבאַר שנעלן וואוקס פון דער פּערזענלעכקייט, אָבער איך בין געניינט אַנדערש צו קלערן.

— יאָ, — האָט געזאָגט קוטוזאָוו, צושאָקלענדיק מיטן שווערן קאָפּ, — ס'לאָזט זיך באַאָבאַכטן אַ קעלבעריש פּאַררייסן די ווידלען. אָבער, מען דאַרף אויך דאָס צו זאָגן, — צופּיל שוין אומגעראָטן בלאָזט מען אַן דאָס יינגווארג, באַמ'ענדיק זיך אויס־צוקוועטשן באַ זיי די זאַפטן פון זייער פאַנטאַסטיש דענ־קען...

— פון זייער פאַנטאַסטיש פלוידערן, — האָט אויסגעבעסערט טוראַבאַיעוו.

קלים האָט שטאַרק זיך באַמיט צו באַגרייפן: וואָס בינדט דידאָזיקע מענטשן? איינמאָל, וואַרטנדיק אויף דעם געוויינ־לעכן קאָנצערט, האָט קוטוזאָוו, וועלכער איז געזעסן לעבן דעם פראַנט באַ די פּרעמיראָווס אויף דער סאָפע, תרעומותדיק אים באַמערקט:

— איר וועט זיך צעמאָלן אויף דער איראָניע, ס'איז אַ ביליקער עסק!

— אַ נישט ריווחדיקער, — האָט איינגעשטימט טוראַבאַ־יעוו. — איך פאַרשטיי, אַז ריווחדיקער איז צוצופּאַסן זיך צום לעבן פון זיין לינקער זייט, אָבער — לײדער! — כ'בין נישט מסוגל דערצו.

אָנשטעקנד לאַכנדיק האָט קוטוזאָוו געשריגן:

— אָבער איר האָט זיך דאָך שוין צוגעפּאַסט טאַקע פון דעמדאָזיקן לינקן באָק!

אין דעמזעלבן אָוונט האָט קלים אים געפרעגט:

— וואָס געפעלט אייך אין טוראַבאַיעוון?

און דער בערדיקער סטודענט האָט אים געענטפערט מיט אַ פאָטערלעכן טאָן:

— אַ געוויסע דאָזע זויערקייט איז פונקט אַזוי נייטיק דעם אָרגאַניזם, ווי זאַלץ. אַ טשאַאַדאַיעווישע שטימונג איז מיר ליבער פון דער זיסלעכער חכמה פון מאַנכע ליטעראַרישע פּאַנאַמאַרן.

דאָס איז גערעדט געוואָרן אין דמיטריס בייזיין, און ער האָט איילִיק דערקלערט:

— טוראַבאַיעוו איז אינטערעסאַנט, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ דעגענערירנדיקן קלאַס.

און קוטוזאָוו האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ שמייכל און באַגיטיקט:

— ריכטיק, מיטיאַ!

סאַמגין האָט איינגעפונען זיין שמייכל אַלס נישט שמייכל־האַפטן פאַרן ברודער. אַזעלכע פאַרגיבלעכע און עטוואָס כיטרע שמייכעלעך האָט קלים נישט זעלטן געכאַפּט אויף קוטוזאָווס בער־דיקן פּנים, אָבער זיי האָבן נישט געוועקט אין אים קיין אומצו־טרוי צום סטודענט, נאָר בלויז פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו אים. אַלץ מער אינטערעסאַנט איז געוואָרן די ניעכאַיעוואַ, אָבער זי פלעגט ברענגען אין פאַרלעגנהייט קלימען מיט דער אָפענער און אייליקער שטרעבונג צו געפינען אין אים אַ גלייך־דענקענדיקן, אויסרעכנענדיק אים אומבאַקאַנטע נעמען פון פראַנצויזישע דיכ־טער, האָט זי גערעדט אַזוי, גלייך זי וואָלט זיך געטיילט מיט אים מיט די סודות, וואָס צו וויסן זיי איז ראוי בלויז ער, קלים סאַמגין.

— איר האָט געלייענט זשאַן לאַגאָרס „אילוזיעס"? — האָט זי געפרעגט; דער אַלצוויסנדיקער דמיטרי האָט דער־קלערט:

— ס'איז דער פּסעוודאָנים פון דאָקטאָר קאַזאַלעס.

— ער איז אַ בודיסט, לאַגאָר, אָבער אַזאַ גאַליקער, אַזאַ ביטערער.

דמיטרי האָט דערמאָנט זיך אַליין, קוקנדיק אין סופיט אַריין:

— און ס'איז נאָך דאָ קאַזאַט, דער מחבר פון דעם נאַרישן ראָמאַן „דעם טייוולס ליבע".

— סאַראַ שאַד, וואָס איר ווייסט אַזוי פיל אומנייטיקס פאַר אייך, — האָט אים געזאָגט די ניעכאַיעוואַ מיט פאַרדראָס און

אויפסניי זיך געווענדט צום ייִנגן סאַמגין, רומענדיק ראָסטאַנס „פּרינצעסין טרוים“.

— דאָס איז אַ שעדעוור פון דער נייער ראָמאַנטיק. ראָס־טאַנען וועט מען בקרוב אָנערקענען אַלס זשעני.

קלים האָט געזען, אַז די שפּעפּון נעמען און ביכער, וואָס זענען קיינעם, אַ חוץ דמיטרין, נישט באַקאַנט, ברענגט אַלע אין פאַרלעגנהייט, אַז צו דער ניעכאַיעוואָס דערציילונגען וועגן לי־טעראַטור באַציט מען זיך מיט אומצוטרוי, נישט ערנסט און דאָס באַליידיקט דאָס מיידל. ס'איז געווען אַ ביסל אַ רחמנות אויף איר. און טוראָבאָיעוו, דער שונא פון די נביאים, האָט בכיוון אומרחמנותדיק זיך באַמיט צו פאַרלעשן אירע התפעלותן, זאָגנדיק:

— דאָס דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַ צייכן פון דער קליינבירגערישער איבערגעזעטיקטקייט מיט ביליקן ראַציאָנאַליזם. דאָס איז דער אָנהייב פון כּוף פון זייער אַן אומבאַגאַבטער עפּאָכע.

קלים האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער ניעכאַיעווא, ווי אויף אַ פאַנטאַסטיש וועזן, זי איז פאַרשפּרונגען ערגעץ־וואו ווייט פאָרויס אָדער אוועקגעלאָפן אין אַ זייט פון דערווירקלעכקייט און געלעבט אין רעיונות, וועלכע דמיטרי האָט אָנגערופן בית־הקברותדיקע. אין דעמדאָזיקן מיידל איז געווען עפּעס אָנגעשטרענגטס ביז פאַר־צווייפלונג, מינוטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פעיק ארויסצו־שפּרינגען פון פענצטער. באַזונדער האָט געחידושט קלימען די פּרויאישע פּרצופּלאָזיקייט, דאָס פיזיאָלאָגישע נישט שפּירן די ניע־כאַיעווא, זי האָט פולשטענדיק נישט געוועקט אין אים קיין עמאָציע פון אַ מאַנסביל.

געטרונקען און געגעסן האָט זי אַזוי ווי נייטנדיק זיך, כּמעט מיט עקל און ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין שפּיל, קיין קאָקעטעריע. אירע דינינקע פינגער האָבן אפילו דאָס מעסער און דעם גאָפּל געהאַלטן אומגעראָטן, זי האָט מיט איבל אָפּגעצופּט קליינטשיקע שטיקלעך ברויט, אירע פויגלשע אויגן האָבן געקוקט

אויף די ווייכע פּיצלעך ברויט פּרעגנדיק, גלייך זי וואָלט געקלערט: צי איז דאָס מאכל נישט ביטער, נישט גיפטיק?

אַלץ אָפטער האָט קלים געטראַכט, אַז די ניעכאַיעוואַ איז געבילדעטער פון אַלע אין דערדאָזיקער קאָמפּאַניע, אָבער דאָס האָט אים נישט דערנענטערט מיטן מיידל, נאָר געוועקט אין אים אַ מורא, אַז די ניעכאַיעוואַ וועט אין אים פאַרשטיין דאָס, וואָס זי דאַרף נישט פאַרשטיין און וועט אָנהייבן רעדן מיט אים פונקט אַזוי פון אויבן אַראָפּ, מיט ביטול אָדער מיט פאַרדראָס, ווי זי רעדט מיט דמיטרין.

אין די נעכט, ליגנדיק אין בעט, האָט סאַמגין געשמייכלט, קלערנדיק וועגן דעם, ווי שנעל און פּשוט ער האָט געוואונען די סימפּאַטיעס צו זיך, ער איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט זיך אים פולשטענדיק איינגעגעבן. אָבער, זעענדיק דעם צוטרוי פון די אַנ־דערע, האָט ער נישט אָנגעוואוירן די פאַרזיכטיקייט פון אַ מענטש, וועלכער ווייסט, אַז זיין שפּיל איז געפערלעך און פילט גוט די שווערקייט פון זיין ראָלע. ס'זענען געווען מינוטן, ווען דידאָזיקע ראָלע האָט אים פאַרמאַטערט און אַרויסגערופן אין אים אַ נעפלהאפט באַוואוסטזיין, אַז ער איז משועבד צו אַן אים פיינדלעכער קראַפט, מינוטן, ווען ער האָט זיך געפילט אַלס קנעכט פון אַן אומבאַ־קאַנטן באַלעבאָס. ס'איז געקומען אויפן זינען איינע פון טאָמילינס אומצייַלבאַרע סענטענצן:

— אויף דעם רוב מענטשן ווירקט אַ שפע פון איינדרוקן צעשטערנדיק, ס'פאַרמיסטיקט דאָס מאָראַלישע געפיל. אָבער די זעלבע רייכקייט פון איינדרוקן שאַפט טיילמאָל געוואַלטיק אינטע־רעסאַנטע מענטשן. זעט די ביאָגראַפיעס פון באַרימטע פאַרברע־כער, אַוואַנטוריסטן, דיכטער. און בכלל, אַלע מענטשן אָנגעלאָדענע מיט דערפאַרונגען — זענען אַמאָראַליש.

אין דידאָזיקע ווערטער דעם רויטן לערערס האָט קלים גע־פונען אי אָפשרעקנדיקס, אי לאָקנדיקס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שוין איבערגעלאָדן מיט דערפאַרונג, אָבער טיילמאָל האָט ער געשפּירט, אַז די אַלע איינדרוקן, אַלע געדאַנקען, אָנגעזאַמלטע דורך אים, זענען אים נישט נייטיק. און זיי איז נישטאָ גאָרנישט,

וואָס זאָל זיין פעסט צוגעוואַקסן צו אים, וואָס ער וואָלט געקאָנט אָנרופן זיינס, אַלס אייגענעם איינפאַל, גלויבן. דאָס אַלץ האָט געלעבט אין אים אַזוי ווי קייגן זיין ווילן און — נישט טיף, ערגעץ וואו אונטער דער הויט; טיפער אָבער איז געווען אַ ליידיקייט, וואָס וואַרט אָנגעפולט צו ווערן מיט אַן אַנדערן אינהאַלט. דידאָזיקע עמפינדונג פון מחלוקה און פיינדלעכקייט צווישן אים, וועלכער האָט כולל געווען, און דעם, וואָס ער האָט אין זיך כולל געווען, האָט קלים געשפירט אַלץ אָפטער און אומרויקער. ער האָט מקנא געווען קוטוזאָוון, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט גלייבן און פריידיקט רויק זיינע גלויבונגען, אָבער ער האָט אויך מקנא געווען טוראָבאָיעוון. דערדאָזיקער האָט בפירוש נישט געגלייבט אין גאָרנישט און דערצו פאַרמאָגט די דרייסטקייט אויסצולאַכן די גלויבונגען פון אַנדערע. ווען טוראָבאָיעוו האָט געשמועסט מיט קוטוזאָוון און דמיטרין, פלעגט קלימען קומען אויפן זכרון דער אַלטער מוליאַר, וועלכער האָט אַזוי גנביש און שאָדנפריידיק אונטערגעהעצט דעם נאַרישן גברן זינלאָז צו צעשמעטערן די ציגל, וואָס האָבן נאָך געטויגט צו דער אַרבעט.

סאַמגין איז געווען איבערצייגט, אַז אַלע מענטשן זענען ערגייציק, איטלעכער וויל זיך אָפרוקן פונם צווייטן בלויז דערפאַר, כדי צו ווערן אָנזעעוודיקער, פונדאַנען שווימען אַרויס אַלע חלוקי דעות, אַלע וויכוחים. אָבער ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין, אַז אַ חוץ דעם איז דאָ אין די מענטשן נאָך עפּעס אומפאַרשטענדלעכס פאַר אים. און ס'איז אויסגעוואַקסן אַן עקשנותדיקער פאַרלאַנג צו דעמאַסקירן די מענטשן, תופס צו זיין, וואָס ס'איז אַזוינס יענע פרוזשינע, וועלכע צווינגט דעם מענטש צו רעדן און האַנדלען דווקא אַזוי, און נישט אַנדערש. פאַר דעם ערשטן עקספּערימענט האָט קלים אויסגעקליבן סעראַפימאַ ניעכאַיעוואַ. זי האָט זיך אויסגעוויזן אַלס צומיינסט גינסטיק, וואָרים זי האָט נישט פאַרמאָגט דעם רייץ פון אַ פרוי און מען האָט זי געקאָנט שטודירן, צעעפנען, כאַפּן זי באַ עפּעס, נישט מורא האָבנדיק אַריינצופאַלן אין דער נאַרישער לאַגע פון גרעלו, דעם העלד פון בורזשעס באַרימטן ראָמאַן, דער ״[illegible]לער״. מאַרינאַ האָט אים אָפּגעשטויסן מיט איר פיזישער

ענערגיע און אין איר איז נישט געווען קיין שום קשהדיקס. ווען קלים פלעגט צופעליק פארבלייבן מיט איר אין צימער, האט ער זיך געפילט אין אַ סכנה אונטערן בליק פון אירע בולטע אויגן, דעמדאַזיקן בליק האט קלים געהאַלטן פאר אַן אַרויסרופנדיקן און פאַרשייטן. די ניעכאַיעוואַ האט באַזונדער פאַרשאַרפט זיין נייגיריי־קייט, כמעט היסטעריש אַ געשריי געבנדיק דמיטרין אין פנים אריין:

— פאַרשטייט זשע, איך פאַרטראָג נישט אייערע נאָרמאַלע מענטשן, איך פאַרטראָג נישט קיין פריילעכע. די פריילעכע זענען שרעקלעך נאַריש און באַנאַל.

אַ צווייט מאָל האט זי ביי אַ זאָג געטון:

— ניטשע איז געווען אַ פּאַט, אָבער ער האט זיך אָנגע־שטרענגט צו שפּילן טראַגישע ראָלן און איז אויף דעם משוגע געוואָרן.

ווען זי האט זיך געבייזערט, זענען די רויטע פלעקן פון אירע באַקן פאַרשוואונדן; דאָס פּנים, אָננעמענדיק אַן אַש־קאָליר, איז אָפּגעשטאָרבן, און אין די אויגן האָבן געגלאַנצט גרינע פונקען.

אין אַ העלן ווינטערדיקן טאָג איז סאַמגין פאַמעלעך גע־גאַנגען איבערן ברעג פון דער ניעוואַ, איינלייגנדיק אין זכרון די צומיינסט הויכע פראַזן פון אַ לעקציע. ער האט נאָך פונווייטנס באַ־מערקט די ניעכאַיעוואַ; דאָס מיידל איז אַרויסגעגאַנגען פון די טירן פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, אַריבערגעגאַנגען דעם וועג און זיך אָפּגעשטעלט באַם ספינקס, קוקנדיק אויפן טייך, וואָס איז באַדעקט געווען מיט בלענדענד גלאַנציקן שניי, ערטערווייז איז דער שניי צעריסן געווען פון ווינט און ס'האָבן זיך אָפּגעדעקט בלוילעכע אייז־פליכן. די ניעכאַיעוואַ האט זיך באַגריסט מיט קלימען, ליבלעך שמייכלענדיק, און געזאָגט מיט איר שוואַכער שטימע:

— איך גיי פון דער אויסשטעלונג. ס'זענען בלויז אַנעקדאָטן אין פאַרבן. שרעקלעך טאַלענטלאָז. איר גייט אין שטאָט אַריין? איך אויכעט.

אין דעם גרויען פּוטערל, פון האַרבסטיקן הימל־קאָליר, אין

דעם אויסטערלישן פוטערנעם היטעלע פון א העל־בלויער וויע־וויאָרקע, אריינגערוקט די הענט אין דער מופטע פון אויך אזא פו־טער, איז זי געווען באַזונדער אָנזעעוודיק. אירע שפּרייז זענען געווען וואַקלהאפטע, צו גיין אין איין טריט מיט איר איז געווען נישט באַקוועם. די העל־בלויע, פינקלענדיקע לופט האָט בריענדיק געצוויקט אירע נאָזלעכער, זי האָט באַהאַלטן די נאָז אין דער מופטע.

— אָט, ווען דאָס גאַנצע לעבן וואָלט זיך אָפּגעשטעלט ווי דערדאָזיקער טייך, כדי צו געבן די מענטשן צייט רויק און טיף אַ קלער צו געבן וועגן זיך, — האָט זי נישט דייטלעך, אין דער מופטע אריין, אַ זאָג געטון.

— אונטערן אייז פליסט פונדעסטוועגן דער טייך, — האָט געוואָלט זאָגן קלים, אָבער אַ קוק געבנדיק אין פויגלשן פּנים אריין, האָט ער געזאָגט:

— לעאָנטיעוו, דער באַוואוסטער קאָנסערוואַטאָר, האָט גע־האַלטן, אַז רוסלאַנד דאַרף מען אונטערפרירן.

— פאַרוואָס בלויז רוסלאַנד? די גאַנצע וועלט וואָלט באַ־דאַרפט פאַגליווערט ווערן אויף אַ צייט, — אָפּצורוען.

אירע אויגן האָבן זיך געמרוזשעט און געפינטלט פון דעם שטעכיקן גלאַנץ פון די שניי־פונקען. שטיל, טרוקן אונטערהוסטנדיק, האָט זי גערעדט מיט דורשטיקייט פון אַ לאַנג שווייגנדיקן, ווי מען וואָלט זי נאָר־וואָס אַרויסגעלאָזט פון איינזאַמער אָפּגעשלאָסנקייט אין תפיסה. קלים האָט איר געענטפערט מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וואָס איז זיכער, אַז ער וועט נישט הערן קיין שום אָריגינעלס, אָבער געהערט האָט ער זייער אויפמערקזאַם. איבערגייענדיק פון איין טעמאַ צו דער אַנדערער, האָט זי געפרעגט:

— ווי געפעלט אייך טוראָבאָיעוו?

און אַליין געענטפערט:

— איך פאַרשטיי אים נישט. עפּעס אַ ניהיליסט, וואָס איז צו שפּעט געבוירן געוואָרן, אַ גלייכגילטיקער צו אַלעם און צו זיך. ס'איז אַזוי מאָדנע, וואָס די קאַלטע, שמאַלקעפּיקע ספּיוואַק איז עקזאַלטירט פון אים.

— טאקע ?

— אָ, יאָ!

שווייגנדיק אַ מינוט, האָט זי אויפסניי אַ פרעג געטון, וואָס קלים טראַכט וועגן מאַרינען. און ווידער נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער, דערציילט:

— זי וועט זיין זייער גליקלעך אין אַ געוויסן, פרויִשן זי־נען פונם באַגריף וועגן גליק. זי וועט אַ סך ליבן; דערנאָך, ווען זי וועט מיד ווערן, וועט זי ליב קריגן הינט, קעץ, מיט דער לי־בע, וואָס זי האָט מיך ליב. אַזאַ זאַטע, אַ רוסישע. און אָט איך פיל זיך נישט אַלס רוסישע, איך בין — אַ פּעטערבורגערין. מאָס־קווע נעמט מיר צו מיין פאַנטאַזיע. איך קען בכלל ווייניק און פאַרשטיי נישט רוסלאַנד. מיר דאַכט זיך, — דאָס איז אַ לאַנד פון מענטשן, וועלכע זענען קיינעם נישט נייטיק און זענען זיך אַליין נישט נייטיק. אָבער אַ שטייגער דער פראַנצויז, דער ענגלענדער, — זיי זענען נייטיק דער גאַנצער וועלט, און — דער דייטש, כאָטש איך האָב נישט ליב די דייטשן.

זי האָט גערעדט אומדערמידלעך, צעמומלענדיק סאַמגינען מיט דער אומגעוויינלעכקייט פון אירע מיינונגען, אָבער הינטער זייער אומגעריכטער אָפנהאַרציקייט האָט ער נישט געפילט קיין פשטות און איז געוואָרן נאָך מער פאַרזיכטיק אין די ווערטער. אויפן ניעווסקי האָט זי פאַרגעלייגט צו טרינקען קאַווע, און אין רעסטאָראַן האָט זי זיך געפירט צו פריי פאַר אַ מיידל, ווי ס׳האָט אויסגעזעען קלימען.

— איך בין מכבד, — האָט זי געזאָגט, בעטנדיק קאַווע, ליקער, ביפשטיקס און צעשפּיליעט דאָס פוטערל; קלימען האָט אַרומגענומען אַ ריח פון אומבאַקאַנטע פאַרפומען. זיי זענען געזעסן בײַ אַ פענצטער, פאַרביי די שויבן, באַדעקטע מיט פראָסט־טוי, האָט זיך באַוועגט אַ טונקעלער שטראָם מענטשן. בייסנדיק מיט די מייזן־ציין די ביפשטיקס, האָט די ניעכאַיעוואַ פאַרגע־זעצט:

— אין רוסלאַנד רעדט מען נישט וועגן דעם, וואָס ס׳איז וויכטיק, מען לייענט נישט די ביכער, וואָס מען באַדאַרף, מען

טוט נישט דאָס, וואָס מען דאַרף טון, און מען טוט נישט פאַר זיך, נאָר כּדי צו ווייזן.

— דאָס איז אמת, — האָט געזאָגט קלים. זייער אַ סך איז אויסגעטראַכטס. און אַלע עקזאַמענירן איינער דעם אַנ־דערן.

— קוטוזאָוו איז כּמעט אַ גרייטער אָפּערן־זינגער, אָבער ער שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אייער ברודער — ער ווייסט אָן אַ שיעור, נאָר פונדעסטוועגן, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן? — איז ער — אַ פּרא אדם.

— דאָס איז אויך ריכטיק, — האָט איינגעשטימט קלים, קלערנ־דיק, אַז ס׳איז שוין צייט צו רעדן אַקייגן. אָבער די ניעכאַיעוואַ איז עפּעס ראַפּטום איינגעמידט געוואָרן, אויף אירע באַקן, פאַר־פאַרבטע פון פראָסט, זענען געבליבן בלויז ראָזלעכע פלעקן, די אויגן זענען פאַרלאָשן געוואָרן, זי האָט טרוימעריש גענומען רעדן וועגן דעם, אַז לעבן מיט דער גאַנצער נשמה איז מעגלעך בלויז אין פּאַריז, אַז דעם הייניטיקן ווינטער האָט זי געדאַ־פּט פאַרברענ־גען אין דער שווייץ, נאָר זי האָט געמוזט קומען קיין פּעטערבורג איבער זייער אַ לאַנגווייליקן ענין וועגן אַ נישט גרויסער ירושה. זי האָט אויפגעגעסן אַלע ביפשטיקס, אויסגעטרונקען צוויי גלעז־לעך ליקער, און, צוגעטרונקען די רעשט קאַווע, האָט זי שנעל, כּמעט מיט אַן אומבאַמערקבאַרן זשעסט איבערגעצלמט איר שמאָלע ברוסט.

— מסתמא אין אַ צוויי, דריי וואָכן אַרום וועל איך אַוועק־פאָרן פון דאַנען.

אָנטוענדיק די הענטשקע, האָט זי פאַרביסן די ליפּן און אַ זיפץ געטון:

— ס׳קען זיין — אויף אייביק.

און אויף דער גאַס האָט זי געפרעגט.

— איר קענט מעטערלינקן? אָ, לייענט דורכויס איבער „טענטאַזשילס טויט” און „די בלינדע”. דאָס איז — אַ זשעני! ער איז נאָך יינג, נאָר וואונדערבאַר טיף

פלוצלינג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּאַנעל, ווי פּאַר
אַ וואַנט און אויסגעשטרעקט די האַנט:

— זייט געזונט. קומט אַריין צו מיר...

זאָגנדיק דעם אַדרעס, האָט זי זיך אַרייַנגעזעצט אין אַ שליטן; ווען דאָס פּאַרפרוירענע פערד האָט האַסטיק אַ ריס געטון, האָט עס די ניעכאַיעווא אַזוי אַ שטויס געטון אויף צוריק, אַז ס'האָט זי שיער נישט אַריבערגעשליידערט איבערן אָנלען פון שליטן. קלים האָט אויך גענומען אַ שליטן און, וויגנדיק זיך, האָט ער זיך פאַר־טראַכט וועגן דעמדאָזיקן מיידל, וואָס איז נישט ענלעך צו די אַלע אים באַקאַנטע מיידלעך. אויף אַ מינוט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין איר איז אַזויווי דאָ עפּעס געמיינזאַמס מיט לידיען, אָבער ער האָט תּיכּף אָפּגעוואָרפן דידאָזיקע ענלעכקייט, געפינענדיק זי אָלם נישט שמייכלהאַפט פאַר זיך, און זיך דערמאַנט אַ בייזע באַ־מערקונג פון וואַראַווקאַ — דעם פאָטער:

— ווען מען פאַרשטייט נישט, פאַנטאַזירט מען און מען איז זיך טועה.

דאָס האָט וואַראַווקאַ געזאָגט דער טאָכטער.

די באַגעגעניש מיט דער ניעכאַיעווא האָט זי נישט געמאַכט צונגענעמער, דאָך האָט קלים דערפילט, אַז דאָס מיידל האָט אים באַזונדער פאַראינטריגירט דערמיט, וואָס זי האָט זיך געהאַלטן אין רעסטאָראַן היימיש, ווי אַ געוואוינטע באַזוכערין.

אין דעם טאָג, וואָס קלים סאַמגין איז אַוועקגעגאַנגען צו איר, איז אויף דער פאַראומערטער שטאָט געפאַלן אַן אויסטער־ליש געדיכטער שניי; ער איז געפאַלן שנעל, גלייך, זיינע פליטער־לעך זענען געווען אומגעוויינלעך גרויס און האָבן געשורשעט, ממש ווי שטיקלעך נאַס פּאַפּיר.

די ניעכאַיעווא האָט געוואוינט אין מעבלירטע צימערן, די לעצטע טיר אין עק פון אַ לאַנגן קאָרידאָר; אים האָט שוואַך באַ־לויכטן אַ פענצטער, האַלב פאַרשטעלט פון עפּעס אַ שאַנק, דאָס פענצטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ רויטלעכער, גלאַטער וואַנט, צווישן די שויבן פון די פענצטער און דער וואַנט איז שווער געפאַלן שניי, אַ גרויער, ווי אַש.

— אין וואָס פאַר אַ שמוציקער נאָרע זי וואוינט, — האָט באַמערקט קלים. אָבער אַראָפּנעמענדיק דעם פּאַלטן אין דעם קליינעם קאַרג באַלויכטענעם פּאָדערשטיבל און אַריינקומענדיק אין צימער, האָט ער דערפילט, אַז ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן לעגענדאַריש ווייט פון אונטער דעם נישט זעבאַרן הימל, צעקרישלטן אויף שניי, פון דער פאַרשנייטער נישט זעבאַרער שטאָט. וואַרעם באַלויכטן מיטן פייער פון אַ גרויסן לאָמפּ, באַדעקט מיט אַן אָראַנזש-אַבאַזשור, איז דאָס צימער באַפּוצט געווען מיט שטיקער מזרח-שטאָפן, צוגעקליבן אין בלאַסע טענער פון אַ זיך לעשנדיקער שקיעה-שטראַלונג. אויפן טיש, אויף דער קאָזעטקע, זענען פונאַנדערגעוואָרפן געלע בענדלעך פראַנצויזישע ביכער, פונקט ווי בלעטער פון אַן אויסטערליש געוויקס. די ניעכאַיעוואַ, אין אַ גאָלדיק שלאָפראָקל, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ גרינלעכן ברייטן פּאַסעק, האָט זיך באַגריסט דערשראָקן:

— זייט מוחל, איך בין אָנגעטון שטובמעסיק.

— ס׳איז גוט באַ אייך, — האָט געזאָגט קלים.

— ס׳געפעלט אייך?

זי האָט איילִיק אָנגעהויבן אָנצינדן די ספּירט-מאַשינקע, אַרויפגעשטעלט אויף איר אַ קופּערנעם טשייניק פון אַ מאָדנער פאָרם און אַ זאָג געטון:

— איך לייד נישט קיין סאַמאָוואַרן.

מיטן פוס, אין אַ גרין סאַפּיאַן-לעטשל, האָט זי אומבארחמנותדיק אַרונטערגעשטויסן אונטערן טיש די ביכער, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, צונויפגערוקט די זאַכן פון טיש אויף איין עק, צו דעם מיט טונקעלן געוואַנט פאַרהאָנגענעם פענצטער, טוענדיק דאָס אַלץ זייער שנעל. קלים האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער קאָזעטקע, צוקוקנדיק זיך. די ווינקלען פון צימער זענען אָפּגעגלעטיקט געווען מיט דראַפּעריען, אַ דריטל דערפון איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ כינעזיש ווענטל, פון הינטער דעם ווענטל האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיק פון אַ בעט, דאָס פענצטער צופיסנס פון בעט איז פאַרהאָנגען געווען מיט אַ דיקן טעפּיך פון מאַט-רויטער

פאַרב, פונקט אַזאַ מעפיך האָט באַדעקט די פאָדלאָגע. [illegible] לופט פון צימער איז געדיכט אָנגעזאַפּט מיט פאַרפומען.

— איך האָב נישט ליב קיין העלע פאַרבן, הויכע מוזיק, גלייכע ליניעס. דאָס אַלץ איז צו רעאַל, און במילא — פאַלש, — האָט געהערט קלים.

פון דעם מיידלס קאַנטיקע באַוועגונגען האָבן די אַרבל פון שלאָפראָק זיך צעבלאָזן פונקט ווי פליגל, אין אירע בלאָנזשענדיקע הענט האָט קלים געפונען עפּעס, וואָס האָט דערמאַנט אָן טאָמילינס בלינדע הענט, און גערעדט האָט די ניעכאַיעוואַ מיט לידיעס קאַפּריזן טאָן, ווען יענע איז געווען אַ מיידעלע פון דרייצען, פערצען יאָר. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מיידל איז פון עפּעס צעטומלט און האַלט זיך ווי אַ מענטש, וואָס איז אומגעריכט בײַ עפּעס געפּאַקט געוואָרן. זי האָט פאַרגעסן זיך איבערצוטון, דער כאַלאַט איז אַראָפּגעקראָכן פון אירע אַקסלען, אָפּדעקנדיק די שליסלביינער און דאָס לייב פון דער ברוסט, וועלכעס איז באַפאַרבט געווען דורך פייער פון לאָמפּ אין אַ נישט באַטירלעכן קאָליר.

בײַ דער טיי האָט קלים דערהערט, אַז דאָס אמתדיקע און אייביקע איז באַהאַלטן אין דער טיפעניש פון דער נשמה, און דאָס גאַנצע אויסערלעכע, די גאַנצע וועלט — איז אַ פאַרפלאָנטערטע קייט פון שלימזלדיקייטן, טעותים, פון משונהדיקע אומגעראָטנקייטן, נעבעכדיקע פּרוּוון אויסצודריקן די אידעאַלע שיינקייט פון דער וועלט, וואָס איז פאַרשלאָסן אין די דמיונות פון אויסדערוויילטע מענטשן.

— אָ, איך האָב פאַרגעסן! — האָט זי פּלוצלינג אָפּרייסנדיק זיך פון דער קאָזעטקע אויסגעשריגן און אַרויסנעמענדיק פון שענקעלע אַ פלאַש וויין, ליקער, אַ שעכטל שאָקאָלאַד און ביפּשטיקס, האָט זי דאָס אַלץ אויסגעשפּרייט איבערן טיש, און דערנאָך, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס אָן טיש, מיט אַנטבלויזטע דינע הענט, געפרעגט:

— איר קענט טראַכטן וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון קיום?

קלימען האָט זיך פאַרגלוסט אַ שמייכל צו טון, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און סאָליד געענטפערט:

— טיילמאָל רעגט עס זייער אויף.

און באַמערקנדיק, אַז דער ניעכאַיעוואַס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט ער צוגעגעבן:

— ס׳מאַכט זיך, — כאַפּסט זיך אויף אינדערפרי און גיסט אַ קלער, אַז בחינם האָסטו זיך אויפגעכאַפּט.

די ניעכאַיעוואַ האָט באַשטעטיקנד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— יאָ, איר דאַרפט נאַטירלעך פילן טאַקע אַזוי. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען פון אייער איינגעהאַלטנקייט, פון אייער שטענדיק ערנסטן שמייכל, וואָרים ווי שיין איר שוויגט, ווען אַלע שרייען. און — ווען וואָס?

זי האָט צונויפגעקרייצט די הענט אויף דער ברוסט און אַרויפלייגנדיק די דלאָניעס אויף אירע שפּיציקע אַקסלען, פאַרגעזעצט מיט אויפגעבראַכטקייט:

— פאָלק, אַרבעטער־קלאַס, סאָציאַליזם, בעבעל, — איך האָב געלייענט זיין „פרוי“, גאָט מיינער, ווי לאַנגווייליק דאָס איז! אין פּאַריז און אין גענף האָב איך באַגעגנט סאָציאַליסטן, דאָס זענען מענטשן, וואָס באַגרענעצן זיך באַוואוסטזיניק. אין זיי איז פאַרהאַן עפּעס בשותּפותדיקס מיט מאָנאַכן, זיי זענען אויך אַזוי נישט פריי פון צביעות. זיי אַלע זענען, מער אָדער ווייניקער, ענלעך צו קוטוזאָוון, אָבער אָן זיין קאָמישער, פּויערישער מילדקייט צו מענטשן, וועלכע ער קאָן נישט אָדער וויל נישט פאַרשטיין. קוטוזאָוו אַליין איז נישט קיין נאַר און גלייבט, דאַכט זיך, אין אַלץ, וואָס ער רעדט, אָבער די קוטוזאָווטשינע, די אַלע פאַרנעפּלטקייטן: פאָלק, מאַסן, פירער, ווי פאַרברעכעריש דאָס אַלץ איז!

זי האָט אַזש אויפגעציטערט, אירע הענט זענען לעבנסלאָז אַראָפּגעקראָכן פון די אַקסלען. אויפהייבנדיק צום פייער פון לאָמפּ אַ קליינטשיק כוסהלע, ענלעך צו אַ בלימל מיט אַ לאַנג שטענגל, האָט זי באַוואונדערט דעם גיפטיק־גרינעם קאָליר פונם ליקער, האָט

אים אויסגעטרונקען און זיך פאַרהוסט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האַלטנדיק צוגעלייגט דאָס טיכל צום מויל.

— פאַר אייך איז דאָס שעדלעך, — האָט געזאָגט קלים, א קליינן געבנדיק מיטן נאָגל איבער זיין גלאָז, — די ניעכאַיעוואַ האָט הוסטנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין, און דערנאָך, שווער עטעמענדיק, דערציילט, מיט פּויזעס צווישן די פראַזן, וועגן ווערלענען, וועלכן ס'האָט אומגעברענגט דער אַבסענט, די „גרינע פעיע".

— ליבע און טויט, — האָט געהערט קלים אין עטלעכע מינוט אַרום, — אין דידאָזיקע צוויי סודות איז פאַרבאָרגן דער גאַנצער שרעקלעכער זינען פון אונזער זיין, אַלעס איבעריקע אָבער, — אויך די קוטוזאָווסשטשינע — זענען בלויז אומגעלונגענע, פּחדנותדיקע פּרוּוון אָפּצונאַרן זיך אַליין מיט שטותרייען.

קלים האָט געפרעגט:

— איז דען הומאַניזם — שטותריי? — און ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן, דערוואַרטנדיק, אַז זי וועט אָנהייבן רעדן וועגן ליבע, ס'וואָלט געווען טשעקאַווע צו הערן, וואָס עס וועט זאָגן וועגן ליבע דאָסדאָזיקע קערפּערלאָזע מיידל. אָבער אָנרופנדיק דעם הומאַניזם „קליינבירגערלעכער טרוים וועגן אַלגעמיינער זאַטקייט", אַ טרוים, „וואָס זיין נישט אויספירבאַרקייט איז דערוויזן דורך מאַלטוסן", — האָט די ניעכאַיעוואַ גענומען רעדן וועגן טויט. מתחילת האָט קלים געהערט אין איר טאָן עפּעס קירכלעכס, זי האָט אפילו אַרויסגעברענגט עטלעכע סטראָפעס פון די געזאַנגען בײַ דער הספד-ליטורגיע, אָבער דידאָזיקע אַבלדיקע סטראָפעס האָבן אַ קלונג געטון מאַט. פלייסיק אויסווישנדיק די גלעזלעך פון זיינע ברילן מיט אַ שטיקל זאַמש, האָט קלים געקלערט, אַז די ניעכאַיעוואַ רעדט, ווי אַ זקנה. אָנגעבויגן דעם קאָפּ, האָט ער נישט געקוקט אויף דעם מיידל, מורא האָבנדיק, אַז זי זאָל צומאָל נישט פאַרשטיין, אַז ס'איז אים לאַנגווייליק מיט איר. דאַכט זיך, זי פאַרשטייט דאָס שוין אָדער זי איז איינגעמידט געוואָרן, אירע ווערטער קלינגען אַלץ שטילער. קלים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָלט

אַנטוּן די ברילן און נישט געקאָנט דאָס טון, זיינע הענט האָבן פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פון טיש.

— ניין, איר גיט נאָר אַ קלער, — האָט מיט אַ האַלבן פליסטער געערעדט די ניעכאַיעוואַ, אָנבייגנדיק זיך צו אים, האַלטנ־דיק אין דער לופט די ציטערנדיקע האַנט מיט די דינינקע ביינ־דעלעך פון די פינגער; אירע אויגן האָבן זיך אומנאַטירלעך פאַרברייטערט, דאָס פּנים האָט אויסגעזען נאָך מער שפּיציק, ווי ס'איז תּמיד געווען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנלען פון דער שטול, הערנדיק דעם ווייכן האַלב־פליסטער:

— עפּעס אַ געהיימנישפולער כּוח וואַרפט אַריין דעם מענטש אין דערדאָזיקער וועלט אַ שוצלאָזן, אָן פאַרשטאַנד און שפּראַך, דערנאָך, אין דער יוגנט, אָפּרייסנדיק זיין נשמה פון קערפּער, מאַכט ער זי אַלס אָנמעכטיקע צוקוקערין פון די פיינלעכע יסורים פון קערפּער. נאָכדעם שטעקט אָן דערדאָזיקער טייוול דעם מענטש מיט קרענקלעכע נטיות, און אויספּייניקנדיק אים, האַלט ער אים לאַנג אין חרפּה פון אַלטקייט, אַלץ נאָך נישט פאַרלעשנדיק אין אים דעם דורשט נאָך ליבע, נישט צונעמענדיק אים די געדעכעניש וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן די פונקען פון גליק, וואָס האָבן מינוטנווייז פאַרפירעריש אויפגעבליצט פאַר אים, נישט דערלויבנ־דיק צו פאַרגעסן אָן די איבערגעלעבטע צרות, מאַטערנדיק אים מיט קנאה צו די פריידן פון די יינגע. ענדלעך, אַזוי ווי נעמענדיק נקמה באַם מענטש דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערוועגט צו לעבן, טייט אים די אומרחמנותדיקע קראַפט. וואָס פאַר אַ זינען איז אין דעם? וואוהין פאַרשווינדט יענער מאָדנער יש, וועלכן מיר רופן אָן נשמה?

זי האָט שוין נישט געפליסטערט, איר שטימע האָט געקלונ־גען געגנוג הויך און איז אָנגעזאָפּט געווען מיט צאָרניקן פּאַטאָס. איר געזיכט האָט זיך גרויזאַם אויסגעקרומט, דערמאָנענדיק קלי־מען די מכשפה אויפן בילדל פון אַנדערסענס מעשהלעך. דער טרוקענער גלאַנץ פון די אויגן האָט געקיצלט זיין פּנים, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין איר בליק ברענט אַ בייז און נקמהדיק גע־פיל. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערוואַרטנדיק, אַז דאָס

דאָזיקע אויסטערלישע ווען וועט אין דער פאָלגנדיקער מינוט אַרויסשרייען מיט דעם פאַרצווייפלטן געשריי פון דער משוגענער דאָקטאָרין סאָמאָוואַ:

— ניין, ניין, ניין!

ווען קלים סאַמגין האָט געליטן ביכער און לידער אויף טעמעס וועגן ליבע און טויט, האָבן זיי אים נישט אויפגערעגט. אַצינד אָבער, ווען די געדאַנקען וועגן טויט און וועגן ליבע האָבן זיך אַרומגעוויקלט מיט די צאַרניקע ווערטער פון דעם קליינעם. כמעט העסלעכן מיידל, האָט קלים פלוצלינג דערפילט, אַז דידאָזיקע געדאַנקען האָבן מוראדיק אים אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ און אין קאָפּ אַריין. אין אים האָט אַלץ זיך צעווייפּגעפּלאָנטערט און צעווייפּגעקנוילט, ווי אַ רויך. ער האָט שוין נישט געהערט דער ניעכאַיעוואַס אויפגערעגטע רייד, נאָר געקוקט אויף איר און געקלערט: פאַרוואָס איז דווקא דידאָזיקע נישט שיינע, מיט דער פלאַטשיקער ברוסט, די קראַנקע אויף אַ געפערלעכער קרענק, פאַרמשפּט געוואָרן דורך עמעצן צו טראָגן אין זיך אַזעלכע אומהיימלעכע געדאַנקען? דאָ איז פאַרהאַן עפּעס משונהדיק אומגערעכטיקס. ער האָט רחמנות געקריגן אויף דעם מענטש, וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן מיט קראַנקייט סיי פון קערפּער, סיי פון דער נשמה. ער האָט דאָס ערשטע מאָל איבערגעלעבט דאָס געפיל פון רחמנות מיט אַזאַ שאַרפקייט, בכלל איז דאָסדאָזיקע געפיל אים קנאַפּ באַקאַנט געווען.

ער האָט געגומען פון טיש אַ כוסהלע, ענלעך צו אַ בליבל, פון וועלכן ס׳זענען אויסגעצויגן געוואָרן די פאַרבן, און צוקוועטשנדיק דאָס דינע שטענגל דערפון צווישן די פינגער, האָט ער געזאָגט, אַ זיפץ געבנדיק:

— אייך איז שווער צו לעבן מיט אַזעלכע געדאַנקען...

— נו און אייך? און אייך?

זי האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער אַזוי מאָדנע, גלייך זי וואָלט נישט געפרעגט, נאָר געבעטן. איר צעפלאַמט פּנים איז ביסלעכווייז געוואָרן בלאַס, איז איינגעאַנגען, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט שענער

קלימען האָט זיך פאַרגלוסט צו זאָגן איר עפּעס אַ ליבלעך וואָרט, אָבער ער האָט צעבראָכן דאָס פּיסל פון גלעזל.

— איר האָט זיך איינגעשניטן? — האָט אויסגעשריגן דאָס מיידל אויפשפּרינגענדיק און צולויפנדיק צו אים.

— אַ ביסעלע, — האָט ער שולדיק געענטפערט, ארומוויקלענדיק דעם פינגער מיט אַ טיכל, און די ניעכאַיעוואַ האָט, אַ גלעט געבנדיק זיין דלאָניע מיט איר אומנאַטירלעך הייסער האַנט, דאַנקבאַר מיט אַ האַלב קול, געזאָגט:

— ווי טיף איר פילט.

זי האָט אַ לויף געטון איבערן צימער, צעריסן אַ נאָז־טיכל, פאַרגאָסן דעם שניט מיט עפּעס ברענענדיקס, דערנאָך, פעסט ארומבינדנדיק דעם פינגער, פאַרגעלייגט:

— טרינקט אויס אַ גלעזל וויין.

און אַנגיסנדיק זיך ליקער, האָט זי אויפסניי זיך געזעצט צום טיש.

אַ מינוט, צוויי האָבן זיי געשוויגן, נישט קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן. קלים האָט איינגעפונען, אַז ווייטער שווייגן איז שוין נישט באַקוועם און אים האָט זיך געוואָלט, אַז די ניעכאַיעוואַ זאָל נאָך רעדן. ער האָט געפרעגט:

— איר האָט ליב שאָפּענהויערן?

— איך — כ'האָב געלייענט, — האָט נישט באַלד זיך אָפּגערופן דאָס מיידל. — אָבער, זעט איר: צו נאַקעטע ווערטער דערגייען נישט צו מיין נשמה. איר געדענקט בא טיוטשעוון: „דער אויסגעטייטשטער געדאַנק איז אַ ליגנט". פאַר מיר איז מעטערלינק מער פילאָזאָף, ווי דעראָזיקער גראָבער און בייזער דייטש. דאָס אויסגעזונגענע וואָרט איז טיפער, באַדייטנדיקער פון דעם געזאָגטן. איר וועט מסתמא מסכים זיין, אַז בלויז די העכסטע קונסט — די מוזיק איז מסוגל אַנצורירן די טיפענישן פון דער נשמה.

אַ זיפץ געבנדיק, האָט זי אַראָפּגעדרייט דאָס פייער פון לאָמפּ. אין צימער איז געוואָרן ענגער, אַלע זאַכן און די ניעכאַיעוואַ גופא האָבן זיך צוגערוקט נענטער צו סאַמגינען. ער האָט איינשטימיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— מעטערלינקן איז אויך נישט פרעמד די עטיק פון מיט־לייד און אפשר האָט ער זי געגומען באַ שאָפּענהויערן... אָבער — נאָכוואָס דאַרפן האָבן מיטלייד פאַרמשפּטע צום טויט?

איינקוקנדיק זיך אין דער אָראַנזש־טונקלקייט איבערן קאָפּ פון דעם מיידל, האָט קלים זיך געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט זי פאַרמינערט דאָס פייער?

די ניעכאַיעווא האָט זיך איינגעבויגן, אָפּערשליידערנדיק מיטן פוס פון אונטערן טיש די געלע ביכלעך און גערעדט אונטערן טיש אַרונטער:

— מיר לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון אכזריות... דאָס גיט אונז דאָס רעכט צו זיין אכזריותדיק אין אַלעם... אין שנאה, אין ליבע...

איידער סאַמגין האָט זיך משער געווען צו העלפן איר, האָט זי אויפגעהויבן פון פּאָדלאָגע אַ ביכל און צעעפנענדיק עס, האָט זי שטרענג געזאָגט:

— אַט, הערט...

מיט אַ האַלב קול, אויסציענדיק די וואָקאַלן, האָט זי אָנגעהויבן לייענען פערזן; זי האָט געלייענט אַנגעשטרענגט, מאַכנדיק אומגעריכטע פּויזעס און דיזשירירנדיק מיט דער ביזן עלנבויגן אַנטבלויזטער האַנט. די פערזן זענען געווען זייער מוזיקאַליש, אָבער זייער זינען אומבאַגרייפלעך; זיי האָבן גערעדט וועגן מיידלעך מיט גאָלדענע בענדער אויף די אויגן, וועגן דריי בלינדע שוועסטערן. בלויז אין די צוויי שורות:

„באַדויער מיך דערפאַר, וואָס איך צעגער
אויף דער גרענעץ פון מיין באַגער...“

האָט קלים דערהערט עפּעס האַלב פאַרשטענדלעכס, אַזויווי אַ געוויסן אַרויסרוף אָדער אַנצוהערעניש. ער האָט פרעגנדיק אַ בליק געטון אויף דעם מיידל, אָבער זי האָט געקוקט אין בוך אַריין. איר רעכטע האַנט האָט געבלאָנזשעט אינדערלופטן, מיט דערדאָזיקער האַנט, אַ בלוילעכע אין דער טונקלקייט און, אַזוי־

ווי אַן אַנלייביקע, האָט די ניעכאַיעוואַ אָנגערירט איר פּנים, די ברוסט, אַקסל, גלייך זי וואָלט נישט פאַרענדיקט זיך געצלמט אָדער זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן דערין, אַז זי עקזיסטירט.

קלים האָט געפילט, אַז דער ווייַן, דער ריח פון די פּאַרפומען און די לידער באַרוישן אים אומגעוויינלעך. ער האָט ביסלעכווייַז זיך אונטערגעגעבן אַ נאָך נישט פאַרזוכטן אומעט, וועלכער האָט אַלץ געמאַכט פאַרבלאָזן און אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג זיך נישט צו באַוועגן, נישט צו הערן, נישט צו קלערן וועגן גאָרנישט. ער האָט טאַקע נישט געקלערט, צוהערנדיק זיך, ווי ס'פאַרשווינדט אין אים דער שווערער איינדרוק פון דעם מיידלס רייד.

ווען זי האָט, פאַרענדיקנדיק דאָס לייענען, אַוועקגעוואָרפן דאָס בוך אויף דער קאָזעטקע און מיט אַ ציטערדיקער האַנט זיך אָנגעגאָסן נאָך ליקער, האָט סאַמגין, רייבנדיק דעם שטערן, זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאָר־וואָס אויפגעוואַכט. ער האָט מיט פאַרוואונדערונג דערפילט, אַז ער וואָלט נאָך לאַנג געקאָנט הערן די קלאַנגפולע, נאָר ווייניק פאַרשטענדלעכע לידער אויף דער פרעמדער שפּראַך.

— ווערלען, ווערלען, — האָט צוויי מאָל אָפּגעזיפצט די ניעכאַיעוואַ. — ער איז ווי אַ געפאַלענער מלאך...

און זי האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער קאָזעטקע, מיט אומגעוויינלעכער לייכטקייט אַראָפּוואַרפנדיק איר קערפּער פון דער שטול.

— איר האָט זיך איינגעמידט — האָט געפרעגט קלים.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוק געטון אין מיידלס פּנים, אַ גרויעס מיט רויטע פלעקן בײַ די שלייפן.

— איך דאַנק אייך, — האָט ער איילִיק געזאָגט. — אַ מערקווירדיקער אָוונט. הייבט זיך נישט אויף, כ'בעט אייך...

— קומט צו גיין וואָס גיכער, — האָט זי אַ בעט געטון, צונויפדריקנדיק זיין האַנט מיט די הייסע ביינדלעך פון אירע פינגער. — איך וועל דאָך אינגיכן פאַרשווינדן.

מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי אים דערלאַנגט אַ בוך:

— און דאָס לייענט איבער...

אינדרויסן איז דער שניי נאָך אַלץ געפאַלן און געפאַלן אַזוי געדיכט, אַז ס'איז שווער געווען צו עטעמען. די שטאָט איז אינגאַנצן אַנטשטומט געוואָרן, פאַרשוואונדן אין ווייסן פוך. די לאַמטערן, באַדעקטע מיט דיקע טשיפּעקלעך, זענען געשטאַנען אין ליכט־פּיראַמידעס. אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון פאַלטן, די הענט אַריינגערוקט אין די קעשענעס, האָט קלים געשפּרייזט איבער דעם קלאַנגלאָזן שניי נישט געאײַלט, איבערקלייבנדיק די אײַנדרוקן פון אָוונט. ווייס אַש איז געפאַלן אויפן פּנים און שנעל צעגאַנגען, פרישנדיק די הויט. קלים האָט בייז אַראָפּגעשאָקלט די טראָפּעלעך וואַסער פון דער אייבערשטער ליפּ און דער נאָז, שפּירנדיק, אַז ער טראָגט אין זיך אַ דריקנדיקע שווערקייט, אַן אומהיימלעכן חלום, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן. פאַר אים, אין שניי, האָט געציטערט אַ פּנים פון אַן אַלטער כשופמאַכערין; ווען קלים האָט צוגעמאַכט די אויגן, כדי עס נישט צו זעען, איז עס געוואָרן נאָך דייטלעכער, און דער טונקעלער בליק האָט עפּעס עקשנותדיק געפאָדערט. אָבער דער שניי און דאָס אויסגעצייכנט אַנטוויקלטע געפיל פון זעלבסטפאַרהיטונג האָבן שנעל געוועקט אין קלימען פּראָטעסטירנדע געדאַנקען. צווישן דער אויסערלעכקייט פון דעם מיידל, אירע גרויסע ווערטער און דער שיינקייט פון די לידער, וועלכע זי האָט איבערגעלייענט, איז געווען עפּעס אויספאַלנד נישט פאַרייַנבאַרעס. מען קאָן קלערן, אַז דערדאָזיקער נעבעכדיקער קערפּער איז כולל אין זיך אַ פרעמדע נשמה. דערנאָך האָט סאַמגין אַ קלער געטון, אַז די ניעכאַיעוואַ טרינקט צופיל ליקער און עסט קאָנפעקטן מיט ראָם.

— אַ קראַנקער מענטש. ס'איז באַטירלעך, וואָס זי קלערט און רעדט וועגן טויט. געדאַנקען פון דעם מין, — וועגן תכלית פון זײַן וכדומה — איז נישט פאַר איר, נאָר פאַר געזונטע מענטשן. פאַר קוטוזאָוו, למשל... פאַר טאָמילינען.

דערמאָנט זיך קאָטוזאָוו'ס לאַנגווײַליקע רייד, האָט קלים אַ שמייכל געטאָן:

— קאָטוזאָוושטשינע, דאָס איז נישט שלעכט.

צוגייענדיק צו זיך אַהיים, האָט קלים סאַמגין שוין באַוויזן זיך איבערצוצייגן, אַז דער עקספּערימענט מיט דער ניעכאַיעוואַ איז פּאַרענדיקט, די פּרוזשינע, וואָס ווירקט אין איר — איז די קראַנקייט. און ס'האָט נישט קיין זינען צו הערן אירע היסטערישע רייד, אַרויסגערופֿענע דורך דער מורא פֿאַרן טויט.

— אינדעראמתן איז אַלץ זייער פּשוט...

באַנאַכט האָט ער איבערגעלייענט מעטערלינקס „בלינדע". די מאָנאָטאָנישע שפּראַך פֿון דערדאָזיקער דראַמע אָן אַקציע האָט אים פֿאַרהיפּנאָטיזירט, אָנגעפֿילט מיט נעפּלהאַפֿטן טרויער, אָבער דעם זינען פֿון דער פּיעסע האָט קלים נישט משיג געווען. אוועקוואַרפֿנדיק מיט פֿאַרדראָס דאָס בוך אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער געפּרוווט איינשלאָפֿן און נישט געקאָנט. די געדאַנקען האָבן זיך אומגעקערט צו דער ניעכאַיעוואַ, אָבער ס'האָט זיך געטראַכט וועגן איר ווייכער. דערמאָנענדיק זיך אירע ווערטער וועגן דעם רעכט פֿון די מענטשן צו זיין אַכזריותדיק אין דער ליבע, האָט ער זיך געפֿרעגט:

— וואָס האָט זי געוואָלט זאָגן מיט דעם?

נאָכדעם האָט ער מיטפֿילנד אַ זיפֿץ געטאָן:

— ס'וועט זיך מסתמא נישט געפֿינען קיין מענטש, וואָס זאָל זי ליב קריגן.

זיינע מידע אויגן האָבן געזעען אין דער פֿינצטערניש פֿון צימער אַ מענגע געשפּענסטלעכע, גרויע שאָטנס און צווישן זיי אַ קליינינק מיידל מיט אַ פּנים פֿון אַ פֿויגל און מיט אַ גלאַטיק פֿאַרקעמטן קאָפּ אָן אויערן, באַהאַלטענע אונטער די האָר.

— אַ פֿאַרבלענדטע פֿון שרעק...

די שאָטנס האָבן זיך געוויגט, ווי קוים באַמערקבאַרע אָפּשפּיגלונגען פֿון האַרבסטיקע וואָלקנס אויפֿן טונקעלן וואַסער פֿון אַ טייך. די באַוועגונג פֿון דער פֿינצטערניש אין צימער, ווערנדיק

פון דעם אויסגעדאַכטן — אַווירקלעכקייט, האָט פאַרטיפט דעם טרויער. דער דמיון, שטערנדיק אי צו שלאָפן אי צו קלערן, האָט אָנגעפולט די פינצטערניש מיט איינאַרטיקע טענער, מיט אַן עכאָ פון אַ ווייטן געקלאַנג אָדער מיט נאָגנדיקע טענער פון אַ פידל, פאַרטויבט פון אַ סורדינקע. די שוואַרצע שויבן פון די פענצטער האָבן לאַנגזאַם געבלאַקירט אָננעמענדיק דעם קאָליר פון בליי.

קלים האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָך האַלבן טאָג אין דער שטילער מונג פון אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעלעבט בעכטן עפּעס באַדייטנדיקס און קאָן נישט פאַרשטיין: צי האָט ער געוואונען אָדער אָנגעוואוירן? דער איינגעוואוינטער לייכטער גאַנג פון זיינע טראַכטונגען וועגן זיך איז געווען אָנגעשטרענגט, באַשווערט. ער האָט שלעכט געהערט זיינע געדאַנקען און דידאַזיקע טויבקייט האָט געערגערט. דער זכרון איז פאַרשטויבט געווען מיט אַ כאַאָס פון אויסטערלישע ווערטער, לידער, מיט די באַקלאַגענישן פון די „בלינדע", מיטן ווייכן פליסטער, בייזע אויסרופן פון דער ניעכאַיעווע. אָנטוענדיק זיך, האָט ער בייז אויפגעהויבן פון דער פאַדלאָגע דאָס בוך; ער האָט שטייענדיקערהייט איבערגעלייענט אַ צייטל און אַוועקשליידערנדיק דאָס בוך אויפן בעט, האָט ער אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס. הינטערן פענצטער איז נאָך אַלץ געפאַלן דער שניי, אָבער שוין אַ מער טרוקענער און דראָבנער.

קלים סאַמגין האָט באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין פון צימער, אָבער די דינסט האָט, דערלאַנגענדיק די קאַווע, געזאָגט, אַז באַלד וועלן אַריינקומען די פאַדלאָגע-פוצערס. ער האָט גענומען דאָס בוך און איז אַריבערגעגאַנגען אין ברודערס צימער אַריין. דמיטרי איז נישט געווען, באַם פענצטער איז געשטאַנען טוראָבאָיעוו אין סטודענטישן סורדוט, פּויקנדיק מיט די פינגער אין שויב אַריין, ער האָט געקוקט ווי פויל ס'קריכט אין הימל אַריין אַ האָריקער וואָלקן רויך.

— אַ שרפה, — האָט ער געזאָגט, אַ דריק געבנדיק סאַמגינס האַנט שוואַך און ביטולדיק, ווי תּמיד.

צווישן דער נישט גלייכער ליניע דעכער, וואָרעם אָנגעטוענע

מיט שניי, האָט איינער פון זיי געריכט מיט אַ שיטערן, גרויען רויך; איבערן דיקן שיכט שניי זענען שווער געקראָכן קופּערקעפּיקע מענטשן, אויך גרויע, ווי דער רויך.

אין דעמדאָזיקן בילד האָט קלים דערזען עפּעס איבער־ראַשנד אומעט־קס.

— ס'וויל נישט ברענען, — האָט געזאָגט טוראַבאַיעוו און איז אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער. הינטער זיין פּלייצע האָט קלים דערהערט טוראַבאַיעווס שטילן אויסרוף:

— אַ, מעטערלינק...

אונטערגעבנדיק זיך דעם פאַרלאַנג אַ שטאָך צו געבן דעם נישט אָנגענעמען מענטש, האָט קלים אַ זאָג געטון אין זכרון אַ שאַרף באַליידיקנד וואָרט, אָבער נישט געפינענדיק עס, אַרויס־געמורמלט:

— שטותעריי.

טוראַבאַיעוו האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט ווידער זיך אַנידערגעשטעלט לעבן קלימען און, צוהערנדיק זיך צו עפּעס, גענומען רעדן שטיל, גלייכגילטיק:

— ניין, פאַרוואָס זשע שטותעריי? ס'איז זייער קונציק גע־מאַכט, — ווי אַן אַלעגאָריע מדריך צו זיין עלטערע קינדער. די בלינדע — דאָס איז די היינטיקע מענטשהייט, דעם פירער קען מען, אַז מען וויל, פאַרשטיין אַלס דעם פאַרשטאַנד אָדער אַלס גלויבן. באַר, איבעריקנס, איך האָב נישט צוגעלייענט דידאָזיקע געשיכטע ביזן סוף.

קלים איז אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער מיט פאַרדראָס אויף זיך. ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט נישט באַגרייפן דעם זינען פון דער פּיעסע. צווענצנדיק זיך אויף אַ שטול, האָט טוראַבאַיעוו פאַררוי־כערט אַ פּאַפּיראָס, אָבער ער האָט אים באַלד נערוועיש אַריינגע־שטופּט אין אַש-טעצל.

— דאָס ציוויליזירט אייך די ניעכאַיעווא? זי האָט מיך אויך געפּרוווט אַנטוויקלען, — האָט ער געזאָגט, פאַרטראַכט אי־בערבלעטערנדיק דאָס ביכל. — זי האָט ליב שפּיציקס. זי האַלט,

הפנים, איר מוח פאַר עפּעס אַ מין קישעלע אויף שפּילקעס, — איר ווייסט, אַזוינע קישעלעך אָנגעפּאַקטע מיט זאַמד?

— זי איז זייער אָנגעלייענט, — האָט קלים געזאָגט, כּדי צו זאָגן עפּעס, און טוראַבאַיעוו האָט שטיל צוגעגעבן צו זיינע ווער־טער: — אַ האַרבסט־פליג...

אין סופיט אַריין האָט מען פונדערהייך דריי מאָל אַ קלאַפּ געטון מיט עפּעס שווערס, מיט אַ פּיסל פון אַ שטול, ווייזט אויס. טוראַבאַיעוו איז אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוק געטון אויף קלימען, ווי אויף אַ ליידיק אָרט און צונאָגלענדיק אים מיטן דאָזיקן בליק צום פענצטער, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

— ער איז געגאַנגען צו דער ספּיוואַק, דאָס האָט זי גע־קלאַפּט, — האָט זיך אָנגעשטויסן קלים, קוקנדיק אויף דעם דאַך, וואו די פייערלעשער, צעטרעטנדיק דעם שניי, האָבן אים געצוואוּנ־גען דערמיט נאָך געדיכטער צו רויכן מיט אַ גרויען רויך.

— ער איז אַליין — אַ האַרבסט־פליג, טוראַבאַיעוו.

ס'איז אַריינגעקומען מאַרינאַ, נישט אָנקלאַפּנדיק, אַזויווי אין איר צימער אַריין.

— איר ווילט טיי?

— יאָ, אַ דאַנק.

ביים קוקנדיק אין קלימס פּנים אַריין, האָט זי געפרעגט:

— וואו איז אייער ברודער?

— איך ווייס נישט.

זי האָט זיך אומגעדרייט צו דער טיר, נאָר צומאַכנדיק זי, איז זי ווידער צוגעגאַנגען צו סאַמגינען.

— ער האָט נישט געטעכטיקט אינדערהיים, — האָט זי שטרענג אַ זאָג געטון.

קלים האָט אַ שמייכל געטון:

— דאָס טרעפט מיט יינגעלייט.

געדיכט רויט ווערנדיק, האָט מאַרינאַ געפרעגט:

— איר רעדט, דאַכט זיך, בבול־פּה? אָבער ווייסט איר, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט אַרבעטער און אַז פאַר דעם...

נישט דערעדנדיק, איז זי אַוועקגעגאַנגען איידער סאַמגין

האָט באַוויזן, אַן אויפגעבראַכטער פון איר טאָן, איר צו זאָגן, אַז ער איז נישט דמיטריס גוווערנער.

— אַ נאַר, — האָט ער געזידלט, אַרומגייענדיק איבערן צי־מער. — אַ גראָבער נאַר.

ס׳איז אים געקומען אויפן זינען, ווי איינמאָל, אַריינקומענ־דיק אין עסצימער, האָט ער דערזעען, אַז מאַרינאַ שטייט אין איר צ׳מער קייגנאיבער קוטוזאָוון, שלאָגט מיט דער רעכטער פויסט אין דער לינקער האַנט־פלאַך אַריין, רעדנדיק אין פנים אַריין פון דעם בערדיקן סטודענט:

— איך בין — אַ באַ־בע! אַ באַ־בע!

מתחילת האָבן אירע אויסרופן זיך אויסגעוויזן קלימען אַלס אויסרופן פון פאַרוואונדערונג אָדער באַליידיקונג. זי איז געשטאַ־נען צו אים מיטן רוקן, ער האָט נישט געזעען איר געזיכט, אָבער אין די פאָלגנדע סעקונדעס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי רעדט מיט רציחה און הגם נישט הויך, אויף נידעריקע טענער, איז זי פונ־דעסטוועגן מסוגל באַטויבנדיק אַ געשריי צו טון, צו נעמען טופען מיט די פיס.

— איר פאַרשטייט? — האָט זי געפרעגט, באַגלייטנדיק איט־לעכעס וואָרט מיט אַן אָפּהילכנדיקן קלאַפּ פון דער פויסט איבער דער ווייכער האַנט־פלאַך. — ער האָט זיין וועג. ער וועט זיין אַ געלערנטער, יאָ! אַ פּראָפעסאָר.

— ריטשעט נישט, — האָט געזאָגט קוטוזאָוו.

ער איז געווען העכער פון מאַרינען מיט אַ האַלבן קאָפּ און ס׳איז קענטיק געווען, אַז זיינע גרויע אויגן באַטראַכטן דעם מיידלס פנים מיט נייגיר. מיט איין האַנט האָט ער געגלעט די באָרד, אין דער אַנדערער, דער אַראָפּגעלאָזטער לענגאויס דעם קערפּער, האָט זיך גערויכט אַ פּאַפּיראָס. מאַרינעס רציחה איז געוואָרן אַלץ גע־דיכטער, באַמערקבאַרער.

— ער איז תמימותדיק, ערלעך, נאָר ער פאַרמאָגט נישט קיין ווילן...

— אוי, כ׳האָב אייך, דאַכט זיך, דאָס קלייד פאַרברענט, — האָט אויסגעשריגן קוטוזאָוו, אָפּרוקנדיק זיך פון איר. מאַרינאַ האָט

זיך אויסגעדרייט, דערזעען קלימען און איז אַרויסגעגאַנגען אין עסצימער אַריין פונקט מיט אַזאַ צעפּלאָמט פּנים, ווי זי האָט איצט געהאַט.

דעם ברודערס לעבן האָט קלימען נישט אינטערעסירט, אָבער נאָך דער־אַזיקער סצענע האָט ער אָנגעהויבן מער אויפמערקזאַם נאָכצוקוקן דמיטרין. ער האָט אײַנגיכן זיך איבערצייגט, אַז דער ברודער, אונטערגעבנדיק זיך קוטוזאָווס השפּעה, שפּילט בײַ אים כמעט אַ דערנידעריקנדע ראָלע פון אַ דינער פאַר זײַנע אינטערעסן און צילן. איינמאָל האָט דאָס קלים געזאָגט דמיטרין ברודערלעך און ערנסט, ווי ער האָט געקענט. אָבער דער ברודער האָט דערשטוינט אויסגעגלאָצט די שעפּסישע אויגן און זיך צעלאַכט:

— יאָ, — דו ביסט אַראָפּ פון זינען!

און דערנאָך אַ פּאַטש געבנדיק קלימען מיט דער האַנט איבער דער קני, האָט ער געזאָגט:

— פונדעסטוועגן — אַ דאַנק! דו האָסט דאָס גוט געזאָגט, טשודאַק!*)

קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן, געפינענדיק זײַן שטויגונג, דאָס געלעכטער און דעם זשעסט — אַלס נאַריש. ער האָט אַ מאָל צוויי געזען אויפן ברודערס טיש אומלעגאַלע בראָשורן, איינע פון זיי האָט גערעדט וועגן דעם „וואָס מוז וויסן און געדענקען אַן אַרבעטער", אַ צווייטע „וועגן שטראָפן". ביידע זענען געווען שמוציקע, צעקנאָדערטע, דער שריפט ערטערווייז אין שוואַרצע פלעקן, וועלכע האָבן דערמאָנט אַן דאַקטילאָסקאָפּישע אָפּצוגן.

— ס'איז קלאָר, אַז ער פּאָרעט זיך מיט אַרבעטער, און אויב מען וועט אים אַרעסטירן, קאָן דאָס מיך אויך אָנרירן: ברידער, מיר וואוינען אונטער איין דאַך...

אַן אויפגערעגטער, האָט ער אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן

---

*) טשודאַק — אויסטערלישער מענטש. — איבערזעצער.

צימער האסטיקער, אזוי, אַז דאָס פענצטער האָט אָנגעהויבן זיך איבערצוזרוקן אין דער וואַנט פון רעכטס אויף לינקס.

צווישן אַלע מענטשן, באַגעגנטע דורך קלימען, האָט דעם מילנערס זון אַרויסגערופן בײַ אים דעם אײַנדרוק פון אַ פולשטענדיק אויסגענומענעם מענטש לויט זײַן פּאַרענדיקטקייט. סאַמגין האָט נישט באַמערקט אין אים קיין שום איבעריקס, צוגעטראַכטס, גאָר־נישט, וואָס וואָלט דערלויבט צו קלערן: דערדאָזיקער מענטש איז נישט אַזעלכער, ווי ער ווײַזט זיך. זײַן גראָבלעכע שפּראַך, די שווערע זשעסטן, די געגנעדיקע און גוטמוטיקע שמייכעלעך אין דער באָרד אַרײַן, די שיינע שטימע, — אַלץ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן שטאַרק און אַלץ נויטווענדיק, ווי ס׳זענען נייטיק אַ מאַשין אירע טיילן. קלים האָט זיך זאָגאַר דערמאָנט די שורה פון אַ ליד פון אַ ייִנגן, נאָר שוין זייער באַקאַנטן דיכטער:

— „ס׳איז דאָ שיינקייט אין לאָקאָמאָטיוו“.

אָבער קוטוזאָווס פּראָפּאַגאַנדע איז געוואָרן אַלץ מער אָנ־גרײַפנדיק און גראָב. קלים האָט געפילט, אַז קוטוזאָוו איז פעיק גײַסטיק אונטערטעניק צו מאַכן זיך נישט בלויז דעם ווייכלײַביקן דמיטרין, נאָר אים אויך. צו דערווידערן קוטוזאָוון איז שווער, ער קוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן, זײַן בליק איז קאַלט, אין דער באָרד רירט זיך אַ באַליידיקענד שמייכעלע. ער זאָגט:

— איר, סאַמגין, טראַכט נאַיוו. בײַ אײַך אין קאָפּ איז אַ קאַשע. ס׳איז נישט מעגלעך צו פאַרשטיין — ווער איר זענט. אַן אידעאַליסט? ניין. אַ סקעפּטיקער? נישט ענלעך. און ווען האָט איר עס, בחורל, געקאָנט אָנגעמען סקעפּסיס? אָט בײַ טוראָבאָיעוון איז דער סקעפּטיציזם געזעצלעך; דאָס איז די וועלט־עמפּינדונג פון אַ מענטש, וואָס פילט גוט, אַז זײַן קלאַס האָט אָפּגעשפּילט זײַן ראָלע און קריכט שנעל אַראָפּ איבער דער משופּעדיקער פּלאַכ־קייט אין נישט־זײַן.

קוטוזאָוו האָט לאַנגווײַליק אָנגעהויבן רעדן וועגן דער אַגראַר־פּאָליטיק, וועגן דער אַדל־באַנק, מכּוח דעם וואוקס פון דער אינ־דוסטריע.

קלים האָט מיט עגמת־נפש געפילט, אַז קוטוזאָוו צעטרייסלט צו לייכט זיין זיכערקייט אין זיך, אַז דערדאָזיקער מענטש פאַר־גוואַלטיקט אים, צווינגענדיק איינצושטימען מיט די אויספירן, קעגן וועלכע ער, קלים סאַמגין, וואָלט געקאָנט דערווידערן בלויז מיט די ווערטער:

— כ׳וויל נישט.

אָבער אים האָט געפעלט דרייסטקייט צו זאָגן דידאָזיקע ווערטער.

ער האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער, צונויפ־קרייצנדיק די הענט אויף דער ברוסט, קאָנצענטרירט זיך איינהערנ־דיק, ווי אין אים ווערט רייף אַ טרייסטנדיקער איינפאַל: דאָס אַלץ, וואָס די ניעכאַיעוואַ רעדט, וואָלט געקענט דינען פאַר אים אַלס גוט געווער פון זעלבסטפאַרטיידיקונג. דאָס אַלץ שטעלט זיך זייער פעסט אַקייגן דער „קוטוזאָווישטשינע”. די סאָציאַלע פראַגן זענען נישטיק לגבי דער טראַגעדיע פון אינדיווידועלן זיין.

— טאָקע מיט דעם דערקלערט זיך מיין גלייכגילטיקייט צו קוטוזאָווס פּראָפּאַגאַנדע, — האָט קלים באַשלאָסן, אויפסניי שפּרייזנ־דיק איבערן צימער. — דאָס איז מיר נישט אונטערגעזאָגט געוואָרן, איך האָב אַליין און שוין לאַנג דאָס פאַרשטאַנען...

ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין עסצימער אַריין, האָט אויסגע־טרונקען טיי, געזעסן דאָרט אַ ביסל אַליין, הנאה האָבנדיק ווי לייכט ס׳וואַקסן נייע געדאַנקען, דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן און האָט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין דערזעען זיך באַם פראָנט־גאַנג פון הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט די ניע־כאַיעוואַ.

— די שמועסן מיט איר זענען נוצלעך, — האָט ער אַ קלער געטון, אַזוי ווי אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר עמעצן.

דאָס מיידל האָט אים באַגעגנט מיט פריידל. פּונקט אַזוי אומ־געשיקט און פאַרפאָרעט איז זי געלאָפן פון ווינקל צו ווינקל, דערציילנדיק באַקלאָגלעך, אַז באַנאַכט האָט זי נישט געקאָנט איינ־שלאָפן; ס׳איז געקומען פּאָליציי, מען האָט עמעצן אַרעסטירט,

ס'האָט געשריגן אַ שכורע פרוי, אין קאָרידאָר האָט מען געטופּעט, מ'איז געלאָפן.

— וואָס איז געשען? — האָט קלים געפרעגט פאַרכמורעט.

— ניין, פּאָליציי. ס'איז אַרעסטירט געוואָרן אַ גנב...

בײַ דער טיי האָט קלים גערעדט וועגן מעטערלינקן איינגעהאַלטן, ווי אַ מענטש, וועלכער האָט זיין מיינונג, נאָר וויל זי נישט אָנבינדן דעם מיטשמועסער. אָבער ער האָט פונדעסטוועגן געזאָגט, אַז די אַלעגאָריע פון די „בלינדע" איז צו דורכזיכטיק און מעטערלינקס באַציונג צום פאַרשטאַנד מאַכט אים נאָענט צו ליעוו טאָלסטאָי. אים איז אָנגענעם געווען, וואָס די ניעכאַיעוואַ האָט מסכים געווען מיט אים.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — אָבער טאָלסטאָי איז גרעבער. אין אים איז פאַראַן אַ סך, וואָס איז גענומען טאַקע פון פאַרשטאַנד, פון אַ מוטנעם קוואַל. און מיר דאַכט זיך, אַז אים איז אָרגאַניש פיינדלעך דאָס געפיל פון אינערלעכער פרייהייט. טאָלסטאָיס אַנאַרכיזם — איז אַ לעגענדע, דער אַנאַרכיזם ווערט אָריינגערעכנט אין דער צאָל פון זיינע מעלות דורך דער מילדקייט פון די פאַרערער.

אין דעמדאָזיקן אָוונט האָט איר פיזישע אָרעמקייט באַזונדער געשטאָכן קלימען די אויגן. דאָס שווערע וואָלענע קלייד פון אומבאַשטימטער פאַרב האָט זי עלטער געמאַכט, באַשווערט די באַוועגונגען, זיי זענען געוואָרן געלאַסענער, האָבן זיך אויסגעוויזן געצוואונגענע. די האָר, נישט לאַנג אויסגעוואַשענע, האָט זי נאַכלעסיק פאַרנומען אין אַ קלימפּ, דאָס האָט נישט שיין פאַרגרעסערט איר קאָפּ. קלים האָט אויך היינט געשפּירט לייכטע שטעכעלעך פון רחמנות צו דעמדאָזיקן מיידל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דעם פינצטערן ווינקל פון אומריינע מעבלירטע צימערן, וואו זי האָט פונדעסטוועגן באַוויזן איינצואָרדענען פאַר זיך אַ באַקוועמלעכע נעסט.

גערעדט האָט זי דאָס אייגענע, וואָס נעכטן, וועגן דעם סוד פון לעבן און טויט, נאָר מיט אַנדערע ווערטער, מער רויק, צוהערנדיק זיך צו עפּעס און אַזוי־ווי דערוואַרטנדיק דערווידערונגען.

אירע שטילע ווערטער האָבן זיך איינגעלייגט אין קלימס זכּרון אַלס דינער שיכט, ווי שטויבעלעך אויף אַ לאַקירטער פלאַכיקייט.

— נאָר וועגן ליבע אַנטשליסט זי זיך נישט צו רעדן, זי וואָלט עס זיכער געוואָלט, אָבער זי וואַגט נישט.

ער אַליין האָט נישט געפילט קיין חשק אַריבערצופירן דעם שמועס אויף דערדאָזיקער טעמע. דער נידעריק אַראָפּגעלאָזטער אַבאַזשור האָט אָנגעפולט דאָס צימער מיט אַן אָראַנזש־נעפּל. דער טונקעלער סופיט, אויסגעצירט מיט שפּאַלטן, די ווענט, באַדעקטע מיט שטיקער שטאָף, דער רויטלעכער טעפּיך אויף דער פּאָדלאָגע, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן בײַ קלימען אַ מאָדנע עמפּינדונג: ווי ער וואָלט כּלומרשט געזעסן אין אַ זאַק. ס׳איז געווען זייער וואַרעם און אומנאַטירלעך שטיל. בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דערטראָגן אַ טויבער רעש, דעמאָלט האָט דאָס גאַנצע צימער אויפגעציטערט און אַזוי ווי זיך אַראָפּגעלאָזט, איבער דער גאַס איז אַפּנים געפאָרן אַ שווער אָנגעלאָדענע פור.

נישט אויפמערקזאַם הערנדיק דער ניעכאַיעוואַס שטילע שטימע, האָט קלים געטראַכט:

— דאָס לעבן איז מיר געגעבן געוואָרן נישט דערויף, אַז איך זאָל פּסקענען, ווער ס׳איז גערעכט: די פּאָלקיסטן אָדער מאַרקסיסטן.

ער האָט נישט באַמערקט פּאַרוואָס און ווען די ניעכאַיעוואַ האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיך:

— דער פאָטער מײַנער איז אַ פּראָפעסאָר, אַ פיזיאָלאָג, ער האָט חתונה געהאַט, ווען ער איז שוין אַלט געווען העכער פעריציק יאָר, איך בין זײַן ערשט קינד. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב צוויי פאָטערס: ביז זיבן יאָר — איינער, ער האָט אַ גוט, געגאָלט פּנים מיט גרויסע וואָנסעס און פרײַלעכע, ליכטיקע אויגן. ער האָט זייער שיין געשפּילט אויף אַ וויאָלאָנטשעל. נאָכדעם איז ער באַוואַקסן געוואָרן מיט אַ גרויער באָרד, געוואָרן אָפּגעלאָזט און בייז, די אויגן האָט ער באַהאַלטן אונטער רויכפאַרביקע ברילן און אָפט זיך אָנגעשכּורט. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די מוטער האָט

געבוירן אַ טויט קינד און איז געשטאָרבן. איך געדענק זי, אָנגעטון אין ווייס אָדער העל־בלוי, מיט אַ דיקן קאַשטאַן־צאָפּ אויף דער ברוסט, אויפן רוקן. זי האָט נישט אויסגעזעען קיין דאַמע, זי איז בײַם טויט געווען ווי אַ מיידל, אַ קליינינקע, אַ הערלעכע און זייער אַ לעבעדיקע. זי איז געשטאָרבן זומער, ווען איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף, אויף זומערוואוינונג. איך בין דעמאָלט אַלט געווען דאָס זיבעטע יאָר. איך געדענק, ווי מאָדנע דאָס איז געווען: כ'בין געקומען צו פאָרן אַהיים, און די מאַמע — איז נישטאָ, דער פאָטער נישט דער אייגענער.

דערציילט האָט די ניעכאַיעוואַ געלאַסן, מיט אַ האַלב־קול, נאָר — אָן טרויער און דאָס איז געווען אויסטערליש. קלים האָט אַ קוק געטון אויף איר, זי האָט אָפּט פאַרמרוזשעט די אויגן, אירע אונטערגעצייכנטע ברעמען האָבן געציטערט. אַרומלעקנדיק די ליפּן, האָט זי געמאַכט צווישן די פראַזן נישט פּאַסיקע פּויזעס און נאָך מער אומפּאַסיק איז געווען דער שמייכל, וואָס האָט זיך געגליטשט איבער אירע ליפּן. קלים האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז זי האָט אַ שיין מויל און מיט בייגיר פון אַ ייִנגל אַ קלער געטון:

— און ווי זעט זי אויס אַ נאַקעטע? אַ קאָמישע, אוודאי.

אין דער פאָלגנדער רגע האָט ער זיך בײַז געטאַדלט פאַר דערדאָזיקער בייגיריקייט און, אָנכמורענדיק זיך, אָנגעהויבן הערן אויפמערקזאַמער.

— אויף מײַנע קינדישע פראַגן: פון וואָס איז געמאַכט דער הימל, נאָכוואָס לעבן די מענטשן, נאָכוואָס שטאַרבן זיי, האָט דער פאָטער געענטפערט: — דאָס איז נאָך קיינעם נישט באַוואוסט. אָט דו, פּימאַ, ביסט געבוירן געוואָרן, כדי דאָס צו דערגיין. — ער פלעגט מיך זעצן צו זיך אויף די קניען, האָט מיר געעטעמט אין פּנים אַריין מיט ריח פון ביר, זײַן האַרטע באָרד האָט מיר געשטאָכן דעם האַלז, די אויערן. ביר האָט ער געטרונקען אָן אַ שיעור, ער איז דערפון געשוואָלן געוואָרן. די באַקן זענען אָנגעדראָלן, בלוי געוואָרן, די אויגן זײַנע זענען פאַרפלאָסן געוואָרן מיט עפּעס אַ שיטערער פעטקייט. ער איז אײַנגאַנגען מיר געווען

אומגענגענעם. ער האָט געוועקט אַ נישט גוט געפֿיל דערמיט, וואָס ער האָט נישט געקענט — איך האָב דעמאָלט געמיינט: נישט געוואָלט. — מיר ענטפֿערן אויף קיין איינער פֿון מיינע שאלות. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַהאַלט פֿון מיר אומישנע די לעגענדאַרע סודות, וועלכע ער איז דערגאַנגען, צווינגענדיק מיך צו אַנטפּלעקן זיי, פּונקט אַזוי, ווי ער האָט געצוואונגען צו מאַכן די אויפֿגאַבן פֿון אַריטמעטישן לערבוך. ער האָט מיר קיינמאָל נישט געהאָלפֿן אויסלערנען זיך די לעקציעס און פֿאַרווערט אַנדערע מיר צו העלפֿן. איך האָב געמוזט מאַכן אַלץ אַליין. נאָר מיך האָט באַזונדערס אָפּגעשטויסן פֿון אים, ווען ער האָט איבערגעחזרט: — „דאָס — איז נישט באַוואוסט. דו פּרוּוו דאָס אַליין צו דערגיין". ער פֿלעגט אָפֿט איבערחזרן דידאָזיקע ווערטער.

— מיין פֿאָטער האָט געענטפֿערט אויף אַלע פֿראַגעס, — האָט פֿלוצלינג און אומגעריכט פֿאַר זיך אַריינגעשטעלט קלים.

— יאָ, ער האָט געענטפֿערט? — האָט געפֿרעגט די ניעכאַיעוואַ. — אָבער...

איבערגעריסן די פּראַזע, האָט זי עטלעכע סעקונדעס געשוויגן און ווידער האָט אָנגעהויבן פּרעפּלען איר שטימע. קלים האָט פֿאַרטראַכטערהייט געהערט, פֿילנדיק, אַז היינט קוקט ער אויף דעם מיידל נישט מיט זיינע אויגן; ניין, זי איז מיט גאָרנישט ענלעך צו לידיען, נאָר ס׳איז פֿאַראַן אין איר אַ ווייטע ענלעכקייט צו אים. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי איז דאָס אים אָנגענעם אָדער נישט אָנגענעם.

— אין די נעכט פֿלעגט דער פֿאָטער שכורערהייט שפּילן אויף דער וויאָלאָנטשעל. די יעמערלעכע טענער פֿלעגן מיך וועקן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פֿאָטער שפּילט בלויז אויף די באַסאָווע סטרונעס און שוין נישט אַזוי שיין, ווי ער האָט פֿריער געשפּילט. ס׳איז פֿינצטער, שטיל און אין דער פֿינצטערניש לאַנגע פּאַסן קלאַנגען, נאָך מער שוואַרצע, ווי די פֿינצטערניש. מיך האָט נישט געשראָקן דערדאָזיקער שוואַרצער יאָמער, אָבער ס׳איז געווען אַזוי ז׳מעטיק, אַז איך האָב געוויינט. דער פֿאָטער איז געשטאָרבן אָפּליגנ־יג שלאָף אינגאַנצן פֿיר טאָג. ווי אָפּשטויסנד ס׳זענען צי־

פערן, צאָלן! פיר טעג איז ער געלעגן, שטיקנדיק זיך. אַ בלויער, אָן אָנגעדראָלענער, געקוקט אין סופיט אַריין מיט נאַסע אויגן־שפּעלטלעך, און געשוויגן. אין טאָג פון טויט האָט ער, — דאָס איינציקע מאָל! — געפּרוווט מיר עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט אַ זאָג געטון בלויז: — „אַט, קלאַודיאַ, ביסטו אַליין...״ ווייטער רעדן האָט ער נישט געקאָנט, אָבער איך האָב, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. איך האָב אים נישט באַזונ־דער באַדויערט, הגם כ׳האָב אַ סך געוויינט, דאָס איז, מסתמא, געווען פון שרעק. ער איז געווען שרעקלעך אין דער טרומנע, אַזאַ ריזיקער און — בלינדער.

די ניעכאַיעוואַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַנבויגנדיק דעם קאָפּ, אויסגלייכנדיק מיט דער האַנט דאָס קלייד אויף איר קני. איר דערציילונג האָט קלימען לירישׁ געשטימט, ער האָט אָפּגעזיפצט:

— יאָ, אונזערע פאָטערס...

— די פאָטערס האָבן געגעסן זויערע ווייַנטרויבן, און די ציין פון די קינדער — זענען הייליק, — ווער פון די נביאים האָט דאָס געזאָגט? כ׳האָב פאַרגעסן.

— איך געדענק נישט, — האָט קלים געזאָגט, הגם ער האָט די נביאים נישט געלייענט.

די ניעכאַיעוואַ האָט פאַמעלעך, מיט אַ נישט אַנטשלאָסענעם זשעסט אויפגעהויבן די הענט און אָנגעהויבן פאַרריכטן די נאַכלע־סיקע פריזור, אָבער די האָר האָבן פלוצלינג זיך צעשאָטן איבער די אַקסלען און קלים איז פאַרוואונדערט געוואָרן, ווי פיל זיי זענען און ווי הערלעך. דאָס מיידל האָט אַ שמייכל געטון.

— אַנטשולדיקט.

קלים האָט זיך אַ בייג געטון, באַאָבאַכטנדיק, ווי אָן דער־פאָלג זי באַמיט זיך צונויפצונעמען די האָר. ער האָט געשוויגן. דער זכרון האָט נישט אונטערגעזאָגט קיין באַדייטנדיקע ווערטער, און איינפאַכע, אַלטעגלעכע ווערטער זענען נישט דערגאַנגען צו דעמדאָזיקן מיידל. אים האָט צעטומלט די עמפּינדונג פון עפּעס אַ פאַרלעגנהייט אָדער געפאַר.

— איך דאַרף שוין גיין.

— פאַרוואָס?

— שוין שפּעט.

— טאַקע?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, די האָר זענען אויפסניי אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען, אויף אירע באַקן. דאָס געזיכט איז נאָך קלענער געוואָרן.

— קומט וואָס גיכער, — האָט זי געזאָגט מיט אַן אויסטערלישן טאָן, אַזויווי באַפעלנדיק.

ס'איז געווען אַרום האַלבער נאַכט, ווען קלים איז אַהיימגעקומען. בײַ דער טיר פון ברודערס צימער זענען געשטאַנען זײַנע שיך, און דמיטרי אַליין איז שוין, אפנים, געשלאָפן: ער האָט זיך נישט אָפּגערופן אויפן קלאַפּ אין טיר, כאָטש אין זײַן צימער האָט זיך געברענט פײַער, דאָס לעכל פון שלאָס האָט אַרויסגעלאָזט אין דער פינצטערניש פון קאָרידאָר אַ געלע סטענגע ליכט. קלימען האָט זיך געגלוסט עסן. ער האָט פאָרזיכטיק אַ בליק אַרײַן געטון אין עסצימער, דאָרטן האָבן אַרומגעשפּאַנט קוטוזאָוו און מאַרינאַ, אַקסל בײַ אַקסל אײַנער מיטן אַנדערן; מאַרינאַ איז געגאַנגען, געקרייצט די הענט אויף דער ברוסט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קוטוזאָוו האָט, מאַכנדיק מיטן פּאַפּיראָס בײַ זײַן פּנים, גערעדט מיט אַ האַלב קול:

— מיר פאַרמאָגן בלויז איין כּוח, וואָס איז ווירקלעך מסוגל אונדז איבערצואַנדערשן, — דאָס איז — דער כּוח פון דער וויסנשאַפט...

געדיכט, נאָר אַזוי ווי באַקלאָגלעך, האָט מאַרינאַ אַ וואָרטשע געטון:

— און די קונסט?

— זי באַרויקט, אָבער זי דערציט נישט...

קלים האָט מיט חוזק זיך פאַרקרומט, איז מיט פאַרדראָס אוועקגעגאַנגען צו זיך און זיך געלייגט שלאָפן, קלערנדיק, ווי ווייט די ניעכאַיעוואַ איז אינטערעסאַנטער פון דעמדאָזיקן מענטש!

אין צוויי טעג אַרום איז ער אויפסניי אינאָוונט געזעסן בײַ איר. ער איז געקומען צו דער ניעכאַיעוואַ פרי, האָט זי גערופן

שפּאַצירן, אָבער אויף דער גאַס האָט דאָס מיידל אומזיסטיק געשוויגן, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז איר קאַלט.

— לאָמיר צופאָרן צו מיר.

— צו פאָרן וועט אייך זיין נאָך קעלטער.

— ניין. אַזוי — איז גיכער, — האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט.

אינדערהיים האָט זי אַרויסגעוויזן הן אין די ווערטער הן אין אַלעם, וואָס זי האָט געטון, אַ נערוועישע איילעניש און גערייצטקייט, זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אַ פויגל, ווען ער באַהאַלט דעם קאָפּ אונטערן פליגל און קוקנדיק נישט אויף סאַמגינען, נאָר ערגעץ־וואו זיך אונטערן אָרעם, געזאָגט:

— איך פאַרטראָג נישט די יום־טובדיקע גאַסן און די מענטשן, וועלכע טוען זיך אָן אין זיבעטן טאָג פון דער וואָך ריינע מלבושים, מאַסקעס פון גליקלעכע.

קלים האָט איר שפּאָטיש איבערדערציילט קוטוזאָווס סענטענץ וועגן דעם כוח פון דער וויסנשאַפט. די ניעכאַיעוואַ האָט אַ הייב געטון די אַקסלען און כמעט בייז באַמערקט:

— אַ גרויסער ספק, צי מענטשן, ענלעכע צו אים, וועלן בעסער זיין דערפון, וואָס אומעטום וועט זיך אָנצינדן דאָס בלוטלאָזע פייער פון עלעקטריציטעט.

אויסטרינקענדיק אַ ביסל מער, ווי שטענדיק, האָט קלים זיך געהאַלטן פרייער, גערעדט דרייסטער:

— איך פאַרשטיי, אַז דאָס לעבן איז צופיל קאָמפּליצירט, אָבער קוטוזאָוו האָט נישט בדעה צו פאַראיינפאַכן עס, נאָר צו פאַרקריפּלען.

ער האָט זיך געשפּילט מיטן מעסער צום אויפשניידן ביכער, — אַ קאַפּריזיש צעבויגן בראָנז־פלאַטל, מיט אַ באַגילדטן קאָפּ פון אַ בערדיקן סאַטיר אָנגעטאָט אַ הענטל. דאָס מעסער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און איז אַראָפּגעפאַלן צום מיידלס פיס; אָנבייגנדיק זיך, כּדי עס אויפצוהייבן, האָט קלים אומגעשיקט זיך אַ וויג געטון צוזאַמען מיט דער שטול און, באַמיענדיק זיך צו

פאַרהאַלטן, האָט ער אָנגעכאַפּט דער ניעכאַיעוואַס האַנט, דאָס מיידל האָט אַרויסגעריסן די האַנט; אָנגעוואוירן דעם אָנשפּאַר, איז קלים אומגעפאַלן אויף דער קני. ער האָט שלעכט געדענקט, ווי אַזוי ס'האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט דאָס גאַנצע ווייטערדיקע, ער האָט נאָר געדענקט הייסע הענט אויף זיינע באַקן, אַ טרוקענער און האַסטיקער קוש אין די ליפּן און אַן איילנדיקער פליסטער:

— יאָ, יאָ... אָ, גאָט מיינער...

נאָכדעם, שפּירנדיק מער פאַרוואונדערונג, ווי פאַרגעניגן, האָט ער געהערט, ווי די ניעכאַיעוואַ האָט, ליגנדיק לעבן אים, פאַרשטיקט געוויינט, רעדנדיק מיט אַ הייסן פליסטער:

— ליב האָבן, ליב האָבן... דאָס איז אַזוי שרעקלעך. דאָס איז — אַ גרויל, ווי באַלד נישט ליב האָבן.

קלים האָט אונטערגעהויבן איר קאָפּ, אַרויפגעלייגט אים זיך אויף דער ברוסט און שטאַרק צוגעדריקט מיט דער האַנט. אים האָט זיך נישט געוואָלט זען אירע אויגן, ס'איז געווען איבער דער טבע, ס'האָט געקווילט דאָס באַוואוסטזיין פון שולדיקייט פאַר דעמדאָזיקן אויסטערליש הייסן קערפּער. זי איז געלעגן אויף אַ זייט, די קליינטשיקע, שיטערע ברוסטן אירע זענען נישט שיין אַראָפּגעהאָנגעןביידע אין איין זייט אַריין.

— ליבער, — האָט זי געפליסטערט און דאָס לייב פון זיין ברוסט האָבן געקיצלט וואַרעמע טראָפּנס טרערן. — אַזאַ ליבער, איינפאַכער, ווי דער טאָג. אַזאַ שרעקלעכער, אַ נאָענטער.

ער האָט געשוויגן, גלעטנדיק איר קאָפּ מיט דער האַנט. דורך דעם זייד פון דעם ווענטל, אויסגעהאָפטן מיט פיגורן פון זילבערנע פייגל, האָט ער געקוקט אויף דעם אָראַנזש-פלעק פון דעם לאָמפּ, אומרויק טראַכטנדיק, וואָס זשע וועט אַצינד זיין? שוין-זשע וועט זי פאַרבלייבן אין פּעטערבורג, נישט אַוועקפאָרן זיך היילן? ער האָט דאָך נישט געוואָלט, נישט געזוכט אירע צערטלענישן. ער האָט נאָר רחמנות געהאַט אויף איר.

אָבער, טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער אין דערזעלבער צייט געשפּירט אַ שטאָלצקייט מיט זיך: פון אַלע אירע באַקאַנטע מאַנסבילן, האָט זי אויסגעקליבן דווקא אים. די־דאָזיקע שטאָלצקייט האָבן

נאָך מער פאַרשטאַרקט אירע בייגירנדיקע צערטלענישן און די הייסע, ביז אומבאַשה נאַיווע ווערטער.

— אָ, איך ווייס, אז איך בין נישט שיין, נאָר איך וויל אַזוי ליב האָבן, איך האָב זיך געגרייט צו דעם, ווי אַ גלויביקער צו דער הייליקער קאָמוניע. און איך קען ליב האָבן, יאָ, איך קען?

— יאָ, — האָט קלים געזאָגט זייער אויפריכטיק. — דו ביסט אַ וואונדערבאַרע. אָבער דיר איז דאָס פונדעסטוועגן שעדלעך און דו מוזסט פאָרן...

זי האָט נישט געהערט; שטיקנדיק זיך און הוסטנדיק, אָנבייגנדיק זיך איבער זיין פנים און קוקנדיק אין זיינע צעטומלטע אויגן מיט אויגן, פון וועלכע ס'זענען געפאַלן טרערן, דראָבנע און הייסע, האָט זי געפליסטערט:

— ליבער. פאַרמשפטער.

אירע טרערן האָבן אים אויסגעוויזן נישט אויפן אָרט: וועגן וואָס איז דאָ צו וויינען? ער האָט דאָך זי נישט באַליידיקט, זיך נישט אָפּגעזאָגט ליב צו האָבן. דאָס פאַר קלימען אומפאַרשטענדלעכע געפיל, וואָס האָט אַרויסגערופן די טרערן, האָט אים געשראָקן. ער האָט געקושט די ניעכאַיעוואַ אין די ליפן, אַז זי זאָל שווייגן און בישטווילנדיק פאַרגליכן זי מיט מאַרגאַריטען, — יענע איז געווען שענער און האָט בלויז איינגעמידט פיזיש. אָבער די־דאָזיקע פליסטערט:

— גיב נאָר אַ קלער: אַ העלפט פרויען און מאַנסבילן פון דער ערד־קויל ליבן אין דידאָזיקע מינוטן איינער דעם אַנדערן, ווי מיר ביידע, הונדערטער טויזנטער ווערן געבוירן פאַר דער ליבע, הונדערטער טויזנטער שטאַרבן, האָבנדיק אָפּגעליבט. ליבער, אומגעריכטער...

און אירע ווערטער זענען געווען איבערגעטריבן, אפילו אַזויזוי נישט וואָרהאַפטיק.

— אַן אומגעריכטער? אַזוי גאָר?

דער אָראַנזש־פלעק אויף דעם ווענטל האָט דערמאָנט אָן אַ פאַרנאַכטיקער זון, וואָס וויל עקשנותדיק נישט באַהאַלטן זיך אין

די וואָלקנס. די צײַט האָט אַזויווי זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרגאַפּט־קייט אומאַנטשלאָסענער און נאָענטער צו אומעט.

— אינטערטעניק און לײַדנשאַפטלעך ברענגען מיר זיך פאַר אַ קרבן דעם שרעקלעכן סוד, וואָס האָט אונז באַשאַפן.

קלים האָט זי אַרומגענומען און שטאַרק פאַרדעקט דאָס הײַ־סע מויל פונם מיידל מיט אַ קוש. דערנאָך איז זי פּלוצלינג אַנט־שלאָפן געוואָרן, פאַרפײַניקט אויפגעהויבן די ברעמען, מיט אַן אויפגעעפנט מויל; איר דאַר פּנים האָט אָנגענומען אַזאַ אויסדרוק, ווי זי וואָלט אַנטשטומט געוואָרן, זי וויל אַ געשריי טון, נאָר — קאָן נישט. קלים איז פאַרזיכטיק אויפגעשטאַנען, האָט זיך אָנגעטון.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון איר זייער שפּעט. די לבנה האָט געלויכטן מיט יענער לויטערער העלקייט, וועלכע דעקט אויף אַ סך זאַכן אויף דער ערד, אַלס נישט נייטיקע. גלאָזיק האָט געסקריפּעט דער טרוקענער שניי אונטער די פיס. די ריזיקע הייזער האָבן געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע מיט בעלמעס פון פאַר־פרוירענע פענצטער; באַ די טויערן — שוואַרצע מגושימס פון דיזשורנע הויזוועכטערס; אין דער ליידיקייט פון הימל האָבן פאַר־בלאָנזשעט עטלעכע שטערן, נישט זייער ליכטיקע. אַלץ איז העל.

אַ פיזיש מידער איז קלים געגאַנגען נישט געאײַלט, פּילנ־דיק, ווי די ליכטיקע קעלט פון דער נאַכט פרירט אויס פון אים די אומקלאָרע מחשבות און עמפּפינדונגען. ער האָט זאָגאַר אין רעיון צוגעזונגען אויפן מאָטיוו פון עפּעס אַן אָפּערעטקע:

— צי איז גאָר געווען אַ יינגל? אפשר — איז גאָר קיין יינגל נישט געווען?

ער האָט אַ רייב געטון די געפרוירענע הענט און פאַרלייכ־טערט אָפּגעזיפצט. הייסט עס, די ניעכאַיעוואַ האָט בלויז געשפּילט די ראָלע פון אַ מענטש, אָן אָנגעשטעקטן מיט פעסימיזם, זי האָט געשפּילט צוליב דעם, כּדי אַ באַלויכטענע מיט אַן אומגעוויינלעך ליכט, צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ מאַנסביל. אַזוי טוען די נקבות פון געוויסע אינזעקטן. קלים סאַמגין האָט גע־

פּילט, אַז צו דער פרייד פון זיין אַנטדעקונג מישט זיך צו אַ כּעס אויף עמעצן. ס׳איז שווער געווען משיג צו זיין: אויף דער ניעכאַיעוואַ, צי אויף זיך? אָדער אויף עפּעס אומבאַגרייפלעכס, וואָס דערלויבט אים נישט צו געפינען קיין שטיק־פּונקט?

דערנאָך האָט ער זיך דערמאַנט, אַז אין קעשענע ליגט אַ בריוו פון דער מוטער, וועלכן ער האָט דערהאַלטן באַטאָג; דערדאָזיקער קנאַפּ־ווערטערדיקער בריוו, צונגעשריבן מיט אַן אַלגעבראַישער גענויקייט, האָט מיטגעטיילט, אַז קולטורעלע מענטשן זענען מחויב צו אַרבעטן, אַז זי וויל עפּנען אין שטאָט אַ מוזיקאַלישע שולע, און וואָראַווקאַ האָט בדעה אַרויסצוגעבן אַ צייטונג און ווערן שטאָט־פּרעזידענט.

לידיאַ וועט זיין די טאָכטער פון שטאָט־פּרעזידענט: מעגלעך, אַז מיט דער צייט וועט ער איר דערציילן דעם ראָמאַן מיט דער ניעכאַיעוואַ; וועגן דעם איז בעסער פון אַלעם צו דערציילן אין קאָמישן טאָן.

ער האָט זיך געניית נאָך אַ ביסל צו קלערן וועגן דער ניעכאַיעוואַ, אָבער ס׳האָט זיך שוין געטראַכט וועגן איר גוטווינשנד. אין דעם, וואָס זי האָט געטון, איז אייגנטלעך נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינלעכס: איטלעכעס מיידל וויל זיין אַ פרוי. די נעגל אויף די פיס זענען באַ איר שלעכט אָפּגעשוירן און זי האָט, דאַכט זיך, שטאַרק אים צעדראַפּעט די הויט באַם קנעכל. קלים האָט געשפּרייזט אַלץ פעסטער און האַסטיקער. ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן; גרין ווערנדיק אויף מזרח, איז דער הימל נאָך קעלטער געוואָרן. קלים סאַמגין האָט זיך פאַרקרומט: ס׳איז נישט באַקוועם אומצוקערן זיך אַהיים אינדערפרי. די דינסט וועט אַוודאי דערציילן, אַז ער האָט נישט גענעכטיקט אינדערהיים.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ מונטערער שטימונג. דער אומגעריכטער ראָמאַן האָט אים אויפגעהויבן און באַפעסטיקט דעם חשד, אַז וועגן וואָס מענטשן זאָלן נישט רעדן, איז הינטער די רייד פון איטלעכן פון זיי געוויס פאַרבאָרגן עפּעס פּשוטס, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן באַ דער ניעכאַיעוואַ. גיין צו איר אינאָוונט — האָט זיך נישט געגלוסט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען,

אַז וויבאַלד ער וועט נישט גיין, וועט זי אַליין אַהערקומען און וועט אים, מעגלעך, מיט עפּעס קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פֿון ברודער, די מיטעסערס, מאַרינען. ער האָט איבער עפּעס באַזונדער נישט געוואָלט, אַז וועגן זיין פֿאַרבינדונג מיט דער ניעכאַיעווא זאָל זיך דערוויסן מאַרינאַ, אָבער ער האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז וועגן דעם זאָל געוואויר ווערן די ספּיוואַק.

ליגנדיק אין בעט, האָט קלים פֿאַרזאָרגט זיך דערמאָנט דער ניעכאַיעוואַס הונגעריקע, באַגיריקע צערטלעכישן און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין זיי איז געווען עפּעס קראַנקהאַפֿטעס, וואָס דערגייט ביז די גרענעצן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג. זי האָט זיך אַזוי צוגעדריקט צו אים, גלייך זי וואָלט געוואָלט פֿאַרשוואונדן ווערן אין אים. אָבער ס'איז אויך געווען אין איר עפּעס קינדיש־צערטלעכס, מינוטנווייז האָט זי אויך אין אים געוועקט צאַרטקייט.

— מען דאַרף גיין, — האָט ער באַשלאָסן און אינאָוונט איז ער אוועקגעגאַנגען, זאָגנדיק דעם ברודער, אַז ער גייט אין צירק אַריין.

באַם טיש, אין ניעכאַיעוואַס צימער, איז געשטאַנען אַ וואַלענע, קיילעכיקע זקנה, זי האָט רוישלאַז געגומען אין דער האַנט אַריין זאַכן, ביכער און זיי אַרומגעווישט מיט אַ טיכל. איידער זי האָט גענומען אַ זאַך, האָט זי העפלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דערנאָך אַזוי פֿאָרזיכטיק זי אויסגעווישט, גלייך דאָס וואָזעלע אָדער דאָס בוך וואָלטן געווען לעבעדיקע און מירביקע, ווי הינדעלעך. ווען קלים איז אַריינגעקומען אין צימער, האָט זי אַ שיפּע געטון אויף אים:

— שש — זי שלאָפֿט!

די אַלטיטשקע איז געווען פּונקט אַזאַ אויסגעטראַכטע, ווי דאָס גאַנצע צימער און ווי די באַלעבאָסטע אַליין פֿון דעם צימער.

— זאָגט, אַז סאַמגין איז דאָ געווען.

פֿון הינטער דעם ווענטל האָט אָפּגעקלונגען אַ שוואַכע שטימע:

— דאָס זענט איר? אַ, קומט אַריין...

קלים איז אַריינגעגאַנגען אין דער געלער טונקלקייט הינטער דעם וועגטל, פאַרזאָרגט בלויז פון איין פאַרלאַנג: צו פאַרבאָרגן פון דער ניעכאַיעוואַ, אַז ער האָט זי תּופס געווען. אָבער ער האָט באַלד דערפילט, אַז באַ אים זענען קאַלט געוואָרן די שלייפן און דער שטערן. די קאָלדרע איז אָנגעצויגן געווען אויפן בעט אַזוי גלאַטיק, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט: ס׳איז נישטאָ אונטער איר קיין קערפּער, נאָר בלויז אַ קאָפּ ליגט אויפן קישן און אונטער דעם גרויען שטרייפל פון שטערן גלאַנצן אומנאַטירלעך די אויגן.

— אַ שפּיל, — האָט ער זיך אַ זאָג געטון, אָבער דאָסדאָזיקע וואָרט האָט ער זיך נישט באַלד דערמאָנט.

— איך האָב 36 און 6, — האָט ער געהערט אַ שטיל און שולדיק קול. — זעצט זיך. איך בין אַזוי צופרידן. מומע טאַסיאַ, איר וועט מאַכן טיי, גוט?

— זייער גוט, — האָט מען מיט אַ פּישטשענדיק קול פון אַ שפּילעכל איר געענטפערט.

אפּערנעמענדיק פון אונטער דער פּליושענער קאָלדרע אַ נאַקעטע האַנט, האָט די ניעכאַיעוואַ מיט דער אַנדערער האַנט זיך ווידער פאַרהילט ביז דער גאָמבע; איר האַנט איז געווען אַ פייכט הייסע און נישט אָנגענעם גריגגע, קלים האָט אַ ציטער געטון, ווען ער האָט זי אַ דריק געגעבן. אָבער דאָס געזיכט, געדיכט פאַרראָזט, באַשאָטנט פון די צעלאָזטע האָר און באַלויכטן מיט אַ שמייכל פון פרייד, האָט זיך קלימען פּלוצלינג אויסגעוויזן אומבאַקאַנט באַחנט, און די גליענדיקע אויגן האָבן באַ אים אַרויסגערופן אי שטאָלץ אי טרויער. הינטערן וועגטל האָט שטיל גערוישט און אַרומגעשוועבט אַ טונקעלער וואָלקן, פאַרדעקנדיק דעם אָראַנזשפלעק פון פייער פונעם לאָמפּ, דעם מיידלס געזיכט האָט זיך געענדערט, אויפפלאַקערנדיק און זיך פאַרלעשנדיק.

אין דעמדאָזיקן אָוונט האָט די ניעכאַיעוואַ נישט ציטירט קיין לידער, נישט אַרויסגעבערענגט קיין נעמען פון דיכטער, נישט גערעדט וועגן איר שרעק פאַרן לעבן און טויט, זי האָט גערעדט מיט ווערטער, וועלכע קלים האָט קיינמאָל נישט געהערט און נישט געלייענט, בלויז וועגן ליבע. שמייכלענדיק, שפּילנדיק זיך מיט די-

פינגער פון זיין האַנט, דורשטיק שלינגענדיק די לופט, האָט זי געפּליסטערט דידאָזיקע אומגעווײנלעכע ווערטער און קלים, נישט צווייפלענדיק אין זייער אויפריכטיקייט, האָט געקלערט: נישט יע־דער איינער קאָן זיך באַרימען דערמיט, אַז ער האָט אַרויסגערופן אַזאַ ליבע! צוזאַמען דערמיט איז זי געווען אַזוי קינדיש נעבעכ־דיק, אַז אים האָט זיך אויך פאַרגלוסט צו רעדן אויפריכטיק. אין אירע ווערטער האָט ער געפילט אַזוי פיל שכור גליק, אַז זיי האָבן אים אויך פאַרשכורט, וועקנדיק דעם פאַרלאַנג אַרומצונעמען און קושן איר אומגעווזעוועדעם קערפער. ס׳איז דורכגעפלויגן אַ משונה־דיקער געדאַנק: זי מעג מען קניפּן, בייסן, בכלל — פּייניקן, אָבער זי וואָלט אויך דאָס אָנגענומען פאַר צערטלעכקייט. זי האָט געפרעגט אין פליסטער:

— איך געפעל דאָך דיר? דו האָסט מיך אַ ביסל ליב?

— יאָ, — האָט געענטפערט קלים, גלייבנדיק, אַז ער זאָגט נישט קיין ליגנט. — יאָ!

ער האָט געקוקט אין די פאַרברייטערטע אַפּלען פון אירע האַלב־דולע אויגן און זיי האָבן אים אַנטפּלעקט אין זייער טיפע־ניש עפּעס, וועגן וואָס ער האָט נישט ווילנדיק אַ קלער געטון:

— איז דאָס אַלזאָ — די ליבע?

און באַלד האָבן זיך אים דערמאָנט לידיעס אויגן, דערנאָך — דער שטומער בליק פון דער ספּיוואַק. ער האָט נעפּלהאַפט פאַרשטאַנען, אַז ער לערנט זיך ליב האָבן בײַ דער עכטער ליבע און פאַרשטאַ־נען, אַז דאָס איז וויכטיק פאַר אים. אומבאַמערקט פאַר זיך האָט ער אין דאָזיקן אָוונט דערפילט, אַז דאָס מיידל איז נוצלעך פאַר אים: ביחידות מיט איר לעבט ער איבער אַן אויסטויש פון פאַר־שידנאַרטיקע, אומבאַקאַנטע פאַר אים עמפינדונגען און ווערט איני־טערעסאַנטער זיך אַליין. ער מאַכט נישט קיין אָנשטעל פאַר איר, באַשיינט זיך נישט מיט קיין פרעמדע ווערטער, און די ניעכאַיע־וואַ זאָגט אים:

— ווי אַריסטאָקראַטישער דו, מיט דיין איינגעהאַלטנקייט, ביסט פון אַנדערע! ס׳איז אַזוי אָנגענעם צו זעען, אַז דו שליי־דערסט נישט דיינע געדאַנקען, קענטעגישן זינלאָז און נישט ביי־

טיק, ווי דאָס טוען אַנדערע, פיינערנדיק זיך איינער פאַרן אַנדערן! דו פאַרמאָגסט אַכטונג צו די געהיימנישן פון דיין נשמה. דאָס איז זעלטן. איך פאַרטראָג נישט קיין מענטשן, וואָס שרייען, ווי בלינדע, פאַרבלאָנזשעטע אין וואַלד. איך, איך, איך, שרייען זיי.

קלים האָט איינגעשטימט:

— יאָ, וועגן וואָס זיי זאָלן נישט שרייען, שרייען זיי סוף כּל סוף בלויז וועגן זייער איך.

— וואָרים ער איז פאַרבלאָנזשעט בײַ זיי, זיי זעען אים נישט, — האָט זי אונטערגעכאַפּט זיינע ווערטער.

באַזונדערס ווערטפול איז געווען אין דער ניעכאַיעוואַ דאָס, וואָס זי האָט געקענט קוקן אויף מענטשן פון ווייטנס און פון דער הייך. אין איר שילדערונג פלעגן אפילו יענע פון זיי, וועגן וועלכע מען רעדט מיט דרך-ארץ, מען שרייבט מיט ליבע, — ווערן קליינטשיק און אומבאַדייטנד פאַר דעם עפּעס סודותדיקן, וואָס זי האָט געפילט. דאָסדאָזיקע סודותדיקע האָט נישט געקימערט סאַמגינען, אָבער אים איז אָנגענעם געווען, וואָס דאָס מיידל, פאַראייניקנדיק גרויסע מענטשן, סוגעסטירט אים דאָס באַוואוסטזיין פון גלייכקייט מיט זיי.

ער האָט אָנגעהויבן גיין צו איר יעדן אָוונט און, אָנזעטנדיק זיך מיט אירע רייד, געפילט, אַז ער וואַקסט. זיין ראָמאַן איז, נאַטירלעך, באַמערקט געוואָרן און קלים האָט געזען, אַז דאָס שטרייכט אים אונטער גינסטיק. יעליזאַוועטאַ ספּיוואַק האָט געקוקט אויף אים מיט נייגיר און אַזויווי אונטערגעבנדיק חשק, מאַרינאַ האָט אָנגעהויבן רעדן נאָך מער פריינדשאַפטלעך, דער ברודער, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אים מקנא. דמיטרי איז איבער עפּעס געוואָרן מרה-שחורהדיקער, שווייגעדיקער און האָט געקוקט אויף מאַרינען, באַליידיקט פינטלצנדיק.

קלים האָט געשפּירט אין זיך אַ שפּיל פון הייטערער מילדקייט צו אַלע, אַ קיצלדיקן פאַרלאַנג אַ קלאַפּ צו טון איבער דער פּלייצע קוטוזאָוון, וועלכער האָט מיט דער זעלבער עקשנות דערווייזן די נייטווענדיקייט צו שטודירן מאַרקסן און די גאונות פון

מוסאָרגסקין: אַרויפֿלייגנדיק זיך אויף דעם שטומען, שטילן ספּיוואַק, וועלכער איז תּמיד געזעסן באַם קלאַוויר, האָט ער גע־טענהט:

— די שוואַכסטע אָפּערע פֿון רימסקי־קאָרסאַקאָוו איז טאַ־לענטפֿולער פֿון ווערדיס בעסטער אָפּערע...

— שרייט מיר נישט אין אויער אַריין, — האָט געבעטן ספּיוואַק.

אינדערהיים איז געווען לאַנגווייליק, מען האָט געזונגען אַלץ דיזעלבע ראָמאַנסן, דועטן און טריאָס, קוטוזאָוו האָט זיך אַלץ אַזוי געביי̆זערט אויף מאַרינען פֿאַר דעם, וואָס זי דעטאָנירט און פּונקט אַזוי האָט ער און דמיטרי זיך געשפּאַרט מיט טוראַבאַיעוון, דערוועקנדיק אויך בײַ קלימען דעם פֿאַרלאַנג העפּטיק אַ געשריי צו טון זיי עפּעס שפּאַזיִשס.

די ניעכאַיעוואַ איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט. די רויטע פֿלעקן אויף אירע באַקן האָבן געברענט נאָך העלער, אונטער די אויגן האָבן זיך געלייגט שאָטנס, פֿאַרשאַרפֿנדיק אירע באַקנביינער און צו־געבנדיק דעם בליק כּמעט אַן אומפֿאַרטראָגלעכן גלאַנץ. באַגעגנענדיק זי בײַ זיך, האָט מאַרינאַ בייז געשריגן:

— דו ביסט משוגע! אויף וואָס גיט אַכטונג דיין דאָקטאָר? דאָס איז דאָך זעלבסטמאָרד!

די ניעכאַיעוואַ האָט געשמייכלט צו איר, אָפּגעלעקט די טרו־קענע ליפּן, זיך געזעצט אין ווינקל פֿון דער סאָפֿע און אינגיכן האָט דאָרט צודרינגלעך געקלונגען איר קעלעכל, וואָס האָט דאָק־טאָראַליש געפּרוּווט איבערצייגן דמיטרי סאַמגינען:

— די שטרעבונג פֿון געלערנטן צו אַנאַליזירן נאַטור־דער־שיינונגען האָבן אַ גלייכן ווערט מיטן שפּיל פֿון אַ קינד, וואָס צע־ברעכט די שפּילעכלעך, כּדי צו זעען, וואָס אין זיי איז אינעװייניק...

— און — דאָס איז נישט באַנאַל, פֿריילין? — האָט פֿונ־ווייטנס געפֿרעגט קוטוזאָוו, ציפּנדיק די באָרד, כּמורענדיק די ברע־מען. זי האָט אים נישט געענטפֿערט, דאָס האָט גענומען אויף זיך טוראָבאַיעוו, ער האָט פֿויל גערעדט:

— און אינעווייניק ווייזט זיך, געווייגלעך, אַרויס אָדער אומבאַגרייפלעכס אָדער עפּעס אַ נישטיקייט, ווי, אַ שטייגער, דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ...

אָפּזיצנדיק אַ שעה, אַנדערהאַלבן, האָט די ניעכאַיעווא זיך געקליבן אַהיים, קלים איז געגאַנגען זי אָפּפירן, נישט תמיד גערן.

זי האָט ליב געהאַט צו שענקען אים ביכער, רעפּראָדוקציעס פון מאָדישע בילדער, זי האָט אים געשענקט אַ ביוואַר, וואָס אויף זיין לעדער איז אויסגעפּרעגט געווען אַ פּאַון און אַ טינטער פון אַן אומוואָרשיינלעך משונהדיקער פאָרם. זי האָט געהאַט אַ סך קאָמישע סמנים, קליינע אַבערגלויבענישן, זי האָט זיך געשעמט מיט זיי, האָט אויך באַשיינפּערלעך זיך געשעמט מיט איר גלייבן אין גאָט. שטייענדיק מיט קלימען אין קאַזאַנער סאָבאָר בײַ דער פּסחדיקער מיטאָג-תפילה, האָט זי, ווען מען האָט אָנגעהויבן זינגען „כריסטאָס וואָסקרעסע”, אויפגעציטערט, האָט זיך אַ וואַקל געטון און שטיל זיך צעוויינט.

און נאָכדעם, גייענדיק מיט אים איבער דער גאַס, אונטערן שוואַרצן הימל און קאַלטן ווינט, וועלכער האָט בייז געשטויבט מיט טרוקענעם שניי, געריסן און פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער שטאָט דעם שיטערלעכן געקלאַנג פון די גלעקער, האָט זי, צוהוסטנדיק, שולדיק גערעדט:

— ס'איז קאָמיש, וואָס איך האָב זיך צעוויינט? אָבער מיך טרייסלט אויף דאָס געניאַלע, און די קירכלעכע מוזיק אין רוסלאַנד — איז געניאַל...

אַרויסרייסנדיק זיך פון די שטיינערנע אָרעמס פון סאָבאָר, זענען געלאָפן אין אַלע זייטן טונקעלע מענטשן; בײַ די פייערן פון דער נישט זייער רייכער אילומינאַציע האָבן זיי זיך אויסגעוויזן טונקעלער, ווי שטענדיק; בלויז פון אונטער די אייבערשטע מלבושים פון די פרויען האָבן אַפּערגעקוקט פּאַסן העלע שטאָפן.

קלים האָט, הערנדיק זי, געטראַכט וועגן דעם, אַז די פּראָווינץ איז פייערלעכער און פריידיקער, ווי די דאָזיקע קאַלטע שטאָט. צוויי מאָל בינקטלעך און לאַנגווייליק צעשניטענע אין דער לענג:

מיטן טייך, געצוימט אין גראַניט און מיטן אומענדלעכן קאַנאַל פֿון ביעווסקי, וועלכער איז אויך אַזיווי דורכגעהאַקט געוואָרן דורך שטיין. און ווי אויפגעלעבטע שטיינער האָבן זיך באַוועגט איבערן פּראָספּעקט די מענטשן, ס'האָבן זיך געקייקלט די קאַטשן, געשפּאַנטע מיט מאַשינען־ענלעכע פערד. דער קופּערנער געקלאַנג צווישן די געמויערטע ווענט האָט געזונגען נישט אַזוי וואוילקלינגענד, ווי אין דער הילצערנער פּראָווינץ.

אָנגעהאָנגען אויף קלימס האַנט, האָט די ניעכאַיעוואַ גע־רעדט וועגן דער מרה־שחורהדיקער פּאָעזיע פֿון דער הספּד־ליטורגיע און דערמיט געצוואונגען איר באַגלייטער מיט ערגערניש צו דער־מאָנען זיך די מעשה וועגן דעם שוטה, וואָס האָט אויף דער חתונה געזונגען לוויה־נגונים. זיי זענען געגאַנגען אַקעגן דעם ווינט, צו רעדן איז איר שווער געווען, זי האָט געסאָפּעט. קלים האָט שטרענג, מיט אַ טאָן פֿון אַן עלטערן, אַ זאָג געטון:

— שווייג, פֿאַרמאַך דאָס מויל און עטעם מיט דער נאָז.

אָבער ווען זיי זענען אויפגעזעסן אויף אַ דראָזשקע און גע־פֿאָרן צו די פּרעמיראָווס, האָט זי אויפסניי גענומען רעדן, צודעקנ־דיק דאָס מויל מיט דער מופֿטע.

— דו האַלטסט דאָס אַלץ, נאַטירלעך, פֿאַר אַ פּאַראָורטייל, אָבער איך האָב ליב די פּאָעזיע פֿון פּאַרורטיילן. ס'האָט עמעצער געזאָגט: „פּאַראורטיילן זענען די ברוכשטיקער פֿון אַלטע וואָרהייטן". דאָס איז זייער קלוג. איך גלייב, אַז די אַלטע אמתן וועלן תּחית־המתים אויפשטיין נאָך שענערע, ווי געווען.

קלים האָט געהערט שווייגנדיק, ער האָט געפֿילט, אַז אין דעמדאָזיקן מיידל וואַקסט־אָן אַ פֿאַרלאַנג אַרויסצורופֿן אים אויף אַ וויכוח, צו רעדן אים להיפּוך. ער האָט שוין נישט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט און מיט שווערקייט פֿאַרהוילן פֿאַר דער ניעכאַיע־וואַ, אַז זי פֿאַרמאַטערט אים. די היסטערישע צערטלענישן אירע זענען געוואָרן צוגעוואוינט, איינאַרטיק, די ווערטער האָבן זיך אי־בערגעחזרט. און אַלץ אָפֿטער פֿלעגן אים ברענגען אין פֿאַרלעגנהייט אירע מאָדנע אָנפֿאַלן פֿון פֿרעגנדיקן שווייגן. ס'איז געווען אומהיימ־

לעך מיט אַ מענטש, וועלכער באַטראַכט דיך שווייגנד, אַזוי־ווי אַנשטויסנדיק זיך וועגן עפּעס. דער ניעכאַיעוואַס טרוקענער הוסט האָט דערמאָנט אָן דער אָנשטעקבאַרקייט פון טובערקולאָז.

דאָס עסצימער פון די פּרעמיראָווס איז העל באַלויכטן, אויפן טיש, באַפּוצטן מיט בלומען, האָט געגלאַנצט גלאָז פון פאַרשידנפאַרביקע פלעשער, כּוסות און באָקאַלן, ס׳האָט געפינקלט דאָס שטאָל פון די מעסערס, אויף די בלויע, ברייטע ראַנדן פון פאַיאַנסענעם פּולמיסיק שפּיגלט זיך אָנגענעם דאָס פייער פון לאָמפּ, העל באַלייכטנדיק דאָס בערגל פאַרשידנפאַרביק קאָלירטע אייער. אינמיטן טיש און קווער אים, אויפן פּולמיסיק, איז אין שוים פון סמעטענע און געריבענעם כריין געלעגן, פרייליך שמייכלענדיק, אַ חזירל, פון דריי זייטן האָבן עס אַרומגערינגלט אַ גאָלדיק געבראָטענע גאַנז, אַן אינדיטשקע און אַ סאָליד שטיק שינקע.

— כ׳בעט צום טיש! — האָט געמאָלדן די אַלטיטשקע פּרעמיראָווא, איינגאַנצן אַ זיידענע, אין אַ שפּיצן־הייבל אויף די גרויע האָר, זי האָט זיך אַנידערגעזעצט די ערשטע און באַשיידן זיך אַ רום געטון:

— באַ מיר איז אַלץ — אַלטפּרענקיש.

לעבן איר האָט זיך געזעצט מאַרינאַ, אין אַ גרויסאַרטיק קלייד פון בעז־קאָליר, מיט בופן אויף די אַקסלען, מיט אָן אַ שיעור קנייטשן און פאַלבן, וועלכע האָבן ברייטער געמאַכט איר קרעפּטיקן קערפּער, אַנטקעגן איר האַרץ איז, פּונקט ווי אַן אָרדן, צוגעטשעפּעט געווען אַ קליין זייגערל מיט עמאַליע. אין דער צווייטער זייט פון דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט דמיטרי סאַמגין, אָנגעטון אין אַ ווייסן קיטעל און צוגעקעמט אַזוי, אַז ער איז ענלעך געוואָרן צו אַן אָנגעשטעלטן פון אַ מעל־געוועלב. דער עלעגאַנט טוראָבאָיעוו איז אויסגעקומען (ווייט) פון קלימען באַם צווייטן עק טיש, קוטוזאָוו צווישן מאַרינען און דער ספּיוואַק. אין אַן אָפּגעטראָגענעם און שמאָלן סורדוט איז ער געזעסן, האָרבאַטע אויפגעהויבן די אַקסלען און דאָס האָט נישט געפּאַסט צו זיין ברייטער פיגור. ער האָט גלייך אַ זאָג געטון מאַרינען:

— איר זענט ענלעך צו אַ „גוליאַי גאָראָד"*).

— וואָס איז דאָס ווידער? — האָט זי בייז אַ פרעג געטון.

קוטוזאָוו האָט העפלעך דערקלערט:

— אַן איינריכטונג, וועלכע מ'האָט פאַרצייטנס באַנוצט צום באַלאַגערן שטעט.

מאַרינאַ האָט, רירנדיק מיט די געדיכטע ברעמען, אַ קלער געטון, זיך דערמאָנט עפּעס און, רויט ווערנדיק, געענטפערט:

— ס'איז זייער גראָב.

דמיטרי סאַמגין האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן לעפל איבערן ראַנד פון טיש און געעפנט דאָס מויל, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַ שמאַטשק געטון מיט די ליפּן, און קוטוזאָוו האָט, שמייכלענדיק, אָנגעהויבן פליסטערן דער ספּיוואַק אין אויער אַריין. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ העל-בלוי קלייד, אַן נאַרישע באַלאָנען אויף די אַקסלען און דאַסדאָזיקע גלאַטיקע, נישט געפּוצטע קלייד, די גלאַטיק צוגעקעמטע קאַשטאַנען-האָר, האָבן פאַרשטאַרקט די ערנסטקייט פון איר געזיכט און דעם נישט ליבלעכן גלאַנץ פון די רויקע אויגן. קלים האָט באַמערקט, אַז טוראָבאָיעוו האָט קרום אַ שמייכל געטון, ווען זי האָט אַ שאָקל געטון אויף יאָ מיטן קאָפּ.

די ניעכאַיעוואַ, אין אַ ווייס און עפּעס אַ קינדיש קלייד, וואָסערע קיינער האָט נישט געטראָגן, האָט געקרומט די נאָז, קוקנדיק אויף דער שפּע פון שפּייז, און פאַרזיכטיק אַריינגעהוסט אין טיכל אַריין. זי האָט מיט עפּעס דערמאָנט אַן אָרעמע קרובה, וועלכע מען האָט איינגעלאַדן צום טיש אויס רחמנות. דאָס האָט געערגערט קלימען, זיין געליבטע דאַרף זיין פּאַרביקער, אָנזעעוודיקער. און געגעסן האָט זי נאָך מיט מער איבל, ווי שטענדיק, מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי טוט עס אויף צו ווייזן, צולהכעיס.

*) גוליאַי גאָראָד — שפּאַציר שטאָט. — איבערזעצער.

מען האָט זיך פּלייסיק געזעטיקט, שנעל זיך אָנגעזעטיקט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן איינע פון יענע אומבינגדיקע שמועסן, וועלכע קלים האָט געקענט פון דער קינדהייט. עמעצער האָט זיך אַ קלאָג געטון אויף דער קעלט און באַלד האָט, צו קלימס פאַרוואונדערונג, די שווייגנדיקע ספּיוואַק אָנגעהויבן באַגייסטערט צו לויבן די נאַטור פון קאַווקאַז. טוראַבאַיעוו האָט, אויסהערנדיק זי אַ מינוט, צוויי, אַ געגעץ געטון און געזאָגט מיט אַקצענטירטער פלעגמאַטישקייט:

— אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע אויף קאַווקאַז איז — דער טראַגישער געבריל פון די אייזלען. אַפּנים, בלויז זיי אַליין פאַרשטייען ווי אומגעלומפּערט ס׳איז דידאָזיקע צוניפגעפּאַקטקייט פון שטיין, ראָווס, גלעטשערס און די גאַנצע געריטמטע פּראַכט פון דער בערג-נאַטור.

ער האָט גערעדט, נערוועיש רייבערנדיק, עטעמענדיק מיט רויך, קוקנדיק אויפן עק פון פּאַפּיראָס. די ספּיוואַק האָט אים נישט געענטפערט, און די אַלטיטשקע פּרעמיראָווא האָט, אַ זיפץ געבנדיק, געזאָגט:

— אויף קאַווקאַז האָט מען דערהרגעט מיין פאָטער...

איר האָט אויך קיינער נישט געענטפערט, דאַן האָט זי שנעל צוגעגעבן:

— ער איז צו לערמאָנטאָוון ענלעך געווען.

אָבער אויך דידאָזיקע ווערטער זענען נישט דערהערט געוואָרן. די צו אַלעם געדולדיקע אַלטיטשקע האָט אויסגעווישט מיט אַ סערוועטקע דאָס זילבערנע בעכערל, פון וועלכן זי האָט געטרונקען ווין, האָט זיך איבערגעצלמט און איז שווייגנד נעלם געוואָרן.

קלים, וויסנדיק, אַז טוראַבאַיעוו איז פאַרליבט אין דער ספּיוואַק און פאַרליבט נישט אָן דערפאָלג — אויב צו דערמאַנען זיך די דריי קלעפּ אין סופיט אַריין באַם ברודער אין צימער — האָט זיך געוואונדערט. אין טוראַבאַיעווס באַציונג צו דערדאָזיקער פרוי האָט זיך באַוויזן אַ מין חוזק און דענערווירונג. טוראַבאַיעוו האָט

אויסגעלאַכט אירע מיינונגען און בכלל אזויווי בישט געוואָלט, אַז זי זאָל אין זיין אַנוועזנהייט רעדן מיט אַנדערע.

— זיי האָבן זיך, משמעות, צעקריגט, — האָט זיך משער געווען סאַמגין און געפילט, אַז דאָס איז אים אָנגענעם.

באַ אים האָט אַ ביסעלע געראַשט אין קאָפּ און ס׳איז אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג צו לאָזן זיך הערן; ער האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער צוהערנדיק זיך, צוקוקנדיק זיך צו די מענטשן און געפונען כּמעט אין אַלע טשעקאָוועדיקס: אָט האָט מאַרינאַ כּמעט צוגעקוועטשט צו דער וואַנט אַ בלאָנדן, לאַנגנאָזיקן יינגנמאַן און זאָגט אים:

— איר וואָלט בעסער געשריבן פּראָזע, באַ פּראָזע וועט איר פאַרדינען מער געלט און גיכער באַרימט ווערן.

— אָבער וויבאַלד איך בין — אַ פּאָעט? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט דער יינגערמאַן, רייבנדיק דעם שטערן.

— רייבט נישט דעם שטערן, פון דעם ווערן באַ אייך רויט די אויגן, — האָט געזאָגט מאַרינאַ.

טוראָבאָיעוו דערקלערט אַ הויכן מענטש מיט אַ יידיש פּנים:

— ניין, איך בין נישט אָנגעשטעקט מיט דער שטרעבונג צו מאַכן געשיכטע, מיך באַפרידיקט לגמרי דער פּראָפעסאָר קליוטשעווסקי, ער מאַכט געשיכטע אויסגעצייכנט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אויסערלעך ענלעך צום קייסער וואַסילי שויסקי: ער האָט אָנגעשריבן די געשיכטע, ווי ס׳וואָלט זי אָנגעשריבן דערדאָזיקער פּיפּיקער קייסער...

זייבע ווערטער האָט פּאַרטויבט דמיטריס בייזע שטימע:

— ס׳איז נישט קיין נייעס. די ענלעכקייט צווישן דיאָניזין און קריסטוסן איז שוין לאַנג באַמערקט געוואָרן.

ווי פריער, האָט היציק געקלונגען דער ניעכאַיעוואַס קעלעכל:

— אין רוסלאַנד קען מען בלויז דעם ליריזם און דעם פּאַטאָס פון חרוב מאַכן.

— איר, פריילין, קענט קנאַפּ רוסלאַנד.

— שנייקע ליבע, אייזיקע בארמהארציקייט

— אַהאַ! סאַ־אַרע ווערטער!

— אויסגעטראַכטע נשמות...

די ניעכאַיעוואַ האָט געשריגן צו הויך, קלים האָט אַ קלער געטון, אַז זי האָט אפֿנים אויסגעטרונקען מער, ווי מ'האָט באַדאַרפֿט, און ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן אין אַ זייט פֿון איר; די ספּיוואַק האָט, זיצנדיק אויף דער סאָפֿע געפֿרעגט:

— אין אייער שטאָט זענען נאָך דאָ סאַמגינס?

— יאָ, מיין מוטער.

— אפֿנים זי לאַדט עס איין מיין מאַן צו אָרגאַניזירן דאָרטן אַ מוזיקאַלישע שולע?

דמיטרי, אַ שכורער און רויטער, האָט געזאָגט, לאַכנדיק:

— אָבער איר האָט דאָך מיך שוין געפֿרעגט וועגן דעם!

— טאַקע? — האָט פֿאַרוואונדערט אויסגערופֿן די ספּיוואַק. — איך האָב אַ שלעכטן זכרון.

זי האָט זיך לייכט אויפֿגעהויבן פֿון דער סאָפֿע און וויגנדיק זיך אַריינגעגאַנגען אין מאַרינעס צימער, פֿונוואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן דער ניעכאַיעוואַס געשרייען; קלים האָט איר נאָכגעקוקט שמייכלענדיק און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די אַקסלען, די היפֿטן אירע ווילן אַראָפּוואַרפֿן דאָס געוועב, וואָס האָט זיי צוגעדעקט. זי האָט זיך פֿאַרפֿומירט מיט זייער שטאַרקן פּאַרפֿום און קלים האָט זיך פּלוצלינג דערמאַנט, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט ער אים דערשפּירט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, ווען די ספּיוואַק איז דורכגעגאַנגען לעבן אים און אונטערברומענדיק דעם ראָמאַנס „אויף די בערג פֿון גרוזיע", האָט זי אַרויסגעזאָגט דעם אויפֿרודערנדיקן פֿערז:

— „מיט דיר, מיט דיר איינער".

און טאָמער האָט זי גאָר געזונגען:

—„...מיט דיר איינעם?"

ער איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין מאַרינעס צימער, וואו קוטוזאָוו, צעשפּרייט די פּאָלעס פֿון סורדוט, אַריינגערוקט די הענט

אין די קעשענעס, איז געשטאַנען ווי אַ מאָנומענט אינמיטן צימער און, הויך אויפגעהויבן די ברעמען, געהערט טוראַבאַיעווס רעדע; קלים האָט דאָס ערשטע מאָל געזען טוראַבאַיעוון רעדן אָן די געוויינלעכע גרימאַסן און שמייכלעך, וואָס פלעגן צעקרומען זיין שיין פּנים.

— ס׳איז פולשטענדיק קלאָר, אַז די קולטור גייט אונטער, ווארים די מענטשן האָבן זיך צוגעוואוינט צו לעבן אויפן חשבון פון פרעמדער קראַפט און דידאָזיקע געוואוינהייט האָט דורך און דורך דורכגעדרונגען אַלע קלאַסן, אַלע באַציונגען און מעשים פון די מענטשן. איך פאַרשטיי: דידאָזיקע געוואוינהייט איז געבוירן געוואָרן פון דעם מענטשלעכן פאַרלאַנג גרינגער צו מאַכן די אַר־בעט, אָבער זי איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור און האָט שוין נישט בלויז אָנגענומען אַפשטויסנדיקע פאָרמען, נאָר זי גראָבט אונטער אין שורש דעם טיפן מהות פון אַרבעט, איר פּאָעזיע.

קוטוזאָוו האָט פריינדלעך אַ לאַך געטון.

— איר זענט אַן אידעאַליסט, טוראַבאַיעוו און — אַ ראָמאַנ־טיקער, און דאָס איז שוין גאָרנישט צו דער צייט.

מאַרינאַ האָט ביין געצויגן דאָס שנירל פון ווענטילאַטאָר. די ספיוואַק איז צוגעגאַנגען צו איר, וועלנדיק העלפן, אָבער מאַ־רינאַ האָט איבערגעריסן דעם שנור און אַוועקגעוואָרפן אים אויף דער פּאָדלאָגע.

— מאַנסבילן, — גייט אַרויס! — האָט זי אַ קאָמאַנדעווע געגעבן. — סעראַפּימאַ, דו וועסט שלאָפן בײַ מיר; אַלע זענען שכור, נישטאָ ווער ס׳זאָל אָפּפירן.

— איך — בין נישט שכור! — האָט דערקלערט קלים.

די ספיוואַק, שטייענדיק אויף אַ שטול, האָט עקשניתדיק זיך געמיט אויפצופּען דעם ווענטילאַטאָר. קוטוזאָוו איז צוגעגאַנגען, האָט זי אַראָפּגענומען ווי אַ קינד פון דער שטול, אַנידערגע־שטעלט אויף דער פּאָדלאָגע און, אויפעפענענדיק דעם ווענטילאַ־טאָר, געזאָגט:

— קומט אַריין צו סאַמגינען... דעם עלטערן. גייען מיר, מומע ליזע?

די זענען ארויסגעגאנגען. אין עסצימער האָט טוראַבאַיעוו מיט אַ זשעסט פֿון אַ פּאַקוסניק אָראָפּגענומען פֿון טיש אַ פֿלאַש ווייַן, אָבער די ספּיוואַק האָט זי אַרויסגענומען פֿון טוראַבאַיעווס האַנט און זי אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע. קלימען האָט פּלוצלינג אָפּגעבריט אַ בייזע פֿראַגע: פֿאַרוואָס שליידערט אים דאָס לעבן אונטער די פֿיס אַזעלכע פּרויען, ווי די פֿאַרקויפֿטע מאַרגאַריטאַ אָדער די ניעכאַיעוואַ? ער איז אַריינגעקומען אין ברודערס צימער דער לעצטער און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער איבערגעריסן דעם רויקן שמועס פֿון קוטוזאָוון און טוראַבאַיעוון, אייליק רעדנדיק דאָס, וואָס אים האָט שוין לאַנג זיך געגלוסט צו זאָגן.

— פֿון קינדהייט אָן הער איך רייד וועגן פֿאָלק, וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אַ רעוואָלוציע, וועגן אַלעם, וואָס ווערט גערעדט דורך די מענטשן צוליב דעם, אַז זיי זאָלן זיך ווייַזן איינער דעם אַנדערן פֿאַר קלוגער, ווי זיי זענען אינדערעמתן. ווער... ווער רעדט עס? די אינטעליגענץ.

נעפּלהאַפֿט פֿאַרשטייענדיק, אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ צו היציקן טאָן און אַז די ווערטער, שוין לאַנג דורך אים איינגעקנעלטע, דערמאַנען זיך שווער, גייען נישט געגנוג לייכט אַראָפּ פֿון דער צונג, איז סאַמגין אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, באַטראַכטנדיק אַלעמען. די ספּיוואַק, שטייענדיק באַם פֿענצטער, האָט זיך צעפֿלאָסן איבער די מאַטע שויבן אין אַ העל-בלויען פֿלעק. דער ברודער איז געשטאַנען באַם טיש, האַלטנדיק פֿאַר די אויגן אַ צייטונג און דורך איר טריב געקוקט אויף קוטוזאָוון, וועלכער האָט, לאַכנדיק, אים עפּעס געזאָגט.

— זיי הערן מיך נישט, — האָט קלים זיך משער געווען און זיך צעבייזערט.

טוראַבאַיעוו איז געזעסן אין אַ ווינקל, אָנבייגנדיק זיך פֿאָראויס, ער האָט געריכערט, לאָזנדיק רינגען רויך אין מיטן צימער אַריין. ער האָט שטיל געזאָגט:

— אייער פּעטער, ווי איך האָב געהערט...

קלים האָט אַ געשריי געטון:

— וואָס ווילט איר זאָגן? מיין פעטער איז פונקט אַזאַ פּראָדוקט פון פונאַנדערפאַלונג פון די אייבערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, ווי איר אַליין... ווי די גאַנצע אינטעליגענץ. זי געפינט זיך נישט קיין אָרט אין לעבן און דעריבער...

טוראַבאַיעוו האָט פון זיין ווינקל אַ זאָג געטון:

— איר, סאַמגין, זענט, דאַכט זיך, געוואָרן אַ מאַרקסיסט, אָבער איך מיין, דאָס איז דערפאַר, וואָס איר האָט בּאַם טיש אומפאַרזיכטיק געמישט ווייסן ווייַן מיט רויטן...

דמיטרי האָט זיך הויך צעלאַכט, קוטוזאָוו האָט אים געזאָגט:

— שטער נישט.

קלימען האָט זיך געוואָלט, אַז מען זאָל זיך מיט אים שפּאַרן, ער האָט אָבער היציקער גערעדט מיט וואַראַווקישע ווערטער:

— דאָס פאָלק אַליין מאַכט קיינמאָל נישט קיין רעוואָלוציע, עס ווערט געשטויסן דורך די אָנפירער. אויף אַ צייט זיך אונטערגעבנדיק זיי, הייבט עס אָן גיך זיך אָקייגנצושטעלן די אידעען, וואָס זענען זיי אָנגעהאָנגען געוואָרן פון דרויסן. דאָס פאָלק ווייסט און פילט, אַז דאָס איינציקע געזעץ פאַר אים איז די עוואָלוציע. די פירערס בּאַמיען זיך אויף כּלערליי אופנים אומצוקוואַרפן דאָסדאָזיקע געזעץ. אָט אַזוי לערנט די געשיכטע.

— אַ טשעקאַווע געשיכטע, — האָט געזאָגט טוראָבאַיעוו.

— אַן אַלטע, — האָט צוגעגעבן קוטוזאָוו און איז אויפגעשטאַנען. — נו, איך דאַרף שוין גיין.

קלימס אַלע מחשבות האָבן זיך פּלוצלינג איבערגעריסן. די ווערטער זענען פאַרפאַלן געוואָרן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ספּיוואַק, קוטוזאָוו, טוראַבאַיעוו זענען אויסגעוואַקסן און אָנגעשוואָלן געוואָרן, נאָר דער ברודער איז פאַרבליבן דער זעלבער, ווי ער איז געווען; ער איז געשטאַנען אינמיטן צימער, האַלטנדיק זיך בּאַ די אויערן און זיך געשאָקלט.

— איר, קוטוזאָוו, האָט אַ נישט אָנגענעמע מאַניר צו שטיין,

ארויסגערוקט דעם לינקן פוס פאָרויס. דאָס הייסט: איר האַלט זיך שוין פאַר אַ פירער און קלערט וועגן אַ מאָנומענט...

— כדי צו שטיין אונטערן שניי און רעגן, — האָט אַרויסגעמורמלט דמיטרי סאַמגין, אַרומנעמענדיק דעם ברודער בײַ דער טאַליע, קלים האָט אים אָװעקגעשטופּט מיט אַ באַוועגונג פון אַקסל, פאַרזעצנדיק שרייעוודיק:

— אָבער לויט אייער גלויבן, קוטוזאָוו, קאָנט איר נישט פּרעטענדירן אויף דער ראָלע פון אַ פירער. מאַרקס דערלויבט דאָס נישט, ס'איז נישטאָ קיין פירערס, די געשיכטע מאַכן די מאַסן. ליעוו טאָלסטאָי האָט אַנטוויקלט דידאַקטיק פאַלשע אידעע פאַרשטענדלעכער און איינפאַכער פון מאַרקסן, לייענט איבער „מלחמה און שלום".

קלים סאַמגין האָט ווידער אָפּגעשטופּט דעם ברודער:

— לייענט איבער! אגב, — בײַ אייך איז דער זעלבער פאַמיליע־נאָמען, ווי בײַ דעם מיליטער־פירער, מיט וועלכן די אַרמיי האָט אָנגעפירט.

אָן איבערצייגטער, אַז ער האָט געזאָגט עפּעס בייסנדיקס, שאַרפזיניקס, האָט קלים זיך צעלאַכט, צומאַכנדיק די אויגן, און ווען ער האָט זיי געעפנט — איז אין צימער קיינער נישט געווען אַחוץ דעם ברודער, וועלכער האָט אָנגעגאָסן וואַסער פון קאַראַפינקע אין גלאָז אַריין.

ווייטער האָט קלים גאָרנישט געדענקט.

אויפגעוואַכט האָט ער מיט אַ שווערקייט אין קאָפּ און מיט אַ נעפּלהאַפטער דערינערונג וועגן עפּעס אַ טעות, וועגן אַן אומפאַרזיכטיקייט, וואָס ער איז נעכטן בײַגאַנגען. דאָס אימער האָט אָנגעפולט אַ נישט אָנגענעם צעזייטע, ווייסלעכע שײַן פון דער זון, וועלכע איז באַהאַלטן געווען אין דער פאַרבלאָזער לײַדיקייט הינטערן פענצטער. ס'איז אַרייַנגעקומען דמיטרי, זייַנע נאַסע, גלאַטיק צוגעקעמטע האָר האָבן אויסגעזען פעט אָנגעשמירט מיט אייל און האָבן העסלעך אויפגעדעקט די רויטלעכע אויגן, דאָס ווייבערישע, עטוואָס געשוואָלענע פּנים. לויטן פאַרצאָגטן בליק זייַנעם האָט קלים שוין פאַרשטאַנען, אַז ער וועט באַלד דערהערן עפּעס שלעכטס.

— וואָס זשע האָסטו עס, וויאַזוי, נעכטן? — האָט אַ זאָג געטון דער ברודער, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן און קורצער מאַכנדיק די שעלקעס פון די הויזן. — האָסט געשוויגן, געשוויגן... מען האָט דיך געהאַלטן פאַר אַן ערנסט דענקענדיקן מענטש, און דו האָסט פּלוצלינג אַזוי קינדיש. כ'ווייס נישט, ווי אַזוי דיך צו פאַרשטיין. נאַטירלעך, האָסט אויסגעטרונקען. אָבער מען זאָגט דאָך: „וואָס בײַ אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז בײַ אַ שכּורן אויף דער צונג".

געדערדט האָט דמיטרי פאַרטראַכט און מיט אָנשטרענגונג. פאַרטיק ווערנדיק מיט די שעלקעס, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ סקריפּענדיקער שטול.

— ס'איז אַרויסגעקומען, פאַרשטייסטו, אַזוי, ווי אין אַן אָרקעסטער וואָלט אַרײַנגעשפּרונגען אַ פרעמדער מוזיקאַנט און, כּדי צו טון להכעיס, וואָלט ער גענומען גרימפּלען נישט דאָס, וואָס אַלע שפּילן.

— סאַראַ מאַטער, אומבאַגאַבטער מענטש, — האָט קלים געקלערט, — איגנאַנצן טאַניאַ קוליקאָוואַ.

און פּלוצלינג האָט ער אַרויסגערעדט:

— נו גענוג! דו ביסט נישט מײַן גוווערנער. דו וואָלסט זיך בעסער אָפּגעהאַלטן פון די אומגעלומפּערטע פּרוּוון צו קאַלאַמבורעווען. ס'איז אַ חרפּה צו זאָגן נאַטאַשקאַ אָנשטאָט — נאַטיאַזשקאַ און אָטשעפּיאַטקאַ אָנשטאָט אָפּיעטשאַטקאַ. נאָך ווייניקער שאַרפּזיניק איז אָנצורופן דעם באָטנישן אויסגאַנג — באַלטוניטשעסקי, דעם אַדריאַטישן ים — אידיאָטישן...

צעהיצנדיק זיך, האָט ער געזאָגט דעם ברודער אויך דאָס, וועגן וואָס ער האָט נישט געוואָלט רעדן: איינמאָל באַנאַכט, אומקערנדיק זיך פון טעאַטער, האָט ער שטיל געשפּרייזט איבער די טרעפּ און פּלוצלינג דערהערט איבער זיך, אויף דער פּלאַטפאָרמע די נידעריקע שטימען פון קוטוזאָוון און מאַרינען.

— ווען זשע וועסטו זאָגן סאַמגינען?

— כ'האָב נישט קיין מוט... און — ס'איז אַ רחמנות, ער איז — אַזוי...

— איך בין אויך אזוי...

ס׳האָט זאַפטיק אַ סמאַטשק געטון אַ קוש; מאַרינאַ האָט גע־נוג הויך אַ זאָג געטון:

— וואָג נישט!

קוטוזאָוו האָט עפּעס אַ מרוטשע געטון, און קלים איז רויש־לאָז אַראָפּגעגאַנגען אונטן און אויפסניי געגומען שפּאַנען אַרויף אויף די שטיגן, אָבער שוין געשווינד און פעסט. אָבער ווען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע, — איז דאָרטן קיינער נישט געווען. ער האָט זייער חשק געהאַט תיכף צו דערציילן דעם ברודער דעמדאָזיקן דיאַלאָג, נאָר איבערקלערנדיק זיך, האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָס איז פּריצייטיק: דער ראָמאַן זאָגט־צו צו זיין אינטערעסאַנט, זיינע העלדן זענען ביידע אַזעלכע פעסטע, גופיקע. זייער גופיקע פעסטקייט האָט באַזונדער געוועקט קלימס בייגיריי־קייט, קוטוזאָוו און דער ברודער וועלן זיך, מסתמא, צעקריגן און דאָס וועט נוצלעך זיין פאַרן ברודער, וועלכער איז צופיל משועבד צו קוטוזאָוון.

דערציילט דמיטרין דעם אויסגעהערטן שמועס, האָט ער צוגעגעבן אָנרייצנדיק:

— נאַטירלעך, וועט זי בעסער אים וועלן...

רעדנדיק, האָט ער געקוקט אין סופיט אַריין און נישט גע־זען, וואָס דמיטרי טוט; צוויי שווערע קלעפּ האָבן אים געגייט אַ ציטער צו טון און אויפצושפּרינגען אויפן בעט. געקלאַפּט האָט דער ברודער מיט אַ בוך איבער דער האַנט־פלאַך, שטייענדיק אינ־מיטן צימער אין דער אַנטשלאָסענער פּאָזע פון קוטוזאָוון. מיט אַ פרעמד קול, פאַרהאַקנדיק זיך, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אַז־זעלכע ז־זאַכן דערציילן דינסטן. דאָס איז מ־מוחל צו זיין נאָר ווען מ׳איז שכור.

אַ שליידער טוענדיק דאָס בוך אויפן טיש אַרויף, איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן, איבערלאַזנדיק קלימען אזוי געפּלעפּט, אַז ערשט אין אַ צוויי מינוט אַרום האָט ער זיך געכאַפּט:

— מיט אַזאַ טאָן האָט דמיטרי נישט די העזה צו רעדן מיט מיר. מען דאַרף זיך דורכרעדן,

ער האָט באַשלאָסן צו גיין צום ברודער און איבערצייגן אים, אַז דאָס דערציילן וועגן מאַרינען איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם נאַטירלעכן געפיל פון באַליידיקונג פאַר אַ מענטש, וועלכן מען נאַרט צו. אָבער ביזוואַנען ער האָט זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטון, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ברודער און קוטוזאָוו זענען אַוועקגעפאָרן קיין קראַנשטאַט.

יעליזאַוועטאַ ספּיוואַק האָט זיך פאַרקילט און איז געלעגן אין בעט. מאַרינאַ איז אַ געוואַלטיק פאַרזאָרגטע געלאָפן איבער די שטיגן אַרויף און אַראָפּ, אָפּט געקוקט אין די פענצטער און אומ־געלומפּערט געפאָכעט מיט די הענט, אַזוי ווי כאַפּנדיק אַ מילב, וואָס קיינער האָט נישט געזען, אַ חוץ איר. ווען קלים האָט אויס־געדריקט דעם פאַרלאַנג צו באַזוכן די קראַנקע, האָט מאַרינאַ טרוקן אַ זאָג געטון:

— כ׳וועל זי פרעגן.

אָבער קלים איז זיכער געווען, אַז זי האָט נישט געפרעגט, מען האָט אים אינדערהייך נישט אַרויפגערופן. ס׳איז געווען אומע־טיק. נאָך דעם פרישטיק איז ווי שטענדיק אין עסצימער אַראָפּגע־קומען דער קליינטשיקער ספּיוואַק:

— איך וועל נישט שטערן? — האָט ער געפרעגט און איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ווען אין צימער וואָלט אַפילו קיינער נישט געווען, וואָלט ער פונדעסטוועגן אַ פרעג געטון: צי וועט ער נישט שטערן? און ווען מען וואָלט אים גע־ענטפערט:

— יאָ, איר וועט שטערן, — וואָלט ער פונדעסטוועגן זיך צוגעגנבעט צום אינסטרומענט.

קלים האָט זיך נישט געקענט אים פאָרשטעלן אַנדערש, ווי באַם קלאַוויר, צוגעשמידט צו אים, פּונקט ווי אַ קאַטאָרזשניק צו אַ טאַטשקע, וועלכע ער קען נישט רירן פון אָרט. גראַבלענדיק מיט די פינגער די צוויי־פאַרביקע ביינדלעך פון דער קלאַוויאַטור, האָט ער אַרויסגעצויגן פון דעם שוואַרצן געשטעל נישט הויכע טענער, אומ־געוויינלעכע אַקאָרדן און אָנבויגנדיק אויף אַ זייט דעם קאָפּ, וואָס איז טיף באַהאַלטן געווען אין די אַקסלען, פאַרשיקלענדיק די אויגן,

זיך צוגעקוקט צו די קלאַנגען. געדעדט האָט ער ווינציק און בלויז אויף צוויי טעמעס: מיט סודותדיקער מינע און שטילער התלהבות וועגן דער כינעזישער גאַמע און באַקלאַגלעך, מיט צער, וועגן דער אומפּאָפּולאַריטעט פון אייראָפּעישן אויער.

— בײַ אונדז איז דאָס אויער פאַרקלאַפּט מיטן געפּילדער פון די שטיינערנע שטעט, פון די דראָזשקעס. יאָ, יאָ! אמתע, ריינע מוזיק קאָן אַנטשטיין בלויז פון פולשטענדיקער שטילקייט. בעטהאָ־ווען איז געווען טויב, אָבער וואַגנערס אויער האָט געהערט אומ־פאַרגלייכלעך ערגער פון בעטהאָווענס, דעריבער איז זיין מוזיק בלויז כאַאָטיש צונויפגעזאַמלטער מאַטעריאַל פאַר מוזיק. מוסאָרג־סקי האָט זיך געמוזט באַטייבן מיט ווײַן, כדי צו הערן די שטימע פון זיין זשעני אין דער טיפעניש פון דער נשמה, איר פאַר־שטייט?

קלים סאַמגין האָט געהאַלטן דעמדאָזיקן מענטש פאַר אַ צעחושטן, אָבער נישט זעלטן האָט דעם מוזיקאַנטס קליינטשיקע פיגורל, וואָס איז צוגעפאַלן צו דער שוואַרצער מאַסע פונם קלאַוויר, אַרויסגע־רופן בײַ אים אַן אומהיימלעכן איינדרוק פון אַ מצבה איבער אַ קבר: אַ גרויסער, שוואַרצער שטיין, און בײַ זיין צופיסנס יאָמערט שטיל אַ מענטש.

פאַר קלימען איז אָנגעקומען אַ שווערע צייט. די באַציונג צו אים האָט זיך שאַרף געענדערט און קיינער האָט דאָס נישט פאַרהוילן. קוטוזאָוו האָט אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו זיינע קאַר־גע, פלייסיק דורכגעטראַכטע פראַזן, האָט זיך באַגריסט גלייכגילטיק, אָן אַ שמייכל. דער ברודער פלעגט אינדערפרי נעלם ווערן, צו־ריקקומען שפּעט, אַ פאַרמאַטערטער; ער איז געוואָרן דאַר, נישט רעדעוודיק, בײַם באַגעגנען זיך מיט קלימען האָט ער פאַרלעגן גע־שמייכלט. ווען קלים האָט געפּרוּווט פאַרפירן אַ שמועס, האָט דמיטרי שטיל, נאָר אַנטשלאָסן אַ זאָג געטון:

— לאָז דאָס אָפּ.

טוראָבאָיעוו האָט געמאַכט גרימאַסן מער ווי פריער, נישט באַמערקט קלימען און געקוקט אין סופיט אַריין.

— וואָס קוקט איר אַלץ אַרויף אינדערהייך? — האָט אים געפרעגט די אַלטע פּרעמיראָווא.

ער האָט דורך די ציין געענטפערט:

— איך וואַרט, אַז די פליגן זאָלן אויפלעבן.

די ניעכאַיעווא איז נישט אַוועקגעפאָרן. קלים האָט געפונען, אַז איר געזונט ווערט בעסער, זי הוסט ווינציקער און איז אַזויווי פולער געוואָרן, דאָס האָט אים זייער באַאומרויקט. ער האָט געהערט, אַז שוואַנגערשאַפט האַלט נישט בלויז אָפּ די אַנטוויקלונג פון טובערקולאָז, נאָר היילט אים טיילמאָל אויס. און דער געדאַנק, אַז ער קאָן האָבן אַ קינד פון דעמדאָזיקן מיידל, האָט קלימען געשראָקן.

זי איז געוואָרן שוויגיקער און האָט שוין נישט גערעדט אַזוי הייס, נישט אַזוי פאַרביק, ווי פריער. איר צאַרטקייט איז געוואָרן אַ דערווידערדיקע, אין דעם פאַרגעטערנדיקן בליק האָט זיך באַוויזן עפּעס גליקזעליקס. דערדאָזיקער בליק האָט געוועקט אין קלימען דעם פאַרלאַנג צו פאַרלעשן זיין האַלב-דולן גלאַנץ מיט אַ ליצנותדיק וואָרט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט כאַפּן קיין מינוט, אַ גינסטיקע דערויף; יעדעס מאָל, ווען אים האָט זיך געגלוסט צו זאָגן דעם מיידל אַ נישט ליבלעך אָדער שאַרף וואָרט, האָבן די ניעכאַיעוואַס אויגן, באַלד איבערבייטנדיק דעם אויסדרוק, געקוקט אויף אים פרעגנדיק, פאַרשנדיק.

— פון וואָס לאַכסטו? — האָט זי געפרעגט.

— איך לאַך נישט, — האָט קלים געלייקנט, ווערנדיק אָפּהענטיק.

— אָבער איך זע דאָך, — האָט זי זיך געעקשנט. באַ דיר אין די אויגן זענען דאָ שנייעלעך.

ער איז נאָך מער אָפּהענטיק געוואָרן, דערוואַרטנדיק, אַז אָט באַלד וועט זי אים אַ פרעג טון: וואָס קלערט ער וועגן זייערע ווייטערדיקע באַציונגען.

פעטערבורג איז געוואָרן נאָך אַן אָנגענעמער דערפאַר, וואָס אין אים האָט געלעבט די ניעכאַיעווא.

דער פרילינג האָט זיך פאַמעלעך דערנענטערט. צווישן די

פוילע וואָלקנס, וועלכע האָבן כמעט יעדן טאָג פאַרומערט געווייעט רעגן, האָט די זון זיך געוויזן נישט אויף לאַנג. אָן חשק און אָנ־כוונהדיק אויפגעדעקט די בלאָטע פון די גאַסן, דעם קאָפּעטש אויף די ווענט פון די הייזער. פון ים האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, דער טייך איז בלוילעך אָנגעשוואָלן געוואָרן, די שווער־כוואַליעס לעקן הונגעריק דעם גראַניט פון די ברעגעס. פונם פענצ־טער פון זיין צימער האָט קלים געזען היגטער די דעכער דראָענד אין הימל אַריין אויפגעהויבענע פינגער פון פאַבריק־קוימענס, זיי האָבן אים דערמאַנט אָן די היסטאָרישע פּאָוויסזעענישן און נביאותן פון קוטוזאָוון, זיי האָבן דערמאַנט אָן דעם שפּיציקפּנמדיקן אַר־בעטער, וועלכער פלעגט אין די יום טובים, בסוד, דורכן הינטערשטן גאַנג, קומען צום ברודער דמיטרין, און אויך די געהיימנישפולע פריילין מיטן געזיכט פון אַ טאָטערקע, וואָס האָט פון צייט צו צייט באַזוכט דעם ברודער. די פריילין איז געווען עפּעס אַזאַ קלאַנג־לאָזע און זי פלעגט בלינד פאַרמרוזשען די אויגן, שוואַרצע, ווי פעך.

טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער שווערער רויך פון די פאַבריק־קוימענס האָט אַ מאָדנע אייגנשאַפט: דערהייבנדיק זיך און צעפליסנדיק איבער דער שטאָט, האָט ער זי אַזויווי אויפגעגעסן. די דעכער פון די הייזער זענען צעגאַנגען, פאַרשוואונדן געוואָרן, אַרויפשווימענדיק אינדערהייך, דערנאָך האָבן זיי אויפסניי זיך אַראָפּ געלאָזט פונם רויך. די געשפּענסטיקע שטאָט האָט זיך געוויגט, אָנ־נעמענדיק אַן אומהיימלעכע נישט שטאַנדהאַפטיקייט, דאָס האָט אָנ־געפולט סאַמגינען מיט אַן אויסטערלישער שווערקייט, צווינגענדיק צו דערמאַנען זיך אָן די סלאַוויאַנאָפילן, וואָס האָבן נישט ליב גע־האַט פּעטערבורג, אָן דעם „קופּערנעם רייטער", גאָגאָלס קראַנק־האַפטע דערציילונגען.

ס'איז אים נישט געפעלן די נאָדל פון דער פּעטראָפּאַוולאָ־ווער פעסטונג און דער מלאך, דורכגעשטאָכן פון איר; זי איז נישט געפעלן דערפאַר, וואָס וועגן דערדאָזיקער פעסטונג האָט מען גערעדט מיט דרך־ארצדיקער שנאה צו איר, אָבער צייטנ־וויַיז האָט אין דער שנאה געקלונגען עפּעס ענלעכס צו קנאה:

דער סטודענט פּאָפּאָוו האָט מיט התלהבות אָנגערופן די פּעסטונג:

— פּ׳אַנטעאָן.

מיטן קלאַנג פּ האָט ער אַזויווי נאָכגעמאַכט דעם שאָס פון אַ קינדישן פּיסטויל, און די איבעריקע קלאַנגען האָט ער אַרויסגעברענגט מיט אַ האַלב קול.

— ב׳אַקונין, — האָט ער געזאָגט פאַרבייגנדיק די פינגער. — ניעטשאַיעוו, פּ׳ירשט ק׳ראָפּ־פּאָטקין.

ס איז געווען עפּעס אומגעלומפּערטס אין דער גראַניט־מאַסע פונם איסאַקיעווסקי סאָבאָר, אין די צו אים צוגעפּעסטיקטע גרויע שטעקעלעך און ברעטעלעך פון די רושטאָוואַניעס, אויף וועלכע קלים האָט קיינמאָל נישט געזען קיין איין אַרבעטער. איבער די גאַסן זענען מיט מאַשינהאַפטן טריט געגאַנגען אומגעווײנלעך וואוקסיקע סאָלדאַטן; איינער פון זיי, שפּרייזנדיק פאָרויס, האָט הילכיק געפּייפט אויף אַ קליינטשיק דודעלע, אַ צווייטער האָט מוראדיק געקלאַפּט אין אַ פּויק. אין דעם חוצקדיקן, בייז־גנבישן פּייף פון דעמדאָזיקן דודעלע, אין די פאַרשידנקולותדיקע פאַבריק־הילכערס, וואָס רייסן אויף באַגינען פון שלאָף, האָט קלים געהערט עפּעס, וואָס האָט אים געטריבן פון שטאָט.

ער האָט באַמערקט, אַז אין אים ווערן געבוירן נישט כאַראַקטעריסטישע פאַר אים מחשבות, בילדער, איינפאַלן. גייענדיק איבער דוואָרצאָווער פּלאַץ אָדער פאַרביי אים, האָט ער געזען אַז בלויז זעלטענע פאַרבייגייער גייען איילִיק איבער די פליכן פון די קיזלשטיינער, און ס׳האָט זיך געוואָלט, אַז דער פּלאַץ זאָל פאַרפולט ווערן מיט אַ בונטער, פריידיק פילדערנדיקער מענגע מענטשן. די אַלעקסאַנדראָווסקער קאָלומנע האָט נישט אָנגענעם דערמאַנט אַ פאַבריק־קוימען, פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעפלויגן דער בראָנזענער מלאך און אומגעלומפּערט פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופט, אַזוי ווי מיישב זייענדיק זיך, וואוהין צו וואַרפן זיין קראַנץ. דער קראַנץ איז ענלעך געווען צו אַ רעטונגס־רייף אין דער האַנט פון אַ מאַטראָס. דער קייזערלעכער פּאַלאַץ, תמיד אַ פאַרשטומטער, מיט ליידיקע פענצטער, האָט אַרויסגערופן אַן איינדרוק פון אַ נישט

באַוואוינט הויז. צוזאַמען מיטן האַלבראָד אומעטיקע געבייען, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פון פאַרזשאַווערט אייזן און געשלאָסן דעם אומבאַוואוינטן פּלאַץ, האָט דער פּלאַץ געוועקט אַ געפיל פון מרה־שחורה. קלים האָט איינגעפונען, אַז ס'וואָלט גלייכער געווען, ווען דאָס הויז פונם באַלעבאָס פון רוסלאַנד וואָלטן אונטערגעהאַלטן די אָפּשרעקנדיקע קאַריאַטידעס פון ערמיטאַזש.

זעענדיק דעמדאָזיקן פּלאַץ, האָט קלים זיך דערמאָנט דעם טומלדיקן אוניווערזיטעט און די סטודענטן פון זיין פאַקולטעט, די מענטשן, וואָס האָבן זיך געלערנט באַשולדיקן און פאַרטיידיקן פאַרברעכערס, זיי האָבן שוין אַצינד אויך באַשולדיקט די פּראָפעסאָרן, די מיניסטאָרן, דעם קייסער. די זעלבסטהערשאַפט פון קייסער האָבן פאַרטיידיקט מענטשן נישט פאַרביקע, שלימזלדיק און נישט דרייסט; זיי זענען געווען נישט קיין סך און זיי זענען דערטרונקען געוואָרן צווישן די באַשולדיקער.

קלימען זענען דערעסן געוואָרן די אומענדלעכע וויכּוחים פון די פאָלקיסטן מיט די מאַרקסיסטן און ס'האָט אים דענערווירט, וואָס ער קאָן נישט פאַרשטיין, ווער ס'האָט אַ גרעבערן טעות. טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז די מאַרקסיסטן פאַרשטייען טיפער, ווי די פאָלקיסטן די אומוואַקלהאַפטיקייט פון עוואָלוציאָנערן גאַנג, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער הן אויף די, הן אויף די אַנדערע געקוקט ווי אויף פאָרשטייער פון דער אים שוין פאַרהאַסטער „קוטוזאָוושטשינע". ס'איז אומדערטרעגלעך געווען צו זעען די פּלאַפּלענדיקע מענטשעלעך, וואָס די יוגנטלעכע נאַרישקייט האָט זיי איינגעגעבן דעם עזותדיקן חשק אונטערצושטופּן, אונטערצושמייסן די דורך דורות איינגעפונדעוועטע, רעגלמעסיקע באַוועגונג פון לעבן.

אים האָבן באַזונדער פאַרנומען די וויכּוחים אויף דער טעמע: די פּיערס געוועלטיקן איבערן ווילן פון די מאַסן, אָדער די מאַסע, באַשאַפנדיק דעם פירער, מאַכט אים פאַר איר ווערקצייג, פאַר איר קרבן? דער געדאַנק, אַז ער, סאַמגין, קאָן זיין אַ ווערקצייג פון אַ פרעמדן ווילן, האָט אים געשראָקן, אויפגעבראַכט. ס'האָט זיך דערמאָנט דעם פאָטערס אויסטייטשונג פון דער ביבלישער

לעגענדע וועגן עקדת יצחק און דער ניעכאַיעוואַס אויפגערעגטע ווערטער:

— דאָס פאָלק — איז דער שונא פונם מענטש! וועגן דעם דערציילן אייך די ביאָגראַפיעס כמעט פון אַלע גרויסע מענטשן.

קלים האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ריכטיק: עפּעס אַ ריזנהאַפטער פּיסק פאַרשלינגט איינעם נאָכן אַנדערן די בעסטע מענטשן פון דער ערד, אַרויסוואַרפנדיק פון זיין מאָגן די שונאים פון דער קולטור, אַזעלכע, ווי באַלאָטניקאָוו, ראַזין, פוגאַטשעוו.

קלימען האָט דערעסן דער סטודענט פאָפּאָוו; דערדאָזיקער הונגעריקער מענטש איז אומדערמידלעך אַרומגעלאָפן איבער די קאָרידאָרן, אוידיטאָריעס, זיינע הענט האָבן פיבערהאַפט, ווי אויסגעלענקטע, זיך געוואָרפן אין די אַקסל־געלענקען; אַרויפלויפנדיק אויף די קאָלעגן, פלעגט ער אַרויסכאַפן פון דער קעשענע פון דער אָפּגעטראָגענער טוזשורקע בריוו, העקטאָגראַפישע בלעטלעך פון פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און מורמלען, אַריינציענדיק אין זיך דעם קלאַנג ס:

— סאַמגין, הערט; פון אָדעס שרייבט מען... די סטודענטנשאַפט איז — דער אַוואַנגאַרד... דער אוניווערזיטעט — דער אָרגאַניזאַציע־פּונקט פון די קולטורעלע כוחות... די לאַנדסמאַנשאַפטן — די קערנדלעך פון דעם אַלרוסישן פאַרבאַנד... פון קאַזאַן טיילט מען מיט...

אַזעלכע, ווי פאָפּאָוו, האַוועגדיקע און אויסגעלענקטע, זענען געווען עטלעכע מאַן. קלים האָט זיי באַזונדער נישט ליב געהאַט, אפילו מורא געהאַט פאַר זיי און געזעען, אַז זיי שרעקן נישט בלויז אים, נאָר כמעט אַלע סטודענטן, וואָס האָבן זיך ערנסט געלערנט.

ייי פלעגן כסדר אָנהענגען בילעטן אויף אָוונטן לטובת דער לאַנדסמאַנשאַפט, אויף עפּעס קאָנצערטן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן מיט אַ געהיימנישפולן ציל.

די לעקציעס, די וויכּוחים, די פּליסטערן, דער גאַנצער כאַאָטישער גערודער פון די הונדערטער יונגוואַרג, באַרוישטע פון באַ-

גער צו לעבן, טון, דאָס אַלץ האָט אַזוי באַטויבט סאַמגינען, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט זיינע רעיונות. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן האָט אַרומגעכאַפּט אַ משוגענער שפּיל, וועלכער ציט זיי אַריין אַלץ מער, וואָס מער געפערלעך ער איז.

פלוצלינג, אָבער פעסט, האָט ער באַשלאָסן איבערצוטראָגן זיך אין איינעם פון די פּראָווינציעלע אוניווערזיטעטן, וואו מען לעבט זיכער שטילער און פּשוטער. מען האָט געדאַרפט לויז ווערן פון דער ניעכאַיעוואַ. ער האָט זיך מיט איר געפּילט, ווי אַ בגיד, וואָס געבנדיק אַ מילדע נדבה אַ בעטלערין, פּאַראַכטעט ער די בעטלערין. אַן אויסרייד צום פּלוציעמדיקן אַוועקפאָר איז געווען דער בריוו פון דער מוטער, וואָס האָט אים מודיע געווען, אַז זי איז נישט געזונט.

גייענדיק צו דער ניעכאַיעוואַ זיך געזעגענען, האָט ער שווער־מוטיק דערוואַרט טרערן און נעבעכדיקע ווערטער, אָבער איז אַליין כמעט ביז טרערן גערירט געווען, ווען דאָס מיידל האָט אַרומגע־קלאַמערט זיין האַלז מיט די דינע הענט און גענומען שעפּטשען:

— איך ווייס, דו האָסט שוין נישט זייער... נישט אַזוי שטאַרק מיך ליב געהאַט, יאָ! אָבער איך דאַנק דיר אומענדלעך, מיט דער גאַנצער נשמה פאַר דידאָזיקע שעהן איניינעם...

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים מיטן גאַנצן כוח פון דעם אָרעמען, דאַרן קערפּער און הייס געכליפּעט:

— זאָל דיך גאָט היטן, אַז דו זאָלסט נישט איבערלעבן אַזאַ גרעניצלאָזע איינזאַמקייט, ווי איך האָב איבערגעלעבט.

צונויפגעלייגט די דינינקע, שפּיציקע פינגער, האָט זי מיט זיי געשטאָמפּערט אין קלימס שטערן, אַקסלען, ברוסט און זיך גע־געטרייסלט, קוים שטייענדיק אויף די פיס, שנעל אָפּווישנדיק די טרערן פון פּנים.

— איך גלייב, דאַכט זיך, שלעכט אין גאָט, אָבער פאַר דיר וועל איך מתפלל זיין צו עמעצן, כ'וועל! איך וויל, אַז דיר זאָל זיך לעבן גוט, גרינג...

געוויינט האָט זי אַזוי, אַז צו זעען דאָס איז נישט שווער געווען, נאָר כמעט אָנגענעם, הגם אויך אַ ביסעלע טרויעריק; זי

האָט געווייגט הייס, אָבער נישט מער, ווי מען האָט גע־דאַרפט.

קלים איז אַוועקגעפאָרן אין דער איבערצייגונג, אַז ער האָט זיך מיט דער ניעכאַיעווא געזעגנט גוט, אויף אייביק און אַז דער־דאָזיקער ראָמאַן האָט אים באַדייטנד באַרייכערט. באַנאַכט, אין וואַגאָן, האָט ער אַ קלער געטון:

— אָט, לידיאַ טימאָפעיעוונאַ, קער איך זיך אום מיטן פאַנצער.

באַשליסנדיק אָפּצושטעלן זיך אַ טאָג צוויי אין מאָסקווע, כדי צו ווייזן זיך פאַר לידיען, האָט ער אין רעיון אַ שפּאַס געטון:

— די אוניווערזיטעט-עקזאַמענס קאָן מען אָפּלייגן, אָבער דעמדאָזיקן וועל איך אָפּגעבן שוין אַצינד.

איינשלאָפנדיק, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויף זיינע בריוו, פליסיק צונויפגעשטעלטע אין אַ הומאָריסטישן טאָן, האָט לידיאַ געענטפערט בלויז צוויי מאָל, זייער קורץ און נישט אינטערעסאַנט, אין איינעם פון די בריוו איז געשטאַנען:

— „מיר געפעלט נישט, וואָס דו רופסט אָן דיין באַקאַנטע סמיערטיאַשקינאַ*) און דאָס איז אויך נישט קאָמיש“.

— זי — איז נישט באַגאַבט. אירע גימנאַזיאַלע אַרבעטן האָט תמיד פאַרריכט די סאָמאָווא, — האָט ער זיך דערמאָנט און, מיט דעם געטרייסט, איז ער פעסט אַנטשלאָפן געוואָרן.

איבער מאָסקווע האָט באַרימעריש געלויכטן אַ פרילינגס־זון; איבער די נישט גלייכע קיזלשטיינער האָבן געקלימפּערט פאַד־קאָוועס, געגרעגערט רעדער; אין דער וואַרעמער, העל-בלויער לופט האָט יום־טובדיק געהודזשעט דאָס קופּער פון די גלעקער; איבער די אויסגעטרעטענע פאַנעלן פון די נישט ברייטע, קרומע גאַסן האָבן מונטער געשפּריזט גרינגע מענטשן; זייער גאַנג איז געווען ברייטלעך. דאָס טופּען פון די פיס האָט געקלונגען דייט־

---

*) סמיערטיאַשקינאַ — קאָמבינירט פון וואָרט: „סמיערט“ — טויט. — איבערז.

לעך, זיי האָבן נישט געשאַרט מיט די פּאָדעשוועס, ווי די פּעטער־בורגער. בכלל איז דאָ געווען מער גערויש, ווי אין פּעטערבורג, און דער גערויש איז געווען פון אַן אַנדער טאָן, נישט אַזאַ פייכט־לעכער און פּאַרזיכטיקער, ווי דאָרטן.

— אין מאָסקווער גערויש הערט זיך מער דער מענטש, — האָט אַ קלער געטון קלים און אים איז אָנגענעם געווען, וואָס די ווערטער האָבן זיך צונויפגעלייגט, ווי אַ גלייכווערטל. וויגנדיק זיך אין סקריפּענדיקן עקיפּאַזש מיט אַ צעקאָשמערטן באַלעגאָלע, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, פּונקט ווי אַ מענטש, וואָס איז צוריקגעקומען אין געבוירנלאַנד פון אַ פרעמדער מדינה.

— אפשר זיך איבערטראָגן אין היגן אוניווערזיטעט אַריין? — האָט ער זיך אַ פרעג געטון.

אין האָטעל האָט מען אים באַגעגנט מיט יענער אַרטיסטיש צוגעשפּיצטער מאָסקווער צופרידנשטעלערישער גוטמוטיקייט, וועל־כע, זייענדיק אין איר תוך אומבאַקאַנט קלימען, האָט אין אים פּאַרטיפט דעם איינדרוק פון איינפאַכקייט און קלאָרקייט. אַרום 12 באַטאָג איז ער אַוועק צו לידיען.

— ס'איז זונטיק, זי דאַרף זיין אינדערהיים.

שפּרייזנדיק איבער די וואַרעמע, קונדייסיש געדרייטע געס־לעך, האָט ער איבערגעקלערט, וואָס ער וועט זאָגן לידיען, וויאַזוי ער וועט זיך נוהג זיין, שמועסנדיק מיט איר; ער האָט באַטראַכט די בונטע, באַקוועמלעכע הייזלעך מיט ליבלעכע פענצטער, מיט בלומען אויף די פענצטער־ברעטער. איבער די פּאַרקנס האָבן זיך דערהויבן צו דער זון צווייגן פוןביימער, אין דער לופט האָט זיך געפילט איידעלער, זיסלעכער דופט פון נאַר וואָס צעעפנטע קנאָספּן.

פון אַ ראָג אַפער זענען אַרויסגעגאַנגען אונטער דער האַנט צוויי סטודענטן, צוזאַמען פייפנדיק אַ מאַרש, איינער פון זיי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פיס אין די ציגל פון פּאַנעל און פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ באַבע, וואָס האָט געוואַשן די שויבן פון די פענצטער, דער אַנדערער האָט אים געצויגן פאַרויס און געבעטן:

— הער אויף, וואָלאָדקאַ! קום!

קלים סאַמגין איז אַראָפּגעגאַנגען פון פּאַגעל, אויסמיידנדיק די סטודענטן, אָבער ער איז באַלד אָנגעכאַפּט געוואָרן פון אַ פעס-טער האַנט באַם אַקסל. ער האָט שנעל און בייז זיך אומגעדרייט און אין זיין פנים אַריין האָט פריידיק אַ געשריי געטון מאַ-קאַראָוו:

— קלימושאַ? פונוואַנען? באַקענט זיך: סאַמגין — ליוטאָוו...

— אַ סוחרישער זון פון דריטן קורס הומאָריסטישן פאַקול-טעט, — האָט מעשה-לך, נייגנדיק דעם קאָפּ אין אַ זייט, זיך פאָר-געשטעלט דער שיקלדיקער, האַלב-שכּורער סטודענט.

— וואָלאָדקאַ! דאָס האָט ער מיר געשטערט צו דערשיסן זיך.

— אַ גאָלדענעם מעדאַל אייך, קאָלעגאַ! מחמת פאַרהיטנדיק דאָס לעבן פון דעמדאָזיקן יונגנמאַן, האָט איר זייער פיל מיטגע-האָלפן צו דער פאַרטיפונג פון דער רוסלענדישער פּלוידע-ריסטיק...

זיי האָבן ביידע זיך אויפגעפירט אַזוי טומלדיק, אַזוי ווי אַ חוץ זיי וואָלט אויף דער גאַס קיינער נישט געווען. מאַקאַראָווס פרייד האָט אויסגעזען פאַרדעכטיק, ער איז געווען ניכטער, אָבער גע-רעדט האָט ער אַזוי אויפגערעגט, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַר-באָרגן, איבערשרייען אין זיך דעם אמתן איינדרוק פון דער באַ-געגעניש. זיין חבר האָט אומרויק געדרייט מיטן האַלז, באַמיענדיק זיך אָנצושטעלן די שיפּע אויגן אויף קלימס פנים. זיי זענען גע-גאַנגען לאַנגזאַם, אַקסל באַ אַקסל איינער צום אַנדערן, נישט אָפּ-טרעטנדיק דעם וועג די אַקייגנגעקומענע פאַרבייגייער. איינגע-האַלטן ענטפערנדיק אויף מאַקאַראָווס שנעלע פראַגעס, האָט קלים אַ פרעג געטון וועגן לידיען.

— צי האָט זי דיר דען נישט געשריבן, אַז זי וויל זיך שוין נישט לערנען אין דער טעאַטער-שולע, און זי קומט אָן אויף קורסן? זי איז אוועקגעפאָרן אַה"ם מיט צוויי וואָכן צוריק...

רעדנדיק, האָט ער אריינגעקוקט אין קלימס פּנים מיט פאַר־וואונדערונג.

— זי האָט באַשלאָסן, אַז זי קען נישט מאַכן קיין אָנ־שטעלן.

— ריכטיק: זי קען נישט! — האָט באַשטעטיקט ליוטאָוו און אַזוי אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, אַז דאָס היטל האָט זיך אַראָפּגערוקט אויפן שטערן.

— די טעליעפאָניעווא גייט אויך אַוועק פון דער שולע, זי — האָט חתונה, דאָס איז איר חתן!

ליוטאָוו האָט אַ שטאָמפּער געטון אין זיין ברוסט אַריין, אַקעגן דעם האַרץ, מיטן ווייזפינגער און אַ דריי געגעבן מיט אים, ווי מיט אַ גרייצער. זיינע אויגן, פון אומבאַשטימטן קאָליר, אָבער זייער גלאַנציקע, האָבן געקוקט אין קלימס פּנים אַריין מיט נישט אָנגענעם טאַפּנדיקן בליק, איין אויג האָט זיך באַהאַלטן אין אוי־בערשטן נאָז־טייל, דאָס צווייטע איז פאַרלאָפן אונטער דער שלייף. זיי האָבן ביידע לאַכעוודיק אַ ציטער געטון, ווען קלים האָט גע־זאָגט:

— כ׳באַגריס אייך! אַ מערקווירדיק שיין מיידל.

— זי איז קאָפּפאַרדרייעריש, — האָט אויסגעבעסערט ליוטאָוו, איבעררוקנדיק דאָס היטל אויפן קאַרק.

מאַקאַראָוו האָט פאַרגעלייגט צו פרישטיקן.

— ס׳פאַרשטייט זיך, — האָט געזאָגט ליוטאָוו, אָן צערעמאָניעס אַ כאַפּ געבנדיק קלימען אונטער דער האַנט. — צוליב דעם לעבט מען מאָסקווע, אַז מען זאָל עסן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי געזעסן אין אַ טונקל, נאָר היימלעך ווינקל פון אַ קליינעם רעסטאָראַן; ליוטאָוו האָט תּפילה־דיק באַשטעלט באַם אַלטן לאָקיי:

— און דו וועסט אונדז געבן, פאָטער, צום בראָנפן שינקע וועסטפאַלישע און ציבעלקעס שפּאַנישע, אָנשניידנדיק דאָס געמלע־בע גראָב...

— איך ווייס.

— כ׳צווייפל נישט, אָבער — כ׳דערמאָן...

— ס'איז אָנגענעם דיך צו זעען! — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו, פאַרדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, מיט רויק שמייכלענדיק. — מאָדנע, ברודער, וואָס מיר קאָרעספּאָנדירן נישט, האַ? וואָס זשע, אַ מאַרקסיסט?

ער האָט זיך געאײַלט צו שטעלן פראַגן און דערמיט נאָך מער געוועקט סאַמגינס פאָרזיכטיקייט.

— אַ מאַרקסיסט? — האָט אויסגערופן ליוטאָוו. — אַזעלכע שעץ איך!

און אָנידערלייגנדיק די עלנבויגנס אויפן טיש, האָט ער גענומען רעדן מיט אַ הייזעריקלעכער שטימע, פון צייט צו צייט אַרויסקוויטשענדיק שאַרפע טענער, — זיי האָבן געצוואונגען קלימען צו דערמאָנען זיך אָן דראָנאָוון.

— איך שעץ — נישט אַלס פאָרשטייער פון אַ קלאַס, וואָס אים האָט קאַרל מאַרקס אויסשעפנד אויפגעקלערט די דינאַמיק פון קאַפּיטאַל, זיין קולטורעלן כוח, גאָר אַלס רוס, וואָס ווינשט אויפריכטיק: זאָל אונטערגיין כלערליי פיין! מחמת אין דער פערזאָן פון מאַרקסן האָבן מיר, ענדלעך, אַ גלויבנסלערער פון בײַנציק גראַד קראַפט. דאָס איז נישט אונזער רוסישע בראַזשקע, וואָס רופט אַרויס אַ לירישע נשמה־בײַסעניש, ס'איז נישט קיין שאר־ירקות פון פירשט קראַפּאָטקין, גראַף טאָלסטאָי, פּולקאָווניק לאַווראָוו און פון די סעמינאַריסטן, געשמדטע אויף סאָציאַליסטן, מיט וועלכע ס'איז אָנגענעם אַ מוטל צו טון, — ניין! מיט מאַרקסן — וועסטו נישט מוטלען באַ אונז איז דאָך אַזוי: מען גיט אַ לעק מיט די צינגער די גאַליקע לעבער פון זיין עקסעלענץ מיכאַיל יעווגראַפאָוויטש סאַלטיקאָוו, מען פאַרטרינקט די ביטערניש מיטן נר־תמיד־אייל פון דער פאַבריק פון זיין דורכלויכט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און — מ'איז זייער צופרידן! באַ אונז איז דער עיקר, אַז ס'זאָל זיין מכוח וואָס צו מוטלען, אָבער לעבן קאָן מען אויף כלערליי אופנים, כאָטש אויף אַ פלאָקן זעץ אַרויף — לעבט מען!

ליוטאָוו האָט אַרויסגעבראָכט די רעדע לייכט, אָן פויזעס; לויט די ווערטער האָט זי באַדאַרפט קלינגען איראָניש אָדער בייז, אָבער קיין איראָניע און בייזקייט האָט קלים נישט אויפ-

געכאַפּט אין איר. דאָס האָט אים פאַרוואונדערט. אָבער נאָך מער וואונדערבאַר איז געווען דאָס, וואָס גערעדט האָט אַ מענטש אַ פּוילשטענדיק ניכטערער. צוקוקנדיק זיך צו אים, האָט קלים אַ קלער געטון:

— איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין טעות. — ער איז שכּור געווען מיט פינף מינוט פאַר דעם.

ער האָט דערפילט אין ליוטאָוון עפּעס פאַלשס. דער קאָליר פון זיינע אויסגעדרייטע אויגן איז געווען אַ קויטיקלעכער; נישט קיין מוטנעס, נאָר טאַקע עפּעס קויטיקס איז געווען אין די ווייס־לען, אַזוי ווי פאַרשטויבטע פון איבעווייניק מיט טונקעלן שטויב. אָבער אין די אַפּלען האָבן זיך געצונדן כּיטרע פינקעלעך, וואָס האָבן געוועקט אומרו.

— די אויגן — דאָס זענען די געהירן, איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, — האָט זיך דערמאַנט קלים עמעצנס ווערטער.

ליוטאָווס געלע האָר זענען פאַרקעמט געווען אַ לאַ קאַפּול, דאָס האָט אַזוי נישט געפּאַסט צו זיין לאַנג פּנים, אַז ס'האָט אויס־געזען אומישנע געמאַכט. דאָס פּנים האָט געפּאָדערט אַ קיילעכי־קע באָרד, און ליוטאָוו האָט געגאָלט די באַקן, פאַרלאָזנדיק אַ שפּי־ציק בערדל. איבער דעם בערדל זענען אַנגעשוואָלן נעגריש גוטאַ־פּערקישע ליפּן, די אויבערשטע איז קוים באַדעקט מיט שיטערהאָ־ריקע וואָנסעלעך. די הענט זענען באַ אים רויטע, אָדערדיקע, פּונקט ווי דער האַלז, און אויף די שלייפן האָבן זיך אויך אָנגעבלאָזן בלוילע־ע אָדערן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז געקליידט איז ער אויך מיט בכּיוונדיקער אָפּגעלאָזנקייט: אונטער דעם אָפּגעטראָגענעם, צע־קנעפּלטן סורדוט פון זייער טייערן טוך, — אַ זיידן העמד. ער איז אַפּנים אַלט אַ יאָר זיבן און צוואַנציק, אפילו דרייסיק און ער איז מיט גאָרנישט ענלעך צו אַ סטודענט. מאַקאַראָוו, וועלכער איז דעמאָנסטראַטיוו שענער געוואָרן, האָט אַזוי אומישנע, כּדי זיך אונטערצושטרייכן, אויסגעקליבן פאַר אַ חבר דעמדאָזיקן מענטש. אָבער פאַרוואָס האָט די שיינע אַלינאַ אים אויסגעקליבן?

שלינגענדיק אַ כּוסה נאָך אַ כּוסה בראָנפן, אַזאַ שטאַרק קאַלטן, אַז ס'האָבן פון אים ווי געטון די ציין, פאַרבייסנדיק מיט גראָבע

פעניצלעך ציבעלעס, אַרויפגעלייגטע אויף דינינקע בלעטעלעך שינקע, האָט ליוטאָוו געפרעגט:

— די פרישותדיקע ליטעראַטור, דהייט — אַפּאָקריפן, שעצט איר?

— דאָס איז — אַ הערעזיאַרך, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו, גוטמוטיק לאַכנדיק און קוקנדיק ליבלעך אויף ליוטאָוון.

— „אדמס אָפּנבאַרונג" — האָט איר געלייענט?

אויפהייבנדיק די האַנט מיטן מעסער אין איר, האָט ער גע־מען ציטירן:

— „און דער טייוול האָט געזאָגט צו אדמען: מיין איז די ערד, און גאָטס — די הימלען; וויבאַלד דו ווילסט מיינער זיין — אַרבעט די ערד! און אדם האָט געזאָגט: „וועמענס — די ערד איז, יענעמס בין איך און די קינדער מיינע". אָט וויאַזוי. אָט ווי עס איז פאָרמולירט, אונזער פויערישער מאָגן־מאַטעריאַליזם!

אין זיין שטרעבונג צו פאַראיינפאַכן דאָס אומפאַרשטענדלעכע, האָט קלים סאַמגין אין אַ שעה אַרום זיך איבערצייגט, אַז ליוטאָוו איז ווירקלעך אַ זשוליקוואַטער מענטש און מאַכט זיך שלימזלדיק פאַר אַ ליץ. אַלץ איז אין אים געוווען געקינצלט, אין אַלעם האָט זיך אַרויסגעוויזן געמאַכטקייט; באַזונדער האָט דאָס אַנטפּלעקט די משונהדיקע שפּראַך, אָנגעזעטיקטע מיט סלאַוויאַניזמען, לאַטיינישע ציטאַטן, מיט בייזע לידער פון הייגע, באַפּוצט מיט יענעם גראָבן הומאָר, מיט וועלכן ס'פּיינערן זיך אויס די אַקטיאָרן פון פּראָווינ־ציאַלע טעאַטערן, דערציילנדיק אַנעקדאָטן אין די „דיוועטיס־מענטן".

ער, ליוטאָוו, האָט אויפסניי אויסגעזעען שכּור. דערלאַנגענ־דיק קלימען אַ באָקאַל שאַמפּאַניער, האָט ער, רויט ווערנדיק גע־שריגן:

— ווינשט מיר נישט קיין פּאָך, נישט קיין פעדערן און לאָמיר אויסטרינקען פאַרן געזונט פון דעם הערלעכן מיידל אַלינאַ מאַקאַראָוונאַ!

זיין שטימע האָט געקלונגען מיט התלהבות. אַנקלאַפּנדיק

די גלעזלעך מיט ליוטאָוון, האָט מאַקאַראַוו שטרענג אַ זאָג געטון:

— נו, גענוג פאַר דיר צו טרינקען.

ליוטאָוו האָט מיטאַמאָל אויסגעטרונקען דעם ווייַן און אַ וואונק געטון צו קלימען:

— ער איז מייַן מורה־דרך. איך בין דאָס ווערט, וואָרים איך בין אָפּט שכּור און רעד נבול־פּה, כּדי דעם יצר הרע אייַנצושטילן. כ'האָב מורא פאַרן גהינום, — ער האָט אָנגעצייכנט אין דער לופט מיט דער האַנט אַ האַלבראָד, — און פאַר יענער וועלט. צוליב דער מורא חבר איך זיך מיט כּלי קודש. עך, קאָלעגע, ווען איך אייך ווייַזן אַ מין דיאַקאָן...

צומאַכנדיק די אויגן, האָט ליוטאָוו אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, דערנאָך אַרויסגעצויגן פון דער הויזן־קעשענע אַ שטאָלערן קייטעלע אויף שליסעלעך, אויף דעם עק דערפון האָט זיך געבאָמבלט אַ שווערער, גאָלדענער זייגער.

— אוך, כ'מוז שוין גיין! קאָסטיאַ, זאָג, מען זאָל פאַרשרייבן.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט סאַמגינען:

— ס'פרייט מיך די באַקאַנטשאַפט. כ'האָב געהערט אַ סך גוטס. פאַרגעסט נישט: ליוטאָוו, האַנדל מיט פלאַך און פעדערן...

— קאָקעטיר נישט, — האָט באַמערקט מאַקאַראָוו, און דער שיפאויגיקער האָט שטאַרק געקוועטשט סאַמגינס האַנט, רעדנדיק מיט אַ שמייכעלע אויפן סוזדאַלישן פּנים:

— איר ווייסט, ס'זענען פאַראַן אַזעלכע מיידלעך מיט קלייגע חסרונותלעך; די חסרונותלעך וואָלט גאָר קיינער נישט באַמערקט נאָר דאָס מיידל אַליין פאַרכאַפּט פריער: זעט, דאָס נעזל איז באַ מיר נישט קיין שיינס, אָבער דערפאַר דאָס איבעריקע...

ער האָט געלאַסן אָפּגעשטופּט קלימען, זיך געלאָזט גיין, פאַרטשעפּעט מיטן פוס אַ פיסל פון אַ שטול און, אַ דראַפּע געבנדיק איר מיט דער פויסט, נעלם געוואָרן.

— סארא... טשודאק, — האט געזאגט קלים. מאקאראוו האט פארטראכטערהייט מסכים געווען:

— יא, טשודאקאוואטע.

— איך פארשטיי נישט אלינען, — וואס האט זי געבייט?...

מאקאראוו האט א צי געטון מיטן אקסל און געשווינד, ווי ער וואלט זיך פארענטפערט, גענומען רעדן:

— ניין, — וואס זשע איז? איר שיינקייט פאדערט א געהעריקע רעם. וואלאדקא — איז רייך. אינטערעסאנט. א גוטער — ביז קאמישקייט. געענדיקט — אלס יוריסט. אצינד איז ער — אויפן היסטאריש-פילאלאגישן. איבעריקנס — ער לערנט זיך נישט, — ער איז פארליבט, מבולבל און האט בכלל גענומען גיין מיט די פיס קאפויער.

מאקאראוו האט אנגעצונדן דעם פאפיראס, געלאזט דאס שוועבעלע אויסברענען ביזן סוף, און דעם פאפיראס אוועקגעווארפן אויף א טעלער. ס'איז געווען קענטיק, אז ער איז פארשכורט געווארן, אויף די שלייפן איז בא אים ארויסגעקומען שוויס. קלים האט געזאגט, אז ער וויל אנקוקן מאסקווע.

— לאמיר פארן אויף וואראביעווער בערג, — האט לעבהאפט פארגעלייגט מאקאראוו.

זיי זענען ארויסגעגאנגען פון רעסטאראן, גענומען א דראזשקע; קוקנדיק אויף זיין הויכער פלייצע, שטייף ארומגענומענע מיטן בלויען קאפטן, האט מאקאראוו גערעדט:

— מאסקווע צעדרייט א ביסל די געהירן. איך בין פארכשופט, באצויבערט פון איר און כ'פיל, אז כ'בין דא נאריש געווארן. דו געפינסט דאס נישט? דו — ביסט העפלעך.

ער האט אראפגענומען דאס היטל, צו זיין שלייף איז געווען צוגעקלעפט א פאסמעלע האר, און בלויז דאס אליין איז געווען אומבאוועגלעך, די איבעריקע לאקן אבער האבן זיך באוועגט און קאפויער געשטעלט. קלים האט א זיפץ געטון: מאקאראוו איז זייער שיין געווען. דאס האט ער באדארפט חתונה האבן מיט דער

טעליעפניעווא. ווי נאריש ס'איז אַלץ. דורך דעם באַטויבנדיקן גאַסן־טומל האָט קלים געהערט:

— פאַנטאַסטיש טאַלענטירט זענען דאָ די מענטשן. אַזעלכע האָבן מסתמא געלעבט אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע. איך פאַרשטיי נישט, וואו זענען הייליקע, וואו זענען שווינדלער? דאָס איז אויסגעמישט כמעט אין יעדן איינעם, און אָן אַ שיעור, וואָס מאַכן זיך תמעוואַטע, נאָר — צוליב וואָס? דער שוואַרץ יאָר ווייסט עס. די דאַרפסט דאָס פאַרשטיין...

קלים האָט פאַרדעכטיק, פון דער זייט, אַריינגעבליקט אין חברס פּנים אַריין:

— פאַרוואָס איך?

— דו ביסט אַ פילאָזאָף, קוקסט אויף אַלץ רויק.

— ווי תמימותדיק ער איז, — האָט אַ קלער געטון קלים. — אַ גוט פּנים באַ דיר, — האָט ער געזאָגט, פאַרגלייכנדיק מאַקאַראָוון מיט טוראַבאָיעוון, ווען ער האָט געקוקט אויף די מענטשן מיט אַ בליק פון אַ לייטענאַנט, וואָס פאַראַכטעט אַלע ציווילע. — און אַ בחור ביסטו אַ וואוילער, אָבער ווערסט, דאַכט זיך, ווערן אַ שכור.

— מעגלעך, — האָט רויק מסכּים געווען מאַקאַראָוו, ווי ס'וואָלט זיך נישט וועגן אים גערעדט. אָבער נאָכדעם איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרטראַכט.

אויף די וואָראָביעווער בערג זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ ליידיקן טראַקטיר; אַ דיקער קעלנער האָט זיי אַרויסגעפירט אויף דער טעראַסע, וואו אַ מאָלער האָט געשמירט מיט ווייסער פאַרב פענצטער־רעמען; דערנאָך האָט ער דערלאַנגט טיי און מיט שנעלן אויסשפּרונג באַפוילן דעם מאָלער:

— פאַרגולם זיך נישט, שטער נישט די הערן צו זעען די שיינקייט!

— אַ קאָסטראָמער, — האָט באַשטימט מאַקאַראָוו, קוקנדיק אין דער טריבלעכער ווייטקייט, אויף דער בראָקאַטענער שטאָט, רייך אויסגעהאָפטענער מיט גאָלדענע פלעקן פון קירכן־שפּיצן.

— יאָ, אַ שיינקייט, — האָט ער שטיל געזאָגט; סאַמגין

האָט באַשטעטיקענד א שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אָבער גלייך א זאָג געטון:

— א באַדינגלעכער באַגריף.

מאַקאַראָוו האָט נישט געענטפערט; ער האָט אָפּגערוקט דאָס גלאָז מיטן זונענשטראַל אין זיין ווייטער פּליסיקייט, צוגעדעקטער מיט א פּעניצל ציטרין, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן טיש, אַריינלאָזנדיק די פינגער אין די געדיכטע, צווייפאַרביקע לאַקן זיינע.

באַ קלים סאַמגינען האָט מאַסקווע נישט אַרויסגערופן קיין אַנטציקונג; אין זיינע אויגן איז די שטאָט ענלעך געווען צו א ריזנהאַפטן בונט-געפאַרבטן, מירביקן קוכן, באַשאָטן מיט אָפּאַלן-שטויב. ווען מען האָט גערעדט וועגן שיינקייט, האָט קלים גע-האַלטן פאַר גלייכער פאַרזיכטיק צו שווייגן, כאָטש ער האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז מען רעדט וועגן איר אַלץ מער, און דידאַ-זיקע טעמאַ ווערט פּונקט אַזאַ געוויינלעכע, ווי דאָס וועטער און געזונט. ער איז געווען גלייכגילטיק צו די אַלגעמיין אָנערקענטע באַטור-שיינקייטן, געפינענדיק, אַז די זון-פאַרגאַנגען זענען אַקו-ראַט אַזוי איינאַרטיק, ווי דער געשטופּלטער הימל פון די פּראָס-טיקע נעכט. אָבער פילנדיק, אַז שיינקייט איז פאַר אים אומבאַ-גרייפלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין חסרון. אין דער לעצטער צייט האָבן די ווערטער-התפּעלותן מיט די שיינקייטן פון דער נאַטור אים אָנגעהויבן זאַגאַר אויפצורעגן און אויפגע-וועקט די פראַגע: צי האָט נישט לידיאַ מיט איר פיינדשאַפט צו דער נאַטור סוגעסטירט אים די גלייכגילטיקייט?

אים האָט זייער צעטומלט טוראָבאָיעוו; רייצנדיק יעליזאַ-וועטאַ ספּיוואַק און קוטוזאָוון, האָט ער א פרעג געטון, צו-לאַכנדיק:

— און אפשר איז גאָר אונזער גאַנצע שיינקייט בלויז א פּאָוישער ווייזל פונם שכל, פון אַזאַ נאַרישעוואַטן פויגל, ווי ס'איז דער פּאַוו?

קלימען האָט איבערראַשט די עזות פון דידאָזיקע ווערטער

און זיי האָבן נאָך פעסטער זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון, ווען טוראָבאָיעוו, פאַרזעצנדיק דעם וויכּוח, האָט געזאָגט:

— וואָס פאַרביקער, שענער ס'איז דער פויגל, אַלץ נאַרי־שער איז ער, אָבער וואָס העסלעכער ס'איז אַ הונט — אַלץ קלו־גער. דאָס באַציט זיך אויך צו די מענטשן: פּושקין איז ענלעך געווען צו אַ מאַלפּע, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי זענען נישט איבעריק שיין, ווי בכלל אַלע קלוגע.

כאַקאַראָווס לירישע שוויגן האָט געבייזערט קלימען. ער האָט אַ פרעג געטון:

— געדענקסט פּושקינס:

„מאָסקווע! ווי שרעקלעך איז דעם רוס דיין באַטריבט געשטאַלט".

מאַקאַראָוו האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט ניכטער־ע אויגן און נישט געענטפערט. דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן קלימען, ס'האָט אים אויסגעזעען נישט העפלעך. צוזופּנדיק די טיי, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ טאָן, וואָס פאָדערט אויפמערקזאַמ־קייט:

— ווען מען רעדט וועגן שיינקייט, דאַכט זיך מיר, אַז מען נאַרט מיך אַ ביסעלע אָפּ.

מאַקאַראָוו האָט אַרויסגעצויגן די פינגער פון די האָר, אַראָפּ־גענומען פון טיש די עלנבויגנס און פאַרוואונדערט אַ פרעג גע־טון:

— וויאַזוי האָסטו געזאָגט?

קלים האָט איבערגעחזרט זיין פראַזע און פאַרגעזעצט:

— וואָסער שיינקייט איז אין דער וואָסער־מאַסע, וואָס פליסט פרוכטלאָז אויף אַ שטרעקע פון זעקס צענדליק ווי־אָרסט פון דער אָזערע אין ים אַריין? אָבער ס'ווערט אָנערקענט, אַז די ניעווא — איז אַ יפי־פיה, דאָן, ווען איך זע זי אַלס לאַנגווייליקע. דאָס גיט מיר דאָס רעכט צו טראַכטן, אַז מען קרוינט זי פאַר אַ שיינע, כדי צו פאַרדעקן די לאַנגווייליקייט.

מאַקאַראָוו האָט שנעל אויסגעטרונקען די אָפּגעקילטע טיי

און צומרוזשענדיק די אויגן, אָנגעהויבן קוקן אין קלימס פּנים אריין.

— דעמזעלביקן פֿאַרלאַנג צו פֿאַרדעקן די אָרעמקייט פֿון דער נאַטור זע איך אין לעוויטאַנס פּייזאַזשן, אין ניעסטעראָווס לירישע בעריאָזעלעך, אין די העל־בלויע שאָטנס אויפֿן שניי. דער שניי גלאַנצט, ווי אַרומשלאַג פֿון טרומנעס, אין וועלכע מען איז מקבר מיידלעך, ער — שניידט די אויגן, פֿאַרבלענדט, קיין העל־בלויע שאָטנס איז אין דער נאַטור נישטאָ. דאָס אַלץ ווערט צוגע־טראַכט פֿאַר זעלבסטנאַרעריי, צוליב דעם, אַז אונז זאָל זיך לעבן באַקוועמלעכער.

זעענדיק, אַז מאַקאַראָוו הערט אויפֿמערקזאַם, האָט קלים גע־רעדט אַ מינוט צען. ער האָט דערמאָנט די מרה־שחורהדיקע טענות פֿון דער ניעכאַיעוואַ און נישט פֿאַרגעסן איבערצוחזרן טו־ראָבאָיעווס סענטענץ וועגן דעם פֿאַווישן ווידל פֿון שׂכל. ער וואָלט נאָך געוועט געקאָנט נישט ווינציק זאָגן, אָבער מאַקאַראָוו האָט אַרויסגעמורמלט:

— וואונדערבאַר, ווי ווייט דאָס אַלץ פֿאַלט צונויף מיט לי־דיעס געדאַנקען.

רייבנדיק דעם שטערן, האָט ער אַ פֿרעג געטון:

— וואָס־זשע דו ביסט...?

און אַ לאַך געטון:

— כ׳ווייס נישט וואָס צו פֿרעגן... ס׳איז אַזוי מאָדנע...

ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעצונדן, זיינע אויערן אפֿילו האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. צאַרניק פֿינקלענדיק מיט די אויגן, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ האַלב קול:

— מיך באַרירן נישט דידאָזיקע פֿראַגן, איך קוק פֿון אַן אַנדערער זייט און זע: די נאַטור איז אַ זינלאָז, בייז חזיר! אַנומלט האָב איך פֿרעפּאַרירט אַ טויטן קערפּער פֿון אַ פֿרוי, וואָס איז גע־שטאָרבן פֿון אַ קימפּעט, — מיין ליבער, ווען דו וואָלסט געזען, ווי זי איז צעריסן געווען, צעטרייבערט! גיב נאָר אַ טראַכט: דער פֿיש וואַרפֿט אַרויס דעם רויג, אַ הון טראָגט אויס דאָס איי אָן ווייַ־

טיק, נאָר די פרוי גייט צו קינד אין טייוולאָנישע יכודים פאַר־וואָס?

אָנרופנדיק די אָרגאַנען מיט לאַטיינישע טערמינען, צייכ־נענדיק זייערע פאָרמען מיטן פינגער אינדערלופטן, האָט מאַקאַראָוו שנעל און בייז אויסגעמאָלט פאַר קלימען עפּעס אזא מין עקלהאַפ־טעס, אַז סאַמגין האָט אים אַ בעט געטון:

— הער אויף.

אָבער אַלץ מער זיך קאָכנדיק, האָט מאַקאַראָוו גערעדט, קלאַפּנדיק מיטן פינגער איבערן טיש:

— ניין, גיב נאָר אַ קלער: נאָכוואָס איז דאָס, האַ?

קלים האָט געפונען דעם חברס אויפגעבראַכטקייט אַלס נאַיוו, איינמידנדיק און אים האָט זיך געוואָלט באַלוינען מאַקאַראָוון פאַר דערמאָנונג וועגן לידיען. ער האָט לאַכנדיק גע־זאָגט:

— אָט פאַרנעם זיך טאַקע מיט גינעקאָלאָגיע, וועסט זיין אַ דאַמען־דאָקטאָר. די אויסערלעכקייט איז באַ דיר אַ גליק־לעכע.

מאַקאַראָוו האָט מיטאַמאָל זיך פאַרהאַקט. פאַרגאַפּט אַ קוק געטון אויף אים און, שווייגנדיק אַ ווײַלע, געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— מאָדנע חכמהסט דו זיך.

— און דו, דאַכט זיך, פילאָזאָפירסט נאָך אַלץ וועגן פרויען, אָנשטאָט זיך צו קושן מיט זיי?

— דאָס איז ענלעך צו אַ פראַזע פון אַן אָפיצירן־ליד, — האָט אומבאַשטימט געזאָגט מאַקאַראָוו, שטאַרק אַ פיר געטון מיט די הענט איבערן פנים און אויפגעטרייסלט מיטן קאָפּ. אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן אַ גאַפנדיקער, פאַרשעמטער אויסדרוק, ער האָט אַזוי־וי איינגעדרימלט אויף אַ מינוט, דערנאָך זיך אויפגע־כאַפּט, אויפגעוועקט פון אַ שטויס און זייער צעטומלט דערפון, וואָס ער האָט איינגעדרימלט.

— ער ניכטערט זיך אויס, — האָט זיך אָנגעשטויסן קלים

סאַמגין, שפּירנדיק אַ פאַרלאַנג אָפּצוּזאָגן דעם חבר אויך פאַרן אָפּיצירן־ליד.

אין דעם האָבן אים צוגעהאָלפן צוויי פליגן; אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפן הויקערל פון טיי־לעפעלע, האָבן זיי אײַלנדיק זיך אָנ־געקוויקט איינס מיט דאָס אַנדערע און איינע איז באַלד בעלם גע־וואָרן אינדערלופטן, די אַנדערע אין צוויי, דריי סעקונדעס נאָך איר.

— האָסט געזעען? דאָס איז אַלץ! — האָט געזאָגט קלים.

— ניין! — האָט מאַקאַראָוו כמעט שאַרף געענטפערט. — איך גלייב דיר נישט, — האָט ער פאַרגעזעצט מיט אַ פּראָטעס־טירנדיקן טאָן, קוקנדיק פון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען אַפּער. — דו קאָנסט נישט אַזוי קלערן. לויט מיין מיינונג, איז פּעסימיזם — דערזעלבער ציניזם.

ער האָט אויסגעטרונקען די אויסגעקילטע טיי און פאַרגע־זעצט שטילער:

— איך בין, ווייזט אויס, אַ ביסל אַ פּאָעט, און אפשר, איינ־פאַך — נאַריש, אָבער איך קאָן נישט... איך האָב אַכטונג צו פרויען און — ווייסט? — טיילמאָל פאַלט מיר איין, אַז איך האָב מורא פאַר זיי. לאָך נישט, וואַרט צו. קודם כּל — אַכטונג, אפילו צו יענע, וועלכע פאַרקויפן זיך. און נישט די מורא אָנ־צושטעקן זיך, נישט דער עקל, — ניין! איך האָב אַ סך געקלערט וועגן דעם...

— אָבער רעדסט שלעכט, — האָט באַמערקט קלים.

— יאָ?

— נישט קלאָר.

— דו — וועסט פאַרשטיין!

מאַקאַראָוו האָט אויפסנײַ אויפגעטרייסלט מיטן קאָפּ, אַ קוק געטון אין דעם פאַרשידנפאַרביקן הי־ל אַריין, שטאַרק צונויפגע־קוועטשט די פינגער פון די הענט אײַ אײַ פויסט און זיך אַ קלאַפּ געטון איבער דער קני.

— דאָטדאָזיקע געפּיל האָט מיר סוגעסטירט לידיאָ — ווייסט?

— אַזוי גאָר? — האָט אומבאַשטימט אַ זאָג געטון קלים און אָנגעשפּיצט די אויערן.

— מיר זענען — פריינד, — האָט פאָרגעזעצט מאַקאַראָוו און זיינע אויגן האָבן דאַנקבאַר געשמייכלט. — מיר זענען נישט פאַרליבט, נאָר זייער נאָענט. איך האָב זי ליב געהאַט, אָבער דאָס האָט זיך איבערגעבראָכן. ס'איז שרעקלעך גוט, וואָס איך האָב ליב געקריגן גראָד זי און ס'איז גוט, וואָס דאָס איז אַריבער־געגאַנגען.

ער האָט זיך צעלאַכט, דאָס פּנים זיינס האָט פרײדיק גע־לויכטן.

— איך רעד צעדרייט? — האָט ער אַ פרעג געטון דורכן געלעכטער. — דאָס איז נאָר אין ווערטער אַזוי צעדרייט, אָבער אין דער נשמה איז אַלץ קלאָר. דו פאַרשטייי: זי האָט מיך פאַר־האַלטן ערגעץ־וואו אויף אַ ראַנד... אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט וויכטיק איז דאָס, וואָס זי האָט פאַרהאַלטן, נאָר דאָס, וואָס זי איז פאַרהאַן!

סאַמגין האָט נישט אָן שטאָלץ אַ קלער געטון:

— איך וואָלט מיר קיינמאָל נישט דערלויבט אַזוי צו רעדן מיט אַ פרעמדן מענטש. און — פאַרוואָס — האָט זי פאַרהאַלטן?

— זי ליב האָבן, ווי בכלל מען האָט ליב — קען מען נישט, — האָט שטרענג געזאָגט מאַקאַראָוו.

קלים האָט אַ לאַך געטון:

— פאַרוואָס זשע?

— לאַך נישט. איך פיל אַזוי: מען קאָן נישט. דאָס איז ברודער, אַ וואונדערבאַרער מענטש!

ער האָט אַ קלער געטון, צומאַכנדיק די אויגן.

— זי האָט אין דער ביבל איבערגעלייענט: „און אַ פיינדשאַפט וועל איך אוועקלייגן צווישן דיר און צווישן דעם ווייב“. זי גלייבט אין דעם און האָט מורא פאַר דער פיינדשאַפט, פאַר דער פאַלש־קייט! דאָס קלער איך אַזוי, אַז זי האָט מורא. ליוטאָוו האָט איר

געזאָגט: נאָכוואָס זשע גייט איר אין די טעאַטערן מאַכן אָנשטעלן, ווען, לויט דער טבע פון אייער נשמה, איז אייער וועג אין מאָנאַס־טיר אַריין? זי איז מיט אים אויך אין פריינדשאַפט, ווי מיט מיר.

קלים האָט געהערט געשפּאַנט, אָבער — נישט פאַרשטאַנען, און אויך נישט געגלייבט מאַקאַראָוון: די ביעכאַיעוואַ האָט אויך פילאָזאָפירט איידער זי האָט גענומען דאָס איר בייטיקע. אָט אַזוי מוז זיין אויך מיט לידיען. ער האָט אויך נישט געגלייבט דערין, וואָס מאַקאַראָוו האָט גערעדט וועגן זיין באַציונג צו פרויען, וועגן דער פריינדשאַפט מיט לידיען.

— דאָס איז אויך אַ פּאַווישער ווידל. און ס׳איז קלאָר, אַז ער האָט ליב לידיען.

סאַמגין האָט אָנגעהויבן הערן מאַקאַראָווס אָפּגעריסענע, אומ־קלאָרע רייד ווינציקער אויפמערקזאַם. די שטאָט איז געוואָרן פאַר־ביקער, פּראַכטפולער; דער גלאָקן־טורם פון יאָהאַן דעם גרויסן האָט זיך דערהויבן אין הימל אַריין, ווי אַ פינגער, באַפּוצט מיט אַ ראָזלעכן נאָגל. אין דער לופט איז געשוואומען אַ ווייכער רעש, פאַרשידנשטימיק האָבן געזונגען די גלעקער פון די קירכעס, רופנ־דיק צו אָוונטיקער גאָטעס־דינסט. קלים האָט אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ קוק געטון אויף אים.

— איך דאַרף שוין פאָרן צום וואָקזאַל. באַגלייטסט?

— געוויס.

— דו האָסט אין אָנהייב פון שמועס זייער ריכטיק באַמערקט, אַז די מענטשן טראַכטן זיך אויס. מעגלעך, אַז דאָס איז גוט אַזוי, וואָרים דערמיט ווערט צוגעזיסט דער ביטערער געדאַנק וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון לעבן...

מאַקאַראָוו האָט פאַרוואונדערט אַ בליק געטון אויף אים און איז אויפגעשטאַנען:

— ווי מאָדנע, וואָס דו רעדסט דאָס! איך האָב נישט גע־טראַכט קיין שום שלעכטס אפילו דעמאָלט, ווען כ׳האָב באַשלאָסן זיך צו דערהרגענען...

— דו ביסט אין יענע טעג געווען אומנאָרמאַל, — האָט

רויק דערמאַנט קלים. — דער געדאַנק וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון זיין באַומרויקט אַלץ עקשנותדיקער די מענטשן.

— דיר לעבט זיך שווער? — האָט שטיל און צוגעלאָזן אַ פרעג געטון מאַקאַראָוו. — קלים האָט באַשלאָסן, אַז ס׳וועט זיין באַדייטנדיקער, אַז ער וועט נישט זאָגן נישט יאָ, נישט ניין און ער האָט צוגעשוויגן, שטאַרק צונויפפרעסנדיק די ציין. זיי האָבן גענומען גיין צופיס, נישט שנעל. קלים האָט געפילט, אַז מאַקאַראָוו קוקט אויף אים פון דער זייט מיט טרויעריקע אויגן. אַרונטער-שטופנדיק מיט די פינגער אונטערן היטל די נישט געהאָרכזאַמע לאָקן, האָט ער שטיל דערציילט:

— נאָך די עקזאַמענס וועל איך אויך קומען צו פאָרן, כ׳וועל דאָרט האָבן אַ לעקציע, כ׳וועל זיין קאָרעפּעטיטאָר בא דעם אַדאָפּ-טירטן זון פון ראַדיעיעוון, דעם שיפס-אייגנטימער, — קענסט? ליוטאָוו וועט אויך קומען צו פאָרן.

— אַזוי גאָר. און וואו איז די סאַמאָווואַ?

— זי איז אַ לערערין אין אַ דאָרפס שולע.

פון אַ וואָלקן בונטפאַרביקן שטויב איז אַרויסגעפאָרן אַ בער-דיקער פורמאַן, די חברים האָבן זיך אַריינגעזעצט אין עקיפּאַזש און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי געפאָרן איבער דער גאַס פון שטאָט נאָענט צום פאַנעל. קלים האָט באַטראַכט די מענטשן, וואָס זענען דאָ געווען מער דיק, ווי אין פּעטערבורג — און די דיקע, נישט געקוקט אויף זייערע בערד, זענען ענלעך געווען צו ווייבער.

— קיינעם פון זיי באַומרויקט זיכער נישט דער געדאַנק וועגן תכלית פון זיין, — האָט ער האַלב-ביטולדיק אַ קלער געטון און זיך דערמאָנט אָן דער ניעכאַיעוואַ.

— ניין, זי איז פּאָרט — אַ ליבע. אפילו אָן אויסערגעווייב-לעך מיידל. ווי אַזוי וואָלט זיך באַצויגן צו איר לידיאַ?

מאַקאַראָוו האָט געשוויגן. זיי זענען צוגעפאָרן צום וואָקזאַל; מאַקאַראָוו האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס, אָנגעהויבן זיך איילן, אַרומ-גענומען קלימען און אַוועקגעגאַנגען:

— איינגיכן וועלן מיר זיך זען!

אַ ווײַלע נאָכגעקוקט אים, איז קלים אַרײַנגעגאַנגען אין בוי־פעט אַרײַן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, צום טיש. ביזן אָפּגאַנג פון צוג איז געבליבן מער ווי אַ שעה. קלערן וועגן מאַקאַראָוון האָט זיך נישט געגלוסט; סוף כּל סוף האָט ער איבערגעלאָזט אַן אײַנדרוק פון אַ מענטש אַן אָפּגעבלאַקירטן, און נישט קיין קלוגער איז ער תּמיד געווען. דעם אײַנדרוק פון אָפּבלאַקירונג, פון אַנווערן די פאַרב האָבן אַרויסגערופן בײַ קלימען אַלע באַקאַנטע, ער האָט דאָס אָנגעגעבן פאַר אַ סימן פון זײַן גײַסטיקער אויסגעוואַקסנקייט. דעמדאָזיקן אײַנדרוק האָט אונטערגעזאָגט און באַפעסטיקט די איי־לעניש, מיט וועלכער אַלע האָבן זיך געיאָגט צו באַפּוצן זיך מיט די פאַווישע פעדערן פון ניטשען, פון מאַרקסן. קלימען איז פאַר־דראָסיק געווען צו דערמאָנען זיך, אַז טוראָבאָיעוו זעט אויך די־דאָזיקע איילעניש און קען זי אויסלאַכן. יאָ, דערדאָזיקער האָט אין ערגעץ זיך נישט געאײַלט און נישט געבלאַקירט. ער האָט געטענהט, אויפהייבנדיק די אויסגעהאָפטענע ברעמען, בלישטשענדיק מיט די אויגן:

— איך אָנערקען אַלס פולשטענדיק געזעצלעך די שטרעבונג פון איטלעכן אומפאַרהייראַטן מענטש צו פאַנגען זיך אַלס ווײַב אַזאַ אָדער אַנדערע אינגזשיטשקע און לעבן, ביזן טויט אַרײַן, אין שלום און שלווה מיט איר, אָבער — איך פערזענלעך וויל ליבערשט פאַרבלײַבן אַ בחור.

טוראָבאָיעווס מאַניר פון רעדן האָט קלים מקנא געווען כּמעט ביז שנאה צו אים. טוראָבאָיעוו האָט אָנגערופן די אידעען „מייד־לעך פון גײַסטלעכן שטאַנד“, ער האָט געטענהט, אַז „די הומאַני־טאַרע אידעען פאָדערן אַ געפּיל פון גלויבן אַ סך מער, ווי די קירכלעכע, ווײַל דער הומאַניזם איז קאַליע־געוואָרענע רעליגיע“. סאַמגין האָט געהאַט עגמת־נפש: פאַרוואָס קען ער נישט אַזוי לײַכט אויסטײַטשן די איבערגעלייענטע ביכער?

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז טוראָבאָיעוו קוקט זיך צו צו אים צופיל אויפמערקזאַם, שטודירט אים שווײַגנדיק, כאַפּט בײַ אַ סך רות. אײַנמאָל האָט ער באַמערקט, כּלאַחר יד, און קוקנדיק אין קלימס פּנים אַרײַן מיט חוצפּהדיקע אויגן:

— אויף אַלע פראַגן, סאַמגין, איז פאַראַן נאָר צוויי ענטפערס: יאָ און ניין. איר, דאַכט זיך, ווילט צוטראַכטן אַ דריטן? דאָס — איז דער וואונטש פון גרעסטן טייל מענטשן, אָבער עד היום האָט זיך נאָך קיינעם נישט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן אים.

ס׳איז באַליידיקענד געווען צו הערן דידאַזיקע ווערטער און נישט אָנגענעם מודה צו זיין, אַז טוראָבאָיעוו — איז נישט קיין נאַר.

דער קלונג פון גלעקל און דער געשריי פונם שווייצאַר, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אָפגאַנג פון צוג, האָט איבערגעריסן סאַמגינס מחשבות וועגן דעם אים נישט אָנגענעמען מענטש. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, די פּאַסאַזשירן אין זאַל האָבן זיך געאײַלט, שטופּנדיק איינער דעם אַנדערן, יאָגנדיק זיך אַרויסצוגיין אויפן פּעראָן.

קלים איז אויפגעשטאַנען און זיך אַ פרעג געטאָן, אַ קוועטש געבנדיק מיט די אַקסלען:

— אָבער נאָכוואָס איז מיר דען נייטיק טוראָבאָיעוו, קוטוזאָוו?